KARL MARX

DAS KAPITAL

דאס קאפיטאל

קריטיק פון דער פאָליטישער עקאָנאָמיע

פון

קארל מארקס

ערשטער באנד

איבערזעצט נאך ק. קאוטסקי'ס דייטשע פאלקסאויסגאבע

פון דר. י. א. מעריסאָן.

ארויסגעגעבן פון דער

קראפאָטקין ליטעראטור געזעלשאפט.

ניו יארק, 1918.

13

אינהאַלט

זיעבעטער אַבטייל

זייט

דער אַנזאַמלונג־פּראָצעס פון קאַפּיטאַל.
איינלייטונג — — — — — — — — — — — — — 889

21טער קאַפּיטעל: איינפאַכע רעפּראָדוקציאָן — — — — — 892

22טער קאַפּיטעל: פערוואַנדלונג פון מעהרווערטה אין קאַפּיטאַל — — — — — — — — — — — 914

1. קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס אויף א ברייטערן מאַסשטאַב — — — — — — — — 914

2. די טעות'דיגע אויפפאַסונג פון דער רעפּראָדוקציאָן מצד דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע — — — — 929

3. די צוטיילונג פון'ם מעהר־ווערטה אין קאַפּיטאַל און הכנסה. די אבסטינענץ־טעאָריע — — — — 934

4. אומשטענדען, וועלכע בעשטימען דעם אומפאַנג פון דער אקומולאַציע — — — — — — — — 947

5. דער אזוינערופענער ארבייטס־פאָנד — — — — 964

23טער קאַפּיטעל: דאָס אַלגעמיינע געזעץ פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער אקומולאַציע — — — — — — — 971

1. די וואַקסענדע נאָכפראַגע אויף ארבייט־קראַפט — 971

2. רעלאַטיווע פערקלענערונג פון וואַריאַבלען קאַפּיטאַל 986

3. די אַלץ־גרעסערע פּראָדוקציאָן פון א רעלאַטיווער איבערבעפעלקערונג — — — — — — — — 1001

4. פערשיידענע עקזיסטענץ־פאָרמען פון דער רעלאַטי־ווער איבערבעפעלקערונג — — — — — — — 1021

Digitized by the Internet Archive
in 2026

https://archive.org/details/daskapital0000karl_n4d6

זיבעטער אבטייל.

דער אנזאמלונג-פראצעס פון קאפיטאל.

זייט
5. אילוסטראַציעס פון דעם אַלגעמיינעם געזעץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַקומולאַציע — — — — — 1033

א) ענגלאַנד פון 1846 ביז 1866 ; ב) די שלעכט־בעצאָהלטע שיכטען פון דעם בריטישען אינדוסטריעלען אַרבייטער־קלאַס ; ג) דאָס וואַנדער פאָלק. די מינען־אַרבייטער ; ד) די ווירקונג פון קריזיסען אויף דעם בעסט־בעצאָהלטען אַרבייטער קלאַס ; ה) דער בריטישער ערד־אַרבייטער פּראָלעטאַריאַט ; ו) אירלאַנד — — — — — — 1129

24טער קאַפּיטעל : די אַזויגערופענע אורשפּרינגליכע אַקומולאַציע — — — — — — — — — — — — 1130

1. דער סוד פון דער אורשפּרינגליכער אַקומולאַציע — 1130

2. די עקספּראָפּריאַציע פון גרונד און באָדען — — 1135

3. בלוטיגע געזעצגעבונג אַנטקעגען די עקספּראָפּריירטע — — — — — — — — — — — — 1162

4. די ענטשטעהונג פון די קאַפּיטאַליסטישע אַרענדאַטאָרס — — — — — — — — — — — — 1175

5. די צוריקווירקונג פון דער אַגריקולטורעלער רעוואָלוציע אויף דער אינדוסטריע — — — — — — 1178

6. די ענטשטעהונג פון דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליסט — — — — — — — — — — — 1186

7. די היסטאָרישע טענדענץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַקומולאַציע — — — — — — — — 1203

25טער קאַפּיטעל : די מאָדערנע טעאָריע פון קאָלאָניזאַציע 1209
רעגיסטער : א) נאָמען־רעגיסטער — — — — — — 1225
ב) זאַך־רעגיסטער — — — — 1238 ביז 1270

איינלייטונג.

די פערוואנדלונג פון א געלד־סומע אין פראָדוקציאָנס־מיט־לען און ארבייט־קראפט איז די ערשטע בעוועגונג, וואָס א ווערטה־סכום, וועלכער דארף פונקציאָנירן אלס קאפיטאל, מאכט דורך. די בעוועגונג קומט פאָר אויפ'ן מארק, אין דער ספערע פון דער צירקולאציע.

די צווייטע פאזע פון דער בעוועגונג, דער פראָדוקציאָנס־פראָצעס, איז אָבגעשלאָסען, אזוי באלד ווי די פראָדוקציאָנס־מיט־לען זיינען פערוואנדעלט אין סחורה, וואָס איהר ווערטה שטייגט אריבער דעם ווערטה פון איהרע בעשטאנד־טיילען ; ד. ה. זי ענטהאלט דעם ווערטה פון דעם לכתחילה־אויסגעלעגטען קאפי־טאל, מיט דער הוספה פון א מעהרווערטה.

אָט די סחורות מוזען דערנאָך ווידער אמאָל אריינגעוואָר־פען ווערן אין דער ספערע פון דער צירקולאציע. דער צוועק איז זיי צו פערקויפען, צו רעאליזירן זייער ווערטה אין געלד, דאָס געלד צו פערוואנדלען פון דאָס ניי אין קאפיטאל, און אזוי נאָכ־אנאנד ווידער. אָט דער קרייז־לויף, וואָס מאכט דורך אלעמאָל דיזעלביגע כסדר־קומענדיגע פאזען, פאָרמירט די צירקולאציע פון קאפיטאל.

דער ערשטער תנאי פון דער אָנזאמלונג [פון נייעם קאפי־טאל] איז, אז דער קאפיטאליסט זאָל האָבען גע'פועל'ט צו פער־קויפען זיינע סחורה, און זאָל דעם גרעסטען טייל פון'ם געלד, וואָס ער האָט אויף דעם אופן בעקומען, האָבען צוריק פערוואנדעלט אין קאפיטאל. עס ווערט אָנגענומען אין דער ווייטערדיגער אונטער־זוכונג, אז דער קאפיטאל לויפט דורך זיין צירקולאציאָנס־פראָצעס אויף א נאָרמאלען אופן. די גענויערע בעטראכטונג פון דעם דאָ־זיגען פראָצעס ווערט איבערגעלאָזט פאר דעם צווייטען בוך. די רעאלע בעדינגונגען פון דער בענייאונג פון דער פראָדוקציאָן, דאָס

דייט עס, אז עס געלינגט דעם קאפיטאליסט צו פערקויפען די פראָדוצירטע סחורה און צוריק צו פערוואנדלען דאָס געלייזטע געלד ין קאפיטאל. ווייטער: די צוברעקלונג פון דעם מעהרווערטה אין פערשיידענע שטיקער מאכט ניט קיין ענדערונג ניט אין זיין נאטור, ניט אין די נויטווענדיגע בעדינגונגען, אונטער וועלכע ער ווערט אן עלעמענט פון דער אָנזאמלונג. וואָס פאר א פראָ־פאָרציע פון׳ם מעהרווערטה דער קאפיטאליסטישער פראָדוצירער זאָל ניט פעסט האלטען פאר זיך, אָדער זאָל ניט אָבלאָזען פאר אנ־דערע, אין ערשטער ליניע נעהמט ער עס צו. פאָלגליך, דאָס וואָס מיר זיינען משער פאָרשטעלענדיג די אָנזאמלונג, איז א השערה, וואָס ווערט אָנגענומען בעת איהר ווירקליכען פאָרקומען. פון דער אנדער זייט, די צושפאלטונג פון׳ם מעהרווערטה און די בעוועגונג פון דער צירקולאציע, וואָס ברענגט עס ארויס, פער־טונקלען די איינפאכע גרונד־פאָרם פון דעם אָנזאמלונג־פראָצעס. זיין ריינער אנאליז פאָדערט דעריבער, מען זאָל פאָרלויפיג ניט אכטען אויף די אלע ערשיינונגען, וועלכע פערדעקען דעם אינער־ליכען שפיעל פון זיין מעכאניזם.

הייסט פון איהר ניט־אונטערבראָכענעם ווייטערן גאַנג, ווייזען זיך טיילווייז אַרוים ערשט אין דער צירקולאַציע, און טיילווייז קאָנען זיי ערשט בעהאַנדעלט ווערן נאָך דער אונטערזוכונג פון דעם צירקולאַציאָנס־פּראָצעס.

דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלעס. דער קאַפּיטאַליסט, וועלכער פּראָדוצירט דעם מעהרווערטה, ד. ה. וועלכער פּומפּט דירעקט אַרויס פון די אַרבייטער ניט־בעצאָהלטע אַרבייט און פיקסירט עס אין סחורות, איז טאַקע אמת דער ערשטער אָנאייגנער, ער איז אָבער בשום אופן ניט דער לעצטער אייגענטימער פון דעם דאָזיגען מעהרווערטה. ער מוז זיך שפּעטער דערמיט טיילען מיט די קאַפּיטאַליסטען, וועלכע פיהרן דורך אַנדערע פונקציעס אין דער גאַנצער קאָמפּלעקציע פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציאָן, מיט דעם גרונד־אייגענטימער א. אז. וו. דער מעהרווערטה צושפּאַלט זיך דעריבער אין פערשיידענע טיילען. זיינע אָבגעבראָכענע שטיקער קומען אָן צו פערשיידענע קאַטעגאָריען פון פּערזאָנען, און בעקומען פערשיידענע פאָרמען, אונאָנבהענגיקע איינע פון די אַנדערע, ווי פּראָפיט, צינז, מסחר־ריוח, גרונד־רענטע א. אז. וו. אָט די פערוואַנדעלטע פאָרמען פון דעם מעהרווערטה קאָנען ערשט בעהאַנדעלט ווערן אין דעם דריטען בוך.

מיר זיינען, הייסט עס, דאָ משער פון איין זייט, אַז דער קאַפּיטאַליסט, וואָס פּראָדוצירט די סחורה, פערקויפט זי פאַר איהר ווערטה, און שטעלען זיך ניט אָב בעת ער קעהרט זיך אום צום סחורה־מאַרק, ניט אויף די נייע פאָרמען, וואָס דער קאַפּיטאַל נעהמט אָן אין דער צירקולאַציאָן־ספערע, און ניט אויף די קאָנקרעטע בעדינגונגען פון דער רעפּראָדוקציאָן, וואָס זיינען איינגעהילט אין די דאָזיגע פאָרמען. פון דער אַנדער זייט בעטראַכטען מיר דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוצירער אַלס דעם אייגענטימער פון דעם גאַנצען מעהרווערטה, אָדער בעסער געזאָגט, אַלס דעם רעפּרעזענטאַנט פון אַלע, וואָס טיילען זיך מיט איהם אין דעם רויב. מיר בעטראַכטען, הייסט עס, די אָנזאַמלונג (די אַקומולאַציאָן) קודם אין אַבסטראַקט, ד. ה. ווי בלויז אַ מאָמענט [אַ דורכגאַנג־פּונקט אָדער פּאַזע] פון דעם דירעקטען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס.

איברינגענס, אַזוי ווייט ווי עס קומט פאָר אַן אָנזאַמלונג, בע־

עקזיסטירט עס דאָס רוב אין נאטוראל־פאָרמען, וועלכע שליסען ממילא אויס די אינדיווידועלע קאָנזומציאָן.

האָט די פּראָדוקציאָן א קאפּיטאליסטישע פאָרם, מוז די רע־פּראָדוקציאָן אויך האָבען אזא פאָרם. אזוי ווי אין דעם קאפּי־טאליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן ערשיינט דער ארבייט־פּראָצעס נאָר ווי א מיטעל פאר דעם פערווערטונגס־פּראָצעס, אזוי ערשיינט אויך די רעפּראָדוקציאָן נאָר ווי א מיטעל דעם אויסגעלעגטען ווערטה צו רעפּראָדוצירן אלס קאפּיטאל, ד. ה. ווי א ווערטה, וואָס פערגרעסערט (פערווערטעט) זיך אליין. די עקאָנאָמישע כאראק־טער־מאסקע פון דעם קאפּיטאליסט איז פעסט צוגעקלעבט צו א מענשען נאָר דורכדעם, וואָס זיין געלד פונקציאָנירט נאָכאנאנד אלס קאפּיטאל. אויב, צום ביישפּיעל, די אויסגעלעגטע געלד־סומע פון 100 פונט סטערלינג האָט זיך דאָס יאָהר פערוואנדעלט אין קאפּיטאל און פּראָדוצירט א מעהרווערטה פון 20 פונט סט., מוז זי דאָס נעקסטע יאָהר און ווייטער ווידערהאָלען דיזעלבינע אָפּע־ראציע. אלס א פּעריאָדישער צו־וואוקס פון דעם קאפּיטאל־ווערטה, אָדער ווי א פּעריאָדישע פרוכט פון דעם פּראָצעס־דורכמאכענדען קאפּיטאל, בעקומט דער מעהרווערטה די פאָרם פון א הכנסה, וואָס שטאמט אָב פון דעם קאפּיטאל.[1]

ווען די דאָזיגע הכנסה דיענט דעם קאפּיטאליסט נאָר ווי א

---

[1] „די רייכע, וועלכע פערצעהרן די פּראדוקטען פון אנדערע מענשען'ס ארבייט, בעקומען זיי נאר דורך אקטען פון אויסטויש (פערקויפונגען פּו־סחורות). ווען זיי גיבען צוריק אונטער דער צייט זייער ערווארבענעם און אנגעזאמעלטען רייכטום, כדי צו ערווערבען דערמיט נייע פּראדוקטען, וועלכע עס ווילט זיך זיי האבען, זעהט עס אויס ווי זייערע רעזערוו־פאנדען וואלטען באלד געמוזט זיך אויסשעפּען. מיר האבען געזאגט, אז זיי ארבייטען ניט, און זיי קאנען טאקע נאר ניט ארבייטען; וואלט מען דעריבער געמיינט, אז זייער פריהערדיגער רייכטום ווערט מיט יעדען טאג קלענער, און אזוי ווי עס בלייבט זיי גאר ניט איבער, קאנען זיי נאר ניט אנבאטען די ארבייטער אין אויסטויש פאר דאס, וואס זיי ארבייטען פאר זיי אויסשליסליך. . . . אין דער געזעלשאפטליכער ארדנונג אבער האט דער רייכטום בעקומען די קראפט צו רעפּראדוצירן זיך דורך פרעמדער ארבייט, וועלכע קאן יעדעס יאהר פערניכטעט ווערן און דער רייכער זאל דערפון ניט ארימער ווערן. די דאזיגע פרוכט איז די הכנסה, וואס שטאמט פון דעם קאפּיטאל." (זיסמאנדי „נייע פּרינציפּען פון דער פּאליטישער עקאנאמיע" (פראנצויזיש), באנד I, ז. 81 און 82.)

איין־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

איינפאַכע רעפּראָדוקציאָן.

וועלכע געזעלשאַפטליכע פאָרם דער פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס זאָל ניט האָבען, מוז ער זיין אָנהאַלטענד אָדער מוז פּעריאָדיש דורכמאַכען אַלעמאָל ווידער דיזעלביגע שטאַדיען. אַזוי וועניג ווי אַ געזעלשאַפט קאָן אויפהערן צו קאָנזומירן, אַזוי וועניג קאָן זי אויפהערן צו פּראָדוצירן. בעטראַכט מען איהם אין זיין שטענדיגען צוזאַמענהאַנג און שטענדיגען פלוס פון זיין בענייאונג, איז דעריבער יעדער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס אין דערזעלביגער צייט אַ רעפּראָדוקציאָנס־פּראָצעס.

די בעדינגונגען פון דער פּראָדוקציאָן זיינען אין דערזעלביגער צייט די בעדינגונגען פון דער רעפּראָדוקציאָן. קיין געזעלשאַפט קאָן ניט נאָכאַנאַנד פּראָדוצירן, ד. ה. רעפּראָדוצירן, אַוואו זי זאָל ניט נאָכאַנאַנד צוריק פערוואַנדלען אַ טייל פון איהרע פּראָדוקטען אין פּראָדוקציאָנס־מיטלען אָדער עלעמענטען פון אַ נייער פּראָדוקציאָן. ווען אַלע איבעריגע אומשטענדען בלייבען דיזעלביגע, קאָן זי רעפּראָדוצירן אָדער אויפהאַלטען איהר רייכטום אויף דעמזעלביגען מאַסשטאַב נאָר דורכדעם, וואָס זי איז ממלא די פּראָדוקציאָנס־מיטלען — ד. ה. די אַרבייטס־מיטלען, רויה־מאַטעריאַלען און הילף־שטאָפען, וואָס ווערן פערברויכט צום ביישפּיעל אין משך פון יאָהר — דורך אַ גלייכען סכום פון נייע אַרטיקלען פון דעמזעלביגען סאָרט, וואָס ווערט אָבגעזונדערט פון דער יעהרליכער פּראָדוקטען־מאַסע און פון דאָס ניי פערקערפּערט אין דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס. אַ בעשטימטער סכום פון דעם יעהרליכען פּראָדוקט געהערט דעריבער צו דער פּראָדוקציאָן. אַזוי ווי עס איז לכתחילה בעשטימט פאַר דער פּראָדוקטיווער קאָנזומציאָן,

דעם פראָדוקט, וואָס דער ארבייטער אליין רעפּראָדוצירט שטענדיג, און וואָס קעהרט זיך שטענדיג אום צו איהם אין דער פאָרם פון'ם ארבייט־לוין. אמת, דער קאפּיטאליסט צאָהלט איהם דעם סחורה־ווערטה אין געלד. דאָס דאָזיגע געלד אָבער איז נאָר די פערוואנדעלטע פאָרם פון דעם ארבייט־פּראָדוקט, אָדער ריכטיגער, נאָר א טייל פון דעם ארבייט־פּראָדוקט. בעת דער ארבייטער פערוואנדעלט א טייל פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען אין א נייעם פּראָדוקט, צירקולירט אויפ'ן מארק דער פּראָדוקט פון זיין פריהערדיגער ארבייט, וואו עס פערוואנדעלט זיך צוריק אין געלד. זיין ארבייט פון דער פאָריגער וואָך אָדער פון לעצטען האלבען יאָהר צאָהלט פאר זיין היינטיגער ארבייט אָדער פאר זיין ארבייט פון נעקסטען האלבען יאָהר. די אילוזיע, וואָס די געלד־פאָרם שאפט, פערשווינדט גלייך, וויבאלד מען בעטראכט, אָנשטאָט דעם איינצעלנעם קאפּיטאליסט און דעם איינצעלנעם ארבייטער, דעם קאפּיטאליסטען־קלאַס און דעם ארבייטער־קלאַס. דער קאפּיטאליסטישער קלאַס גיט דעם ארבייטער־קלאַס שטענדיג אין א געלד־פאָרם אָנווייזונגען אויף א טייל פון'ם פּראָדוקט, וואָס דער לעצטער פּראָדוצירט און דער ערשטער נעהמט צו אלס זיין אייגענטום. די דאָזיגע אָנווייזונגען גיט דער ארבייטער פּונקט אזוי שטענדיג צוריק דעם קאפּיטאליסטישען קלאַס, און אויף דעם אופן נעהמט ער אָב דעם טייל, וואָס קומט איהם, פון זיין אייגענעם פּראָדוקט. די סחורה־פאָרם פון'ם פּראָדוקט און די געלד־פאָרם פון דער סחורה פערדעקען די טראנזאקציע.

דער וואריאבלער קאפּיטאל איז דעריבער נאָר א בעזונדערע היסטאָרישע ערשיינונג־פאָרם פון דעם פאָנד פון לעבענס־מיטלען, אָדער ווי די ענגלענדער זאָגען, פון דעם ארבייט־פאָנד (labour fund) אונטער וועלכען זיי פערשטעהען נאַטירליך ניט א פאָנד (פאָרראַט) פון ארבייט, נאָר א פאָנד פאר דער ארבייט. דאָס איז דער פאָרראַט, וואָס דער ארבייטער בעדאַרף צו האָבען

פון דעם פארטיגען פּראָדוקט." G. Ramsay, "An Essay on the Distribution of
„דער חלק אין דעם פּראָדוקט, וואָס קומט Wealth," Edinburgh, 1836, p. 142.
צו דעם ארבייטער אונטער דער פאָרם פון ארבייטס לוין." James Mill, "Elements of Political Economy," Paris 1823, p. 34.

קאָנזומציאָנס־פאָנד און זי ווערט פונקט אזוי פעריאָדיש פער־צעהרט, ווי ער בעקומט זי פעריאָדיש, דאן, אויב די איבעריגע אומשטענדען בלייבען דיזעלביגע, קומט פאָר א איינפאכע רעפראָדוקציאָן. הגם אָט די רעפראָדוקציאָן איז בלויז א ווידערהאָלונג פון דעם פראָצעס פון פראָדוקציאָן אויף דעמזעלביגען מאַס־שטאב, דריקט אָבער ארויף אָט די בלויזע ווידערהאָלונג אָדער אָנגעהאלטענקייט געוויסע נייע כאראקטערען אויף דעם פראָצעס, אָדער בעסער געזאָגט, זי לעזט אויף די שיין־כאראקטערען, וואָס דער פראָצעס בעזיצט אין זיין פעראיינצעלטען [ניט־אָנגעהאלטע־נעם] גאנג.

לאָמיר צוערשט בעטראכטען יענעם טייל פון קאפיטאל, וועל־כער ווערט אויסגעלעגט אין דער פאָרם פון ארבייטס־לוין — דעם וואריאבלען קאפיטאל.

דער פראָדוקציאָנס־פראָצעס ווערט איינגעלייטעט מיט דעם קויפען פון דער ארבייט־קראפט אויף א בעשטימטער צייט ; און אָט די איינלייטונג ווערט שטענדיג בענייט, אזוי גיך ווי דער פער־קויף־טערמין פון דער ארבייט ווערט פעליג און עס האָט זיך דער־מיט געענדיגט א בעשטימטע פראָדוקציאָנס־פעריאָדע, דהינו א וואָך, א מאָנאט א. אז. וו. בעצאָהלט אָבער ווערט דער ארביי־טער ערשט נאָכדעם ווי זיין ארבייט־קראפט האָט שוין געווירקט און רעאליזירט אין סחורות איהר אייגענעם ווערטה, אזוי גוט ווי דעם מעהרווערטה. ער האָט, הייסט עס, פראָדוצירט ניט נאָר דעם מעהרווערטה, וועלכען מיר בעטראכטען דערווייל נאָר ווי דעם קאפיטאליסט׳ס קאָנזומציאָנס־פאָנד [א פאָנד, וואָס דיענט פאר די קאָנזומציאָנס־בעדערפנישען פון דעם קאפיטאליסט], נאָר אויך דעם פאָנד, פון וואנען ער אליין ווערט בעצאָהלט, דעם וואַ־ריאבלען קאפיטאל, איידער עס קומט איהם אָן צוריק אין דער פאָרם פון ארבייט־לוין ; און מען בעשעפטיגט איהם אזוי לאַנג, ווי ער רעפראָדוצירט שטענדיג דעם דאָזיגען פאָנד. דערפון נעהמט זיך די פאָרמולע פון די עקאָנאָמען, וואָס איז דערמאָנט געוואָרען אין 16טען קאפיטעל (פאָרמולע .II), וועלכע שטעלט ארויס דעם ארבייטס־לוין אלס חלק אין פראָדוקט גופא.[2] עס איז א טייל פון

[2] „דער לוין דארף בעטראכט ווערן פונקט ווי דער פראפיט אלס א טייל

אַלץ איינס ווי פריהער, פערנוצען די פּראָדוקציאָנס־מיטלען אלס פּראָדוקציאָנס־מיטלען און וועט אריבערטראָגען זייער ווערטה אויף דעם פּראָדוקט. א בעשטימטער טייל פון'ם פּראָדוקט וועט אַלץ אזוי ווי פריהער אריינגעהן אין דער רעפּראָדוקציאָן. אָבער פּונקט אזוי ווי די פאנשטשיזנע נעהמט איצט אָן די פאָרם פון לוין־אר־בייט, אזוי אויך נעהמט אָן דער ארבייט־פאָנד, וואָס ווערט אַלץ איינס פּראָדוצירט און רעפּראָדוצירט פון דעם פּויער, די פאָרם פון קאפּיטאל, וואָס דער עקס לאנד־פּריץ לעגט פאר איהם אויס. דער בורזשואזער עקאָנאָם, ווע‏מעס ענגער מוח קאָן ניט אָבטיילען די ערשיינונג־פאָרם פון דעם עצם, וואָס ערשיינט אין איהר, פער־מאכט די אויגען אויף דעם פּונקט, אז אפילו נאָך ביי היינטיגען טאָג טרעט ארויס דער ארבייט־פאָנד אויף דער גאנצער וועלט נאָר אויסנאהמסווייז אין דער פאָרם פון קאפּיטאל.*

אמת, דער וואריאבלער קאפּיטאל פערלירט דעם כאראקטער פון אָן אויסגעלעגטען ווערטה פון דעם קאפּיטאליסט'ס אייגענעם פאָנד* נאָר דאָן, ווען מיר בעטראַכטען דעם קאפּיטאליסטישען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס אין דעם שטענדיגען פלוס פון זיין בעניי־אונג. אָבער ער האָט דאָך וואו עס איז און ווען עס איז זיך געמוזט אָנפאנגען. מוזען מיר ניט אָננעהמען, ארויסגעהענדיג פון אונזער ביז־איצטיגען שטאנדפּונקט, אז דער קאפּיטאליסט איז ווען עס איז אמאָל געוואָרן א געלד־בעזיצער דורך א וועלכער עס איז אור־שפּרינגליכער געלד־אָנזאמלונג, אונאָבהענגיג פון ניט־בעצאָהלטער פרעמדער ארבייט, א שטייגער אָבשפּאָרענדיג די הכנסה פון זיין אייגענער ארבייט, און האָט אויף דעם אופן געקאָנט ארויסטרעטען אויפ'ן מארק ווי א קויפער פון ארבייט־קראפט? מיר ווע‏לען

---

* „די לעבענס־מיטלען פון די ארבייטער ווערן ניט אפילו אויף א פער־טעל פון דער ערד אוואנסירט צו די ארבייטער דורך די קאפּיטאליסטען.” Richard Jones, "Text Book of Lectures on the Political Economy of Nations," 1852, p. 16.

* „הגם דער אינדוסטריע־ארבייטער קריגט אוואנסירט זיין ארבייטס־לוין פון דעם מייסטער, פערארורזאכט ער איהם פאקטיש קיינע קאסטען ניט, היות ווי דער בעטרעף פון דעם דאזיגען לוין, צוזאמען מיט א פּראָפיט, ווערט איהם צוריק אומגעקעהרט אין דעם העכערן ווערטה פון דעם אויסגעארבייטען געגענשטאנד.” (A. Smith. "Wealth of Nations," book II. ch. 3.)

פאַר זיין זעלבסט־דערהאַלטונג און רעפּראָדוקציאָן, און וועלכען ער מוז אין אַלע סיסטעמען פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציאָן שטענדיג אַליין פּראָדוצירן און רעפּראָדוצירן.*[2] דער אַר־בייט־פאָנד קומט איהם אָן שטענדיג נאָר אין דער פאָרם פון צאָה־לונג־מיטלען פאַר זיין אַרבייט, ווייל זיין אייגענער פּראָדוקט אין דער פאָרם פון קאַפּיטאַל דערווייטערט זיך שטענדיג פון איהם. אָבער די דאָזיגע ערשיינונג־פאָרם פון דעם אַרבייט־פאָנד ענדערט לגמרי ניט דעם פאַקט, אַז דער קאַפּיטאַליסט לעגט אויס פאַר׳ן אַרבייטער דעם אַרבייטער׳ס אייגענע רעאַליזירטע אַרבייט.[3]

לאָמיר נעהמען אַ פּויער אין פּאַנשטשיזנע. ער אַרבייט מיט זיינע אייגענע פּראָדוקציאָנס־מיטלען אויף זיין אייגענעם אַקער־פעלד צום ביישפּיעל 3 טעג אין דער וואָך. די אַנדערע 3 וואָכע־דיגע טעג אַרבייט ער פּאַנשטשיזנע אויף דעם פּריצישען גוט. ער רעפּראָדוצירט שטענדיג זיין אייגענעם אַרבייט־פאָנד, און אָט דער פאָנד נעהמט קיינמאָל ניט אָן לגבי איהם די פאָרם פון אַ צאָה־לונג־מיטעל פאַר זיין אַרבייט, וואָס ווערט אויסגעלעגט פון אַ דריי־טער פּערזאָן. דערפאַר נעהמט אויך זיין ניט־בעצאָהלטע צוואַנג־אַרבייט קיינמאָל ניט אָן די פאָרם פון פרייוויליגער און בעצאָהל־טער אַרבייט. ווען דער פּריץ זאָל מאָרגען צונעהמען דאָס אַקער־פעלד, די אַרבייט־פיה, די זריעה, קורץ דעם פּויער׳ס פּראָדוקציאָנס־מיטלען, דאַן וועט אויסקומען דעם פּויער צו פערקויפען זיין אַר־בייטקראַפט צום פּריץ. ווען די איבעריגע אומשטענדען בלייבען דיזעלביגע, וועט ער אויך ווייטער אַרבייטען 6 טעג אַ וואָך, 3 טעג פאַר זיך אַליין און 3 טעג פאַר דעם עקס־לאַנד־פּריץ, וועלכער איז איצט פערוואַנדעלט געוואָרן אין אַ לוין־קאַפּיטאַליסט. ער וועט,

---

*[2] דער וואַריאַבלער קאַפּיטאַל ווערט דאַ בעטראַכט נאַר אַלס פאַנד צו בעצאַהלען די לוין־אַרבייטער. מען ווייס, אַז אין דער ווירקליכקייט ווערט ער ערשט וואַריאַבעל אין דעם מאַמענט, ווען די אַרבייט־קראַפט, וואַס ער האַט נעקויפט, פונקציאַנירט אין דעם פּראַדוקציאַנס־פּראַצעס. (נאַטע צו דער פראַנצויזישער אויסגאַבע.)

[3] „ווען קאַפּיטאַל ווערט פערווענדעט אויסצולעגען דעם אַרבייטער זיין לוין, איז ער נאַרנישט מוסיף צו דעם פאַנד פאַר דער אויפהאַלטונג פון דער אַרבייט.“ (קאַזענאַוו אין אַ נאַטע צו זיין אויסגאַבע פון מאַלטוס׳עס „דעפיניישאַנס אין פּאַליטיקאַל עקאַנאַמיע“, לאַנדאַן, 1853, ז. 22.)

ניט פערענדערט אין זיין גרויס, און א טייל דערפון — געביידען, מאשינען א. אז. וו. — איז שוין דא געוועזן בעת ער האט איינגע־פיהרט זיין געשעפט. אבער דא האנדעלט זיך וועגען דעם ווערטה פון דעם קאפיטאל און ניט וועגען זיינע מאטעריעלע בעשטאנד־טיילען. ווען איינער צעהרט אויף זיין פערמעגען, נעהמענדיג אויף זיך חובות, וועלכע זיינען גלייך צו דעם ווערטה פון דעם דאזיגען פערמעגען, דאן רעפרעזענטירט אקוראט דער גאנצער פערמעגען נאר דעם סך הכל פון זיינע חובות. פונקט אזוי, ווען דער קאפיטאליסט האט פערצעהרט דעם עקוויוואלענט פון זיין אויסגעלעג־טען קאפיטאל, רעפרעזענטירט דער ווערטה פון דעם דאזיגען קא־פיטאל מעהר גארנישט ווי נאר דעם סך הכל פון דעם מעהרווערטה, וואס ער האט זיך אנגעאייגענט אומענטגעלטליך. קיין ברעקעל טייל פון זיין אלטען קאפיטאל עקזיסטירט שוין ניט מעהר.

שוין די אנגעהאלטענקייט פון דעם פראדוקציאנס־פראצעס אליין, אדער די איינפאכע רעפראדוקציאן, איינגאנצען אבגעזעהן פון אלע סארטען אקומולאציע, פערוואנדעלט אויף דעם אופן, נאך א קירצערער אדער לענגערער פעריאדע, נויטיגערווייז יעדען קא־פיטאל אין אקומולירטען קאפיטאל אדער אין קאפיטאליזירטען מעהרווערטה. אפילו ווען דער דאזיגער קאפיטאל איז געוועזן, בעת ער איז אריינגעטראטען אין דעם פראדוקציאנס־פראצעס, אן אייגענטום וואס דער אונטערנעהמער האט ערווארבען דורך פער־זענליכער ארבייט, ווערט ער דאך פריהער אדער שפעטער א ווערטה, וואס איז אנגעאייגענט געווארן אהן אן עקוויוואלענט, אדער א פערקערפערונג, סיי אין א געלד־פארם אדער אנאנדער פארם, פון אונבעצאהלטער פרעמדער ארבייט.

אין אנהויב פון אונזער אונטערזוכונג, אין פערטען קאפיטעל, האבען מיר געזעהן, אז כדי צו פערוואנדלען געלד אין קאפיטאל איז ניט גענוג וואס עס איז פאראן א סחורה־פראדוקציאן און א סחורה־צירקולאציע. דער געלד־בעזיצער מוז אפריהער געפינען אויפ'ן מארק אנדערע מענשען, וועלכע זיינען פריי, אבער זיינען געצוואונגען צו פערקויפען זייער ארבייט־קראפט, ווייל זיי האבען קיין אנדער זאך ניט וואס צו פערקויפען. די צושיידונג צווי־שען דעם ארבייט־פראדוקט און דער ארבייט גופא; צווישען איין קאטעגאריע פערזאנען, וועלכע האבען אין זייער רשות אלץ וואס

פארלויפיג אנגעהמען אט די לעזונג פון'ם פראבלעם, וואס מיר וועלען גענויער בעטראכטען אין דעם קאפיטעל וועגען דער אור־שפרינגליכער אנזאמלונג.

ווי די זאך איז, די אנגעהאלטענקייט אליין פון דעם קאפי־טאליסטישען פראדוקציאנס־פראצעס, אדער די איינפאכע רעפ־ראדוקציאן, איז גורם נאך אנדערע זאנדערבארע ענדערונגען, וועל־כע בעריהרן ניט נאר דעם וואריאבלען קאפיטאל, נאר דעם גאנצען קאפיטאל.

אויב א קאפיטאל פון 1000 פונט סט. שאפט פעריאדיש, צום ביישפיעל יעהרליך, א מעהרווערטה פון 200 פונט סט., און אויב דער דאזיגער מעהרווערטה ווערט יעהרליך פערצעהרט, דאן איז קלאר, אז נאך א פינף־יאהריגער וויעדערהאלונג פון דעמזעלביגען פראצעס איז די סומע פון דעם פערצעהרטען מעהרווערטה $=5\times200$, אדער גלייך צו דעם לכתחילה־אויסגעלעגטען קאפיטאל־ווערטה פון 1000 פונט סט. ווען דער יעהרליכער מעהרווערטה וואלט נאר טיילוויז פערצעהרט געווארן, צום ביישפיעל נאר אויף א העלפט, וואלט דערזעלביגער רעזולטאט ארויסגעקומען נאך א צעהן־יאהריגער ווידערהאלונג פון דעם פראדוקציאנס־פראצעס, ווארים $10\times100=1000$. הכלל: דער אויסגעלעגטער קאפיטאל־ווערטה, דיווידירט דורך דעם יעהרליך־פערצעהרטען מעהרווערטה, גיט די צאהל יאהרען אדער די צאהל רעפראדוקציאנס־פעריאדען, ביים סוף פון וועלכע דער לכתחילה־אויסגעלעגטער קאפיטאל איז פערצעהרט געווארן פון דעם קאפיטאליסט און בכן פערשוואונדען געווארן.

וואס דער קאפיטאליסט שטעלט זיך פאר, אז ער פערצעהרט דעם פראדוקט פון דער פרעמדער, אונבעצאהלטער ארבייט — דעם מעהרווערטה — און ריהרט ניט אן דעם אורשפרינגליכען קאפיטאל־ווערטה, קאן לחלוטין ניט ענדערן דעם פאקט. ווען עס לויפט אב א געוויסע צאהל יאהרען איז דער קאפיטאל־ווערטה, וואס ער האט פערמאגט, גלייך צו דער סומע מעהרווערטה, וואס ער האט זיך אנגעאייגענט אהן אן עקוויוואלענט אין משך פון דער־זעלביגער צאהל יאהרען, און די ווערטה־סומע, וואס ער האט פער־צעהרט, איז גלייך צו דעם אורשפרינגליכען קאפיטאל־ווערטה.

עס איז אמת, ער האט אין האנד א קאפיטאל, וואס האט זיך

דוצירט די ארבייט־קראפט פונקט אזוי בעשטענדיג אלס א סו־
ביעקטיוועז, פון איהרע אייגענע מאטעריאליזירונגס־ און פערווירק־
ליכונגס־מיטלען אבגעטרענטען, אבסטראקטען רייכטום־קוואל, וואס
עקזיסטירט אין דער בלויזער לייבליכקייט פון דעם ארבייטער —
קורץ, ער פראדוצירט דעם ארבייטער אלס לוין־ארבייטער.[6] אט
די בעשטענדיגע רעפראדוקציאן אדער פעראייביגונג פון דעם אר־
בייטער איז דאס איינציגע סינע קווא נאן [דער לעבענס־בעדינג]
פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן.

דעם ארבייטער'ס קאנזומציאן איז פון א טאפעלטען סארט.
בעת דעם פראדוצירן קאנזומירט ער דורך זיין ארבייט פראדוק־
ציאנס־מיטלען און פערוואנדעלט זיי אין פראדוקטען, וועלכע האָ־
בען א העכערן ווערטה איידער דער אויסגעלעגטער קאפיטאל. דאס
איז זיין פראדוקטיווע קאנזומציאן. זי איז אין דערזעלביגער צייט
א קאנזומציאן פון זיין ארבייט־קראפט דורך דעם קאפיטאליסט,
וועלכער האט זי געקויפט. פון דער אנדער זייט גיט אויס דער אר־
בייטער דאס אבגעצאהלטע געלד פאר דעם קויף פון דער ארבייט־
קראפט אויף לעבענס־מיטלען, דורך וועלכע ער דערהאלט זיין לע־
בען און רעפראדוצירט זיך. דאס איז זיין אינדיווידועלע, פער־
זענליכע קאנזומציאן. דעם ארבייטער'ס פראדוקטיווע און אינ־
דיווידועלע קאנזומציאן זיינען פאלגליך לגמרי פערשיידען. אין
איין פאל האנדעלט ער ווי די בעוועגענדע קראפט פון קאפיטאל
און געהערט דעם קאפיטאליסט; אין דעם אנדערן געהערט ער זיך
אליין און טהוט אב אינדיווידועלע לעבענס־אקטען אויסערהאלב
דעם פראדוקציאנס־פראצעס. דער רעזולטאט פון דאס ערשטע איז
דאס לעבען פון קאפיטאליסט, פון דאס אנדערע — דאס לעבען
פון דעם ארבייטער גופא.

בעטראכטענדיג דעם ארבייט־טאג [אין אכטען קאפיטעל] און

---

[6] „עס איז פאקטיש אמת, אז א ניי־איינגעפיהרטע מאנופעקטור בעשעפ־
טיגט א סך ארימע לייט; זיי הערן אבער קיינמאל ניט אויף צו זיין ארימע
לייט, און דער וויטערדיגער דויער פון דער מאנופעקטור שאפט נאך א סך
נייע." (Reasons for a limited Exportation of Wool, London 1777, p. 37.)
„דער „פארמער" בעהויפטעט איצט גאנץ אונזיניג, אז ער האלט אויס די
ארימע. אין דער ווירקליכקייט האלטען זיי זיך אויף אין עלענד." ("Reasons for
the late Increase in the Poor Rates etc." London 1777, p. 37.)

עס פאָדערט זיך כדי די ארבייט זאָל זיך רעאַליזירן, און אַנאַנדער קאַטעגאָריע פּערזאָנען, וואָס זייער גאַנצעס האָב און גוטס בע־שרענקט זיך אויף זייער אייגענער ארבייט־קראַפט — אָט דאָס איז, הייסט עס, געווען די פּאַקטיש געגעבענע גרונדלאַגע, דער ארויס־גאַנג־פּונקט פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס.

דאָס אָבער וואָס איז אין אָנפאַנג געווען דער ארויסגאַנג־פּונקט, ווערט שפּעטער, אַ דאַנק דער איינפאַכער רעפּראָדוקציאָן, אַ רעזולטאַט, וועלכער בעגייט זיך אַלעמאָל ווידער אַליין. פון איין זייט פערוואַנדעלט נאָכאַנאַנד דער פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס דעם מאַטעריעלען רייכטום אין קאַפּיטאַל און גענוסמיטלען פאַר דעם קאַפּיטאַליסט. פון דער אַנדער זייט קומט דער ארבייטער שטענ־דיג ארויס פון דעם פּראָצעס ווי ער איז אין איהם אריינגע־טרעטען — דער פּערזענליכער קוואַל פון רייכטום, אָבער נאַקעט פון אַלע מיטלען צו פערווירקליכען דעם דאָזיגען רייכטום פאַר זיך. אַזוי ווי פאַר זיין אריינטרעטען אין דעם פּראָצעס איז זיין אייגע־נע ארבייט געוואָרן פאַרפרעמדט פון איהם אַליין, איז אָנגעאייגענט געוואָרן פון דעם קאַפּיטאַליסט און פערקערפּערט געוואָרן אין דעם קאַפּיטאַל, מאַטעריאַליזירט זי זיך שטענדיג בעת דעם פּראָצעס אין אַ פרעמדען פּראָדוקט. אַזוי ווי דער פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס איז אין דערזעלביגער צייט דער קאָנזומציאָנס־פּראָצעס פון דער אר־בייט־קראַפט דורך דעם קאַפּיטאַליסט, פערוואַנדעלט זיך נאָכאַנאַנד דעם ארבייטער'ס פּראָדוקט ניט נאָר אין סחורה, נאָר אין קאַפּי־טאַל: אין אַ ווערטה, וואָס זויגט אויס די ווערטה־בעשאַפענדע קראַפט, אין לעבענס־מיטלען, וועלכע קויפען מענשען, אין פּראָדוק־ציאָנס־מיטלען, וואָס בעשעפטיגען די פּראָדוצירער.[5] דער אר־בייטער גופא פּראָדוצירט דעריבער שטענדיג דעם אָביעקטיווען רייכטום אַלס קאַפּיטאַל — אַ מאַכט, וואָס איז איהם פרעמד, וואָס בעהערשט און עקספּלואַטירט איהם; און דער קאַפּיטאַליסט פּראָ־

[5] „דאָס איז אַ בעזונדערס מערקווירדיגע אייגענשאַפט פון דער פּראָדוק־טיווער קאָנזומציאָן. וואָס עס ווערט פּראָדוקטיוו קאָנזומירט איז קאַפּיטאַל, און עס ווערט קאַפּיטאַל דורך דער קאָנזומציאָן.“ (דזשיימס מילל, „עלעמענט ד'עקאָנאָמיע פּאָליטיק“, פראַנצ. איבערזעצונג, פּאַריז 1823, ז. 242.) דזשיימס מילל איז אָבער קיינמאָל ניט געפאַלען אויף דעם שפּור פון דער דאָזיגער „בעזונדערס מערקווירדיגער אייגענשאַפט.“

ציאָן פון דעם ארבייטער קלאַס א צוריק־פערוואַנדלונג פון די לע־בענס־מיטלען, וואָס זיינען אויסגעגעבען געוואָרן פון קאפיטאל פאר ארבייט־קראפט, אין ארבייט־קראפט, וואָס קאָן פון דאָס ניי עקס־פּלואטירט ווערן פון קאפיטאל. זי איז די פּראָדוקציאָן און רע־פּראָדוקציאָן פון דעם קאפיטאליסט'ס נויטיגסטען פּראָדוקציאָנס־מיטעל — פון דעם ארבייטער גופא. דעם ארבייטער'ס אינדיווי־דועלע קאָנזומציאָן בלייבט, הייסט עס, א מאָמענט [ד. ה. א פאַק־טאָר] פון קאפיטאל'ס פּראָדוקציאָן און רעפּראָדוקציאָן בכלל (אים גראָסען אונד גאַנצען), סיי זי קומט פאָר אין דעם ארבייט־פּלאַץ אָדער דרויסען פון איהם, סיי אינערהאלב אָדער אויסערהאלב פון דעם ארבייט־פּראָצעס — פּונקט אזוי ווי די רייניגונג פון דער מא־שין איז אזא מאָמענט, סיי דאָס ווערט געטהאָן בעת דעם ארבייט־פּראָצעס אָדער אין בעשטימטע הפסקות פון דעם דאָזיגען פּראָצעס.

דאָס, וואָס דער ארבייטער פיהרט דורך זיין אינדיווידועלע קאָנזומציאָן צוליעב זיך אליין און ניט צוליעב דעם קאפיטאליסט, האָט מיט דער זאך גאָרניט צו טהאָן. אזוי, למשל, איז דער קאָנ־זום פון דעם לאַסט־פיה ניט קיין וועניגער־נויטווענדיגער מאָמענט פון דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, צוליב דעם וואָס עס האָט אליין א הנאה בעת עס פרעסט. די שטענדיגע דערהאלטונג און רעפּראָ־דוקציאָן פון דעם ארבייטער־קלאַס בלייבט א שטענדיגער בעדינג פאר דער רעפּראָדוקציאָן פון קאפיטאל. דער קאפיטאליסט קאָן רוהיג איבערלאָזען די ערפילונג פון די דאָזיגע נויטען צו דעם אר־בייטער'ס אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאלטונג און פאָרטפּלאַנ־צונג. ער זאָרגט זיך נאָר ארונטערצודריקען זייער אינדיווידועלע קאָנזומציאָן ווי ווייט מעגליך צו דאָס נויטווענדיגסטע, און ער איז אזוי ווייט פון יענער מערב־אמעריקאנישער גראָבקייט, וועלכע צווינגט דעם ארבייטער צו פערצעהרן די קרעפטיגערע אָנשטאָט די וועניגער־קרעפטיגע נאהרונגס־מיטלען, כרחוק מזרח ממערב.[8]

---

[8] „די ארבייטער אין די מינען פון מערב־אמעריקא, וואָס זייער טעגליכע ארבייט (אפשר די שווערסטע אין דער וועלט) בעשטעהט אין ארויפטראָגען אויף די פּלייצעס א משא מעטאל, וואָס וועגט פון 180 ביז 200 פונט, פון א טיעפעניש פון 450 פוס, לעבען נאָר אויף ברויט און בעבלעך. זיי וואָלטען פאָרנעצויגען צו נעהרן זיך אויף ברויט אליין, אבער זייערע בעלי בתים, וועלכע האָבען אויסגעפונען, אז אויף ברויט אליין קאָנען זיי ניט אזוי שטאַרק

די מאַשינעריע און גרויס־אינדוסטריע [אין דרייצעהנטען קאַפּי־טעל] האָט זיך באמת אַרויסגעוויזען אין צאָהלרייכע ביישפּיעלען, אַז דער אַרבייטער איז אָפט געצוואונגען צו מאַכען זיין אינדיווי־דועלע קאָנזומציאָן פאַר אַ בלויז־צופעליגען צווישען־פאַל פון דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס. אין דעם דאָזיגען פאַל טהוט ער זיך אַריין לעבענס־מיטלען, כדי צו האַלטען זיין אַרבייט־קראַפט אין גאַנג — פּונקט ווי מען גיט דער דאַמף־מאַשין קויהלען און וואַסער, און דעם ראָד אויל. זיינע קאָנזומציאָנס־מיטלען זיינען דאַן בלויז קאָנזומציאָנס־מיטלען פון אַ פּראָדוקציאָנס־מיטעל, זיין אינדיווי־דועלע קאָנזומציאָן איז דירעקט אַ פּראָדוקטיווע קאָנזומציאָן. דאָס אָבער ערשיינט אַלס אַ ניט־פונדאַמענטאַלער מיסברויך פון דעם קאַ־פּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס.[7]

אַנדערש זעהט אויס די זאַך, אַזויבאַלד ווי מיר בעטראַכטען ניט דעם איינצעלנעם קאַפּיטאַליסט און דעם איינצעלנעם אַרביי־טער, נאָר דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס און דעם אַרבייטער־קלאַס: ניט פעראיינצעלטע פּראָדוקציאָנס־פּראָצעסען, נאָר דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס אין זיין פלוס און אין זיין געזעלשאַפטליכען אומפאַנג.

ווען דער קאַפּיטאַליסט בייט אויס אַ טייל פון זיין קאַפּיטאַל אויף אַרבייט־קראַפט, פערגרעסערט ער דערמיט דעם ווערטה (פער־ווערטעט) פון זיין גאַנצען קאַפּיטאַל. אָבער דערמיט איז נאָך ניט געענדיגט. ער הרג'עט צוויי פליגען מיט איין קלאַפּ. ער פּראָפיטירט ניט נאָר פון דאָס, וואָס ער בעקומט פון דעם אַר־בייטער, נאָר אויך פון דאָס, וואָס ער גיט איהם.

דער אויסגעגעבענער קאַפּיטאַל אין דעם אויסטויש פאַר אַר־בייט־קראַפט ווערט אויסגעטוישט פון דעם אַרבייטער־קלאַס אויף לעבענס־מיטלען, וועלכע דיענען דורך זייער קאָנזומציאָן צו רעפּ־ראָדוצירען דעם אַרבייטער'ס מוסקולען, נערוועז, ביינער, מאַרך א. אז וו. און צו שאַפען נייע אַרבייטער. אין די גרעניצען פון דאָס אַבסאָלוט־נויטווענדיגע איז דעריבער די אינדיווידועלע קאָנזומ־

[7] ראָססי וואָלט ניט אַזוי שטאַרק גע'דרש'נט אַנטקעגען אָט דעם פּונקט, ווען ער וואָלט ווירקליך אַריינגעדרונגען אין דעם סוד פון דער „פּראָדוקטי־ווער קאָנזומציאָן.“

פון א געזעלשאפטליכען שטאנדפונקט איז דעריבער דער אר־בייטער־קלאס, אפילו אויסערהאלב דעם דירעקטען ארבייט־פראָ־צעס, פונקט אזוי פיעל אן אנגעהעריגער פון קאפיטאל, ווי דער טויטער ארבייט־אינסטרומענט. אפילו זיין אינדיווידועלע קאָנ־זומציאָן איז אין געוויסע גרעניצען נאָר איין מאָמענט פון דעם רעפראָדוקציאָנס־פראָצעס פון קאפיטאל. דער פראָצעס אָבער גיט אכטונג, אז די דאָזיגע זעלבסט־בעוואוסטע פראָדוקציאָנס־אינסט־רומענטען זאָלען ניט אוועקלויפען, דערמיט וואָס ער רוקט שטענדיג איבער זייער פראָדוקט פון זייער פאָליוס צו דעם אנטקעגענדיגען פאָליוס פון קאפיטאל. די אינדיווידועלע קאָנזומציאָן זאָרגט פון איין זייט פאר איהר אייגענער דערהאלטונג און רעפראָדוקציאָן, פון דער אנדער זייט, דורך דער פארניכטונג פון די לעבענס־מיטלען — פאר איהר שטענדיגען ווידער־ערשיינען אויף דעם ארבייטס־מארק. דער רוימישער שקלאף איז געווען צוגעבונדען צו זיין אייגענטימער דורך קעטען, דער לוין־ארבייטער איז צוגעבונדען דורך אונזיכטבארע פעדים. אָט דער אייגענטימער איז אָבער ניט דער איינצעל קאפיטאליסט, נאָר דער קאפיטאליסטישער קלאס.

אמאָליגע צייטען האָט דער קאפיטאל, וואו ער האָט עס גע־האלטען פאר נויטיג, דורכגעפיהרט זיין אייגענטום־רעכט אויף דעם פרייען ארבייטער דורך צוואנג־געזעצען. אזוי צום ביישפיעל איז אין ענגלאנד ביז 1815 די אויסוואנדערונג פון מאשין־ארביי־טער געווען פערבאָטען דורך שווערע שטראָפען.

די רעפראָדוקציאָן פון דעם ארבייטער־קלאס שליסט אויך איין דאָס אָנזאמלען און איבערגעבען די ארבייטס־פעהיגקייט פון איין דור צו דעם אנדערן.[12] ווי פיעל דער קאפיטאליסט רעכענט די עקזיסטענץ פון אזא פעהיגען קלאס ארבייטער צווישען די פראָ־דוקציאָנס־בעדינגונגען, וואָס געהערען צו איהם; ווי פיעל ער בע־

אבער, נעננוי נעזאגט, ניט פאר זיך אליין." (מאלטהוס, „דעפינישאנס אין פא־ליטיקאל עקאנאמיע", לאנדאן, 1853, ז. 30.)

[12] „די איינציגע זאך, וועגען וועלכער מען קאן זאגען, אז זי איז פאראן אין זאפאס און איז פון פריהער פראדוצירט, איז דעם ארבייטער'ס געניטקייט... די אנזאמלונג און אבלאגערונג פון געניטער ארבייט. אט די וויכטיגע אפע־ראציע ווערט דורכגעפיהרט, וואס איז שייך דער גרויסער מאסע ארבייטער, אהן וועלכען עם איז קאפיטאל." (Hodgskin, "Labour Defended etc." p. 13.)

דעריבער בעטראַכט טאַקע דער קאַפּיטאַליסט און זיין אידעאָלאָג, דער פּאָליטישער עקאָנאָם, נאָר דעם טייל פון דעם ארבייטער׳ס אינדיווידועלער קאָנזומציאָן אלס פּראָדוקטיוו, וועלכער פּאָדערט זיך כדי צו פערעאייביגען דעם ארבייטער־קלאַס, און וואָס מוז דעריבער פאַקטיש פערצעהרט ווערן, כדי דער קאַפּיטאַל זאָל קאָנען פערצעהרן די ארבייט־קראַפט; אַלץ וואָס דער ארבייטער קאָן אויסערדעם פערצעהרן פון זיין פערגעניגען וועגען, איז אונפּראָדוקטיווע קאָנזומציאָן.[9] ווען די אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל וואָלט פעראורזאַכט א העכערונג פון׳ם ארבייטס־לוין און פאָלגליך א פערמעהרונג פון דעם ארבייטער׳ס קאָנזומציאָנס־מיטלען אָהן א קאָנזום פון מעהר ארבייטס־קראַפט דורך קאַפּיטאַל, וואָלט דאַן דער צוגעקומענער קאַפּיטאַל קאָנזומירט געוואָרן אונפּראָדוקטיוו.[10] אין דער אמת׳ן איז די אינדיווידועלע קאָנזומציאָן פון דעם ארבייטער פאַר איהם אַליין אונפּראָדוקטיוו, וואָרים זי רעפּראָדוצירט נאָר דעם נויט־בעדערפטיגען אינדיווידואום; זי איז פּראָדוקטיוו פאַר דעם קאַפּיטאַליסט און דעם שטאַאַט, וואָרים זי איז א פּראָדוקציאָן פון דער קראַפט, וואָס פּראָדוצירט דעם פרעמדען רייכטום.[11]

ארבייטען, בעהאַנדלען זיי ווי די פערד און צווינגען זיי צו עסען די בעבלעך, ווייל בעבלעך זיינען רייכער אין שטאַפען וואָס מאַכען שטאַרק די קנאָכען פון קערפּער, איידער ברויט.״ (ליעביג, „די כעמיע אין איהרער אַנווענדונג אויף אַגריקולטור אונד פיזיאָלאָגיע“, 7טע אויפלאַגע, 1862, 1 טייל, ז. 194, נאָטע.)

[9] דזשיימס מילל, „עלעמענט ד׳עקאָנאָמיע פּאָליטיק“. פראַנצויזישע איבערזעצונג פון פּאַריססאָ, פּאַריז, 1823, ז. 238.

[10] „ווען דער פּרייז פון דער ארבייט וואָלט נעשטיגען אַזוי הויך, אַז טראָץ דעם צו־וואַקס פון קאַפּיטאַל, וואָלט דאָך קיין מעהר ארבייט ניט נעקאָנט בעשעפטיגט ווערן, דאַן וואָלט איך געזאָגט, אַז אַזאַ צו־וואַקס פון קאַפּיטאַל ווערט קאָנזומירט אונפּראָדוקטיוו.״ (ריקאַרדאָ, „פּרינסיפּלס אָוו פּאָליטיקאַל עקאָנאָמיע“, דריטע אויפלאַגע, לאָנדאָן, 1821, ז. 163, נאָטע.)

[11] „די איינציגע פּראָדוקטיווע קאָנזומציאָן אין אייגענטליכען זין פון וואָרט איז די קאָנזומציאָן אָדער צערשטערונג פון רייכטום (ער מיינט דעם פערברויך פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען) דורך קאַפּיטאַליסטען צום צוועק פון דער רעפּראָדוקציאָן. . . דער ארבייטער . . . איז א פּראָדוקטיווער קאָנזומענט פאַר דער פּערזאָן, וועלכע בעשעפטיגט איהם, און פאַר דעם שטאַאַט,

אויך צו פּראָטעסטירן." דערזעלבינער מר. פּאָטטער בעווייזט דאַן ווייטער, ווי ניצליך די באַוועל־אינדוסטריע איז, ווי „זי האָט בלי ספק אָבגעצויגען די איבערבעפעלקערונג פון אירלאַנד און פון די ענגלישע אגריקולטור־דיסטריקטען", ווי אונגעהויער גרויס איהר אומפאַנג איז, ווי זי האָט צוגעשטעלט אין יאָהר 1860 5/13 פון גאַנצען ענגלישען עקספּאָרט־האַנדעל, ווי זי וועט אין איינינע יאָהר זיך ווידער אויסשפּרייטען דורך דער אויסברייטערונג פון דעם מאַרק, דערהויפּט אין אינדיען, און דורכדעם וואָס מען וועט בע־קומען אַ גענינענדען „באַוועל־צושטעל מיט 6 פּענס אַ פונט." ער זאָגט דאַן ווייטער: „אַ געוויסע צייט — אפשר אַ יאָהר, צוויי אָדער דריי — וועט פּראָדוצירען די נויטיגע קוואַנטיטעט. . . . איך וואָלט אָבער דאַן געשטעלט די פראַגע, איז אָט די אינדוסטריע ווערטה, מען זאָל זי אָנהאַלטען? איז כדאי צו האַלטען אין אָרד־נונג די מאַשינעריע (ער מיינט די לעבעדיגע ארבייטס־מאַשינען), און צי איז עס ניט די גרעסטע נארישקייט זי אויפצוגעבען! איך גלויב, אַז עס איז כדאי. איך גיב צו, אַז די ארבייטער זיינען ניט קיין אייגענטום ("I allow that the workers are not a property") אַז זיי זיינען ניט דאָס אייגענטום פון לאַנקאַשיר און פון די מייס־טערס; זיי זיינען אָבער די שטאַרקייט פון זיי ביידען; זיי זיינען די גייסטיגע און געלערנטע קראַפט, וועלכע קאָן ניט פערביטען ווערן אין איין דור; בעת, פערקעהרט, די אַנדערע מאַשינעריען, אויף וועלכע זיי ארבייטען, קאָנען צום גרעסטען טייל פערביטען און פערבעסערט ווערן מיט גרויסע נוצען אין 12 חדשים.[14] דער־

---

[14] מען דערמאַנט זיך, אַז דערזעלביגער קאַפּיטאַל זינגט אַנאַנדער ניגון אונטער געוועהנליכע אומשטענדען, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַראָבזעצען דעם ארבייטס־לוין. דענסטמאָל דערקלערן „די מייסטערס" מיט איין קול (זעה דעם פערטען אָבטייל, נאָטע 188, ז. 661): „די פאַבריק ארבייטער דאַרפען גוט געדענקען, אַז זייער ארבייט איז פּאַקטיש אַ גאַנץ נידעריגער סאָרט געשיקטע ארבייט; אַז קיין אַנדער ארבייט קאָן מען אַזוי לייכט ניט אויס־לערנען, און לפי ערך פון איהר קוואַליטעט ווערט קיינע ניט בעסער בע־צאַהלט; אַז קיין אַנדער ארבייט קאָן דורך אַ קורצען למוד פון די, וואָס האָבען די קלענסטע ערפאַהרונג, ניט צוגעשטעלט ווערן אין אַזאַ קורצער צייט און אין אַזאַ איבערפלוס. דעם מייסטער'ס מאַשינעריע (וועלכע קאָן, ווי מיר הערן איצטער, אין 12 חדשים פערבעסערט און פערביטען ווערן מיט נוצען) שפּיעלט אין דער אמת'ן אַ פיעל וויכטינערע ראָליע אין דעם געשעפט פון דער

טראַכט איהם פאַקטיש אַלס די רעאַלע עקזיסטענץ פון זיין וואַריאבלען קאַפּיטאַל, צייגט זיך אַרויס אַזוי שנעל ווי אַ קריזיס ברענגט מיט די געפאַהר צו פערלירן אַזוינע אַרבייטער. ווי בעקאַנט, איז צוליעב דעם אַמעריקאַנער בירגער־קריעג און דעם דוחק אין באַוועל, וואָס איז פאָרגעקומען דורך איהם, אַרויסגעוואָרפען געוואָרן דאָס רוב באַוועל־אַרבייטער אין לאַנקאַשיר און אַנדערשוואו אויפ׳ן גאַס. פון צווישען דעם אַרבייטער־קלאַס גופא, ווי אויך פון אַנדערע געזעלשאַפטליכע טיילען, האָט זיך אויפגעהויבען אַן אויפרוף פאַר אונטערשטיצונג פון׳ם שטאַאט אָדער דורך פּרייוויליגע פאָלקס־קאָלעקציעס, כדי צו מאַכען מעגליך די אויסוואַנדערונג פון די „איבערפליסיגע” נאָך די ענגלישע קאָלאָניעס אָדער די פעראייניגטע שטאַאטען. די „טיימז” האָט דאַמאָלסט (24טען מערץ, 1863) פערעפענטליכט אַ בריעף פון עדמונד פּאָטטער, דעם געוועזענעם פּרעזידענט פון דעם מאַנטשעסטער האַנדעלסקאַמער. זיין בריעף איז מיט רעכט בעצייכענט געוואָרן אין „הויז אָוו קאָמאָנס” אַלס „דער מאַניפעסט פון די פאַבריקאַנטען”.[33] מיר גיבען דאָ איינוגע כאַראַקטעריסטישע שטעלען, אין וועלכע קאַפּיטאַל׳ס אייגענטום־רעכט אויף דער אַרבייטקראַפט ווערט אויסגעשפּראָכען ניט־פערדעקטערהייט.

„מען קאָן זאָגען די אַרבייטלאָזע, אַז דער צושטעל פון באַוועל־אַרבייטער איז צו־גרויס. . . אַז ער וואָלט אפשר געמוזט פערקלענערט ווערן אויף אַ דריטעל, און דאַמאָלסט וואָלט געקומען אַ געזונדע נאָכפראַגע פאַר די איבעריגע צוויי דריטעל. . . . די עפענטליכע מיינונג האַלט די עמיגראַציע פאַר אַ דרינגענדער נויט. . . . דער מייסטער (דאָס הייסט דער באַוועל־פאַבריקאַנט) קאָן אָבער ניט מיט׳ן גוטען ווילען צוזעהן ווי זיין אַרבייט־צושטעל ווערט אַוועקגעפיהרט; ער מעג דענקען, און אפשר מיט רעכט, אַז עס איז אי אומגערעכט, אי פאַלש. . . . ווען די אויסוואַנדערונג זאָל נאָך אונטערשטיצט ווערן דורך קהל׳שע געלדער, האָט ער אַ רעכט צו פערלאַנגען מען זאָל איהם אויסהערן, און אפשר

[33] „דער דאָזינער בריעף קאָן בעצייכענט ווערן אַלס דער מאַניפעסט פון די פאַבריקאַנטען” (פערראַנד. „אַנטראַג איבער די בוימוואָל נויט. זיצונג דעם אונטערהויזעס פאָם 27טען אַפּריל, 1863.)

די איבערגעבליבענע דורך א פערברייטערטער אויסצעהרענדער עמיגראציע און אן אויסלעדיגונג פון ווערטה און קאפּיטאל אין א גאנצער פּראָווינץ?"*[14]

פּאַטטער, דער אויסגעוועהלטער פאָרשפּרעכער פון די באוועל־פאַבריקאַנטען, טיילט פאַנאַנדער צוויי סאָרטען „מאַשינעריע", וואָס געהערען ביידע דעם קאפּיטאליסט, נאָר איינע שטעהט אין זיין פאבריק, און די אנדערע וואוינט ביינאכט און זונטאָג אין די ארבייטער־שטיבלעך. איינע איז א טויטע, די אנדערע איז א לעבעדיגע. די טויטע מאשינעריע ווערט ניט נאָר יעדען טאָג אָבגעניצט און פערלירט אין ווערטה, נאָר א גרויסער טייל פון איהר עקזיסטירענדער מאסע ווערט נאָכאַנאַנד אזוי שטארק פער־עלטערט דורך דעם שטענדיגען טעכנישען פאָרטשריט, אז זי קאָן מיט גרויסע נוצען פערביטען ווערן אין עטליכע מאָנאַט דורך נייערער מאשינעריע. די לעבעדיגע מאשינעריע, פערקעהרט, פערבעסערט זיך וואָס לענגער זי געוועהרט, וואָס מעהר זי זאמעלט אין זיך אָן די ארבייט־פעהיגקייט פון דורות. די „טיימז" האָט געענטפערט דעם פאבריק־מאגנאט צווישען אנדערעס ווי פאָלגט:

„הערר עדמאָנט פּאַטטער איז אזוי פול מיט דעם געדאנק פון דער אויסערגעוועהנליכער און אַבסאָלוטער וויכטיגקייט פון די באוועל־פאַבריקאַנטען, אז ער וואָלט, כדי אָנצוהאַלטען דעם דאָזי־גען קלאַס און פעראייביגען זייער פּראָפעסיאָן, פערשפּארט א האלבען מיליאָן פון דעם ארבייטער־קלאַס אנטקעגען זייער ווילען אין אייך גרויסען מאָראלען הקדש. איז די דאָזיגע אינדוסטריע ווערטה, מען זאָל זי אָנהאַלטען? פרעגט הערר פּאַטטער. אוודאי, מיט אַלע עהרליכע מיטלען, ענטפערן מיר. איז עס ווערט די מיה, מען זאָל זעהן צו האַלטען די מאַשינעריע אין אָרדנונג? פרעגט ווייטער הערר פּאַטטער. דאָ זיינען מיר שוין ניט אזוי זיכער. אונטער דער מאשינעריע פערשטעהט הערר פּאַטטער די מענשליכע מאשינעריע, וואָרים ער פערענטפערט זיך, אז ער האָט

*[14] אין געוועהנליכע צייטען בעהויפּטעט דער קאפּיטאליסט פונקט פערקעהרט, אז די ארבייטער דארפען ניט זיין קיין דעמאראליזירטע און אומצופריעדענע הונגער־ליידער, ווען זיי וואלטען געווען גענוג קלוג צו פערקלענערן זייער צאהל, צו פערגרעסערן דעם פרייז פון דער ארבייט. (נאטע צו דער פראנצויזישער אויסגאבע.)

מונטערט אָדער ערלויבט (!) די אויסוואַנדערונג פון דער אַר־בייט־קראַפט, איז וואָס וועט ווערן פון דעם קאַפּיטאַליסט? (אָט דער האַרץ־געשריי דערמאָנט אָן האַפּמאַרשאַל קאַלב). . . . נעהמט אוועק די בעסטע אַרבייטער, וועט דער פיקסירטער קאַפּיטאַל אין אַ גרויסען גראַד פערלירן זיין ווערטה און דער צירקולירענדער קאַפּיטאַל וועט ניט וועלען אָנפיהרן דעם קאַמף מיט אַ קנאַפּען צושטעל פון אַ נידעריגען סאָרט אַרבייט. . . . מען זאָגט אונז, אַז די אַרבייטער אַליין ווילען די עמיגראַציע. עס איז זעהר נאַ־טירליך, זיי זאָלען עס וועלען. . . . רעדוצירט, שרומפּט איין דאָס באַוועל־געשעפט, דורכדעם וואָס איהר וועט אוועקנעהמען זיינע אַרבייט־קרעפטען, וואָס איהר וועט פערקלענערן די הוצאות פון די שכירות, לאָמיר זאָגען, אויף אַ פינפטעל אָדער פינף מיליאָן, און וואָס וועט דאַן ווערן פון דעם נעקסטען קלאַס איבער זיי, די קליינע קרעמער? וואָס וועט ווערן פון די גרונד־רענטען, פון די דירה־געלדער פאַר הייזער? . . . וואָס וועט ווערן פון די קליינע פערמער, פון די בעסערע הויז־בעזיצער און פון דעם לאַנד־איי־גענטימער? און זאָגט נאָר, צי עס קאָן זיין נאָך אַ מעהר זעלבסט־מערדערישער פּלאַן איידער אָט דער, וואָס זאָל אַזוי אָבשוואַכען די נאַציאָן דורך דעם עקספּאָרט פון איהרע בעסטע פאַבריק־אַר־בייטער און דורך דער פערניכטונג פון אַ טייל פון איהר פּראָדוק־טיווען קאַפּיטאַל און רייכטום? . . . מיין עצה איז, מען זאָל מאַכען אָן אַנלייהע פון 5 ביז 6 מיליאָן פונט סט., איינגעטיילט אין אַ משך פון אַריבער 2 אָדער 3 יאָהר, וואָס זאָל פערוואַלטעט ווערן דורך ספּעציעלע קאָמיסאַרען צוזאַמען מיט די „באָאָרדס אָוו גאַרדיענס" (אָרמען־פערוואַלטונגען) אין די באַוועל־דיסטריק־טען, אונטער ספּעציעלע געזעצליכע רעגולירונגען, מיט געוויסע צוואַנג־אַרבייטען, כדי אויפצוהאַלטען די מאָראַלע קראַפט פון די, וואָס וועלען קריגען די נדבות. . . . קאָן דען זיין עטוואָס ערגערעס פאַר די גרונד־אייגענטימער אָדער מייסטערס, ווי אויפצוגעבען זייערע בעסטע אַרבייטער און צו דעמאָראַליזירן און פערביטערן

פּראָדוקציאָן איידער די אַרבייט און דעם אַרבייטער'ס געשיקטקייט, (וועלכע איצט קאָן אין 30 יאָהר ניט פערביטען ווערן) וואָס מען קאָן זיך אויסלערנען אין 6 מאָנאַט, און וואָס יעדער דאָרף־פּויער קאָן זיך עס לערנען."

ווערטער־שפּיעל. די „גרויסע עפּענטליכע מיינונג" איז פּאַקטיש געווען איינשטימיג מיט הערר פּאָטטער'ס מיינונג, אַז די פאַבריק־אַרבייטער זיינען אַ בעוועגליכער צוגעהעריגער טייל פון די פאַבריקען. זייער אויסוואַנדערונג איז פערהינדערט געוואָרן.[16] מען האָט זיי איינגעשפּאַרט אין דעם „מאָראַלען הקדש" פון די באַוועל־דיסטריקטען, און זיי שטעלען נאָך אַלץ צונויף „די שטאַרקייט פון די באַוועל־פאַבריקאַנטען פון לאַנקאַשיר."

דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס רעפּראָדוצירט, הייסט עס, דורך זיין אייגענעם גאַנג די צושיידונג צווישען אַרבייט־קראַפט און אַרבייט־בעדינגונגען. ער רעפּראָדוצירט און פעראייביגט דערמיט די בעדינגונגען פון דער עקספּלואַטאַציע פון'ם אַרבייטער. ער צווינגט שטענדיג דעם אַרבייטער צו פערקויפען זיין אַרבייט־קראַפט, כדי צו לעבען, און מאַכט שטענדיג מעגליך פאַר'ן קאַפּיטאַליסט זי צו קויפען, כדי צו ווערן רייכער.[17] עס איז ניט מעהר אַ צופאַל, וואָס ברענגט צוזאַמען אויפ'ן סחורה־מאַרק דעם קאַפּיטאַליסט און דעם אַרבייטער אַלס קויפער און פערקויפער. דער דרוק פון דעם פּראָצעס גופא שלידערט נאָכאַנאַנד דעם איינעם אויפ'ן סחורה־מאַרק אַלס פערקויפער פון זיין אַרבייט־קראַפט, און פערוואַנדעלט שטענדיג זיין אייגענעם פּראָ־

[16] דער פּאַרלאַמענט האָט קיין פּרוטה ניט בעוויליגט פאַר דער עמיגראַציע; ער האָט נאָר ארויסגעגעבען געזעצען, וועלכע האָבען געגעבען די געמיינדען די מאַכט אויסצוהאַלטען די אַרבייטער אין אַ לאַנגע צווישען לעבען און שטאַרבען, אָדער צו עקספּלואַטירען זיי, ניט צאַהלענדיג די נאָרמאַלע לוינען. פערקעהרט, ווען די מגפה אויף בהמות האָט אויסגעבראָכען דריי יאָהר שפּעטער, האָט דער פּאַרלאַמענט ווילד דורכגעבראָכען אַפילו די פּאַרלאַמענטאַרישע עטיקעט און האָט תיכף בעוויליגט מיליאָנען צו פערגיטיגען דעם היזק פון די מיליאָנערען־לענדלאָרדס, וועמעס פאַרמערס האָבען סיי ווי קיין שאָדען ניט געליטען, מחמת די פּרייזען אויף פלייש זיינען זעהר געשטיגען. דאָס ברומען ווי ווילדע חיות פון די גרונד־איינענטימער בעת דער עפענונג פון פּאַרלאַמענט אין 1866 האָט בעוויזען, אַז מען דאַרף ניט זיין קיין הינדום כדי צו דיענען צו דער קוה סאַבאַלאַ, און מען דאַרף ניט זיין קיין יופּיטער, כדי זיך צו פערוואַנדלען אין אַן אָקס.

[17] „דער אַרבייטער פערלאַנגט לעבענסמיטלען, כדי צו לעבען; דער אונטערנעהמער פערלאַנגט אַרבייט, כדי צו קאָנען מאַכען פּראָפיטען." (זיסמאָנדי, „נייע פּרינציפּען פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע" (פראַנצויזיש), באַנד I, S. 91.)

ניט ברעה זיי צו בעהאנדלען ווי אַן אבסאָלוטעס איינענטום. מיר מוזען מודה זיין, אַז מיר האַלטען עס ניט פאַר „ווערטה די מיה”, אָדער אַפילו פאַר מעגליך, צו האַלטען די מענשליכע מאַשינעריע אין אָרדנונג, דאָס הייסט זיי צו פערשפּאַרען און אָנגיסען מיט אויל ביז מען וועט זיי בעדאַרפען. מענשליכע מאַשינעריע האָט די טבע צו ווערן פערראָסט פון אונטהעטיגקייט, וויפיעל איהר זאָלט זי ניט אוילען און רייבען. א חוץ דעם איז די מענשליכע מאַשי־נעריע, ווי מיר האָבען אָקאָרשט אָלע געזעהן, אימשטאַנד פון זיך אליין אָנצולאָזען דאַמף און צופּלאַצען אָדער ווילד צו־טאַנצען זיך אין אונזערע שטעדט. עס קאָן טאַקע, ווי הערר פּאָטטער זאָגט, נעהמען א לענגערע צייט צו רעפּראָדוצירן די ארבייטער, אָבער מיט גענוג מאַשיניסטען און געלד וועלען מיר אַלעמאָל געפינען ארבייטזאַמע, אויסדויערענדע און פלייסיגע מענער, פון וועלכע צו פאַבריצירן מעהר פאַבריקאַנטען איידער מיר וועלען ווען עס איז קאָנען פערברויכען. . . הערר פּאָטטער רעדט וועגען א ווידערבעלעבונג פון דער אינדוסטריע אין איינס, צוויי אָדער דריי יאָהר, און פערלאַנגט פון אונז ניט צו דערמונטערן אָדער ניט צו ערלויבען די אויסוואַנדערונג פון דער ארבייט־קראַפט! ער זאָגט, עס איז נאַטירליך, אַז די ארבייטער זאָלען וועלען אויסוואַנדערן, אָבער ער מיינט, אַז דאָס פאָלק דאַרף דעם דאָזיגען האַלבען מיליאָן ארבייטער מיט די 700,000 וואָס הענגען אָב פון זיי, ניט קוקענדיג אויף זייער פערלאַנג, איינשפּאַרן אין די באַוועל־דיסטריקטען; און ווי א נויטיגע קאָנזעקווענץ מוז ער, פערשטעהט זיך, האַלטען, אַז דאָס פאָלק דאַרף אונטערדריקען זייער אונצופריעדענהייט מיט געוואַלט, און אויסהאַלטען זיי אויף צדקה — אַלץ צוליעב דער מעגליכקייט, אַז די באַוועל־פאַבריקאַנטען וועלען זיי איין שעהנעם טאָג וויעדער בעדאַרפען צו האָבען. . . . די צייט איז געקומען, ווען די גרויסע עפענטליכע מיינונג פון אָט די אינזלען אונזערע וועט מוזען עפּעס טהאָן, כדי צו ראַטעווען „די דאָזיגע ארבייט־קראַפט” פון יענע, וועלכע ווילען זי בעהאַנדלען, ווי זיי בעהאַנדלען די קויהלען, אייזען און באַוועל”.[25]

דער „טיימז”־ארטיקעל איז נאָר געווען א גייסט־רייכער

---

[25] „טיימז” 24טען מערץ, 1863.

גופא, אויף איין זייט דעם קאפיטאליסט, אויף דער אנדער זייט דעם לוין־ארבייטער.[20]

---

[20] „קאפיטאל איז משער אפריהער די לוין־ארבייט, די לוין־ארבייט איז משער אפריהער דעם קאפיטאל. איינס איז א תנאי־קודם פאר דאס אנדערע; זיי רופען ארויס איינע די אנדערע נעגענזייטיג. אז ארבייטער אין א באוועל־פאבריק — פראדוצירט ער נאר באוועל־שטאפען? ניין, ער פראדוצירט קאפיטאל. ער פראדוצירט ווערטהען, וועלכע דיענען פון דאס ניי צו קאמאנדירן זיין ארבייט און דורכדעם נופא צו שאפען נייע ווערטהען.“ (קארל מארקס, „לוין־ארבייט און קאפיטאל“ אין דער „נייער רהיינישער צייטונג“, נומר 266, 7טען אפריל, 1849.) די ארטיקלען אונטער אט דעם טיטעל זיינען שטיקער פארלעזונגען, וועלכע איך האב געהאלטען אין יאהר 1847 אין די דייטשע ארבייטערפעראיינען פון בריסעל, וועלכע האבען זיך אויפגעהערט צו דרוקען צוליעב דער פעברואר־רעזאלוציאן. [זעה ק. מארקס, „לוין־ארבייט און קאפיטאל“, נייע אויסגאבע דורך ק. קאוטסקי, בערלין 1907, ז. 27 און 28.]

דוקט אין דעם אַנדערנ'ס קויף־מיטעל. דער אַרבייטער געהערט פאַקטיש דעם קאַפּיטאַל נאָך איידער ער פערקויפט זיך צום קאַפּיטאַליסט. זיין עקאָנאָמישע קנעכטשאַפט[18] ווערט צושטאַנד געבראַכט און ווערט אין דערזעלביגער צייט אויך פערדעקט דורך דער פעריאָדישער בענייאונג פון זיין זעלבסט־פערקויף, דורך דעם בייטען זיך פון זיינע אינדיווידועלע לוין־בעלי בתים און דורך די שוואַנקונגען אין דעם מאַרק־פּרייז פון דער אַרבייט.[19]

דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, ווען מען בעטראַכט איהם אין צוזאַמענהאַנג, אָדער אַלס אַ רעפּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, פּראָדוצירט אַלזאָ ניט בלויז סחורה, ניט בלויז מעהרווערטה: ער פּראָדוצירט און רעפּראָדוצירט די קאַפּיטאַל־שייכות

---

[18] אַ פויער'שע גראָבע פאָרם פון דער דאָזיגער קנעכטשאַפט עקזיסטירט אין דער גראַפשאַפט דורהאַם. עס איז איינע פון די ווענינע גראַפשאַפטען, וואו די פערהעלטניסען גיבען ניט דעם אַרענדאַטאָר קיין אונבעשטריטענעם איינענטומס־טיטעל אויף די אַקערבוי טאָג־אַרבייטער. די מינען־אינדוסטריע גיט די לעצטע אַ מעגליכקייט אויסצו־וועהלען זייער אַרבייט. דער פאַרמער, להיפך צום געוועהנליכען רעגעל, נעהמט דאָ דעריבער אין אַרענדע נאָר אַזוינע לענדערייען אויף וועלכע עס געפינען זיך „קאָטטעדזשעס" פאַר די אַרבייטער. די דאָזיגע קאָטטעדזשעס הייסען ‘Hin' 's Houses'' [קנעכט־הייזער]. זיי ווערן פערדונגען צו די אַרבייטער אונטער געוויסע פעאָדאַלע פערפּליכטונגען, אונטער אַן אָבמאַך וואָס הייסט „Bon.age'' (הערינקייט) און בינדט צום ביישפּיעל דעם אַרבייטער פאַר דער צייט, וואָס ער איז בעשעפטיגט אַנדערשוואו, צו צושטעלען זיין טאָכטער א. אז. וו. דער אַרבייטער אַליין הייסט „באָנדסמאַן", הערינער. אָט די שייכות בעווייזט פון אַ גאַנץ נייער זייט דעם אַרבייטער'ס אינדיווידועלע קאָנזומציאָן אַלס אַ קאָנזומציאָן פאַר'ן קאַפּיטאַל, אָדער אַלס פּראָדוקטיווע קאָנזומציאָן: „עס איז מערקווירדיג צו בעאָבאַכטען, אַז אַפילו די צואה פון דעם דאָזיגען „באָנדסמאַן" רעכענט זיך פאַר אַ זייטיגער הכנסה פון דעם אויסגערעכענטען פּריץ. . . דער אַרענדאַטאָר ערלויבט ניט אין דער גאַנצער נאָכבאַרשאַפט קיין אַנדער בית הכסא אויסער זיין אייגענעם, און דערלאָזט ניט אין דעם פּרט עובר זיין אויף דאָס מינדסטע נעגען זיין הערן־רעכט." („פּובליק העלטה, 7טער רעפּאָרט, 1864", ז. 188.)

[19] מיר ווילען דערמאָנען, אַז בנוגע דער אַרבייט פון קינדער א. ד. ג. פערשווינדט אַפילו די פאָרמאַליטעט פון דעם זעלבסט־פערקויף.

12,000 פונט סט. ביי א מעהרווערטה־ראַטע פון 100 פראָצענט ליעגט דער מעהרווערטה אין דעם מעהר־פּראָדוקט אָדער נעט־פּראָ־דוקט פון 40,000 פונט גאַרן — $^1/_6$ פון דעם ברוטאָ־פּראָדוקט, ד. ה. פון דעם גאַנצען פּראָדוקט. אָט דער מעהר־פּראָדוקט האָט א ווערטה פון 2000 פונט סט., וואָס דער פערקויף וועט רעאַליזירן. אויב אָט די 2000 פונט סט. ווערן ווידעראַמאָל אריינגעלעגט אלס קאַפּיטאַל, דאַן וואַקסט דער אורשפּרינגליכער קאַפּיטאַל פון 10,000 אויף 12,000 פונט סט. אָדער אין אַנדערע ווערטער: ער האָט זיך אַקומולירט.

צוויי טויזענד פונט סט. איז צוויי טויזענד פונט סט. מען קאָן אין דעם געלד ניט דערזעהן און ניט דערשמעקען, אז עס איז מעהר־ווערטה. דער כאַראַקטער פון מעהרווערטה בעווייזט נאָר ווי אזוי ער איז געקומען צו זיין אייגענטימער, ער ענדערט אָבער קיין זאַך ניט אין דער נאַטור פון דעם ווערטה אָדער פון דעם געלד.

כדי אָט די ניי־צוגעקומענע סומע פון 2000 פונט סט. צו פערוואַנדלען אין דער שפּינעריי אין קאַפּיטאַל, מוז דער [באַס־] שפּינער אויסלעגען, ווען אַלע איבעריגע אומשטענדען בלייבען די־זעלביגע, $^4/_5$ פון דער סומע איינצוקויפען באַוועל א. אז. וו. און $^1/_5$ איינצוקויפען נייע שפּינער־ארבייטער, וועלכע וועלען גע־פינען אויפ'ן מאַרק די לעבענסמיטלען פאַר דעם ווערטה, וואָס ער האָט זיי אויסגעלעגט. דאַן פונקציאָנירט דער נייער קאַפּיטאַל פון 2000 פונט סט. אין דער שפּינעריי־פאַבריק און ברענגט איין פון זיין זייט א מעהרווערטה פון 400 פונט סט.

דער קאַפּיטאַל־ווערטה איז לכתחילה אויסגעלעגט געוואָרן אין געלד־פאָרם; פערקעהרט, דער מעהרווערטה עקזיסטירט צוערשט ווי א ווערטה פון א בעשטימטען טייל פון דעם ברוטאָ־פּראָדוקט. ווען אָט דער פּראָדוקט ווערט פערקויפט, פערוואַנדעלט אין געלד, בעקומט דער קאַפּיטאַל־ווערטה צוריק זיין לכתחילה'דיגע פאָרם, דער מעהרווערטה אָבער בייט דורכדעם זיין ערשטען עקזיסטענץ־אופן. פון אָט דעם מאָמענט אָן זיינען אָבער ביידע, דער קאַפּיטאַל־ווערטה און דער מעהרווערטה, געלד־סומען, און זייער ווידער־פער־וואַנדלונג אין קאַפּיטאַל קומט פאָר אינגאַנצען אויף דעמזעלביגען אופן. דער קאַפּיטאַליסט לעגט אריין ביידע סומען גלייך אין דעם איינקויף פון סחורות, וועלכע מאַכען אז ער זאָל זיין אימשטאַנד פון דאָס נייע אָנצוהויבען די פאַבריצירונג פון זיין אַרטיקעל, און

צוויי און צוואנציגסטער קאפיטעל.

פערוואַנדלונג פון מעהרווערטה אין קאַפּיטאַל.

1. קאפיטאליסטישער פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס אויף א ברייטערן מאסשטאב. פערוואנדלונג פון די אייגענטומסגעזעצען פון דער סחורה־פּראָדוקציאָן אין געזעצען פון קאפיטא־ליסטישער אָנאייגענונג.

פריהער האָבען מיר בעטראַכט, ווי אַזוי דער מעהרווערטה נעהמט זיך פון דעם קאַפּיטאַל, איצטער וועלען מיר בעטראַכטען, ווי אַזוי דער קאַפּיטאַל נעהמט זיך פון דעם מעהרווערטה. ווען דער מעהרווערטה ווערט ניט פערברויכט פון זיין אייגענטימער פאַר זיינע פּערזענליכע בעדערפעּנישען, נאָר ווערט אָנגעווענדט אַלס קאַפּיטאַל, דאַן פאָרמירט זיך אַ נייער קאַפּיטאַל און ווערט צוגע־לעגט צו דעם אַלטען, ער ווערט אַקומולירט. די אָנווענדונג פון מעהרווערטה אַלס קאַפּיטאַל אָדער די צוריק־פערוואַנדלונג פון מעהרווערטה אין קאַפּיטאַל הייסט די אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל.[21]

לאָמיר צוערשט בעטראַכטען אָט דעם פּראָצעס פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם איינצעלנעם קאַפּיטאַליסט. אַ שפּינער, למשל, האָט אַריינגעלעגט אַ קאַפּיטאַל פון 10,000 פונט סט., $4/5$ דערפון אין באַוועל, מאַשינען א. אַז. וו. און $1/5$ אין ארבייט־לוין. ער פּראָדוצירט יעהרליך 240,000 פונט גאַרן, וואָס זיינען ווערטה

[21] „אקומולאציע פון קאפיטאל: די פערווענדונג פון א טייל הכנסת אלס קאפיטאל.” (מאלטוס, „דעפיניציאָן עטצ.” ז. 11.) „אומוואנדלונג פון הכנסח אין קאפיטאל.” (מאלטוס, „פּרינסיפּלס אוו פּאָליטיקאל עקאנאמי”. 2טע אויפלאגע, לאנדאָן, 1836, ז. 319.)

דוקט פערוואנדלען אין קאפיטאל. אָבער אָהן נסים קאָן מען נאָר אזעלכע זאכען פערוואנדלען אין קאפיטאל, וועלכע קאָנען פער־ווענדעט ווערן אין דעם ארבייט־פּראָצעס, דאָס הייסט פּראָדוק־ציאָנס־מיטלען; און ווייטער אזוינע זאכען, פון וועלכע דער אר־בייטער קאָן דערהאלטען זיין לעבען, ד. ה. לעבענס־מיטלען. פאָלגליך מוז איין טייל פון דער יעהרליכער מעהר־ארבייט האָבען פערווענדעט געוואָרן צו שאפען צוגעגעבענע פּראָדוקציאָנס־ און לעבענס־מיטלען מעהר און אריבער דעם סכום, וואָס האָט זיך גע־פאָדערט צוריק צו שאפען דעם אויסגעלעגטען קאפיטאל. מיט איין וואָרט: דער מעהרווערטה לאָזט זיך נאָר דעריבער פערוואנד־לען אין קאפיטאל, ווייל דער מעהר־פּראָדוקט, פון וועלכען ער איז דער ווערטה, ענטהאלט שוין אין זיך די מאטעריעלע עלעמענטען פון א נייעם קאפיטאל.*[21]

כדי פאקטיש צו לאָזען פונקציאָנירן די דאָזיגע עלעמענטען אלס קאפיטאל, בעדארף דער קאפיטאליסטישער קלאס האָבען א צוזאץ פון פרישער ארבייט. אויב די עקספּלואטאציע פון די אר־בייטער, וואָס זיינען שוין בעשעפטיגט, וואקסט ניט עקסטענסיוו אָדער אינטענסיוו, דאַן מוזען אָנגעשטעלט ווערן נייע ארבייט־קרעפ־טען. דער מעכאניזם פון דער קאפיטאליסטישער פּראָדוקציאָן האָט שוין דאָס אויך פערזאָרגט, דורכדעם וואָס ער רעפּראָדוצירט דעם ארבייטער־קלאס אלס א קלאס, וואָס הענגט אָב פון דעם ארבייטס־לוין, און וואָס זיין געוועהנליכער לוין גרייכט ניט נאָר צו פערזיכערן זיין קיום, נאָר אויך זיין פערמעהרונג. קאפיטאל דארף נאָר פער־קערפּערן אָט די צוגעקומענע ארבייט־קראפט, וואָס דער ארבייטער־קלאס שטעלט יעהרליך צו אויף אלע שטופען פון עלטער, אין די

*[21] דא ווערט ניט גענומען אין בעטראכט דער אינטערנאציאנאלער האנדעל, וועלכער פערבייט די אינלענדישע סארטען סחורות דורך אויסלענדישע, און דורך וועלכע א פאלק קאן פערבייטען לוקסוס־ארטיקלען אויף פראדוק־ציאנס־מיטלען אדער לעבענס־מיטלען און פערקעהרט. כדי אויפצופאסען דעם געגענשטאנד פון דער אונטערזוכונג אין זיין ריינער פארם, פריי פון שטע־רענדע נעבען־אומשטענדען, מוזען מיר דא בעטראכטען און משער זיין די גאנצע האנדעלס־וועלט ווי איין נאציע, און אננעהמען, אז די קאפיטאליסטישע פראדוקציאן האט זיך אומעטום פעסט עטאבלירט און האט ארייננענעקרינען אין איהר רשות אלע פראדוקציאנס־צווייגען.

דאָס מאָל טאַקע אויף אַ ברייטערן מאַסשטאַב. כדי אָבער צו קויפען די דאָזיגע סחורות, מוז ער זיי געפינען גרייט אויפ׳ן מאַרק.

זיינע אייגענע אויסגעשפּונענע פעדים צירקולירן נאָר, ווייל ער ברענגט אויפ׳ן מאַרק זיין יעהרליכען פּראָדוקט, אַזוי ווי אַלע אַנ־דערע קאַפּיטאַליסטען טהוען דאָסזעלביגע מיט זייערע סחורות. אָבער איידער די דאָזיגע סחורות זיינען געקומען אויפ׳ן מאַרק האָבען זיי שוין געמוזט זיין אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם יאָהריגען פּראָ־דוקט, ד. ה. זיי האָבען זיך געמוזט געפינען אין דער גאַנצער מאַסע זאַכען פון אַלערליי סאָרטען, אין וועלכער די גאַנצע סומע פון די איינצעל־קאַפּיטאַלען אָדער דער סך הכל פון געזעלשאַפטליכען קאַ־פּיטאַל האָט זיך פערוואַנדעלט אין משך פון יאָהר, און פון וועלכער יעדער איינצעל־קאַפּיטאַליסט האָט אין האַנד נאָר איין טייל. די טראַנזאַקציעס אויפ׳ן מאַרק פיהרן נאָר דורך דעם אומזאַץ פון די איינצעלנע בעשטאַנד־טיילען פון דער יאָהריגער פּראָדוקציאָן, זיי שיקען זיי פון איין האַנד אין דער אַנדערער, זיי קאָנען אָבער ניט פערגרעסערן דעם סך הכל פון דער יאָהריגער פּראָדוקציאָן און קאָנען ניט ענדערן די נאַטור פון די פּראָדוצירטע זאַכען. פאָלגליך העננט אָב דער געברויך, וואָס קאָן געמאַכט ווערן פון דעם יעהרליכען סך הכל פון די פּראָדוקטען, פון זיין אייגענער צוזאַמענזעצונג, אָבער בשום אופן ניט פון דער צירקולאַציע.

די יעהרליכע פּראָדוקציאָן מוז קודם צושטעלען די אַלע געגענ־שטאַנדען (געברויך־ווערטהען), פון וועלכע מען מוז נעהמען ממלא צו זיין די מאַטעריעלע בעשטאַנד־טיילען פון קאַפּיטאַל, וואָס זיי־נען פערברויכט געוואָרן אין משך פון יאָהר. אַרונטעררעכענענדיג אָט די, בלייבט דער נעט־ אָדער מעהר־פּראָדוקט, אין וועלכען עס ליעגט דער מעהרווערטה. און פון וואָס בעשטעהט אָט דער מעהר־פּראָדוקט? גאַנץ געוויס געפינען זיך דערונטער זאַכען, וועלכע זיינען בעשטימט פאַר דער בעפרידיגונג פון די בעדערפעלישען און געלוסטען פון דעם קאַפּיטאַליסטען־קלאַס, וועלכע געהען אַריין, הייסט עס, אין זייער קאָנזומציאָנס־פאָנד. ווען דאָס אָבער וואָלט געווען אַלעס, וואָלט דאָך דער מעהרווערטה אינגאַנצען פערהוליעט געוואָרן, און עס וואָלט בלויז פאָרגעקומען אַן איינפאַכע רעפּראָדוק־ציאָן.

כדי צו אַקומולירן, מוז מען איין טייל פון דעם מעהר־פּראָ־

זיך צו רעפּראָדוצירן און צו פּראָדוצירן מעהרוועררטה, און אַז דאָס איינענע איז ריכטיג וועגען יעדען אַקומולירטען קאַפּיטאַל בנוגע די צוגעקומענע קאַפּיטאַלען, וואָס ער ברענגט אַרויס.

דער אורשפּרינגליכער קאַפּיטאַל האָט זיך פאָרמירט דורך דעם אויסלעג פון 10,000 פונט סט. פון וואַנען האָט זיי זייער בעזיצער גענומען? „דורך זיין אייגענער אַרבייט און דער אַרבייט פון זיינע אורעלטערן!” ענטפערן אונז איינשטימיג די וואָרט־פיהרער פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.***[21] און פאַקטיש זעהט אויס זייער השערה צו זיין די איינציגע, וואָס פּאַסט זיך צו די געזעצען פון סחורה־פּראָדוקציאָן, לויט וועלכע נאָר עקוויוואַלענטען טוישען זיך דורכשניטליך אויס און יעדערער קאָן קויפען סחורה נאָר מיט סחורה.

גאַנץ אַנדערש שטעהט די זאַך מיט דעם צוגעקומענעם קאַפּיטאַל פון 2000 פונט סט. דעם פּראָצעס פון זיין ענטשטעהונג ווייסען מיר גאַנץ גענוי. ער איז קאַפּיטאַליזירטער מעהרוועררטה. פון זיין אורשפּרונג אָן ענטהאַלט ער ניט קיין איינציג ברעקעל ווערטה, וואָס שטאַמט ניט אָב פון ניט־בעצאָהלטער פרעמדער אַרבייט. די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, מיט וועלכע די צוגעקומענע אַרבייט־קראַפט ווערט פערקערפּערט, אַזוי גוט ווי די לעבענס־מיטלען, אויף וועלכע זי האַלט זיך אויף, זיינען נישט מעהר ווי די בעשטאַנד־טיילען פון דעם מעהר־פּראָדוקט, פון דעם שטייער (טריבוט), וואָס דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס רייסט יעהרליך אַרויס פון דעם אַרבייטער־קלאַס. ווען אַפילו דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס קויפט מיט אַ טייל פון דעם שטייער די דאָזיגע צוגעקומענע אַרבייט־קראַפט און בעצאָהלט זאָגאַר דעם פולען פּרייז, אַזוי אַז אַן עקוויוואַלענט ווערט אויסגעטוישט אויף אַן עקוויוואַלענט — בלייבט עס אַלץ דיזעלבע מעשה ווי מיט יענעם ערן־בערער, וועלכער קויפט סחורה ביי די בעזיגטע מיט דעם געלד, וואָס ער האָט פון זיי אַוועקגערויבט.

ווען דער צוגעקומענער קאַפּיטאַל בעשעפטיגט דעמזעלביגען אַרבייטער, וועלכער האָט איהם פּראָדוצירט, מוז דער אַרבייטער

***[21] „די אורשפּרינגליכע אַרבייט, וועמען קאַפּיטאַל פערדאַנקט זיין ענטשטעהונג.” (זיסמאָנדי, „נייע פּרינציפּען פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע” (פראַנצויזיש) באַנד I, ז. 109.)

צוגעקומענע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וואָס געפינען זיך שוין אין דער יעהרליכער פּראָדוקציאָן, און די פערוואַנדלונג פון מעהרווערטה אין קאַפּיטאַל איז פאַרטיג. קאָנקרעט בעטראַכט, לעזט זיך אויף די אקומולאַציע אין דער רעפּראָדוקציאָן פון קאַפּיטאַל אויף אַ וואָס ווייטער אַלץ מעהר אויסגעברייטערטען מאַסשטאַב. דער קרייז־לויף פון דער איינפאַכער רעפּראָדוקציאָן שפּרייט זיך אויס און פערוואַנדעלט זיך, ווי זיסמאָנדי דריקט זיך אויס, אין אַ ספּיראַל.**[21]

לאָמיר זיך איצטער אומקעהרען צו אונזערביישפּיעל. עס איז די אַלטע געשיכטע: אברהם הוליד את יצחק, יצחק הוליד את יעקב א. אז. וו. דער אורשפּרינגליכער קאַפּיטאַל פון 10,000 פונט סט. ברענגט אַ מעהרווערטה פון 2000 פונט סט., וועלכער ווערט קאַפּיטאַליזירט. דער נייער קאַפּיטאַל פון 2000 פונט סט., וועלכען מיר וועלען אָנרופען צוגעקומענער קאַפּיטאַל נומר 1, ברענגט אַ מעהרווערטה פון 400 פונט סט. ווען זיין איינטיילונג אין קאָנסטאַנטען און וואַריאַבלען קאַפּיטאַל און די ראַטע פון מעהרווערטה בלייבט דיזעלביגע ווי ביי דעם אורשפּרינגליכען קאַ־פּיטאַל. אָט דער מעהרווערטה ווערט ווידער קאַפּיטאַליזירט, ער ווערט פערוואַנדעלט, הייסט עס, אין אַ צווייטען צוגעגעבענעם קאַפּיטאַל — צוגעקומענער קאַפּיטאַל נומר 2 — און ברענגט אַ נייעם מעהר ווערטה פון 80 פונט סט. א. אז. וו.

מיר לאָזען דאָ אויס פון בעטראַכט דעם טייל פון׳ם מעהר־ווערטה, וואָס דער קאַפּיטאַליסט פערצעהרט. אונז אינטערעסירט אויך פונקט אַזוי ווייניג אין דעם מאָמענט, צי די צוגעקומענע קאַפּיטאַלען ווערן פערבונדען מיט דעם אורשפּרינגליכען קאַפּיטאַל, אָדער זיי ווערן אָבגעטיילט פון איהם און פערווערטעט זעלבשטענ־דיג; צי דערזעלביגער קאַפּיטאַליסט, וועלכער האָט זיי אקומו־לירט, נוצט זיי אויס, אָדער ער גיט זיי איבער אַנאַנדערן. מיר דאַרפען נאָר ניט פערגעסען, אַז נעבען אָט די ניי־געבילדעטע קאַפּיטאַלען הערט דער אורשפּרינגליכער קאַפּיטאַל אַלץ ניט אויף

**[21] זיסמאָנדי׳ס אַנאַליז פון דער אַקומולאַציע האָט דעם גרויסען פעה־לער, וואָס ער בענוגענט זיך צופיעל מיט דער פראַזע „פערוואַנדלונג פון רעוועניו [הכנסה] אין קאַפּיטאַל“, ניט אויספאָרשענדיג די מאַטעריעלע בע־דינגונגען פון דער דאָזיגער אָפּעראַציע.

גינעלען קאפיטאל — א קויף, וועלכער האט געשטימט מיט די גע־זעצען פון סחורה־אויסטויש און וועלכער, יורידיש בעטראכט, איז מ׳שער נישט מעהר ווי א פרייען רשות מצד דעם ארבייטער אויף זיינע אייגענע פעהיגקייטען און מצד דעם געלד־ אדער סחורה־בעזיצער אויף די ווערטהען, וואס געהערן איהם; אויף ווי ווייט דער צוגעקומענער קאפיטאל נומר 2 א. אז. וו. איז בלויז א רע־זולטאט פון דעם צוגעקומענעם קאפיטאל נומר 1, איז, הייסט עס, א קאנזעקווענץ פון יענער ערשטער שייכות; אויף ווי ווייט יעדע איינצעלנע טראנזאקציע שטימט נאכאנאנד מיט דעם געזעץ פון סחורה־אויסטויש: דער קאפיטאליסט קויפט שטענדיג די אר־בייט־קראפט, דער ארבייטער פערקויפט זי שטענדיג, און מיר ווע־לען אננעהמען אפילו, אז דער קויפט זי און יענער פערקויפט זי פאר איהר ווירקליכען ווערטה — איז קלאר, אז דאס געזעץ, וואס רוהט אויף דער סחורה־פראדוקציאן און דער סחורה־צירקולאציע, אדער דאס געזעץ פון פריוואט־אייגענטום, בייט זיך אום, דורך זיין אייגענער, אינערליכער, אונפערמיידליכער דיאלעקטיק אין זיין דירעקטען היפך. דער אויסטויש פון עקוויוואלענטען, וואס האט זיך בעוויזען אלס די אורשפרינגליכע אפעראציע, האט זיך אזוי אומגעדרעהט, אז איצט איז עס נאר אן אויסטויש לפנים. ווארים ערשטענס איז דער קאפיטאל־טייל, וואס ווערט אויסגעטוישט אויף ארבייט־קראפט, אליין נישט מעהר ווי א טייל פון דעם פרעמדען ארבייט־פראדוקט, וואס איז אנגעאייגענט געווארן אהן אן עקוויוואלענט; און צווייטענס מוז דער דאזיגער טייל קאפיטאל ניט נאר צוריק געשאפען ווערן פון זיין פראדוצירער, דעם ארבייטער, נאר ער מוז נאך וויעדער געשאפען ווערן מיט א נייעם מעהר־פראדוקט. די שייכות פון אויסטויש צווישען קאפיטאליסט און ארבייטער ווערט אויף דעם אופן בלויז א בלענדעניש, וואס גע־הערט צו דעם צירקולאציאנס־פראצעס, נאר א פארם, וועלכע איז פרעמד דעם אינהאלט גופא און מיסטיפיצירט איהם נאר. דער שטענדיגער קויף און פערקויף פון דער ארבייט־קראפט איז די פארם. דער אינהאלט איז, אז דער קאפיטאליסט בייט שטענדיג וויעדער אויס א טייל פון דער שוין־מאטעריאליזירטער פרעמדע־ארבייט, וועלכער ער אייגענט זיך אן נאכאנאנד אהן אן עקוויוואַ־לענט, אויף אלץ א גרעסערן סכום לעבעדיגער פרעמדער ארבייט.

ניט נאָר פאַרטזועצען צו פערוועַרטען דעם אורשפּרינגליכען קאפּיטאל, נאָר ער מוז פון דאס ניי קויפען די פּרוכט פון זיין פריהערדיגער ניט־בעצאָהלטער ארבייט מיט מעהר צוגעקומענער ארבייט איידער זי האָט געקאָסט. בעטראַכט מען אָט דעם גאנג ווי א טראנזאקציע, ווי א געשעפט, צווישען דעם גאנצען קאפּיטאליסטישען קלאַס און דעם גאנצען ארבייטער־קלאַס, דאן מאכט עס קיין ענדערונג ניט אין דער זאַך, אויב צוגעקומענע ארבייטער ווערן בעשעפטיגט מיט דער ניט־בעצאָהלטער ארבייט פון די פריהערבעשעפטיגטע ארבייטער. דער קאפּיטאליסט קאָן אפילו פערווענדען דעם צוגעקומענעם קאפּיטאל צו קויפען א מאשין, וועלכע ווארפט ארויס דעם פּראָדוצירער פון דעם דאָזיגען קאפּיטאל אויף'ן גאס און שטעלט אוועק אויף זיין אָרט א פּאָר קינדער. אין יעדען פאל האָט דער ארבייטער־קלאַס דורך זיין היי־יאָהריגער ארבייט געשאפען דעם קאפּיטאל, וואָס וועט בעשעפטיגען די צוגעקומענע ארבייט דעם נעקסטען יאָהר.[22] אָט דאָס איז, וואָס מען רופט: שאפען קאפּיטאל דורך קאפּיטאל.

די אקומולאציע פון דעם ערשטען צוגעקומענעם קאפּיטאל פון 2000 פונט סט. איז משער א ווערטה־סומע פון 10,000 פונט סט., וואָס דער קאפּיטאליסט האָט אויסגעלעגט, און וועלכע געהערט צו איהם על פּי רעכט פון זיין „אורשפּרינגליכער ארבייט.” דער צווייטער צוגעקומענער קאפּיטאל פון 400 פונט סט. איז משער, פערקעהרט, בלויז די פריהערדיגע אקומולאציע פון די 2000 פונט סט., פון וועלכע ער איז דער קאפּיטאליזירטער מעהרווערטה. אייגענטום אין עבר'דיגער אונבעצאָהלטער ארבייט ווערט איצטער דער איינציגער בעדינג פאר דער געגענוועַרטיגער אָנאייגענונג פון לעבעדיגער אונבעצאָהלטער ארבייט אויף א שטענדיגוואַקסענדען מאָסשטאב. וואָס מעהר דער קאפּיטאליסט האָט אקומולירט, אלץ מעהר קאָן ער אקומולירן.

אויף ווי ווייט דער מעהרווערטה, כּון וואָס עס בעשטעהט דער צוגעקו־מענער קאפּיטאל נומר 1, איז געווען א רעזולטאט פון דעם קויף פון דער ארבייט־קראַפט דורך א טייל פון דעם אָרי־

[22] „די ארבייט שאפט דעם קאפּיטאל איידער דער קאפּיטאל ווענדעט אן די ארבייט.” E. G. Wakefield, "England and America." 1833, v. II, p. 110.

מיטלען, וואָס געהערן צו איהם, מיט דער הילף פון דער ארבייט וואָס געהערט שוין איצט אויך צו איהם, אין א נייעם פּראָדוקט, וועלכער געהערט אויך צו איהם על פּי רעכט.

דער ווערטה פון דעם דאָזיגען פּראָדוקט שליסט איין ערשטענס: דעם ווערטה פון די פערברויכטע פּראָדוקציאָנס־מיטלען. די ניצליכע ארבייט קאָן ניט פערברויכען די דאָזיגע פּראָדוקציאָנס־מיטלען אוואו זי טראָגט ניט אריבער זייער ווערטה אויף דעם נייעם פּראָדוקט; כדי אָבער די ארבייט־קראַפט זאָל זיין פערקויפליך, מוז זי זיין אימשטאַנד צו ליפערן ניצליכע אר־בייט אין דעם צווייג פון דער אינדוסטריע, וואו זי דארף פערווענ־דעט ווערן.

דער ווערטה פון דעם נייעם פּראָדוקט שליסט ווייטער איין: דעם עקוויוואַלענט פון דעם ווערטה פון דער ארבייט־קראַפט און א מעהרווערטה. און דאָס איז פּונקט דעריבער, ווייל די ארבייט־קראַפט, וואָס איז פערקויפט געוואָרן פאַר א בעשטימטער צייט, א טאָג, א וואָך, א. אז. וו. בעזיצט וועניגער ווערטה איידער איהר גע־ברויך אין משך פון דער דאָזיגער צייט שאַפט. דער ארבייטער אָבער האָט געקראָגען בעצאָהלט דעם טוישווערטה פון זיין ארבייט־קראַפט און האָט דערמיט אָבגעגעבען איהר געברויך־ווערטה — ווי דאָס איז דער פאַל ביי יעדען קויף און פערקויף.

דאָס, וואָס אָט די ספּעציעלע סחורה ארבייט־קראַפט האָט דעם אייגענטימליכען געברויך־ווערטה צו ליפערן ארבייט און פאָלג־ליך צו שאַפען ווערטה, ענדערט אויף קיין האָר ניט דעם אלגעמיי־נעם געזעץ פון דער סחורה־פּראָדוקציאָן. אויב דעריבער די ווערטה־סומע, וואָס איז אויסגעלעגט געוואָרן אין ארבייט־לוין, קומט ניט נאָר ווידער ארויס אין דעם פּראָדוקט, נאָר זי קומט ארויס פערגרעסערט מיט א מעהרווערטה, נעהמט זיך דאָס ניט פון אָבנאַרן דעם פערקויפער, וועלכער האָט דאָך בעקומען דעם ווערטה פון זיין סחורה, נאָר בלויז פון דעם פערברויך פון דער דאָזיגער סחורה דורכ'ן קויפער.

דאָס געזעץ פון אויסטויש שטעלט דעם בעדינג פון גלייכ־הייט נאָר פאַר די טוישווערטהען פון די סחורות, וואָס ווערן אוועק־געגעבען איינע פאַר דער אנדערער. עס שטעלט אפילו לכתחילה דעם בעדינג פון פערשיידענהייט פון זייערע געברויך־ווערטהען,

לכתחילה האט זיך אונז בעוויזען, אז דאס אייגענטום־רעכט איז בעגרינדעט אויף אייגענער ארבייט. ווענינגסטענס האט אזא השערה געמוזט אנגענומען ווערן, היות ווי עס שטעהען איינע אנט־קעגען די אנדערע נאר גלייכבערעכטיגטע סחורה־בעזיצער, און דער מיטעל ווי זיך אנצואייגענען א פרעמדע סחורה איז נאר אבצוגע־בען די אייגענע סחורה, וועלכע קאן אבער ווידער געשאפען ווערן נאר דורך ארבייט. אייגענטום ערשיינט איצטער מצד דעם קא־פיטאליסט אלס דאס רעכט אנצואייגענען זיך פרעמדע אונבע־צאהלטע ארבייט אדער איהר פראדוקט, מצד דעם ארבייטער — אלס אונמעגליכקייט זיך אנצואייגענען זיין אייגענעם פראדוקט. די צושיידונג צווישען אייגענטום און ארבייט ווערט די נויטווענ־דיגע קאנזעקווענץ פון א געזעץ, וואס האט זיך פון אויבען־אויף גענומען פון זייער אידענטיטעט [פון דעם געדאנק, אז אייגענטום און ארבייט זיינען איין זאך].[23]

די קאפיטאליסטישע מעטאדע פון אננעהמען רייכטום שיינט צו געהן דירעקט להיפך צו די געזעצען פון סחורה־פראדוקציאן, זי נעהמט זיך אבער טראץ דעם בשום אופן ניט פון א פערלעצונג פון די דאזיגע געזעצען, זאנדערן אין געגענטייל פון זייער אנווענ־דונג. כדי דאס צו מאכען קלאר, איז גענוג צו ווארפען א בליק צוריק אויף די כסדר׳דיגע פאזען פון דער בעוועגונג, וועלכע פיהרט צו דער אקומולאציע פון קאפיטאל.

מיר האבען געזעהן צוערשט, אז די אורשפרינגליכע פער־וואנדלונג פון א ווערטה־סומע אין קאפיטאל איז פארגעקומען דורכאוים אין איינקלאנג מיט די געזעצען פון אויסטויש. איינער פון די אויסטוישער פערקויפט זיין ארבייט־קראפט, דער אנדערער קויפט זי. דער ערשטער בעקומט דעם ווערטה פון זיין סחורה, און דערמיט גיט ער אב איהר געברויך־ווערטה — די ארבייט — צו דעם צווייטען. דער לעצטער פערוואנדעלט די פראדוקציאנס־

---

[23] דעם קאפיטאליסט׳ס רעכט פון אייגענטום אויף דעם פרעמדען ארבייט־פראדוקט „איז א שטרענגע קאנזעקווענץ פון דעם געזעץ פון אנאייגענונג, וועמעס פונדאמענטאלער פרינציפ איז געוועזן פערקעהרט דער אויסשליסליכער אייגענטומס־טיטעל פון יעדען אויף דעם פראדוקט פון זיין אייגענער ארבייט.“ (שערביליע, „רייך אדער ארים“, פאריז 1841, ז. 58, וואו אט דער דיאלעק־טישער איבערקעהר ווערט אבער ניט ענטוויקעלט ריכטיג.)

ארבייטער) יעדען יאהר א נייעם רעכט דערויף דורך נייער ארבייט; די אנדערע (די קאפיטאליסטען) האָבען שוין פריהער בעקומען דערויף א שטענדיגען רעכט דורך אורשפּרינגליכער ארבייט.** די ארבייט איז אָבער ניט דער איינציגער געביט, אויף וועלכען די בכורה שאפט וואונדער.

די לאגע ענדערט זיך אויך ניט, ווען די איינפאכע רעפּראָדוקציאָן ווערט פערביטען דורך דער רעפּראָדוקציאָן אויף א ברייטערן מאָסשטאב — דורך דער אקומולאציע. אין דעם ערשטען פאל פערהוליעט דער קאפיטאליסט דעם גאנצען מעהרווערטה, אין דעם אנדער פאל בעווייזט ער זיין בירגערליכע טוגענד דערמיט, וואָס ער פערצעהרט נאָר איין טייל און פערוואנדעלט דאָס איבעריגע אין קאפיטאל.

דער מעהרווערטה איז זיין אייגענטום, ער האָט קיינמאָל צו קיין אנדערן ניט געהערט. ווען ער לעגט איהם אויס אין דער פּראָדוקציאָן, מאַכט ער דעם אויסלעג פון זיין אייגענעם בעזיץ, פונקט ווי אין דעם טאָג, ווען ער האָט בעטראָטען דעם מארק צום ערשטען מאָל. אז דער בעזיץ שטאמט דאָס מאָל פון דער אונבעצאָהלטער ארבייט פון זיינע ארבייטער, האָט מיט דער זאך אבסאָלוט גאָר ניט צו טהאָן. אויב דער ארבייטער ב ווערט בעשעפטיגט מיט דעם מעהרווערטה, וואָס דער ארבייטער א האָט פּראָדוצירט, איז ערשטענס האָט א געליפערט דעם דאָזיגען מעהרווערטה, בעקומענדיג דעם גערעכטען פרייז פון זיין סחורה, פון וועלכען מען האָט ביי איהם א פרוטה ניט אָבגעריסען; און צווייטענס געהט דער גאנצער געשעפט איבערהויפּט ניט אָן דעם ארבייטער ב. דאָס איינציגע, וואָס ב פערלאנגט און וואָס ער האָט א רעכט צו פערלאנגען, איז, אז דער קאפיטאליסט זאָל איהם צאָהלען דעם ווערטה פון זיין ארבייט־קראפט. „ביידע האָבען נאָך געוואונען: דער ארבייטער, ווייל מען האָט איהם אויסגעלעגט די פרוכט פון זיין ארבייט (ריכטיגער דארף מען זאָגען: פון דער אונבעצאָהלטער ארבייט פון אנדערע ארבייטער) איידער זי איז דורכגעפיהרט געוואָרען (ריכטיגער געזאָגט: איידער זיין ארבייט האָט געטראָגען פרוכט); דער באָס, ווייל די ארבייט פון דעם

** ד. ג. ז. 111.

און האָט לחלוטין גאָר ניט צו טהאָן מיט זייער פערברויך, וואָס פאַנגט זיך ערשט אָן נאָך דעם געשלאָסענעם און דורכגעפיהרטען מסחר.

די אורשפּרינגליכע פערוואַנדלונג פון געלד אין קאַפּיטאַל ווערט פאָלגליך דורכגעפיהרט אין דעם גענויעסטען איינקלאַנג מיט די עקאָנאָמישע געזעצען פון סחורה־פּראָדוקציאָן און מיט דעם איי־גענטום־רעכט, וואָס ווערט דערפון ארויסגעבראַכט. טראָץ דעם אָבער איז איהר רעזולטאַט:

1. אַז דער פּראָדוקט געהערט דעם קאַפּיטאַליסט און ניט דעם אַרבייטער;

2. אַז דער ווערטה פון דעם דאָזיגען פּראָדוקט שליסט איין, אַ חוץ דעם ווערטה פון דעם אויסגעלעגטען קאַפּיטאַל, אויך אַ מעהר־ווערטה, וועלכער האָט דעם אַרבייטער געקאָסט אַרבייט אָבער דעם קאַפּיטאַליסט האָט ער גאָרנישט געקאָסט, און פונדעסטוועגען ווערט ער דאָס געזעצמעסיגע אייגענטום פון דעם קאַפּיטאַליסט;

3. אַז דער אַרבייטער האָט אויפגעהאַלטען זיין אַרבייט־קראַפט און קאָן זי פערקויפען פון דאָס ניי, ווען ער געפינט אַ קויפער.

די איינפאַכע רעפּראָדוקציאָן איז נאָר די פּעריאָדישע וויע־דערהאָלונג פון דער דאָזיגער ערשטער אָפּעראַציע; יעדעס מאָל ווערט שטענדיג פון דאָס ניי געלד פערוואַנדעלט אין קאַפּיטאַל. דאָס געזעץ ווערט פאָלגליך ניט געבראָכען; אין גענענטייל, עס קריגט נאָר די געלעגענהייט שטענדיג זיך צו פערווירקליכען. „ווען מעהרערע אויסטויש־אַקטען קומען כסדר פאָר, ווערט נאָר דערמיט דער לעצטער דער רעפּרעזענטאַנט פון דעם ערשטען.“[24]

און פונדעסטוועגען האָבען מיר געזעהן, אַז די איינפאַכע רעפּראָדוקציאָן איז אַליין גענוג צו פערענדערן פון גרונד־אויס דעם כאַראַקטער, וואָס די דאָזיגע ערשטע אָפּעראַציע האָט געהאַט — די פערוואַנדלונג פון געלד אין קאַפּיטאַל — כל זמן מיר בעטראַכ־טען זי ווי אַ פּעראיינצעלטען פּראָצעס. „צווישען די, וועלכע טיילען זיך מיט דער נאַציאָנאַלער הכנסה, בעקומען איינינע (די

[24] זיסמאָנדי, „נייע פּרינציפּען פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע“ (פראַנצ.) באַנד I, ז. 70.

כל זמן די געזעצן פון אויסטויש ווערן אויסגעהאַלטן ביי יעדען אויסטויש־אַקט — פאַר זיך גענומען, — קאָן דער אופן פון אָנ־אייגענונג דורכמאַכען אַ פאָלשטענדיגע איבערקעהרעניש, ניט אָנ־ריהרענדיג דערביי אין קיין פאַל דאָס אייגענטום־רעכט, וואָס איז געבויט אויף דער סחורה־פּראָדוקציאָן. דאָסזעלביגע רעכט שטעהט אין קראַפט, אַזוי ווי אין אָנפאַנג, ווען דער פּראָדוקט גע־הערט דעם פּראָדוצירער און ווען ער קאָן זיך מאַכען רייכער נאָר דורך אייגענער ארבייט, אויסטוישענדיג אַן עקוויוואַלענט אויף אַן עקוויוואַלענט, אַזוי אויך אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּעריאָדע, ווען דער געזעלשאַפטליכער רייכטום ווערט אין אַלץ אַ שטייגענדער מאָס דאָס אייגענטום פון די, וועלכע זיינען אין דער לאַגע זיך שטענדיג אָנצואייגענען פון דאָס נייע די אונבעצאָהלטע ארבייט פון אנדערע מענשען.

דער דאָזיגער רעזולטאַט ווערט אונפערמיידליך, וויבאַלד די ארבייט־קראַפט ווערט פון דעם ארבייטער גופא פריי פערקויפט ווי אַ סחורה. אָבער טאַקע ערשט פון דאַמאָלסט אָן ווערט די סחורה־פּראָדוקציאָן פעראַלגעמיינערט און ווערט די טיפּישע פּראָ־דוקציאָנס־פאָרם; ערשט פון דאַמאָלסט אָן ווערט יעדער פּראָ־דוקט לכתחילה פּראָדוצירט פאַר'ן פערקויף און דער גאַנצער פּראָ־דוצירטער רייכטום געהט דורך דורך דער צירקולאַציע. ערשט דאָ, וואו די לוין־ארבייט האָט איהר באַזיס, צווינגט זיך ארויף די סחורה־פּראָדוקציאָן אויף דער גאַנצער געזעלשאַפט; אָבער ערשט דאָ אַנטוויקעלט זי אויך אַלע איהרע פערבאָרגענע קרעפ־טען. זאָגען אַז דאָס אריינטרעטען פון דער לוין־ארבייט טרייבט די סחורה־פּראָדוקציאָן אויף אַ פאַלשען וועג, איז אַלץ איינס ווי צו זאָגען, אַז די סחורה־פּראָדוקציאָן טאָר זיך ניט ענטוויקלען, כדי זי זאָל בלייבען ניט פערפאַלשעוועט. אין דערזעלבער מאָס ווי זי בילדעט זיך אויס לויט איהרע אייגענע געזעצן אין אַ קאַ־פּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן, אין דערזעלביגער מאָס בייטען זיך אום די אייגענטום־געזעצן פון דער סחורה־פּראָדוקציאָן אין גע־זעצען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָנאייגענונג. מען מוז דעריבער בעוואונדערן פּרודאָנ'ס פיפיגקייט, וועלכער וויל אָבשאַפען דאָס קאַפּיטאַליסטישע אייגענטום, דערמיט וואָס ער שטעלט אויף אַנט־

דאָזיגען ארבייטער איז געווען ווערטח מעהר איידער זיין לוין (ריכטיגער געזאָגט: האָט פּראָדוצירט מעהר ווערטה איידער דער ווערטה פון זיין לוין).**[24]

גאַנץ געוויס זעהט די זאַך גאָר אנדערש אויס ווען מיר בעטראַכ־טען די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן אין דעם ניט־אונטערבראָ־כענעם פלוס פון איהר בענייאונג, און אָנשטאָט דעם איינצעלנעם קאַפּיטאַליסט און דעם איינצעלנעם ארבייטער האַלטען מיר אין אויג דעם כלל, דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס און אנטקעגען איהם דעם ארבייטער־קלאַס. דערמיט אָבער וואָלטען מיר אויפגעשטעלט א מאָסשטאַב, וועלכער איז דער סחורה־פּראָדוקציאָן גאַנץ פרעמד.

אין דער סחורה־פּראָדוקציאָן שטעהען איינער אנטקעגען אַנ־דערן און אונאבהענגיג איינער פון דעם אנדערן נאָר דער פער־קויפער און קויפער. זייערע געגענזייטיגע בעציהונגען זיינען גע־ענדיגט, ווען עס געהט אויס דער אָבמאַך, וואָס איז געשלאָסען גע־וואָרן צווישען זיי. אויב דער עסק חזר'ט זיך איבער, קומט עס פאָר אלס רעזולטאַט פון א נייעם אָבמאַך, וואָס האָט גאָר ניט צו טהאָן מיט דעם פריהערדיגען, און עס איז נאָר א צופאַל, וואָס דערזעלביגער קויפער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט דעמזעל־ביגען פערקויפער.

וויל מען, הייסט עס, בעטראַכטען די סחורה־פּראָדוקציאָן אָדער א וועלכען עס איז פּראָצעס, וואָס געהערט צו איהר, לויט איהרע אייגענע עקאָנאָמישע געזעצען, דאַן מוזען מיר בעטראַכטען יעדען אקט פון אויסטויש פאַר זיך, אויסערהאַלב יעדען צוזאַמענהאַנג מיט דעם אויסטויש־אקט, וואָס איז געקומען פאַר איהם, ווי אויך מיט דעם, וואָס קומט נאָך איהם. און אזוי ווי אָבמאַכען פון קויף און פערקויף ווערן אָבגעשלאָסען נאָר צווישען איינצעלנע אינדי־ווידומען, לאָזט זיך על פּי שכל ניט זוכען דעריין קיינע בעציהונגען צווישען גאַנצע געזעלשאַפט־קלאַסען.

ווי לאַנג עס זאָל ניט זיין דער כסדר'דיגער גאַנג פון די פּע־ריאָדישע רעפּראָדוקציאָנען און די פריהער־געקומענע אקומולאַ־ציעס, וואָס דער היינט־פונקציאָנירענדער קאַפּיטאַל האָט דורכגע־מאַכט, האַלט ער אַלץ אויף זיין אורשפּרינגליכע יונגפרוילינקייט.

**[24] ד. ג. ז. 135.

2. די טעות'דיגע אויפפאַסונג פון דער רעפּראָדוקציאָן אויף אַן אויסגעברייטערטען מאַסשטאַב מצד דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

איידער מיר נעהמען זיך אונטערזוכען איינינע נענויערע בעשטימונגען פון דער אַקומולאַציע אָדער צוריקפּערוואַנדלונג פון מעהרווערטה אין קאַפּיטאַל, מוז מען אָב'פּטר'ן אַ געוויסען צווייריטיגען בעגריף, וואָס איז אריינגעבראַכט נעוואָרן פון דער קלאַסישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

פּונקט ווי וועניג די סחורות, וואָס דער קאַפּיטאַליסט קויפט מיט אַ טייל פון דעם מעהרווערטה פאַר זיין אייגענער קאָנזומציאָן, דיענען איהם אַלס פּראָדוקציאָנס־ און פערווערטונגס־מיטלען, פּונקט אַזוי וועניג איז די ארבייט, וועלכע ער קויפט פאַר דער בעפריעדיגונג פון זיינע נאַטירליכע און געזעלשאַפטליכע בעדערפענישען, פּראָדוקטיווע ארבייט. אָנשטאָט צו פערוואַנדלען, דורך דעם קויף פון די דאָזיגע סחורות און ארבייט, דעם מעהרווערטה אין קאַפּיטאַל, פערצעהרט ער אָדער גיט איהם גאָר פערקעהרט אויס אַלס הכנסה. אין גענענזאַץ צו דער אַלט־פּריצישער פיהרונג, וועלכע ווי העגעל זאָגט, „בעשטעהט אין פערצעהרן וויפיעל עס איז פאַראַן” און וועלכע דריקט זיך אויס בעזונדערס ברייט אין דעם לוקסוס פון פּערזענליכער דיענערשאַפט, האָט די בורזשואַזע עקאָנאָמיע געהאַלטען פאַר העכסט וויכטיג, צו פּראָקלאַמירן די אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל אַלס די ערשטע בירגער־פליכט און צו פּרעדיגען אָהן אַן אויפהער, אַז מען קאָן ניט אַקומולירן, ווען מען עסט אויף די גאַנצע הכנסה, אָנשטאָט אויסצוגעבען אַ גוטען טייל דערפון אויף צו דינגען נאָך פּראָדוקטיווע ארבייטער, וועלכע ברענגען איין מעהר איידער זיי קאָסטען. פון דער אַנדער זייט האָט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע געמוזט פּאָלעמיזירן אַנטקעגען דעם פּאָפּולערן פאָראורטייל, וואָס מישט צונויף די קאַפּיטאַליסטישע פּראָ־

יולי, 1859.) דער עקאָנאָמיסט איז ווירקליך צופיעל בעשיידען. נאָכגעהענדינג אין די טריט פון דר. פּריים, האָט ער געקאָנט בעוויזען דורך גענויע רעכענונגען, אַז אויב מען וויל צונעבען דעם קאַפּיטאַל אַלץ וואָס איהם קומט, מוז מען נאָך צולעגען אַנדערע פּלאַנעטען צו אונזער ערד־קוגעל.

קענען דעם — די אייבינע אייגענטום־געזעצן פון דער סחורה־פראָדוקציאָן!

מיר האָבען געזעהן, אז אפילו ביי דער איינפאכער רעפּראָדוקציאָן פערוואנדעלט זיך יעדער אויסגעלעגטער קאפּיטאל, אויף וועלכען אופן ער איז ניט אורשפּרינגליך ערוואָרבען געוואָרן, אין אן אקומולירטען קאפּיטאל אָדער אין קאפּיטאליזירטען מעהר־ווערטה. אָבער אין דעם שטראָם פון דער פּראָדוקציאָן ווערט בכלל יעדער אורשפּרינגליך־אויסגעלעגטער קאפּיטאל א פערשווינדענדע גרויס („מאגניטודאָ וואַנעסצענס" אין מאטעמאטישען זין) אין פערגלייך מיט דעם דירעקט־אקומולירטען קאפּיטאל, דאָס הייסט מיט דעם מעהרווערטה אָדער מעהר־פּראָדוקט, וואָס איז צוריק פערוואנדעלט געוואָרן אין קאפּיטאל, סיי עס פונקציאָנירט איצט אין דער האנד, וועלכע האָט איהם אקומולירט, אָדער אין א פרעמדער האנד. די פּאָליטישע עקאָנאָמיע שטעלט דעריבער פאָר דעם קאפּיטאל בכלל ווי אן „אקומולירטען רייכטום" (א פערוואנדעלטען מעהרווערטה אָדער הכנסה), „וועלכער ווערט פון דאָס ניי פערווענדעט צו פּראָדוצירען מעהרווערטה,"[25] אָדער זי שטעלט אויך פאָר דעם קאפּיטאליסט ווי „א בעזיצער פון דעם מעהר־פּראָדוקט."[26] דערזעלביגער בליק ווערט נאָר אויסגעדריקט אין אנאנדער פאָרם, ווען מען זאָגט, אז דער גאנצער פאראנענער קאפּיטאל איז אן אקומולירטער אָדער קאפּיטאליסטישער צינז, וואָרים דער צינז איז בלויז א ברוך־טייל פון מעהרווערטה.[27]

[25] „קאפּיטאל — דאס איז אקומולירטער רייכטום, וואס ווערט פערטאן אין געשעפט מיט דער אבזיכט צו מאכען פּראפיט." (מאלטוס, „פּרינסיפּלס אוו פּאליטיקאל עקאנאמי", ז. 262.) „קאפּיטאל בעשטעהט פון רייכטום, וועלכער איז אבגעשפּארט פון דער הכנסה און פערווענדעט מיט דער אבזיכט צו מאכען פּראפּיט." E. Jones, "An Introductory Lecture on Political Economy," London 1833, p. 16.

[26] „די בעזיצער פון א איבערפליסיגען פּראדוקט אדער קאפּיטאל." "The Source and Remedy of the Natural Difficulties. A Letter to Lord John Russel." London 1821.

[27] „קאפּיטאל מיט די פּראצענטען אויף פּראצענטען פאר יעדען טייל פון דעם אבגעשפּארטען קאפּיטאל וואקסט אזוי אונגעוועהנליך, אז דער גאנצער רייכטום פון דער וועלט, וואס גיט א הכנסה, איז שוין פון לאנג אן מעהר נארנישט ווי אמאליגע פּראצענטען פון קאפּיטאל." („לאנדאן עקאנאמיסט", 19

דוקטיווע איז דער כאראקטעריסטישער מאמענט פון דעם אקומו־לאציאנס־פראצעס. אבער דא פאנגט זיך אויך אן איהר טעות. אדאם סמיטה האט געמאכט די מאדע פארצושטעלען די אקו־מולאציע בלויז ווי א קאנזומציאן פון דעם מעהר־פראדוקט דורך פראדוקטיווער ארבייט, אדער אין אנדערע ווערטער: די קאפי־טאליזירונג פון דעם מעהרווערטה בעשטעהט נאר אין זיין פער־וואנדלונג אין ארבייט־קראפט.

לאמיר הערן צוםביישפיעל וואס ריקארדא זאגט: „מען מוז פערשטעהן, אז אלע פראדוקטען פון א לאנד ווערן קאנזומירט; עס מאכט אבער דעם גרעסטען אונטערשייד, וואס מען קאן זיך נאר פארשטעלען, צי זיי ווערן קאנזומירט פון אזעלכע, וועלכע רעפראדוצירן אנאנדער ווערטה, אדער פון אזעלכע, וואס רעפרא־דוצירן ניט קיין אנדער ווערטה. ווען מיר זאגען, אז הכנסה ווערט אבגעשפארט און צוגעלעגט צום קאפיטאל, מיינען מיר, אז דער טייל פון דער הכנסה, וועגען וועלכען עס רעדט זיך, אז ער איז צוגעלעגט געווארען צום קאפיטאל, ווערט פערצעהרט דורך פרא־דוקטיווע אנשטאט דורך אונפראדוקטיווע ארבייטער. עס גיט ניט קיין גרעסערער טעות איידער צו דענקען, אז קאפיטאל ווערט פער־מעהרט דורך ניט־קאנזום."[20]

עס גיט ניט קיין גרעסערן טעות ווי דער, וואס ריקארדא און אלע שפעטערע עקאנאמיסטען פלוידערן נאך נאך אדאם סמיטה, אז „דער טייל פון דער הכנסה, וועגען וועלכען עס רעדט זיך, אז ער איז צוגעלעגט געווארן צום קאפיטאל, ווערט פערצעהרט פון פראדוקטיווע ארבייטער." לויט אט דער פארשטעלונג וואלט יע־דער מעהרווערטה, וואס ווערט פערוואנדעלט אין קאפיטאל, גע־ווארן א וואריאבלער קאפיטאל. אין דער אמת'ן טיילט ער זיך איין, פונקט ווי דער אורשפרינגליך־אויסגעלעגטער ווערטה, אין קאנסטאנטען קאפיטאל און וואריאבלען קאפיטאל, אין פראדוק־ציאנס־מיטלען און ארבייט־קראפט. ארבייט־קראפט איז די פארם, אין וועלכער דער וואריאבלער קאפיטאל עקזיסטירט אין פערלויף פון דעם פראדוקציאנס־פראצעס. אין אט דעם פראצעס ווערט די

[20] ריקארדא, „פרינסיפלס אוו פאליטיקאל עקאנאמי", 3טע אויפלאגע. לאנדאן 1821, ז. 163, ג.

דוקציאָן מיט דער אוצרות־זאמלונג[28] און מיינט דעריבער, אז אקו־מולירטער רייכטום איז ענטוועדער רייכטום, וואָס מען לאָזט ניט צערשטערט ווערן אין זיין עקזיסטירענדער נאטוראל־פאָרם, ד. ה. פערברויכט ווערן, אָדער רייכטום וואָס ווערט אויך צוריקגעצויגען פון דער צירקולאציע. אויסשליסען דאָס געלד פון דער צירקולא־ציע וואָלט אקוראט געווען דער היפך פון זיין פערווערטונג אלס קאפיטאל, און אקומולירן סחורה אין דעם אוצרות־זאמלערישען זין וואָלט געווען א פשוט'ע שטות'עריי.*[28] אָן אקומולאציע פון סחורה אין גרויסע מאסען איז א רעזולטאט פון א געשטאָקטער צירקולאציע אָדער פון איבערפּראָדוקציאָן.[29] עס איז אָבער אמת, אז אין דמיון פון פאָלק שטעלט זיך פון איין זייט פאָר א בילד פון די אָנגעזאמעלטע און לאנגזאם־פערצעהרטע גיטער, וואָס מאכען אויס דעם קאָנזומציאָנס־פאָנד פון די רייכע; און פון דער אנדער זייט די פאָרמירונג פון רעזערווען [זאפּאסען] — אן ערשיינונג, וועלכע געהערט צו אלע פּראָדוקציאָנס־אופנים, און ביי וועלכער מיר וועלען זיך א ווײַלע אָבשטעלען, ווען מיר וועלען קומען צו דעם אנאליז פון דעם צירקולאציאָנס־פּראָצעס.

אזוי ווייט, הייסט עס, איז די קלאסישע פּאָליטישע עקאָ־נאָמיע גערעכט, ווען זי בעטאָנט, אז דער פערברויך פון'ם מעהר־פּראָדוקט דורך פּראָדוקטיווע ארבייטער אָנשטאָט דורך אונפּראָ־

---

[28] „קיין היינטיגער פּאָליטישער עקאָנאָם קאָן ניט מיינען אונטער דעם וואָרט שפּאָרען פּשוט אוצרות־קלייבען. א חוץ דער דאָזיגער בעשרענקטער און ניט־גענוגענדער מעשה, קאָן דער אויסדרוק, וואָס איז נוגע דעם נאציאָנאלען רייכטום, אנגעווענדעט ווערן נאָר אין איין זין, און דער בעציהט זיך אויף דער פערשיידענער פערווענדונג פון דאָס אָבגעשפּאָרטע, וואָס רוהט אויף א ווירקליכען אונטערשייד צווישען די פערשיידענע סאָרטען ארבייט, וואָס ווערן דערמיט אויסגעהאלטען.“ (מאלטוס, „פּרינסיפּלס אָוו פּאָליטיקאל עקאָ־נאָמי“, ז. 38 און 39.)

*[28] אזוי צ. ב. ש. באלזאק, וועלכער האָט אזוי גרינדליך שטודירט אלע שאטירונגען פון קארגקייט, שטעלט פאָר דעם אלטען פּראצענטניק גאָבסעק ווי ער איז שוין געוואָרן אָן עובר בטל, ווען ער האָט אָנגעהויבען צו קלייבען אַן אוצר פון אלערליי סחורות.

[29] „אקומולירונג פון קאפּיטאל . . . אָבגעשטעלטער אויסטויש . . . איבערפּראָדוקציאָן“ Th. Corbet, "An Inquiry into the Causes and Modes of the Wealth of Individuals," London, 1841, page 14.

דוקציאָן לייכט פערשטענדליך. אָבער יעדער בעשטאנד־טייל פון
דער יעהרליכער פראָדוקציאָן מוז געבראכט ווערן אויפ'ן מאַרק,
און דאָ פאנגט זיך אָן די שווערינקייט. די בעוועגונגען פון די
איינצעל־קאפיטאלען און די פערזענליכע הכנסות קרייצען זיך, מי־
שען זיך דורך און פערלירן זיך אין אַן אלגעמיינעם איבערבייט פון
פלעצער — אין דער צירקולאציע פון געזעלשאפטליכען רייכטום —
וועלכער פערווירט דעם בליק און גיט דער אונטערזוכונג זעהר
פערוויקעלטע פראָבלעמען צו לעזען. אין דעם דריטען אָבטייל פון
דעם צווייטען בוך וועל איך געבען דעם אנאַליז פון דעם ווירקלי־
כען צוזאמענהאנג. עס וועט זיך דאָרט ארויסצייגען, אז אַדאַם
סמיטה'ס דאָגמא, וועלכע אַלע זיינע נאָכפאָלגער האָבען איבער־
גענומען בירושה, האָט געשטערט דער פאָליטישער עקאָנאָמיע צו
בעגרייפען אפילו נאָר דעם עלעמענטאַרן מעכאניזם פון דעם גע־
זעלשאפטליכען פראָדוקציאָנס־פּראָצעס. עס איז א גרויס פער־
דיענסט פון די פיזיאָקראטען, וואָס זיי האָבען צום ערשטען מאָל
געמאכט די פראָבע, אין זייער „טאבלאָ עקאָנאָמיק", צו געבען א
בילד פון דער יעהרליכער פראָדוקציאָן אין דער געשטאַלט, אין
וועלכער זי שטעלט זיך אונז פאָר דורכגעהענדיג דעם פּראָצעס
פון דער צירקולאַציע.[32]

[32] אדאם סמיטה אין זיין דערקלערונג פון דעם רעפראדוקציאנס־פראצעס,
און ממילא אויך פון דער אקומולאציע, האט אין אייניגע פרטים ניט נאר ניט
געמאכט קיין פארטשריטען, נאר האט געמאכט פאזיטיווע ריקשריטען אין פער־
גלייך צו זיינע פארגעננער, דערהויפט די פיזיאקראטען. צוזאמען מיט זיין
אילוזיע, וואס איז דערמאנט געווארן אין טעקסט, איז פערבונדען די באמת
פאבעלהאפטע לעהרע, אז דער פרייז פון סחורות איז צוזאמענגעשטעלט פון
ארבייטס־לוין, פראפיט (צינז) און גרונד־רענטע, דאס הייסט בלויז פון אר־
בייטס־לוין און מעהרווערטה. ארויסגעהענדיג פון אט דעם באזים איז ווע־
נגיסטענס סטארך מודה אויף א נאאיווען אופן: „עס איז אונמעגליך אויפ־
צולעזען דעם נויטווענדיגען פרייז אין זיינע איינפאכע עלעמענטען." (סטארך,
„קור ד'עקאנאמי פאליטיק", פעטערבורג 1815, ב. I, ז. 140 נ.) א שעהנע
עקאנאמישע וויסענשאפט, וועלכע דערקלערט, אז עס איז אונמעגליך אויפצולע־
זען דעם פרייז פון סחורות אין זיינע איינפאכסטע עלעמענטען! גענויערעס
וועגען דעם וועט ווערן דערקלערט אין דריטען אבטייל פון 2טען בוך און אין
7טען אבטייל פון דריטען בוך. [זעה אויך „טעאריען איבער דען מעהרווערטה",
ב. I, ז. 164 און ווייטער.]

אַרבייט־קראַפט גופא פערצעהרט פון דעם קאַפּיטאַליסט. זי פערצעהרט דורך איהר פונקציע — די אַרבייט — פּראָדוקציאָנס־מיטלען. אין דערזעלביגער צייט פערוואַנדעלט זיך דאָס געלד, וואָס איז אָבגעצאָהלט געוואָרן איינקויפענדיג די אַרבייט־קראַפט, אין לעבענס־מיטלען, וועלכע ווערן פערצעהרט ניט פון דער „פּראָדוקטיווער אַרבייט", נאָר פון „פּראָדוקטיווע אַרבייטער." אַדאַם סמיטה איז געקומען דורך אַ גרונד־פערקעהרטען אַנאַליז צו דעם אונזיניגען רעזולטאַט, אַז הגם יעדער אינדיווידועלער קאַפּיטאַל טיילט זיך איין אין אַ קאָנסטאַנטען און וואַריאַבלען בעשטאַנד־טייל, לעזט זיך דער געזעלשאַפטליכער קאַפּיטאַל אויף נאָר אין וואַריאַבלען קאַפּיטאַל, אָדער ווערט נאָר אויסגעגעבען אויף צו צאָהלען אַרבייטס־לוין. צום בייישפּיעל, אַ טוך־פאַבריקאַנט פערוואַנדעלט 2000 פונט סט. אין קאַפּיטאַל. ער לעגט אויס איין טייל פון'ם געלד איינצוקויפען וועבער, דעם אַנדער טייל אין וואָלענע גאַרן, מאַשינעריע א. אז. וו. אָבער די מענשען, פון וועמען ער קויפט די גאַרן און די מאַשינעריע, צאָהלען ווידער מיט אַ טייל דערפון פאַר אַרבייט א. אז. וו., ביז די גאַנצע 2000 פונט סט. זיינען אויסגעגעבען אין צאָהלען אַרבייטס־לוין, אָדער דער גאַנצער פּראָדוקט, וואָס איז פאָרגעשטעלט דורך די 2000 פונט סט., איז פערצעהרט דורך פּראָדוקטיווע אַרביימער. עס איז קלאָר, אַז דאָס גאַנצע געוויכט פון דעם אַרגומענט ליעגט אין די ווערטער „און אַזוי ווייטער", וועלכע טרייבען אונז אַרום אַהין און אַהער. פאַקטיש שטעלט אַדאַם סמיטה אָב די אונטערזוכונג גראָד דאָרט, וואו איהרע שוועריגקייטען פאַנגען זיך אָן.[81]

כל זמן מען האַלט נאָר אין אויג די סומע פון דער פּראָדוקציאָן פון גאַנצען יאָהר, איז דער פּראָצעס פון דער יעהרליכער פּראָ־

[81] טראָץ זיין „לאָגיק" דערזעהט ניט הערר דזשאָהן סטוארט מילל אַפּילו אַזאַ פעהלערהאַפטען אַנאַליז פון זיינע פאָרגענגער, וועלכער בעט זיך, פון אַ ריינעם פאַך־שטאַנדפּונקט און אַפּילו אין דעם בורזשואַזען האָריזאָנט, מען זאָל איהר פערריכטען. אומעטום רעגיסטרירט ער מיט דעם דאָגמאַטיזם פון אַ תלמיד די געדאַנקען־פּלאָנטערס פון זיינע לעהרער. אַזוי זאָגט ער דאָ: „דער קאַפּיטאַל גופא לעזט זיך שליסליך אויף פאָלשטענדיג אין לוינען, און ווען ער קעהרט זיך אום דורך דעם פערקויף פון די פּראָדוקטען, פערוואַנדעלט ער זיך ווידער אין לוינען."

ווערן אין קאפיטאל, איז דעריבער אלע מאל גרעסער איידער דער טייל פון דעם מעהרווערטה, וואס איז ווירקליך פערוואנדעלט אין קאפיטאל. וואס ענטוויקעלטער די קאפיטאליסטישע פראדוקציאן איז אין א לאנד, וואס ראשיגער און מאסענהאפטער די אקומולאציע איז, וואס רייכער דאס לאנד איז, וואס קאלאסאלער דעריבער איז דער לוקסוס און די פערשווענדונג — אלץ גרעסער איז אט דער חלוק צווישען דעם סך הכל פון'ם מעהרווערטה און יענעם טייל דערפון, וואס ווערט פערוואנדעלט אין קאפיטאל.

אבגעזעהן פון דעם יעהרליכען צו־וואוקס פון רייכטום, בעזיצט דער רייכטום, וואס געפינט זיך אין קאנזומציאנס־פאנד פון די קאפיטאליסטען און לאזט זיך נאר ביסלעכווייז פערצעהרן, טייל־ווייז נאטוראל־פארמען, אין וועלכע ער וואלט געקאנט דירעקט פונקציאנירן אלס קאפיטאל. צו די פאראנענע עלעמענטען פון רייכטום, וועלכע וואלטען געקאנט פונקציאנירן אין דעם פראדוקציאנס־פראצעס, רעכענען זיך אלע ארבייט־קרעפטען, וואס ווערן אדער גארניט פערברויכט, אדער ווערן פערברויכט פאר ריין קאנסומציאנעל־פערזענליכע און אפט שענדליכע דיענסטלייסטונגען.

די פראפארציע, אין וועלכער דער מעהרווערטה ווערט איינגעטיילט אין קאפיטאל און הכנסה, בייט זיך נאכאנאנד און ווערט בעהערשט דורך אומשטענדען, וועלכע קאנען דא ווייטער ניט ענטוויקעלט ווערן. דער קאפיטאל, וואס ווערט אנגעווענדעט אין א לאנד, איז דעריבער ניט קיין פעסטע נאר א וועקסלענדע גרויס, א שטענדיג־וואריאבלער און עלאסטישער ברוך־טייל פון דעם פאראנענעם רייכטום, וועלכער קאן פונקציאנירן אלס קאפיטאל.

יעדענפאלס איז דאס דער קאפיטאליסט, וועלכער פיהרט דורך די צוטיילונג פון מעהרווערטה אין קאפיטאל און הכנסה. די צוטיילונג איז אלזא אן אקט פון זיין ווילען. מען זאגט, אז ער שפארט דעם טייל אויפגעמאהנטען שטייער (טריבוט), וועלכען ער אקומולירט, ווייל ער עסט איהם ניט אויף, ד. ה. ווייל ער איבט אוים זיין פונקציע אלס קאפיטאליסט — די פונקציע נתעשר צו ווערן.

נאר אזוי ווייט ווי דער קאפיטאליסט איז פערזאניפיצירטער קאפיטאל, האט ער א היסטארישען ווערטה און יענע היסטארישע עקזיסטענץ־בערעכטיגונג, וועלכע „האט ניט קיין דאטום", ווי

עס פערשטעהט זיך איבעריגענס פון זיך אַליין, אז די פּאָ־ליטישע עקאָנאָמיע האָט ניט פערפעהלט אויסצונוצען אַדאַם סמיטה'ס זאַץ אין די אינטערעסען פון דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס: נעמליך, אז דער גאַנצער טייל פון דעם נעט־פּראָדוקט, וואָס איז פערוואַנדעלט אין קאַפּיטאַל, ווערט פערצעהרט פון דעם ארבייטער־קלאַס.

3. די צוטיילונג פון'ם מעהרווערטה אין קאַפּיטאַל און הכנסה. די אבסטינענץ־טעאָריע.

אין פאָריגען קאַפּיטעל האָבען מיר בעטראַכט דעם מעהר־ווערטה, אָדער דעם מעהר־פּראָדוקט, נאָר ווי א אינדיווידועלען קאָנזומציאָנס־פאָנד פון דעם קאַפּיטאַליסט; אין אָט דעם קאַ־פּיטעל האָבען מיר איהם ביז אהער נאָר בעטראַכט ווי אַן אקומו־לאַציאָנס־פאָנד. ער איז אָבער ניט נאָר דאָס איינע אָדער נאָר דאָס אנדערע, ער איז ביידע צוגלייך. איין טייל פון דעם מעהר־ווערטה ווערט פערצעהרט פון דעם קאַפּיטאַליסט אַלס הכנסה,[33] אנאַנדער טייל ווערט אָנגעווענדעט אָדער אקומולירט אַלס קאַ־פּיטאַל.

ווען די מאַסע פון דעם מעהרווערטה איז בעשטימט, איז קלאָר אז די גרויס פון דער אקומולאַציע הענגט אָב פון דער צו־טיילונג פון'ם מעהרווערטה אין אקומולאַציאָנס־פאָנד און קאָנזומ־ציאָנס־פאָנד, אין קאַפּיטאַל און הכנסה. וואָס גרעסער איין טייל איז, אַלץ קלענער איז דער אנדער טייל. די מאַסע פון'ם מעהר־ווערטה אָדער פון דעם מעהר־פּראָדוקט, פאַלגליך פון דעם גרייטען (פערפיגבארען) רייכטום פון א לאַנד, וועלכע קאָן פערוואַנדעלט

---

[33] דער לעזער וועט בעמערקען, אז דאָס וואָרט הכנסה (רעוועניו) ווערט געברויכט אין א טאָפּעלטען זין: ערשטענס צו בעצייכענען דעם מעהרווערטה אַלס די פרוכט וואָס קומט פּעריאָדיש ארויס פון קאַפּיטאַל; צווייטענס צו בעצייכענען דעם טייל פון דער דאָזיגער פרוכט, וועלכער ווערט פּעריאָדיש פער־צעהרט פון דעם קאַפּיטאַליסט, אדער ווערט צוגעלעגט צו זיין קאָנזומציאָנס־פאָנד. איך האָב אָנגעהאַלטען אָט דעם דאָפּעלטען זין, ווייל ער האַרמאָנירט מיט דעם שפּראַך־געברויך פון די ענגלישע און פראַנצויזישע עקאָנאָמיסטען.

קעגען דעם קאפיטאל. די אקומולאציע מיינט — איינגעהמען די וועלט פון געזעלשאפטליכען רייכטום. זי שפרייט אויס צוזאמען מיט דער מאסע פון דעם עקספלואטירטען מענשען־מאטעריאל אויך די דירעקטע און אינדירעקטע הערשאפט פון דעם קאפיטאליסט.[34]

[34] אין דער אלטמאדישער, וועז אפילו שטענדיג בענייטער פארם פון דעם קאפיטאליסט — אין דעם פראצענטניק — בעווייזט לוטהער זעהר גוט, אז די הערשזוכט איז אן עלעמענט פון דער ליידענשאפט אנצוקלייבען רייכטום. „די געצענדיענער האבען געקאנט פערשטעהן מיט זייער שכל, אז א פראצענטניק איז א פיערפאכיגער גנב און מערדער. מיר קריסטען אבער פערעהרען זיי אזויפיעל, אז מיר טהוען שיער ניט תפלה צו זיי פון זייער געלד וועגען. . . דער, וואס זויגט אויס דעם אנדערן זיין נאהרונג, בערויבט און בע'גנב'ט איהם, בעגעהט פונקט אזא מארד (אויף וויפיעל עס העננט אב פון איהם) ווי דער וואס פערהונגערט און פערמוטשעט איינעם צום טויט. אט דאס טהוט דער פראצענטניק און זיצט זיך די גאנצע צייט זיכער אויף זיין שטוהל; ער האט אבער גאר נעדארפט הענגען אויף א תליה, וואו אזויפיעל ראבען זאלען רייסען זיין לייב, וויפיעל גולדען ער האט גע'גנב'ט, און זאל ער האבען פיעל פלייש אויף זיינע ביינער, כדי אזויפיעל ראבען זאלען קאנען אברייסען פון איהם גרויסע שטיקער. דערווייל הענגט מען די קליינע גנבים. . . קליינע גנבים ליעגען אין טורמעס געפאנגען, גרויסע גנבים געהען ארום אין גאלד און פוצען זיך אין זיידענס. . . אט אזוי איז ניטא קיין גרעסערער מענשען־פיינד אויף דער וועלט (נאך דעם טייוועל) ווי א קארגער נייץ און א פראצענטניק, ווארים ער וויל זיין איבער אלע מענשען א גאט. טערקען, קריעג־פיהרער און טיראנען זיינען אויך שלעכטע מענשען, זיי מוזען אבער די מענשען לאזען לעבען, און זיי זיינען מודה, אז זיי זיינען שלעכטע און שונאים. זיי קאנען, און צפטמאל מוזען זיי אפילו רחמנות האבען מיט אייניגע. אבער א פראצענטניק און א נייץ וויל די גאנצע וועלט זאל ליידען הונגער און דורשט, טרויער און נויטה, כדי ער אליין זאל אלץ קאנען האבען, און יעדער איינער זאל דארפען אנקומען צו איהם, ווי צו א גאט און זאל אייביג זיין זיין לייבאייגענער. ער טראגט רייכע קליידער, גאלדענע קעטען, ריננען, האט אן אבגעפרעסענעם פנים, און וויל מען זאל איהם האלטען פאר א טייערן, פרומען מאן. . . וואוכער איז א גרויסער אונגעהויערער מאנסטער, א וואלף, וואס פערוויסט אלעס, ערגער ווי א קאקוס, גארגאן אדער אנטוס. און ער פוצט זיך נאך און מאכט א פרומען פנים, כדי מען זאל ניט זעהן, וואו עס קומען אהין די אקסען, וועלכער ער שלעפט הינטערווייליכץ אין זיין נארע. אבער הערקולעס מוז הערן דעם געשריי פון די אקסען און די געפאנגענע, וועט זוכען דעם קאקוס אין די שטיינער און פעלזען, און וועט בעפרייען די אקסען פון דעם רשע. ווארים קאקוס הייסט א' רשע און דאס איז א פרומער פראצענטניק, וואס

דער גייסטרייכער ליכנאָווסקי זאָגט. און נאָר אויף אַזויפיעל ליגט זיין אייגענע פאַראיבערגעהענדע נויטווענדיגקייט אין דער פאַריבערגעהענדער נויטווענדיגקייט פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן. אָבער אויף וויפיעל ער איז פּערזאָניפיציר־טער קאַפּיטאַל, איז זיין טרייב־מאָטיוו ניט דער געברויך־ווערטה און גענוס, נאָר דער טוישווערטה און די פערמעהרונג פון דעם טויש־ווערטה. אַלס פאַנאַטיקער פון דער פערוווערטונג [פערמעהרונג] פון ווערטה צווינגט ער אָהן אָבהאַלט די מענשהייט צו פּראָדוצירן לשם פּראָדוקציאָן; ער טרייבט אויף דעם אופן צו אַן ענטוויקלונג פון די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקטיוו־קרעפטען און צו דער בעשאַפונג פון מאַטעריעלע פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען, וואָס נאָר זיי אַליין קאָנען געבען דעם רעאַלען באַזיס פון אַ העכערער געזעלשאַפטס־פאָרם, וועמעס גרונד־פּרינציפּ איז די פולע און פרייע ענטוויקלונג פון יעדען אינדיווידום. נאָר אַלס פּערזאָניפיצירונג פון קאַפּיטאַל איז דער קאַפּיטאַליסט רעספּעקטאַבעל. אַלס אַזעלכער האָט ער דיזעלבינע אַבסאָלוטע ליידענשאַפט נתעשר צו ווערן ווי דער אוצרות־קלייבער. דאָס אָבער, וואָס ביי יענעם ווייזט זיך אַרויס ווי אַ אינדיווידועלע משוגעת, איז ביי דעם קאַפּיטאַליסט אַ ווירקונג פון דעם געזעלשאַפטליכען מעכאַניזם, פון וועלכען ער איז נאָר איין טרייב־רעדיל. די ענטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוק־ציאָן מאַכט די שטענדיגע פערגרעסערונג פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס איז אַריינגעלעגט אין אַ אינדוסטריעלער אונטערנעהמונג, פאַר אַ נויטווענדיגקייט, און די קאָנקורענץ לעגט אַרויף אויף יעדען אינ־דיווידועלען קאַפּיטאַליסט די אימאַנענטע געזעצען פון דעם קאַ־פּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן אַלס אויסערליכע צוואַנג־געזע־צען. זי ערלויבט איהם ניט האַלטען זיין קאַפּיטאַל, סיידען ער שפּרייט איהם נאָכאַנאַנד אויס, און אויסשפּרייטען איהם קאָן ער נאָר דורך אַ פאָרטגעזעצטער אַקומולאַציע.

אַזוי ווייט דעריבער ווי זיינע מעשים זיינען נאָר אַ פונקציע פון קאַפּיטאַל, וועלכער איז אין איהם בעגאַבט מיט אַ ווילען און בעוואוסטזיין, רעכענט זיך זיין אייגענער פּריוואַט־קאָנזום ווי אַ רויבעריי, וואָס ווערט בעגאַנגען אַנטקעגען דער אַקומולאַציע פון זיין קאַפּיטאַל — ווי אין דער איטאַליענישער בוכהאַלטונג פיגורירן די פּריוואַט־אויסגאַבען אויף דעם קאַפּיטאַליסט׳ס דעביט־זייט אַנט־

קייט און פאלגליך א מיטעל צו קריגען קרעדיט, אפילו א געשעפטס־נויטווענדיגקייט פאר דעם „אומגליקליכען" קאפיטאליסט. דער לוקסוס רעכענט זיך ווי א טייל פון די קאסטען צו רעפרעזענטירן דעם קאפיטאל. סיי ווי ווערט דער קאפיטאליסט ניט נתעשר, ווי דער אוצרות־קלייבער, לפי ערך פון זיין פערזענליכער ארבייט און זיין פערזענליכען אבהאלטען זיך פון פערצעהרן, נאר אין דעם ערך אויף וויפיעל ער זויגט אויס פרעמדע ארבייט־קראפט און צווינגט דעם ארבייטער זיך צו ענטזאגען פון אלע לעבענס־גענוסען. הגם טאקע די פערשווענדונג פון דעם קאפיטאליסט האט קיינמאל ניט דעם אפען־הערציגען כאראקטער פון דער פערשווענדונג פון דעם ברייטען פריץ (פעאדאל־הערר), נאר פערקעהרט די שמוציגסטע קארגקייט און די אנגסטליכסטע אויסרעכענונג לויערט שטענדיג אין איהר הינטער־גרונד, וואקסט פונדעסטוועגען זיין פערשווענדונג צוגלייך מיט זיין אקומולאציע, און איינע שטערט ניט נויטיגערווייז די אנדערע. דערמיט ענטוויקעלט זיך גלייכצייטיג אין דער שטאלצער ברוסט פון דעם קאפיטאל־אינדיווידום א פאוסטישער קאנפליקט צווישען דער ליידענשאפט פון אקומולאציע און דעם פערלאנג פון גענוס.

„די אינדוסטריע פון מאנטשעסטער", אזוי הייסט עס אין א שריפט, וואס דר. אייקין האט פערעפענטליכט אין יאהר 1795, „קאן איינגעטיילט ווערן אין פיער פעריאדען. אין דער ערשטער פעריאדע זיינען די פאבריקאנטען געווען געצוואונגען שווער צו ארבייטען אויף זייער חיונה." זיי זיינען נתעשר געווארן ספעציעל בערויבענדיג די עלטערן, וואס האבען זיי אבגעגעבען זייערע קינדער אלס לעהרלינגע און שווער געצאהלט פאר זייער לעהרע, בעת די לעהרלינגע זיינען אויסגעמארעט געווארן פון הונגער. פון דער אנדער זייט זיינען די דורכשניטס־פראפיטען געווען נידעריג, און עס האט זיך געפאדערט גרויסע שפארזאמקייט כדי צו קאנען אקומולירן. זיי האבען געלעבט ווי די קמצנים און האבען צומאל ניט פערצעהרט אפילו די צינזען פון זייער קאפיטאל. „אין דער צווייטער פעריאדע האבען זיי שוין אנגעהויבען צו ערווערבען זיך קליינע פערמעגענס, זיי האבען אבער אלץ געארבייט אזוי שווער ווי פריהער," ווארים די דירעקטע עקספלואטאציע פון דער ארבייט

אָבער דער יוצר־הרע ווירקט אומעטום. מיט דער ענטוויק־לונג פון דעם קאפּיטאליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן, מיט דער אקו־מולאציע און דעם רייכטום הערט דער קאפּיטאליסט אויף צו זיין בלויז א פּערזאָניפיקאציע פון קאפּיטאל. דער אלטער אָדאם אין איהם דערוועקט זיין מענשליכען געפיהל און ער ווערט אזוי גע־בילדעט, אז ער לאכט אוים די התפעלות פאר'ן אסקעטיציזם ווי א פאָראורטייל פון דעם אלטמאָדישען אוצרות־קלייבער [עכברא דשכיב על דנרא]. בעת דער קלאסישער קאפּיטאליסט בעצייכענט מיט פעראכטונג דעם אינדיווידועלען קאָנזום אלס א זינד אנטקעגען זיין פונקציאָן [אויפגאבע] און א „ענטהאלטונג" פון דער אקו־מולאציע, איז דער מאָדערניזירטער קאפּיטאליסט בכח אויפצופאַסען די אקומולאציע אלס א „ענטזאגונג" פון זיין גענוס־פערלאנג. „צוויי זעעלען וואָהנען, אך! אין זיינער ברוסט, די איינע וויל זיך פון דער אנדערען טרעננען!" [געטהע אין „פאוסט."]

אין די היסטאָרישע אָנפאנגען פון דעם קאפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן — און יעדער קאפּיטאליסטישער פּארוועני מאכט אינדיווידועל דורך אָט דעם היסטאָרישען שטאדיום — הערשען דער טריעב רייך צו ווערן און די געלד־גייציגקייט אלס אבסאָלוטע ליידענשאפטען. אָבער דער פּאָרטשריט פון דער קאַ־פּיטאליסטישער פּראָדוקציאָן שאפט ניט נאָר א וועלט פון גענוסען. דורך דער ספּעקולאציע און דעם קרעדיט־סיסטעם עפענט ער אויף טויזענד קוואלען פון פּלוצליכען רייך־ווערן. אויף א געוויסער ענטוויקלונגס־הויך ווערט א קאָנווענציאָנעלער גראד פון פערשווענ־דונג, וועלכע איז אין דערזעלביגער צייט אַן ארויסווייז פון רייכ־

גנב'ט, גזל'ט און פרעסט אלץ. ער וויל ניט מודה זיין, אז ער האט עס גע־טאן, און מיינט, אז קיינער וועט דאס ניט אויסגעפינען, ווייל ער האט גע־צווינגען די אקסען הינטערווייליגס אין זיין נארע, וואס ניט דעם אויסזעהן לויט די צייכענס פון די פוס־טריט, אזוי ווי מען וואלט זיי ארויסגעלאזט. אט אזוי וויל דער פראצענטניק אויך נארן די וועלט, אזוי ווי ער וואלט גע־בראכט נוצען און געגעבען דער וועלט אקסען, בעת ער ציהט זיי נאר פאר זיך אליין און פרעסט. . . און וויבאלד די גאסען־רויבער, די מערדער און גזלנים ברעכט מען איבערן ראד און מען קעפּט זיי, היינט וויפיעל מאל מעהרער האט מען געדארפט אלע פראצענטניקעס לאזען אויפ'ן ראד און עדערן. . . פעריאגען, פערפלוכען און קעפּען." (מארטין לוטהער, „צו די פּפארהעררן, ווידער דען וואוכער צו פּרעדיגען". וויטענבערג 1540.)

בייט ליפערט דעם מאַטעריאַל, וועלכען די שפּאָרזאַמקייט אַקו־מולירט."[36] בכן שפּאָרט, שפּאָרט, דאָס הייסט, פּערוואַנדעלט צוריק דעם מעגליכסטען גרעסטען טייל פון'ם מעהרווערטה אָדער מעהר־פּראָדוקט אין קאַפּיטאַל! אַקומולאַציע צוליעב אַקומולאַ־ציע, פּראָדוקציאָן צוליעב פּראָדוקציאָן — אין אָט דער פאָרמולע האָט די קלאַסישע עקאָנאָמיע אויסגעדריקט די היסטאָרישע מיסיע פון דער בורזשואַזער פּעריאָדע. זי האָט זיך אויף א מינוט ניט אָבגענאַרט וועגען די געבורט־וועהען פון דעם רייכטום,[37] אָבער וואָס פאַר א זין האָט עס צו קלאָגען איבער א היסטאָרישער נויט־ווענדיגקייט?

אויב דער פּראָלעטאַריער גילט פאַר דער קלאַסישער עקאָנאָ־מיע נאָר ווי א מאַשין אויף צו פּראָדוצירן מעהרווערטה, גילט איהר אָבער אויך דער קאַפּיטאַליסט ווי א מאַשין אויף צו פּער־וואַנדלען דעם דאָזיגען מעהרווערטה אין מעהר קאַפּיטאַל.

זי נעהמט זיין היסטאָרישע פונקציע אין ביטערן ערנסט. כדי צו בעפרייען דעם קאַפּיטאַליסט'ס האַרץ פון דעם אומגליקליכען קאָנפליקט צווישען דעם חשק פון געניוס און די ליידענשאַפט רייך צו ווערן, האָט מאַלטוס פערטיידיגט, אין אָנפאַנג פון די צוואַנ־ציגער יאָהרען פון דעם היינטיגען [19טען] יאָהרהונדערט, א מין צוטיילונג פון דער ארבייט, וועלכע צייכענט אָן פאַר דעם קאַפּי־טאַליסט, וואָס איז ווירקליך פערנומען מיט דער פּראָדוקציאָן, דעם עסק פון אַקומולאַציע, און פאַר די אַנדערע טיילנעהמער אין דעם מעהרווערטה — דער לאַנד־אַריסטאָקראַטיע, די וואָס ווערן אויס־געהאַלטען פון'ם שטאַאַט און פון דער קירך א. אז. וו. — דעם עסק פון פערשווענדונג. עס איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט, זאָגט ער, „צו האַלטען אָבגעשיידט די ליידענשאַפט אויסצוגעבען

---

[36] Adam Smith, "Wealth of Nations," vol. II, chapter 3.

[37] אפילו זש. ב. סעי זאגט: „די אבשפּארונגען פון די רייכע קומען פאַר אויפ'ן רעכענונג פון די אַרימע." „דער רוימישער פּראָלעטאַריער האט געלעבט כמעט אינגאנצען אויף די קאַסטען פון דער געזעלשאַפט... מען קאַן כמעט זאגען, אז די מאַדערנע געזעלשאַפט לעבט אויף די קאַסטען פון די פּראָלע־טאַריער, פון דעם טייל, וואַס זי נעהמט ביי זיי אַוועק פון דאס, וואַס די אַר־ביט ברענגט איין." (זיסמאַנדי, „עטיודען עטצ.", ב. I, ז. 24.)

קאָסט ארבייט, ווי דאָס ווייס יעדער שקלאַוועןֿטרייבער, „און האָבען געלעבט ווי פריהער אין דעמזעלביגען איינפאַכען סטיל. . . . אין דער דריטער פּעריאָדע האָט זיך אָנגעפאַנגען דער לוקסוס, און דער געשעפט האָט זיך אויסגעשפּרייט, ארויסשיקענדיג רייטער (האַנדעלס־רייזענדע, וואָס פלעגען פאָהרען רייטענדיג) צו קריגען בעשטעלונגען אין יעדער מאַרק־שטאָדט פון גאַנצען קעניגרייך. עס איז וואהרשיינליך, אז פאַר דעם יאָהר 1690 זיינען אָדער גאָר ניט געווען, אָדער נאָר עטליכע קאַפּיטאַלען פון דריי ביז פיער טויזענד פונט סט., וואָס זיינען ערוואָרבען געוואָרן אין דער אינדוסטריע. אַרום אָט דער צייט אָבער, אָדער עטוואָס שפּעטער, האָבען די אינדוסטריע־אונטערנעהמער שוין אָנגעקליבען געלד און האָבען אָנ־געהויבען צו בויען פאַר זיך שטיינערנע הייזער, אָנשטאָט הילצער־נע אָדער ליימענע. . . נאָך אין די ערשטע צעהנער יאָהרען פון 18טען יאָהר הונדערט האָט א מאַנטשעסטער פאַבריקאַנט, וועלכער האָט מכבד געווען זיינע געסט מיט א פלאַש אויסלענדישען וויין, ארויסגערופען בעמערקונגען און קאָפּ־שאָקלען צווישען אלע זיינע שכנים.״ איידער עס האָט זיך בעוויזען מאַשינעריע האָט בע־טראָפען די הוצאה פון א פאַבריקאַנט אין די טראַקטירען, וואו ער פלעגט זיך צוזאַמענקלייבען מיט אנדערע פאַבריקאַנטען יעדען אבענד, קיינמאָל ניט מעהר ווי 6 פּענס פאַר א גלאָז פּונש און א פּעני פאַר א פּעקעל טאַבאַק. ערשט אין יאָהר 1758 — און דאָס בעצייכענט אַן עפּאָכע — האָט מען געזעהן „א מענשען, וואָס פיהרט געשעפט זאָל האָבען אַן אייגענעם עקיפּאַזש"! „די פערטע פּעריאָדע", דאָס לעצטע דריטעל פון 18טען י. ה., איז די פּעריאָדע פון גרויסען לוקסוס און פערשווענדונג, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף אַן אויסשפּרייטונג פון געשעפט."[35] וואָס וואָלט דער גוטער דר. אייקין געזאָגט, ווען ער וואָלט אויפגעשטאַנען פון קבר און געזעהן די היינטיגע מאַנטשעסטער!

אַקומולירט, אַקומולירט! דאָס איז משה און די נביאים! שפּאָרזאַמקייט און ניט ארבייטזאַמקייט (אינדוסטריע) איז די דירעקטע אורזאַך פון דער אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל. „די אַר־

[35] Dr. Aikin, "Description of the Country from 30 to 40 miles round Manchester," London 1792, page 182.

טע נוצען פאר דער אקומולאציע די רויב, וואס ווערט ארויסגעריסען פון דעם ארבייטער, צווישען דעם אינדוסטריעלען קאפיטאליסט און די לעדיג־געהער די גרונד־אייגענטימער א. אז. וו., זיינען פערשטומט געוואָרן מיט דעם אָנקומען פון דער יולי־רעוואָלוציע (אין 1830). א קורצע ווײלע שפעטער האָט דער שטאָדטישער פראָלעטאריאט געקלונגען די שטורם־גלאָק אין ליאָן [פראנקרייך], און דער לאנד־פראָלעטאריאט האָט געלאָזט פליהען דעם רויטען האָהן אין ענגלאנד. אויף דער זייט פון קאנאל האָט זיך פערשפרייט דער אָווענידזם, אויף יענער זייט — דער סען־סימאָניזים און פוריעריזם. עס האָט געשלאָגען די שטונדע פון דער וואולגאר־עקאָנאָמיע. פונקט א יאָהר איידער נאססאו וו. סיניאָר אין מאנטשעסטער האָט ענטדעקט, אז דער פראָפיט (ארייגרעכענענדיג צינזען) פון קאפיטאל איז דער פראָדוקט פון דער ניט־בעצאָהלטער „לעצטער צוועלפטער ארבייטער־שטונדע", האָט ער אָנגעזאָגט דער וועלט אַנאנדער ענטדעקונג. „איך", האָט ער שטאָלץ ערקלערט, „פערבייט דאָס וואָרט קאפיטאל, בעטראכט אלס פראָדוקציאָנס־אינסטרומענט, מיט דעם וואָרט אבסטינענץ (צוריקהאלטונג)".[41] באמת א ניט־איבערטראָפענער מוסטער פון די ענט־

---

[41] סיניאר, „גרונד־פרינציפען פון דער פאליטישער עקאנאמיע", פראנצ. איבערזעצונג, פאריז 1836, ז. 308. דאס איז פאר די אנהענגער פון דער אלטער קלאסישער שוהלע געווען א ביסעל צו נאריש. „הערר סיניאר בייט אוים דעם אויסדרוק ארבייט און קאפיטאל אויף דעם אויסדרוק ארבייט און אבסטינענץ. . . אבסטינענץ איז נישט מעהר ווי א נעגאציע. דער קוואל, וואס שאפט דעם פראפיט איז ניט די אבסטינענץ, נאר דער געברויך פון דעם פראדוקטיוו־פערווענדעטען קאפיטאל." (דזשאהן קאזענאוו אין זיין אויסגאבע פון מאלטוס'עס „דעפינישאנס אין פאליטיקאל עקאנאמי", לאנדאן 1853, ז. 130 נאטע. הערר דזשאהן סטוארט מילל דאגעגען וויעדערהאלט פון איין זייט ריקארדא'ס פראפיטען־טעאריע און נעהמט אן פון דער אנדער זייט סיניאר'ס „שכר פאר אבסטינענץ". ווי פרעמד עס איז פאר איהם דער העגעלשער „ווידערשפרוך", דער שפרינג־קוואל פון יעדער דיאלעקטיק, אזוי היימיש איז ער אין פלאכע ווידערשפרוכען.

הוספה צו דער צווייטער אויסגאבע. דעם וואולגאר־עקאנאם איז קיינמאל אין קאפ ניט געקומען דער איינפאכער געדאנק, אז יעדע מענשליכע האנדלונג קען אויפגעפאסט ווערן ווי א צוריקהאלטונג פון פוילענצען, פוילענצען איז א צוריקהאלטונג פון ארבייטען א. אז. וו. עס וואלט געווען א שכל, ווען די

און די ליידענשאַפט אַנצוקלייבען.״[38] די העררן קאַפּיטאַליסטען, וועלכע זיינען שוין לאַנג געוואָרן לעבע־מענשען און וועלטליכע מענער, האָבען געמאַכט געוואַלטען. וואָס, האָט אויסגעשריען איינער פון איהרע וואָרט־פיהרער, אַ ריקאַרדיאַנער: הערר מאַלטוס פּרעדיגט הויכע גרונד־רענטען, הויכע שטייערן א. אז. וו., כדי די אונפּראָדוקטיווע קאָנזומירער זאָלען האָבען אַ בייטש שטענדיג אָנצוטרייבען די אינדוסטריעלע! גאַנץ געוויס פּראָדוקציאָן, פּראָדוקציאָן אויף אַלץ אַ ברייטערן מאָסשטאַב, דאָס איז דער לאָזונג, אָבער „דורך אַזאַ פּראָצעס ווערט די פּראָדוקציאָן אַ סך מעהר געשטערט איידער געהאָלפען. עס איז אויך ניט גאַנץ יושר'דיג, אויסצוהאַלטען אויף דעם אופן אַ גרופּע פּערזאָנען אין פוילקייט, כדי צו־צוקוועטשען אַנדערע מענשען, וועגען וועלכע מען מעג דענקען, לויט זייער כאַראַקטער, אַז ווען מען וואָלט זיי געקאָנט צווינגען צו פונקציאָנירן, וואָלטען זיי פונקציאָנירט מיט ערפאָלג.״[39] ווי אונ'יושר'דיג ער דענקט, אַז עס איז צו טרייבען דעם קאַפּיטאַליסט צו אַקומולירען, בעת מען שעפּט ביי איהם אַראָב דאָס פעט פון דער זופּ, אַזוי נויטווענדיג איז נאָך זיין מיינונג צו בעשרענקען דעם ארבייטער אויף דעם מעגליכסט קלענסטען לוין, „כדי איהם צו האַלטען ארבייטזאַם.״ ער פערבעהאַלט אויך ניט אויף אַ מינוט, אַז די אָנאייגענונג פון ניט־בעצאָהלטער אַרבייט איז דער סוד פון דער מעהרווערטה־מאַכעריי. „אַ פערגרעסערטע נאָכפראַגע מצד די אַרבייטער מיינט נישט מעהר ווי זייער געניינטקייט צו נעהמען ווענינער פון זייער אייגענעם פּראָדוקט פאַר זיך אַליין און איבערלאָזען אַ גרעסערן טייל דערפון פאַר זייערע ארבייט־געבער; און אויב מען זאָגט, אַז דאָס רופט אַרויס, מחמת דער פערקלענערונג פון דער קאָנזומציאָן (פון די ארבייטער), אַן איבערפילונג פון מאַרק (איבער־פּראָדוקציאָן), קאָן איך נאָר ענטפערן, אַז איבער־פּראָדוקציאָן איז דערזעלביגער נאָמען ווי הויכע פּראָפיטען.״[40]

די געלערנטע מחלוקות, ווי אַזוי צו פערטיילען מיט די גרעס־

---

[38] מאַלטוס, „פּרינציפּלס אָוו פּאָליטיקאַל עקאָנאָמי״, ז. 319, 320.

[39] An inquiry inte those Principles respecting tne nature bf demand etc. page 67.

[40] דאָרט נופא, ז. 60.

און אנדערע קאָנזומציאָנס־מיטלען.[44] ווי אזוי דער קאפּיטאליס־טישער קלאס וואָלט געקאָנט בעווייזען אזא קונץ, איז א סוד, וואָס די וואולגאר־עקאָנאָמיע האָט ביז איצט בעהאלטען מיט גרויס עקשנות. עס איז נענוג צו וויסען, אז די וועלט לעבט נאָך נאָר א דאנק דעם, וואָס דער קאפּיטאליסט, אָט דער בעל־תשובה צום אינדישען גאָט ווישנו, פאסט תעניתים. ניט נאָר די אקומולא־ציע, נאָר די איינפאכע „אויפהאלטונג פון קאפּיטאל פאָדערט א שטענדיגע קראַפט־אָנשטרענגונג, כדי בייצושטעהן דעם נסיון איהם אויפצועסען.״[45] די פשוט'ע געפיהלען פון הומאניטעט פאָדערן קלאָר צו דערלעזען דעם קאפּיטאליסט פון דעם מארטירערטום און נסיון, אויף דעמזעלביגען אופן ווי דער שקלאווען־האלטער פון דזשרדזשיא איז דורך דער אָבשאפונג פון שקלאווערייַ אונלענגסט דערלעזט געוואָרן פון די שמערצליכע ליידען אויסצוקלייבען זיך, צי ער זאָל דעם מעהר־פּראָדוקט, וואָס ער האָט ארויסגעשמיסען פון דעם נעגער־שקלאַף, איינגאנצען פער'שכור'ן מיט שאמפּאניער, אָדער ער זאָל א טייל דערפון צוריקפערוואנדלען אין מעהר נעגערס און מעהר לאנד.

אין די פערשיידענסטע עקאָנאָמישע געזעלשאַפטס־פאָרמען (פאָרמאציאָנען) קומט פאָר ניט נאָר אַן איינפאכע פּראָדוקציאָן, נאָר אויך א רעפּראָדוקציאָן אויף אַן אויסגעברייטערטען גראַד, ווען אפילו אויף א פערשיידענעם מאסשטאב. וואָס ווייטער ווערט אַלץ מעהר פּראָדוצירט און מעהר קאָנזומירט, פאָלגליך ווערט אויך א גרעסערער פּראָדוקט פערוואנדעלט אין פּראָדוקציאָנס־מיטלען. דער דאָזיגער פּראָצעס אָבער ערשיינט ניט אלס אקומולאציע פון

[44] „דאָס אבררייסען פון זיך, וואָס דער קאפּיטאליסט בעגעהט, דורכדעם וואָס ער לייהט אויס זיינע פּראָדוקציאָנס־מיטלען צו דעם ארבייטער (אָט די צוגעפּוצטע פראזע ווערט נעברויכט, כדי גלייכצושטעלען, לויט דער אנגענו־מענער וואולגאר־עקאָנאָמישער מאניערע, דעם לוין־ארבייטער, וואָס ווערט עקס־פּלואטירט פון דעם אינדוסטריעלען קאפּיטאליסט, מיט דעם אינדוסטריעלען קא־פּיטאליסט נופא, וועלכער ציהט יניקה פון דעם נעלד־פערלייהענדען קאפּיטא־ליסט!) אנשטאָט צו האלטען עס פאר זיין אייגענעם קאָנזום, דורכדעם וואָס ער וואָלט זיי פערוואנדעלט אין געברויך־ אדער לוקסוס־זאכען.“ (ג. מאלינארי, „עטיוד עקאָנאָמיק“, פּאריז 1846, ז. 49.)

[45] Courcelle Seneuil, "Traite Theorique etc." Paris, 1807, page 57.

דעקונגען פון דער וואולגאַר־עקאָנאָמיע! זי בייט אוים אַן עקאָ־נאָמישע קאַטעגאָריע אויף אַ צבו'יאַצקע פראַזע. מעהר גאָר נישט.

„ווען דער ווילדער", לערנט אונז סיניאָר, „פאַבריצירט פייל־לען־בויגענס, פערנעהמט ער זיך מיט אַן אינדוסטריע, אָבער ער פּראַקטיצירט ניט קיין אבסטינענץ". דאָס דערקלערט אונז ווי אזוי און פארוואָס ארבייטס־מיטלען זיינען פאַבריצירט געוואָרן אין די פריהערדיגע צושטענדען פון דער געזעלשאַפט „אָהן דער אבסטינענץ" פון דעם קאַפּיטאַליסט. „וואָס מעהר פּאָרטשריט די געזעלשאַפט מאַכט, אַלץ מעהר אבסטינענץ פּאָדערט זי"[42] — ד. ה. פון די, וועלכע פערנעהמען זיך מיט דער מלאכה אוועקצונעהמען פאַר זיך די פרעמדע אינדוסטריע און איהר פּראָדוקט. פון איצט אָן פערוואַנדלען זיך אַלע בעדינגונגען פון דעם ארבייט־פּראָצעס אין אזויפיעל בעזונדערע אבסטינענץ־אַקטען פון דעם קאַפּיטאַליסט. דאָס, וואָס תבואה ווערט ניט נאָר געגעסען, נאָר אויך געזעעט — אַ דאַנק דער אבסטינענץ פון דעם קאַפּיטאַליסט! וואָס מען האַלט אוים דעם וויין די צייט וואָס ער דאַרף איבעראַירן — ווידער די אבסטינענץ פון דעם קאַפּיטאַליסט![43] דער קאַפּיטאַליסט בע־רויבט זיין אייגענעם אָדם, ווען ער „לייהט דעם ארבייטער די אינסטרומענטען פון דער פּראָדוקציאָן"(!) מיט אנדערע ווערטער, ער פערווערטעט זיי אַלס קאַפּיטאַל פערקעפּערענדיג אין זיי די ארבייט־קראַפט, אַנשטאַט אויפצועסען די דאַמף־מאַשינען, באַוועל, אייזענבאַהנען, בעמיסטיגונג־מאַטעריאַלען, ארבייטס פערד א. אַז. וו., אָדער ווי דער וואולגאַר־עקאָנאָם שטעלט זיך קינדיש פאָר, אַז ער וואָלט געקאָנט פערשלינגען „זייער ווערטה" אין לוקסוס

דאַזיגע העררן וואָלטען אמאָל נאָכגעדענקט וועגען שפּינאָזאָ'ס כלל: „דעטער־מינאַציאָ עסט נעגאַציאָ". [בעשטימען בעשטעהט אין פערניינען.]

[42] סיניאָר, דאָרט גופא, ז. 342.

[43] „קיינער . . . וועט צום ביישפּיעל ניט אויסזעען זיין ווייץ און לאָזען עס ליגען 12 מאָנאַט אין דער ערד, אָדער לאָזען ליגען זיין וויין יאָהרענלאַנג אין קעלער, אַנשטאַט באַלד צו פערצעהרען די דאַזיגע זאַכען אָדער זייער עק־וויוואַלענט — ווען ער וואָלט ניט דערוואַרט צו בעקומען דורכדעם אַ פּער־גרעסערטען ווערטה. (סקראָפּ, „פּאָליטיקאַל עקאָנאָמי", ניו יאָרק אויסגאַבע 1841, ז. 133 און 134.)

בייטער, וועלכע בעזיצען זייערע אייגענע אַרבייט־אינסטרומענטען. פּראָדוקציאָן און רעפּראָדוקציאָן אויף אַ וואָס־ווייטער גרעסערן מאַסשטאַב געהען דאָ אָן זייער גאַנג אָהן וועלכער עס איז אַריינמישונג פון יענעם וואונדערליכען הייליגען, דעם ריטער מיט'ן טרויעריגען פּנים — דעם קאַפּיטאַליסטישען „נזיר.“

4. אומשטענדען, וועלכע בעשטימען דעם אומפאַנג פון דער אַקומולאַציע, אונאָבהענגיג פון דער פּראָפּאָרציאָנעלער איינטיילונג אין קאַפּיטאַל און הכנסה: דער גראַד עקספּלואַטאַציע פון דער אַרבייט־קראַפט. — די פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט. — דער וואַקסענדער חלוק צווישען בעשעפּטיגטען און קאָנזומירטען קאַפּיטאַל. — די גרויס פון דעם אויסגעלעגטען קאַפּיטאַל.

ביזאַהער האָבען מיר בעטראַכט די גרויס פון דעם מעהרווערטה ווי אַ בעשטימטע גרויס. זיין איינטיילונג אין הכנסה און צוגעקומענעם קאַפּיטאַל בעשטימט אין דעם דאָזיגען פאַל דעם אומפאַנג פון דער אַקומולאַציע. די אַקומולאַציע בייט זיך אָבער אונאַבהענגיג פון יענער איינטיילונג מיט דער ענדערונג אין דער גרויס פון דעם מעהרווערטה גופא. אָנגענומען אַז 80 פּראָצענט ווערן קאַפּיטאַליזירט און 20 פּראָצענט ווערן אויפגעגעסען, וועט דער אַקומולירטער קאַפּיטאַל זיין 2400 פונט סט. אויב דער גאַנצער מעהרווערטה האָט בעטראָפען 3000 פונט סט., אָדער ער וועט זיין 1200 פונט סט. אויב דער מעהרווערט האָט בעטראָפען 1500 פונט סט. לויט דעם נאָך ווירקען־מיט ביי דער בעשטימונג פון דער גרויס פון דער אַקומולאַציע אַלע יענע אומשטענדען, וועלכע בעשטימען די מאַסע פון'ם מעהרווערטה. די דאָזיגע אומשטענדען זיינען אויספיהרליך ענטוויקעלט געוואָרן אין די קאַפּיטלען וועגען דער פּראָדוקציאָן פון מעהרווערטה. מיר קעהרן זיך דאָ אום צוריק צו זיי נאָר אויף אַזוי ווייט, ווי זיי ברענגען ארויס נייע פּונקטען בנוגע דער אַקומולאַציע.

קאפיטאל, און בכן אויך ניט אלס פונקציע פון דעם קאפיטאליסט, אזוי לאנג ווי דעם ארבייטער'ס פראָדוקציאָנס־מיטלען און ממילא אויך זיין פראָדוקט און זיינע לעבענס מיטלען שטעהען נאָך ניט אנטקעגען איהם אין דער פאָרם פון קאפיטאל.[46] דער ניט־לאנג פערשטאָרבענער [1855] ריטשארד דזשאָנס, מאלטוס'עס נאָכפאָלגער אויף דעם פראָפעסאָר־שטוהל פון פאָליטישער עקאָנאָמיע אין דעם אָסט־אינדישען קאללעדזש אין העילבורי, האָט גוט בעלויכטען דעם פונקט דורך צוויי וויכטיגע פאקטען. אזוי ווי דער גרעסטער טייל פון דעם אינדישען פאָלק זיינען פויערים, וואָס בעארבייטען זייער אייגען לאנד, נעהמען דעריבער זייערע פראָדוקטען, זייערע ארבייט־ און לעבענס־מיטלען קיינמאָל ניט אָן „די פאָרם פון א פאָנד, וואָס ווערט אָבגעשפּאָרט פון הכנסה, און וואָס האָט פריהער דורכגעמאכט א פראָצעס פון אקומולאציע.”[47] פון דער אנדער זייט ווערן די ניט־אגריקולטורעלע ארבייטער אין יענע פראָווינצען, וואו די ענגלישע הערשאפט האָט ווייניג־וואָס צושטערט דעם אלטען סיסטעם, דירעקט בעשעפטיגט פון די מאגנאטען, וועלכע בעקומען א טייל פון דעם אגריקולטורעלען מעהר־פּראָדוקט אלס שטייער אָדער גרונד־רענטע. א טייל פון דעם דאָזיגען מעהר־פּראָדוקט ווערט פערצעהרט פון אָט די מאגנאטען אין נאטוראל־פאָרם, אנאנדער טייל ווערט פערוואנדעלט פאר זייער געברויך דורך די ארבייטער אין לוקסוס־און אנדערע קאָנזומציאָנס־מיטלען, בעת דאָס איבעריגע מאכט אויס דעם לוין פון די אר־

---

[46] „די בעזונדערע קלאסען הכנסה, וועלכע ברענגען דעם רייכסטען בייטראג צום פארטשריט פון נאציאָנאלען קאפּיטאל, ענדערן זיך אויף די פערשיידענע שטופען פון זייער פארטשריט און זיינען דעריבער גאנץ פערשיידען ביי פעלקער, וועלכע פערנעהמען פערשיידענע פּאָזיציעס אין דעם דאזיגען פארטשריט. . . . פּראָפיט . . . א ניט־וויכטיגער קוואל פון אקומולאציע אין פערגלייך צו לוין און רענטע אויף די ערשטע שטופען פון דער געזעלשאפט. ווען די קרעפטען פון דער נאציאָנאלער אינדוסטריע זיינען שוין א רעכט ביסעל אויסגעוואקסען, שטייגט די פערהעלטניסמעסיגע וויכטיגקייט פון פּראָפיט אלס א קוואל פון דער אקומולאציע.” (ריטשארד דזשאָנס, „טעקסטבוך עטצ.,” ז. 16, 21.)

[47] דארט גופא, ז. 36. [אין דער פאררעדע צו דער 4טער אויפלאגע בעמערקט ענגעלס, אז אָט די ציטאטע פון דזשאָנס געפינט זיך ניט אין דעם אָנגעגעבענעם פלאץ און אויך ניט אנדערשוואו.]

ווען איבערפליסיג."[49] ווען די ארבייטער אבער וואלטען געקאנט לעבען אויף לופט, דאן וואלט מען זיי גאר פאר קיין פרייז ניט געקאנט קויפען. זייער גארנישט קאסטען איז דעריבער א גרעניץ אין דעם מאטעמאטישען זין, א פונקט וואס מען קאן קיינמאל ניט דערגרייכען, הגם מען קאן שטענדיג זיך דערנעהנטערן צו איהם. די שטענדיגע טענדענץ פון קאפיטאל איז ארונטערצודריקען די ארבייט־קאסטען ביז צו אט דעם ניהיליסטישען שטאנדפונקט.

א שרייבער פון 18טען י. ה. וועלכען איך האב אפט ציטירט, דער פערפאסער פון דער „עססעי אן טרייד אנד קאמערס", זאגט נאר אויס דעם טיעפסטען סוד פון הארצען פון'ם ענגלישען קאפיטאל, ווען ער דערקלערט, אז עס איז ענגלאנד'ס היסטארישע לעבענס־אויפגאבע ארונטערצודריקען דעם ענגלישען ארבייט־לוין ביז צו דעם פראנצויזישען און האלענדישען גראד.[50] צווישען אנדערעס זאגט ער נאאיוו: „ווען אבער אונזערע ארימע (דער טעכנישער אויסדרוק פאר ארבייטער) ווילען לעבען אין לוקסוס. . . מוז נאטירליך זייער ארבייט זיין טייערער. . . בעטראכט נאר די גרויסע מאסע איבערפליסיגקייטען, וואס אונזערע מאנופאקטור־ארבייטער פערצעהרען, ווי צ. ב. ש. קאניאק, [אזא שנאפס], טהעע, צוקער, אימפארטירטע פרוכט, שטארקע ביער, געדרוקטע לייווענט, שמעק־טאבאק און טאבאק צום רויכערן א. אז. וו."[51]

ער ציטירט די שריפט פון א פאבריקאנט פון נארטהאמפטאנשיר, וועלכער קלאגט מיט פערגלאצטע אויגען צום הימעל: „ארבייט איז אויף א גאנצען דריטעל וואלוועלער אין פראנקרייך איי־

[49] J. St. Mill, "Essays on some Unsettled Questions of Poitiical Eocnomy," London 1$44, page 90.

[50] „עססעי אן טרייד אנד קאמערס", לאנדאן 1770, ז. 44. אזוי אויך האט די „טיימז" פון דעצעמבער 1866 און יאנואר 1867 געבראכט הערצליבע קלאגען פון ענגלישע מינען־בעזיצער, וואו זיי שילדערן דעם גליקליכען צושטאנד פון די בעלגישע מינען־ארבייטער, וועלכע פערלאנגען ניט און קריגען ניט מעהר וויפיעל עס איז פונקט גענוג צו לעבען פאר זייערע „מאסטערס." די בעלגישע ארבייטער פערליידען א סך, אבער די „טיימז" זאל זיי האלטען פאר מוסטער־ארבייטער! אנהויב פעברואר 1867 איז געקומען דער ענטפער: דער סטרייק פון די בעלגישע מינען־ארבייטער (ביי מארשיענע) האט געמוזט אונטערדריקט ווערן מיט פולווער און בליי.

[51] דארט גופא, ז. 44, 46.

מיר געדענקען, אז די ראטע פון מעהרווערטה הענגט אָב אין ערשטער ליניע פון דעם גראד עקספּלואטאציע פון דער ארבייט־קראפט. די פּאָליטישע עקאָנאָמיע האלט אָט דעם פאקט פאַר אזויפיעל וויכטיג, אז זי אידענטיפיצירט אָפטמאָל די פערגרע־סערונג פון דער אקומולאציע דורך א העכערער פּראָדוקטיווער קראפט פון דער ארבייט מיט אַ פערגרעסערונג פון דער אקומו־לאציע דורך א שטארקערער עקספּלואטאציע פון דעם ארבייטער.[48] אין די אָבטיילען וועגען דער פּראָדוקציאָן פון מעהרווערטה איז שטענדיג אָנגענומען געוואָרן, אז דער ארבייטס־לוין איז וועניגסטענס גלייך מיט דעם ווערטה פון דער ארבייט־קראפט. די אראָבזעצונג פון דעם ארבייטס־לוין על פּי געוואלט אונטער דעם דאָזיגען ווערטה שפּיעלט אָבער אין דער פּראקטישער בעוועגונג א צו־וויכטיגע ראָליע, אז מיר זאָלען א ווייל זיך ניט אָבשטעלען דערביי. זי פערוואַנ־דעלט פאקטיש, אין געוויסע גרעניצען, דעם ארבייטער'ס נויטווענ־דיגען קאָנזומציאָנס־פאָנד אין אַן אקומולאַציאָנס־פאָנד פון קאַ־פּיטאַל.

„אַרבייטס־לוינען — זאָגט דזש. סט. מילל — האָבען ניט קיין פּראָדוקטיוו־קראפט; זיי זיינען דער פּרייז פון א פּראָדוקטיוו־קראפט. אַרבייטס־לוינען גיבען גאָרנישט צו, נעבען דער ארבייט, צו דער פּראָדוקציאָן פון סחורות, פּונקט ווי דער פּרייז פון געצייג גיט גאָרנישט צו נעבען די געצייג גופא. ווען מען וואָלט געקאָנט האָבען ארבייט ניט קויפענדיג זי, וואָלטען די ארבייטס־לוינען גע־

---

[48] „ריקארדא זאגט: „אויף פערשיידענע שטופען פון דער געזעלשאפט איז די אַקומולאציע פון קאפּיטאל אדער פון די מיטלען צו בעשעפטיגען אר־בייט (ד. ה. צו עקספּלואטירן ארבייט) מעהר אדער וועניגער שנעל און מוז אין אַלע פאלען אבהענגען פון די פּראדוקטיוו־קרעפטען פון דער ארבייט. בכלל זיינען די פּראדוקטיוו־קרעפטען פון דער ארבייט די גרעסטע, וואו עס איז פאראן אַ איבערפלוס פון פרוכטבארן באדען.“ אויב די פּראדוקטיוו־קרעפטען פון דער ארבייט אין אַט דעם זאץ בעדייטען די קליינקייט פון יענעם טייל פון יעדען פּראדוקט, וואס קומט אויס אויפ'ן חלק פון די, וועלכע האבען איהם פּראדוצירט דורך זייער האנד־ארבייט, דאן איז דער זאץ טאוטאלאגיש, ווארום דער איבערגעבליבענער טייל איז דער פאנד, פון וואנען קאפּיטאל קאן אקו־מולירט ווערן, אויב דער אייגענטימער וויל דאס טהאן. אבער דאס איז דער פאל על פּי רוב ניט דארטען, וואו דאס לאנד איז אַם פרוכטבארסטען.“ Observations on certain verbal dispuites.” p. 74, 75.

1770 האט אן אמעריקאנער האמבאג, דער באראניזירטער יאנקי בענדזשאמין טהאמסאן (אליאס גראף רומפארד), פערפאלגט די־זעלביגע מענשענפריינדליכע ריכטונג צום גרויסען נחת רוח פון גאט און די מענשען. זיינע עססעיס זיינען א קאך־בוך מיט אלערליי רעצעפטען, ווי אזוי יוצא צו זיין מיט „במקום׳ס" אנשטאט דעם ארבייטער׳ס טייערע נארמאל־שפייזען. איין ספעציעל גע־לונגענער רעצעפט פון אט דעם וואונדערליכען „פילאסאף" איז דער פאלגענדער: „5 פונט גערשטען, 5 פונט טערקישען ווייץ, פאר 3 פענס הערינג, 1 פעני זאלץ, 1 פעני עסיג, 2 פענס פעפער און קרייטיכער — סך הכל 20¾ פענס מאכט א זופ פאר 64 מענשען; און לויט דעם דורכשניטפרייז פון די דאזיגע תבואות קאנען די קאסטען ארונטערגעדריקט ווערן ביז צו ¼ פעני (נאך ניט קיין 3 פעניג) פער קאפ."[54] מיט דעם פארטשריט פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן האט די סחורה־פעלשונג געמאכט טהאמסאנ׳ס אידעאלען גאר איבערפליסיג.[55]

---

[54] Benj. Thomson, "Essays Political, Economical and Philosophical etc." 3 בענדער, לאנדאן 1796־1802, באנד I, ז. 288. סער פ. מ. עדען אין זיין בוך „דהי סטייט אוו דהי פור עטצ." רעקאמענדירט רומפארד׳ס בעטעל־זופ בעסטענס פאר די אויפזעהער פון די „ווארקהויזעס" און דערמאהנט די ענג־לישע ארבייטער מיט תרעומות, אז „עס זיינען פאראן אין שאטלאנד פיעלע פאמיליעי, וועלכע אנשטאט צו געברויכען ווייצענס, קארן און פלייש, לעבען גאנץ בעקוועם אויף האבער־גריץ און גערשטען־מעהל, געמישט בלויז מיט זאלץ און וואסער". (בוך II, קאפיטעל 2, ז. 503.) נאך אזוינע אנווייזונגען אין 19טען י. ה — אין א ווערק: "The Question of the Necessity of the Existing Corn Laws Considered." London 1816, page 69. by Chas. H. Parry, M. D. געפינען מיר צום ביישפיעל, אז די ענגלישע אקערבוי־ארבייטער ווילען ניט עסען קיין מאכלים צונויפגעמישט פון ניעדעריגערע סארטען תבואות. אין שאטלאנד, וואו די ערציהונג איז בעסער, איז אט דער פאראורטייל וואהר־שיינליך אונבעקאנט." דערזעלביגער פאררי קלאגט זיך אבער, אז דער ענג־לישער ארבייטער איז איצטער (אין יאהר 1815) אין א פיעל ערגערן פיזישען צושטאנד איידער ער איז געווען אין עדען׳ס צייט (1797).

[55] מען זעהט פון די בעריכטען פון דער לעצטער פארלאמענטארישער אונ־טערזוכונגס־קאמיסיע וועגען די פעלשונגען פון לעבענסמיטלען, אז אפילו די פעלשונג פון מעדיצינען איז אין ענגלאנד ניט די אויסנאהם, נאר דער רעגעל. צום ביישפיעל די אונטערזוכונג פון 34 פראבעס פון אפיום, וואס מען האט צונויפגעקויפט אין פונקט אזויפיעל פערשיידענע לאנדאנער אפטעקען, האט

דער אין ענגלאַנד, וואָרים די פראַנצויזישע אָרימע ארבייטען שווער און לעבען אין רחקות בנוגע שפּייז און קליידונג. זייער הויפּט דיעטע איז ברויט, פּרוכט, קרייטיכער, וואָרצלען און געטריקענטע פיש; וואָרים זיי עסען פליישׁ זעהר זעלטען, און ווען ווייץ איז טייער — אויך זעהר וועניג ברויט.[52] „דערצו, זאָגט ווייטער דער עססעיסט, קאָן מען נאָך מוסיף זיין, אז זייער געטראַנק בעשטעהט פון וואַסער אָדער פון עהנליכע שוואַכע פליסיגקייטען; אזוי אז זיי גיבען פאַקטיש אויס זעהר וועניג געלד. . . אַזאַ צושטאַנד איז גאַנץ געוויס שווער איינצופיהרען, אָבער ער איז ניט אונדער־גרייכבאַר, והראיה ער איז דורכגעפיהרט געוואָרן אין פראַנקרייך און אין האָלאַנד."[53]

היינט [1873] שטעהען מיר אַ היבש ביסעל ווייטער — אַ דאַנק דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנקורענץ, צו וועלכער די אר־בייטער פון גאַנצען ערד־קוגעל זיינען אונטערוואָרפען דורך דער ענטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן. היינט האַנדעלט זיך שוין ניט מעהר וועגען אַרונטערדריקען די ענגלישע לוינען צו דעם גראַד פון די ארבייטער אויפ'ן קאָנטינענט, נאָר דעם אייראָפּעאישען גראַד אַרונטערזועצען, אין אַ נעהענטערער אָדער ווייטערער צוקונפט צו דעם כינעזישען גראַד. דאָס איז די פּערספּעקטיווע, וואָס הער סטאַפּלטאָן, אַ מיטגליעד פון ענגלישען פּאַרלאַמענט, האָט ענטוויקעלט פאַר זיינע וועהלער, אין אַ רעדע איבער דעם פּרייז פון דער אַרבייט אין דער צוקונפט. „ווען כינאַ, זאָגט ער, ווערט אַ גרויס אינדוסטריע־לאַנד, זעה איך ניט איין, ווי אַזוי די אינדוסטריעלע בעפעלקערונג פון אייראָפּאַ וועט קאָ־נען אויסהאַלטען דעם קאַמף ניט אַרונטערצופאַלען צו דעם גראַד פון איהרע קאָנקורענטען." („טיימז", 3טען סעפּט. 1873.) צוואַנציג יאָהר שפּעטער נאָך דער אויבען־ציטירטער עססעי פון

[52] דער פאַבריקאַנט פון נאָרטהאַמפּטאָנשיר בענעהט אַ פרומען בעטרוג, פאַר וועלכען זיין פערקלעמט הארץ קאָן דיענען אלס ענטשולדיגונג. ער פער־גלייכט כלומר'שט דאָס לעבען פון ענגלישע און פראַנצויזישע מאַנופאַקטור־ארבייטער, ער שילדערט אָבער, ווי ער איז שפּעטער אליין מודה אויף אַ מטושטוש'ן אופן, מיט די אויבען־ציטירטע ווערטער, די פראַנצויזישע אַגרי־קולטור־ארבייטער!

[53] דאָרט גופא, ז. 70, 71.

דער קצבה לעניים?״ ענטפער: „יאָ. די וועכענטליכע הכנסה פון יעדער פאמיליע אריבער איהר נאָמינעלען לוין ווערט גוט גע־מאכט ביז צו א גאלאָן־לאבען ברויט (8 פונט 11 אונצען) און 3 פענס פער קאָפּ. . . מיר האָבען בעטראכט, אז דער גאלאָן־לאבען איז גענוג צום לעבען פאר יעדער פערזאָן אין דער פאמיליע אין משך פון א וואָך, און די 3 פענס זיינען פאר קליידער; אויב די קירך־פערוואלטונג געפינט פאר נויטיג אליין זיי צושטעלען די קליידער, ווערן די 3 פענס ארונטערגעצויגען. דאָס ווערט פּראַק־טיצירט ניט נאָר אין דעם גאנצען מערב־טייל פון ווילטשיר, נאָר, ווי איך גלויב, אין גאנצען לאנד.״[57] „אָט אזוי — רופט אויס א בורזשואזער שרייבער פון יענער צייט — האָבען די ארענדאַ־טאָרס יאָהרענלאנג דעגראדירט א בכבוד׳ן קלאַס פון זייערע לאנדס־לייט, דורכדעם וואָס זיי האָבען זיי געצוואונגען אָנצוקומען צום וואָרקהויז. . . דער ארענדאטאָר האָט פערגרעסערט זיינע ריוחים, ניט דערלאָזענדיג די ארבייטער אָנצוקלייבען דעם סאמע־נויט־ווענדיגסטען קאָנזום־פאָנד.״[58]

די ראָליע, וואָס די דירעקטע בערויבונג פון דעם ארבייטער׳ס נויטווענדיגען קאָנזומציאָנס־פאָנד שפּיעלט היינטיגען טאָג אין דער פאָרמירונג פון׳ם מעהרווערטה און ממילא אין דעם אקומו־לאציאָנס־פאָנד פון קאפּיטאל, האָט די אזויגערופענע הויז־ארבייט (זעה דעם דרייצעהנטען קאפּיטאל, 8, ד) געצייגט מיט ביישפּיעלען. ווייטערע פאקטען וועלען געגעבען ווערן אין פערלויף פון דעם אָב־טייל.

הגם דער טייל פון קאָנסטאנטען קאפּיטאל, וואָס בעשטעהט אין אלע אינדוסטריע־צווייגען פון ארבייטס־מיטלען (מאשינען, ווערקצייג, אפּאראטען, טראנספּאָרט־מיטלען, געביידען א. אז. וו.), מוז זיין גענוג גרויס לויט דער גרויס פון דער אונטערנעהמונג,

---

[57] דאָרט גופא, ז. 19, 20.

[58] טש. ה. פּאררי, אין זיין אויבען דערמאנטען ווערק, ז. 69, 77. די העררען לאנדלאָרדס פון זייער זייט האָבען ניט נאָר זיך געלאָזט בעצאהלען פאר דעם אנטי־יאקאָבינער קריעג, וואס זיי האָבען געפיהרט איז נאָמען פון ענג־לאנד, נאָר זיי זיינען אונגעהויער נתעשר געוואָרן. „זייערע רענטען האָבען זיך פערטאָפּעלט, פערדרייפאכט; אין איין פאל האָט זיך די רענטע פער־גרעסערט 6 מאָל אזויפיעל אין 18 יאהר.״ (דאָרט גופא, ז. 100, 101.)

סוף דעם 18טען און אין די ערשטע 10 יאָהר פון 19טען יאָהרהונדערט האָבען די ענגלישע פּערמערס [ארענדאַטאָרס] און לאַנדלאָרדס איינגעפיהרט דעם אבסאָלוטען מינימאַל־לוין, צאָה־לענדיג די אַקערבוי־טאָג־ארבייטער וועניגער איידער דעם מיני־מום אין דער פאָרם פון ארבייטס־לוין און דאָס איבעריגע אין דער פאָרם פון אונטערשטיצונג דורך דער צדקה־קאַסע פון קירכען־בעצירק. אין יענער שעהנער צייט האָבען די יונקערס נאָך גע־האט דאָס רעכט פעסטצושטעלען „געזעצליכע" לוין־טאַריפען פאַר דער בעלוינונג פון דער לאַנד־ארבייט. איין ביישפּיעל פון דעם שפּאַסיגען אופן, אויף וועלכען זיי האָבען דערביי געהאַנדעלט: „בעת די „סקווויירס" [די לאַנד־יונקערס] האָבען פעסטגעשטעלט די ארבייטס־לוינען פאַר שפּיהאַמלאַנד אין יאָהר 1795 זיינען זיי געזעסען ביים טיש צו מיטאָג, עס זעהט אָבער קלאָר אויס, אז זיי האָבען געטראַכט, די ארבייטער האָבען אזא זאַך ניט נויטיג. . . זיי האָבען בעשטימט, אז דער וואָכען־לוין זאָל זיין 3 שילינג פאַר יעדען מאַן, ווען דער פּרייז פון א לאַבען ברויט פון 8 פונט 11 אונצען האַלט 1 שילינג, און זאָל רעגעלמעסיג וואַקסען ביז דער לאַבען ברויט קאָסט א שילינג מיט 5 פּענס. אַזויבאַלד ווי ער שטייגט אריבער דעם פּרייז, זאָל דער לוין וועןרן פּראָפּאָר־ציאָנעל קלענער, ביז דער פּרייז פון לאַבען ברויט דערגרייכט 2 שילינג, און דאַן זאָל די נאַהרונג פון א מאַן זיין 1/6 וועניגער ווי פריהער.[66]

דער אונטערזוכונגס־קאָמיטעט פון דעם הויז אָוו לאָרדס, אין יאָהר 1814, האָט א געוויסען א. בעננעט — א גרויסען ארענדאַ־טאָר, פריעדענס־ריכטער, פערוואַלטער פון אן אָרמען־הויז און א לוין־רעגולירער — געשטעלט די פראַגע: „צי איז געווען א וועלכע עס איז פּראָפּאָרציע צווישען דעם ווערטה פון דער טאָג־ארבייט און דער אונטערשטיצונג, וואָס די ארבייטער האָבען בעקומען פון

נעגעבען דעם רעזולטאַט, אז 31 זיינען געווען געפעלשט מיט מאָהן־קאַפּסלען, ווייצען־מעהל, גומי־שליים, קליי, זאַמד א. אז. וו. פיעלע פון זיי האָבען ניט ענטהאַלטען קיין אַטאָם מאָרפין.

[66] G. B. Newnham (barrister at law) "A Review of the Evidence before the Committees of the two houses of Parliament ou the Corn Laws," London 1815, page 28n.

דער אקומולאציע אהן א פריהערדיגער פערגרעסערונג פון׳ם קאנ־סטאנטען קאפיטאל.

אין דער אגריקולטור שפיעלען זריעה און בעמיסטיגונג די־זעלבינע ראלע ווי דער רויה־מאטעריאל אין דער אינדוסטריע, און מען קאן ניט פערזעען מעהר ערד, אויב מען האט ניט א פריהער מעהר זריעה. איינמאל אבער איז דער דאזיגער רויה־מאטעריאל און די ארבייטס־מיטלען געגעבען, ווייס מען וואס פאר א וואונדער־בארע ווירקונג די ריין־מעכאנישע בעארבייטונג פון באדען גופא איבט אויס אויף דער מאסענהאפטיגקייט פון׳ם פראדוקט. א גרע־סערע סומע ארבייט, וואס ווערט געלייסטעט פון דיזעלבינע ארביי־טער ווי פריהער, פערגרעסערט אויף דעם אופן די פרוכטבארקייט, ניט פאדערנדיג קיין נייעם אויסלעג פון ארבייט־מיטלען. אויך דא איז עס ווידער אמאל די דירעקטע ווירקונג פון דעם מענשען אויף דער נאטור, וועלכע ווערט א דירעקטער קוואל פון א פערגרעסער־טער אקומולאציע, ניט אריינברענגענדיג אינצווישען קיין נייעם קא־פיטאל.

און ענדליך, אין דער ריכטיגער אינדוסטריע איז יעדע צוגע־קומענע אויסגאבע אויף ארבייט משער א צוגעפאסטע מעהר־אויס־גאבע אויף רויה־מאטעריאלען, אבער ניט נויטיגערווייז אויך אויף ארבייטס־מיטלען. און אזוי ווי די עקסטראקטיווע אינדוסטריע און די אגריקולטור שטעלען צו דער פאבריצירענדער אינדוסטריע איהרע אייגענע רויה־מאטעריאלען און די מאטעריאלען פון איהרע אר־בייטס־מיטלען, פראפיטירט זי אויך פון די צוגעקומענע פראדוק־טען, וואס יענע שאפען אהן א צוגעקומענעם קאפיטאל־ארייננלעג.

דערפון קומען מיר צו דעם אלגעמיינעם רעזולטאט: דורכדעם וואס דער קאפיטאל פערקערפערט אין זיך די ביידע ערשטע שאפער פון רייכטום, ארבייט־קראפט און ערד, בעקומט ער א שפאנונגס־קראפט, וועלכע ערלויבט איהם אויסצושפרייטען די עלעמענטען פון זיין אקומולאציע אריבער די גרעניצען, וואס זיינען אין פלוק בע־שטימט דורך זיין אייגענער גרויס, ד. ה. דורך דעם ווערטה און דער מאסע פון די שוין־פראדוצירטע פראדוקציאנס־מיטלען, אין וועלכע עס רעאליזירט זיך זיין עקזיסטענץ.

נאך א וויכטיגער פאקטאר אין דער אקומולאציע פון קאפיטאל איז דער גראד פראדוקטיוויטעט פון דער געזעלשאפטליכער ארבייט.

פאַר אַ בעשטימטער צאָהל ארבייטער, מוז ער אָבער בשום אופן ניט וואַקסען אַלעמאָל אין דערזעלביגער פּראָפּאָרציע ווי די צאָהל בעשעפטיגטע ארבייטער. אין אַ פאַבריק, למשל, פון 100 אר־בייטער ווערן געליפערט, ביי אן 8 שטונדיגען ארבייטס־טאָג, 800 ארבייט־שטונדען. ווען דער קאַפּיטאַליסט וויל פערגרעסערן אָט די סומע אויף אַ העלפט, קאָן ער אָנשטעלען 50 נייע ארבייטער; ער מוז אָבער דאַן אריינלעגען אַ נייעם קאַפּיטאַל, ניט נאָר פאַר לוינען, נאָר אויך פאַר ארבייט־מיטלען. ער קאָן אָבער די אַלטע 100 ארבייטער מאַכען ארבייטען 12 שטונדען אַ טאָג, אָנשטאָט 8, און דאַן זיינען שוין גענוג די פאַראַנענע ארבייטס־מיטלען, נישט מעהר וואָס זיי נוצען זיך שנעלער אָב. אָט אזוי קאָן די צוגעקומענע ארבייט, וואָס ווערט געשאַפען דורך דער גרע־סערער שפּאַנונג פון דער ארבייט־קראַפט, פערגרעסערן דעם מעהר־פּראָדוקט און דעם מעהרווערטה — די סובסטאַנץ פון דער אקו־מולאַציע — אָהן אַ פריהערדיגער און פערהעלטניסמעסיגער פער־גרעסערונג פון דעם קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל־טייל.

אין דער עקסטראַקטיווער אינדוסטריע [די ארבייט ארויס־צוציהען די רויה־שטאָפען פון דער ערד], די מינען צום ביישפּיעל, מאַכען די רויה־שטאָפען ניט אויס קיין בעשטאַנד־טייל פון דעם קאַפּיטאַל־אויסלעג. דער ארבייט־געגענשטאַנד איז דאָ ניט קיין פּראָדוקט פון פריהערדיגער ארבייט, נאָר אַ זאַך, וואָס די נאַטור שענקט גראַטיס, ווי די מעטאַלען, מינעראַלען, שטיין־קויהלען, שטיינער א. אז. וו. דער קאָנסטאַנטער קאַפּיטאַל בעשטעהט דאָ כמעט אויסשליסליך פון ארבייטס־מיטלען, וועלכע קאָנען זעהר גוט פערטראָגען אַ פערגרעסערטען סכום ארבייט (דהינו טאָג־ און נאַכט־שיכטען פון ארבייטער). ווען אַלע אַנדערע אומשטענדען זיינען גליך, וועט די מאַסע [סכום] און דער ווערטה פון פּראָדוקט שטיי־גען אין אַ דירעקטער פּראָפּאָרציע צו דער אָנגעווענדטער ארבייט. ווי אין דעם ערשטען טאָג פון דער פּראָדוקציאָן, אזוי געהען אויך דאָ צוזאַמען די אורשפּרינגליכע בויער פון דער פּראָדוקציאָן, און פאָלגליך אויך די בויער פון די מאַטעריעלע עלעמענטען פון קאַ־פּיטאַל — דער מענש און די נאַטור. אַ דאַנק דער עלאַסטיציטעט פון דער ארבייט־קראַפט, האָט זיך אויסגעשפּרייט דער געביט פון

די ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקטיווער־קראַפט פון דער אַר־בייט ווירקט אויך צוריק אויף דעם אָריגינאַל־קאַפּיטאַל, ד. ה. אויף דעם קאַפּיטאַל, וואָס געפינט זיך שוין אין דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס. אַ טייל פון דעם פונקציאָנירענדען קאָנסטאַנטען קאַפּי־טאַל בעשטעהט פון ארבייט־מיטלען, ווי מאַשינעריע א. ז. וו., וועלכע ווערן פערברויכט, און פאָלגליך רעפּראָדוצירט אָדער פער־ביטען דורך נייע עקזעמפּלאַרען פון דעמזעלביגען סאָרט, נאָר אין לענגערע פּעריאָדען. יעדעס יאָהר אָבער שטאַרבט אָב אַ טייל פון אָט די ארבייט־מיטלען אָדער ער דערגרייכט דאָס ענד־ציעל פון זיין פּראָדוקטיווער פונקציע. ער געפינט זיך דעריבער יעדען יאָהר אין דעם שטאַדיום פון זיין פּעריאָדישער רעפּראָדוקציאָן אָדער פון זיין אויסבייט דורך נייע עקזעמפּלאַרען פון דעמזעלביגען סאָרט. אויב די פּראָדוקטיווער־קראַפט פון דער ארבייט האָט זיך פערגרעסערט אין די צווייגען וואו די דאָזיגע ארבייט־מיטלען ווערן געשאַפען — און זי ענטוויקעלט זיך נאָכאַנאַנד מיט דעם אונאויפהערליכען פלוס פון דער וויסענשאַפט און דער טעכניק — קומען ארויס מעהר ווירקונגפולע און (בעטראַכטענדיג זיי לויט דעם אומפאַנג פון זייער לייסטונג) וועלוועלערע מאַשינען, ווערקצייג, אַפּאַראַטען א. אז. וו. אויף דעם אָרט פון די אַלטע. דער אַלטער קאַפּיטאַל ווערט רעפּראָדוצירט אין אַ מעהר פּראָדוקטיווער פאָרם, אַ חוץ וואָס עס קומט פאָר אַ שטענדיגע פערענדערונג, אין פער־שיידענע פּרטים פון די עקזיסטירענדע ארבייט־מיטלען.

דער אנדער טייל פון קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל, דער רויה־מאַטע־ריאַל און די הילף־שטאָפען, ווערט נאָכאַנאַנד רעפּראָדוצירט דורכ'ן יאָהר; די, וואָס שטאַמען אָב פון דער אַגריקולטור ,ווערן דאָס רוב רעפּראָדוצירט יעהרליך. יעדע איינפיהרונג פון בעסערע מעטאָדען א. אז. וו. ווירקט, הייסט עס, דאָ אין דערזעלביגער צייט אויף דעם צוגעקומענעם קאַפּיטאַל און אויף דעם, וואָס איז שוין אריין אין זיין פונקציע. יערער פאָרטשריט פון דער כעמיע פערפיעלפאַכט ניט נאָר אליין די צאָהל ניצליכע שטאָפען און די מעהר־ניצליכע אָנווענדונגען פון די שוין־בעקאַנטע שטאָפען, דורך וואָס קאַפּיטאַל שפּרייט אויס מיט זיין וואוקס די ספערען וואו ער קאָן אריינגעלעגט ווערן. ער לערנט אין דערזעלביגער צייט ווי אזוי אריינצו־וואַרפען די אָב־פאַלען פון דעם פּראָדוקציאָנס־ און קאָנזומציאָנס־פּראָצעס צוריק

מיט דעם וואוקס פון דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט וואַקסט די פּראָדוקטען־מאַסע, אין וועלכער אַ בעשטימטער ווערטה, און במילא אַ מעהרווערטה פון אַ געוויסער גרויס, איז פערקערפּערט. וואָס מעהר די פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט וואַקסט, אַלץ מעהר מיטלען פון געברויכען און אַקומולירן נעהמט אַרום דער מעהרווערטה. ווען די ראַטע פון מעהרווערטה בלייבט דיזעלביגע אָדער אַפילו ביי אַ פאַלענדער ראַטע, אַזוי לאַנג ווי זי פאַלט נאָר לאַנגזאַמער איידער די פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט שטייגט, וואַקסט די מאַסע פון דעם מעהר־פּראָדוקט. ווען די איינטיילונג פון דעם דאָזיגען מעהר־פּראָדוקט אין הכנסה און צוגעגעבענעם קאַפּיטאַל בלייבט דיזעלביגע, קאָן ממילא וואַקסען די קאָנזומציאָן פון דעם קאַפּיטאַליסט אָהן אַ פערקלענערונג פון דעם אַקומולאַציאָנס־פאָנד. די פּראָפּאָרציאָנעלע גרויס פון דעם אַקומולאַציאָנס־פאָנד קאָן אַפילו וואַקסען אויפ'ן חשבון פון דעם קאָנזומציאָנס־פאָנד, בעת דאָס וועלוועלער ווערן פון סחורות שטעלט אין רשות פון דעם קאַפּיטאַליסט פונקט אַזויפיעל אָדער נאָך מעהר גענוס־מיטלען ווי פריהער. ווי מיר האָבען אָבער געזעהן, געהט צוזאַמען מיט דער וואַקסענדער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט אַ פערביליגונג פון דעם אַרבייטער, ממילא אַ וואַקסענדע ראַטע פון מעהרווערטה, אַפילו ווען דער ווירקליכער (רעעלער) אַרבייטס־לוין שטייגט. ער שטייגט קיינמאָל ניט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט. דערזעלביגער וואַריאַבלער קאַפּיטאַל־ווערטה ברענגט אויף דעם אופן מעהר אַרבייט־קראַפט און פאָלגליך מעהר אַרבייט אין בעוועגונג. דערזעלביגער קאָנסטאַנטער קאַפּיטאַל־ווערטה שטעלט זיך פאָר אין מעהר פּראָדוקציאָנס־מיטלען, דאָס הייסט אין מעהר אַרבייטס־מיטלען, אַרבייט־מאַטעריאַלען און הילף־שטאָפען; ער ליפערט אַלזאָ מעהר עלעמענטען, וואָס בילדען פּראָדוקטען און ווערטה, אָדער וואָס זויגען איין אַרבייט. ווען דער ווערטה פון דעם צוגעגעבענעם קאַפּיטאַל בלייבט דערזעלביגער אָדער ווערט אַפילו קלענער, קומט אויף דעם אופן פאָר אַ שנעלערע אַקומולאַציע. ניט נאָר פערברייטערט זיך דער מאַסשטאַב פון דער רעפּראָדוקציאָן מאַטעריעל, נאָר די פּראָדוקציאָן פון מעהרווערטה וואַקסט שנעלער איידער דער ווערטה פון דעם צוגעגעבענעם קאַפּיטאַל.

אונגעהויערער אונטערשייד צווישען דעם ווערטה פון דעם וואכען־פראָדוקט פון דעם ענגלענדער, וועלכער ארבייט מיט א מעכטיגען אויטאָמאט, און דעם ווערטה פון דעם אינדיער, וועלכער האָט נאָר א שפּין־ראָד. דער ענגלישער שפּינער פערוואנדעלט אין איין טאָג פיעל הונדערט מאָל גרעסערע מאסען באַוועל, שפּין־אינסטרומענטען א. אז. וו. אין פעדים. ער בעקומט ממילא אויך פיעל הונדערט מאָל א גרעסערן קאפּיטאל־ווערטה אין זיין פראָדוקט. ווען אפילו דער ווערטה־פראָדוקט פון זיין טאָג־ארבייט, ד. ה. דער נייער ווערטה, וואָס ווערט דורך איהר צוגעגעבען צו די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וואָלט נאָר געווען גלייך צו דעם אינדיער'ס ווערטה־פראָדוקט, שטעלט זיך פונדעסטוועגען זיין טאָג־ארבייט פאָר ניט נאָר אין א גרעסערן סכום פּראָדוקטען, נאָר אין אן אונענדליך־גרעסערן פּראָדוקטען־ווערטה — אלטען ווערטה — וועלכען ער טראָגט אריבער אויף דעם נייעם פּראָדוקט, און וועלכער קאָן פון דאָס ניי פונקציאָנירן אלס קאפּיטאל.

„אין יאָהר 1782 — ווי פ. ענגעלס ערקלעהרט אונז — איז די גאנצע וואָל־ערנטע אין ענגלאנד פון די פערגאנגענע דריי יאָהר געלעגען ניט־בעארבייט, און וואָלט געמוזט בלייבען אזוי ליעגען, ווען די ניי־ערפונדענע מאשינעריע וואָלט ניט געקומען צו הילף און דאָס אלץ אויסגעשפּונען."** די ארבייט, וואָס איז מאטעריאליזירט געווארן אין דער פאָרם פון מאשינעריע, האָט, פערשטעהט זיך, דירעקט פון דער ערד ניט ארויסגערופען אין לעבען קיין איינציגען מענשען, זי האָט אָבער געמאכט מעגליך פאר א קלענערער צאָהל ארבייטער, דורך דעם צולעג פון רעלאטיוו ווייניגער־לעבעדיגער ארבייט, ניט נאָר צו קאָנזומירן די וואָל פּראָדוקטיוו און צוגעבען צו איהם א נייעם ווערטה, נאָר אויך אויפצוהאלטען אין דער פאָרם פון פעדים, א. אז. וו. איהר אלטען ווערטה. זי האָט דערמיט געליפערט אין דערזעלביגער צייט די מיטלען און דעם סטימול צו א פערגרעסערטער רעפּראָדוקציאָן פון וואָל. עס איז א נאטור־אייגענשאפט פון דער לעבעדיגער ארבייט אויפצוהאלטען דעם אלטען ווערטה בעת זי שאפט א נייען ווערטה. מיט דער פערגרעסערונג פון דער

** פ. ענגעלס, „לאגע דער ארבייטענדען קלאסע אין ענגלאנד", [שטוטגארט אויסגאבע 1892, ז. 9.]

אין דעם קרייז־לויף פון'ם רעפּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, און שאפט אויף דעם אופן א נייעם קאפּיטאל־שטאָף אָהן א פריהערדיגען אויס־לעג פון קאפּיטאל. פּונקט ווי די עקספּלואטאציע פון די נאטור־רייכטימער ווערט פערגרעסערט דורך בלויז א העכערער שפּאנונג פון דער ארבייט־קראפט, אזוי גיבען די וויסענשאפט און די טעכניק דעם קאפּיטאל א כח פון אויסשפּרייטונג, וועלכער הענגט ניט אָב פון דער געגעבענער גרויס פון דעם בפּועל־פונקציאָנירענדען קאפּיטאל. דער דאָזיגער כח ווירקט אין דערזעלביגער צייט צוריק אויף דעם טייל אָריגינאל־קאפּיטאל, וואָס טרעט אריין אין זיין בענייאונג־שטופע. דער דאָזיגער טייל אין זיין נייער פאָרם פערקערפּערט גראטיס דעם געזעלשאפטליכען פּאָרטשריט, וואָס איז געמאכט געוואָרן [אזוי צו זאָגען] הינטער'ן רוקען פון זיין אלטער פאָרם. עס פערשטעהט זיך, אָט די ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקטיוו־קראפט איז בעגלייט פון א טיילווייזער ענטווערטונג פון די פונקציאָנירענדע קאפּיטאלען. דער קאפּיטאל וואָס שטעקט צום ביישפּיעל אין א מאשין, פערלירט זיין ווערטה, ווען עס קומען ארויס בעסערע מאשינען פון דעמזעל־ביגען סאָרט. אזוי ווייט ווי אָט די ענטווערטונג לאָזט זיך שארף פיהלען דורך דער קאָנקורענץ, פאלט די הויפּט לאסט אויף דעם אר־בייטער, ווענען דער קאפּיטאליסט זוכט שטארקער צו עקספּלוא־טירן, כדי גוט צו מאכען זיין שאָדען.

די ארבייט טראָגט אריבער אויפ'ן פּראָדוקט דעם ווערטה פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וואָס ווערן פון איהר פערצעהרט. פון דער אנדער זייט וואקסט דער ווערטה און די מאסע פון די פּראָדוק־ציאָנס־מיטלען, וואָס ווערן געטריבען אין בעוועגונג דורך א געגע־בענעם סכום ארבייט, אין דעם ערך וואָס די ארבייט ווערט מעהר פּראָדוקטיוו. איז הגם דערזעלביגער סכום ארבייט איז אלעמאָל מוסיף צו איהרע פּראָדוקטען נישט מעהר ווי דיזעלביגע סומע נייעם ווערטה, פונדעסטוועגען וואקסט דאָך דער אלטער קאפּיטאל־ווערטה, וועלכען די ארבייט טראָגט אריבער אויף די פּראָדוקטען, וואָס מעהר עס וואקסט די פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט.

אַן ענגלישער און אַן אינדישער שפּינער צום ביישפּיעל, קאָ־נען ארבייטען דיזעלביגע צאָהל שטונדען מיט דערזעלביגער אינטענ־סיוויטעט און וועלען ביידע אויף דעם אופן שאפען אין א וואָך גלייכע ווערטהען. טראָץ אָט דער גלייכהייט אָבער בעשטעהט אַן

א זעלבסטערהאַלטונג־קראַפט פון קאַפּיטאַל, אין וועלכען זי איז פערקערפּערט — פּונקט אזוי ווי איהרע געזעלשאַפטליכע פּראָדוק־

פון א בעשטימטער סומע ארבייט, וועז עס וואַקסט זייער קוואַנטיטעט מחמת דער גרעסערער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט? זיין ענטפער איז: די שווערינקייט ווערט געלעזט דורכדעם, וואָס דעם געברויך־ווערטה רופען מיר געפעליגסט אַן טוישווערטה. טוישווערטה איז א זאַך, וואָס איז אויף איין אופן אדער אַנאַנדערן פערבונדען מיט'ן אויסטויש. לאָמיר אַלזאָ אַנרופען די פּראָדוקציאָן אַן „אויסטויש" פון ארבייט און פּראָדוקציאָנס־מיטלען אויף דעם פּראָדוקט, און עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז וואָס מעהר געברויך־ווערטהען די פּראָדוקציאָן גיט אונז, אַלץ מעהר טוישווערטה בעקומען מיר. מיט אַנ־דערע ווערטער: וואָס מעהר געברויך־ווערטהען, צ. ב. ש. זאַקען, אַן ארבייטס־טאָג ליפערט דעם זאַקען־פאַבריקאַנט, אַלץ רייכער איז ער אין זאַקען. פּלוצ־לונג פאַלט אבער סעי'ן איין, אַז „מיט דער גרעסערער קוואַנטיטעט" זאַקען פאַלט זייער „פּרייז" (וועלכער האָט נאַטירליך גאָרנישט צו טהאָן מיט דעם טוישווערטה), „ווייל די קאָנקורענץ צווינגט זיי (די פּראָדוצירער) אבצו־געבען די פּראָדוקטען פאַר וויפיעל זיי קאָסטען זיי." פון וואַנען קומט אבער דער פּראָפיט אויב דער קאַפּיטאַליסט פערקויפט די סחורות אויף דעם פּרייז, וואָס זיי קאָסטען איהם? מיר וועלען אבער דאָס לאָזען אַן א זייט. סעי דערקלערט, אַז מחמת דער געשטיגענער פּראָדוקטיוויטעט בעקומט איצט יע־דערער פאַר דעמזעלביגען עקוויוואַלענט צוויי פּאָר זאַקען אַנשטאַט וואָס ער האָט בעקומען פריהער איין פּאָר א. אז. וו. דער רעזולטאַט, צו וועלכען ער קומט, איז פּונקט ריקאַרדאָ'ס זאַץ, וועלכען ער האָט געוואָלט אבשלאָגען. נאָך אַט דער געוואַלטיגער אַנשטרענגונג פון דענקען, ווענדעט ער זיך אין טריאומף צו מאַלטוס'ען מיט די ווערטער: „דאָס איז, מיין העדר, די וואויל־געבויטע לעהרע, אַהן וועלכער, איך ערקלער, אַז עס איז אונמעגליך צו פערשטעהן די גרעסטע שווערינקייטען פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע און ספּעציעל די פראַ־גע, ווי אזוי א פאָלק קאָן ווערן רייכער בעת איהרע פּראָדוקטען ווערן קלענער אין ווערטה, אבוואָהל דער רייכטום בעשטעהט דאָך פון ווערטהען." (דאָרט נופא, ז. 170.) אַן ענגלישער עקאָנאָם בעמערקט וועגען אַט אַזוינע קונצשטיקער אין סעי'ס „לעטטערס" ווי פאָלגט: „אַט די אפעקטירטע מאַניערען פון שוואַ־צען שטעלט איינגאַנצען צונויף דאָס, וואָס דעם העררן סעי געפעלט אַנצורופען זיין דאָקטרין, און וועלכע ער רעקאָמענדירט מאַלטוס'ען צו לערנען מיט זיינע שילער אין הערטפאָרד, ווי דאָס ווערט שוין געטאָן „אין פערשיידענע טיילען פון אייראָפּאַ." ער זאָגט: „אויב איהר וועט אין אַט די אַלע זאַצען געפינען עפּעס וואָס קלינגט ווי א פּאַראַדאָקס, דאַן טראַכט זיך אריין אין די זאַכען, וואָס זיי דריקען אוים, און איך מעג דערוואַרטען, אַז זיי וועלען אייך פאַר־קומען זעהר איינפאַך און זעהר פערנינפטיג." קיין ספק ניט — נאָר דאָס, וואָס מיר וועלען דערזעהן אַלס רעזולטאַט פון אַט דעם פּראָצעס, וועט זיין ניט אָרי־גינעל און ניט וויכטיג." "An Inquiry into those Principals respecting the Nature of Demand etc." pages 110, 116.

ווירקזאַמקייט, דעם אומפאַנג און ווערטה פון איהרע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, פאָלגליך מיט דער אַקומולאַציע, וואָס בעגלייט די ענטוויקלונג פון איהר פּראָדוקציאָנס־קראַפט, האַלט די ארבייט אויף און פעראייביגט אין אַ שטענדיג־נייער פאָרם אַ שטענדיג־וואַקסענדען קאַפּיטאַל־ווערטה.[60] אונטער דעם סיסטעם פון לוין־ארבייט אָבער ערשיינט אַט די נאַטור־קראַפט פון דער ארבייט ווי

[60] די קלאַסישע עקאָנאָמיע האָט צוליעב אַ ניט־גענינענדען אַנאַליז פון דעם ארבייט־ און פערוועַרטונג־פּראָצעס קיינמאָל ניט געהעריג בעגריפען אַט דעם וויכטיגען מאָמענט פון דער רעפּראָדוקציאָן, ווי מען קאָן עס צום ביישפּיעל זעהן ביי ריקאַרדאָ. ער זאָגט צום ביישפּיעל: ווי די פּראָדוקטיוו־קראַפט זאָל זיך ניט ענדערן, „אַ מיליאָן מענשען פּראָדוצירן אין די פאַבריקען אַלע־מאָל דעמזעלביגען ווערטה.“ דאָס איז ריכטיג, ווען די אויסשפּרייטונג און די אינטענסיוויטעט פון זייער ארבייט זיינען בעשטימט. דאָס שטערט אָבער ניט — און ריקאַרדאָ פערזעהט דאָס אין געוויסע שלוסען, וואָס ער ציהט — אַז אַ מיליאָן מענשען מיט אַ פערשיידענער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון זייער ארבייט זאָלען פערוואַנדלען זעהר פערשיידענע מאַסען פּראָדוקציאָנס־מיטלען אין פּראָדוקטען, פאָלגליך אויפהאַלטען זעהר פערשיידענע ווערטה־מאַסען אין זייער פּראָדוקט, און אויף דעם אופן זאָלען די ווערטהען פון די פּראָדוקטען, וואָס זיי ליפערן, זיין זעהר פערשיידען. אַגב אורחא בעמערקט, האָט ריקאַרדאָ אומזיסט פּרובירט מיט יענעם ביישפּיעל צו מאַכען קלאָר פאַר זש. ב. סעי דעם אונטערשייד צווישען נעברויך־ווערטה (וואָס ער רופט דאָ אַז „וועלטה“, מאַטעריעלען רייכטום) און טויש ווערטה. סעי ענטפערט: „וואָס איז שייך דער שוועריגקייט אויף וועלכער ריקאַרדאָ ווייזט אָן, דערמיט וואָס ער זאָגט, אַז אַנגווענדענדיג מעהר פאָלקאָמענע ארבייטס־אופנים קאָנען אַ מיליאָן מענשען שאַפען צוויי אָדער דריי מאָל אַזויפיעל רייכטימער, ניט שאַפענדיג דערמיט מעהר ווערטה, איז דאָס גאָר קיין קשיה ניט, ווען מען בעטראַכט — ווי מען מוז טאַקע בעטראַכטען — די פּראָדוקציאָן ווי אַ טויש, אין וועלכען איינער גיט אַוועק די פּראָדוקטיווע לייסטונגען פון זיין ארבייט, זיין באָדען און זיינע קאַפּיטאַלען, כדי צו בעקומען פּראָדוקטען. אַט די פּראָדוקטיווע לייסטונגען זיינען די מיטלען, דורך וועלכע מיר בעקומען אַלע פּראָדוקטען, וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט. איז דעריבער . . . זיינען מיר אויף אַזויפיעל רייכער, אונזערע פּראָדוקטיווע לייסטונגען האָבען אויף אַזויפיעל מעהר ווערטה, וואָס גרעסער עס איז די סומע ניצליכע זאַכען, וועלכע זיי גרייכען אין דעם טויש, וואָס ווערט גערופען פּראָדוקציאָן.“ (זש. ב. סעי, „בריעף צו העררן מאַלטוס“, פּאַריז 1820, ז. 168, 169) די שוועריגקייט — זי עקזיסטירט פאַר איהם, ניט פאַר ריקאַרדאָ — וואָס סעי דאַרף דערקלערן, איז די: פאַרוואָס פערמעהרט זיך ניט דער ווערטה פון די נעברויך־ווערטהען, וואָס ווערן געשאַפען

ווערט אויפגעכאפט און בעזעעלט פון דער לעבעדיגער ארבייט, אקו־מולירט זיך מיט די וואקסענדע שטופען פון דער אקומולאציע.

אזוי ווי די פערגאנגענע ארבייט פערקליידט זיך אלע מאל אין קאפיטאל, דאס הייסט דער פאסיוו פון דער ארבייט פון א, ב, ג, א. אז. וו. פערוואנדעלט זיך אין דעם אקטיוו פון דעם ניט־ארבייטער X קאנען זיך די בורזשיא און די פאליטישע עקאנא־מען ניט אבלויבען פון די פערדיענסטען פון דער פערגאנגענער ארבייט, וועלכע דארף אפילו ציהען, לויט דעם שאטלענדישען זשעניע מעקקולאך, אן אייגענעם שכר (צינז, פראפיט א. אז. וו.).[3] די שטענדיג־וואקסענדע וויכטיגקייט פון דער פערגאנגענער אר־בייט, וואס ווירקט־מיט אין דעם לעבעדיגען ארבייט־פראצעס אין דער פארם פון פראדוקציאנס־מיטלען, ווערט אויף דעם אופן צו־געשריבען ניט צו דעם ארבייטער גופא, וועמעס פערגאנגענע און ניט־בעצאהלטע ארבייט זי איז, נאר צו איהר פערפרעמדעטער גע־שטאלט, צו איהר קאפיטאל־געשטאלט. די פראקטישע אגענטען פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן און זייערע אידעאלאגישע פראזיארען זיינען פונקט אזוי אונפעהיג צו דענקען וועגען די פרא־דוקציאנס־מיטלען, אבגעזונדערט פון דער אנטאגאניסטישער גע־זעלשאפטליכער מאסקע, וועלכע איז היינטיגען טאג אנגעקלעבט אויף זיי, ווי דער שקלאווען־האלטער קאן ניט אבזונדערן דעם אר־בייטער גופא פון זיין כאראקטער אלס שקלאף.

צווישען די אומשטענדען, וועלכע האבען אין א גרויסער מאס אן איינפלוס אויף דער אויסשפרייטונג פון דער אקומולאציע, אונ־אבהענגיג פון דער איינטיילונג פון׳ם מעהרווערטה אין הכנסה און קאפיטאל, מוז מען ענדליך נאך דערמאנען די גרויס פון דעם אויס־נעלעגטען קאפיטאל.

ביי א בעשטימטען גראד עקספלואטאציע פון דער ארבייט־קראפט ווערט די מאסע פון׳ם מעהרווערטה בעשטימט דורך דער צאהל פון די גלייכצייטיג עקספלואטירטע ארבייטער, און אט די צאהל פאסט זיך צו, ווען אפילו ניט אלעמאל אין דערזעלביגער

---

[3] מאקקולאך האט ארויסגענומען זיין פאטענט אויף דעם „לוין פון פער־גאנגענער ארבייט״ א צייט פריהער איידער סיניאר האט ארויסגענומען זיין פאטענט אויף דעם „לוין פאר אבסטינענץ.״

טיוו־קרעפטען ערשיינען אלס זיינע אייגענשאפטען, און פּונקט ווי די שטענדיגע אַנאייגענונג פון דער מעהר־ארבייט דורך דעם קאַ־פּיטאליסט ערשיינט אלס א שטענדיגע זעלבסט־פּערוווערטונג פון קאַפּיטאל. אַלע קרעפטען פון דער ארבייט שטעלען זיך פאָר ווי קרעפטען פון קאַפּיטאל, פּונקט ווי אלע ווערטה־פאָרמען פון סחורה שטעלען זיך פאָר אלס פאָרמען פון'ם געלד.

יענער טייל פון קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל, וועלכען אַדאַם סמיטה רופט אָן דער פעסטער טייל — די ארבייט־מיטלען, ווי געביידען, מאשינען און דערגלייכען — פונקציאָנירט אלעמאָל פאָלשטענדיג אין דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, ער ווערט אָבער פערניצט נאָר ביסלעכווייז און טראָגט אריבער זיין ווערטה נאָר אביסעל אויף א מאָל אויף די סחורות, וועלכע ער העלפט כסדר צו שאפען. ער איז א ריכטיגער מאָסשטאב פון דעם פאָרטשריט פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען. מיט זיין וואוקס וואקסט אויך דער אונטערשייד אין גרויס צווישען דער גאנצער סומע פון אָנגע־ווענדעטען קאפּיטאל און יענעם ברוך־טייל פון דער דאָזיגער סומע, וועלכער ווערט פערצעהרט אין יעדען מאָמענט. מיט אנדערע ווער־טער: עס וואקסט דער ווערטה און די מאטעריעלע מאסע פון די ארבייט־מיטלען, ווי געביידען, מאשינעריע, דרענירונג־רעהרען, אר־בייט־פּיה, אפּאראטען פון יעדען סאָרט, וועלכע פונקציאָנירן אין משך פון א לענגערער אָדער קירצערער פעריאָדע, אין שטענדיג־ווידערהאָלטע פּראָדוקציאָנס־פּראָצעסען, לויט זייער גאנצען אומ־פאנג אָדער דיענען צו גרייכען בעשטימטע ניצליכע ווירקונגען, בעת זיי נוצען זיך אָב נאָר אביסעל אויף אמאָל, פאָלגליך פערלירן זיי זייער ווערטה נאָר שטיקלעכווייז, און ממילא טראָגען זיי ארי־בער דעם ווערטה אויף די פּראָדוקטען אויך נאָר שטיקלעכווייז. אין דעם ערך, וואָס אָט די ארבייט־מיטלען דיענען אלס פאָרמירער פון פּראָדוקטען, ניט צוגעבענדיג דעם פּראָדוקט קיין ווערטה; אין דעם ערך, הייסט עס, וואָס זיי ווערן אינגאנצען אָנגעווענדעט אָבער נאָר טיילווייז קאָנזומירט, לייסטען זיי, ווי עס איז שוין פריהער דערמאָנט געוואָרן, דיזעלבע אומזיסטע דיענסטען ווי נאטור־קרעפ־טען, וואסער, דאמף, לופט, עלעקטריציטעט א. אז. וו. אָט די אומזיסטע דיענסט־לייסטונג פון פערגאנגענער ארבייט, ווען זי

דער טייל פון דעם רייכטום, וואס ווערט קאפיטאליזירט, איז דעריבער קיינמאל ניט אזוי גרויס, ווי ער האט געקאנט זיין. זיין גרויס אין פראפארציע צו דעם סך הכל פון געזעלשאפטליכען רייכ־טום ענדערט זיך מיט יעדער ענדערונג אין דער איינטיילונג פון דעם מעהרווערטה אין פערזענליכער הכנסה און אין צוגאב־קא־פיטאל; און די פראפארציע גופא, אין וועלכער די דאזיגע טיי־לונג קומט פאר, ענדערט זיך אהן אויפהער אונטער דעם איינ־פלוס פון סיטואציעס, מיט וועלכע מיר קאנען זיך דא ניט פערנעה־מען. עס איז גענוג דא צו קאנסטאטירן, אז דער קאפיטאל איז ניט קיין פעסטע (פיקסע) גרויס, נאר אן עלאסטישער טייל פון געזעלשאפטליכען רייכטום, וואס שוואנקט און ווערעלט זיך שטענ־דיגט מיט דער איינטיילונג פון׳ם מעהרווערטה אין הכנסה און צו־גאב־קאפיטאל.

מיר האבען ווייטער געזעהן, אז אפילו ביי א בעשטימטער גרויס פון׳ם פונקציאנירענדען קאפיטאל פארמירן די אין איהם פערקערפערטע ארבייט־קראפט, וויסענשאפט און ערד (אונטער וועלכע מען דארף פערשטעהן, אין אן עקאנאמישען זין, אלע אר־ביטס־געגענשטאנדען, וואס די נאטור שטעלט־צו אונאבהענגיג פון מענשען) עלאסטישע כחות (פאטענצען), וועלכע גיבען איהם אין געוויסע גרעניצען א פעלד פאר טהעטיגקייט, וואס איז אונאב־העננגיק פון זיין אייגענער גרויס. מיר האבען דערביי ניט גע־נומען אין בעטראכט קיינע פון די פערהעלטענישען פון דעם צירקו־לאציאנס־פראצעס, וועלכע פערורזאכען זעהר פערשיידענע וויר־קונגס־גראדען פון דערזעלביגער קאפיטאל־מאסע. און אזוי ווי מיר האבען אנגענומען אין פאראויס די בעגרעניצונגען פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן, ד. ה. מיר האבען אנגענומען א ריין־נאטורגעוואקסענע געשטאלט פון דעם געזעלשאפטליכען פרא־דוקציאנס־פראצעס, האבען מיר ניט גענומען אין בעטראכט א וועלכע עס איז מעהר ראציאנעלע קאמבינאציע, וואס לאזט זיך דורכפיהרן דירעקט און פלאנמעסיג מיט די פראדוקציאנס־מיט־לען און ארבייט־קרעפטען, וואס זיינען איצט פאראנען. די קלא־סישע עקאנאמיע האט פון אייביג־אן ליעב געהאט אויפצופאסען דעם געזעלשאפטליכען קאפיטאל אלס א פעסטע (פיקסע) גרויס פון א פעסטען (פיקסען) ווירקונגס־גראד. דער פאראורטייל איז

פּראָפּאָרציע, צו דער גרויס פון קאַפּיטאַל. צוזאַמען מיט דעם גאַנ־צען קאַפּיטאַל וואַקסט אויך זיין וואַריאַבלער בעשטאַנד־טייל, הגם ניט אין דערזעלביגער מאָס. וואָס גרעסער דער מאָסשטאַב איז, אויף וועלכען דער איינצעלנער קאַפּיטאַליסט פּראָדוצירט, אַלץ גרעסער איז די צאָהל אַרבייטער, וואָס ער עקספּלואַטירט אין איין צייט, אָדער אַלץ גרעסער איז די מאַסע אונבעצאָהלטע אַרבייט, וואָס ער אייגענט זיך אָן.[62] וואָס מעהר דעריבער דער קאַפּיטאַל וואַקסט דורך די כסדר׳דיגע אַקומולאַציעס, אַלץ מעהר וואַקסט אויך די ווערטה־סומע, וועלכע שפּאַלט זיך אין אַ קאָנזומציאָנס־פאָנד און אַן אַקומולאַציאָנס־פאָנד. דער קאַפּיטאַליסט קאָן לעבען מעהר ברייטלעך און צו דערזעלביגער צייט אַרויסווייזען מעהר „אַבסטינענץ.” און שליסליך, אַלע פרוזשינעס פון דער פּראָדוק־ציאָן אַרבייטען אַלץ מעהר ענערגיש, וואָס מעהר איהר מאָסשטאַב ברייטערט זיך אויס מיט דער מאַסע פון דעם אויסגעלעגטען קאַ־פּיטאַל.

5. דער אַזוי־גערופענער אַרבייטס־פאָנד.

די קאַפּיטאַליסטען אַזוי ווי די אַנדערע, וואָס נעהמען אַ חלק פון דעם מעהרווערטה, צום ביישפּיעל די גרונד־בעזיצער, זייערע נאָכשלעפּער און זייערע רעגירונגען, פערשווענדען יערען יאָהר אַן אָנגעזעהענעם טייל פון דעם יעהרליכען מעהר־פּראָדוקט. אַ חוץ דעם האַלטען זיי צוריק אַ מענגע זאַכען אין זייערע קאָנ־זומציאָנס־פאָנדען, וועלכע ווערן לאַנגזאַם פערברויכט, וואָס פּאַ־סען זיך אָנגעווענדעט צו ווערן פאַר דער רעפּראָדוקציאָן; דערצו פערברויכען זיי אַ מאַסע אַרבייט־קרעפטען פאַר זייער פּערזענלי־כער בעדיענונג און מאַכען זיי דורכדעם אונפּרוכטבאַר פאַר דער פּראָדוקציאָן.

---

[62] מען וועט זעהן אין דעם דריטען בוך, אַז די דורכשניטליכע פּראָפיט־ראַטע פון פערשיידענע פּראָדוקציאָנס־ספערען ווערט ניט בעריהרט פון דער איינטיילונג פון׳ם קאַפּיטאַל אין אַ קאָנסטאַנטען און וואַריאַבלען עלעמענט, וואָס איז אייגענטימליך פאַר יעדערער פון די דאָזיגע ספערען; אויך אַז אַט דער פענאָמען ווידערשפּרעכט נאָר לפנים די ענטוויקעלטע געזעצען וועגען דער נאַטור און פּראָדוקציאָן פון דעם מעהרווערטה.

צ. ב. ש. זיינע פלוצליכע אויסשפרייטונגען און צוזאמענציהונגען,
און אפילו די אקומולאציע גופא, איננאנצען אונבעגרייפבאר.[65] די
דאָגמע איז בענוצט געוואָרן פון בענטהאם גופא, אזוי גוט ווי פון
מאלטוס, דזשיימס מילל, מאקקולאָך א. א. פאר אפּאָלאָגעטישע
צוועקען, ספּעציעל כדי פאָרצושטעלען איין טייל פון קאפּיטאל,
דעם וואריאבלען אָדער דעם טייל, וואָס לאָזט זיך פערוואנדלען אין
ארבייט־קראפט, אלס א פעסטע גרויס. די מאטעריעלע עקזיס־
טענץ פון דעם וואריאבלען קאפּיטאל, ד. ה. די מאסע לעבענס־
מיטלען, וואָס ער רעפּרעזענטירט פאר דעם ארבייטער, אָדער דער
אזוינערופענער ארבייטס־פאָנד, איז אויסגעפאנטאזירט געוואָרן אלס
א בעזונדער טייל כ׳ן געזעלשאפטליכען רייכטום, וועלכער איז אָב־
געגרעניצט דורך נאטור־קעטען און קאָן ניט אריבערגעטראָגען
ווערן.

כדי צו ברענגען אין בעוועגונג דעם טייל פון געזעלשאפטלי־
כען רייכטום, וואָס דארף פונקציאָנירן אלס קאָנסטאנטער קאפּי־
טאל, אָדער אין א מאטעריעלער פאָרם אויסגעדריקט, אלס פּראָ־
דוקציאָנס־מיטלען, פאָדערט זיך א בעשטימטע מאסע פון לעבעדי־
גער ארבייט. די מאסע איז טעכנאָלאָגיש א בעשטימטע. אָבער
ניט די צאָהל ארבייטער, וואָס פאָדערט זיך פליסיג צו מאכען די
דאָזיגע ארבייט־מאסע, איז א בעשטימטע, ווארים דאָס ענדערט
זיך מיט דעם גראַד־עקספּלואטאציע פון דער אינדיווידועלער אר־
בייט־קראפט, און ניט איז דער פּרייז פון דער דאָזיגער ארבייט־

---

[65] „פּאליטישע עקאָנאָמען זיינען צופיעל גענייגט צו בעטראכטען א בע־
שטימטען סכום קאפּיטאל און א בעשטימטע צאָהל ארבייטער אלס פּראָדוק־
ציאָנס־אינסטרומענטען פון א גלייכפאָרמינער קראפט און ווי עפּעס וואָס ווירקט
מיט א געוויסער גלייכפאָרמיגער אינטענסיוויטעט. . . . די וועלכע בעהויפּטען,
אז סחורות זיינען די איינציגע ווירקענדע מיטלען פון דער פּראָדוקציאָן, בע־
ווייזען אז די פּראָדוקציאָן קאָן איבערהויפּט ניט אויסגעברייטערט ווערן,
ווארים פאר אזא אויסברייטערונג וואָלטען אפריהער געמוזט פערמעהרט ווערן
לעבענס־מיטלען, רויה־מאטעריאלען און ווערקציינ, וואָס עס מיינט פּאקטיש,
אז עס קאָן ניט פּאָרקומען קיין וואוקס פון דער פּראָדוקציאָן אָהן איהר פריה־
ערדיגען וואוקס, אָדער מיט אנדערע ווערטער, אז יעדער וואוקס איז אונמעג־
ליך.“ (ס. בעילי, „מאָני ענד איטס וויסיסיטיודס“, ז. 26, 70.) בעילי קריטי־
זירט די דאָגמע הויפּטזעכליך פון דעם שטאנדפּונקט פון דעם צירקולאציאָנס־
פּראָצעס.

אָבער ערשט בעפעסטיגט געוואָרן ווי אַ דאָגמע דורך דעם אור־פיליסטער דזשערעמי בענטהאַם — אָט דעם פּאַרעווען, פּעדאַנ־טישען, שוואַרץ־לעדערנעם אָראַקעל פון דעם פּשוט׳ן בורזשוא־פער־שטאַנד פון דעם 19טען יאָהרהונדערט.[63] בענטהאַם איז צווישען די פילאָזאָפען, וואָס מאַרטין טופּפּער איז צווישען די פּאָעטען. ביידע האָבען נאָר אין ענגלאַנד געקאָנט פאַבריצירט ווערן.[64]

מיט דער דאָגמע, אַז דער געזעלשאַפטליכער קאַפּיטאַל איז אין יעדען געגעבענעם צייט־פּונקט אַ פיקסע גרויס, ווערן די גע־וועהנליכסטע ערשיינונגען פון דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, ווי

---

[63] זעה צווישען אנדערע זש. בענטהאם "Theories des Peines et des Recompeses." איבערזעצט פון עט. דומאָן, פאריז 1826, ב. II., בוך 4, קאפ. 2.

[64] דזשערעמי בענטהאם איז א ריין־ענגלישער פענאמען. ניט מאכענדיג קיין אויסנאהם אפילו פון אונזער [דעם דייטשען] פילאזאף קריסטיאן וואלף, האט אין קיין צייט און אין קיין לאנד דער באלעבאטישער „שכל הישר“ זיך ניט צולעגט אזוי ברייטליך און מיט אזא זעלבסט־צופריעדענהייט. דער ניצ־ליכקייט־פּרינציפּ איז ניט געוועזן בענטהאם׳ס אן ערפינדונג. ער האט נאר רעפּראָדוצירט אהן טעם, וואס העלוועטיוס און אנדערע פראנצויזען פון 18טען י. ה. האבען געזאגט אזוי גייסטרייך. ווען מען וויל צום ביישפּיעל ווּיסען, וואס איז ניצליך פאר א הונט? מוז מען אויספארשען דעם הונט׳ס נאטור. מען קאן ניט זאגען וואס זיין נאטור איז דורך דעם ניצליכקייט פּרינציפּ. ווענ־דעט מען אן דעם פּרינציפּ אי״פ׳ן מענשען, איז אויב מען וויל אורטיילען וועגען אלע מענשליכע טהאטען, בעוועגונגען, שייכות׳ן א. אז. וו., מוז מען אפריהער אויספארשען די מענשליכע נאטור בכלל און דערנאך די מענשליכע נאטור ווי זי איז היסטאריש מאדיפיצירט אין יעדער עפאכע. בענטהאם פטר׳ט עס אב קורץ. מיט דער נאאיווסטער טרוקענקייט נעהמט ער אן דעם מאדערנעם שפּיזבירגער, און ספּעציעל דעם ענגלישען שפּיזבירגער, אלס דעם נארמאל־מענשען. וואס עס איז ניצליך פאר אָט דעם פּשוט׳ן בשר ודם און פאר זיין וועלט, דאס איז ניצליך אן און פאר זיך. לויט אָט דעם מאסשטאב אורטיילט ער ראן די פערגאנגענהייט, נעגענווארט און צוקונפט. צום ביישפּיעל, די קריסטליכע רעליגיאן איז „ניצליך“, ווייל זי פערבאט דיזעלבינע שלעכטע מעשים, וואס דער שטראף־קאדעקס פערדאמט אין נאמען פון געזעץ. קונסט־קריטיק איז „שעדליך“, ווייל זי שטערט רעספּעקטאבעלע מענשען הנאה צו האבען פון מארטין טופּפּער א. אז. וו. מיט אזא מין שונד האט דער בראַ־ווער מאן, וואס זיין דעוויז איז געוועזן „נוללא דיעס סינע לינעא“ [קיין טאג אהן א שטריך] אנגעפילט בערג מיט ביכער. ווען איך וואלט געהאט דעם קוראזש פון מיין פריינד הענריך היינע, וואלט איך דעם הערר דזשערעמיאס אנגערופען א זשעניע פון בירגערליכער דומהיים.

פּיטאַל[67] פון אַ לאַנד — זאָגט ער — איז זיין אַרבייט־פאָנד. כּדי דעריבער צו בערעכענען דעם דורכשניטליכען געלד־לוין, וואָס יע־דער אַרבייטער בעקומט, דאַרפען מיר איינפאַך צוטיילען אָט דעם קאַפּיטאַל אויף דער צאָהל פון דער אַרבייטער־בעפעלקערונג."[68] דאָס הייסט, אַלזאָ, אַפריהער רעכענען מיר צוזאַמען די ווירקליך־אָבגעצאָהלטע אינדיווידועלע אַרבייטס־לוינען אין איין סומע, דער־נאָך בעהויפּטען מיר, אַז אָט דער חבור מאַכט אויס די ווערטה־סומע פון דעם „אַרבייט־פאָנד", וואָס איז פעסטגעזעצט געוואָרן פון גאָט און דער נאַטור. לסוף צוטיילען מיר די סומע, וואָס האָט זיך אויף דעם אופן בעקומען, אויף דער צאָהל אַרבייטער, כּדי ווידער אַמאָל צו ענטדעקען וויפיעל עס קאָן אין דורכשניט אויספאַלען אויף יעדען אַרבייטער אינדיווידועל. אַ זעלטען־חכמה'דיגע מעטאָדע איז דאָס. זי שטערט ניט דעם הערן פאָסעט צו זאָגען מיט דעמ־זעלביגען אָטהעם: „דער יעהרליך־אַקומולירטער קאָלעקטיוו־רייכ־טום אין ענגלאַנד ווערט איינגעטיילט אין צוויי טיילען. איין טייל ווערט אין ענגלאַנד פערוועגדט אויפצוהאַלטען אונזער אייגענע אינ־דוסטריע. אַנאַנדער טייל ווערט עקספּאָרטירט אין אַנדערע לענ־דער. . . דער טייל, וואָס ווערט אָנגעווענדעט אין אונזער אינ־דוסטריע, שטעלט ניט צוזאַמען קיין בעדייטענדען טייל פון דעם רייכטום, וואָס ווערט יעהרליך אַקומולירט דאָ אין לאַנד."[69] דער גרעסערער טייל פון דעם יעהרליך־צוגעקומענעם מעהר־פּראָדוקט, וואָס ווערט אָבגעצווייגען פון דעם ענגלישען אַרבייטער אָהן אַן עק־וויוואַלענט, ווערט, הייסט עס, פערקאַפּיטאַליזירט ניט אין ענג־לאַנד, נאָר אין פרעמדע לענדער. אָבער מיט דעם, אויף דעם אופן

---

[67] איך וויל דאָ דערמאָנען דעם לעזער, אַז איך האָב דער ערשטער גע־ברויכט די קאַטעגאָריען קאָנסטאַנטער און וואַריאַבלער קאַפּיטאַל. די פּאָלי־טישע עקאָנאָמיע זינט אַדאַם סמיטה וואַרפט צוזאַמען די בעשטימונגען, וואָס זיינען ענטהאַלטען אין דעם, מיט די פאָרם־אונטערשיידען פון פיקסען און ציר־קולירענדען קאַפּיטאַל, וואָס נעהמען זיך פון דעם צירקולאַציאָנס־פּראָצעס, אין איין מיש־מאַש. נענויערעס וועגען דעם וועט מען געפינען אין צווייטען בוך, צווייטען אָבטייל.

[68] H. Fawcett, Professor of Political Economy of Cambridge: "The Economic Position of the British Labourer," 1865, page 120.

[69] ד. ג. ז. 122, 123.

קראַפט אַ בעשטימטער, אַ חוץ נאָר זיין מינימאַלער גרענעץ, און דער איז אויך זעהר עלאַסטיש. די פאַקטען, וואָס ליעגען אין גרונד פון דער דאָגמע, זיינען אָט די: פון איין זייט האָט דער אַר־בייטער קיין דעה ניט מכח דער איינטיילונג פון דעם געזעלשאַפט־ליכען רייכטום אין געגוס־מיטלען פאַר די ניט־אַרבייטער און אין פּראָדוקציאָנס־מיטלען. פון דער אנדער זייט קאָן ער נאָר אין גינ־סטיגע אויסנאַהם־פאַלען גרעסער מאַכען דעם אַזויגערופענעם „אַר־בייטס־פאָנד” אויף'ן חשבון פון דער „הכנסה” פון דעם רייכען. „דער ווילען פון דעם רייכען, זאָגט זיסמאָנדי, ווערט בעשטימענד פאַר די אָרימע. . . וואָרים ער אליין פיהרט דורך די חלוקה פון דעם יעהרליכען פּראָדוקט. אַלץ וואָס ער רופט אָן הכנסה, האַלט ער פאַר זיך, כדי דאָס אַליין צו קאָנזומירן. וואָס ער רופט אָן קאַ־פּיטאַל, גיט ער אָב די אָרימע, כדי זיי זאָלען דערמיט שאַפען זיין הכנסה (ריכטיגער געזאָגט, כדי זיי זאָלען דערמיט שאַפען פאַר איהם נאָך אַ צוגעגעבענע הכנסה).”[66]

צו וואָס פאַר אַן אונזיניגער טאַוטאָלאָגיע עס פיהרט, ווען מען פּלפּול'ט אויס פון דער קאַפּיטאַליסטישער בעגרעניצונג אַ גע־זעלשאַפטליכע נאַטור־בעגרעניצונג פון דעם אַרבייט־פאָנד, בעווייזט צווישען אַנדערע פּראָפעסאָר פאָסעט. „דער צירקולירענדער קאַ־

[66] זיסמאַנדי, „נייע פּרינציפּען פון פּאָליט. עקאָנאָמיע (פראַנצ.) ב. I, ז. 107, 108. — דזש. סט. מילל אין זיין „פּרינסיפּלס אָוו פּאָליטיקאַל עקאָנאָ־מיע, בוך II, קאַפּיט. 1, § 3 זאָגט: „דער פּראָדוקט פון דער אַרבייט ווערט היינ־טיגען טאָג פערטיילט כמעט אין אַן אומגעקעהרטער פּראָפּאָרציע צו דער אַר־בייט — דער גרעסטער טייל קומט אָן צו די, וואָס אַרבייטען קיינמאָל ניט, דער נעקסט־גרעסטער צו די, וואָס זייער אַרבייט איז כמעט נאָר נאָמינעל, און אַזוי ווערט די בעלוינונג וואָס ווייטער אַלץ קלענער, אין דעם ערך וואָס די אַרבייט ווערט שווערער און אונאַנגענעהמער, ביז די גאָר שווערסטע און אויס־מאַטערענדע קערפּערליכע אַרבייט קאָן אפילו ניט רעכענען מיט זיכערקייט אויף די נויטיגסטע מיטלען צום לעבען.” כדי אויסצומיידען מיספערשטענ־דעניסען וויל איך בעמערקען, אַז ווען עס קומט אויס צו צו טאַדלען אַזוינע מענער ווי דזשאָהן סטואַרט מילל און אַנדערע פאַר דעם ווידערשפּרוך צווישען זייערע אַלט־עקאָנאָמישע דאָגמען און זייערע מאָדערנע טענדענצען, וואָלט עס אָבער געווען אינגאַנצען אומרעכט צוזאַמען צו מישען זיי מיט דעם גאַנצען פּאַק פון די וואולגאַר־עקאָנאָמישע אַפּאָלאָגעטען.

דריי און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

דאָס אַלגעמיינע געזעץ פון דער קאַפּיטאַליס־טישער אַקומולאַציע.

1. די וואַקסענדע נאָכפּראַגע אויף אַרבייט־קראַפט, וואָס קומט מיט דער אַקומולאַציע, בעת די צוזאַמענשטעלונג פון קאַפּיטאַל בלייבט די זעלבינע.

מיר וועלען בעהאַנדלען אין אָט דעם קאַפּיטעל דעם איינפלוס, וואָס דער וואוקס פון קאַפּיטאַל איבט אויס אויף דעם גורל פון דעם אַרבייטער־קלאַס. די וויכטיגסטע פאַקטאָרען אין אָט דער אונטערזוכונג זיינען די צוזאַמענשטעגונג פון'ם קאַפּיטאַל און די ענדערונגען, וואָס זי מאַכט דורך אין דעם פערלויף פון דעם אַקומולאַציאָנס־פּראָצעס.

די צוזאַמענשטעלונג פון'ם קאַפּיטאַל דאַרף מען אויפפאַסען אין אַ צווייפאַכיגען זין. אויף דער זייט פון ווערטה בעשטימט זי זיך דורך דער פּראָפּאָרציע, אין וועלכער קאַפּיטאַל טיילט זיך איין אין קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל אָדער ווערטה פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, און אין וואַריאַבלען קאַפּיטאַל אָדער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט, דער סך הכל פון די אַרבייט־לוינען. אויף דער זייט פון'ם מאַטעריאַל, ווי ער פונקציאָנירט אין דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, טיילט זיך איין יעדער קאַפּיטאַל אין פּראָדוקציאָנס־מיטלען און לעבעדיגע אַרבייט־קראַפט. אָט די לעצטע צוזאַמענשטעלונג בעשטימט זיך דורך דער פּראָפּאָרציע צווישען דער מאַסע פון די אָנגעווענדעטע פּראָדוקציאָנס־מיטלען פון איין זייט און דער אַרבייט־מאַסע, וואָס פאָדערט זיך פאַר זייער אָנווענ־

עקספארטירטען צוגאב־קאפיטאל, ווערט דאך אויך עקספארטירט א טייל „ארבייט־פאנד”, וואס איז ערפונגדען געוואָרן פון גאט און בענטהאם.[פז]

[פז] מען וואלט געקאנט זאגען, אז ניט נאר קאפיטאל, נאר אויך ארבייטער ווערן אין דער פארם פון אויסוואנדערונג יעהרליך עקספארטירט פון ענגלאנד. אין טעקסט איז אבער גאר ניט קיין רעד וועגען דעם מיטגענומענעם פערמע־גען פון די אויסוואנדערער, וועלכע זיינען אין א גרויסען טייל ניט קיין אר־בייטער. די זיהן פון די ערענדאטארס ליפערן א גרויסען טייל דערפון. דער ענגלישער צוגאב־קאפיטאל, וואס ווערט יעהרליך אוועקגעשיקט אין אויסלאנד צו טראגען פראצענטען, שטעהט אין א פיעל גרעסערער פראפארציע צו דער יעהרליכער אקומולאציע, איידער די יעהרליכע אויסוואנדערונג שטעהט אין פראפארציע צו דעם יעהרליכען צו־וואוקס פון דער בעפעלקערונג.

בייטער׳ס לעבענס־מיטלען וואקסט פראפארציאנעל צו דעם קא־פיטאל און אלץ שנעלער, וואס שנעלער דער קאפיטאל וואקסט. אזוי ווי דער קאפיטאל פראדוצירט יעהרליך א מעהרווערטה, פון וועלכען איין טייל ווערט יעהרליך צוגעגעבען צום אריגינאל־קאפי־טאל; אזוי ווי אט דער צו־וואוקס גופא וואקסט יעהרליך מיט דעם גרעסערן אומפאנג פון דעם קאפיטאל, וואס האלט שוין אין פונק־ציאנירן; און אזוי ווי, ענדליך, אונטער דעם ספעציעלען סטימול פון דער שטרעבונג רייך צו ווערן, ווי צום ביישפיעל די עפענונג פון נייע מערק, נייע ספערען פון קאפיטאל־איינלאגען אלס רע־זולטאט פון ניי־ענטוויקעלטע געזעלשאפטליכע בעדערפענישען א. אז. וו., לאזט זיך פלוצלינג אויסברייטערן דער מאסשטאב פון דער אקומולאציע בלויז דורך א געענדערטער איינטיילונג פון דעם מעהר־ווערטה אדער דעם מעהר־פראדוקט אין קאפיטאל און הכנסה — קאנען די אקומולאציאנס־פאדערונגען פון׳ם קאפיטאל אריבעריאגען דעם וואוקס פון דער ארבייט־קראפט אדער פון דער ארבייטער־צאהל, די נאכפראגע אויף ארבייטער קאן אריבעריאגען זייער צו־שטעל און פאלגליך קאנען די ארבייט־לוינען שטייגען.

דאס מוז גאר אפילו זיין דער פאל, אויב אונזער פריהערדיגע השערה האלט אן ווייטער אומפערענדערט. אזוי ווי עס ווערן יעדעס יאהר בעשעפטיגט מעהר ארבייטער איידער אין דעם פריה־ערדיגען יאהר, מוז פריהער אדער שפעטער אריינטרעטען דער פונקט, ווען די בעדערפענישען פון דער אקומולאציע הויבען אן אריבערצו־וואקסען ד׳עם געוועהנליכען צושטעל פון ארבייט, ווען עס טרעט אריין פאלגליך א לוין־העכערונג. א וועה־געשריי וועגען דעם האט זיך געלאזט הערן אין ענגלאנד אין משך פון גאנצען 15טען און פון דער ערשטער העלפט פון 18טער יאהרהונדערט. די מעהר אדער ווייניגער גינסטיגע אומשטענדען, אין וועלכע די לוין־ארבייטער לעבען און פערמעהרן זיך, מאכען אבער קיין ענ־דערונג ניט אין דעם גרונד־כאראקטער פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן. אזוי ווי די איינפאכע רעפראדוקציאן רעפראדו־צירט נאכאנאנד די קאפיטאל־שייכות גופא: קאפיטאליסטען אויף איין זייט, לוין־ארבייטער אויף דער אנדער זייט, אזוי רעפרא־דוצירט די רעפראדוקציאן אויף א ברייטערן מאסשטאב אדער די אקומולאציע, די קאפיטאל־שייכות אויף א ברייטערן מאסשטאב:

דונג פון דער אנדער זייט. די ערשטע רופֿ איך אָן די ווערטה־צוזאמענשטעלונג, די צווייטע — די טעכנישע צוזאמענשטעלונג פון׳ם קאפיטאל. צווישען דיביידע געפינט זיך אן ענגע געגענזייטיגע שייכות. כדי אויסצודריקען אָט די שייכות, רופֿ איך אָן די ווערטה־צוזאמענשטעלונג פון קאפיטאל, אויף ווי ווייט זי ווערט בעשטימט דורך זיין טעכנישער צוזאמענשטעלונג און שפּיגעלט אָב איהרע ענדערונגען — די אָרגאנישע צוזאמענשטעלונג פון׳ם קאפיטאל. אומעטום, וואו עס רעדט זיך בקיצור וועגען דער צוזאמענשטעלונג פון קאפיטאל, דארף מען אלע־מאָל פערשטעהן זיין אָרגאנישע צוזאמענשטעלונג.

די צאָהלרייכע איינצעל־קאפּיטאלען, וועלכע זיינען אריינגעלעגט אין א בעשטימטען פּראָדוקציאָנס־צווייג און פונקציאָנירן אין די הענד פון צאָהלרייכע איינע פון די אנדערע אונאָבהענגיגע קאפּיטאליסטען, אונטערשיידען זיך מעהר אָדער ווייניגער אין זייער צוזאמענשטעלונג. דער דורכשניט פון זייערע איינצעל־צוזאמענשטעלונגען גיט אונז די צוזאמענשטעלונג פון דעם גאנצען קאפּיטאל פון דעם דאָזיגען פּראָדוקציאָנס־צווייג. ענדליך גיט אונז דער כלל־דורכשניט פון די דורכשניט־צוזאמענשטעלונגען פון אלע פּראָדוקציאָנס־צווייגען די צוזאמענשטעלונג פון דעם געזעלשאפט־ליכען קאפּיטאל פון א לאנד, און פון אָט דער אליין אין לעצטער ליניע וועט זיין די רייד אין דער ווייטערדיגער אונטערזוכונג.

נאָך אָט די איינלייטענדע בעמערקונגען, לאָמיר זיך ווידער ווענדען צו דער אקומולאציע פון קאפּיטאל.

דער וואוקס פון קאפּיטאל שליסט איין דעם וואוקס פון זיין וואריאבלען אָדער אין ארבייט־קראפט פערוואנדעלטען בעשטאנד־טייל. איין טייל פון דעם מעהרווערטה, וואָס ווערט פערוואנדעלט אין צוגאָב־קאפּיטאל, מוז שטענדיג צוריק פערוואנדעלט ווערן אין וואריאבלען קאפּיטאל אָדער אין צוגעקומענעם ארבייט־פאָנד. נעהמען מיר אָן, אז מיט אלע אנדערע גלייך־בלייבענדע אומשטענ־דען בלייבט אויך די צוזאמענשטעלונג פון קאפּיטאל אומפערענ־דערט; ד. ה. אז א בעשטימטע מאסע פּראָדוקציאָנס־מיטלען אָדער קאָנסטאנטער קאפּיטאל פאָדערט שטענדיג דיזעלביגע מאסע ארבייט־קראפט כדי געבראכט צו ווערן אין בעוועגונג, דאן איז קלאָר, אז די נאָכפראגע אויף ארבייט און דער פאָנד פון די אר־

לינג געלד און פּונקט אַזויפיעל פיה, וואָס וואָלט אַזאַ רייכער מאַן געווען אָהן דעם ארבייטער א חוץ אַליין אַן ארבייטער? און אַזוי ווי די ארבייטער מאַכען לייטען רייך, איז וואָס מעהר ארבייטער, אַלץ מעהר רייכע. . . דעם אָרימאַן'ס ארבייט איז דעם רייכען'ס גאָלד־מינע."[72]

אַזוי זאָגט אויך בערנאַרד דע מאַנדעוויל אין אָנפאַנג פון 18טען י. ה.: „דאָרט, וואו דאָס אייגענטום ווערט גענוג בעשיצט, וואָלט געווען לייכטער צו לעבען אָהן געלד איידער אָהן אָרימע לייט, וואָרים ווער וואָלט געטאָן די ארבייט? . . . אַזוי ווי מען דאַרף פערהיטען די ארבייטער, זיי זאָלען ניט פערהונגערן, אַזוי זאָלען זיי אויך גאָר נישט בעקומען, וואָס איז ווערטה אָבצושפּאָרן. ווען עס מאַכט זיך ווען־ניט־ווען, אַז איינער פון דעם אונטערשטען קלאַס הויבט זיך ארויס, דורך אונגעוועהנליכער פלייסיגקייט און אָבנאַרן די קישקע, פון דער לאַגע, אין וועלכער ער איז אויפגע־וואַקסען געוואָרן, טאָר איהם קיינער אין דעריין ניט שטערן: אדרבא, עס איז בלי ספק דער קלינגסטער פּלאַן פאַר יעדער פּריוואַט־פּערזאָן און יעדער פּריוואַט־פאַמיליע אין דער געזעלשאַפט צו זיין עקאָנאָמיש; עס איז אָבער אין די אינטערעסען פון אַלע רייכע פעלקער, אַז דער גרעסטער טייל פון די אָרימע זאָל קיינמאָל ניט געהן לעדיג און דאָך זאָלען זיי אַלעמאָל אויסגעבען אַלץ וואָס זיי קריגען. . . די וואָס פערדיענען אויף זייער לעבען דורך זייער טעג־ליכער ארבייט, האָבען קיין זאַך ניט, וואָס זאָל זיי טרייבען צו זיין ארבייטזאַם, א חוץ זייערע בעדערפעניסען, וועלכע עס איז קלוג צו לינדערן אָבער נאַריש צו קורירן. די איינציגע זאַך, וואָס קאָן דעם ארבייטענדען מענשען מאַכען פלייסיג, איז אַ מעסיגער ארבייטס־לוין. אַ צו־קליינער לוין מאַכט איהם, ווי נאָך זיין טעמ־פּעראַמענט נאָך, אָדער מוטהלאָז אָדער געפעהרליך, א צו־גרויסער לוין מאַכט איהם פרעך און פויל. . . . עס איז קלאָר פון דאָס, וואָס מיר האָבען געזאָגט, אַז אין א פרייען פאָלק, וואו שקלאַווען זיינען ניט ערלויבט, בעשטעהט דער זיכערסטער רייכטום אין א גרויסער מעננע אָרימע לייט. אויסער דעם, אַזוי ווי זיי זיינען דער קוואַל,

[72] John Bellers, "Pproposals for raising a Colledge of Industry," London, 1696, p. 2.

מעהר קאַפּיטאַליסטען אָדער גרעסערע קאַפּיטאַליסטען אויף דעם פּאָליוס, מעהר לוין־אַרבייטער אויף יענעם פּאָליוס. מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, אַז די רעפּראָדוקציאָן פון דער אַרבייט־קראַפט, וועלכע מוז זיך אונאויפהערליך פּערקערפּערן אַלס פּערוועּרטונגס־מיטעל אין׳ם קאַפּיטאַל, וועלכע קאָן זיך ניט לויזרייסען פון איהם, און וואָס איהר פערקנעכטונג צום קאַפּיטאַל ווערט נאָר פערדעקט דורך דעם איבערבייט פון די אינדיווידועלע קאַפּיטאַליסטען, צו וועלכע זי פערקויפט זיך — איז פאַקטיש איין מאָמענט פון דער רעפּראָדוקציאָן פון׳ם קאַפּיטאַל גופא. די אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל איז דעריבער די פערמעהרונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט.[ג׳]

די קלאַסישע עקאָנאָמיע האָט אַזוי גוט בעגריפען אָט דעם זאַץ, אַז אַדאַם סמיטה, ריקאַרדאָ א. אַ., ווי מיר האָבען פריהער דער־מאָנט, האָבען אפילו די אַקומולאַציע גלייכגעשטעלט על פּי טעות מיט דעם קאָנזום פון גאַנצען קאַפּיטאַליזירטען טייל פון מעהר־פּראָדוקט דורך די פּראָדוקטיווע אַרבייטער, אָדער מיט דער פּער־וואַנדלונג פון דעם דאָזיגען טייל אין צוגעקומענע לוין־אַרבייטער.

שוין אין יאָהר 1696 האָט דזשאָהן בעללערס געזאָגט: „ווען איינער האָט 100,000 אַקער לאַנד און פונקט אַזויפיעל פונט סטער־

[ג׳] קאַרל מאַרקס, „לוין־אַרבייט און קאַפּיטאַל“ [בערלין אויסגאַבע 1907, ז. 28.] — „אונטער דערזעלבינער אונטערדריקונג פון די מאַסען איז אַ לאַנד אויף אַזויפיעל רייכער, אויף וויפיעל עס האָט מעהר פּראָלעטאַריער“. (קאָלין׳ס „ל׳עקאָנאָמיע פּאָליטיק עצט.“, פּאַריז 1837, באַנד III, ז. 331.) אונטער דעם נאָמען „פּראָלעטאַריער“ מוז מען עקאָנאָמיש פערשטעהן דעם לוין־אַרבייטער, וועלכער פּראָדוצירט און פערווערטעט „קאַפּיטאַל“, און ווערט אַרויסגעוואָרפען אויפ׳ן גאַס, אַזויבאַלד ווי ער ווערט איבערפליסיג פאַר די פערוועּרטונגס־בעדערפענישען פון דעם „מאָנסיע קאַפּיטאַל“, ווי פּעקעור רופט אַן די דאָזיגע פּערזאָן. „דער קרענקליכער פּראָלעטאַריער פון פּרימיטיווען וואַלד“ איז ראָשער׳ס אַ פיינע פאַנטאַזיע. דער פּרימיטיווער וואַלד־מענש איז דער איי־גענטימער פון׳ם וואַלד און בעהאַנדעלט איהם אַלס זיין איינענטום אַהן צערע־מאָניעס ווי דער אָראַנג־אוטאַן. ער איז אַלזאָ ניט קיין פּראָלעטאַריער. דאָס וואָלט געווען דער פאַל, ווען דער פּרימיטיווער וואַלד וואָלט איהם עקספּלואַ־טירט, אַנשטאָט ער דעם וואַלד. וואָס איז נוגע דעם צושטאַנד פון זיין גע־זונד, קאָן ער גאַנץ גוט זיך אויסגלייכען ניט נאָר מיט דעם מאָדערנעם פּראָ־לעטאַריער, נאָר אַפילו אויך מיט די סיפיליטישע און סקראָפולעזע „העכערע קלאַסען“. הערר ווילהעלם ראָשער פערשטעהט מסתמא אונטער דעם פּרימיטיווען וואַלד זיינע געבירטיגע לינעבורגער בלאָטעס.

וועגען אין זייער רשות די פּראָדוקטען פון דער ארבייטזאַמקייט. אָט די בעפרייאונג פון דער ארבייט אָבער פערדאַנקען זיי נאָר דער ציוויליזאַציע און דער אָרדנונג; זיי זיינען אייגענטימליכע בע־שעפענישען פון די בירגערליכע אינסטיטוציעס,[74] וועלכע האָבען אַנערקענט, אז מען קאָן זיך אָנאייגענען די פרוכט פון דער ארבייט אויך אויף אַנדערע אופנים ווי דורך ארבייט. די לייט, וואָס בע־זיצען אַן אונאָבהענגיגען פערמעגען, פערדאַנקען זייער פערמעגען כמעט אינגאַנצען דער ארבייט פון אנדערע מענשען, ניט זייער איי־גענער פעהיגקייט, וועלכע איז דורכאויס ניט גרעסער איידער די פעהיגקייט פון אַנדערע. ניט דער בעזיץ פון לאַנד און געלד, נאָר די קאָמאַנדע איבער ארבייט ("the command of labour") אונ־טערשיידט די רייכע פון דעם ארבייטענדען טייל פון דער געמיינ־דע. . . דער דאָזיגער [פון עדען רעקאָמענדירטער] פּלאַן וואָלט געגעבען די בעזיצענדע געניגענד פיעל, אָבער בשום אופן ניט צו־פיעל איינפלוס און מאַכט איבער יענע. . . וועלכע ארבייטען פאַר זיי, און ער וואָלט ניט געשטעלט די ארבייטער אין אַן עלענדער אָדער קנעכטישער לאַגע, נאָר אין אַ צושטאַנד פון בעקוועמליכקייט און לויזער אָבהענגיקייט. . . אַזאַ אָבהענגיקייט איז נויטווענדיג, ווי יעדער קענער פון דער מענשליכער נאַטור און איהר געשיכטע וויים, פאַר דעם וואוילזיין פון די ארבייטער גופא."[75] סער פ. מ. עדען, מעג מען פערבייגעהענדיג בעמערקען, איז דער איינציגער שילער אדאַם סמיטה'ס, וועלכער האָט אין פערלויף פון 18טען יאָהרהונדערט געלייסטעט עטוואָס בעדייטענדעס.[76]

---

[74] עדען האָט זיך געדאַרפט שטעלען די פראַגע, און וועמעס בעשעפעני־שען זיינען די „בירגערליכע אינסטיטוציעס"? פון דעם שטאַנדפונקט פון דער יוריסטישער אילוזיע בעטראַכט ער ניט דאָס געזעץ ווי א פּראָדוקט פון די מאַטעריעלע פערהעלטענישען פון דער פּראָדוקציאָן, נאָר פערקעהרט, די פער־העלטענישען פון דער פּראָדוקציאָן האַלט ער פאַר א פּראָדוקט פון'ם געזעץ. לינגע האָט איינגעוואָרפען מאָנטעסקיו'ס פאַנטאַסטישען בגין דעם „עספּרי דע לואַ" [דער גייסט פון די געזעצען] מיט דעם איינציגען וואָרט: „דער גייסט פון די געזעצען איז דאָס איינענטום."

[75] עדען, דאָרט גופא, ז. 1, 2, XX.

[76] זאָל דער לעזער וועלען דערמאַנען מאַלטוס'ען, וועמעס „עססעי אָן פּאָפּולייששאָן איז ערשיענען אין 1798, וויל איך איהם דערמאַנען, אַז די דאָ־זיגע שריפט, אין איהר ערשטער פאָרם, איז נישט מעהר ווי א שוהל־אינגעל'ס

וואָס הערט קיינמאָל ניט אויף צוזושטעלען מענשען פאר דעם פלאָט און דער ארמעע, וואָלט אָהן זיי ניט געקאָנט זיין קיין גענוס און די פּראָדוקטען פון קיין לאנד וואָלטען ניט געקאָנט זיין ווערטה־פול. כדי צו מאכען די געזעלשאפט (וועלכע בעשטעהט נאטיר־ליך פון ניט־ארבייטער) זאָל זיין גליקליך און דאָס פאָלק זאָל אפילו אין טרויעריגע אומשטענדען זיין צופריעדען, איז נויטיג, אז די גרויסע מאיאָריטעט זאָל בלייבען אונוויסענד אזוי גוט ווי אָרים. קענטעניש ברייטערט אויס און פערפיעלפאכט אונזערע פערלאנ־גען, און וואָס ווענינער א מענש פערלאנגט, אלץ גרינגער קאָנען זיינע בעדערפענישען בעפריעדיגט ווערן."[73]

וואָס מאנדעוויל, אן עהרליכער מאן און קלאָרער קאָפּ, האָט נאָך ניט בעגריפען, איז, אז דער מעכאניזם פון דעם אקומולא־ציאָנס־פּראָצעס גופא פערמעהרט צוזאמען מיט דעם קאפּיטאל די מאסע פון די „ארבייטזאמע אָרימע", דאָס הייסט פון די לוין־ארבייטער, וועלכע פערוואנדלען זייער ארבייט קראפט אין א וואק־סענדע פערווערטונגס־קראפט פון דעם וואקסענדען קאפּיטאל, און טאקע דורכדעם מוזען זיי פעראייביגען זייער אָבהענגיגקייט פון זייער אייגענעם פּראָדוקט, וועלכער ווערט פּערזאָניפיצירט אין דעם קאפּיטאליסט. בנוגע צו אָט דער שייכות פון אָבהענגיגקייט בע־מערקט סער פ. מ. עדען אין זיין ווערק: „די לאגע פון די אָרימע, אָדער די געשיכטע פון ענגלאנד'ס ארבייטער־קלאס", ווי פאָלגט: „דער נאטירליכער פּראָדוקט פון אונזער באָדען איז זיכער ניט גע־נוגענד אונז פאָלשטענדיג אויסצוהאלטען; מיר וואָלטען ניט גע־קאָנט פערזאָרגט ווערן מיט קליידונג, וואוינונג און נאַהרונג אָהן וועלכער עס איז פריהערדיגער ארבייט. ווענינסטענס איין טייל פון דער געזעלשאפט מוז דעריבער ארבייטען אָהן אן אויפהער. . . אַנדערע, וועלכע „זעען ניט און שפּינען ניט", האָבען פונדעסט־

---

[73] ב. דע מאנדעוויל, "The Fable of the Bees" 5טע אויפלאגע, לאנדאן 1728, בעמערקונגען ז. 212, 213, 328. — „א מעסיגע לעבען און בעשטענדיגע ארבייט זיינען פאר די ארימע דער וועג צום מאטעריעלען גליק (אונטער וועלכען ער פערשטעהט וואס לענגערן ארבייטס־טאג און וואס ווייניגער לעבענס־מיטלען) און צום רייכטום פאר'ן שטאאט (ד. ה. פאר די גרונד־אייגענטימער, קאפיטאליסטען און זייערע פאליטישע גרויסע לייט און אגענטען)." („אן עססעי אן טרייד ענד קאמערס", לאנדאן 1770, ז. 54.)

בייטער, פערקליידט זיך זייער אבהענגיגקייט־שייכות פון'ם קאפי־
טאל אין דערטרעגליכע, אדער ווי עדען זאגט, אין „בעקוועמע און

ווערט אויסגעשעפט די גאנצע מאַ־ערנע בעפעלקערונגס־טעאריע און וועמען
דער קורצער ויכוח צווישען קענעי און זיין שילער מיראבא דעם עלטערן האט
נעגעבען אידעען אויף דער טעמא; דאן דעם גלח וואליים, דעם גלח טאונסענד,
דעם גלח מאלטהוס און זיין שילער דעם הויפט־גלח טה. טשאלמערס — שוין
ניט צו רעדען פון די קלענערע גלח'ישע שרייבארעס אויף אט דעם געביט.
נאר אין אנהויב איז די פאליטישע עקאנאמיע אנגעפיהרט געווארן פון
פילאזאפען, ווי האבבס, לאק, און יוהם; פון געשעפטס־מענשען און שטאאטס־
לייט ווי טאמאס מאאר, טעמפל, סוללי, דעוויטט, נארטה, לאו, וואנדערלינט,
קאנטילאן, פראנקלין; טעארעטיש, ספעציעל און מיט דעם גרעסטען ערפאלג,
פון מעדיצינער ווי פעטטי, בארבאן, מאנדעוויל, קענעי. נאך איי מיטען פון
18טען י. ה. האט זיך דער גייסטליכער דזשאסיא טאקער, א בעדייטענדער עקא־
נאם פאר, זיין צייט, ענטשולדיגט, וואס ער בעשעפטיגט זיך מיט מאמאן'ס
עסקים. שפעטער, דערהויפט מיט דעם ארויסטריט פון דעם „בעפעלקערונגס־
פרינציפ", האט געשלאגען די שטונדע פאר די פראטעסטאנטישע גלחים. פעטטי,
וועלכער האט בעטראכט די בעפעלקערונג אלס דעם באזיס פון'ם רייכטום, און
איז געווען, אזוי ווי אדאם סמיטה, אן אויסגעשפראכענער פיינד פון די גלחים,
זאגט, פונקט ווי ער וואלט געהאט א פאר־געפיהל, אז זיי וועלען פערפושען
דעם עסק: „די רעליגיאן בליהט אם בעסטען, ווען די גלחים זיינען וואס
מעהר אבגעטויט, אזוי ווי דאס געזעץ בליהט אם בעסטען, וואו די אדוואַ־
קאטען האבען ניט וואס צו טהאן." ער ראטה דעריבער די פראטעסטאנטישע
גלחים, וויבאלד זיי פאלגען ניט דעם אפאסטאל פאול און ווילען זיך ניט
„אויסטויטען" דורך דעם צעליבאט, „זיי זאלען יעדענפאלס ניט אנפרופפערן
מעהר גלחים איידער די פאראנענע שטעלען (בענעפיסעס) קאנען זיי איינ־
נעהמען: דאס הייסט, ווען אין גאנץ ענגלאנד און וועלס זיינען פאראן נאר
12000 שטעלען, איז עס ניט קלוג אנצופרופפערן 24,000 גלחים, ווארים די
12,000 ניט־פערזארגטע וועלען שטענדיג זוכען מיטלען צו קריגען א פלאץ
פאר חיונה און וואס קאן זיין לייכטער ווי ארומגעהן און איבעררעדען די
מענשען, אז די צוועלף טויזענד אנגעשטעלטע פער'סמ'ן און הונגערן אויס
זייערע נשמות און פיהרען זיי ניט אויפ'ן ריכטיגען וועג צום הימעל?" (פעטטי,
„א טריטיז אן טאקסעס אנד קאנטריביושאנס", לאנדאן 1667, ז. 57.) אדאם
סמיטה'ס שטעלונג צום פראטעסטאנטישען פאפענטום פון זיין צייט ציינט זיך
ארויס פון דאס פאלגענדע. אין א שריפט אונטערן נאמען: "A Letter to A.
Smith, L. L. D. On the Life, Death, and Philosophy of his Friend, David
Hume. By one of the People called Christians. 4th Edition, Oxford, 1784."
טוסר'ט דר. הארן, דער הויך־קירך בישאף פון נאריטש אדאם סמיטה'ן, פאר
וואס ער האט אין אן אפענעם בריעף צו מר. סטראחאן, „איינגעבאלזאמירט
זיין פריינד דייוויד (ד. ה. יוהם'ען)". פאר וואס ער האט דערצעהלט פאר דער

אונטער די בעדינגונגען פון דער אַקומולאַציע, וואָס מיר האָ־
בען אָנגענומען ביז אַהער, וועלכע זיינען די גינסטיגסטע פאַר די אַר־

אויבערפלעכליכער און גלח׳יש־דעקלאַמירטער פּלאַגיאַט פון דע פאָו, סער רזשיימס סטוארט, טאַונסענד, פראַנקלין, וואַלייס א. אז. וו., און ענטהאַלט ניט קיין איינציגען אַליין־אויסגעדענקטען זאַץ. די גרויסע סענזאַציע, וואָס די דאָזיגע שריפט האָט ארויסגערופען, האָט זיך גענומען אינגאַנצען פון פּאַרטיי־אינטערעסען. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געפונען אין בריטישען קי־ניגרייך ליידענשאַפטליכע פערטיידיגער. דער „בעפעלקערונג־פּרינציפּ“, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם ארויסגעאַרבייט אין 18טען יאָהרהונדערט און איז פערקינ־דיגט געוואָרן מיט פּויקען און טרומייטען אינמיטען פון א גרויסען סאָציאַלען קריזיס אַלס א זיכערער גענגען־גיפט אַנטקעגען די לעהרען פון קאָנדאָרסע און אַנדערע, איז מיט פרייד בעגריסט געוואָרן פון דער ענגלישער אָליגאַרכיע אַלס דער גרויסער פערטיליגער פון אַלע געלוסטען צו א מענשליכער פּראָגרעסיווער ענטוויקלונג. מאַלטוס, וועלכער איז שטאַרק ערשטוינט געוואָרן פון זיין ער־פאָלג, האָט זיך גענומען פאַר דער אַרבייט אריינצושטופּען אין די אַלטע ראַהמען אַ אויבערפלעכליך־צוזאַמענגעשלעפּטען מאַטעריאַל און צולעגען נייעם מאַטע־ריאַל, וועלכען אָבער ער האָט ניט ענטדעקט, נאָר איבערגענומען פון אַנדערע. — אַנב אורחא בעמערקט: אָבוואויל מאַלטוס איז געוועזען א גלח פון דער ענגלי־שער הויך־קירך, האָט ער אָנגענומען דעם מאָנאַכען־נדר פון פּרישות (צעליבאַט). דאָס איז נעמליך געוועזען אייגער פון די בעדינגונגען צו האַלטען א „פעלאָושיפּ“ [מיטגליעדשאַפט] אין דער פּראָטעסטאַנטישער אוניווערזיטעט פון קאַמברידזש. „מיר דערלאָזען ניט, אַז פערהייראַטע זאָלען זיין קאָלעגיען־מיטגליעדער. ווער עס הייראַט, זאָל גלייך אויפהערן צו זיין א מיטגליעד.“ („רעפּאָרטס אָוו קאַמברידזש יוניווערסיטי קאָמישאָן“, ז. 172.) אַט דער אומשטאַנד טיילט גינסטיג אָב מאַלטוס׳ן פון די אַנדערע פּראָטעסטאַנטישע גלחים, וועלכע האָבען פון זיך אַליין אראָבגעוואָרפען דעם קאַטוילישען געבאָט פון פּריסטער־צעליבאַט, און האָבען אזוי שטאַרק גענומען אין אַנשפּרוך דעם „פּרו ורבו“ אַלס זייער ספּעציפיש ביבלישע מיסיאָן, אַז זיי האָבען אומעטום, אין א זעהר ניט־אַנשטענ־דיגען גראַד, בייגעטראָגען צו דער פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג, בעת פאַר די אַרבייטער האָבען זיי אין דערזעלביגער צייט געפּרעדיגט דעם „בע־פעלקערונגס־פּרינציפּ“. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דער עקאָנאָמיש־פער־קליידעטער „זינדען־פאַל“, אדם׳ס עפּעל, די „שטאַרקע תאוה“, די „שטערונגען, וואָס זוכען אָבצושטומפּען קופּיד׳ס פיילען“, ווי דער גלח טאַונסענד דריקט עס לעבעדיג אויס, אַז אַט דער קיצעלדיגער פּונקט איז געוועזען און איז מאָנאָ־פּאָליזירט פון די העררען פון דער פּראָטעסטאַנטישער טעאָלאָגיע אָדער ריכ־טיגער פון דער פּראָטעסטאַנטישער קירך. מיט דער אויסנאַהם פון דעם ווענעציאַנער מאָנאַך אָרטעס, אַן אָריגינעלער און גייסטרייכער שרייבער, זיי־נען די מעהרסטע בעפעלקערונגס־לעהרער פּראָטעסטאַנטישע גלחים. אזוי האָ־בען מיר ברוקנער: „טהעאָריע די סיסטעם אַנימאַל“, לעידען, 1767, וואו עס

די ספּערע פון קאַפּיטאַל'ס עקספּלואַטאַציע און הערשאַפט שפּרייט זיך נאָר אויס מיט זיין אייגענער גרויס און מיט דער צאָהל פון זיינע לוין־ארבייטער. א גרעסערער טייל פון זייער אייגענעם מעהר־פּראָדוקט, וואָס ווערט שטענדיג פּערמעהרט און נאָכאַנאַנד פּערוואַנדעלט אין צוגאָב־קאַפּיטאַל, קומט אָן צו זיי צוריק אין דער פאָרם פון צאָהלונג־מיטלען, אזוי אז זיי קאָנען אויסברייטערן דעם קרייז פון זייערע גענוסען; זיי קאָנען בעסער אויסשטאַטען זייער קאָנזומציאָנס־פאָנד פון קליידער, מעבעל א. אז. וו. און קאָנען אָב־לעגען קליינע רעזערוו־פאָנדען פון געלד. אָבער פונקט אזוי ווע־ניג ווי בעסערע קליידונג, נאַהרונג, בעהאַנדלונג און א גרעסערער פּעקוליום* שאַפען אָב די שייכות פון אָבהענגיגקייט און די עקס־פּלואַטאַציע פון דעם שקלאַף, אזוי וועניג שאַפען זיי אָב די עקס־פּלואַטאַציע פון דעם לוין־ארבייטער. א שטייגענדער פּרייז פון דער ארבייט אלס רעזולטאַט פון דער אקומולאַציע פון קאַפּיטאַל בעטייט נאָר אין דער ווירקליכקייט, אז די לענג און דאָס געוויכט פון דער גאָלדענער קעט, וואָס דער לוין־ארבייטער האָט שוין אויס־געשמידט פאַר זיך אליין, ערלויבען אביסעל לויזער מאַכען איהר שפּאַנונג. אין די ויכוחים וועגען דעם ענין האָט מען דאָס רוב פערזעהן די הויפּטזאַך, די ד י פ ע ר ע נ צ י א ס פּ ע צ י פ י ק א [דעם סמן מובהק אָדער כאַראַקטעריסטישען צייכען] פון דער קאַ־פּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן. די ארבייט־קראַפט ווערט דאָ גע־קויפט, ניט כדי צו בעפריעדיגען דורך איהר דיענסט אָדער פּראָ־דוקט די פּערזענליכע בעדערפעניסען פון דעם קויפער. זיין צוועק איז די פּערווערטונג פון זיין קאַפּיטאַל, די פּראָדוקציאָן פון סחורות, וועלכע ענטהאַלטען מעהר ארבייט ווי פאַר וויפיעל ער האָט בע־צאָהלט, וואָס ענטהאַלטען, הייסט עס, א טייל ווערטה, וועלכער קאָסט איהם גאָרנישט און ווערט פונדעסטוועגען רעאַליזירט ביים פּערקויף פון דער סחורה. פּראָדוקציאָן פון מעהרווערטה, אָדער פּליוס־מאַכעריי [דאָס מאַכען מעהר] איז דאָס אַבסאָלוטע געזעץ

---

* „פּעקוליום" האָט בעטייט אין רוימישען געזעץ דער אינדיווידועלער פּערמעגען, וואָס ניט־זעלבסטשטענדיגע פּערזאָנען, דהיינו שקלאַווען, וועלכע האָבען ניט געקאָנט ערווערבען קיין אייגענטום, זיינען געווען ערלויבט צו האַלטען אין זייער רשות.

לויזע" פארמען. אנשטאט צו ווערן אינטענסיווער מיט דעם וואוקס פון דעם קאפיטאל, ווערט זי נאר עקסטענסיווער, ד. ה.

וועלט, ווי יוהם האט זיך אויף זיין טויטען־בעט אמוזירט מיט לוסיאן און וועהיסט", און האט נאך דערצו געהאט די העזה צו שרייבען: „איך האב איהם [יוהם'ען] אלעמאל געהאלטען, סיי פאר זיין לעבען, סיי נאך זיין טוידט, פאר א מענשען, וואס איז אזוי נאהענט צוגעקומען צו דער אידעע פון א פאלקאם קלוגען און טוגענדהאפטיגען מאן, אויף וויפיעל די שוואכקייט פון דער מענש־ליכער נאטור קאן דאס ערלויבען". דער בישאפ שרייט אוים מיט גרימצארן: „איז דאס רעכט פון אייך, מיין הערר, צו שילדערן פאר אונז אלס פאלקאמען קלוג און טוגענדהאפטיג דעם כאראקטער און לעבען פון א מענשען, וועלכער האט געליטען פון א אונקורירבארער אנטיפאטיע צו אלעם וואס האט געהייסען רעליגיאן, און וועלכער האט אנגעשטרענגט יעדען נערוו, כדי אויף וויפיעל ער האט געהאט בכח אויסצולעשען אפילו איהר נאמען פון דעם געדעכטעניש פון מענשען?" (ד. ג. ז. 8.) אבער לאזט זיך ניט ענטמוטיגען, איהר ליעב־האבער פון ווארהייט: דער אטעאיזם האט קורצע יאהרען. (ד. ג. ז. 17.) אדאם סמיטה „איז בענאנגען די שוידערליכע גאטלאזיגקייט צו פראפאגאנדירען דעם אטעאיזם איבערן גאנצען לאנד (נעמליך דורך זיין ווערק „טהעארי און מאראל סענטימענטס"). . . . איינגאנצען גענומען, דאקטאר, מיינט איהר גוט, איך דענק אבער, אז איהר וועט דאס מאל גאר נישט אויספיהרען. איהר ווילט אונז איינרעדען דורך דעם ביישפיעל פון דייוויד יוהם, עסקווייר, אז דער אטעאיזם איז דער איינציגער געטראנק, וואס קאן דערקוויקען א נידערגעשלא־גענעם געמיטה און דער ריכטיגער געגען־גיפט אנטלעגען דער מורא פאר'ן טויט. . . . איהר מעגט לאכען פון בבל אין רואינען און איהר מעגט גראטולירען דעם הארטהערציגען פרעה, וואס איז דערטרונקען געווארען אין ים סוף!" (ד. ג. ז. 21, 22.) אז ארטאדאקסישער קאפ צווישען אדאם סמיטה'ס קאלעגיען־פריינד שרייבט נאך זיין טויט: „סמיטה'ס פריינדשאפט פאר יוהם האט איהם געשטערט צו זיין א גוטער קריסט. . . . האט ער בעגעגענט עהרליכע מענשען, וואס זיינען איהם געווען געפעלען. . . וואלט ער געגלויבט כמעט יעדע זאך, וואס זיי האבען איהם געזאגט. וואלט ער געווען א פריינד פון דעם וויר־דיגען און גייסטרייכען הארראקס, וואלט ער געגלויבט, אז די לבנה קאן אמאל פערשווינדען אינמיטען קלארן הימעל, ווען קיין ברעקעל וואלקען פערשטעלט זי ניט. . . אין זיינע פאליטישע פרינציפען איז ער געקומען גאנץ נאהענט צ'ם רעפובליקאניזם." „The Bee" פון דזשיימס אנדערסאן, 18 בענדער, עדינ־בורג 1791-93, 3טער באנד, ז. 164, 165.) דער גלח טה. טשאלמערס האט חושד געווען אדאם סמיטה'ן, אז ער האט פון פשוט'ער רשעת ערפונדען די קאטע־גאריע פון „אונפראדוקטיווע ארבייטער" אייגענס פאר די פראטעסטאנטישע גלחים, טראץ דעם וואס זיי טהוען געבענשטע ארבייט אין דעם „כרם אלהים" [נאט'ס וויינגארטען].

נאך פיעל שנעלער וואקסען. . . א גרויסער קאפיטאל וואקסט אין אלגעמיין שנעלער אפילו ביי א קלענערן פראפיט, איידער א קליינער קאפיטאל ביי א גרויסען פראפיט.״ („וועלטה אוו ניי־שאנס״, II, ז. 189.) עס איז קלאר אין דעם פאל, אז א פער־מינערונג פון דער אונבעצאהלטער ארבייט פערקלענערט בשום אופן ניט די אויסשפרייטונג פון דער קאפיטאל־הערשאפט. אט די בעוועגונג [פאסירונג] געוועהנט נאר אדרבא צו דעם ארבייטער צו זעהן זיין אייגענע מזל־ברכה אין דער בערייכערונג פון זיין בעל הבית.

אדער — און דאס איז די אנדער זייט פון דער אלטערנאטיוו — די אקומולאציע ווערט אבגעשוואכט אלס רעזולטאט פון דעם שטייגענדען ארבייט־פרייז, ווייל דער סטימול פון ריוח ווערט אב־געשטומפט. די אקומולאציע ווערט קלענער. אבער מיט דעם, וואס זי ווערט פערקלענערט, פערשווינדט די אורזאך פון איהר פערקלענערונג, ד. ה. די מיס־פראפארציע צווישען קאפיטאל און דער ארבייט־קראפט, וואס קאן עקספלואטירט ווערן, די איבער־מאס פון קאפיטאל אנטקעגען דעם אנבאט פון ארבייט־קראפט. דער מעכאניזם פון דעם קאפיטאליסטישען פראדוקציאנס־פראצעס בע־זייטיגט אליין אויף דעם אופן די שטערונגען, וואס ער שאפט פערבייגעהענדיג. דער ארבייט־פרייז פאלט ווידער ארונטער צו דעם גראד, וואס שטימט מיט די פערוווערטונג־בעדערפענישען פון קאפיטאל, סיי אט דער גראד איז איצטער נידעריגער, העכער אדער גלייך מיט דעם גראד, וואס האט געגאלטען אלס נארמאל איידער עס איז פארגעקומען דער צו־וואוקס פון׳ם לוין.

מיר זעהען אלזא: אין דעם ערשטען פאל איז עס ניט די פערקלענערונג אין דעם אבסאלוטען אדער פראפארציאנעלען וואוקס פון דער ארבייט־קראפט אדער ארבייטער־בעפעלקערונג, וואס מאכט אן איבערפלוס פון קאפיטאל, נאר פערקעהרט, דער איבער־פלוס פון קאפיטאל מאכט דעם דוחק אין עקספלואטירבארער אר־בייט־קראפט. אין צווייטען פאל איז עס ניט די פערגרעסערונג אין׳ם אבסאלוטען אדער פראפארציאנעלען וואוקס פון דער אר־בייט־קראפט אדער פון דער ארבייטער־בעפעלקערונג, וואס מאכט עס זאל ניט זיין גענוג קאפיטאל, נאר פערקעהרט, די פערקלענע־רונג פון׳ם קאפיטאל מאכט די עקספלואטירבארע ארבייט־קראפט

פון אט דעם פּראָדוקציאָנס־אופן. די ארבייט־קראפט איז פערקויפ־
באר נאָר אויף ווי ווייט זי דערהאלט די פּראָדוקציאָנס־מיטלען אלס
קאפּיטאל, רעפּראָדוצירט איהר אייגענעם ווערטה אלס קאפּיטאל
און ליפערט אין ניט־בעצאָהלטער ארבייט א קוואל פון צוגעקו־
מענעם קאפּיטאל.

די בעדינגונגען פון דעם פערקויף פון דער ארבייט, סיי זיי
זיינען מעהר, סיי וועניגער גינסטיג פאר דעם ארבייטער, שליסען
פאָלגליך איין די נויטווענדיגקייט פון איהר שטענדיגען וויעדער־
פערקויף און די שטענדיג־פערגרעסערטע רעפּראָדוקציאָן פון רייכ־
טום אלס קאפּיטאל. דער ארבייט־לוין, ווי מיר האָבען געזעהן,
איז מחייב לויט זיין נאטור נאָך א שטענדיגע ליפערונג מצד דעם
ארבייטער פון א בעשטימטען סכום אונבעצאָהלטער ארבייט. ניט
רעדענדיג וועגען דעם פאל, ווען דער ארבייט־לוין שטייגט ביי א
געפאלענעם פּרייז פון דער ארבייט א. אז. וו., בעטייט זיין שטייגען
אין בעסטען פאל נאָר א קוואנטיטאטיווע פערקלענערונג פון דער
אונבעצאָהלטער ארבייט, וואָס דער ארבייטער מוז לייסטען. אָט
די פערקלענערונג קאָן קיינמאָל ניט געהן אזוי ווייט ביז צו דעם
פונקט, ווען זי וואָלט געשטעלט אין געפאהר דעם קאפּיטאליסטי־
שען סיסטעם גופא; דאָס הייסט דעם קאפּיטאליסטישען כאראק־
טער פון'ם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס און די רעפּראָדוקציאָן פון זיינע
אייגענע בעדינגונגען: פּראָדוקציאָנס־ און לעבענס־מיטלען אלס
קאפּיטאל פון איין זייט, די ארבייט־קראפט אלס סחורה פון דער
אנדער זייט, אויף איין פּאָליוס דעם קאפּיטאליסט, אויף דעם אנ־
דערן דעם לוין־ארבייטער. אָבגעזעהן פון געוואלטיגע קאָנפליק־
טען וועגען דער ראטע פון'ם ארבייט־לוין — און אדאם סמיטה
האָט שוין געצייגט, אז בכלל געוואונען בלייבט אין אזוינע קאָנ־
פליקטען דער מייסטער אלעמאָל דער מייסטער — איז דאָס שטיי־
גען פון'ם ארבייט־פּרייז, וואָס שטאמט פון דער אקומולאציע פון
קאפּיטאל, משער די פאָלגענדע אלטערנאטיווען:

ענטוועדער דער פּרייז פון דער ארבייט שטייגט אלץ מעהר,
ווייל זיין שטייגען שטערט ניט דעם פאָרטשריט פון דער אקומו־
לאציע. עס שטעקט אין דעם ניט קיין וואונדערבארער צופאל,
וואָרים „אפילו ביי א געפאלענעם פּראָפיט", זאָגט אדאם סמיטה,
„קאָן דער קאפּיטאל ניט נאָר אָנגעהן מיט זיין וואוקס, נאָר זאָגאר

טער ליניע, בלויז די שייכות צווישען דער אונבעצאהלטער און בעצאהלטער ארבייט פון דערזעלביגער ארבייטער־בעפעלקערונג. אויב די סומע פון ניט־בעצאהלטער ארבייט, וואס דער ארבייטער־קלאס שטעלט־צו און דער קאפיטאליסטישער קלאס אקומולירט, וואקסט אזוי שנעל, אז זי קאן זיך פערוואנדלען אין קאפיטאל נאר דורך אן אויסערגעוועהנליכען צופלוס פון בעצאהלטער ארבייט, דאן שטייגט דער לוין און, ווען אלע אנדערע אומשטענדען בלייבען די זעלביגע, ווערט די אונבעצאהלטע ארבייט פראפארציאנעל ווע־ניגער. אזוי באלד אבער ווי אט די פערקלענערונג גרייכט דעם פונקט, ווען די מעהר־ארבייט, וואס דערנעהרט דעם קאפיטאל, ווערט ניט צוגעשטעלט אין דער נארמאלער סומע, טרעט אריין א רעאקציע: א קלענערער טייל פון דער הכנסה ווערט קאפיטאלי־זירט, די אקומולאציע שלעפט זיך לאנגזאם און די בעוועגונג פון דעם לוין, וואס האלט אין שטייגען, קריגט א צוריק־שטויס. די העכערונג פון דעם ארבייט־פרייז בלייבט אלזא איינגעצוימט אין גרעניצען, וועלכע ניט נאר וואס זיי לאזען איבער די יסודות פון דעם קאפיטאליסטישען סיסטעם ניט אנגעריהרט, נאר זיי פערזי־כערן אפילו זיין רעפראדוקציאן אויף אלץ א גרעסערן מאסשטאב. דאס געזעץ פון דער קאפיטאליסטישער אקומולאציע, וואס איז מיסטיפיצירט געווארן אלס א נאטור־געזעץ, דריקט דעריבער נאר אויס פאקטיש, אז איהר עצם נאטור שליסט אויס יעדע פערקלע־נערונג פון'ם גראד־עקספלואטאציע פון דער ארבייט אדער יעדע העכערונג פון'ם ארבייט־פרייז, וועלכע וואלט אויף אן ערנסטען אופן געקאנט שטעלען אין געפאהר די שטענדיגע רעפראדוקציאן פון דער קאפיטאל־בעציהונג און זיין רעפראדוקציאן אויף א שטענ־דיג־ברייטערן מאסשטאב.*77 עס קאן ניט זיין אנדערש אין א

---

*77 נאטע צו דער צווייטער אויסגאבע. „דער גרעניץ אבער פון דער בעשעפטיגונג פון אינדוסטריעלע און ערד־ארבייטער איז דערזעלביגער: נעמ־ליך די מעגליכקייט פאר'ן אונטערנעהמער ארויסצושלאגען א פראפיט פון זייער ארבייט־פראדוקט. . . אויב די ראטע פון ארבייטס־לוין שטייגט אזוי הויך, אז דעם מייסטער'ס ריוח פאלט אונטער דעם דורכשניטס־פראפיט, הערט ער זיי אויף צו בעשעפטיגען, אדער בעשעפטיגט זיי מיט דעם תנאי, זיי זאלען איינגעהן אויף א פערקלענערונג פון'ם ארבייטסלוין." John Wade, "History of the Middle and Working Classes," Londoh, 1835, 3rd Edition, page 241.

איבערפליסיג און דריקט ארונטער איהר פּרייז. אַט די אבסאָ־לוטע בעוועגונגען אין דער אַקומולאציע פון קאַפּיטאל שפּיגלען זיך אָב אלס רעלאַטיווע בעוועגונגען אין דער מאַסע פון דער עקס־פּלואַטירבארער ארבייט־קראַפט און זעהען דעריבער אויס, ווי זיי וואָלטען זיך גענומען פון איהר אייגענער בעוועגונג. צו געברויכעט א מאַטעמאַטישען אויסדרוק: די גרויס פון דער אַקומולאַ־ציע איז די אונאָבהענגיגע וואַריאַבלע צאָהל, די גרויס פון לוין איז די אָבהענגיגע וואַריאַבלע צאָהל, ניט פערקעהרט. אַזוי דריקט זיך אויס אין דער קריזיס־פּאַזע פון דעם אינדוסטריעלען קרייז־לויף דאָס אלגעמיינע פאַלען פון די סחורה־פּרייזען אלס א שטייגען פון דעם רעלאַטיווען געלד־ווערטה, און דאָס אלגעמיינע שטייגען פון די סחורה־פּרייזען אין דער פּאַזע פון פּראָספּעריטעט אלס א פאַלען פון דעם רעלאַטיווען געלד־ווערטה. די אַזויגערופענע „קוירענסי״־שוהלע שליסט דערפון, אז ביי הויכע פּרייזען צירקו־לירט צו־וועניג געלד און ביי נידעריגע פּרייזען צו־פיעל געלד. זייער אונוויסענהייט און פאַלשטענדיגע אונפערשטענדעניש פון די פאַקטען[27] געפינען פאַר זיך ווירדיגע פּאַראַלעלען אין יענע עקאָ־נאָמען, וועלכע טייטשען אויס די דאָזיגע ערשיינונגען פון דער אַקומולאַציע, אַזוי ווי איינמאָל וואָלטען עקזיסטירט צו־וועניג לוין־ארבייטער און דאָס אנדערע מאָל צופיעל.

דאָס געזעץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן, וואָס ליעגט אין גרונד פון דעם כלומר׳שטען „נאַטירליכען בעפעלקע־רונג־געזעץ״, לאָזט זיך איינפאַך רעדוצירן צו דעם: די שייכות צווישען קאַפּיטאַל, אַקומולאַציע און ראַטע פון׳ם לוין איז נישט מעהר ווי די שייכות צווישען דער ניט־בעצאָהלטער ארבייט, וואָס ווערט פערוואַנדעלט אין קאַפּיטאַל, און דער צוגעגעבענער ארבייט, וואָס פאָדערט זיך צו ברענגען אין בעוועגונג דעם צוגעקומענעם קאַפּיטאַל. עס איז דעריבער בשום אופן ניט א שייכות צווישען צוויי איינע פון די אַנדערע אונאָבהענגיגע גרויסען — פון איין זייט די גרויס פון קאַפּיטאַל, פון דער אנדער זייט די צאָהל פון דער ארבייטער־בעפעלקערונג —, נאָר עס איז ריכטיגער, אין דער לעצ־

---

[27] זעה קאַרל מאַרקס, „צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע״, ז. 166 און ווייטער.

בעטראכט איין בעזונדערע פאזע פון דעם דאזיגען פראצעס — די פאזע, אין וועלכער דער קאפיטאל־צו־וואוקס קומט פאר, ווען די טעכנישע צוזאמענשטעלונג פון קאפיטאל בלייבט דיזעלביגע. דער פראצעס אבער געהט אוועק ווייטער איידער אט די פאזע.

האבען מיר איינמאל די אלגעמיינע גרונדלאגען פון דעם קאפיטאליסטישען סיסטעם, ווערט יעדעס מאל אין פערלויף פון דער אקומולאציע געגרייכט א פונקט, ווען די ענטוויקלונג פון דער פראדוקטיוויטעט פון דער געזעלשאפטליכער ארבייט ווערט דער מעכטיגסטער הויב־שטאנג פון דער אקומולאציע. „דיזעלביגע אורזאך", זאגט אדאם סמיטה (אין דעם נאר־וואס ציטירטען קאפיטעל), „וועלכע העכערט די לוינען, נעמליך דער צו־וואוקס פון קאפיטאל, טרייבט צו א פערגרעסערונג פון די פראדוקטיווע פעהיגקייטען פון דער ארבייט און מאכט, אז א קלענערער סכום ארבייט זאל זיין אימשטאנד ארויסצוברענגען א גרעסערן סכום פראדוקטען."

ניט רעכענענדיג די נאטור־בעדינגונגען, ווי די פרוכטבארקייט פון באדען א. אז. וו. און די פעהיגקייט פון אונאבהענגיקע און איזאלירט־ארבייטענדע פראדוצירער (וועלכע ציינט זיך מעהר ארויס קוואליטאטיוו אין דער גוטסקייט פון זייערע פראדוקטען, איידער קוואנטיטאטיוו אין דער מאסע פון זייער פראדוקט), דריקט זיך אויס דער געזעלשאפטליכער פראדוקטיוו־גראד פון דער ארבייט אין דעם רעלאטיווען אומפאנג פון די פראדוקציאנס־מיטלען, וועלכע איין ארבייטער, אין משך פון א געגעבענער צייט, און מיט דערזעלביגער שפאנונג פון דער ארבייט־קראפט פערוואנדעלט אין א פראדוקט. די מאסע פון די פראדוקציאנס־מיטלען, מיט וועלכער ער פונקציאנירט, וואקסט צוזאמען מיט דער פראדוקטיוויטעט פון זיין ארבייט. די דאזיגע פראדוקציאנס־מיטלען שפיעלען דערביי א טאפעלטע ראליע. דער וואוקס פון איין טייל איז א פ א ל ג ע, דער וואוקס פון דעם אנדער טייל איז א ב ע ד י נ ג פון דער וואקסענדער פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט. צום ביישפיעל, מיט דער מאנופאקטורמעסיגער צוטיילונג פון דער ארבייט און דער אנווענדונג פון מאשינעריע ווערט אין דערזעלבינער צייט אויסגעארבייט מעהר רויה־מאטעריאל, עס טרעט אריין, הייסט עס, אין דעם ארבייט־פראצעס א גרעסערע מאסע רויה־מאטעריאלען און הילף־שטאפען. דאס איז א פאלגע פון דער

פּראָדוקציאָנס־אופן, אין וועלכען דער ארבייטער עקזיסטירט פאר די נויטען פון פערמעהרן די עקזיסטירענדע ווערטהען, אַנשטאַט דער מאַטעריעלער רייכטום זאָל פערקעהרט עקזיסטירן פאר די ענט־וויקלונגס־נויטען פון דעם ארבייטער. אַזוי ווי אין דער רעליגיאָן ווערט דער מענש בעהערשט פון דעם פּראָדוקט פון זיין אייגענעם קאָפּ, אזוי ווערט ער בעהערשט אין דער קאפּיטאַליסטישער פּראָ־דוקציאָן פון דעם פּראָדוקט פון זיין אייגענער האנד.**יז

2. רעלאַטיווע פערקלענערונג פון וואַ־ריאַבלען קאַפּיטאַל־טייל אין ווייטער־דיגען גאַנג פון דער אקומולאציע און פון דער צענטראליזאציע, וואָס בעגלייט זי.

לויט דער מיינונג פון די עקאָנאָמען אליין פיהרן ניט צו א העכערונג פון לוין, ניט דער ווירקליכער אומפאנג פון געזעלשאפט־ליכען רייכטום און ניט די גרויס פון דעם שוין־ערוואָרבענעם קאַ־פּיטאַל, נאָר בלויז דאָס שטענדיגע וואקסען פון דער אקומולאציע און דער גראַד געשווינדקייט פון איהר וואוקס. אַט די השערה פּי־גורירט אין אַדאַם סמיטה'ס אונטערזוכונג וועגען דער אקומולאציע ווי א זעלבסטפערשטענדליכער גרונד־זאַץ. (אַדאַם סמיטה, „וועלטה אָוו ניישאָנס", בוך I, קאפּיטעל 8.) ביזאהער האָבען מיר נאָר

**יז „ווען מיר נעהען אבער איצטער צוריק צו אונזער ערשטער השערה, וואו עס איז בעוויזען געווארען . . . אז דער קאפּיטאל גופא איז נאָר דאָס בעשעפעניש פון מענשליכער ארבייט . . . קומט עס אויס נאָר אונבעגרייפליך, וואָס דער מענש איז געפאלען אונטער דער הערשאפט פון זיין אייגענעם פּראָ־דוקט — דעם קאפּיטאל — און ווי אזוי ער האָט געקאָנט פערקנעכטעט ווערן צו איהם. אזוי ווי דאָס איז דאָך אבער אין דער ווירקליכקייט לכל הדעות דער פאל, שפּאַרט זיך ניט ווילענדיג ארויס די פראַגע: ווי אזוי האָט דער ארבייטער געקאָנט ווערן פון דעם בעהערשער פון קאפּיטאל — זייענדיג זיין בעשעפער — דער שקלאַוו פון קאפּיטאל?" (פאָן טהונען, „דער איזאלירטער שטאַאט", 2טער טייל, צווייטע אבטיילונג, באָסטאָן 1863, ז. 5, 6.) עס איז טהונען'ס פערדיענסט, וואָס ער האָט די פראַגע געשטעלט. זיין ענטפער איז איינפאַך קינדיש.

טאָרע פון האַנד־פודלען איז ניט פיעל בעסער ווי א שטיק באַרבאַריי. . . דאָס שטרעבען פון אונזער אינדוסטריע בעשטעהט אין דעם, אויסצואַרבייטען וואָס גרעסערע מאַסען מאַטעריאַל אויף די פערשיידענע שטופען פון דער פאַבריקאַציע. דעריבער זעהען מיר יעדעס יאָהר ווי עס שטעהען־אויף אַלץ ריעזענהאַפטיגערע הויך־אויוועגס, אַלץ שווערערע דאַמף־האַמערס, אַלץ געוואַלטיגערע וואַלץ־ווערקען, אַלץ גיגאַנטישערע ווערקצייג אין אַלע פערשיידענע צווייגען פון דער מעטאַל־אינדוסטריע. אינמיטען פון אָט דעם אַל־געמיינעם וואוקס — א וואוקס פון די פראָדוקציאָנס־מיטלען לפי ערך צו דער בעשעפטיגטער ארבייט — איז דער אופן פון פודלען געבליבען כמעט אומפערענדערט און שטעלט היינטיגען טאָג לגמרי־אונדערטערעגליכע גרעניצען צו דער אינדוסטריעלער בעוועגונג. . . אין אַלע גרויסע בעטריבען האַלט מען דעריבער איצט אין זוכען צו פערבייטען דאָס פודלען אויף אויוועגס מיט אַן אויטאָמאַטישער דרעהונג, וועלכע וועלען קאָנען בייקומען אַזוינע קאָלאָסאַלע אויוועגן־לאָדונגען, וואָס קיין האַנד־ארבייט קאָן זיך דערמיט ניט פערמעסטען.”

נאָכדעם, הייסט עס, ווי די פודעל־מעטאָדע האָט רעוואָלוציאָנירט די אייזען־אינדוסטריע און האָט ארויסגערופען א גרויסע אויסברייטונג פון די ארבייט־מיטלען און פון דער מאַסע רויה־מאַטעריאַלען, וואָס ווערן אויסגעארבייט פון א בעשטימטען סכום ארבייט, איז זי, אין ווייטערן גאַנג פון דער אקומולאַציע, געוואָרן אַן עקאָנאָמישע הינדערניש, פון וועלכער מען זוכט איצט זיך צו בעפרייען דורך א נייער מעטאָדע, וועלכע איז אימשטאַנד אָבצורוקען די גרעניצען, וואָס שטעהען אין וועג פון א ווייטערדיגען אָנוואַקסען פון די מאַטעריעלע מיטלען פון דער פראָדוקציאָן לפי ערך צו דער בעשעפטיגטער ארבייט. דאָס איז די געשיכטע פון אַלע ענטדעקונגען און ערפינדונגען, וועלכע קומען ארויף אַלס רעזולטאַט פון דער אקומולאַציע, ווי מיר האָבען דאָס שוין בעוויזען, ווען מיר האָבען נאָכגעפאָרשט דעם גאַנג פון דער מאָדערנער פראָדוקציאָן זינט איהר אורשפרונג ביז צו דער היינטיגער צייט.*

---

* זעה דעם פערטען אבטייל, איבער דער פראדוקציאן פון רעלאטיווען מעהרווערטה.

וואקסענדער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט. פון דער אנדער זייט איז די מאסע פון די אָנגעווענדעטע מאשינעריע, די ארבייט־פיה, מינעראלישע בעמיסטיגונג־מיטלען, דרענירונג־רעהרען א. אז. וו. א בעדינג פון דער וואקסענדער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אר־בייט. אַזוי אויך די מאסע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וואָס איז קאָנ־צענטרירט אין געביידען, ריעזען־אויוועגס, טראַנספּאָרט־מיטלען א. אז. וו. אָבער סיי עס איז א בעדינג, סיי עס איז א פאָלגע, דער וואקסענדער אומפאנג פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, אין פערגלייך צו דער ארבייט־קראפט, וואָס איז פערקערפּערט אין זיי, דריקט אויס די וואקסענדע פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט.

אין דער צייט, ווען די גרויס־אינדוסטריע איז ענטשטאנען, האָט מען אין ענגלאנד ענטדעקט א מעטאָדע ווי צו פערוואנדלען רויה־אייזען מיט קאָק אין שמיעדבארעס אייזען. אָט די מעטאָדע, וואָס מען רופט אָן „פּודעלן" און וואָס איז בעגרינדעט אויף אַן ענטקויהלונג [אָבריינִיגונג פון'ם קויהלען־שטאָף] פון דעם גוס־אייזען אין אויוועגס פון א בעשטימטער קאָנסטרוקציע, האָט גע־פיהרט צו אַן אונגעהויערער פערגרעסערונג פון די הויך־אויוועגס, אָנצו־ווענדען אייגריכטונגען אויף צו שאפען הייסע לופט א. אז. וו.; קורץ, עס האָט געפיהרט צו אזא פערמעהרונג פון די אַר־בייטס־מיטלען און פון די אויסגעארבייטע מאטעריאלען, וועלכע זיינען פערברויכט געוואָרן פון דעמזעלביגען סכום ארבייט, אז אייזען האָט באלד געקאָנט צוגעשטעלט ווערן אין גענוג־גרויסע מאסען און גענוג ביליג, ארויסצושטופען שטיינער און האָלץ פון איין רייה ארבייטען, וואו זיי זיינען פריהער אָנגעווענדעט געוואָרן.

אָט דער „פּודלער" אָבער, דער ארבייטער, וואָס איז בעשעפ־טיגט צו ענטקויהלען דאָס רויה־אייזען, האָט דורכגעפיהרט דער־ביי אזא סאָרט האנד־ארבייט, און די גרויס פון די אויוועגס, וואָס ער איז אימשטאנד צו בעזאָרגען, איז דעריבער בעשרענקט דורך זיינע פערזענליכע פעהיגקייטען. אָט די בעשרענקונג האלט אָב אין דער איצטיגער צייט [1874] דעם געוואלטיגען אויפשוואונג, וואָס די מעטאל־אינדוסטריע האָט דורכגעמאכט זינט 1780, די צייט ווען דאָס פּודלען איז ערפונדען געוואָרן.

„עס איז א פאקט", קלאָגט „דהי אינזשינירינג", (13טען יוני 1874) דער אָרגאן פון די ענגלישע אינזשינירען, „אז די אלטע מע־

וואס פערטרעט נאר דעם ווערטה פון די פערצעהרטע פראדוק־ציאנס־מיטלען אדער פון דעם קאנסטאנטען קאפיטאל־טייל, ווערט שטעהן אין א דירעקטער פראפארציע צו דעם פארטשריט פון דער אקומולאציע; די רעלאטיווע גרויס פון דעם אנדער פרייז־עלע־מענט, וואס פערטרעט דעם ארבייט־בעצאהלענדען אדער דעם וואַ־ריאבלען קאפיטאל־טייל, ווערט בכלל שטעהן אין א פערקעהרטער פראפארציע צו דעם פארטשריט פון דער אקומולאציע.

אט די פערקלענערונג פון דעם וואריאבלען קאפיטאל־טייל לגבי דעם קאנסטאנטען טייל, אדער אט די פערענדערטע צוזאמענ־שטעלונג פון דעם קאפיטאל־ווערטה ציינט אבער בלויז אומגעפעהר די ענדערונג אין דער צוזאמענשטעלונג פון זיינע מאטעריעלע בע־שטאנד־טיילען. ווען צום ביישפיעל היינט איז דער אריינגעלעג־טער קאפיטאל־ווערטה אין דער שפינעריי איינגעטיילט אין ⅞ קאנ־סטאנט און ⅛ וואריאבעל, בעת אין אנפאנג פון 18טען י. ה. איז ער געווען ½ קאנסטאנט און ½ וואריאבעל, איז דערפאר אבער די מאסע רויה־שטאפען, ארבייט־מיטלען א. אז. וו., וואס א בע־שטימטער סכום שפין־ארבייט קאנזומירט היינט פראדוקטיוו, פיעל הונדערטעל מאל גרעסער איידער אין אנפאנג פון 18טען יאהר־הונדערט. דער גרונד דערפון איז איינפאך דאס, וואס מיט דער וואקסענדער פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט שטייגט ניט נאר דער אומפאנג פון די פראדוקציאנס־מיטלען, וואס זי פערנוצט, נאר וואס זייער ווערטה, אין פערגלייך מיט זייער אומפאנג, איז גע־פאלען. זייער ווערטה שטייגט, הייסט עס, אבסאלוט, אבער ניט פראפארציאנעל מיט זייער אומפאנג. דער וואוקס פון דעם חילוק צווישען דעם קאנסטאנטען און וואריאבעלן קאפיטאל־טייל איז דע־ריבער פיעל קלענער איידער דער וואוקס פון דעם חילוק צווישען דער מאסע פון די פראדוקציאנס־מיטלען, אין וועלכע דער קאנ־סטאנטער קאפיטאל ווערט אריינגעטאן, און דער מאסע ארבייט קראפט, אין וועלכער דער וואריאבלער קאפיטאל ווערט אריינגע־טאן. דער ערשטער חילוק וואקסט צוזאמען מיט דעם לעצטען, אבער אין א קלענערן גראד.

איבריגענס דארף מען בעמערקען, כדי אויסצומיידען מיס־פערשטענדעניש, אז ווען דער פארטשריט פון דער אקומולאציע פערקלענערט די רעלאטיווע גרויס פון׳ם וואריאבלען קאפיטאל־

אין דעם ווייטערן גאַנג פון דער אַקומולאַציע געפינען מיר פאָלגליך ניט נאָר א קוואַנטיטאַטיווען און גלייכצייטיגען וואוקס פון די פערשיידענע מאַטעריעלע עלעמענטען פון קאַפּיטאַל: די ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען פון דער געזעלשאַפטלי־כער ארבייט, וואָס יענער פאָרטשריט ברענגט מיט זיך מיט, דריקט זיך אויס אין קוואַליטאַטיווע ענדערונגען, אין אַלעמאַליגע פערענ־דערונגען פון דער טעכנישער צוזאַמענשטעלונג פון קאַפּיטאַל. דער אָביעקטיווער, זאַכליכער, פאַקטאָר פון דעם ארבייט־פּראָצעס וואַקסט לפי ערך צו דעם סוביעקטיווען, פּערזענליכען, פאַקטאָר; דאָס הייסט די מאַסע פון די ארבייט־מיטלען און רויה־מאַטעריאַלען וואַקסט אין פּראָפּאָרציע צו דער סומע ארבייט־קרעפטען, וועלכע זיי האָבען צו געברויכען. אין דער מאָס, אין וועלכער דער קאַ־פּיטאַל מאַכט די ארבייט מעהר פּראָדוקטיוו, פערמינערט זיך זיין נאָכפראַגע אויף ארבייט לפי ערך צו זיין גרויס.

אָט די פערענדערונג אין דער טעכנישער צוזאַמענשטעלונג פון׳ם קאַפּיטאַל, אָט דער וואוקס אין דער מאַסע פון די פּראָ־דוקציאָנס־מיטלען, אין פערגלייך מיט דער מאַסע פון דער אר־בייט־קראַפט, וואָס בעלעבט זי, שפּיעגעלט זיך אָב אין זיין ווערטה־צוזאַמענשטעלונג, אין דער פערגרעסערונג פון דעם קאָנסטאַנטען בעשטאַנדטייל פון׳ם קאַפּיטאַל־ווערטה אויפ׳ן חשבון פון זיין וואַ־ריאַבלען בעשטאַנדטייל. אויף א פּראָצענט־אופן בערעכענט, ווערן צום ביישפּיעל אורשפּרינגליך אויסגעלעגט פון א קאַפּיטאַל 50 פּראָצענט אויף פּראָדוקציאָנס־מיטלען און 50 פּראָצענט אויף אר־בייט־קראַפט; שפּעטער, מיט דער ענטוויקלונג פון דעם פּראָדוק־טיוו־גראַד פון דער ארבייט, ווערן אויסגעלעגט 80 פּראָצענט אין פּראָדוקציאָנס־מיטלען און 20 פּראָצענט אין ארבייט־קראַפט א. אז. וו.

אָט דאָס געזעץ פון דעם גרעסערן וואוקס פון קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל לפי ערך צו דעם וואַריאַבלען, ווערט בעשטעטיגט אויף יעדען שריט (ווי עס איז שוין אויבען ענטוויקעלט געוואָרן) דורך דער פערגלייכענדער אונטערזוכונג פון די סחורה־פּרייזען — אַלץ איינס צי מיר פערגלייכען פערשיידענע עקאָנאָמישע עפּאָכען ביי איין־איינציגער נאַציאָן, אָדער פערשיידענע נאַציאָנען אין דערזעל־ביגער עפּאָכע. די רעלאַטיווע גרויס פון יענעם פּרייז־עלעמענט,

פון סחורה־פראָדוקציאָן קאָן טראָגנעו אויף זיך די פּראָדוקציאָן אויף א גרויסען מאסשטאב נאָר אין דער קאפיטאליסטישער פאָרם. א געוויסע אקומולאציע פון קאפיטאל אין די הענד פון אינדיווידועלע סחורה־פּראָדוצירער איז דעריבער דער תנאי קודם פון דער מאָדער־נער אינדוסטריע — פון דער דאָזיגער צוזאמענווירקונג פון געזעל־שאפטליכע פערבינדונגען און טעכנישע מעטאָדען, וועלכע מיר רו־פען אָן דער ספּעציעלער קאפּיטאליסטישער שטייגער פון פּראָדוק־ציאָן אָדער דער ספּעציפיש קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציאָנס אופן.***77 מיר האָבען דעריבער געמוזט משער זיין די דאָזיגע אקומולאציע ביי דעם איבערגאנג פון האנדווערק אין דעם קאפיטאליסטישען בעטרייב. זי קאָן הייסען די אורשפּרינגליכע אקומולאציע, ווארים אָנ־שטאָט א היסטאָרישען רעזולטאט איז זי די היסטאָרישע גרונדלאגע פון דער ספּעציפיש קאפיטאליסטישער פּראָדוקציאָן. ווי אזוי זי אליין ענטשטעהט, האָבען מיר דאָ דערווייליגע נאָך ניט נויטיג צו אונטערזוכען. עס איז גענוג צו וויסען, אז זי מאכט אויס דעם אָנהויב־פּונקט. אָבער אלע מעטאָדען פאר דער פערגרעסערונג פון דער געזעלשאפטליכער פּראָדוקטיוו־קראפט פון דער ארבייט, וועלכע וואקסען אויס אויף אָט דער גרונדלאגע, זיינען אין דערזעלביגער צייט מעטאָדען פון דער פערגרעסערטער פּראָדוקציאָן פון מעהרווערטה אָדער פון מעהר־פּראָדוקט, וועלכער איז פון זיין זייט דער עלעמענט, וואָס פאָרמירט די אקומולאציע. זיי זיינען, הייסט עס, אין דערזעלביגער צייט מעטאָדען פון דער פּראָדוקציאָן פון קאפיטאל דורך קאפיטאל, אָדער מעטאָדען פון זיין פערשנעלער־טער אקומולאציע. די נאָכאנאנדיגע צוריקפערוואנדלונג פון מעהר־ווערטה אין קאפיטאל שטעלט זיך ארויס ווי א וואקסענדע גרויס פון דעם קאפיטאל, וואָס געהט אריין אין דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָ־צעס. אָט די וואקסענדע גרויס ווערט פון איהר זייט די גרונדלאגע פון אן אויסגעברייטערטען מאָסשטאב פון דער פּראָדוקציאָן, פון די

***77 „א פריהערדיגע אקומולאציע פון קאפיטאל איז אונבעדינגט נויטיג, כדי אָט די גרויסע פערמעהרונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען פון דער ארבייט זאל קאָנען ווייטער אָנגעהן." (אדאם סמיטה, „וועלטה און נאציאָנס", בוך II, איינלייטונג.)

טייל, שליסט ער דערמיט בשום אופן ניט אויס דאָס שטייגען פון איהר אבסאָלוטער גרויס. אָנגענומען, אז א קאפּיטאל־ווערטה צע־פאלט אין אָנפאנג אין 50 פּראָצענט קאָנסטאנטען און 50 פּראָ־צענט וואריאבלען קאפּיטאל, און שפּעטער אין 80 פּראָצ. קאָנ־סטאנטען און 20 פּראָצ. וואריאבלען. אויב אין צווישען־צייט איז דער אורשפּרינגליכער קאפּיטאל, לאָמיר זאָגען 6000 פונט סט., געוואקסען אויף 18,000 פונט סט., איז אויך זיין וואריאבלער בע־שטאנדטייל געוואקסען אויף $^1/_5$. ער איז געוועזען 3000 פונט סט., איצט בעטרעפט ער 3600 פונט סט. בעת אָבער פריהער וואָלט א קאפּיטאל־צו־וואוקס פון 20 פּראָצענט געוועזען גענוג צו העכערן די נאָכפראגע אויף ארבייט אום 20 פּראָצענט, פאָדערט זיך איצטער א פערדרייפאכונג פון דעם אורשפּרינגליכען קאפּיטאל.

אין פערטען אָבטייל איז בעוויזען געוואָרן, ווי די ענטוויק־לונג פון דער געזעלשאפטליכער פּראָדוקטיוו־קראפט פון דער אר־בייט מוז האָבען אלס א תנאי־קודם קאָאָפּעראציע אויף א גרויסען מאָסשטאב; אז נאָר אונטער דעם תנאי קאָנען אָרגאניזירט ווערן די טיילונג און די קאָמבינאציע פון דער ארבייט, קאָנען די פּראָ־דוקציאָנס־מיטלען עקאָנאָמיזירט ווערן דורך א מאסענהאפטיגער קאָנצענטראציע, קאָנען ארויסגערופען ווערן אין לעבען די אר־בייט־מיטלען, וועלכע בטבע לאָזען זיך אָנווענדען נאָר געמיינ־שאפטליך, ווי צום ביישפּיעל א סיסטעם פון מאשינעריע א. אז. וו., קאָנען אונגעהויערע נאטור־קרעפטען געשטעלט ווערן אין דיענסט פון דער פּראָדוקציאָן און עס קאָן דורכגעפיהרט ווערן די פער־וואנדלונג פון דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס אין א טעכנאָלאָגישער אָנווענדונג פון דער וויסענשאפט. אויפן יסוד פון סחורה־פּראָ־דוקציאָן, וואו די פּראָדוקציאָנס־מיטלען זיינען דאָס אייגענטום פון פּריוואט־פּערזאָנען, וואו דער האנד־ארבייטער קאָן דעריבער ענטוועדער פעראיינצעלט און זעלבסטשטענדיג פּראָדוצירן סחורות, אָדער מוז זיין ארבייט־קראפט פערקויפען אלס סחורה, ווייל עס פעהלען איהם די מיטלען אליין אָנצופיהרן זיין פּראָדוקציאָן — רעאליזירט זיך יענער תנאי נאָר דורך דעם וואוקס פון אינדיוי־ווידועלע קאפּיטאלען, אָדער אין דעם ערך, אין וועלכען די גע־זעלשאפטליכע פּראָדוקציאָן־ און לעבענס־מיטלען ווערן פערוואנ־דעלט אין פּריוואט־אייגענטום פון קאפּיטאליסטען. דער באָדען

וועלכע איז דירעקט געבויט אויף דער אקומולאציע אָדער, ריכטיגער געזאָגט, וועלכע איז אידענטיש מיט איהר. ערשטענס: די וואקסענדע קאָנצענטראציע פון די געזעלשאפטליכע פּראָדוקציאָנס־מיטלען אין די הענד פון אינדיווידועלע קאפּיטאליסטען איז בעגרעניצט, ווען אלע אנדערע אומשטענדען בלייבען דיזעלביגע, דורך דעם גראד פון'ם וואוקס פון דעם געזעלשאפטליכען רייכטום. צווייטענס: דער טייל פון געזעלשאפטליכען קאפּיטאל, וואָס איז איינגעפונדעוועט אין יעדער בעזונדערער פּראָדוקציאָנס־ספערע, איז פערטיילט צווישען פיעלע קאפּיטאליסטען, וועלכע שטעהען איינע אנטקעגען די אנדערע ווי אונאָבהענגיקע סחורה־פּראָדוצירער, וואָס קאָנקורירען איינע מיט די אנדערע. די אקומולאציע און די קאָנצענטראציע, וואָס בעגלייט זי, זיינען דעריבער ניט נאָר צושפּליטערט אויף א סך פּונקטען, נאָר דער וואוקס פון אלע פונקציאָנירענדע קאפּיטאלען איז געשטערט דורך דער פאָרמירונג פון נייע און דער צושפּאלטונג פון אלטע קאפּיטאלען. אויב די אקומולאציע שטעלט זיך דעריבער פאָר פון איין זייט אלס א וואקסענדע קאָנצענטראציע פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען און פון דער קאָמאנדע איבער דער ארבייט, איז זי פאָרגעשטעלט פון דער אנדער זייט אלס אן אָבשטויסונג פון פיעלע קאפּיטאליסטען איינע פון די אנדערע.

אנטקעגען אָט דער צושפּליטערונג פון דעם גאנצען געזעלשאפטליכען קאפּיטאל אין פיעלע אינדיווידועלע קאפּיטאלען, אָדער אנטקעגען דער אָבשטויסונג פון זיינע טיילען איינע פון די אנדערע, ווירקט זייער צוציהונגס־קראפט. דאָס מיינט ניט מעהר די איינפאכע קאָנצענטראציע פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען און קאָמאנדע איבער דער ארבייט, וואָס איז אידענטיש מיט דער אקומולאציע. דאָס איז די קאָנצענטראציע פון שוין־פאָרמירטע קאפּיטאלען, די אָבשאפונג פון זייער אינדיווידועלער זעלבסטשטענדיגקייט, די עקספּראָפּריאציע פון איין קאפּיטאליסט דורך דעם אנדערן, די פערוואנדלונג פון פיעלע קלענערע קאפּיטאלען אין וועניגע גרעסערע. אָט דער פּראָצעס אונטערשיידט זיך פון דעם ערשטען דורכדעם, וואָס ער איז נאָר משער אפריהער א פערענדערטע פערטיילונג פון שוין־פאראנענע און פונקציאָנירענדע קאפּיטאלען; זיין ספערע פון טהעטיגקייט איז דעריבער ניט בעגרעניצט דורך דעם אבסאָ־

מעטאָדען צו העכערן די פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט, וואָס בעגלייטען די פּראָדוקציאָן, און פון דער געשטיגענער פּראָדוקציאָן פון מעהרווערטה. מיט דער אקומולאציע פון קאַפּיטאַל ענטוויקעלט זיך דעריבער דער ספּעציפיש־קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן, און מיט דעם ספּעציפיש־קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן — די אקומולאציע פון קאַפּיטאַל. אָט דיביידע עקאָנאָמישע פאַקטאָרען ברענגען ארויס, לויט דער צונויפגעזעצטער פּראָפּאָרציע פון די אימפּולסען, וואָס זיי גיבען גענענזייטיג איינע די אנדערע, יענע ענדערונג אין דער טעכנישער צוזאמענשטעלונג פון דעם קאַפּיטאַל, דורך וועלכער דער וואַריאַבלער בעשטאַנדטייל ווערט אַלץ קלענער און קלענער אין פערגלייך מיט דעם קאָנסטאַנטען בעשטאַנדטייל.

יעדער אינדיווידועלער קאַפּיטאַל איז אַ גרעסערע אָדער קלענערע קאָנצענטראַציע פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען מיט דער קאָמאַנדע איבער אַ גרעסערער אָדער קלענערער ארבייטער־אַרמעע, וואָס געהט דערמיט. יעדע אקומולאציע ווערט אַ מיטעל פון אַ נייער אקומולאציע. מיט דער פערגרעסערטער מאַסע פון רייכטום, וואָס פונקציאָנירט אַלס קאַפּיטאַל, פערגרעסערט זי די קאָנצענטראַציע פון דעם דאָזיגען רייכטום אין די הענד פון אינדיווידועלע קאַפּיטאַליסטען, ממילא אויך די גרונדלאַגע פון דער פּראָדוקציאָן אויף אַ גרויסען מאַשטאַב און די ספּעציפיש־קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָנס־מעטאָדען. דער וואוקס פון געזעלשאַפטליכען קאַפּיטאַל פיהרט זיך דורך אין דעם וואוקס פון אַ סך אינדיווידועלע קאַפּיטאַלען. אָנגענומען, אַז אַלע אנדערע אומשטענדען בלייבען די־זעלביגע, וואַקסען די אינדיווידועלע קאַפּיטאַלען, און מיט זיי די קאָנצענטראַציע פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, אין דעם ערך וואָס זיי מאַכען אויס אַלעקוואָטע טיילען פון דעם סך הכל פון געזעלשאַפטליכען קאַפּיטאַל. אין דערזעלביגער צייט רייסען זיך אָב טיילען פון די אָריגינאַל־קאַפּיטאַלען און פונקציאָנירן אַלס נייע זעלבשטענדיגע קאַפּיטאַלען. צווישען אנדערע שפּיעלט דערביי אַ גרויסע ראָליע די צוטיילונג פון פערמעגען אין קאַפּיטאַליסטישע פאַמיליען. צוזאמען מיט דער אקומולאציע פון קאַפּיטאַל וואַקסט דעריבער אויך מעהר אָדער וועניגער די צאָהל קאַפּיטאַליסטען. צוויי פּונקטען כאַראַקטעריזירן אָט דעם סאָרט קאָנצענטראַציע,

זיכטבארע פעדים די געלד־מיטלען, וואס זיינען צושפליטערט אין גרעסערע אדער קלענערע מאסען איבער דער אויבערפלעך פון דער געזעלשאפט, אין די הענד פון אינדיווידועלע אדער אסאציאירטע קאפיטאליסטען, און ווערט באלד א נייע און שרעקליכע וואפע אין דעם קאנקורענץ־קאמף; ענדליך ווערט ער פערוואנדעלט אין אן אונגעהויערן סאציאלען מעכאניזם פאר דער צענטראליזאציע פון די קאפיטאלען.

אין דער מאס ווי די קאפיטאליסטישע פראדוקציאן און אקומולאציע ענטוויקלען זיך, אין דערזעלביגער מאס ענטוויקלען זיך קאנקורענץ און קרעדיט, די צוויי מעכטיגסטע הויב־שטאנגען פון דער צענטראליזאציע. דער פארטשריט פון דער אקומולאציע פערמעהרט דערביי דעם צענטראליזירבארען מאטעריאל, דאס הייסט די איינצעל־קאפיטאלען, בעת די אויסברייטערונג פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן שאפט דא דאס געזעלשאפטליכע בעדערפעניש, דארט די טעכנישע מיטלען פון יענע געוואלטיגע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען, וואס זייער דורכפיהרונג הענגט אב פון א פריהערדיגער צענטראליזאציע פון קאפיטאל. היינטיגע צייט איז דעריבער די גענענזייטיגע צוציהונג־קראפט פון די איינצעל־קאפיטאלען און די טענדענץ צו צענטראליזאציע שטארקער ווי ווען עס איז פריהער. אבער אויב אפילו די רעלאטיווע אויס־שפרייטונג און די ענערגיע פון דער צענטראליזירענדער בעוועגונג ווערט אין א געוויסען גראד בעשטימט דורך דער שוין־געגרייכטער גרויס פון דעם קאפיטאליסטישען רייכטום און דעם הויכען צושטאנד פון דעם עקאנאמישען מעכאניזם, הענגט פערקעהרט דער פארטשריט פון דער צענטראליזאציע בשום אופן ניט אב פון דעם פאזיטיווען וואוקס פון דער גרויס פון דעם געזעלשאפטליכען קאפיטאל. און אט דאס ספעציעל אונטערשיידט די צענטראליזאציע פון דער קאנצענטראציע, וועלכע איז נאר אנאנדער אויסדרוק פאר דער רעפראדוקציאן אויף א ברייטערן מאסשטאב. די צענטראליזאציע קאן ארויסקומען דורך א בלויז־געענדערטע פערטיילונג פון שוין־בעשטעהענדע קאפיטאלען, דורך אן איינפאכער פערענדערונג פון דער קוואנטיטאטיווער גרופירונג פון די בעשטאנדטיילען פון דעם געזעלשאפטליכען קאפיטאל. דער קאפיטאל קאן אין איין פלאץ אנוואקסען אין געוואלטיגע מאסען אין

לוטען וואוקס פון געזעלשאפטליכען רייכטום, אָדער דורך די אבסאָלוטע גרעניצען פון דער אקומולאַציע. דער קאַפּיטאַל וואַקסט אין איין פּלאַץ אָן זעהר גרויס אין איין האנד, ווייל אין אנאַנדער פּלאַץ איז ער פערלאָרן געגאַנגען אין פיעלע הענד. דאָס איז די אייגענטליכע צ ע נ ט ר א ל י ז א צ י ע אין אונטערשייד פון א ק ו מ ו ל א צ י ע און צ ע נ ט ר א ל י ז א צ י ע.

די געזעצען פון אָט דער צענטראַליזאַציע פון די קאַפּיטאַלען אָדער פון דער צוציהונג פון קאַפּיטאַל דורך קאַפּיטאַל קאָנען דאָ ניט ענטוויקעלט ווערן. אַ קורצע אָנדייטונג פון איינינע פאַקטען מוז דאָ זיין גענוג. דער קאָנקורענץ־קאַמף ווערט געפיהרט דורך אַ פערביליגערונג פון די ביליגקייט פון די סחורות. די ביליגקייט פון די סחורות הענגט אָב, ביי זאָנסט גלייכע אומשטענדען, פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט, די פּראָדוקטיוויטעט אָבער הענגט אָב פון דעם מאָסשטאַב פון דער פּראָדוקציאָן. די גרעסערע קאַפּיטאַלען שלאָגען דעריבער די קלענערע. מיר מוזען געדענקען ווייטער, אז מיט דער ענטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן וואַקסט דער מינימאַל־אומפאַנג פון דעם אינדיווידועלען קאַפּיטאַל, וואָס פאָדערט זיך צו בעטרייבען אַ געשעפט אונטער זיינע נאָרמאַלע בעדינגונגען. די קלענערע קאַפּיטאַלען שטופּען זיך דעריבער אין אַזוינע פּראָדוקציאָנס־ספערען, וועלכע די גרויס־אינדוסטריע האָט נאָר אין איינצעל־פאַלען אָדער ניט פאָלקאָמען פערכאַפּט. די קאָנקורענץ שפּיעלט זיך דאָ פאַנאַנדער אין אַ דירעקטער פּראָפּאָרציע צו דער צאָהל און אין אַן אומגעקעהרטער פּראָפּאָרציע צו דער גרויס פון די קאָנקורירענדע קאַפּיטאַלען. זי ענדיגט זיך שטענדיג מיט דער פערניכטונג פון פיעלע קלענערע קאַפּיטאַליסטען, וועמעס קאַפּיטאַלען געהען טיילווייז אריבער אין די הענד פון דעם זיגער און טיילווייז ווערן פערלאָרן.

אַ חוץ דעם בילדעט זיך אויס מיט דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן אַ גאַנץ נייע מאַכט — דער קרעדיט־סיסטעם. אין אָנפאַנג גנב'עט ער זיך שטילערהייט אריין אלס אַ בעשיידענער צו־העלפער פון דער אקומולאַציע; שפּעטער ציהט ער מיט אונ־

שפּרייטונג פון די אינדוסטריעלע געשעפטען גיט אומעטום דעם אָנהויב־פּונקט פאַר אַ מעהר־אומפאַסענדער אָרגאַניזאַציע פון דער קאָלעקטיוו־ארבייט פון פיעלע מענשען, פאַר אַ ברייטערער ענט־וויקלונג פון זייערע מאַטעריעלע טרייב־קרעפטען, דאָס הייסט פאַר דער אַלץ ווייטערגעהענדער אומוואַנדלונג פון פעראיינצעלטע און אויף אַ טראַדיציאָנעלען אופן אָנגעפיהרטע פּראָדוקציאָנס־פּראָצעסען אין געזעלשאַפטליך־קאָמבינירטע און וויסענשאַפטליך רע־גולירטע פּראָדוקציאָנס־פּראָצעסען.

עס איז אָבער קלאָר, אַז די אַקומולאַציע — די אַלמעאָליגע פערמעהרונג פון קאַפּיטאַל דורך דער רעפּראָדוקציאָן, וואָס געהט אריבער פון דער קרייז־פאָרם אין דער ספּיראַלער פאָרם — איז אַ גאַנץ לאַנגזאַמע מעטאָדע אין פערגלייך מיט דער צענטראַליזאַ־ציע, וועלכע דאַרף נאָר ענדערן די קוואַנטיטאַטיווע גרופּירונג פון די איינצעלנע, איינע די אַנדערע ערגענצענדע טיילען פון דעם גע־זעלשאַפטליכען קאַפּיטאַל. די וועלט וואָלט נאָך ניט געהאַט קיין אייזענבאַהנען, ווען זי וואָלט געדאַרפט וואַרטען אַזוי לאַנג, ביז די אַקומולאַציע וואָלט געבראַכט איינציגע איינצעל־קאַפּיטאַלען צו אַזאַ שטופע, ווען זיי זאָלען האָבען בכח צו אונטערנעהמען דעם בוי פון אַן אייזענבאַהן. פערקעהרט די צענטראַליזאַציע האָט דאָס דורך די אַקציען־געזעלשאַפטען פּועל געווען איינס־און־צוויי. און בעת די צענטראַליזאַציע פערגרעסערט און פערשנעלערט אויף דעם אופן די ווירקונגען פון דער אַקומולאַציע, ברייטערט זי אויס און פערשנעלערט אין דערזעלבינער צייט די איבערקעהרענישען אין דער טעכנישער צוזאַמענשטעלונג פון׳ם קאַפּיטאַל, וועלכע פער־מעהרען זיין קאָנסטאַנטען טייל אויפ׳ן חשבון פון זיין וואַריאַבלען טייל און פערמינערן דערמיט די רעלאַטיווע נאָכפראַגע אויף אַר־בייט.

די קאַפּיטאַל־מאַסען, וועלכע זיינען דורך דער נאַכט צונויפ־געשמידט געוואָרן דורך דער צענטראַליזאַציע, רעפּראָדוצירן און פערמעהרן זיך ווי די אַנדערע, נאָר שנעלער, און זיי ווערן דערמיט נייע מעכטיגע הויבשטאַנגען פון דער געזעלשאַפטליכער אַקומו־לאַציע. ווען מען רעדט דעריבער וועגען דעם פאָרטשריט פון דער געזעלשאַפטליכער אַקומולאַציע, איז עס — היינטיגען טאָג — כולל בשתיקה די ווירקונגען פון דער צענטראַליזאַציע.

אין האנד, ווייל ער איז אין אנאנדער פלאץ אבגעצויגען געווארן פון פילע איינצעלנע הענט. די צענטראליזאציע וואלט אין איין בעשטימטען געשעפט־צווייג דערגרייכט איהר אויסערסטען גרעניץ, ווען אלע קאפיטאלען, וואס זיינען אריינגעלעגט אין דעם צווייג וואלטען צונויפגעשמאלצען געווארן אין איין איינצעל־קאפיטאל. דער דאזיגער גרעניץ וואלט אין א געוויסער געזעלשאפט ערשט דאן דערגרייכט געווארן, ווען דער גאנצער געזעלשאפטליכער קאפיטאל וואלט געווען פעראייניגט אין דער האנד סיי פון איין איינצעלנעם קאפיטאליסט, סיי פון איין איינציגער קאפיטאליסטישער אסאציאציע.*

די צענטראליזאציע איז ממלא (ערגענצט) די ארבייט פון דער אקומולאציע, דורכדעם וואס זי גיט די אינדוסטריעלע קאפיטאליסטען די מעגליכקייט אויסצושפרייטען דעם מאסשטאב פון זייערע אפעראציעס. סיי אט דער לעצטער רעזולטאט איז איצט א פאלגע פון דער אקומולאציע אדער פון דער צענטראליזאציע; סיי די צענטראליזאציע ווערט דורכגעפיהרט אויף דעם וועג פון א געוואלטזאמער פערקערפערונג — וואו געוויסע קאפיטאלען ווערן אזעלכע איבערוועגענדע צוציהונגס־צענטערס פאר אנדערע קאפיטאלען, אז זיי ברעכען זייער אינדיווידועלען צוזאמענהאלט און ציהען צו דערנאך די פעראיינצעלטע ברוך־שטיקער צו זיך —, סיי די פערשמעלצונג פון א סך שוין־פארמירטע, ד. ה. וואס האלטען זיך אין פארמירן, קאפיטאלען קומט פאר אויף א גלאטערן אופן, דורך דער פארמירונג פון אקציען־געזעלשאפטען — די עקאנאמישע ווירקונג בלייבט דיזעלבינע. די געוואקסענע אויס־

* אויף אט דעם בליק פאראוים, וואס איז אנגעשריבען געווארן מיט 40 יאהר צוריק (1874. דאס איז גענומען פון דער פראנצויזישער אויסגאבע) האט ענגעלס שוין אין 1890 געקאנט בעמערקען: „די נייעסטע ענגלישע און אמעריקאנישע „טראסטס" שטרעבען שוין צו דערגרייכען אט דעם ציעל, פרובירענדיג צו פעראייניגען וועניגסטענס געוויסע גרוים־בעטריעבען פון איין געשעפטס־צווייג אין איין גרויסער אקציען־געזעלשאפט מיט א פראקטישען מאנאפאל." — זינט יעמאלט האט זיך אט די קארטעל־ווירשאפט איינגעבירגערט אין גאנץ אייראפא, און אין אמעריקא איז אט די פארם פון דעם „טראסט" שוין געווארן די פארם פון גרויס־קאפיטאל איבערהויפט. K.

דערש דעם פאַרנומענעם געזעלשאַפטליכען קאַפּיטאַל און שמעלצט צוזאַמען פּיעלע אַלטע קאַפּיטאַלען אין איינעם, ווירקט וויעדער פון איהר זייט ווי אַ מעכטיגע טרייב־קראַפט אין דער דאָזיגער אומוואַנדלונג פון דעם אַלטען קאַפּיטאַל.

פון איין זייט, דעריבער, ציהט צו דער צוגאָב־קאַפּיטאַל, וואָס האָט זיך פאַרמירט אין דעם גאַנג פון דער אַקומולאַציע, אַלץ ווע־ניגער און וועניגער אַרבייטער פּראָפּאָרציאָנעל צו זיין גרויס. פון דער אַנדער זייט שטויסט אָב דער אַלטער קאַפּיטאַל, וואָס ווערט פּעריאָדיש רעפּראָדוצירט אין אַ נייער צוזאַמענשטעלונג, אַלץ מעהר און מעהר אַרבייטער, וועלכע ער האָט פריהער בעשעפטיגט.

3. די אַלץ־גרעסערע פּראָדוקציאָן פון אַ רעלאַטיווער איבער־בעפעלקערונג אָדער אינדוסטריעלער רעזערוו־אַרמעע.

די אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל, וועלכע האָט זיך לכתחילה בע־וויזען נאָר אַלס אַ קוואַנטיטאַטיווע אויסברייטונג, פיהרט זיך דורך, ווי מיר האָבען געזעהן, אין אַ נאָכאַנאַנדיגער קוואַליטאַטיווער ענ־דערונג פון זיין צוזאַמענשטעלונג, אין אַ שטענדיגער פערגרעס״ ונג פון זיין קאָנסטאַנטען בעשטאַנדטייל אויפ׳ן חשבון פון זיין וואַ־ריאַבלען טייל*, און פערמינערט אויף דעם אופן די רעלאַטיווע נאָכ־פראַגע אויף אַרבייט. איז וואָס פאַר אַ ווירקונג האָט אָט די בע־וועגונג אויף דער לאַגע פון דעם קלאַס לוין־אַרבייטער?

דער ספּעציפיש־קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן, די ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט, וואָס קומט מיט איהם, און די ענדערונג, וואָס ווערט דורכדעם פעראור־זאַכט אין דער אָרגאַנישער צוזאַמענשטעלונג פון קאַפּיטאַל, געהען ניט בלויז טריט אין טריט מיט דעם פאָרטשריט פון דער אַקומולאַ־

---

* אין מאַרקס׳עס האַנד־עקזעמפּלאַר געפינט זיך דאַ די גליון־בעמערקונג: „דאַ דאַרף מען בעמערקען אויף שפּעטער: אויב די אויסברייטונג איז נאָר קוואַנטיטאַטיוו, דאַן פערהאַלטען זיך די פּראָפיטען ביי אַ גרעסערן אָדער קלע־נערן קאַפּיטאַל אין דעמזעלביגען געשעפט־צווייג לויט דער גרויס פון די אויסגע־לעגטע קאַפּיטאַלען. אויב די קוואַנטיטאַטיווע אויסברייטונג ברענגט מיט קוואַליטאַטיווע ענדערונגען, דאַן שטייגט אין דערזעלביגער צייט די ראַטע פון פּראָפיט אויף דעם גרעסערן קאַפּיטאַל.״ K.

דער וואַקסענדער אומפאַנג פון די אינדיווידועלע קאַפּיטאַל־מאַסען ווערט דער מאַטעריעלער יסוד פון אַ בעשטענדיגער אי־בערקעהרעניש פון דעם פּראָדוקציאָנס־אופן גופא. דער קאַפּיטאַ־ליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן עראָבערט נאָכאַנאַנד ארבייט־צווייגען, וועלכע זיינען נאָך גאָרניט אונטערוואָרפען צו איהם, אָדער זיינען נאָר טיילווייז אָדער נאָר פאָרמעל אונטערוואָרפען צו איהם. צוזאַמען מיט די דאָזיגע וואַקסען אויס אויף זיין באָדען נייע אר־בייט־צווייגען, וואָס געהערן לכתחילה צו איהם. ענדליך, אין די אר־בייט־צווייגען, וואָס ווערן שוין בעטריבען קאַפּיטאַליסטיש, ווערט די פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט אַזוי שנעל צייטיג ווי אין אַ טרייב־הויז [אָראַנזשערעע]. אין אַט די אַלע פאַלען פאַלט ארונטער די ארבייטער־צאָהל פּראָפּאָרציאָנעל צו דער מאַסע פּראָ־דוקציאָנס־מיטלען, וואָס זי ארבייט אויס. אַ שטענדיג־גרעסערער טייל פון קאַפּיטאַל ווערט פערוואַנדעלט אין פּראָדוקציאָנס־מיט־לען, אַ שטענדיג־קלענערער טייל אין ארבייט־קראַפט. צוזאַמען מיט דעם אומפאַנג פון דער קאָנצענטראַציע און פון דער טעכני־שער ווירקזאַמקייט פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען פערמינערט זיך אַלץ מעהר דער גראַד, אין וועלכען זיי זיינען בעשעפטיגונגס־מיט־לען פון ארבייטער. אַ דאַמף־פלוג איז אַ ניט־פערגלייכליך־ווירק־זאַמערער פּראָדוקציאָנס־מיטעל איידער דער געוועהנליכער פלוג, אָבער דער קאַפּיטאַל־ווערטה, וואָס איז אין איהם אריינגעלעגט איז אַ ניט־פערגלייכליך־קלענערער בעשעפטיגונגס־מיטעל, איידער ווען ער וואָלט רעאַליזירט געוואָרן אין געוועהנליכע פלוגען. אין אָנהויב איז עס טאַקע דער צוגאָב פון דעם נייעם קאַפּיטאַל צו דעם אַלטען, וואָס מאַכט מעגליך אויסצוברייטערן און טעכניש צו רעוואָלוציאָנירן די מאַטעריעלע בעדינגונגען פון דעם פּראָדוק־ציאָנס־פּראָצעס. באַלד אָבער פערכאַפּט די געענדערטע צוזאַמענ־שטעלונג און די טעכנישע איבערגעשטאַלטונג מעהר אָדער וועניגער דעם גאַנצען אַלטען קאַפּיטאַל, וועלכער האָט דערגרייכט דעם טער־מין פון זיין רעפּראָדוקציאָן און ווערט פערביטען דורך אַ נייעם. אַט די אומוואַנדלונג פון דעם אַלטען קאַפּיטאַל איז אין אַ געוויסען זין אונאָבהענגיק פון דעם אַבסאָלוטען וואוקס פון'ם געזעלשאַפט־ליכען קאַפּיטאַל, פּונקט ווי די צענטראַליזאַציע איז אַ־נאָבהענגיק פון איהם. די צענטראַליזאַציע אָבער, וועלכע פערטיילט נאָר אַנ־

לונג פון קאפיטאל, אָדער פון א וויעדער־אמאָל שנעלער פערקלענע־רונג פון זיין וואריאבלען בעשטאנדטייל אין פערגלייך מיט דעם קאָנסטאנטען. די דאָזיגע שנעלע רעלאטיווע פערקלענערונג פון זיין וואריאבלען בעשטאנדטייל, וואָס קומט אינאיינעם מיט דער שנע־לער פערגרעסערונג פון דעם גאנצען קאפיטאל און וואָס קומט פאָר ראשינער איידער זיין פערגרעסערונג, נעהמט פערקעהרט אָן די פאָרם אויף דער אנדער זייט פון א שטענדיג־שנעלערן אבסאָלוטען וואוקס פון דער ארבייטער־בעפעלקערונג איידער פון דעם וואַ־ריאבלען קאפיטאל אָדער פון די מיטלען, וואָס בעשעפטיגען איהר. אין דער אמת'ן פּראָדוצירט שטענדיג די קאפיטאליסטישע אקומו־לאציע, לפי ערך פון איהר ענערגיע און איהר אומפאנג, א רע־לאטיוו־איבעריגע בעפעלקערונג פון ארבייטער, ד. ה. א גרעסערע בעפעלקערונג איידער עס איז נויטיג פאר די דורכשניטליכע פער־ווערטונג־בעדערפענישען פון קאפיטאל, און פאָלגליך אַן איבער־בעפעלקערונג.

בעטראכטענדיג דעם געזעלשאפטליכען קאפיטאל אין גאנצען, זעהען מיר אז די בעוועגונג פון זיין אקומולאציע רופט איין מאָל ארויס פעריאָדישע ענדערונגען, און אנאנדערשטמאָל פערטיילען זיך איהרע בעזונדערע פאזען גלייכצייטיג אויף די פערשיידענע פּראָדוקציאָן־ספערען. אין איינינגע ספערען קומט פאָר אַן ענ־דערונג אין דער צוזאמענשטעלונג פון'ם קאפיטאל אָהן א וואוקס פון זיין אבסאָלוטער גרויס, בלויז אלס רעזולטאט פון צענטראלי־זאציע; אין אנדערע ספערען איז דער אבסאָלוטער וואוקס פון'ם קאפיטאל פערבונדען מיט אַן אבסאָלוטער פערקלענערונג פון זיין וואריאבלען בעשטאנדטייל אָדער פון דער ארבייט־קראפט, וואָס ער זויגט אריין; נאָך אין אנדערע וואקסט אמאָל דער קאפיטאל ווייטער אויף זיין געגעבענעם טעכנישען באזיס און ציהט־צו נאָך ארבייט־קראפט לפי ערך פון זיין וואוקס, און אמאָל קומט פאָר אַן אָרגאנישע ענדערונג און זיין וואריאבלער בעשטאנדטייל פערקלע־נערט זיך; אין אלע ספערען איז דער וואוקס פון דעם וואריאבלען קאפיטאל־טייל, און ממילא פון דער בעשעפטיגטער צאָהל אר־בייטער, שטענדיג פערבונדען מיט געוואלטיגע שוואנקונגען און א צייטווייליגער פּראָדוקציאָן פון אַן איבער־בעפעלקערונג, סיי זי נעהמט אָן די מעהר אויפפאלענדע פאָרם פון ארויסשטויסען

ציע אָדער דעם וואוקס פון געזעלשאַפטליכען רייכטום. זיי טרעטען ניט־פערגלייכליך שנעלער, ווייל די איינפאַכע אַקומולאַציע אָדער די אַבסאָלוטע אויסברייטערונג פון דעם טאָטאַלען קאַפּיטאַל איז בעגלייט פון דער צענטראַליזאַציע פון זיינע אינדיווידועלע עלע־מענטען, און ווייל די טעכנישע ענדערונג פון דעם צוגאַב־קאַפּיטאַל געהט צוזאַמען מיט אַ טעכנישער ענדערונג פון דעם אָריגינאַל־קאַ־פּיטאַל. מיט דעם ווייטערדיגען גאַנג פון דער אַקומולאַציע ענ־דערט זיך דעריבער די פּראָפּאָרציע פון דעם קאָנסטאַנטען צו דעם וואַריאַבלען קאַפּיטאַל. אויב עס איז אורשפּרינגליך געווען 1:1, ווערט עס איצט כסדר 1:2, 1:3, 1:4, 1:5, 1:7 א. אז. וו., אַזוי אַז ווי דער קאַפּיטאַל וואַקסט, ווערט אָנשטאָט 1/2 פון זיין טאָטאַלען ווערטה שפּעטער אַריינגעטאָן אין אַרבייט־קראַפט בלויז 1/3, 1/4, 1/5, 1/6, 1/8 א. אז. וו. און פּערקעהרט 2/3, 3/4, 4/5, 5/6, 7/8 אין פּראָ־דוקציאָנס־מיטלען. אַזוי ווי די נאָכפראַגע אויף אַרבייט ווערט בעשטימט ניט דורך דעם אומפאַנג פון גאַנצען קאַפּיטאַל, נאָר דורך דעם אומפאַנג פון זיין וואַריאַבלען בעשטאַנדטייל, פאַלט זי דערי־בער אַלץ מעהר, וואָס גרעסער דער וואוקס איז פון דעם טאָטאַלען קאַפּיטאַל, אָנשטאָט ווי מען האָט פריהער משער געווען, אַז זי וואַקסט אין דערזעלביגער פּראָפּאָרציע מיט איהם. זי פאַלט רע־לאַטיוו צו דער גרויס פון גאַנצען קאַפּיטאַל און אַלץ שנעלער, וואָס מעהר זיין גרויס וואַקסט.

צוזאַמען מיט דעם וואוקס פון גאַנצען קאַפּיטאַל וואַקסט טאַקע אויך זיין וואַריאַבלער בעשטאַנדטייל, אָדער די אַרבייט־קראַפט, וואָס איז אין איהם פערקערפּערט, אָבער אין אַ שטענדיג קלענערער פּראָגרעסיאָן ווערט נויטיג, ניט נאָר כדי אַריינצוזויגען אַ צוגעקומע־ווירקט בלויז ווי אַן אויסברייטערונג פון דער פּראָדוקציאָן אויף דער געגעבענער טעכנישער גרונדלאַגע, ווערן אַלץ קירצער. אַ פער־שנעלערטע אַקומולאַציע פון גאַנצען קאַפּיטאַל אין אַ וואַקסענדער פּראָגרעסיאָן ווערט נויטיג, ניט נאָר כדי אַריינצוזויגען אַ צוגעקומע־נע אַרבייטער־צאָהל פון אַ בעשטימטער גרויס אָדער, אַזוי ווי דער אַלטער קאַפּיטאַל מאַכט דורך אַ שטענדיגע מעטאַמאָרפאָזע, אפילו כדי צו בעשעפטיגען די צאָהל אַרבייטער, וואָס פונקציאָנירט שוין. אָט די וואַקסענדע אַקומולאַציע און קאָנצענטראַציע ווערט פון איבּר זייט ווידער אַ קוואַל פון נייע ענדערונגען אין דער צוזאַמענשטע־

און אין זיין טעכנישער פאָרם, און עס ווערט גרעסער דער קרייז פון פראָדוקציאָן־ספערען, וועלכע ווערן אָנגעגריפען דערפון אמאָל גלייכצייטיג און אמאָל איינציגווייז זיך בייטענדיג. די ארבייטער־בעפעלקערונג שאפט אויף דעם אופן, צוזאמען מיט דער אקומולאציע פון קאפיטאל, וואָס זי אליין פראָדוצירט, אין אלץ א גרעסערן אומפאנג די מיטלען, וואָס מאכען איהר רעלאטיוו איבערפליסיג, איבעריג אין צאָהל.[ײ] דאָס איז א בעפעלקערונגס־געזעץ,

[ײ] איינינע אויסגעצייכענטע עקאנאמען פון דער קלאסישער שוהלע האבען געהאט עפעס א פארשטעלונג אבער האבען ניט אינגאנצען בעגריפען דאס געזעץ פון דער כסדר׳דיגער פערקלענערונג פון דער רעלאטיווער גרויס פון דעם וואריאבלען קאפיטאל, צוזאמען מיט זיינע ווירקונגען אויף דער לאגע פון דעם לוין־ארבייטער קלאס. דאס גרעסטע פערדיענסט אין דעם פרט געהערט דזשאהן בארטאן, הגם ער אויך, ווי אלע אנדערע מישט צוזאמען דעם קאנסטאנטען קאפיטאל מיט דעם פיקסירטען און דעם וואריאבלען קאפיטאל מיט דעם צירקולירענדען. ער זאגט: „די נאכפראגע אויף ארבייט העננט אב פון דעם וואוקס פון דעם צירקולירענדען און ניט פון דעם פיקסירטען קאפיטאל. ווען עס וואלט געווען ריכטיג, אז די פראפארציע צווישען אט די ביידע סארטען קאפיטאל איז א גלייכע אין אלע צייטען און אונטער אלע אומשטענדען, דאן וואלט דערפון פאקטיש נעפאלגט, אז די צאהל בעשעפטיגטע ארבייטער שטעהט פראפארציאנעל צום רייכטום פון שטאאט. אזא השערה אבער זעהט אויס ניט זעהר וואהרשיינליך. וואס מעהר מלאכות ווערן קולטיווירט און ציווילי‏זאציע ווערט פערשפרייט, אלץ מעהר וועגט אריבער דער פיקסירטער קאפיטאל דעם צירקולירענדען. די סומע פיקסירטער קאפיטאל, וואס איז פערווענדעט אין דער פראדוקציאן פון א שטיק בריטישען מוסלין איז מינדסטענס א הונדערט מאל און וואהרשיינליך א טויזענד מאל גרעסער איידער דער פיקסירטער קאפיטאל, וואס איז פערווענדעט אין דער פראדוקציאן פון א עהנליכען שטיק אינדישען מוסלין. און פראפארציאנעל איז רער צירקולירענדער קאפיטאל הונדערט אדער טויזענד מאל קלענער. . . . ווען דער גאנצער בעטרעף פון דאס, וואס ווערט יעהרליך אבגעשפארט וואלט צוגעלעגט געווארן צום פיקסירטען קאפיטאל, וואלט ער קיין איינפלוס ניט אויסגעאיבט אויף דער נאכפראגע אויף ארבייט.“ John Barton "Observations on the Circumstances which influence the Condion of the Labouring Classes of Society," London 1871, p. 16, 17. ריקארדא שטימט בכלל איין מיט אט די אויספיהרונגען פון בארטאן, דאך בעמערקט ער, ווען ער ציטירט זיי: „עס איז ניט לייכט זיך פארצושטעלען, עס זאל קאנען פארקומען אזוינע פערהעלטנישען, ווען א פערגרעסערונג פון קאפיטאל זאל ניט זיין בעגלייט אויך פון א גרעסערער נאכפראגע אויף ארבייט.“ (ריקארדא, „פרינסיפלס אוו פאליטיקאל עקאנאמיע“, 3טע אויס־

שוין־בעשעפטיגטע ארבייטער, סיי די מעהר־פערשטעלטע אבער ניט וועניגער ווירקזאמע פארם פון א שווערערן אריינזויגען פון דער צוגעקומענער ארבייטער־בעפעלקערונג דורך די געוועהנליכע קאנאלען.[78] מיט דער גרויס פון דעם שוין־פונקציאנירענדען געזעלשאפטס־קאפיטאל און דעם גראד פון זיין וואוקס, מיט דער אויסשפרייטונג פון דעם מאסשטאב פון דער פראדוקציאן און פון דער מאסע אין בעוועגונג געבראכטע ארבייטער, מיט דער ענטוויקלונג פון דער פראדוקטיוו־קראפט פון זייער ארבייט, מיט דעם ברייטערן און פולערן שטראם פון אלע קוואלען פון רייכטום — שפרייט זיך אויך אויס דער מאסשטאב, אויף וועלכען א גרעסערע צוציהונג פון ארבייטער דורך קאפיטאל איז פערבונדען מיט זייער גרעסערער אבשטויסונג, ווערט גרעסער די געשווינדקייט פון די ענדערונגען אין דער ארגאנישער צוזאמענשטעלונג פון קאפיטאל

---

[78] דער צענזוס פאר ענגלאנד און וועלס צייגט צווישען אנדערעס: אלע בעשעפטיגטע פערזאנען אין דער אגריקולטור (אייגענטימער, ארענדאטארס, גערטנער, פאסטוכער א. אז. וו. איינגעשלאסען) האבען בעטראפען אין 1851 — 2,011,447, אין 1861 — 1,924,110, א פערמינערונג פון 87,337; וואוסטעט מאנופאקטור: 8151 — 102,714, 1861 — 79,242; זיידענס פאבריק: 1851 — 111,940, 1861 — 101,678; קאטון־דרוקער: 1851 — 12,098, 1861 — 12,556, א קליינע פערגרעסערונג, וועלכע איז אין אנבעטראכט פון דעם אונגעהויער־אויסגעברייטערטען געשעפט א פראפארציאנעל־גרויסע פערקלענערונג אין דער צאהל בעשעפטיגטע ארבייטער. הוטמאכער: 1851 — 15,957, 1861 — 13,814; שטרוי־היט און פרויען־היט מאכער: 1851 — 20,393, 1861 — 18,176; מעלצער: 1851 — 10,566, 1861 — 10,677; ליכט־גיסער: 1851 — 4,949, 1861 — 4,686 (אט די פערקלענערונג נעהמט זיך פון דער פערמעהרונג פון גאז־בעלייכטונג); קאמען־מאכער: 1851 — 2,038, 1861 — 1,478; האלץ־זעגער: 1851 — 30,552, 1861 — 31,647 (א קליינער וואוקס אלס רעזולטאט פון דער גרעסערער פערשפרייטונג פון זעג־מאשינען); נעגעל־מאכער: 1851 — 26,940, 1861 — 26,130 (א פערקלענערונג מחמת דער מאשין־קאנקורענץ); ארבייטער אין צין און קופער־מינען: 1851 — 31,360, 1861 — 32,041. פערקעהרט ביי באוועל־שפינערייען און וועבערייען: 1851 — 371,777, 1861 — 456,646; קויהלען־מינען: 1851 — 183,389, 1861 — 246,613. „דער וואוקס פון ארבייטער איז אין אלגעמיין זינט 1851 אם גרעסטען אין אזוינע צווייגען, אין וועלכע די מאשינעריע איז ביזאהער נאך ניט אנגעווענדט געווארן מיט ערפאלג." (Census for England and Wales for 1861, Vol. I, p. 36.)

דערפענישען א מענשען־מאַטעריאַל, וואָס איז תמיד גרייט עקס־פּלואַטירט צו ווערן, אונאָבהענגיג פון די גרעניצען פון דער ווירק־ליכער פערגרעסערונג פון דער בעפעלקערונג.

צוזאַמען מיט דער אַקומולאַציע און מיט דער ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט, וואָס בעגלייט זי, וואַקסט די פּלוצלינגדיגע אויסשפּרייטונג־קראַפט פון קאַפּיטאַל, ניט נאָר דערפאַר, ווייל עס וואַקסט די עלאַסטיציטעט פון דעם פונק־ציאָנירענדען קאַפּיטאַל און עס וואַקסט דער אַבסאָלוטער רייכטום, פון וועלכען דער קאַפּיטאַל מאַכט אויס נאָר איין עלאַסטישען טייל; ניט נאָר דערפאַר, ווייל דער קרעדיט שטעלט אין איין רגע, אונטער יעדען בעזונדער סטימול, אַן אונגעוועהנליכען טייל פון דעם דאָזיגען רייכטום אין רשות פון דער פּראָדוקציאָן אלס צוגאָב־קאַפּיטאַל. די טעכנישע בעדינגונגען פון דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס גופא, מאַשינעריע, טראַנספּאָרט־מיטלען א. אַז. וו. מאַכען מעגליך אויפ׳ן גרעסטען מאָסשטאַב די ראַשיגסטע פערוואַנדלונג פון דעם מעהר־פּראָדוקט אין צוגעגעבענע פּראָדוקציאָנס־מיטלען. די מאַסע פון געזעלשאַפטליכען רייכטום, וואָס צעוואַקסט זיך מיט דעם פּאָרטשריט פון דער אַקומולאַציע און לאָזט זיך פערוואַנדלען אין צוגאָב־קאַפּיטאַל, שטופּט זיך מיט אימפּעט אין די אַלטע פּראָ־דוקציאָנס־צווייגען, וואָס זייער מאַרק איז פּלוצלונג ברייטער גע־וואָרן, אָדער אין ניי־געעפענטע צווייגען, ווי אייזענבאַהנען א. אַז. וו., וואָס זייער נויטיגקייט נעהמט זיך פון דער ענטוויקלונג פון די אַלטע צווייגען. אין אַלע אַזוינע פאַלען מוז זיין די מעג־ליכקייט צו קאָנען אַריינוואַרפען מיט איין מאָל גרויסע מאַסען מענשען אין די וויכטיגסטע פונקטען, ניט אָבשטעלענדיג דעם פּראָדוקציאָנס־מאָסשטאַב אין אַנדערע ספערען. די איבער־בעפעל־קערונג שטעלט זיי צו. דער כאַראַקטעריסטישער לעבענס־לויף פון דער מאָדערנער אינדוסטריע — די פאָרם פון א צעהניאָהריגען קרייז (ציקל), אונטערבראָכען פון קלענערע שוואַנקונגען, פון מי־טעלמעסיגער לעבעדיגקייט, פּראָדוקציאָן אונטער א הויכען דרוק, קריזיסען און שטילשטאַנד — הענגט אָב פון דער שטענדיגער פאָר־מירונג, פון דעם גרעסערן אָדער קלענערן פערברויך און פון דער ווידער־פאָרמירונג פון דער אינדוסטריעלער רעזערוו־אַרמעע אָדער פון א איבער־בעפעלקערונג. די פערשיידענע פאַזען פון דעם

וואָס איז אייגענטימליך פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן, און אין דער אמת'ן האָט יעדער בעזונדערער היסטאָרישער פּראָדוקציאָנס־אופן זיינע בעזונדערע, היסטאָריש־גילטיגע בעפעל־קערונגס־געזעצען. אַ בעפעלקערונגס־געזעץ אין אבסטראַקט עק־זיסטירט נאָר פאַר פלאַנצען און חיות, און דאָס אויך אויף וויפיעל דער מענש מישט זיך אין דעם היסטאָריש ניט אריין.

אויב אָבער אַן איבערבעפעלקערונג פון ארבייטער איז אַ נויטווענדיגער פּראָדוקט פון דער אקומולאציע אָדער פון דער ענט־וויקלונג פון רייכטום אויף אַ קאַפּיטאַליסטישען יסוד, ווערט פער־קעהרט די דאָזיגע איבער־בעפעלקערונג אַ הויב־שטאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אקומולאציע אָדער נאָך מעהר, אַן עקזיסטענץ־בעדינגונג פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן. זי שטעלט צוזאַמען אַ קאָנטראָליר־באַרע אינדוסטריעלע רעזערוו־אַרמעע, וועלכע געהערט אינגאַנצען דעם קאַפּיטאַל אַזוי אבסאָ־לוט, אַזוי ווי ער וואָלט זי אויסגעהאָדעוועט אויף זיינע אייגענע קאָסטען. זי שאַפט פאַר זיינע זיך־בייטענדע פערווערטונגס־בע־

גאַבע, לאָנדאָן 1821, קאַפּיטעל 31 ווענען דעם סיסטעם פון מאַשינען, ז. 480, נאָטע.) אין אַ־אַנדער אָרט, אין אנהויב פון 31טען קאַפּיטעל שרייבט ער אָבער: „דער פאָנד, פון וועלכען די גרונדבעזיצער און די קאַפּיטאַליסטען ציהען זייער הכנסה, קאָן וואַקסען, און אין דערזעלבער צייט קאָן דער אַנ־דער פאָנד, פון וועלכען דער ארבייטער קלאַס הענגט הויפּטזעכליך אָב, ווערען קלענער. אויב דאָס איז ריכטיג, דאַן קומט דערפון ארויס, אַז דיזעלבינע אורזאַך, וואָס פערמעהרט די ריינע הכנסה פון לאַנד, קאָן אין דערזעלבינער צייט שאַפען אַן איבערבעפעלקערונג און פערערגערן די לאַגע פון די ארביי־טער.״ (ד. ג. ז. 469.) „דער בעטרעף פון קאַפּיטאַל וואָס איז בעשטימט אויפצוהאַלטען די ארבייט, קאָן זיך ענדערן אונאָבהענגיג פון וועלכע עס איז שוואַנקונגען אין דעם גאַנצען בעטרעף פון קאַפּיטאַל. . . . גרויסע שוואַנ־קונגען אין גראַד פון בעשעפטיגונג און גרויסער עלענד קאָנען ווערען אָלץ אָפטער, אין דערזעלבינער צייט וואָס דער קאַפּיטאַל אַליין ווערט אַלץ רייכער.״ Richard Jones, "An Introductory Lecture on Political Economy," 1833, p. 13 „די נאָכפראַגע (אויף ארבייט) וועט שטייגען. . . ניט לפי ערך צו דער אקומולאַציע פון קאַפּיטאַל אין אַלגעמיין. . . . יעדע פערמעהרונג פון דעם נאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל, וואָס איז בעשטימט פאַר דער רעפּראָדוקציאָן, וועט דעריבער אין לויף פון געזעלשאַפטליכען פּראָגרעס האָבען אַלץ ווייניגער איינפלוס אויף דער לאַגע פון די ארבייטער.״ S. Ramsay, "An Essay on the Distribution of Wealth." Edinburgh 1836, p. 90, 91.

קרעדיט — דעם בלויזען סימפּטאָם פון די ענדערונג־פּעריאָדען פון'ם אינדוסטריעלען ציקל — און מאַכט זיי פאַר די אורזאַכען פון די דאָזיגע ענדערונג־פּעריאָדען. פּונקט ווי די הימעלשע קערפּער, וועלכע ווידערהאָלען שטענדיג דיזעלביגע בעוועגונג, ווי־באַלד זיי ווערן איינמאָל אריינגעוואָרפען אין דער דאָ־זיגער בעשטימטער בעוועגונג, אזוי גערט אויך די גע־זעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָן, אזויבאַלד ווי זי איז איינמאָל אריינגעוואָרפען געוואָרן אין יענער בעוועגונג פון זיך־ביי־טענדער אויסציהונג און צונויפציהונג. ווירקונגען ווערן פון זייער זייט אורזאַכען, און די ענדערונג־פאַזען פון דעם גאַנצען פּראָ־צעס, וועלכער רעפּראָדוצירט שטענדיג זיינע אייגענע בעדינגונגען, נעהמען אָן די פאָרם פון פּעריאָדיציטעט. ערשט אין דער צייט, ווען די מעכאַנישע אינדוסטריע האָט געשלאָגען אזוינע טיעפע וואָרצלען, אז זי האָט אויסגעאיבט אַן אריבערוועגענדען איינפלוס אויף דער נאַציאָנאַלער פּראָדוקציאָן; ווען דער האַנדעל מיט אויסלאַנד האָט דורך איהר אָנגעפאַנגען אריבערצוויאָגען דעם אינ־לאַנד־האַנדעל; ווען דער וועלט־מאַרק האָט אויפגעעפענט פאַר זיך אונגעהויערע געביטען אין אַמעריקאַ, אזיע, אויסטראַליע; ווען ענדליך די אינדוסטריעלע נאַציאָנען, וואָס זיינען אַריינגעטראָטען אין אַ וועט־קאַמף איינע מיט די אַנדערע, זיינען געוואָרן גענוג צאָהלרייך — ערשט פון דער צייט אָן זיינען ארויסגעטראָטען יענע אַלעמאָל־צוריקקעהרענדע ציקלען, וואָס זייערע פאַזען, וועלכע קו־מען כסדר איינע נאָך די אַנדערע, פאַסען אום יאָהרען און פיהרן תמיד צו אַן אַלגעמיינעם קריזיס, מיט וועלכען איין ציקל פער־ענדיגט זיך און אַ נייער פאַנגט זיך אָן. ביז אהער האָט אזאַ ציקל אומגעפאַסט בדרך כלל פון צעהן ביז עלף יאָהר. מיר האָבען אָבער קיין אורזאַך ניט צו האַלטען, אז אָט די צאָהל קאָן זיך ניט ענדערן. די געזעצען פון קאַפּיטאַליזם, וואָס זיינען דאָ ענטוויקעלט געוואָרן, גיבען אונז פערקעהרט אַ גרונד אָנצונעהמען, אז די דאָזיגע צאָהל לאָזט זיך טאַקע פערענדערן און וועט ביסלעכווייז זיך פערקלענערן.

ווען די פּעריאָדיציטעט פון דעם קריזיסען־ציקל איז איינמאָל פעסט בעגרינדעט, דאַן בעגרייפט אַפילו די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, אז די אַרויסרופונג פון אַן איבער־בעפעלקערונג — ד. ה. אַן איבער־פלוס בנוגע די דורכשניטליכע בעדערפעניסען פון דער פערווער־

אינדוסטריעלען ציקל פון זייער זייט רופען ארויס (רעקרוטירען) די איבערבעפעלקערונג און ווערן איינע פון די העכסט־ענערגישע אורזאכען פון איהר רעפּראָדוקציאָן.

אָט דער איינענטימליכער לעבענס־לויף פון דער מאָדערנער אינדוסטריע, וועלכען מיר בעגעגענען ניט אין קיין פריהערדיגער פּעריאָדע פון דער מענשליכער געשיכטע, איז אויך געווען אונמעג־ליך אין דער קינדהייט־פּעריאָדע פון דער קאפּיטאליסטישער פּראָ־דוקציאָן. דער פּאָרטשריט פון דער טעכניק איז געגאַנגען לאַנגזאַם און האָט זיך פערברייטערט נאָך לאַנגזאַמער. די צוזאַמענשטע־לונג פון'ם קאַפּיטאַל האָט זיך געענדערט נאָר זעהר פּאַמעלאַך. מיט זיין אקומולאַציע איז בכלל פּאָרגעקומען א לפי ערך'דיגער וואוקס פון דער נאָכפראַגע אויף ארבייט. לאַנגזאַם ווי דער פּאָרט־שריט פון זיין אקומולאַציע איז אָנגעגאַנגען, אין פערגלייך מיט דער מאָדערנער עפּאָכע, האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויף נאַ־טירליכע גרעניצען פון דער ארבייטער־בעפעלקערונג, וואָס האָט געדארפט עקספּלואַטירט ווערן, און אָט די גרעניצען, ווי מיר ווע־לען דערמאָנען שפּעטער, האָבען נאָר געקאָנט אָבגערוימט ווערן דורך געוואַלט־מיטלען. די פּלוצלונגדיגע און קאָנוואולסיווע אויס־ציהונג פון דעם פּראָדוקציאָנס־מאָסשטאַב איז דער תנאי קודם פון זיין פּלוצלונגדיגער צונויפציהונג; די לעצטע רופט וויעדער ארויס די ערשטע, אָבער די ערשטע איז אונמעגליך אָהן א גרייט־שטעהענדען מענשען־מאַטעריאַל, אָהן א פערמעהרונג פון ארביי־טער, וואָס הענגט ניט אָב פון דעם אבסאָלוטען וואוקס פון דער בעפעלקערונג. זי ווערט געשאַפען דורך דעם איינפאַכען פּראָ־צעס, וועלכער „בעפרייט" שטענדיג איין טייל פון די ארבייטער, דורך די מעטאָדען, וועלכע פערקלענערן די צאָהל בעשעפטיגטע ארבייטער אין פּראָפּאָרציע צו דער פערגרעסערטער פּראָדוקציאָן. די גאַנצע בעוועגונג־פאָרם פון דער מאָדערנער אינדוסטריע וואַקסט אָט אזוי ארויס פון דעם, וואָס איין טייל פון דער ארבייטער־בע־פעלקערונג ווערט שטענדיג פערוואַנדעלט אין אונבעשעפטיגטע אָדער האַלב־בעשעפטיגטע הענד. די אויבערפלעכליכקייט פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע צייגט זיך ארויס צווישען אַנדערעס אין דעריין, וואָס זי נעהמט די אויסשפּרייטונג און איינשרענקונג פון

ווערן געטריבען ביז א געוויסער הויך צווישען דעם ארבייטער־קלאס פון א לאנד, וואס הענגט אב הויפטזעכליך פון מאנופאקטור און האנדעל, קאנען זיין שעדליך פאר'ן לאנד. . . לויט דער נאטור פון דער בעפעלקערונג קאן א צו־וואוקס פון ארבייטער ניט צוגע־שטעלט ווערן אויפ'ן מארק, צוליעב א ספעציעלער נאכפראגע, אפריהער פאר א משך פון 16 ביז 18 יאהר, אבער די פערוואנד־לונג פון הכנסה אין קאפיטאל דורך שפארונג קאן פארקומען זעהר פיעל שנעלער; א לאנד איז שטענדיג עלול צו גרייכען א פער־גרעסערונג אין איהרע ארבייט־פאנדען שנעלער איידער א פערגרע־סערונג אין דער בעפעלקערונג."[81]

נאכדעם ווי די פאליטישע עקאנאמיע האט אויף דעם אופן דערקלערט, אז די שטענדיגע פראדוקציאן פון א רעלאטיווער אי־בער־בעפעלקערונג פון ארבייטער איז א נויטווענדיגקייט פאר דער קאפיטאליסטישער אקומולאציע, לעגט זי, אין דער פיגור פון אן אל־טער מויד, זעהר פאסענד אריין אין מויל פון דעם „הערליכען אי־דעאל" פון איהר קאפיטאליסט די פאלגענדע ווערטער, אדרעסירט צו יענע איבעריג געווארענע, וואס זיינען ארויסגעווארפען געווארן אויפ'ן גאס דורך זייער אייגענער שעפפונג פון צוגאב־קאפיטאל: — „מיר פאבריקאנטען טהוען פאר אייך אלץ וואס מיר קאנען, דערמיט וואס מיר פערמעהרן דעם קאפיטאל, פון וועלכען איהר מוזט לעבען; און איהר מוזט טהאן דאס איבעריגע, דערמיט וואס איהר וועט צופאסען אייער צאהל צו די לעבענס־מיטלען."[82]

די קאפיטאליסטישע פראדוקציאן קאן זיך בשום אופן ניט בענוגענען מיט דעם סכום געברויכבארע ארבייט־קראפט, וואס דער

---

[81] מאלטהוס, „פרינסיפלס אוו פאליטיקאל עקאנאמי", ז. 254, 319 און 320. אין אט דעם ווערק ענטדעקט מאלטהוס ענדליך, מיט דער הילף פון זיסמאנדי די שעהנע דרייי אייניגקייט פון דער קאפיטאליסטישער פראדוק־ציאן: איבער־פראדוקציאן, איבער־בעפעלקערונג, איבער־קאנזומציאן — דריי זעהר ליעבענסווירדיגע פערזעהענישען בנאמנות! זעה פ. ענגעלס: „אומריסע צו איינער קריטיק דער נאציאנאל־עקאנאמיע" און די דייטש־פראנצויזישע יאהר־ביכער, ארויסגעגעבען פון ארנאלד רוגע און קארל מארקס, פאריז 1844, ז. 107 און ווייטער. [זעה אויך „געזאמעלטע שריפטען פון קארל מארקס און פריעדריך ענגעלס", שטוטגארט 1902, ב. I, ז. 453 א. וו.]

[82] Harieet Martineau. "The Manchester Strike," 1842, p. 101, 82.

טונג פון קאַפּיטאַל — איז די לעבענס־בעדינגונג פון דער מאָדער־נער אינדוסטריע.

„ווען מיר זאָלען אָננעהמען", זאָגט ה. מעריוואַל, דער פריה־ערדיגער פּראָפעסאָר פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע אין אָקספאָרד, און שפּעטער א בעאַמטער פון דעם ענגלישען קאָלאָניאַל־מיניסטעריום, „אז דאָס פאָלק, אין צייט פון א קריזיס, זאָל מאַכען אַן אָנשטרענ־גונג און זוכען לויז צו ווערן דורך אויסוואַנדערונג פון אייניגע הונדערט טויזענדער איבערפליסיגע ארבייטער־הענד, וואָס וואָלט געווען דער רעזולטאַט ? גלייך ווי עס וואָלט צוריק געקומען א נאָכפראַגע אויף ארבייט, וואָלט געווען א דוחק אין ארבייטער. ווי שנעל די רעפּראָדוקציאָן פון מענשען זאָל ניט זיין, נעהמט עס אויף יעדען פאַל א גאַנצען דור צייט צו רעפּראָדוצירן דערוואַק־סענע ארבייטער. די פּראָפיטען אָבער פון אונזערע פאַבריקאַנטען הענגען הויפּטזעכליך אָב פון דער מאַכט אויסצונוצען דעם גינס־טיגען מאָמענט, ווען די נאָכפראַגע איז גרויס, כדי צו פערזאָרגען זיך אויף דעם אופן אנטקעגען דער צייט, ווען עס ווערט שטיל. די דאָזיגע מאַכט איז זיי געזיכערט נאָר דורך דער קאָמאַנדע, וואָס זיי קאָנען אויסאיבען אויף דער מאַשינעריע און דער ארבייט פון די הענט. זיי מוזען האָבען הענט, וואָס זאָלען שטעהן גרייט פאַר זיי ; זיי מוזען האָבען בכח צו פערגרעסערן די טהעטיגקייט פון זייערע אָפּעראַציעס, ווען עס איז נויטיג, און נאָכצולאָזען ווידער לויט דעם צושטאַנד פון מארק, אז ניט וועלען זיי באין אופן ניט קאָנען אָנהאַלטען דאָס איבערגעוויכט אין דעם גאַנג פון דער קאָנ־קורענץ, אויף וועלכער דאָס רייכטום פון אָט דעם לאַנד איז גע־גרינדעט."[80]

אַפילו מאַלטהוס זעהט אין דער איבער־בעפעלקערונג א נויט־ווענדיגקייט פון דער מאָדערנער אינדוסטריע — הגם ער דערקלערט אויף זיין נארישען אופן, אז זי נעהמט זיך פון דעם אבסאָלוטען איבערוואוקס פון דער ארבייטער־בעפעלקערונג, און ניט פון דעם, וואָס זי ווערט רעלאַטיוו איבעריג אין צאָהל. ער זאָגט : „אויס־גערעכענטע פיהרונגען בנוגע דעם פערהייראַטען לעבען, אויב זיי

[80] H. Merivale. "Lectures on Colonization and Colonies." London, 1831 and 1832, Vol. I, p. 146, 80.

קויפט מיט דעמזעלביגען קאפיטאל־ווערטה מעהר ארבייט־קרעפ־
טען, דורכדעם וואס ער פערבייט אלעמאל מעהר געשיקטע ארביי־
טער אויף ווניגער געשיקטע, רייפע ארבייט אויף אונרייפע, מענ־
ליכע ארבייט אויף פרויען־ארבייט, דערוואקסענע ארבייט־קראפט
אויף יוגענדליכער אדער קינדערשער ארבייט־קראפט.

פון איין זייט, הייסט עס, מיט דעם פארטשריט פון דער
אקומולאציע, מאכט א גרעסערער וואריאבלער קאפיטאל פליסיג
מעהר ארבייט, ניט אנשטעלענדיג מעהר ארבייטער; פון דער
אנדער זייט מאכט א וואריאבלער קאפיטאל פון דערזעלביגער גרויס
פליסיג מעהר ארבייט מיט דערזעלביגער מאסע ארבייט־קראפט;
און ענדליך ברענגט ער אין טהעטיגקייט א גרעסערע צאהל נידע־
ריגע ארבייט־קרעפטען, ארויסשטופענדיג די העכערע.

די פראדוקטען פון א רעלאטיווער איבער־בעפעלקערונג, אדער
די ארויסזעצונג פון ארבייטער, געהט דעריבער אן נאך שנעלער
איידער די טעכנישע רעוואלוציע פון דעם פראדוקציאנס־פראצעס,
וואס ווערט סיי־ווי געטריבען מיט דעם פארטשריט פון דער אקו־
מולאציע, און שנעלער איידער די פראפארציאנעלע פערקלענע־
רונג פון וואריאבלען קאפיטאל־טייל לגבי דעם קאנסטאנטען, וואס
קומט דערמיט. אויב די פראדוקציאנס־מיטלען, ווערענדיג גרע־
סער אין אומפאנג און ווירקונגס־קראפט, ווערן אין א קלענערן
גראד בעשעפטיגונגס־מיטלען פון ארבייטער, ווערט אט דער צו־
שטאנד גופא ווידער מאדיפיצירט דורכדעם, וואס אין דעם ערך
ווי עס וואקסט די פראדוקטיוו־קראפט פון דער ארבייט, פערגרע־
סערט דער קאפיטאל שנעלער זיין צושטעל פון ארבייט איידער
זיין נאכפראגע אויף ארבייטער. די איבער־ארבייט פון דעם בע־
שעפטיגטען טייל פון דעם ארבייטער־קלאס פערמעהרט די רייהען
פון זיין רעזערוו, בעת פערקעהרט, דער גרעסערער דרוק, וואס דער
רעזערוו איבט אויס דורך זיין קאנקורענץ אויף דעם בעשעפטיגטען
טייל, צווינגט איהם צו דער איבער־ארבייט און צו אונטערווארפען
זיך אונטער די געבאטען פון קאפיטאל. די פערורטיילונג פון
איין טייל פון דעם ארבייטער־קלאס צו א געצוואונגענעם לעדיג־
געהן דורך דער איבער־ארבייט פון דעם אנדער טייל, און פער־
קעהרט, ווערט א מיטעל רייכער צו מאכען דעם איינצעלנעם קא־

נאַטירליכער וואוקס פון דער בעפעלקערונג שטעלט־צו. זי בעדאַרף צו האָבען פאַר איהר פרייען שפּיעל אַ אינדוסטריעלע רעזערוו־אַרמעע, וואָס העננט ניט אָב פון דעם דאָזיגען נאַטור־גרעניץ.

ביזאהער איז אָנגענומען געוואָרן, אַז צו דער פערגרעסערונג אָדער פערקלענערונג פון וואַריאַבלען קאַפּיטאַל איז גענוי צוגע־פּאַסט די פערגרעסערונג אָדער פערקלענערונג פון דער בעשעפטיג־טער צאָהל אַרבייטער.

די צאָהל אַרבייטער, וואָס קאַפּיטאַל קאָמאַנדירט, קאָן בלייבען דיזעלביגע, אָדער אפילו קלענער ווערן, בעת דער וואַריאַבלער קאַפּיטאַל ווערט גרעסער. דאָס איז דער פאַל, ווען דער אינדיווי־דועלער אַרבייטער ליפערט מעהר אַרבייט און עס וואַקסט דעריבער זיין אַרבייטס־לוין — הגם דער פּרייז פון דער אַרבייט בלייבט דערזעלביגער, אָדער פאַלט אפילו אַרונטער, אויב נאָר ער פאַלט לאַנגזאַמער ווי די אַרבייט־מאַסע שטייגט. דער וואוקס פון דעם וואַריאַבלען קאַפּיטאַל ווערט דאַן אַ אָנצייגער פון מעהר אַרבייט, אָבער ניט פון מעהר בעשעפטיגטע אַרבייטער. יעדער קאַפּיטאַ־ליסט האָט אַן אַבסאָלוטען אינטערעס אַרויסצופּרעסען אַ בעשטימ־טען סכום אַרבייט פון אַ קלענערער צאָהל אַרבייטער, אַנשטאָט אַרויסצוקריגען דעמזעלביגען סכום פונקט אַזוי וואָלוועל אָדער אפילו נאָך וואָלוועלער פון אַ גרעסערער צאָהל אַרבייטער. אין דעם לעצטען פאַל וואַקסט דער אויסלעג פון קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל פּראָפּאָרציאָנעל צו דער מאַסע אַרבייט, וואָס ווערט געלאָזט אין גאַנג; אין דעם ערשטען פאַל וואַקסט ער פיעל לאַנגזאַמער. וואָס גרעסער עס איז דער מאָסשטאַב פון דער פּראָדוקציאָן, אַלץ שטאַר־קער איז אָט דער מאָטיוו. זיין וואָגיגקייט וואַקסט צוזאַמען מיט דער אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל.

מיר האָבען געזעהן, אַז די ענטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליס־טישען פּראָדוקציאָנס־אופן און פון דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט — וואָס איז אין דערזעלביגער צייט אי אַן אורזאַך, אי אַ ווירקונג פון דער אַקומולאַציע — גיט דעם קאַפּיטאַליסט די מעגליכקייט מיט דעמזעלביגען אויסלעג פון וואַריאַבלען קאַפּיטאַל צו מאַכען פליסיג מעהר אַרבייט דורך אַ גרעסערער עקסטענסיווער אָדער אינטענסיווער עקספּלואַטאַציע פון די אינדיווידועלע אַרבייט־קרעפטען. מיר האָבען ווייטער געזעהן, אַז דער קאַפּיטאַליסט

א רעלאטיווער איבער־בעפעלקערונג, בעווייזט צוםביישפיעל ענג־לאנד. איהרע טעכנישע מיטלען „איינצושפארן" ארבייט זיינען קאלאסאל. פונדעסטוועגען, ווען מארגען זאל די ארבייט בע־שרענקט ווערן אין אלגעמיין אויף א ראציאנאלער מאס און זאל איינגעטיילט ווערן פאר די פערשיידענע שיכטען פון דעם ארביי־טער־קלאס לויט דעם עלטער און געשלעכט, וואלט די ארבייטער־בעפעלקערונג, וואס געפינט זיך היינטיגען טאג, אבסאלוט ניט געווען גענוג אנצופיהרן די נאציאנאלע פראדוקציאן אויף איהר איצטיגען מאסשטאב. די גרויסע מעהרהייט פון די איצטיגע „אונפראדוק־טיווע" ארבייטער וואלט געמוזט פערוואנדעלט ווערן אין „פרא־דוקטיווע" ארבייטער.

אינגאנצען גענומען זיינען די אלגעמיינע בעוועגונגען פון דעם ארבייט־לוין אויסשליסליך רעגולירט דורך דער אויסברייטונג און צונויפציהונג פון דער אינדוסטריעלער רעזערוו־ארמעע, וועלכע גע־העןצוזאמען מיט די פעריאדישע ענדערונגען פון דעם אינדוסטריע־לען ציקל. זיי זיינען דעריבער ניט בעשטימט דורך דער בעוועגונג [די ענדערונגען] פון דער אבסאלוטער צאהל פון דער ארבייטער־בעפעלקערונג, זאנדערן דורך די וועקסלענדע פראפארציעס, אין וועלכע דער ארבייטער־קלאס איז צוטיילט אויף אן אקטיווער אר־מעע און א רעזערוו־ארמעע, דורך דער פערגרעסערונג און פערקלע־נערונג פון דעם רעלאטיווען פערנעהם פון דער איבער־בעפעלקערונג, און דורך דעם גראד, אין וועלכען זי ווערט איינמאל פערברויכט און אנאנדערשטמאל ארויסגעזעצט פריי. פאר דער מאדערנער אינדוסטריע מיט איהר צעהניאהריגען ציקל און זיינע פעריאדישע פאזען, וועלכע זיינען נאך א הויז דעם קאמפליצירט, אין גאנג פון דער אקומולאציע, דורך אונרעגעלמעסיגע שוואנקונגען, וואס קו־מען אלץ שנעלער איינער נאך די אנדערע, וואלט עס ווירקליך געווען א שעהן געזעץ, וואס מאכט די בעוועגונג פון קאפיטאל אב־הענגיג פון דער אבסאלוטער בעוועגונג פון דער בעפעלקערונג־מאַ־סע, אנשטאט צו רעגולירן די נאכפראגע און אנבאט פון ארבייט דורך דער אויסשפרייטונג און צונויפציהונג פון קאפיטאל, ד. ה דורך זיינע יעדעסמאליגע פערווערטונג־בעדערפענישען, דורך ווע־כע דער ארבייט־מארק איז איינמאל רעלאטיוו ניט גענוג פ־ ווייל דער קאפיטאל האט זיך אויסגעשפרייט, און איינמאל וויער־

פּיטאַליסט[88] און עס פאַרשנעלערט אין דערזעלבינער צייט די שאַ־פונג פון אַ אינדוסטריעלער רעזערוו־אַרמעע אויף אַ מאַסשטאַב, וואָס איז אָנגעמאָסטען פאַר דעם פאָרטשריט פון דער געזעלשאַפטלי־כער אַקומולאַציע.

ווי וויכטיג אָט דער מאָמענט איז אין דער פאָרמירונג פון

---

[88] אפילו בעת דער באַוועל־נויט פון 1863 געפינט מען אין אַ בראָשור פון די באַוועל־שפּינער אין בלאַקבורן שטאַרקע אנקלאַגען אַנטקעגען דער איבער־אַרבייט, וועלכע האָט אַלס רעזולטאַט פון דעם פאַבריק־געזעץ נאַטירליך נאָר אָנגעגריפען דערוואַקסענע מענער־אַרבייטער. „די דערוואַקסענע אַרבייטער אין אָט דער פאַבריק האָבען פערלאַנגט אַ 12 ביז 13־שטונדיגע אַרבייט־צייט טעג־ליך, בעת הונדערטע אַרבייטער זיינען געצוואונגען אַרומצוגעהן לעדיג און זיינען גרייט צו אַרבייטען האַלבע טעג, כדי צו דערהאַלטען זייערע פאַמיליען ביים לעבען און פערהיטען זייערע חברים פון אַ פריה־צייטיגען טויט צוליעב דער איבער־אַרבייט. מיר וואָלטען געוואָלט פרעגען — שטעהט דאָרטען ווייי־טער — צי אָט די פּראַקסיס פון אַרבייטען איבער־צייט קאָן שאַפען גוטע בעציהונגען צווישען די מייסטערס און „דיענער”? די וואָס אַרבייטען אי־בער־צייט פיהלען די אומגערעכטיגקייט דערפון פונקט אַזוי פיעל ווי יענע, וועלכע זיינען פעראורטיילט צו אַ געצוואונגענעם לעדיג־געהן. אין אָט דעם דיסטריקט איז פאַראַן כמעט גענוג אַרבייט צו קאָנען טיילווייז אַלעמען בע־שעפטיגען, ווען די אַרבייט זאָל אויסגעטיילט ווערן אויף אַ גערעכטען אופן. מיר פערלאַנגען נאָר וואָס איז רעכט, ווען מיר בעטען די מייסטערס איינ־צופיהרן אין אַלגעמיין אַ סיסטעם פון קורצע שטונדען, ווענינסטענס אַזוי לאַנג ווי דער איצטיגער צושטאַנד האַלט אָן, אַנשטאָט איין טייל איבערצואַר־בייטען, בעת דער אַנדער טייל ווערט געצוואונגען דורך אַרבייטלאָזיגקייט צו דערהאַלטען זיין לעבען דורך צדקה.” („רעפּאָרטס אינספּעקטאָר אָוו פאַק־טאָריס” 31טען אָקטאָבער 1863, ז. 8.) — די ווירקונג פון אַ „רעלאַטיווער איבערבעפעלקערונג אויף די בעשעפטיגטע אַרבייטער בעגרייפט דער פער־פאַסער פון דער „עססעי אָן טרייד אַנד קאָמערס” מיט זיין געוועהנליכען אומ־פעהלבאַרען בורזשואַזיע־אינסטינקט. „נאָך אַן אורזאַך פון פוילענצעריי אין אונזער קיניגרייך איז דער דוחק אין אַ גענוגענדער צאָהל אַרבייט־הענט. . . . יעדעס מאָל, ווען צוליעב אַן אומגעוועהנליכער נאָכפראַגע אויף פאַבריצירטע אַרטיקלען, פעהלט אויס אַרבייט, פיהלען די אַרבייטער זייער אייגענע וויכ־טיגקייט און מאַכען, אַז זייערע מייסטערס זאָלען עס אויך שטאַרק פיהלען; עס איז נשתומם צו ווערן. אָבער די געזינונג פון אָט די קערלען איז אַזוי פערדאָרבען, אַז גרופּען אַרבייטער האָבען אין אַזוינע פאַלען זיך פעראייניגט, כדי צו שטעלען זייערע מייסטערס אין פערלעגענהייט, דורכדעם וואָס זיי האָבען אַ גאַנצען טאָג נעפוילענצט.” (דאָרט גופא, ז. 27, 28.) די דאָזיגע קערלען האָבען אין דער ווירקליכקייט פערלאַנגט אַ העכערונג אין לוין.

מינען א. אז. וו. וואס נידעריגער דער ארבייטס־לוין איז, אלץ העכער דריקט זיך אוים זיין מינדעסטע פערגרעסערונג אין חשבון פון פראצענטען. אויב דער וואכען־לוין איז צום ביישפיעל 20 שילינג און ער שטייגט אויף 22, הייסט עס אויף 10 פראצענט; אויב אבער ער איז נאר 7 שילינג און שטייגט אויף 9, איז ער געוואקסען אויף 28 $^{4}/_{7}$ פראצ., וואס קלינגט זעהר שעהן. יעדענפאלס האבען די ארענדאטארס געקלאגט און אפילו דער „לאנדאן עקאנאמיסט" האט גאנץ ערנסט געבאלבעט וועגען „אן אלגעמיינעם און גאנץ היבשען שטייגען פון'ם לוין"[84] בנוגע צו אט די הונגערלוינען. וואס האבען געטאן די ארענדאטארס? האבען זיי געווארט ביז די ערד־ארבייטער האבען זיך אלס רעזולטאט פון אט די בריאלאנטענע שכירות אזויפיעל פערמעהרט, אז זייער לוין האט ווידער געמוזט פאלען, ווי דער דאגמאטישער עקאנאמישער מוח שטעלט זיך די זאך פאר? זיי האבען איינגעפיהרט מעהר מאשינעריע, און די ארבייטער זיינען אין איין ווייל ווידער געווארן צופיעל אין צאהל — אין א פראפארציע, וואס איז אפילו פאר די ארענדאטארס געווען צופריעדענשטעלענד. עס איז איצטער אריינגעלעגט געווארן אין דער אגריקולטור „מעהר קאפיטאל" איידער פריהער און אין א מעהר פראדוקטיווער פארם. דערמיט איז די נאכפראגע אויף ארבייט ארונטערגעפאלען ניט נאר רעלאטיוו, נאר טאקע אבסאלוט.

יענע עקאנאמישע השערה פערבייט די געזעצען, וועלכע רעגולירן די אלגעמיינע בעוועגונג פון'ם ארבייט־לוין אדער דאס פערהעלטנים צווישען דעם ארבייטער־קלאס — ד. ה. די גאנצע ארבייט־קראפט און דעם געזעלשאפטליכען קאפיטאל —, מיט די געזעצען, וועלכע פערטיילען די ארבייטער־בעפעלקערונג צווישען די בעזונדערע פראדוקציאנס־ספערען. ווען צום ביישפיעל צוליעב א גינסטיגער קאניונקטור [צופעליגע לאגע] איז די אקומולאציע אין א בעשטימטער פראדוקציאנס־ספערע בעזונדערס לעבעדיג, די פראפיטען זיינען גרעסער איידער די דורכשניט־פראפיטען און עס שטראמט אהין צוגאב־קאפיטאל, דאן שטייגט נאטירליך די נאכפראגע אויף ארבייט און דער ארבייט־לוין. דער העכערער אר־

[84] „עקאנאמיסט", 21טען יאנואר 1860.

איבערפּול, ווייל ער האָט זיך צונויפגעצויגען. און דאָך איז אָט אזא געזעץ א דאָגמא פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. לויט אָט דעם געזעץ שטייגט דער ארבייט־לוין אלס רעזולטאט פון דער קאַפּיטאַל־אַקומולאַציע. דער געהעכערטער ארבייט־לוין סטימולירט א שנעלערע פערמעהרונג פון דער ארבייטער־בעפעלקערונג, און דאָס דויערט אזוי לאַנג ביז דער ארבייטס־מארק ווערט איבערפילט, און קאַפּיטאַל איז פּאָלגליך געוואָרן, רעלאטיוו צו דעם צושטעל פון ארבייטער, ניט גענוגענד. דער ארבייט־לוין פאלט ארונטער, און דאַן האָבען מיר די אומגעקעהרטע זייט פון מעדאַל. דורך דעם פאלענדען ארבייט־לוין ווערט די ארבייטער־בעפעלקערונג ביסלעכווייז אלץ שיטערער, אזוי אז דער קאַפּיטאַל ווערט רעלאטיוו צו איהר ווידער אין איבערפלוס, אָדער ווי אנדערע דערקלערן דאָס: דער פאלענדער ארבייט־לוין און די פערגרעסערטע עקספּלואַטאַציע פון דעם ארבייטער, וואָס קומט דערמיט, פערמעהרט ווידער די אַקומולאַציע, בעת דער ניעדעריגער לוין האלט אין דערזעלביגער צייט אָב דעם וואוקס פון דעם ארבייטער־קלאַס. אזוי טרעט ווידער אריין דער צושטאנד, ווען דער ארבייט־אָנבאָט ווערט ניעדעריגער איידער די ארבייט־נאָכפראַגע, דער לוין שטייגט און אזוי ווייטער. א שעהנע מעטאָדע פון בעוועגונג פאר דער ענטוויקעלטער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן! איידער עס וואָלט געקאָנט פּאָרקומען א וועלכער עס איז פּאָזיטיווער וואוקס פון אווירקליך ארבייטפעהיגער בעפעלקערונג אלס רעזולטאט פון א לוין־העכערונג, וואָלט דערווייליע מעהרערע מאָל אוועקגעגאנגען די צייט, אין וועלכער דער אינדוסטריעלער פעלד־צוג מוז געפיהרט ווערן, די שלאַכט מוז געקעמפט און ענטשיעדען ווערן.

צווישען 1849 און 1859 איז פּאָרגעקומען צוגלייך מיט געפאלענע פרייזען אויף תבואה א פּראַקטיש בלויז נאָמינעלע לוין־העכערונג אין די ענגלישע אגריקולטור־דיסטריקטען. אין ווילטשיר צום ביישפּיעל איז דער וואָכען־לוין געשטיגען פון 7 אויף 8 שילינג, אין דאָרסעטשיר — פון 7 אָדער 8 אויף 9 שילינג א. אז. וו. דאָס איז געוועזען א רעזולטאַט פון אן אויסערגעוועהנליכען אָבפלוס פון דער ערד־ארבייטענדער איבער־בעפעלקערונג, וואָס איז פעראורזאכט געוואָרן דורך די פאָדערונגען פון דער מלחמה, דורך א מאַסענהאַפטיגער אויסשפּרייטונג פון די אייזענבאַהנען, פאבריקען,

קאפיטאל און „זעצט ארוים פריי” טאקע דורכדעם אליין דעם ארבייטער, פונקט פערקעהרט ווי זי וואלט דערמיט פריי געמאכט קאפיטאל פאר דעם ארבייטער. [זעה דרייצעהנטען קאפיטל, 3: די קאמפענזאציאנס־טעאריע.] ערשט איצטער קאן מען פאל־ציזענדיג אבשאצען די אינפערשעהמטקייט פון דעם אפאלאגעט. עס ווערן ארויסגעשטעלט פריי ניט נאר די ארבייטער, וועלכע ווערן דירעקט ארויסגעשטופט דורך דער מאשין, נאר אויך די, וואס וואלטען מיט דער צייט פערנומען זייער פלאץ, און דער צוגעקומענער קאנטינגענט, וואס וואלט אויפגענומען ווערן ביי דער געוועהנליכער אויסשפרייטונג פון׳ם געשעפט אויף זיין אלטען באזיס. איצט זיינען זיי אלע „ארויסגעזעצט פריי”, און יעדער נייער קאפיטאל, וואס וויל אנהויבען פונקציאנירן, קאן זיי האבען אין זיין רשות. צי ער וועט זיי צוציהען, צי אנדערע, די ווירקונג אויף דער אלגעמיינער ארבייט־נאכפראגע וועט זיין גלייך נול, כל זמן דער דאזיגער קאפיטאל קלעקט נאר פונקט אזויפיעל ארביי־טער ארויסצונעהמען פון מארק, וויפיעל די מאשינען האבען אין איהם אריינגעווארפען. בעשעפטיגט ער א קלענערע צאהל, וואקסט די מאסע איבערצאהליגע; בעשעפטיגט ער א גרעסערע צאהל, וואקסט די אלגעמיינע נאכפראגע אויף ארבייט נאר אין דעם ערך, וואס די בעשעפטיגטע זיינען מעהר איידער די ארויסגעזעצטע. דער אויפשוואונג, וועלכען די צוגאב־קאפיטאלען, וואס זוכען א פערווענדונג, וואלטען זאנסט געגעבען דער אלגעמיינער ארבייט־נאכפראגע, ווערט אויף דעם אופן אין יעדען פאל נייטראליזירט, לפי ערך פון דער צאהל ארבייטער, וואס די מאשין האט ארויסגע־ווארפען אויפ׳ן גאס.

דער מעכאניזם פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן, הייסט עס, זארגט זיך שוין דערפאר, אז דער אבסאלוטער צו־וואוקס פון קאפיטאל זאל ניט זיין בעגלייט פון א גלייכער פער־גרעסערונג פון דער אלגעמיינער נאכפראגע אויף ארבייט. און אט דאס רופט אן דער אפאלאגעט אן אויסגלייך [קאמפענזאציע] פאר דעם עלענד, די ליידען און דעם מעגליכען אונטערגאנג פון די ארבייטער, וואס זיינען ארויסגעווארפען געווארן פון זייער בע־שעפטיגונג אין דער צייט פון דער איבערגאנג־פעריאדע, וועלכע פעריאגט זיי אין דער אינדוסטריעלער רעזערוו־ארמעע!

בייט־לוין ציהט־צו א גרעסערן טייל פון דער ארבייטער־בעפעלקע־רונג אין דער בעגינסטיגטער ספערע, ביז זי ווערט גענעטיגט מיט ארבייט־קראַפט און דער לוין פאַלט מיט דער צייט ווידער צו זיין פריהערדיגען דורכשניט, אָדער אונטער דעם דורכשניט, אין פאַל דער צופלוס פון ארבייטער איז געווען צו־גרויס. ניט נאָר הערט דאמאָלסט אויף די איינוואַנדערונג פון ארבייטער אין דעם בעטרעפענדען געשעפט־צווייג, נאָר עס קומט אפילו פאָר אַן אויס־וואַנדערונג פון ארבייטער. אָט דאָ דוכט זיך דעם פּאָליטישען עקאָנאָם, אז ער זעהט דעם „פּארוואָס און ווי אזוי" מיט דער פערגרעסערונג פון'ם לוין קומט אַן אבסאָלוטע פערמעהרונג פון ארבייטער און מיט דער אבסאָלוטער פערמעהרונג פון ארבייטער קומט א פערקלענערונג פון'ם לוין; אין דער ווירקליכקייט אָבער זעהט ער נאָר די לאָקאַלע שוואַנקונג פון דעם ארבייט־מארק אין א בעזונדער פּראָדוקציאָנס־ספערע — ער זעהט נאָר ערשיינונגען, וואָס בעגלייטען די פערטיילונג פון דער ארבייטער־בעפעלקערונג אין די פערשיידענע ספערען וואו קאַפּיטאַל ווערט אריינגעלעגט לויט זיינע פערשיידענע בעדערפעניששען.

די אינדוסטריעלע רעזערוו־אַרמעע אָדער רעלאַטיווע איבער־בעפעלקערונג דריקט אויף דער אקטיווער ארבייטער־אַרמעע אין די פעריאָדען פון שטיל־שטאַנד און מיטעלמעסיגער פּראָספּערי־טעט; אין דער פעריאָדע פון איבער־פּראָדוקציאָן און פּאַראָקסיזם [פיעבערהאַפטע טהעטיגקייט] האַלט זי אין צוים די תביעות פון דער אקטיווער אַרמעע. די רעלאַטיווע איבער־בעפעלקערונג איז דעריבער דער הינטערגרונד, אויף וועלכען דאָס געזעץ פון דער נאָכ־פראַגע און אָנבאָט פון ארבייט בעוועגט זיך. זי צוימט איין דעם שפּיעל־רוים פון דעם דאָזיגען געזעץ אין די גרעניצען, וואָס זיינען אַבסאָלוט גינסטיג פאַר דער עקספּלואַטאַציע און הערשזוכט פון קאַפּיטאַל.

דאָ איז דער פּלאַץ זיך אומצוקעהרען צו איינעם פון די גרויסע אויפטהוען פון דער עקאָנאָמישער אַפּאָלאָגעטיק. מען קאָן זיך דערמאָנען, אז אויב איינפיהרענדיג נייע מאַשינעריע אָדער פער־שפּרייטענדיג די אַלטע ווערט פערוואַנדעלט א שטיק פון דעם וואַ־ריאַבלען קאַפּיטאַל אין קאָנסטאַנטען, טייטשט אויס דער עקאָנאָ־מישער אַפּאָלאָגעט די דאָזיגע אָפּעראַציע, וועלכע „בינדט" דעם

טע אומשטענדען, אין די קאלאניען צום ביישפיעל, שטערן די בעשאפונג פון א אינדוסטריעלער רעזערוו־ארמעע און ממילא דעם ארבייטער־קלאס׳ אבסאלוטע אבהענגיגקייט פון דעם קאפיטאליס־טישען קלאס, רעבעלירט דאן דער קאפיטאל צוזאמען מיט זיין גראישענעם סאנטשא־פאנזא אנטקעגען דעם „הייליגען" געזעץ פון נאכפראגע און אנבאט, און זוכט איהם אונטערצוהאקען די פיס דורך צוואנג־מיטלען.

4. פערשיידענע עקזיסטענץ־פארמען פון דער רעלאטיווער איבערבעפעלקערונג. דאס אלגעמיינע געזעץ פון דער קאפיטאליסטישער אקומולאציע.

די רעלאטיווע איבער־בעפעלקערונג עקזיסטירט אין אלע מעג־ליכע שאטירונגען. יעדער ארבייטער געהערט צו איהר בעת ער איז נאר האלב בעשעפטיגט אדער גארניט בעשעפטיגט. אויסלא־זענדיג די גרויסע פעריאדיש־ווידערקומענדע פארמען, וואס די געענדערטע פאזען פון דעם אינדוסטריעלען ציקל דריקען איין אין איהר, אזוי אז אמאל ווייזען זיי זיך ארויס שארף (אין אן אקוטער פארם) אין די קריזיס־צייטען, און אמאל כראניש אין די צייטען פון שוואכע געשעפטען — האט זי אלעמאל דריי פארמען: די פליי־סיגע, די בעהאלטענע און די שטיל־שטעהענדע.

אין די צענטערס פון דער מאדערנער אינדוסטריע — די פאבריקען, מאנופעקטורען, הוטעס און מינען — ווערן די אר־בייטער אמאל אבגעשטויסען און אמאל ווידער צוגעצויגען אין א גרעסערן אומפאנג, אזוי אז אינגאנצען גענומען וואקסט די צאהל בעשעפטיגטע, ווען אפילו שטענדיג אין א קלענערער פראפארציע לויט דעם מאסשטאב פון דער פראדוקציאן. די איבער־בעפעלקע־רונג עקזיסטירט דא אין א פליסענדער פארם.

אין די ריכטיגע פאבריקען, אזוי גוט ווי אין אלע גרויסע ווערקשטאטען, וואו מאשינעריע שפיעלט א ראליע, אדער וואו עס ווערט נאר דורכגעפיהרט די מאדערנע צוטיילונג פון דער ארבייט, ווערן מאסענהאפט בעשעפטיגט יונגע אינגלעך. ווען זיי גרייכען א מאן׳ס עלטער, בלייבט פון זיי בלויז א קליינע צאהל בע־

די נאכפראגע אויף ארבייט איז ניט דיזעלביגע זאך וואס דער וואוקס פון קאפיטאל, דער אנבאט פון ארבייט איז ניט אלץ איינס וואס דער וואוקס פון דעם ארבייטער־קלאס: זיי זיינען ניט ווי צוויי אונאבהענגיגע כחות (פאטענצען), וואס האבען א ווירקונג איינע אויף די אנדערע. די קארטען זיינען פאלש געטאשט. קא־פיטאל ווירקט אויף ביידע זייטען אין דערזעלביגער צייט. ווען זיין אקומולאציע פערמעהרט פון איין זייט די נאכפראגע אויף ארבייט, פערמעהרט זי פון דער אנדער זייט דעם אנבאט פון אר־בייטער, דורכדעם וואס זיי זיינען ארויסגעזעצט געווארן פון אר־בייט, בעת דער דרוק פון די אונבעשעפטיגטע צווינגט אין דערזעל־ביגער צייט די בעשעפטיגטע ארויסצוגעבען מעהר ארבייט און מאכט דעריבער ביז א געוויסען גראד דעם צושטעל פון ארבייט אונאבהענגיק פון דעם צושטעל פון ארבייטער. די ווירקונג פון דעם געזעץ פון נאכפראגע און אנבאט אויף אט דעם באזיס מאכט די דעספאטיע פון קאפיטאל פאלשטענדיג.

אזויבאלד דעריבער ווי די ארבייטער געפינען אויס דעם סעקרעט, ווי אזוי דאס קומט פאר, אז וואס מעהר זיי ארבייטען, וואס מעהר זיי פראדוצירן רייכטום פאר אנדערע און וואס מעהר די פראדוקטיוו־קראפט פון זייער ארבייט וואקסט, אלץ וועניגער זיכער זיינען זיי אפילו מיט זייער פונקציע צו דיענען ווי א פער־ווערטונג־מיטעל פון קאפיטאל; אזויבאלד ווי זיי ענטדעקען, אז דער אינטענזיטעט־גראד פון דער קאנקורענץ צווישען זיך גופא הענגט אינגאנצען אב פון דעם דרוק פון דער רעלאטיווער איבער־בעפעלקערונג; אזויבאלד ווי זיי זוכען דעריבער צו ארגאניזירן דורך טרייד־יוניאנס א. אז. וו. א פלאנמעסיגע צוזאמענווירקונג צווישען די בעשעפטיגטע און ניט־בעשעפטיגטע, כדי צו ברעכען אדער אבשוואכען די רואינירענדע פאלגען פון דעם דאזיגען נא־טור־געזעץ פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן אויף זייער קלאס — הויבען אן קאפיטאל און זיין אדוואקאט, דער פאליטישער עקאנאם, צו געוואלטעווען וועגען דער פערלעצונג פון דעם „אייבי־גען" און אזויצוזאגען „הייליגען" געזעץ פון נאכפראגע און אנ־באט. יעדער צוזאמענהאלט צווישען די בעשעפטיגטע און ניט־בעשעפטיגטע שטערט, הייסט עס, דעם „ריינעם" שפיעל פון יע־נעם געזעץ. פון דער אנדער זייט אבער, אזוי באלד ווי פערקעהר־

„דר. ליע, דער געזונדהייט־באַאַמטער פון מאנטשעסטער, האט פעסטגעשטעלט, אז אין יענער שטאדט איז דער דורכשניט־ליכער לעבענס־דויער פון דעם וואָהלהאבענדען קלאס 38 יאהר, און פון דעם ארבייטער־קלאס איז נאר 17 יאהר. אין ליווערפול בעטרעפט דער לעבענס־דויער פאר דעם ערשטען קלאס 35 יאהר, פאר דעם צווייטען — 15 יאהר. מען זעהט דערפון, אז דער פריווילעגירטער קלאס האט מעהר ווי נאכאמאל אזוי גרויס אן אנ־ווייזונג אויפ'ן לעבען איידער זיינע ווייניגער בעגינסטיגטע מיט־בירגער."*85

אונטער אט די אומשטענדען פאדערט דער אבסאלוטער וואוקס פון אט דעם טייל פון פראלעטאריאט אזא פארם, וועלכע פערגרע־סערט זיין צאהל, אבוואויל זיינע עלעמענטען ווערן שנעל אבגע־נוצט. פאלגליך מוזען די ארבייטער־גענעראציעס זיך שנעל בע־נייען. (דאס דאזיגע געזעץ גילט ניט פאר די איבעריגע קלאסען פון דער בעפעלקערונג.) אט די געזעלשאפטליכע בעדערפעניש ווערט בעפריעדיגט דורך פריהע הייראטען — א נויטווענדיגע פאלגע פון די אומשטענדען, אין וועלכע די ארבייטער פון דער גרויס־אינדוסטריע לעבען, ווי אויך מחמת דער פרעמיע, וואס די עקספלואטאציע פון ארבייטער־קינדער באט אן פאר פראדוצירן זיי.

אזויבאלד ווי די קאפיטאליסטישע פראדוקציאן נעהמט אריין די אגריקולטור, אדער אין דעם ערך, וואס זי נעהמט זי אריין אין איהר מאכט, ווערט די נאכפראגע אויף דער אגריקולטורעלער אר־בייטער־בעפעלקערונג אבסאלוט קלענער, וואס גרעסער עס איז די אקומולאציע פון דעם קאפיטאל, וואס פונקציאנירט דא, און אז די אבשטויסונג פון ארבייטער ווערט ניט פערגיטיגט, ווי אין דער ניט־אגריקולטורעלער אינדוסטריע, דורך א גרעסערע צוציהונג. איין טייל פון דער דארף־בעפעלקערונג געפינט זיך דעריבער שטענ־דיג אויפ'ן פונקט אריבערצוגעהן צו דעם שטאדטישען אדער מא־נופאקטור־פראלעטאריאט, און לויערט שטענדיג אויף דער גינסטי־גער געלעגענהייט דורכצומאכען די דאזיגע פערוואנדלונג. (מאנו־פאקטור ווערט דא געברויכט אין דעם זין פון אלע אנדערע א חוץ

*85 ערעפנונג־רעדע פאר סאניטארער רעפארם, בירמינגהאם, 15טען יא־נואר 1875, פון דזש. טשאמבערליין, דעם מעיאר פון שטאדט.

שעפּטיגט אין דיזעלביגע געשעפט־צווייגען, בעת די מעהר צאָהל ווערט כסדר ארויסגעוואָרפען. די ארויסגעוואָרפענע שטעלען צו־זאַמען אַן עלעמענט פון דער פליסענדער איבערבעפעלקערונג, וועל־כער וואַקסט מיט דעם אומפאַנג פון דער אינדוסטריע. אַ טייל פון זיי וואַנדערט אויס און פאָלגט נאָר פאַקטיש נאָך דעם אויס־געוואַנדערטען קאַפּיטאַל. איינע פון די פאָלגען איז, וואָס די ווייבליכע בעפעלקערונג וואַקסט שנעלער איידער די מענליכע, ווי ענגלאַנד בעווייזט עס. דער ווידערשפּרוך, וואָס דער נאַטירליכער צו־וואוקס פון דער ארבייטער־בעפעלקערונג זעטיגט ניט די אַקו־מולאַציאָנס־בעדערפעענישען פון'ם קאַפּיטאַל און פונדעסטוועגען שטייגט ער זיי אין דערזעלביגער צייט אריבער, איז אַ ווידער־שפּרוך, וואָס ליעגט אין זיין בעוועגונג גופא. קאַפּיטאַל דאַרף האָבען גרעסערע מאַסען ארבייטער אין יוגענדליכען עלטער, קלע־נערע קלאַסען אין מענליכען עלטער. דער ווידערשפּרוך איז ניט שרייענדער איידער דער אַנדער ווידערשפּרוך, וואָס מען קלאָגט זיך איבער אַ דוחק אין ארבייט־הענט אין דערזעלביגער צייט ווען פיעלע טויזענדער ליעגען אויפ'ן גאַס, ווייל די צוטיילונג פון דער ארבייט בינדט זיי צו איין בעשטימטען געשעפט־צווייג.[85] די פער־צעהרונג פון דער ארבייט־קראַפט דורך דעם קאַפּיטאַל איז אַ חוץ דעם אַזוי ראַשיג, אַז אַן ארבייטער פון מיטעלען עלטער האָט זיך שוין דאָס רוב מעהר אָדער וועניגער אויסגעלעבט. ער פאַלט אריין אין די רייהען פון די איבעריג געוואָרענע, אָדער ער ווערט אראָב־געשטופּט פון אַ העכערן אויף אַ נידעריגערן שטאַפּעל, בעת זיין פּלאַץ ווערט פערנומען פון אַ פרישערער ארבייט־קראַפט. גראָד ביי די ארבייטער פון דער גרויס־אינדוסטריע טרעפען מיר אָן דעם קירצעסטען לעבענס־דויער.

[85] בעת אין די לעצטע 6 מאָנאַט פונ'ם יאָהר 1866 זיינען פון 80 ביז 90 טויזענד ארבייטער געווען אויסער ארבייט, געפינען מיר אין דעם פאַבריק־בעריכט איבער דעמזעלבינען האַלב־יאָהר: „עס זעהט אויס, אַז עס איז ניט אַבסאָלוט ריכטיג צו בעהויפּטען, אַז די נאָכפראַגע וועט אַלעמאָל ארויסרופען דעם אַנבאָט, פּונקט צום מאָמענט ווען ער איז נויטיג. דאָס איז ניט געווען דער פאַל בנוגע ארבייט, ווארים פיעלע מאַשינען האָבען לעצטען יאָהר געמוזט שטילשטעהן צוליעב דעם דוחק אין הענט.“ („רעפּאָרטס אָוו אינספּ. אָוו פאַק־טאָרים“, 31טען אָקטאָבער 1866, ז. 81.)

די אונטערגעהענדע אינדוסטריע־צווייגען, וואו דער האנדווערק־בעטריב גיט זיך אונטער צו דעם מאנופאקטור־בעטריב און דער לעצטער צו דעם מאשין־בעטריב. איהר אומפאנג ווערט גרעסער אין דעם ערך, ווי די בעשאפונג פון א איבער־בעפעלקערונג געהט פאָרווערטס מיט דעם אומפאנג און דער ענערגיע פון דער אקומו־לאציע. זי מאכט אָבער אויס אין דערזעלביגער צייט אן עלעמענט פון דעם ארבייטער־קלאס, וואָס רעפּראָדוצירט און פעראייביגט זיך אליין, און פערנעהמט א פּראָפּאָרציאָנעל־גרעסערן טייל אין זיין וואוקס איידער די איבעריגע עלעמענטען. אין דער ווירקליכקייט שטעהט ניט נאָר די מאסע פון געבורטען און טויט־פאלען, נאָר אויך די אבסאָלוטע גרויס פון די פאמיליען אין אן אומגעקעהרטער פּראָפּאָרציע צו דער הויך פון דעם ארבייט־לוין, דאָס הייסט צו דער מאסע לעבענס־מיטלען, וואָס די פערשיידענע ארבייטער־קאטעגאָ־ריען האָבען פאר זייער געברויך. אָט דאָס געזעץ פון דער קאפּי־טאליסטישער געזעלשאפט וואָלט געקלונגען ווי אן אונזין צווישען ווילדע אָדער אפילו ביי ציוויליזירטע קאָלאָניסטען. ער דערמאָנט אָן דער גרויסער רעפּראָדוקציאָן פון די מינים חיות, וועלכע זיינען אינדיווידועל שוואך אָדער ווערן שטארק פערפאָלגט פון פיינד.[87]

דער נידעריגסטער אָבזעץ פון דער רעלאטיווער איבער־בעפעל־קערונג געפינט זיך ענדליך אין דער ספערע פון פּאָופּעריזם. ניט־רעכענענדיג וואגאבונדען [בראָדיאגעס], פערברעכער, פּראָסטיטור־טען, מיט איין וואָרט דעם ריכטיגען לומפּען־פּראָלעטאריאט, בע־שטעהט אָט די געזעלשאפט־שיכט פון דריי קאטעגאָריען. 1. אר־

[87] „ארימקייט שיינט צו בעגינסטיגען די פאָרטפלאנצונג" (אדאם סמיטה, „וועלטה אוו ניישאנס", בוך I, קאפּיטעל 8.) לויט דער מיינונג פון דעם גאלאנטען און גייסטרייכען גיח גאליאני איז דאָס אפילו א ספּעציעל קלוגע איינריכטונג פון גאָט. ער זאָגט: „גאָט האָט אזוי איינגעאָרדענט, אז די מענשען, וואָס זייער ארבייט איז פון דער גרעסטער ניצליכקייט, זאָלען גע־בוירן ווערן אין גרויסע צאָהלען." (גאליאני, אין קוסטאָדי'ס זאמלונג, פּאָרטע מאָדערנא, מילאן 1801, ז. 78.) „עלענד ביז צום אויסערסטען פונקט פון הונ־גער־נויט און מגיפות שטעלט ניט אָב דעם וואוקס פון דער בעפעלקערונג, נאָר האָט ניכער די טענדענץ זי צו פערגרעסערן." (ס. לאַינג, „נעשיאָנאל דיסטרעס" ז. 69.) נאָכדעם ווי לאַינג אילוסטרירט עס דורך סטאטיסטיק, זעצט ער פאָרט: „ווען אלע מענשען וואָלטען געלעבט אין וואוילשטאנד, וואָלט די וועלט שנעל ענטפעלקערט געוואָרן."

אַגריקולטורעלע אינדוסטריען.)[86] אָט דער קוואַל פון דער רעלאַ־טיווער איבער־בעפעלקערונג פליסט, הייסט עס, שטענדיג. אָבער איהר בעשטענדיגער פלוס אין די שטעדט אריין איז משער אַלס אַ פריהערדיגען תנאי אַ שטענדיגע בעהאַלטענע איבער־בעפעלקע־רונג אין די דערפער גופא, און איהר אומפאַנג ווייזט זיך ארויס נאָר אַזויבאַלד ווי די אָבציה־קאַנאַלען עפענען זיך אויסנאַהמסווייז ווייט אויף. דער ערד־אַרבייטער ווערט דעריבער אראָבגעדריקט ביז צו דעם מינימום פון ארבייט־לוין און שטעהט שטענדיג מיט איין פוס אין זומפּ פון דעם פּאָופּעריזם.

די דריטע קאַטעגאָריע פון דער רעלאַטיווער איבערבעפעל־קערונג, די שטיל־שטעהענדע, מאַכט אויס אַ טייל פון דער אַקטי־ווער ארבייטער־אַרמעע, אָבער אַזוינעם וואָס האָט אַ זעהר אונרע־געלמעסיגע בעשעפטיגונג, אַזוי אַז אָט די קאַטעגאָריע שטעלט־צו דעם קאַפּיטאַל אַ אונערשעפּליכען רעזערוואואַר פון בענוצבאַרער ארבייט־קראַפט. איהר לעבענס־לאַגע זינקט אַרונטער נידעריגער איידער די דורכשניטליכע נאָרמאַלע לאַגע פון דעם ארבייטענדען קלאַס, און דאָס מאַכט איהר טאַקע פּאַר דעם ברייטען באַזיס פון ספּעציעלע צווייגען פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע. זי ווערט כאַראַקטעריזירט דורך אַ מאַקסימום פון ארבייט־צייט און אַ מינימום פון ארבייט־לוין. מיר האָבען זיך שוין בעקענט מיט איהר הויפּטגעשטאַלט אונטער דער רובריק פון דער הויז־ארבייט. זי ווערט נאָכאַנאַנד צונויפגענומען פון די איבעריג־געוואָרענע אין דער גרויס־אינדוסטריע און אַגריקולטור, און ספּעציעל אויך פון

[86] אין צענזוס פון 1861 פאַר ענגלאַנד און וועלס ווערן אנגעגעבען „781 שטעדט מיט 10,960,998 איינוואוינער, בעת די דערפער צעהלען נאַר 9,105,226 איינוואוינער. . . . אין יאָהר 1851 האָט דער צענזוס אויסגערעכענט 580 שטעדט מיט אַ בעפעלקערונג, וואָס איז געווען אומגעפעהר גלייך צו דער בע־פעלקערונג פון די ארומיגע דאָרף־דיסטריקטען. בעת אָבער אין די פאָלגענדע 10 יאָהר איז די בעפעלקערונג אין די דערפער נאָר געוואַקסען אויף אַ האַלבען מיליאָן, איז זי אין די 580 שטעדט געוואַקסען אויף 1,554,067. דער וואוקס אין די דערפער איז 6.5 פּצט., אין די שטעדט — 17.3 פּראָצענט. דער אונטערשייד אין דער ראַטע פונ׳ם וואוקס נעהמט זיך פון דער אויסוואַנדע־רונג, וואָס געהט אָן פון די דערפער אין די שטעדט. דריי פערטעל פון דעם גאַנצען וואוקס פון דער בעפעלקערונג געהערט צו די שטעדט.“ („צענזוס, עצט.“, באַנד III, ז. 11, 12.)

קאַפּיטאַל, ענטוויקלען אויך די ארבייט־קראַפט, וואָס שטעהט אין זיין רשות. די פערהעלטניסמעסיגע גרויס פון דער אינדוסטריעלער רעזערוו־ארמעע וואַקסט דעריבער צוזאַמען מיט די פּאָטענצען [כחות] פון רייכטום. וואָס גרעסער אָבער די רעזערוו־ארמעע איז פּראָפּאָרציאָנעל צו דער אַקטיווער ארבייטער־ארמעע, אַלץ מאַסענהאַפטיגער איז די שטענדיגע איבער־בעפעלקערונג, וועמעס עלענד שטעהט אין אַן אומגעקעהרטער פּראָפּאָרציע צו איהרע ליידען פון דער ארבייט. ענדליך, וואָס גרעסער עס איז די קבצנישע שיכט פון דעם ארבייטער־קלאַס און די אינדוסטריעלע רעזערוו־ארמעע, אַלץ גרעסער איז דער אָפיציעלער, פון דער רעגירונג אָנדערקענטער פּאָופּעריזם. **דאָס איז דאָס אַבסאָלוטע, אַלגעמיינע געזעץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַקומולאַציע.** ווי אַלע אַנדערע געזעצען ווערט עס מאָדיפיצירט אין זיין פערווירקליכונג דורך פיעלע פערשיידענע אומשטענדען, דער אַנאַליז פון דעם געהערט אָבער ניט דאָ.

מען קאָן איצט בעגרייפען די שטות'עריי פון דער עקאָנאָמישער חכמה, וועלכע פּרעדיגט צו די ארבייטער, זיי זאָלען צופּאַסען זייער צאָהל צו די פערווערטונג־בעדערפענישען פון קאַפּיטאַל. אַזוי ווי דער מעכאַניזם פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן און אַקומולאַציע וואָלט ניט אַליין שטענדיג דורכגעפיהרט דעם דאָזיגען אַנפּאַסונגס־פּראָצעס! דאָס ערשטע וואָרט פון דער געפאָדערטער אַנפּאַסונג איז די בעשאַפונג פון אַ רעלאַטיווער איבער־בעפעלקערונג אָדער אַ אינדוסטריעלער רעזערוו־ארמעע; דאָס לעצטע וואָרט איז דער עלענד פון שטענדיג־וואַקסענדע שיכטען פון דער אַקטיווער ארבייטער־ארמעע און דאָס טויטע געוויכט פון דעם פּאָופּעריזם.

דאָס געזעץ, לויט וועלכען אַ שטענדיג־וואַקסענדע מאַסע פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען קאָן געבראַכט ווערן אין בעוועגונג, אַ דאַנק דעם פאָרטשריט אין דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער געזעלשאַפטליכער ארבייט, מיט אַ שטענדיג־קלענערער אויסגאַבע פון מענשען־קראַפט — דאָס דאָזיגע געזעץ אויפ'ן קאַפּיטאַליסטישען באַזיס, וואו ניט דער ארבייטער געברויכט די ארבייטס־מיטלען, נאָר די ארבייטס־מיטלען געברויכען דעם ארבייטער, דריקט זיך אויס דעריין, אַז וואָס העכער עס איז די פּראָדוקטיווע קראַפט פון דער אר־

בייט־פּעהיגע. מען דאַרף נאָר איבערפלעכליך אריינקוקען אין די סטאַטיסטיקס פון דעם ענגלישען פּאָופּעריזם אויסצוגעפינען, אַז זיין צאָהל ווערט גרעסער מיט יעדען קריזיס און ווערט ווידער קלענער, ווען די געשעפטען לעבען אויף. 2. יתומים און קינדער פון פּאָופּערס. זיי זיינען קאַנדידאַטען פאַר דער אינדוסטריעלער רעזערוו־אַרמעע און אין צייטען פון גרויסער פּראָספּעריטעט, ווי אין יאָהר 1860 צום ביישפּיעל, ווערן זיי שנעל און אין גרויסע מאַסען אריינגעצויגען אין דער אַקטיווער ארבייטער־אַרמעע. 3. דעמאָראַליזירטע, פּעדלומפּטע, וואָס זיינען ניט פעהיג צו אַר־בייטען. דאָס זיינען אינדיווידומען, וועלכע געהען אונטער, ווייל די צוטיילונג פון דער ארבייט האָט אוועקגענומען ביי זיי די בעוועג־ליכקייט, די פעהיגקייט צוצופּאַסען זיך צו אַנדערע ארבייט; אַזעל־כע, וואָס זיינען שוין אריבער דעם נאָרמאַלען עלטער פון אַן ארביי־טער; ענדליך די קרבנות פון דער אינדוסטריע, וואָס זייער צאָהל וואַקסט מיט דעם וואוקס פון געפעהרליכער מאַשינעריע, מינען־אַר־בייט, כעמישע פאַבריקען א. אַז. וו., צוקאַליעטשעטע, קרענקליכע, אלמנות א. אַז. וו. דער פּאָופּעריזם איז דאָס אינוואַלידען־הויז פון דער אַקטיווער ארבייטער־אַרמעע און דאָס טויטע געוויכט פון דער אינדוסטריעלער רעזערוו־אַרמעע. זיין פּראָדוקציאָן איז איינגעשלאָ־סען אין דער פּראָדוקציאָן פון דער רעלאַטיווער איבער־בעפעלקערונג, זיין נויטווענדיגקייט איז איינגעשלאָסען אין איהר נויטווענדיגקייט; צוזאַמען מיט איהר איז ער אַן עקזיסטענץ־בעדינגונג פון דער קאַ־פּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן און פון דער ענטוויקלונג פון רייכטום. ער געהערט צו די „הוצאות קטנות" (Faux frais) פון דער קאַ־פּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן, וועלכע קאַפּיטאַל ווייס אָבער ווי אַזוי אין גרעסטען טייל אראָבצוּוואַרפען פון זיינע אייגענע שולטערס און ארויפוואַרפען זיי אויף די שולטערס פון דעם ארבייטער־קלאַס און פון דעם קליינעם מיטעל־קלאַס.

וואָס גרעסער עס איז דער געזעלשאַפטליכער רייכטום, דער פונקציאָנירענדער קאַפּיטאַל, דער אומפאַנג און די ענערגיע פון זיין וואוקס, פאָלגליך אויך די אַבסאָלוטע גרויס פון פּראָלעטאַריאַט און די פּראָדוקטיוויטעט פון זיין ארבייט, אַלץ גרעסער איז די רעלאַטי־ווע איבער־בעפעלקערונג אָדער די אינדוסטריעלע רעזערוו־אַרמעע. דיזעלביגע אורזאַכען, וואָס ענטוויקלען די עקספּאַנסיוו־קראַפט פון

ארבייטער, וואָס זיינען שכירות זאָל ניט זיין, הויך אָדער נידעריג, ווערן אַלץ ערגער. ענדליך, דאָס געזעץ, וואָס האַלט די רעלאַטיווע איבערבעפעלקערונג אָדער אינדוסטריעלע רעזערוו־אַרמעע שטענדיג אין גלייכגעוויכט מיט דעם אומפאַנג און דער ענערגיע פון דער אַקומולאַציע, שמידט דעם אַרבייטער צו דעם קאַפּיטאַל פעסטער איידער דער האַמער פון העפעסטאָס האָט צוגעשמידט פּראָמעטעאוס'ן צו דעם פעלזען. דאָס געזעץ שטעלט אַוועק ווי אַ בעדינג אַן אַקומולאַציע פון עלענד, וואָס איז צוגעפּאַסט צו דער אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל. די אַקומולאַציע פון רייכטום אויף איין פּאָליוס איז פאָלגליך אין דערזעלביגער צייט אַן אַקומולאַציע פון עלענד, פון אַרבייט־מאַטערניש, שקלאַוועריי, אונוויסענהייט, ברוטאַליזירונג און מאָראַלישער דעגראַדאַציע אויף דעם געגען־פּאָליוס, דאָס הייסט אויף דער זייט פון דעם קלאַס, וועלכער פּראָדוצירט זיין אייגענעם פּראָדוקט אין דער פאָרם פון קאַפּיטאַל.

אָט דער אַנטאַגאָניסטישער כאַראַקטער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַקומולאַציע[88] ווערט אַרומגערעדט פון פּאָליטישע עקאָנאָמען אין פערשיידענע פאָרמען, הגם זיי מישען צוזאַמען זאַכען, וועלכע זיינען טיילווייז ענליכע, אָבער דאָך בעצם גאַנץ פערשיידענע ערשיינונגען פון פאַר־קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָנס־אופנים.

דער ווענעציאַנער מאָנאַך אָרטעס, איינער פון די גרעסטע עקאָנאָמישע שרייבער פון 18טען יאָהרהונדערט, פאַסט אויף דעם אַנטאַגאָניזם פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן ווי אַן אַל־

---

[88] „פון טאָג צו טאָג ווערט דערכיט קלערער, אַז די פּראָדוקציאָן־פערהעלטניסען, אין וועלכע די בורזשואַזיע בעוועגט זיך, האָבען ניט קיין איינהייטליכען, איינפאַכען כאַראַקטער, זאָנדערן אַ צוויי־סאָרטיגען; אַז אין די זעלביגע פערהעלטניסען, אין וועלכע דער רייכטום ווערט פּראָדוצירט, ווערט אויך פּראָדוצירט דער עלענד; אַז אין דיזעלביגע פערהעלטניסען, אין וועלכע די ענטוויקלונג פון די פּראָדוקציאָנס־קרעפטען געהט פאָרוועטס, ענטוויקעלט זיך אַן אונטערדריקונגס־קראַפט; אַז אָט די פערהעלטניסען שאַפען דעם בירגערליכען רייכטום, ד. ה. דעם רייכטום פון דעם בורזשואַזיע־קלאַס, נאָר אונטער אַ נאָכאַנאַנדיגער פערניכטונג פון דעם רייכטום פון איינצעלנע גליעדער פון דעם דאָזיגען קלאַס און אונטער דער בעשאַפונג פון אַ שטענדיג־וואַקסענדען פּראָלעטאַריאַט. (קאַרל מאַרקס, „מיזער דע לאַ פילאָסאָפיע", ז. 116.) [דייטשע איבערזעצונג, 2טע אויפלאַגע, שטוטגאַרט 1892, ז. 106.]

בייט, אלץ גרעסער איז דער דרוק פון די ארבייטער אויף זייערע בעשעפטיגונגס־מיטלען, און פאלגליך איז אלץ מעהר אונזיכער די בעדינגונג פון זייער עקזיסטענץ: דער פערקויף פון דער אייגענער קראפט פאר דער פערמעהרונג פון דעם פרעמדען רייכטום אדער פאר דער זעלבסט־פערווערטונג פון קאפיטאל. דער שנעלערער וואוקס פון די פראדוקציאנס־מיטלען און פון דער פראדוקטיווי־טעט פון דער ארבייט איידער פון דער פראדוקטיווער בעפעלקע־רונג דריקט זיך, הייסט עס, קאפיטאליסטיש אוים פערקעהרט אין דעם, וואס די ארבייטער־בעפעלקערונג וואקסט שטענדיג שנעלער, איידער די פערווערטונג־בעדערפעניש פון'ם קאפיטאל.

אין פערטען אבטייל, ביי דער אונטערזוכונג פון דער פראדוק־ציאן פון רעלאטיווען מעהרווערטה, האבען מיר געזעהן, אז אין דעם קאפיטאליסטישען סיסטעם ווערן דורכגעפיהרט אלע מעטא־דען צו פערגרעסערן די געזעלשאפטליכע פראדוקטיוו־קראפט פון דער ארבייט אויפ'ן חשבון פון דעם אינדיווידועלען ארבייטער; אלע מיטלען פאר דער ענטוויקלונג פון דער פראדוקציאן פער־וואנדלען זיך אין מיטלען פון בעהערשונג און עקספלואטאציע פון'ם פראדוצירער; זיי צוקאליעטשען דעם ארבייטער און מאכען פון איהם איין טייל פון א מענשען, דערנידעריגען איהם צו שפיעלען די ראליע פון א צוגאב צו א מאשין, פערניכטען יעדען אינהאלט פון דער ארבייט מיט די ליידען פון זיין ארבייט, פערפרעמדען פון איהם די גייסטיגע פאטענצען פון דעם ארבייט־פראצעס אין דעמזעלביגען ערך, וואס די וויסענשאפט ווערט פערקערפערט אין דעם ארבייט־פראצעס אלס א זעלבסטשטענדיגע פאטענץ; זיי פערדארבען די בעדינגונגען, אונטער וועלכע ער ארבייט, אונטער־ווארפען איהם בעת דעם ארבייט־פראצעס אונטער דער קליינ־ליכסטער העסליכער דעספאטיע, פערוואנדלען זיין לעבענס־צייט אין ארבייט־צייט, שליידערן זיין ווייב און קינד אונטער די רעדער פון דעם „דזשוגערנאט" פון קאפיטאל. אבער אלע מעטאדען פאר דער פראדוקציאן פון מעהרווערטה זיינען אין דערזעלביגער צייט מעטאדען פון דער אקומולאציע, און יעדע אויספרייטונג פון דער אקומולאציע ווערט פערקעהרט א מיטעל פאר דער ענטוויקלונג פון יענע מעטאדען. עס פאלגט דעריבער פון דעם, אז אין דעם ערך, וואס קאפיטאל ווערט אקומולירט, מוז די לאגע פון דעם

בעת די איידעלערע ווערן בעפרייט פון נודנע ארבייט און קאָנען זיך אומגעשטערט אָבגעבען צו זייער העכערן בערוף א. אז. וו. . . . דאָס געזעץ פאר אָרימע האָט די טענדענץ צו צערשטערן די האַרמאָניע און שעהנקייט, די סימעטריע און אָרדנונג פון אָט דעם סיסטעם, וועלכען גאָט און די נאטור האָבען איינגעפיהרט אויף דער וועלט."[90]

אויב דער ווענעציאַנער מאָנאך האָט געפונען אין דעם פאטאַלען גורל, וואָס פעראייביגט דעם עלענד, די עקזיסטענץ־בערעכטיגונג פון קריסטליכער וואוילטהעטיגקייט, פון פרישות (צעליבאַט), פון קלויסטערס און פרומע אינסטיטוציעס, געפינט אין דעם דער פּראָטעסטאַנטישער קעסטניק אַן אויסרייד צו פערדאַמען די ענגלישע געזעצען פאר אָרימע, אין קראַפט פון וועלכע דער אָרימאַן האָט געקריגען א רעכט אויף א מיזעראַבלער קהל'שער אונטערשטיצונג.

„דער פאָרטשריט פון געזעלשאַפטליכען רייכטום — זאָגט שטאָרך — שאַפט יענעם ניצליכען קלאַס פון דער געזעלשאַפט. . . וועלכער טהוט אָב די לאַנגווייליגסטע, נידעריגסטע און עקעלהאַפטיגסטע בעשעפטיגונגען, וועלכער טראָגט, מיט איין וואָרט, אויף זיינע פּלייצעס אַלץ, וואָס איז אונאַנגענעהם און פערשקלאַפענד

"A Dissertation on the Poor Laws. By a Wellwisher of Mankind. The Reverend Mr. J. Townsend," 1876, republished London 1786, p. 15, 39, 41.[90]

אט דער „דעליקאַטער" גלח, וואָס פון זיין אויבענ־ציטירטען ווערק, ווי אויך פון זיין בוך „א רייזע דורך שפּאַניען", מאַלטהוס האָט פשוט איבערגעשריבען גאַנצע זייטען, האָט אַליין געבאָרגט דעם גרעסטען טייל פון זיין לעהרע ביי סער דזש. סטואַרט און דערצו פערדרעהט דעם זין פון דאָס, וואָס ער האָט גענומען. ווען סטואַרט זאָגט: „דאָ, אין דער שקלאַווערייי, עקזיסטירט א געוואַלטיגע מעטאָדע צו מאַכען די מענשען ארבייטזאַם (פאַר די ניט־ארבייטער). . . . די מענשען זיינען דאַמאַלסט געצוואונגען געוואָרן צו ארבייטען (ד. ה. צו ארבייטען אומזיסט פאַר אַנדערע), ווייל זיי זיינען געווען שקלאַווען ביי אַנדערע מענשען; זיי ווערן איצט געצוואונגען צו ארבייטען ד(. ה. צו טאָן אומזיסטע ארבייט פאַר די ניט־ארבייטער), ווייל זיי זיינען שקלאַפען צו זייערע אייגענע בעדערפעענישן" — קומט ער פונדעסטוועגען ניט צום שלום, ווי טאַונסענד, דער פעטער מקבל פון הכנסות, אז די לוין־ארבייטער מוזען שטענדיג ליידען הונגער. ער וויל, פערקעהרט, פערמעהרן זייערע בעדערפנישען, כדי דאָס גופא זאָל זיי סטימולירן צו ארבייטען פאַר די „מעהרדעליקאַטע."

נעמיין נאַטור־געזעצע פון געזעלשאַפטליכען רייכטום. „דאָס עקאָ־נאָמיש גוטע און עקאָנאָמיש שלעכטע אין א פאָלק האַלטען זיך שטענדיג אין א גלייכגעוויכט: די שפע פון גיטער פאַר איינינגע איז אַלעמאָל גלייך צו דעם מאַנגעל פון די דאָזיגע גיטער פאַר אנדערע. דער גרויסער רייכטום פון אייניגע איז שטענדיג בע־גלייט פון אן אבסאָלוטער בערויבונג פון דאָס נויטווענדיגע ביי פיעל מעהר אנדערע.‟ דער רייכטום פון א נאַציאָן גלייכט זיך צו איהר בעפעלקערונג, און איהר עלענד גלייכט זיך צו איהר רייכ־טום. די ארבייטזאַמקייט פון אייניגע רופט בהכרח ארויס פויל־קייט אין אנדערע. די אָרימע און לעדיג־געהער זיינען א נויט־ווענדיגע פרוכט פון די רייכע און טהעטיגע א. ז. וו.[89]

אן ערך 10 יאָהר נאָך אָרטעס האָט דער פּראָטעסטאַנטישער גלח טאַונסענד פון דער ענגלישער הויך־קירך אויף א גאַנץ גראָ־בען אופן פערהערליכט די אָרימקייט אלס א נויטווענדיגער בע־דינג פון דעם רייכטום. „צווינגען צו ארבייטען דורך געזעצען איז פערבונדען מיט צופיעל מיה, געוואַלטזאַמקייט און גערויש, בעת דער הונגער איבט אויס ניט נאָר א פריעדליכען, שטילען, אונ־אויפהערליכען דרוק, נאָר ער רופט ארויס, אַלס א העכסט נאַטיר־ליכער מאָטיוו פון פלייסיגקייט און ארבייט, די מעכטיגסטע אָנ־שטרענגונגען.‟ אַלץ פיהרט דעריבער דערצו, מען זאָל מאַכען, אז דער הונגער זאָל בעשטענדיג הערשען צווישען דעם ארבייטער־קלאַס, און פאַר דעם זאָרגט שוין, לויט טאַונסענד'ס מיינונג, דער בעפעלקערונג־פּרינציפּ, וועלכער איז ספּעציעל טהעטיג צווישען די אָרימע. „עס זעהט אויס ווי א נאַטור־געזעץ, אז די אָרימע זאָלען ביז א געוויסען גראַד זיין לייכטזיניג (ד. ה. אזוי לייכטזיניג, אז עס איז ביי זיי רעכט געבוירן צו ווערן אָהן א גאָלדענעם לעפעל אין מויל), כדי עס זאָלען שטענדיג זיין אייניגע צו ערפילען די נידעריגסטע, שמוציגסטע און געמיינסטע פונקציעס אין דער געמיינדע. די סומע פון מענשליכען גליק ווערט דורכדעם פיעל פערגרעסערט,

[89] ג. אָרטעס, „דעללאַ עקאָנאָמיאַ נאַציאָנאַלע עצט.‟ אין קוסטאַדי'ס זאַמ־לונג, פּאַרטע מאָדערנאַ, באַנד II ז. 6, 9, 22, 25. דאָרט נופא ז. 32 זאָגט אָרטעס: „אנשטאַט צו מאַכען פּלענער פון אומניצליכע סיסטעמען פאַר דעם גליק פון די פעלקער, וויל איך זיך בעשרענקען אויסצוזוכען די אורזאַכען פון זייער אומגליק.‟

דעסטוטט דע טראַסי, דער קאַלט־בלוטיגער דאָקטרינער פון דער בורזשואַזיע, זאָגט זיך אַרויס ברוטאַל: „די אָרימע נאַציאָנען זיינען די, וואו דעם פאָלק לעבט זיך גוט, און די רייכע נאַציאָנען זיינען די, וואו דאָס פאָלק איז געוועהנליך אָרים.“[93]

5. אילוסטראַציעס פון דעם אַלגעמיינעם געזעץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַקומולאַציע.

א) ענגלאַנד פון 1846 ביז 1866.

קיין פעריאָדע פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט איז ניט אַזוי גינסטיג פאַר דעם שטודיום פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַקומולאַציע, ווי די פעריאָדע פון די לעצטע 20 יאָהר [דאָס איז געשריבען אין מערץ 1867]. עס קומט אויס, אַזוי ווי די דאָזיגע פעריאָדע וואָלט געהאַט געפונען פאָרטונאַטוס'עס בייטעל. פון אַלע לענדער אָבער איז עס ווידער ענגלאַנד, וואָס שטעלט אונז צו דעם קלאַסישען ביישפּיעל, ווייל זי האַלט דעם ערשטען ראַנג אויפ'ן וועלט־מאַרק, ווייל דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן איז דאָ אַליין פאָלשטענדיג אַנטוויקעלט, און ענדליך, ווייל די איינפיהרונג פון דעם פריי־האַנדעל מילעניום זינט 1846 האָט אָבגעשניטען פון דער וואולגאַר־עקאָנאָמיע איהר לעצטען רעטונגפּלאַץ. דער ריזאַנישער פאָרטשריט פון דער פּראָדוקציאָן — די לעצטע העלפט פון דער צוואַנציגיאָהריגער פעריאָדע האָט ווידער וויט איבערגעיאָגט די ערשטע העלפט — איז שוין גענוגענד אָנגעדייטעט געוואָרן אין דעם פערטען אָבטייל.

הגם דער אַבסאָלוטער וואוקס פון דער ענגלישער בעפעלקערונג איז אין לעצטען האַלבען יאָהרהונדערט געווען זעהר גרויס, איז אָבער דער פערהעלטניסמעסיגער וואוקס אָדער די ראַטע פון דעם צו־וואוקס נאָכאַנאַנד געפאַלען, ווי עס בעווייזט די פאָלגענדע טאַבעלע, וואָס איז גענומען פון דעם אָפיציעלען צענזוס:

---

[93] „אבהאנדלונג וועגען דעם ווילען און זיינע ווירקונגען“ (פראנצ.), פאריז 1826, ז. 231.

אין לעבען, און פערשאַפט דורכדעם פאַר די אַנדערע קלאַסען די צייט, דעם געהויבענעם גייסט און די קאָנווענציאָנעלע (דאָס איז גוט!) כאַראַקטער־ווירדע א. אז. וו."[91] שטאָרך שטעלט די פראַגע, וואָס פאַר א פאָרצוג האָט אייגענטליך אָט די קאַפּיטאַליסטישע ציוויליזאַציע מיט איהר עלענד און איהר דעגראַדאַציע פון די מאַסען איבער דער באַרבאַריי? און ער געפינט נאָר איין ענטפער — די זיכערקייט!

דורך דעם פאָרטשריט פון דער אינדוסטריע און דער וויסענשאַפט, זאָגט זיסמאָנדי, קאָן יעדער ארבייטער פּראָדוצירן יעדען טאָג פיעל מעהר איידער ער דאַרף האָבען פאַר זיין פערברויך. אין דערזעלביגער צייט אָבער, וואָס זיין ארבייט פּראָדוצירט רייכטום, אויב ער וואָלט געדאַרפט איהם אליין פערברויכען, וואָלט דער דאָזיגער רייכטום איהם געמאַכט ווענינגער פעהיג צו ארבייטען. לויט זיין מיינונג „וואָלטען די מענשען (ד. ה. די ניט־ארבייטענדע מענשען) מוחל געוועזן אַלע פערפאָלקאָמונגען פון דער קונסט, ווי אויך אַלע גענוסען, וואָס די אינדוסטריע פערשאַפט אונז, ווען זיי וואָלטען געמוזט צאָהלען פאַר זיי מיט דער אָנהאַלטענדער ארבייט, וואָס דער אַרבייטער מוז שטענדיג טהאָן. . . די אָנשטרענגונגען זיינען היינט אָבגעטיילט פון זייערע בעלוינונגען; עס איז ניט דערזעלביגער מענש, וועלכער האָט פריהער געארבייט און דערנאָך זיך אויסגערוהט: אין געגענטייל, ווייל איינער ארבייט, מוז דער אַנדערער זיך אויסרוהען. . . די אָהן א שיעור'דיגע פערפיעלפאַכונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען פון דער ארבייט קאָן דעריבער ניט האָבען קיין אנדער רעזולטאַט, ווי נאָר די פערמעהרונג פון דעם לוקסוס און די גענוסען פון די לעדיג־געהענדע רייכע."[92] שערבוליע, זיסמאָנדי'ס א תלמיד, ערגענצט איהם דערמיט וואָס ער לעגט צו: „די אַרבייטער גופא. . . דורכדעם וואָס זיי ווירקען מיט אין דער אַקומולאַציע פון די פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַלען, העלפען זיי ברענגען יענעם צושטאַנד, וועלכער בערויבט זיי פריהער אָדער שפּעטער פון א טייל פון זייער ארבייט־לוין."[92*]

[91] שטאָרך, „קור ד'עקאָנאָמיע פּאָליטיק", 1815, באַנד III, ז. 223.

[92] זיסמאָנדי. „די נייע פּרינציפּען פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע" (פראַנצ.), באַנד I, ז. 85,80.

[92*] שערבוליע, „אָרים אָדער רייך", ז. 146.

ביז 1864, וואַקסט דער גראַד פון דער פערמעהרונג פון די הכנסות נאָכאַנאַנד. צום ביישפּיעל דער גראַד פון די הכנסות, וואָס שטאַמען פון פּראָפיט פון 1853 ביז 1857 איז יעהרליך 1.73 פּראָצענט, פון 1857 ביז 1861, יעהרליך 2.74 פּראָצ. און פון 1861 ביז 1864 איז ער יעהרליך 9.30 פּראָצ. די גאַנצע סומע הכנסה פאַר דעם פעראייניגטען קיניגרייך פון אַלע הכנסות, וואָס זיינען אונטערוואָרפען דעם איינקונפט־שטייער, האָט בעטראָפען: 1856 — 307,068,898 פונט סט., 1859 — 328,127,416 פונט סט., 1862 — 351,745,241 פונט סט., 1863 — 359,142,897 פונט סט., 1864 — 362,462,279 פונט. סט., 1865 — 385,530,020 פונט סט.[96]

די אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל איז אין דערזעלביגער צייט געוועזען בעגלייט פון זיין קאָנצענטראַציע און צענטראַליזאַציע. הגם קיין אָפיציעלע אַגריקולטור־סטאַטיסטיק פאַר ענגלאַנד עקזיסטירט ניט (פאַר אירלאַנד איז יאָ פאַראַן), זיינען פון 10 גראַפשאַפטען [קאַונטיעס] פאַראַן פרייוויליג געליפערטע סטאַטיסטיקס. זיי גיבען דעם רעזולטאַט, אַז פון 1851 ביז 1861 זיינען די פאַכטען פון ווייניגער ווי 100 אַקער פערקלענערט געוואָרן פון 31,583 אויף 26,567, דאָס הייסט 5016 פאַכטען זיינען קאָנסאָלידירט געוואָרן מיט גרעסערע פאַכטען.[97] פון 1815 ביז 1825 איז קיין איינציג פערמעגען פון בעוועגליכע גיטער, וואָס זאָל האָבען אויס־

[96] אט די צאָהלען זיינען גוט גענוג פאַר דער פערגלייכונג, אין אַן אַבסאָלוטען זין אָבער זיינען זיי פאַלש, ווארים אפשר 100 מיליאָנען פונט סט. הכנסה יעהרליך ווערן „פערשווינגען." דאָס בעקלאָגען זיך פון די „קאָמישאָנערס אָוו אינלאַנד רעווענױ" וועגען דעם סיסטעמאַטישען בעטרוג, דערהויפּט פון דער קאָמערציעלער און אינדוסטריעלער זייט, וויעדערהאָלט זיך אין זייער יעדען בעריכט. אַזוי געפינען מיר צום ביישפּיעל: „איין אַקציען־געזעלשאַפט האָט אָנגעגעבען איהרע פּראָפיטען, פאַר וועלכע זי דאַרף צאָהלען שטייער, אויף 6000 פונט סט., דער טאַקסאַטאָר האָט איהר בעשטייערט אויף 88,000 פונט סט. און זי האָט ענדליך בעצאָהלט פאַר דער סומע. אַן אַנדער קאָמפּאַניע האָט אָנגעגעבען 190,000 פונט סט., זי איז געצוואונגען געוואָרן מודה צו זיין, אַז דער ווירקליכער בעטראַג איז געוועזען 250,000 פונט סט." (דאָרט גופא, ז. 42.)

[97] „צענזוס עצט." באַנד 111, ז. 29. דזשאָהן ברייט'ס בעהויפּטונג, אַז 150 גרונד־איינענטימער בעזיצען אַ העלפט פון ענגלישען באָדען און 12 אַ העלפט פון דעם שאָטלענדישען באָדען, איז ניט אָבגעלייקענט געוואָרן.

דער יעהרליכער פּראָצענט־מעסיגער צו־וואוקס פון דער בעפעלקערונג פון ענג־לאַנד און וועלס אין דעצימאַל־צאָהלען:

1811	ביז	1821	1,533 פּראָצענט
1821	"	1831	1,446 "
1831	"	1841	1,326 "
1841	"	1851	1,216 "
1851	"	1861	1,141 "

לאָמיר איצט בעטראַכטען פון דער אַנדער זייט דעם וואוקס פון דעם רייכטום. דעם זיכערסטען באַזיס גיט אונז דאָ די בע־וועגונג פון פּראָפיטען, גרונד־רענטע א. אז. וו., וואָס זיינען אונ־טערוואָרפען דעם איינקונפט־שטייער. דער צו־וואוקס פון די פּראָפיטען, וואָס דאַרפען צאָהלען שטייער (די קאַטעגאָריען אַרענ־דאַטאָרס און איניגע אַנדערע זיינען ניט איינגעשלאָסען) האָט באַטראָפען פאַר גרויס־בריטאַניען פון 1853 ביז 1864 50.47 פּראָ־צענט (אָדער 4.58 פּראָצ. אין יעהרליכען דורכשניט),[94] דער וואוקס פון דער בעפעלקערונג האָט בעטראָפען אין משך פון דערזעלביגער פּעריאָדע אומגעפעהר 12 פּראָצענט. דער וואוקס פון די לאַנד־רענטען, וואָס דאַרפען צאָהלען שטייערן (הייזער, אייזענבאַהנען, מי־נען, פישערייען א. אז. וו. איינגעשלאָסען), האָט פון 1853 ביז 1864 בעטראָפען 38 פּראָצ. אָדער $3\frac{5}{12}$ פּראָצענט יעהרליך, פון וועלכע די פאָלגענדע קאַטעגאָריען צייגען דעם גרעסטען וואוקס:[95]

פערגרעסערונג פון דער יעהרליכער הכנסה פון 1853 ביז 1864	וואוקס פון יאָהר
פון הייזער .... 38.60 פּראָצ.	3.50 פּראָצ.
" שטיין־ברעכערייען .... " 84.76	" 7.70
" מינען .... " 68.85	" 6.26
" אייזען־גיסערייען ..... " 39.92	" 3.63
" פישערייען .... " 57.37	" 5.21
" גאַז־ווערק .... " 126.02	" 11.45
" אייזענבאַהנען .... " 83.29	" 7.57

ווען מיר פערגלייכען יעדע 4 יאָהר פון דער פּעריאָדע 1853

---

[94] "Tenth Report of the Commissioners of Inland Revenuo," London 1866, p. 38.

[95] דאָרט גופא.

4,767,951 טאָנען אין ווערטה פון 11,919,877 פונט סט. אין 1854 האָט בעטראָפען די לענג פון די אייזענבאַהנען אין פער־איינינגטען קיניגרייך 8054 מייל, מיט אַן איינגעצאָהלטען קאפי־טאל פון 286,068,794 פונט סט., אין 1864 איז די לענג גע־ווען 12,798 מייל מיט אַן איינגעצאָהלטען קאפיטאל פון 425,719,613 פונט סט. אין 1854 האָט בעטראָפען דער סך הכל עקספּאָרט און אימפּאָרט פון דעם פעראייניגטען קיניגרייך 268,210,145 פונט סט., אין 1865 — 489,923,285 פונט סט. די פאָלגענדע טאבעלע בעווייזט די בעוועגונג פון דעם עקספּאָרט:[100]

1846	58,842,377	פונט סט.
1849	63,596,052	"
1856	115,826,948	"
1860	135,842,817	"
1865	165,862,402	"
1866	188,917,563	"

נאָך די איינינגע ביישפּיעלען קאָן מען בעגרייפען דעם טריאומף־געשריי פון דעם גענעראל־רעגיסטראטאָר פון דעם בריטישען פאָלק: „שנעל ווי די בעפעלקערונג איז געוואקסען, האָט זי ניט געהאלטען קיין טריט מיט דעם פאָרטשריט פון דער אינדוסטריע און דעם רייכטום."[101]

לאָמיר איצט זיך ווענדען צו די דירעקטע ווירקענדע קרעפ־טען פון דער דאָזיגער אינדוסטריע, צו די פּראָדוצירער פון דעם דאָזיגען רייכטום — צו דעם ארבייטער־קלאס. „עס איז איינער פון די העכסט טרויעריגע כאראקטער־שטריכען אין דעם סאָציא־לען צושטאנד פון לאנד — זאָגט גלאדסטאָן — וואָס עס קומט איצט פאָר בלי שום ספק אַ פערקלענערונג אין דער קאָנזומציאָנס־

[100] אין אַט דעם אויגענבליק, מערץ 1867, איז דער אינדיש־כינעזישער מארק ווידער איבערפילט דורך די אנגעשיקטע סחורות פון די בריטישע באַוועל־פאבריקאנטען. אין 1866 האט זיך אנגעהויבען אַן ארונטערזעצונג פון דעם לוין אויף 5 פּראָצענט צווישען די באוועל־ארבייטער. אין 1867 האָט צוליעב ענגליכע אָפּעראציעס אויסגעבראָכען אַ סטרייק פון 20,000 ארבייטער אין פּרעסטאָן. [ענגעלס בעמערקט דערצו, אַז „דאָס איז געווען אַ פארשפּיעל פון דעם קריזיס, וואָס איז נלייך נאכדעם אריינגעטראָטען." K .]

[101] „צענזוס עטצ." באנד III, ז. 11.

געמאכט איבער 1 מיליאָן פונט סט., ניט אונטערגעפאַלען אונטער דעם ירושה־שטייער; פון 1825 ביז 1855 אָבער זיינען שוין געווען 8, פון 1856 ביז אין 1859, ד. ה. אין 4½ יאָהר, זיינען געווען 4.[98] אַם בעסטען קאָן מען אָבער זעהן די צענטראַליזאַציע דורך א קורצען אנאַליז פון דעם איינקונפט־שטייער פאַר רובריק D (פּראָפּיטען א חוץ פון פאַרמס א. אז. וו.) אין די יאָהרען 1864 און 1865. איך וויל לכתחילה בעמערקען, אז הכנסות פון דעם קוואַל צאָהלען אן איינקונפט־שטייער אויף אלץ וואָס בעטרעפט איבער 60 פונט סט. אָט די שטייער־פליכטיגע הכנסות האָבען אין יאָהר 1864 בעטראָפען אין ענגלאַנד, וועלס און שאָטלאנד 95,84,222 פונט סט. און אין 1865 — 105,435,579 פונט סט.[99] די צאָהל שטייערן־צאָהלער אין 1864 זיינען געווען 308,416 פערזאָנען אויף א סך הכל בעפעלקערונג פון 23,891,009, אין 1865 — 332,431 פערזאָנען אויף א סך הכל בעפעלקערונג פון 24,127,003. די פאָלגענדע טאַבעלע צייגט די פערטיילונג פון די הכנסות אין די צוויי יאָהר.

	דער יאָהר, וואָס ענדיגט זיך 5טען אַפּריל 1864.		דער יאָהר, וואָס ענדינט זיך 5טען אַפּריל 1865.	
	הכנסות פון פּראָפּיטען פונט סט.	פערזאָנען	הכנסות פון פּראָפּיטען פונט סט.	פערזאָנען
ס"ה הכנסה:	95,844,222	308,416	105,435,738	332,431
דערפון	57,028,289	23,334	64,554,297	24,265
	36,415,225	3,619	42,535,576	4,021
	22,809,781	832	27,555,313	973
	8,744,762	91	11,077,238	107

אין 1855 זיינען אין דעם פעראייניגטען קיניגרייך פּראָדוצירט געוואָרן 61,453,079 טאָנען קויהלען אין ווערטה פון 16,113,167 פונט. סט., אין 1864 — 92,787,873 טאָנען אין ווערטה פון 23,197,968 פונט סט; אין 1855 — 3,218,154 טאָנען רויה־אייזען אין ווערטה פון 8,045,385 פונט סט., אין 1864 —

[98] "Fourth Report etc. of Inland Revenue," London 1860, p. 17.

[99] דאַס זיינען די נעט־הכנסות, ד. ה. נאָך געוויסע געזעצליך־גילטיגע אַרונטערציהונגען.

שייך דער פערבילינערונג פון די לעבענס־מיטלען, צייגט די אפי־ציעלע סטאטיסטיק, צום ביישפיעל די בעריכטען פון דעם לאנ־דאנער ווייזען־הויז, א פערגרעסערונג אין די פרייזען אויף 20 פראצענט פאר דעם דורכשניט פון די 3 יאהר, פון 1860 ביז 1862, אין פערגלייך מיט די יאהרען פון 1851 ביז 1853. אין די שפע־טיגערע 3 יאהר, פון 1863 ביז 1865, איז אלץ מעהר געשטיגען דער פרייז אויף פלייש, פוטער, מילך, צוקער, זאלץ, קויהלען און א גאנצע מאסע אנדערע נויטווענדיגע לעבענס־מיטלען.[104] גלאד־סטאן'ס נעקסטע בודזשעט־רעדע, דעם 7טען אפריל 1864, איז א פינדארישער לויב־געזאנג אויף דעם פארטשריט פון מעהרווערטה־מאכעריי און אויף דעם פאלק'ס גליק, וואס איז געמעסיגט דורך „ארמוטה." ער רעדט וועגען די מאסען, וואס געפינען זיך „ביים ראנד פון פאפעריזם", וועגען די געשעפט־צווייגען, אין וועלכע דער לוין איז ניט געשטיגען, און פאסט צוזאמען ביים סוף דאס גליק פון דעם ארבייטער־קלאס אין די ווערטער: „דאס מענשליכע לע־בען איז אין ניין פאלען פון צעהן בלויז א קאמף פאר דער עקזיס־טענץ."[105]

---

[104] זעה די אפיציעלע בעריכטען אין דעם בלוי־בוך: "Miscellaneous St tistics of the Uni'ed K'ngdom" טייל .VI, לאנדאן 1866, ז. 260־273 און ווייטער. אנשטאט דער סטאטיכטיק פון די יתומים־אנשטאלטען א. אז. וו. קאנען דיענען אויך די דעקלאמאציעס פון די מיניסטערשע זשורנאלען אויף צו פערטיידיגען דעם אויסשטייער פון די קינדער פון דעם קעניגליכען הויז. זיי פערגעסען דארט קיינמאל ניט צו דערצעהלען וועגען דעם, וואס די לע־בענס־מיטלען ווערן טייערער.

[105] גלאדסטאן אין האוז אוו קאממאנס, 7טען אפריל 1864. — די שטענ־דיגע שרייענדיגע ווידערשפרוכען אין גלאדסטאן'ס בודזשעט־רעדען פון 1863 און 1864 כאראקטעריזירט אן ענגלישער שריפטשטעלער דורך דער פאלגענדער ציטאטע פון מאליער:

"Voila l'home en effet. Il va du blanc au noir.
Il condamne au matin ses sentiments du noir.
Importun a tout autre, a soi meme incommode,
Il change a touts moments d'esprit comme de mode."

[דאס איז דעם מאן'ס כאראקטער. ערווארפט זיך פון וויים אויף שווארץ.
ער פערדאמט אין דער פריה זיינע געפיהלען פון ביינאכט.
איז צו־ווידער יעדען אנדערן און זיך אליין צו־לאסט,
בייט יעדע רגע זיין געדאנק, ווי די קליידער.]

קראפט פון פאָלק און א פערגרעסערונג אין דעם דחקות און עלענד פון דעם ארבייטענדען קלאס. אין דערזועלביגער צייט קומט פאָר א שטענדיגע אקומולאציע פון רייכטום אין די העכערע קלאסען, א פערגרעסערטער לוקסוס אין זייער לעבענספיהרונג און אין זייערע גענוסען."[102]

אזוי האָט גערעדט דער דאָזיגער געזאלבטער מיניסטער אין „האוז אָוו קאָממאָנס" דעם 13טען פעברואר 1843. צוואנציג יאָהר שפּעטער, דעם 16טען אפּריל 1863, האָט ער געזאָגט אין דער רע־דע, אין וועלכער ער האָט פאָרגעלעגט זיין בודזשעט: „פון 1842 ביז 1852 איז די הכנסה פון לאנד, וואָס איז מחויב צו צאָהלען שטייער, געוואקסען אויף 6 פּראָצענט. . . . אין די 8 יאָהר פון 1853 ביז 1861 איז עס געוואקסען, ווען מיר רעכענען אויף דעם באזיס פון 1853, אויף 20 פּראָצענט. דער פאקט איז אזוי ער־שטוינענד, אז ער איז כמעט אונגלויבליך. . . . אָט די בערוישענדע פערמעהרונג פון רייכטום און מאכט . . . איז אינגאנצען אויסגע־פאלען אויפ'ן חלק פון די בעזיצענדע קלאסען, אָבער . . אָבער זי מוז אינדירעקט אויך זיין א טובה פאר דער ארבייטער־בעפעלקע־רונג, ווייל זי מאכט ביליגער די ארטיקלען פון אלגעמיינעם גע־ברויך. בעת די רייכע זיינען רייכער געוואָרן, זיינען די אָרימע יעדענפאלס וועניגער אָרים געוואָרן. אז די עקסטרעמען פון אָרימקייט האָבען זיך געענדערט, נעהם איך זיך ניט אונטער צו זאָ־גען."[103]

וואָס פאר א הינקעדיגער אנטיקלימאקס! אויב דער ארביי־טער־קלאס איז געבליבען „אָרים," נאָר „וועניגער אָרים" לפי ערך, וואָס ער פּראָדוצירט פאר דעם בעזיצענדען קלאס „א בערוישענדע פערמעהרונג פון רייכטום און מאכט," דאן איז ער געבליבען רע־לאטיוו פונקט אזוי אָרים. אויב די עקסטרעמען פון אָרימקייט האָ־בען זיך ניט פערקלענערט, האָבען זיי זיך פערגרעסערט, וואָרים די עקסטרעמען פון רייכטום האָבען זיך פערגרעסערט. וואָס איז

[102] גלאדסטאָן אין האוז אָוו קאָממאָנס, 13טען פעברואר 1843. („טיימס", 14טען פעבר. 1843.)

[103] גלאדסטאָן אין האוז אָוו קאָממאָנס, 16טען אפּריל 1863. („מארנינג סטאר", 17טען אפּריל.)

בייטער־קלאס, וועלכער האָט פערזינדיגט זיין עקזיסטענץ־בעדינ־
גונג, דעם פערקויף פון דער ארבייט־קראפט, און וועגעטירט [האלט
אויף א נידריג לעבען] פון קהל׳שער צדקה. דער אָפיציעלער
ליסט פון פאופערס האָט געצעהלט אין ענגלאנד[107] די פאָלגענדע
צאָהל פערזאָנען: 1855 — 851,369; 1856 — 877,767;
1865 — 971,433. אלס רעזולטאט פון דער באוועל־נויט איז
די צאָהל געוואקסען אין די יאָהרען 1863 און 1864 ביז 1,079,382
און 1,014,978. דער קריזיס פון 1866, וועלכער האָט געטראָ־
פען לאָנדאָן אם שווערסטען, האָט געשאפען אין אָט דעם פלאץ
פון וועלט־מארק, וואָס האָט מעהר איינוואוינער ווי דאָס קיניגרייך
פון שאָטלאנד, א פאופער־צו־וואוקס פאר דעם יאָהר 1866 פון
19.5 פראָצענט אין פערגלייך מיט 1865, און פון 24.4 פראָצענט
אין פערגלייך מיט 1864, און נאָך א גרעסערן צו־וואוקס פאר
די ערשטע חדשים פון 1867 אין פערגלייך מיט 1866. אַנאלי־
זירענדיג די פאָופער־סטאטיסטיק מוז מען דערהויפט בעמערקען
צוויי פונקטען. פון איין זייט שפּיעגעלט אָב די ארויף און אראָב־
בעוועגונג פון דער צאָהל פּאָופערס די פעריאָדישע ענדערונגען
פון דעם אינדוסטריעלען ציקל. פון דער אנדער זייט פאלשעוועט
די אָפיציעלע סטאטיסטיק אַלץ מעהר און מעהר וועגען דעם ווירק־
ליכען אומפאנג פון דעם פּאָופעריזם, אין דעם ערך אויף וויפיעל
עס ענטוויקעלט זיך צוזאמען מיט דער אַקומולאַציע פון קאפּי־
טאל דער קלאסען־קאמף און ממילא אויך דער זעלבסט־געפיהל פון
די ארבייטער. צום ביישפיעל די בארבאריי אין דער בעהאנדלונג
פון די פּאָופערס, וועגען וועלכער די ענגלישע פרעסע („טיימז",
„פאל־מאל גאזעט" א. אז. וו.) האָט געמאכט אזוינע געוואלטען
אין פערלויף פון די לעצטע צוויי יאָהר, איז שוין אן אלטע גע־
שיכטע. פ. ענגעלס האָט אין 1844 בעשריבען פונקט דיזעלבינע
שוידערליכע בעהאנדלונג און פונקט דיזעלבינע צבויאצקע גע־
שרייען אויף א ווייל פון דער „סענזאציע־ליטעראטור." אָבער
דער שרעקליכער וואוקס פון הונגער־טויט ("deaths by starvation")

---

[107] אין ענגלאנד איז אלעמאל איינגעשלאסען וועלס, אין גרויס־בריטאַ־
ניען — ענגלאנד, וועלס און שאטלאנד, אין פעראייניגטען קיניגרייך — יענע
דריי לענדער און אירלאנד.

פּראָפעסאָר פאָסעט, וועלכער איז ניט געבונדען אזוי ווי גלאַד־סטאָן דורך אָפיציעלע אויסרעכענונגען, זאָגט פּשוט ארויס: „איך לייקען נאטירליך ניט, אז דער געלד־לוין איז געשטיגען צוזאַמען מיט דער פערגרעסערונג פון קאַפּיטאַל (אין די לעצטע צעהן יאָהר), אָבער אָט דער לפנים׳דיגער פּאָרטייל ווערט אין א גרויסען ערך ווידער פערלאָרן, דערפאַר ווייל א סך לעבענס־בעדערפענישען ווערן נאָכאַנאַנד טייערער (ער מיינט, אז דאָס איז דערפאַר, ווייל דער ווערטה פון די עדעלע מעטאַלען איז געפאַלען) . . . די רייכע ווערן שנעל רייכער, בעת עס זעהט זיך ניט אָן קיין פּאָרטשריט אין דעם וואוילשטאַנד פון די ארבייטער־קלאַסען. . . . די ארבייטער ווערן כמעט שקלאַווען ביי די קרעמער, וועמעס בעלי חובות זיי זיינען.״[108]

אין דער אָבטיילונג וועגען דעם ארבייטס־טאָג און די מאַשינעריע זיינען אויפגעדעקט געוואָרן די אומשטענדען, אונטער וועלכע דער בריטישער ארבייטער־קלאַס האָט אין משך פון די לעצטע צעהן יאָהר געשאַפען „א בערוישענדע פערמעהרונג פון רייכטום און מאכט״ פאר די בעזיצענדע קלאַסען. דאַמאָלסט אָבער האָט אונז דער ארבייטער הויפּטזעכליך אינטערעסירט בעת ער איז פערנומען ביי זיין געזעלשאַפטליכער פונקציע. פאַר א פאָל־שטענדיגער בעלייכטונג פון דעם געזעץ פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער אקומולאַציע איז נויטיג צו בעטראַכטען א ווײלע די לאַגע פון דעם ארבייטער אויך אויסערהאַלב דעם ווערקשטאַט, די צו־שטענדען פון זיין נאַהרונג און וואוינונג. די גרעניצען פון אָט דעם בוך צווינגען אונז פריהער פון אַלץ צו נעהמען אין בעטראַכט דעם שלעכט־בעצאָהלטען טייל פון דעם אינדוסטריעלען פּראָלעטאַריאַט און פון די ערד־ארבייטער, דאָס הייסט די מאַיאָריטעט פון דעם ארבייטער־קלאַס.

פריהער אָבער מוז מען נאָך זאָגען א וואָרט וועגען דעם אָפי־ציעלען פּאָופּעריזם, דאָס הייסט וועגען דעם טייל פון דעם אר־

[108] H. Fawcett, "The Economic Position of the British Labourer." London 1865: p. 67, 82. וואָס איז שייך דעם ארבייטער׳ס צבהענגיגקייט פון דעם קרע־מער, איז דאָס א רעזולטאַט פון די אָלץ גרעבערע שוואַנקונגען און אונטערברע־כונגען פון זייער בעשעפטיגונג.

נויט־צושטאנד האט ארונטערגעדריקט די קאנזומציאן פון די באַ־וועל־ארבייטער. אין דעצעמבער 1862 האבען זיי בעקומען 29,211 גראן קויהלען־שטאף און 1295 גראן שטיק־שטאף וועכענטליך.

אין יאהר 1863 האט דער פריווי קאונסיל בעפוילען צו מאַ־כען אן אונטערזוכונג וועגען דעם נויט־צושטאנד פון דעם אם־ערג־סטען געגנעהרטען טייל פון דעם ענגלישען ארבייטער־קלאס. דר. סיימאן, דער ערצטליכער בעאמטער פון פריווי קאונסיל, האט אויסגעקליבען פאר דער ארבייט דעם פריהער־דערמאנטען דר. סמיטה. זיין אונטערזוכונג האט זיך אויסגעשפרייט פון איין זייט אויף די אגריקולטור־ארבייטער, און פון דער אנדער זייט אויף די זייד־וועבער, נעהטארקעס, לעדער־האנדשוה מאכער, זאקען־שטרי־קער, האנדשוה־וועבער און שוסטער. די לעצטע קאטעגאריען, א חוץ די זאקען־שטריקער, זיינען אויסשליסליך שטאדטישע ארביי־טער. עס איז געמאכט געווארן פאר א רעגעל אין דער אונטער־זוכונג אויסצוקלייבען פון יעדער קאטעגאריע די געזינטעסטע פאַ־מיליעס און די וואס האבען זיך געפונען אין די פערהעלטניסמעסיג בעסטע אומשטענדען.

עס האט זיך ארויסגעוויזען אלס אן אלגעמיינער רעזולטאט, אז „נאר אין איינעם פון די אונטערזוכטע קלאסען פון די שטאדטי־גע ארבייטער איז די סומע שטיק־שטאף געווען עפעס מעהר ווי דער אבסאלוטער מינימום, אונטער וועלכען עס קומען פאר הונ־גער־קראנקהייטען; אז אין צוויי קלאסען איז געווען א מאנגעל — אין איינעם פון די צוויי זעהר א גרויסער מאנגעל אין נאהרונג, וואס ענטהאלט שטיק־שטאף, אזוי גוט ווי קויהלען־שטאף. וואס געהערט די אונטערזוכטע פאמיליען פון דער אגריקולטור־בעפעלקערונג, האט זיך ארויסגעשטעלט, אז מעהר ווי א פינפטעל האבען בעקו־מען וועניגער איידער די אבסאלוט־נויטיגע סומע קויהלען־שטאף נאהרונג, מעהר ווי א דריטעל האבען געקריגען וועניגער ווי די אבסאלוט־נויטיגע סומע שטיק־שטאף נאהרונג, און אז אין דריי גראפשאפטען (בערקשיר, אקספארדשיר און סאמערסעטשיר) האט דורכשניטליך געהערשט א מאנגעל אין דעם מינימום פון די שטיק־שטאף ענטהאלטענע שפייזען."[100] צווישען די אגריקולטור־ארביי־

[100] „פאבליק העלטה", 6טער רעפארט פאר 1863, לאנדאן 1864, ז. 13.

אין לאנדאן, אין משך פון די לעצטע 10 יאהר, בעוויזט בלי ספק דעם וואקסענדען שוידער, וואס די ארבייטער פיהלען צו דער שקלאווערייי פון דעם „ווארק הויז", אט דעם שטראף־אנ־שטאלט פון עלענד.[108]

ב) די שלעכט־בעצאהלטע שיכטען פון דעם בריטישען אינדוסטריעלען אר־בייטער־קלאס.

לאמיר איצט בעטראכטען די שלעכט־בעצאהלטע שיכטען פון דעם אינדוסטריעלען ארבייטער־קלאס. אין דער צייט פון דער באוועל־נויט, אין 1862, איז דר. סמיטה פון דעם פריווי־קאונסיל בעאויפטראגט געווארן צו אונטערזוכען דעם ערנעהרונג־צושטאנד פון די נויט־לײדענדע באוועל־ארבייטער אין לאנקאשיר און טשע־סיר. א לאנגיעהריגע פריהערדיגע בעאבאכטונג האט איהם גע־פיהרט צום רעזולטאט, אז „כדי צו פערמיידען הונגער־קראנקהיי־טען" מוז די טעגליכע נאהרונג פון א דורכשניטס פרויענצימער ענטהאלטען מינדעסטענס 3,900 גראן קויהלען־שטאף מיט 180 גראן שטיק־שטאף, די טעגליכע נאהרונג פון א דורכשניטס מאן — 4,300 גראן קויהלען־שטאף מיט 200 גראן שטיק־שטאף: ד. ה. פאר פרויענצימער אומגעפעהר אזויפיעל נאהרונג־שטאף וויפיעל עס געפינט זיך אין 2 פונט גוטען ווייצען־ברויט, און פאר מענער מיט 1/9 מעהר; דער וועכענטליכער דורכשניט פאר דערוואקסענע מע־נער און פרויען — וועניגסטענס 28,600 גראן קויהלען־שטאף און 1330 גראן שטיק־שטאף. זיין חשבון איז פראקטיש בעשטעטיגט געווארן אויף אן איבעררעשענדען אופן, דורכדעם וואס ער האט געשטימט מיט דער טרויעריגער סומע נאהרונג, אויף וועלכער דער

---

[108] עס ווארפט א בעזונדער ליכט אויף דעם פארטשריט, וואס איז גע־מאכט געווארן זינט אדאם סמיטה'ס צייט, אז דאס ווארט „ווארקהויז" וואס ווערט היינט בעצייכענט אלס א הויז פאר ארימע לייט, האט ער, סמיטה, נאך בענוצט אין דעמזעלביגען זין ווי מאנופעקטארי. צום ביישפיעל אין אנהויב פון זיין קאפיטעל וועגען דער צוטיילונג פון דער ארבייט זאגט ער: "tho<e employed in every different branch of the work can often be collected into the same workhouse."

בייטער קאַטעגאָריען האָט אבסאָלוט ניט געהאַט קיין ביער, 28 פראָצענט האָט ניט געהאַט קיין מילך. דער וועכענטליכער דורכ־שניט פון פליסיגע נאַהרונג־מיטלען אין די פאַמיליעס האָט בע־טראָפען פון 7 אונצען ביי די נעהטאָרענס ביז 24¾ אונצען ביי די זאָקען־שטריקער. די מעהרצאָהל פון די, וואָס האָבען ניט גע־האַט קיין מילך, זיינען בעשטאַנען פון די נעהטאָרקעס אין לאָנ־דאָן. די סומע ברויט־שטאָפען, וואָס איז פערצעהרט געוואָרן וועכענטליך, האָט בעטראָפען 7½ פונט ביי די נעהטאָרקעס און 11¼ פונט ביי די שוסטער, א טאָטאַלער דורכשניט פאַר דער־וואַקסענע פון 9.9 פונט וועכענטליך. צוקער, סירופּ א. אז. וו. איז פערצעהרט געוואָרען — פון 4 אונצען וועכענט־ליך פאַר די לעדער־האַנדשוה מאַכער ביז 11 אונצען פאַר די זאָקען־שטריקער; דער טאָטאַל־דורכשניט פער וואָך פאַר אַלע קאַטעגאָריען האָט בעטראָפען 8 אונצען פאַר יעדען דערוואַקסענעם. דער גאַנצער וועכענטליכער דורכשניט פון פּו־טער (פעטס א. אז. וו.) — 5 אונצען פאַר א דערוואַקסענעם. דער וועכענטליכער דורכשניט פון פלייש (שפּעק א. אז. וו.) האָט בע־טראָפען פער דערוואַקסענעם פון 7½ אונצען ביי די זייד־וועבער ביז 18¼ אונצען ביי די לעדער־האַנדשוה מאַכער; דער גאַנצער דורכשניט פאַר די פערשיידענע קאַטעגאָריען — 12⁶⁄₁₀ אונצען. די וועכענטליכע קאָסטען פאַר נאַהרונג פער דערוואַקסענעם האָ־בען געגעבען די פאָלגענדע אַלגעמיינע דורכשניט־צאָהלען: זייד־וועבער 2 שילינג 2½ פּענס, נעהטאָרקעס 2 שילינג 7 פּענס, לע־דער־האַנדשוה מאַכער 2 שילינג 9½ פּענס, שוסטער 2 שילינג 7¾ פּענס, זאָקען־שטריקער 2 שילינג 6¼ פּענס. פאַר די זייד־וועבער פון מאַקלעספיעלד האָט בעטראָפען דער וועכענטליכער דורכ־שניט נאָר 1 שילינג 8½ פּענס. די אַם־ערגסטען גענעהרטע קאַ־טעגאָריען זיינען געוועזען די נעהטאָרקעס, די זייד־וועבער און די לע־דער־האַנדשוה מאַכער.[113]

דר. סיימאָן אין זיין אַלגעמיינעם געזונדהייט־בעריכט זאָגט וועגען אָט דעם נאַהרונג־צושטאַנד: „אַז עס זיינען פאַראַן פאַ־לען אָהן א שיעור, אין וועלכע א מאַנגעל אין נאַהרונג פּראָוו־

[113] דאָרט גופא, ז. 232, 233.

טער זיינען געווען די וואָס פון ענגלאַנד, דעם רייכסטען טייל פון דעם פעראייניגטען קיניגרייך, ערגער געשפייזט איידער די איבע־ריגע.[110] דער מאַנגעל אין שפּייז צווישען די אגריקולטור־ארביי־טער איז בדרך כלל געפאַלען דערהויפּט אויף די פרויען און קינדער, וואָרים „דער מאַן מוז עסען, כדי צו קאָנען טהאָן זיין ארבייט.״ נאָך א גרעסערער מאַנגעל האָט געהערשט צווישען די אונטערזוכטע שטאָדטישע ארבייטער־קאַטעגאָריען. „זיי ווערן אזוי שלעכט געשפּייזט, אז עס מוז פאָרקומען צווישען זיי א סך פאַלען פון גרויזאַמער דחקות, וואָס רואינירט דאָס געזונד.״ (אָט דאָס איז די ריכטיגע „ענטזאַגונג״ פון דעם קאַפּיטאַליסט! ד. ה. זיין ענט־זאַגונג צו צאָהלען גענוג אויף די אבסאָלוט־נויטיגסטע לעבענס־מיטלען קוים צו דערהאַלטען דאָס לעבען פון זיינע ארבייטס־הענט!)[111]

די פאָלגענדע טאַבעלע צייגט דעם נאָהרונגס־צושטאַנד פון די אויבען־דערמאָהנטע ריין־שטעדטישע ארבייטער־קאַטעגאָריען אין פערגלייך מיט דעם פון דר. סמיטה אָנגענומענעם מינימום און מיט דער מאָס שפּייז, וואָס די באַוועל־ארבייטער האָבען גע־האָט אין דער צייט פון זייער גרעסטער נויט:[112]

ביידע געשלעכטער	וועכענטליכער דורכשניט פון שטיק־שטף גראַן	וועכענטליכער דורכשניט פון קויהלען־שטאָף גראַן
5 שטאָדטישע געשעפט־צווייגען	28,876	1192
ארבייטלאָזע לאַנקאַשיר פאַב־ריק־ארבייטער — — — — —	29,211	1295
מינימום פאָרגעשלאָגען פאַר די לאַנקאַשיר ארב. פאַר א גליי־כער צאָהל מענער און פרויען	28,600	1330

אַ העלפט, $^{60}/_{125}$, פון די אונטערזוכטע אינדוסטריעלע אר־

[110] דאָרט גופא, ז. 17.

[111] ד. ג. ז. 13.

[112] ד. ג. אנהאנג; ז. 232.

דאָס זיינען פּיינליכע געדאנקען, דערהויפּט ווען מען האָט אין זין, אז די אָרימקייט, וועגען וועלכער עס רעדט זיך דאָ, איז ניט די זעלבסט־פערשולדיגטע אָרימקייט פון פוילענצעריי. עס רעדט זיך אין אַלע פאַלען וועגען דער אָרימקייט פון דער ארבייטער־בעפעל־קערונג. נאָך מעהר, וואָס איז שייך די פאַבריק־ און הויז־אר־בייטער, איז זייער ארבייט, וועלכע גיט זיי אזא קארגען ביסען ברויט, דאָס רוב אויסגעצויגען איבער דער מאָס. און פונדעסט־וועגען איז קלאָר, אז עס קאָן קוים הייסען, זיי מאכען א לעבען פון זייער ארבייט. . . . זייער נאָמינעלע זעלבסט־ערהאלטונג קאָן אין א זעהר גרויסער מאָס ניט מעהר זיין ווי א קירצערער אָדער לענגערער אומוועג צום פּאָופּעריזם.״[114]

דער ענגער צוזאמענהאנג צווישען דעם הונגער־פּיין פון די פלייסיגסטע ארבייטער־שיכטען און דער פערשווענדערישער, גראָ־בער אָדער ראפינירטער קאָנזומציאָן פון די רייכע, וואָס איז בע־גרינדעט אויף דער קאפּיטאַליסטישער אקומולאציע, דעקט זיך אויף נאָר ווען מען איז בעקאַנט מיט די עקאָנאָמישע געזעצען. ניט אזוי מיט דעם וואוינונג־צושטאנד. יעדער אונפּארטייאישער בע־אָבאכטער זעהט, אז וואָס גרעסער עס איז די צענטראַליזאציע פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, אלץ גרעסער איז די צונויפדריקונג פון די ארבייטער אין א קליינעם רוים, און דעריבער וואָס שנעלער עס איז די קאפּיטאַליסטישע אקומולאציע, אלץ טרויעריגער איז דער צושטאנד פון די וואוינונגען פון די ארבייטער. די „פערבעסערונ־גען״ פון די שטעדט, וואָס בעגלייטען דעם וואוקס פון רייכטום, דורכדעם וואָס עס ווערן ארונטערגענומען די שלעכט־געבויטע קווארטאַלען און עס ווערן אויפגעבויט פּאַלאצען פאר באנקען, מאגאזינען א. אז. וו., וואָס די גאסען ווערן אויסגעברייטערט פאר דעם געשעפט־פערקעהר און רייכע געשפּאנען און פאר דעם איינ־פיהר פון שטאָדטישע אייזענבאהנען א. ד. ג., — דאָס פערטרייבט די אָרימע אין אַלץ־ערגערע און געדריכטער אָנגעפּילטע געסלעך. פון דער אנדער זייט וויים יעדערער, אז די טייערקייט פון די וואוינונגען שטעהט אין א פערקעהרטער פּראָפּאָרציע צו זייער גוטסקייט, און אז די מינען פון עלענד ווערן עקספּלואטירט פון

[114] דאָרט גופא, ז. 14, 15.

זאַכט געוויסע קראַנקהייטען אָדער פערערגערט זיי, קאָן בעשטעטיגט ווערן פון יעדען איינעם, וואָס איז בעקאַנט מיט דער „פּור־לאָו״ מעדיצינישער פּראַקסיס, אָדער מיט פּאַציענטען פון די שפּיטאָלען און קליניקס. . . . פון א סאַניטאַרן שטאַנדפּונקט אָבער קומט דאָ צו נאָך א זעהר וויכטיגער אומשטאַנד. . . . מען מוז געדענקען, אַז מאַנגעל אין שפּייז איז די לעצטע זאַך, וואָס מענשען ווען פערטראָגען, און אַז בדרך כלל קומט א גרויסע אָרימקייט אין נאַהרונג נאָר ווען זיי האָבען שוין פריהער געליטען דחקות אין אַנדערע זאַכען. א צייט פריהער איידער דער שפּייז־מאַנגעל ווערט א היגיענישער פּראָבלעם, א צייט פריהער איידער דער פיזיאָלאָג רעכנט צו צעהלען די גראַנען שטיק־שטאָף און קויהלען־שטאָף, וואָס ליעגען צווישען לעבען און הונגער־טויט, איז שוין פון הויז פערשוואונדען יעדעס ברעקעל מאַטעריעלער וואוילשטאַנד. קליידונג און בעהייצונג האָבען שוין געמוזט זיין נאָך מעהר בצמצום איידער שפּייז; קיין גענוגענדע בעשיצונג אַנטקעגען די שטרענגקייט פון וועטער; אַן ענגשאַפט אין וואוין־צימער ביז אַזאַ שטופע, וואָס רופט אַרויס קראַנקהייטען אָדער פערערגערט זיי; קיין שפּור ניט כמעט פון הויז־געשיר אָדער מעבעל; אפילו אויפצוהאַלטען ריינליכקייט האָט שוין געמוזט ווערן צו־קאָסטשפּיעליג אָדער צו־שווער, און אייב עס ווערט נאָך פּרובירט אויס זעלבסט־אַכטונג פּיעל־ווייניג זי אויפצוהאַלטען, שטעלט יעדער פערזוך אַזעלכער מיט זיך פּאַר נאָך מעהר פּייניגונג פון הונגער. די היים וועט זיין דאָרט וואו מען קאָן די הויז־בעשיצונג קריגען צום ביליגסטען, אין געגענדען וואו די סאַניטאַרע אויפזיכט ברענגט די קלענסטע רעזולטאַטען: די ווייניגסטע אָבצוג־קאַנאַלען, דאָס ווייניגסטע שמוץ־אָבפיהר, די קלענסטע אונטערדריקונג פון עפענטליכער אונערטרעגליכקייט, דער ווייניגסטער אָדער ערגסטער וואַסער־צופיהר, און אויב די היים איז אין שטאָדט — דאָס ווייניגסטע ליכט און לופט. דאָס זיינען די געזונדהייט־געפאַהרען, צו וועלכע אָרימקייט איז אויסגעזעצט כמעט אונפערמיידליך, ווען די אָרימקייט איז גרויס גענוג, אַז עס קומט שוין צו מאַנגעל אין נאַהרונג. און בעת דער סך הכל פון די אַלע צרות ווירקט געווים אַזוי שוידערהאַפט אויפ׳ן לעבען, האָט דער שפּייז־מאַנגעל אַליין פאַר זיך א זעהר ערנסטע ווירקונג. . . .

אַן ערצטליכער, דאָך פאָדערט די געוועהנליכע הומאַניטעט מען זאָל ניט איגנאָרירען אויך די אַנדער זייט פון אָט דער צרה. . . . די ענגקייט אין די וואוינונגען, אין איהרע העכערע גראַדען, שליסט איין כמעט נויטיגערווייז אַזאַ פערלייקענונג פון יעדען צאַרטען געפיהל, אַזאַ שמוציגע צונויפמישונג פון קערפּערס און קערפּערליכע פונקציעס, אַזאַ אויפדעקונג פון אַנימאַלע און געשלעכטליכע נאַקעטקייט, וועלכע איז מעהר טהיעריש איידער מענשליך. זיין אונטערוואָרפען אונטער אַזוינע איינפלוסען איז אַ דערנידערונג, וועלכע ווערט אַלץ טיעפער און טיעפער, וואָס לענגער זי ווירקט. פאַר די קינדער, וועלכע ווערן געבאָרען אונטער אָט דער קללה, מוז זי אָפט זיין אַ ריכטיגע טבילה אין נידערטרעכטיגקייט (**baptism of infamy**). און עס איז גאָר ניט משער צו זיין ווי האָפנונגסלאָז איז דער וואונש, אַז פערזאָנען, וועלכע געפינען זיך אין אַזוינע אומשטענדען, זאָלען אין אַנדערע הינזיכטען ווען עס איז שטרעבען צו אַן אַטמאָספערע פון ציוויליזאַציע, וואָס איהר עצם בעשטעהט אין פיזישער און מאָראַלער ריינקייט."[116]

לאָנדאָן פערנעהמט דעם ערשטען ראַנג אין איבערגעפאַקטע וואוינונגען, וועלכע זיינען אַבסאָלוט אונמעגליך פאַר מענשען צו לעבען אין זיי. „צוויי פונקטען — זאָגט דר. האָנטער — זיינען זיכער; ערשטענס, אַז עס זיינען פאַראַן אומגעפעהר 20 גרויסע קאָלאָניעס, פון אַן ערך 10,000 פערזאָן אין יעדערער, וואָס זייער טרויעריגע לאַגע שטייגט אַריבער כמעט אַלץ וואָס ער האָט אַמאָל געזעהן אין וועלכען עס איז אַנדער פלאַץ אין ענגלאַנד, און זי איז כמעט אינגאַנצען דער רעזולטאַט פון דעם שלעכטען צושטאַנד פון זייערע וואונונגען; און צווייטענס, אַז דער איבערגעפאַקטער און חרוב'ער צושטאַנד פון די הייזער פון אָט די קאָלאָניעס איז איצטער אַ סך ערגער איידער ער איז געוועזן מיט 20 יאָהר צוריק."[117] „עס איז

---

[116] "Public Health." 8th Peport, London 1866, p. 14 n

[117] דאָרט גופא, ז. 89. בנוגע די קינדער אין די דאָזיגע קאָלאָניעס זאָגט דר. האָנטער: „עס איז קיינער ניטאָ אונז צו דערצעהלען, ווי אַזוי קינדער זיינען אויסגעהאָדעוועט געוואָרן איידער אָט די געדיכטע צונויפפּרעסונג פון אָרימע האָט זיך אָנגעפאַנגען, און ער וואָלט געוועזן אַ בריה אַ נביא, דער וואָס וואָלט זיך אונטערנעמען פאָראויסצוזאָגען וואָסער אויפפיהרונג מען קאָן דערוואַרטען פון קינדער, וועלכע מאַכען איצט דורך, אונטער צושטענדען,

די חייזער־ספּעקולאַנטען מיט מעהר פּראָפיט און וועניגער קאָס־טען, איידער די זילבער־מינען פון פּאָטאָזי.

דער אַנטאַגאָניסטישער כאַראַקטער פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער אקומולאַציע און פאָלגליך פון דער קאַפּיטאַליסטישער איי־גענטום־שייכות בכלל,[115] איז דאָ אַזוי קלאָר פון אויבען־אויף, אַז אפילו די אָפיציעלע ענגלישע בעריכטען וועגען דעם ענין זיינען פול פון אַפּיקורסישע אָנפאַלען אויף דעם „איינעטום און זיינע רעכטען." מיט דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, דער אקו־מולאַציע פון קאַפּיטאַל, מיט דעם וואוקס און דער „פערשעהנע־רונג" פון די שטעדט, וואַקסט דער צרה'דיגער צושטאַנד אַזוי שטאַרק, אַז פשוט די מורא פאַר אָנשטעקענדע קראַנקהייטען, וועל־כע שאָנעווען ניט אפילו די „פּני", האָט אין די יאָהרען פון 1847 ביז 1864 ארויסגערופען אין לעבען ניט וועניגער ווי צעהן סאַ־ניטאַרע פּאַרלאַמענט־אַקטען, און די איבערגעשראָקענע בורזשואַזיע פון איינינע שטעדט, ווי ליווערפּול, גלאַזגאָו א. אז. וו. האָבען דורכגעפיהרט שטרענגע מיטלען דורך זייערע מוניציפּאַליטעטען.

פונדעסטוועגען זאָגט דר. סיימאָן אין זיין בעריכט פון 1865: „בכלל גערעדט, זיינען אָט די שלעכטע צושטאַנדען אין ענגלאַנד ניט אונטערוואָרפען אונטער קיין אויפזיכט." אויפ'ן בעפעהל פון דעם פּריווי־קאַונסיל איז אין 1864 פאָרגעקומען אַן אונטערזוכונג וועגען די וואוינונג־צושטאַנדען פון די לאַנד־ארבייטער און אין 1865 וועגען די וואוינונגען פון די אָרימערע קלאַסען אין די שטעדט. דר. דזשוליאַן האָנטער'ס מייסטערהאַפטע ארבייטען קאָן מען געפינען אין 7טען און 8טען בעריכט (1865) וועגען „פּאָב־ליק העלטה". צו די לאַנד־ארבייטער וועל איך קומען שפּעטער. וועגען דעם שטאָדטישען צושטאַנד פון וואוינונגען ציטיר איך בתורת הקדמה דר. סיימאָן'ס אַן אַלגעמיינע בעמערקונג: „הגם מיין אָפיציעלער שטאַנדפּונקט — זאָגט ער — איז אויסשליסליך

[115] „אין ערגעץ זיינען די רעכטען פון דער פּערזאָן ניט אַזוי אָפען און שענדליך געאָפּפערט געוואָרען צו דעם רעכט פון אייגענטום, ווי בנוגע די וואוינונגען פון דעם ארבייטער־קלאַס. יעדע שטאָדט קאָן בעטראַכט ווערען ווי א פּלאַץ פון מענשען־אָפּפערונג, א מזבח, אויף וועלכען טויזענדער ווערען יעהרליך אויסגעשלאַכטעט צו דעם מאָלאָך פון געלד־גייציגקייט." (ס. לעינג, „נאַשיאָנאַל דיסטרעס", 1844, ז. 150.)

נער און איבערלאָזען דאָס הויז אליין פאר זייערע נאָכפאָלגער אין אזא אָבגעלאָזטען צושטאנד ווי גאָר מעגליך."[120]

די דירה־געלד ווערט געצאָהלט וועכענטליך און די דאָזיגע הערן טראָגען ניט קיין ריזיקע. אלס רעזולטאט פון בויען איי־זענבאהנען אין דער שטאָדט, „האָט מען ניט לאנג צוריק געזעהן אין מזרח־טייל פון לאָנדאָן א צאָהל פאמיליען, וועלכע זיינען ארויסגעטריבען געוואָרן פון זייערע וואוינונגען, ארומוואנדערענדיג א שבת אָוונד, שלעפּענדיג זייער גאנצען האָב און גוטס אויפ'ן רוקען, און ניט געפינענדיג קיין רוה־פּלאץ א חוץ אין וואָרק־הויז."[121] די „וואָרק־האוזעס" זיינען שוין איבערגעפאקט און די „פערבע־סערונגען", וואָס דער פארלאמענט האָט שוין בעוויליגט, הויבט מען נאָך ערשט אָן איינצופיהרן. ווען די ארבייטער ווערן ארויס־געטריבען דורך דער צערשטערונג פון זייערע אלטע הייזער, פער־לאָזען זיי ניט זייער אלטען קירכען־בעצירק, אָדער העכסטענס בע־זעצען זיי זיך אזוי נאָהענט צו איהם ווי מעגליך. „זיי זוכען נאַ־טירליך צו וואוינען אזוי נאָהענט ווי מעגליך צו זייערע ארבייט־פלעצער. דער רעזולטאט איז, אז אָנשטאָט צוויי צימערן מוז א פאמיליע זיך בענוגענען מיט איין צימער. צאָהלענדיג אפילו הע־כערע דירה־געלד קריגען זיי אַן ערגערע וואוינונג איידער די שלעכ־טע, פון וואנען מען האָט זיי פערטריבען. א העלפט פון די אר־בייטער פון סטראנד מוזען צוויי מייל געהן צו־פוס צו זייער אר־בייט־פּלאץ."

אָט דערזעלביגער סטראנד, וואָס זיין הויפּט דורכפאָהר־גאס מאכט אויף א פרעמדען אַן אימפּאָזאנטען איינדרוק פון דעם רייכ־טום פון לאָנדאָן, קאָן דיענען פאר א ביישפּיעל, ווי ענג מענשען זיינען אָנגעפּאקט אין לאָנדאָן. אין איינער פון זיינע קירכע־גע־מיינדען האָט דער געזונדהייט־בעאמטער אָנגעצעהלט 581 פער־זאָן פער אקער, שוין אריינרעכענענדיג אין דעם א העלפט פון דער ברייט פון דער טהעמזע.

עס פערשטעהט זיך פון זיך אליין, אז יעדער סאניטארער מיטעל, וועלכער פעריאָגט די ארבייטער פון איין קווארטאל, ווי

---

[120] „פּובליק העלטה", 8טער ראפּארט, לאָנדאָן 1866, ז. 91.

[121] דאָרט גופא, ז. 88.

ניט איבערטריבען, ווען מען זאָגט, אז דאָס לעבען אין געוויסע טיילען פון לאָנדאָן און ניוקאסעל איז פשוט א גיהנום."[118]

דער טייל ארבייטער, וואָס געפינט זיך אין א בעסערער לאגע, צוזאמען מיט די קליינע קרעמער און אנדערע עלעמענטען פון דעם נידעריגען מיטעל־קלאַס, פאלען אין לאָנדאָן אויך ארונטער אלץ מעהר און מעהר אונטער דער קללה פון די דאָזיגע עקעלהאפטיגע וואוינונג־צושטאנדען, אין דעם ערך וואָס עס וואַקסען די „פערבעסערונגען" און צוזאמען מיט זיי דאָס ארונטעררייסען פון אלטע גאסען און הייזער, דאָס בויען פון אלץ מעהר פאבריקען און דאָס ארייןשטראָמען פון מעהר מענשען אין דער הויפטשטאָדט; און ענדליך, וואָס טייערער דאָס דירה־געלד ווערט מיט דעם שטייגען פון דער שטאָדטישער גרונד־רענטע. דירה־געלד איז געשטיגען אזוי הויך, אז ווייניג ארבייטער קאָנען בעהויפטען מעהר ווי איין צימער."[119] עס איז כמעט ניטאָ קיין לאָנדאָנער הויז־אייגענטום, וואָס דארף ניט אויסהאלטען א גאנצע צאָהל „מידדלמען" [אגענטען־פערמיטלער]. דער פרייז פון באָדען אין לאָנדאָן שטעהט אלעמאָל זעהר הויך אין פערגלייך צו זיין יעהרליכער איינקונפט, ווייל יעדער קויפער ספעקולירט צו פערקויפען איהם פריהער אָדער שפעטער פאר א „דזשורי־פרייז" (דעם פרייז וואָס געשוואָרענע בעשטימען בעת די שטאָדט עקספראָפריאירט דעם באָדען פאר איהרע צוועקען), אָדער צו קאָנען אויסשווינדלען אן אויסערגעוועהנליך הויכען פרייז, צוליעב דעם וואָס דערביי געפינט זיך עפעס א גרויס געשעפט־הויז. דער רעזולטאט דערפון איז א רעגעלמעסיגער מסחר אין איינקויפען הויז־קאָנטראקטען, וואָס זייער טערמין געהט באלד אויס. „פון די „דזשענטעלמען" אין אָט דעם געשעפט קאָן מען ניט דערווארטען זיי זאָלען האנדלען אנדערש ווי זיי האנדלען — ארויסצושלאָגען וויפיעל זיי קאָנען פון די איינוואוי־

וואס האבען קיין גלייכען ניט אין דעם לאנד, אז ערציהונג אלס מיטגליעדער פון די נעפעהרליכע קלאסען, זיצענדיג ביז האלבע נאכט מיט פערזאנען פון יעדען עלטער, האלב נאקעט, שכור, שמוציג און צאנקעריש." (ד. נ. ז. 56.)

[118] ד. נ. ז. 62

[119] 'Report of the Officer of Health of St. Martin's in the Fields." 18[illegible].

גענעהם פאַר די רייכע, קלייבען זיך די רייכע פון זיי ארויס און בעזעצען זיך אין די שעהנע פאָרשטעדט. די נאָכפאָלגער פון די דאָזיגע רייכע ציהען אריין אין די גרעסערע הייזער, א גאַנצע פאַמיליע אין יעדען צימער, אָפט נאָך האַלטענדיג „באָרדערס" [קווארטיראַנטען]. אַזוי ווערט א בעפעלקערונג אריינגעשפּארט אין הייזער, וואָס זיינען ניט בעשטימט געוואָרן פאַר איהר און זי פּאַסט ניט פאַר זיי, און דורכדעם ווערט געשאַפען אַן אומגעבונג, וועלכע איז א דערנידערונג פאַר די דערוואַקסענע און א רואינירונג פאַר די קינדער."[123]

וואָס שנעלער דער קאַפּיטאַל ווערט אַקומולירט אין א אינדוסטריעלער אָדער קאָמערציעלער שטאָדט, אַלץ שנעלער איז דער צושטראָם פון דעם עקספּלואַטירבאַרן מענשליכען מאַטעריאַל, אַלץ עלענדער זיינען די אויף־שנעל צונויפגעשטעלטע וואוינונגען פון די אַרבייטער.

ניו־קאַסל־אַן־טאַין, אַלס דער צענטער פון א קויהלען־ און אייזען־דיסטריקט, וואָס ווערט אַלץ מעהר פּראָדוקטיוו, פערנעהמט דעריבער נאָך לאָנדאָן דעם צווייטען פּלאַץ אין דעם וואוינונגס־גיהנום. ניט וועניגער ווי 34,000 מענשען וואוינען דאָרט אין איינציגע צימערן. צוליעב זייער אבסאָלוטער געפאַהר פאַר דער געמיינדע זיינען אין ניו־קאַסעל און גייטסהעד א סך הייזער ארונטערגעריסען געוואָרן ניט לאַנג צוריק דורך דער פּאָליציי. נייע הייזער ווערן געבויט זעהר לאַנגזאַם, די געשעפטען וואַקסען זעהר שנעל. די שטאָדט איז דעריבער אין 1865 געווען נאָך מעהר איבערפילט ווי ווען עס איז פריהער. עס איז כמעט קיין איינציגער צימער ניט געווען צו דינגען. דר. עמבלטאָן פון דעם ניו־קאַסעל פיעבער־ספּיטאָל זאָגט: „עס איז קיין ספק ניט, אז די אורזאַך פון דעם, וואָס דער טיפוס האַלט אַזוי לאַנג אָן און פערשפּרייט זיך אַלץ מעהר, ליעגט אין דער ענגשאַפט און אומריינליכקייט פון די מענשליכע וואוינונגען. וואָס איז שייך צו ליכט, לופט, רוים און ריינליכקייט זיינען די דאָזיגע וואוינונגען אמת'ע מושטערס פון רחקות און אומגעזונדקייט, א חרפּה פאַר יעדען ציוויליזירטען לאַנד. מענער, פרויען און קינדער ליעגען דאָרט ביי נאַכט

[123] דאָרט גופא, ז. 56,55.

עס איז ביז איצט געווען דער פאַל אין לאָנדאָן, אַרונטעררייסענ־דיג די אומגעזונטע הייזער, האָט נאָר די פּעולה, וואָס ער קוועטשט זיי צוזאַמען נאָך געדיכטער ווי פריהער אין אַנאַנדער קוואַרטאַל. „ענטוועדער מוז די גאַנצע פּראָצעדור — זאָגט דר. האָנטער — גוויסיגערווייז אָבגעשטעלט ווערן אַלס אַן אונזין, אָדער די עפענט־ליכע סימפּאַטיע (!) זאָל טיכטיג דערוועקט ווערן צו טהאָן דאָס, וואָס מען מעג איצט אָהן גוזמא אָנרופען אַ נאַציאָנאַלע פליכט: צו בעזאָרגען וואוינונגען פאַר די, וועלכע קאָנען זיך אַליין ניט פערזאָרגען, ווייל זיי האָבען ניט קיין קאַפּיטאַל, אָבער וואָלטען געקאָנט פעריאָדיש אויסצאָהלען די סומע, וואָס אַנדערע וועלען אויס־לעגען פאַר זיי."[122] די קאַפּיטאַליסטישע גערעכטיגקייט איז פּשוט צו בעוואונדערן! דער גרונד־אייגענטימער, דער אייגענטימער פון אַ הויז, דער געשעפטסמאַן, ווען ער ווערט עקספּראָפּריאירט דורך „אימפּרואוומענטס", דהיינו ווען מען לעגט אויס אַן אייזענבאַהן אָדער מען דאַרף דורכשניידען אַ גאַס א. ד. ג. — איהם איז ניט גענוג אַ פאָלשטענדיגע פערגיטיגונג. ער מוז קריגען פאַר זיין געצוואונגענער „אבסטינענץ", אין נאָמען פון גאָט און געזעץ, אַ גאַנץ געשמאַקען פּראָפּיט אַריבער און אַריבער דעם ווערטה פון זיין אייגענטום. דער אַרבייטער אָבער ווערט אַרויסגעוואָרפען מיט פרוי און קינד, האָב און גוטס אויפ'ן גאַס, און אויב ער שפּאַרט אָן אין צו־גרויסע מאַסען אין אַזוינע שטאָדט־קוואַרטאַלען, וואו די געמיינדע וויל אויפהאַלטען אַן אָנשטענדיגען אויסזעהן — ווערט ער פערפאָלגט אין נאָמען פון סאַניטאַרע פאָדערונגען!

אָנהויב 19טען יאָהרהונדערט איז אין גאַנץ ענגלאַנד ניט געווען קיין איינציגע שטאָדט אַ חוץ לאָנדאָן מיט 100,000 איינ־וואוינער. נאָר פינף שטעדט האָבען געצעהלט מעהר ווי 50,000. איצט עקזיסטירן 28 שטעדט מיט מעהר ווי 50,000 איינוואוי־נער. „דער רעזולטאַט פון אָט דער ענדערונג איז ניט נאָר אַן אונ־געהויערער וואוקס פון דער שטעדטישער בעפעלקערונג, נאָר די אַלטע געדיכט־געפּאַקטע קליינע שטעדט זיינען איצטער צענטערס, וואָס זיינען אַרומגעבויט פון אַלע זייטען און האָבען ניט קיין פרייען צוטריט פון לופט; און אַזוי ווי זיי זיינען ניט מעהר אָנ־

[122] דאָרט גופא, ז. 89.

דיג טרייבענדער „רעזערוו־אַרמעע" אָדער „רעלאַטיווער איבער־בע־
פעלקערונג." די שוידערליכע קעלער־וואוינונגען און קאמערן, וואָס
זיינען פערצייכענט געוואָרן אין א רשימה, וועלכע דר. האַנטער
האָט בעקומען פון אן אגענט פון א פערזיכערונגס־געזעלשאַפט,[126]
זיינען מעהרסטענטיילס בעוואוינט געוואָרן פון גוט־בעצאָהלטע אר־
בייטער. זיי האָבען דערקלערט, אז זיי וואָלטען גערן בעצאָהלט
פאר בעסערע וואוינונגען, ווען מען זאָל זיי נאָר קאָנען קריגען. זיי
זינקען דערווייל, ווערן איינער נאָכ'ן אנדערן קראַנק, בעת דער
מילד־ליבעראַלער פאָרסטער, מיטגליעד פון פּאַרלאַמענט, פערגיסט
טרערען איבער די גליקען פון פריי־האַנדעל און די פּראָפיטען פון
די גרויסע קעפּ פון בראַדפאָרד, וועלכע האַנדלען מיט טוך.

[126] די רשימה פון אן אגענט פון אן ארבייטער פערזיכערונגס־געזעלשאפט אין בראדפארד (ד. ג. ז. 111.):

וואולקאן סט.	נומר	122	1	צימער	16	פערזאן
לאמלעי סט.	"	13	1	"	11	"
באוער סט.	"	41	1	"	11	"
פארטלאנד סט.	"	112	1	"	10	"
הארדי סט.	"	17	1	"	10	"
נארטה סט.	"	18	1	"	16	"
נארטה סט.	"	17	1	"	13	"
ווימער סט.	"	19	1	"	8	דערוואקסענע
דזשאעט סט.	"	56	1	"	12	פערזאן
רזשארדזש סט.	"	150	1	"	3	פאמיליען
רייפל־קארט	"	11	1	"	11	פערזאן
מארשאל סט.	"	28	1	"	10	"
מארשאל סט.	"	49	3	"	3	פאמיליען
דזשארדזש סט.	"	128	1	"	18	פערזאן
דזשארדזש סט.	"	130	1	"	16	"
עדווארדס סט.	"	4	1	"	17	"
יארק סט.	"	34	1	"	2	פאמיליען
סאלט פיי סט.			2	"	26	פערזאן
רידזשענט סקווער			1	קעלער	8	"
אקר סט.			1	"	7	"
ראבערטס קארט	נומר	33	1	"	7	"
בעקפראט סט., בענוצט אלס קופערשמיד־ווערקשטאט			1	"	7	"
עבענעזער סט.	נומר	27	1	"	6	"

אַנגעוואָרפען איינע אויף די אַנדערע. די מענער פון דער נאַכט־שיכט קומען גלייך נאָך דער טאָג־שיכט און די טאָג־שיכט גלייך נאָך דער נאַכט־שיכט אין אַ שטענדיגען שטראָם, אַזוי אַז די בעטען קאָנען זיך קוים אָבקיהלען. די הייזער האָבען ניט גענוג וואסער און נאָך וועניגער קלאָזעטען; שמוציג, ניט־ווענטעלירט, פערפעס־טעט."[124] דער וואָכען־פרייז פון אַזוינע לעגער גרייכט פון 8 פענס ביז 3 שילינג. „ניו־קאסל־אָן־טאַין, זאָגט דר. האָנטער, בעווייזט אַ ביישפּיעל פון איינעם פון די שעהנסטע שטאַמען פון אונזערע לאַנדסלייט, וועלכער דורך די אויסערליכע אומשטאַנ־דען פון הויז און גאַס, ווערט אָפטמאָל פערזונקען אין אַ כמעט־באַרבאַרישער דעגראַדאַציע."[125]

אַלס רעזולטאַט פון דעם וואַרפען זיך אַהין און אַהער פון קאַפּיטאַל און ארבייט, קאָן דער צושטאַנד פון די וואוינונגען אין אַ אינדוסטריעלער שטאָדט היינט זיין דערטרעגליך און מאָרגען ווידער ווערן אָבשייליך. היינט האָבען די שטאָדטישע בעאַמטע, וואָס זיינען ממונה אויף געביידען, זיך מיט אַמאָל מישב געוועזן אָבצושאַפען די ערגסטע מיסבראויכונגען. מאָרגען וואַנדערט אריין, ווי אַ מחנה היישעריקען, אַ כאַלאַסטרע אָבגעריסענע אירלענדער אָדער געזונקענע ענגלישע ערד־ארבייטער. מען שטופּט זיי אריין אין קעלערן און שטאַלען אָדער מען פערוואַנדעלט אַן אָנשטענדיג ארבייטער־הויז אין אַ לאָזשיע־הויז, וואו דער פּערסאָנאַל בייט זיך אַזוי שנעל ווי די איינקוואַרטירונג פון די סאָלדאַטען אין דער צייט פון דעם 30־יאָהריגען קריעג. מיר'ן נעהמען אַ ביישפּיעל: בראַדפאָרד. די בעלי בתים (געמיינדע־פּיליסטער) זיינען דאָרט פונקט געוועזן פערנומען מיט שטאָדטישע רעפאָרמען. דערצו זיי־נען אין 1861 געוועזן אין בראַדפאָרד 1751 ניט־בעוואוינטע היי־זער. מיט אַמאָל איז אָנגעקומען אַן אויפלעבונג פון די געשעפ־טען, וועגען וועלכער דער מילד־ליבעראַלער נעגער־פריינד הערר פאָרסטער האָט זיך אַזוי שעהן צעקרעהט גאָר ניט לאַנג צוריק. מיט דער אויפלעבונג פון געשעפט איז, פערשטעהט זיך, גע־קומען אַן איבערפלייצונג פון די כוואַליעס פון דער שטענ־

[124] דאָרט גופא, ז. 149.

[125] דאָרט גופא, ז. 50.

בעדערפעבישען, באלד אויף דעם פונקט, באלד אויף יענעם. ווען זיי זיינען ניט אויפ'ן מארש, שטעהען זיי אין לאגער. די וואנ־דער־ארבייט ווערט פערברויכט פאר פערשיידענע בוי־אפעראציעס, קאנאליזירונגען, מאכען ציעגעל, ברענען קאלך, בויען אייזענבאה־נען א. אז. וו. א פליהענדע ראטע פון מגפות — ברענגט זי אין די ערטער, ארום וועלכע זי מאכט איהר לאגער, פאקען, טיפוס, כאלעריע, סקארלאטין א. אז. וו.[129] ביי אונטערנעהמונגען, וואו עס פאדערט זיך א בעדייטענדער אויסלעג פון קאפיטאל, ווי ביי בויען אייזענבאהנען, פערשאפט דאס רוב דער אונטערנעהמער אליין פאר זיין ארמעע הילצערנע הייזלאך און דערגלייכען, אויפ־שטעלענדיג אט אזוי גאנצע דערפער, אהן וועלכע עס איז סאני־טארע בעזארגונגען און וואס האבען ניט קיין אויפזיכט איבער זיך פון די לאקאלע בעהערדען. דער הערר אונטערנעהמער מאכט דערביי א גוטען פראפיט, עקספלואטירענדיג זיי דאפעלט, אלס אינדוסטריע־סאלדאטען און אלס טענאנטס [שכנים]. וויפיעל לעכער אזא הייזעל האט, אזויפיעל שילינג א וואך דארף צאהלען דער שכן, ערד־גראבער אדער וואס ער איז דארטען.[130]

איין ביישפיעל וועט זיין גענוג. אין סעפטעמבער 1864, בעריכטעט דר. סיימאן, האט דער פארזיצענדער פון דער „ניוסענס רעמואוול קאמיטע" [קאמיטעט צו בעזייטיגען אומשטענדען, וואס זיינען שעדליך פאר'ן געזונד] פון דעם קירכען־בעצירק פון סע־ווענאוקס געשיקט די פאלגענדע קלאגע צו דעם מיניסטער דעם אינערן, סער דזשארדזש גרעי: „פאקען זיינען ביז אן ערך א יאהר צוריק געווען א גאנץ אונבעקאנטע קראנקהייט אין אונזער בעצירק. א קורצע צייט פריהער האט מען דא אנגעהויבען בויען אן אייזענבאהן פון ליואישאם צו טונברידזש. א חוץ דעם, וואס די הויפט־ארבייטען ווערן געטאן אין דער נאהענטער נאכבארשאפט פון שטאדט, איז דא אויך אויפגעבויט געווארן די הויפט־דעפא פון דעם גאנצען ווערק, און פאלגליך ווערן דא בעשעפטיגט א גרויסע צאהל פערזאנען. אזוי ווי עס איז ניט געווען מעגליך אויפ־צובויען פאר זיי אלעמען קיין קאטארזשעס, האט דער אונטער־

[129] „פאבליק העלטה", 7טער ראפארט, לאנדאן 1865, ז. 18.

[130] דארט גופא, ז. 165.

אין דעם בעריכט פון 5טען סעפּטעמבער 1865 דערקלערט דר. בעלל, איינער פון די דאָקטוירים פאר די אָרימע, אז די שרעקליכע שטערבליכקייט פון די פיעבער־קראַנקע אין זיין בעצירק קומט פון דעם צושטאַנד פון זייערע וואוינונגען. „אין איין קעלער פון 1,500 קוביק פוס וואוינען 10 פּערזאָן. . . . די ווינסענט סט., גרין עיר פּליים און דהי לעיז ענטהאַלטען 223 הייזער מיט 1450 איינוואוינער, 435 בעטען און 36 קלאָזעטען. . . . די בעטען — און אונטער דעם וואָרט פערשטעה איך יעדען פּאַק שמוציגע שמאַטעס אָדער קופּע סטרוזשקעס (הובעל־שפּענער) — האַלטען יעדע א דורכשניט פון 3.3 פּערזאָנען, איינינגע צו 5 און 6 פּערזאָן. א סך שלאָפען אָהן א בעט אויפ'ן היילען באָדען אין די זאכען, יונגע מענער און פרויען, פערהייראַטע און ניט־פערהייראַטע, אלע צונויפגעוואָרפען אינאיינעם. עס איז איבעריג נאָך צוצולעגען, אז א סך פון אָט די וואוינונגען זיינען פינסטערע, נאַסע, שמוציגע און פער'עיפּוש'טע לעכער, וואָס זיינען אבסאָלוט ניט פּאַסיג פאר מענשליכע וואוינונגען. זיי זיינען די צענטערס פון וואַנען עס ווערן פערשפּרייט קראַנקהייטען און טויט אויך צווישען די, וואָס געפינען זיך אין בעסערע אומשטענדען, און וועלכע דערלאָזען אָט די פערפּעסטעטע געשווירען צו אייטערן אין אונזער מיטען."[127]

בריסטאָל פערנעהמט דעם דריטען פּלאַץ נאָך לאָנדאָן אין דעם עלענד פון איהרע וואוינונגען. „דאָ, אין איינער פון די רייכסטע שטעדט פון אייראָפּאַ — אַזויפיעל ווייסטע אָרימקייט און הויזליכער עלענד."[128]

ג) דאָס וואַנדער־פאָלק. די מינען־אַרבייטער.

מיר קומען איצט צו א טייל מענשען, וואָס זייער אורשפּרונג איז פון דאָרפישער ערד־ארבייט, אָבער זייער בעשעפטיגונג איז אין א גרויסען טייל אינדוסטריעל. זיי זיינען די לייכטע אינפאַנטעריע פון קאַפּיטאַל, וועלכער וואַרפט זיי אַרום, לויט זיינע

[127] דאָרט גופא, ז. 144.
[128] דאָרט גופא, ז. 50.

אַפּריל ביז דעם 1טען סעפּטעמבער פון היינטיגען יאָהר זיינען פאַרגעקומען ניט ווענינער ווי 10 טויט־פאַלען פון פּאָקען, 4 אין די דערמאָנטע הייזלאך, די קוואַלען פון דער מגפה. עס איז אונ־מעגליך אָנצוגעבען די ריכטיגע צאָהל פון די קראַנקהייט־פאַלען, וואָרום די געטראָפענע פאַמיליען האַלטען די פאַקטען אַזוי געהיים ווי מעגליך."[131]

די ארבייטער אין קויהלען־ און אנדערע מינען געהערען צו די בעסט־בעצאָהלטע קאַטעגאָריען פון דעם בריטישען פּראָלעטאַריאַט. וואָס פאַר א פּרייז זיי בעצאָהלען פאַר זייער לוין, איז בעוויזען געוואָרן אין א פריהערדיגען פּלאַץ.[132] איך ווארף דאָ א שנעלען בליק אויף דעם צושטאַנד פון זייערע וואוינונגען. בדרך כלל בויט אויף דער עקספּלואַטירער פון דער מינע, סיי ער איז דער אייגענ־טימער, סיי א קאָנטראַקטאָר, א געוויסע צאָהל קאַטעדזשעס פאַר זיינע „הענט". זיי בעקומען די קאַטעדזשעס און קויהלען זיי צו בעהייצען „אומזיסט", ד. ה. מען צאָהלט זיי א טייל פון זייער לוין „אין נאַטורא" [ניט מיט געלד, נאָר מיט געברויך־זאַכען]. די, וואָס בענוצען זיך ניט מיט די דאָזיגע וואוינונגען, קריגען אָנשטאָט דעם 4 פונט סט. א יאָהר. די מינען־דיסטריקטען ציהען שנעל צו א גרויסע בעפעלקערונג, וואָס בעשטעהט ערשטענס פון די מי־נען־ארבייטער גופא און פון פערשיידענע בעל־מלאכות, קרעמער, א. אז. וו., וועלכע גרופּירן זיך ארום זיי. די באָדען־רענטע איז

[131] דאָרט גופא, ז. 18, נאָטע. דער אויפזעהער אויף די אָרימע פון דער שאַפּען־עין־לע־פריט יוניאָן (אין דערבישיר) האָט בעריכטעט צו דעם רע־גיסטראַר זשענעראַל ווי פאָלגט: „אין דאָוועהאָלז האָט מען געמאַכט א צאָהל קליינע אויסהעהלונגען אין א גרויסען בערגעל פון קאַלך־אַש. אַט די גריבער האָבען געדיענט אַלס וואוינונגען פאַר די ארבייטער און אַנדערע, וואָס זיי־נען בעשעפטיגט ביים בויען די אייזענבאַהנען. די גריבער זיינען ענג, פייכט, האָבען ניט קיין אָבצוג פאַר אומריינקייטען און קיינע קלאָזעטען. זיי האָבען ניט קיין שום ווענטילאַציע, א חוץ א לאָך פון אויבען, וועלכע דיענט אויף פאַר א קוימען. עס בושעוועט די פּאָקען־מגפה, וועלכע האָט שוין פעראור־זאַכט פיעלע טויטען־פאַלען." (דאָרט גופא, נאָטע 2.)

[132] די איינצעלהייטען, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן סוף 4טען אָב־טייל, בעציהען זיך ספּעציעל אויף די קויהלען־מינען ארבייטער. וועגען דעם נאָך־ערגערן צושטאַנד אין די מעטאַל־מינען, זעה דעם געוויסענהאַפטען בעריכט פון דער ראָיאַל קאָמישאַן פון 1864.

נעהמער, הערר דזשיי, צונויפגעשלאָגען הייזלעך, אין פערשיידענע פּונקטען אויף דער גאַנצער לענג פון דער באהן־ליניע, פאַר זיינע ארבייטער צו וואוינען. די דאָזיגע הייזלאך האָבען ניט געהאט קיין ווענטילאציע, ניט קיין אָבצוג־רעהרען און זיינען אַ חוץ דעם נויטיגערווייז איבערפילט, ווייל יעדער שכן האָט געמוזט אויפנעהמען אנדערע לאָזשירער, אפילו ווען זיין אייגענע פאמיליע איז אַ גרויסע, און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אזא הייזעל האָט ניט מעהר ווי צוויי צימערן. לויט דעם ערצטליכען בעריכט, וואָס מיר האָבען בעקומען, איז דער רעזולטאַט געווען, אַז די דאָזיגע אָרימע מענשען האָבען ביי נאכט געמוזט אויסשטעהן אַלע ליידען פון דערשטיקונג, כדי אויסצומיידען דעם פערפעסטעטען געשטאנק פון די שמוציגע שטעהענדע וואסערן און פון די קלאָזעטען הארט אונטער זייערע פענסטער. ענדליך זיינען צו אונז אָנגעקומען קלאַגען פון אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט געהאט די געלעגענהייט צו בעזוכען די דאָזיגע הייזלאך. ער האָט גערעדט וועגען דעם צו־שטאנד פון די דאָזיגע אזוי־גערופענע וואוינונגען אין די ביטערסטע אויסדרוקען און האָט שטארק מורא פאַר זעהר ערנסטע פאָלגען, אין פאַל אויב עס וועלען ניט אָנגענומען ווערן אייניגע סאניטארע מיטלען. אַן ערך אַ יאָהר צוריק האָט דער הערר דזשיי פערשפּראָ־כען אויסצובויען אַ הויז, וואו עס זאָלען אריבערגעפיהרט ווערן אזוינע פערזאָנען פון די, וואָס ער בעשעפטיגט, צווישען וועלכע עס ברעכען אויס אָנשטעקענדע קראנקהייטען. ער האָט ווידער־האָלט דאָס דאָזיגע פערשפּרעכען סוף לעצטען יולי, ער האָט אָבער ניט געמאכט דעם קלענסטען שריט דאָס דורכצופיהרן, אָבוואויל עס זיינען זינט יענעם דאטום פאָרגעקומען פערשיידענע פאַלען פון פּאָקען מיט צוויי טויט־פאַלען. דעם 9טען סעפּטעמבער האָט מיר דר. קעלסאָן בעריכטעט ווייטערע פאַלען פון פּאָקען אין דיזעלביגע הייזלאך, און האָט בעשריבען זייער צושטאנד אַלס העכסט אָבשייליך. פאַר אייער (דעם מיניסטער׳ס) אינפאָרמאציע מוז איך צולעגען, אַז אונזער קהלה האָט אַ הויז, דער אזוי־גערופענער הקדש, וואו די מיטגליעדער, וועלכע ליידען אויף אָנשטעקענדע קראנק־הייטען ווערן בעהאנדעלט. דאָס דאָזיגע הויז איז איצטער זינט עטליכע חדשים שטענדיג איבערפילט. אין איין פאמיליע זיינען 5 קינדער געשטאָרבען פון פּאָקען און פיעבער. פון דעם 1טען

אזוי ווי bondage, וואס שטאמט פון דער צייט פון לייבאייגנער שאפט) צום קאנטראקטאר אדער אייגענטימער פון די מינען אויף 12 חדשים. ווען זיי דריקען אויס זייער אומצופרידענהייט אדער בעלעסטיגען אויף א וועלכען עס איז אופן דעם אויפזועהער, מאכט ער א צייכען אדער א בעמערקונג אנטקעגען זייער נאמען אין דעם אויפזיכט־בוך און זיי ווערן אבגעזאגט פון דער ארבייט, בעת עס קומט צו דער יעהרליכער נייער „בינדונג". . . . מיר דאכט, אז קיין טייל פון דעם „טראק־סיסטעם" קאן ניט זיין ערגער, איידער דער וואס הערשט אין אט די גערדיכט־בעפעלקערטע דיסטריקטען. דער ארבייטער איז געצוואונגען צו נעהמען אלס א טייל פון זיין לוין א הויז, וואס איז ארומגערינגעלט מיט פערפעסטעטע איינפלוסען; ער קאן זיך ניט העלפען. ער איז אין יעדער הינזיכט א לייבאייגענער. עס איז צווייפעלהאפטיג צי ווער עס איז קאן איהם העלפען א חוץ זיין אייגענטימער, אבער זיין אייגענטימער איז זיך צוערשט מישב מיט זיין באלאנס־קאנטא, און מען קאן זיין זיכער, וואס דער רעזולטאט וועט זיין. דער ארבייטער קריגט אויך אפט וואסער צוגעשטעלט פון דעם אייגענטימער, און צי דאס וואסער איז גוט, צי שלעכט, ער מוז צאהלען פאר דעם, אדער ריכטיגער מוז זיך לאזען מען זאל איהם ארונטערציהען פאר דעם פון זיין לוין."[184]

ווען קאפיטאל קומט אין קאנפליקט מיט דער „עפענטליכער מיינונג" אדער אפילו מיט דער געזונדהייט־פאליציי, זשעני‎רט ער זיך גאר ניט צו „רעכטפערטיגען" די טיילווייז געפעהרליכע און טיילווייז דערנידעריגענדע אומשטענדען, אין וועלכע ער שטעלט דעם ארבייטער'ס פונקציע און הויזליך לעבען, פשוט דערמיט וואס עס איז נויטיג, כדי איהם צו עקספלואטירן מיט מעהר פראפיט. אזוי איז דאס, ווען ער ענטזאגט זיך איינצופיהרן בעשיצענדע מיטלען אנטקעגען געפעהרליכע מאשינעריע אין פאבריק, ווענטילאציע און זיכערהייט־מיטלען אין די מינען א. אז. וו. און אזוי אויך דא בנוגע די וואוינונגען פון די מינען־ארבייטער.

דר. סיימאן, דער ערצטליכער בעאמטער פון דעם פריווי קאונסיל זאגט אין זיין אפיציעלען בעריכט: „אלס ענטשולדיגונג פאר

---

184 דארט גופא, ז. 515, 517.

דאַ הויך, ווי אומעטום וואו די בעפעלקערונג איז געדריכט. דער מינען־קאַנטראַקטאָר זוכט דעריבער אַרויפצושטעלען אויף דעם קלענסטען שטח, וואָס נאָר מעגליך, ביים מויל פון די מינען, אַזוי־פיעל קאַטעדזשעס וויפיעל ער האָט נויטיג צונויפצופּאַקען זיינע „הענט" מיט זייערע פאַמיליען. ווען עס עפענען זיך נייע מינען אין דער נאָכבאַרשאַפט, אָדער מען הויבט ווידער אָן צו אַרביי־טען אין אַלטע מינען, ווערט די ענגשאַפט גרעסער. ביי דעם בויען די קאַטעדזשעס הערשט נאָר איין שטאַנד־פּונקט — דעם קאַפּיטאַליסט'ס „אַבסטינענץ" („ענטזאַגונג") פון וועלכע עס איז אויסגאַבען פון מזומן, וואָס זיינען ניט אַבסאָלוט אונפערמיידליך.

„די וואוינונגען פון די מינען־אַרבייטער און אַנדערע אַרביי־טער, וואָס זיינען פערבונדען מיט די מינען פון נאָרטהומבערלאַנד און דורהאַם, זאָגט דר. דזשוליאַן האַנטער, זיינען אפשר די ערג־סטע און די טייערסטע, וואָס מען קאָן געפינען אין גרויסע צאָה־לען אין ענגלאַנד, מיט דער אויסנאַהם פון ähnliche דיסטריקטען אין מאָנמוטהשיר. די אויסערגעוועהנליכע שלעכטקייט בעשטעהט אין דער גרויסער צאָהל מענשען, וואָס געפינען זיך אין איין צי־מער, אין דער ענגקייט פון'ם פּלאַץ, אויף וועלכען א גרויסע מאַסע הייזער ווערן אָנגעשטעלט, אין דעם מאַנגעל אין וואַסער, די אָב־וועזענהייט פון קלאָזעטען, און אין דער אָפטער מעטאָדע אַרויפצו־שטעלען איין הויז אויף דאָס אַנדערע אָדער איינטיילען זיי אין „פלאַטס" [ד. ה. בויען איין שטאָק אויף דעם אַנדערן, ווי צ. ב. ש. די ניו יאָרקער אַלטע „טענעמענט"־הייזער]. . . . דער קאָנטראַק־טאָר בעהאַנדעלט די גאַנצע קאָלאָניע, ווי זי וואָלט זיך אויפגע־האַלטען אין א צייטווייליגען לאַגער, ניט ווי אין א בעשטענדיגער דירה."[133]

„פאָלגענדיג מיינע אינסטרוקציעס — זאָגט דר. סטיווענס — האָב איך בעזוכט די מערהסטע גרויסע מינען־דערפער פון דעם דורהאַם יוניאָן. . . . מען קאָן וועגען זיי אַלעמען זאָגען, מיט גאָר ווייניג אויסנאַהמען, אַז עס ווערט אין זיי ניט גענומען קיין איינ־ציגער מיטעל צו פערזיכערן די געזונדהייט פון די איינוואוינער. . . . אַלע מינען־אַרבייטער זיינען געבונדען ("bound") — אַ אויסדרוק

[133] דאָרט גופא, ז. 180, 182.

האנדעל, וואָרים ער ווייס גאַנץ גוט, אַז אויב יענעמס תביעות זיינען אַריבער דער מאָס, וועלען די פּאַלגען ניט פאַלען אויף איהם, אַז די ארבייטער, אויף וועמען זיי פאַלען, זיינען צופיעל אונוויסענד צו פערשטעהן זייערע סאַניטאַרע רעכטען, און אַז די עקעלהאַפ־טעסטע וואוינונגען און דאָס שמוציגסטע טרינק־וואסער וועלען זיי קיינמאָל ניט בעוועגען ארויסצוגעהן אין סטרייק."[135]

ד) די ווירקונג פון קריזיסען אויף דעם בעסט־בעצאָהלטען טייל פון דעם ארבייטער־קלאַס.

איידער איך וועל איבערגעהן צו די ריכטיגע אגריקולטור־אר־בייטער, וויל איך נאָך ווייזען דורך איין ביישפּיעל, ווי אַזוי די קריזיסען ווירקען אַפּילו אויף דעם בעסט־בעצאָהלטען טייל פון דעם ארבייטער־קלאַס, אויף זיין אריסטאָקראַטיע. מען קאָן זיך עראינערן, אַז דאָס יאָהר 1857 האָט געבראַכט איינעם פון די גרויסע קריזיסען, מיט וועלכע דער אינדוסטריעלער ציקל ענדיגט זיך יעדעס מאָל. דער נעקסטער טערמין, ווען אַ קריזיס האָט געדאַרפט קומען, איז געוועזען אין 1866. אַזוי ווי אין די איי־גענטליכע פאַבריק־דיסטריקטען האָט ער זיך שוין געלאָזט פיהלען פון פריהער דורך דער באַוועל־נויט, וואָס האָט געטריבען אַ סך קאַפּיטאַל פון די געוועהנליכע איינלעג־ספערען אין די גרויסע צענ־טערס פון'ם געלד־מאַרק, האָט דער קריזיס דאָס מאָל אָנגענומען מעהרער אַ פינאַנציעלען כאַראַקטער. זיין אויסבראָך אין מאַי 1866 איז אָנגעקינדיגט געוואָרן דורך דעם באַנקראָט פון אַ ריע־זיגער לאָנדאָנער באַנק, וועלכער האָט נאָכגעשלעפּט נאָך זיך דעם צוזאַמענשטורץ פון זעהר פיעלע פינאַנציעלע שווינדעל־געשעפטען. איינער פון די גרויסע לאָנדאָנער געשעפט־צווייגען, וועלכער איז געטראָפען געוואָרן פון דער קאַטאַסטראָפע, איז געוועזען דער איי־זערנער שיפען־בוי. די גרעסטע געשעפט־הייזער פון אָט דעם אינדוסטריע־צווייג האָבען ניט נאָר איבער־פּראָדוצירט אַריבער יעדער מאָס אין משך פון דער טומעלדיגער צייט, נאָר זיי האָבען

---

[135] דאָרט גופא, ז. 16.

אַט דער צרה'דיגער הויז־איינריכטונג ווערט אַנגעגעבען דער תירוץ, אַז די מינען ווערן געוועהנליך עקספּלואַטירט דורך קאָנטראַקטאָרס, אַז דער דויער פון דעם קאָנטראַקט איז צו־קורץ (אין די קויהלען־מינען ווערן קאָנטראַקטען געמאַכט געוועהנליך אויף 21 יאָהר), דעם קאָנטראַקטאָר זאָל זיך לוינען צו געבען גוט־געבויטע הייזער פאַר זיינע ארבייטער, די האַנדעלס־לייט און אנדערע, וועלכע די אונטערנעהמונג ציהט־צו; און אז אויב אפילו ער וואָלט שוין מרוצה געווען צו האנדלען ליבעראל אין דעם ענין, וואָלט זיין גוטע כונה בטל געוואָרן דורך דעם גרונד־אייגענטימער. דער דאָזיגער גרונד־אייגענטימער האָט א טבע גלייך צו פערלאַנגען אן אויסערגעוועהנליך־הויכע הוספה אויף דער רענט פאַר דעם פּריווילעגיום אויפצובויען אן אנשטענדיגען און בעקוועמען דאָרף אויף דער אויבערפלעך, וואו עס זאָלען קאָנען וואוינען די, וואָס בעארבייטען דאָס אייגענטום אונטער דער ערד. אָט דער פּרייז, וואָס פערבאָט יעדע פערבעסערונג (אויב ניט גאָר א דירעקטער פערבאָט), שרעקט אויך אָב אנדערע, וועלכע וואָלטען געוואָלט בויען. . . . איך וויל דאָ ניט אונטערזוכען, וואָס פאַר א ווערטה די דאָזיגע ענטשולדיגונג האָט; אויך ניט, אויף וועמען אין לעצטער ליניע עס וואָלטען געפאַלען די עקסטרא אויסגאַבען פאַר אנשטענדיגע וואוינונגען — אויף די גרונד־אייגענטימער, די מינען־קאָנטראַקטאָרס, די ארבייטער אָדער אויף'ן פּובליקום . . . אָבער נעהמענדיג אין בעטראַכט די שענדליכע פאַקטען, וואָס ווערן אָנגעגעבען אין די דערביי־צוגעלעגטע בעריכטען (פון דר. סטיווענס, א. א.), מוז אָנגעווענדעט ווערן א וועלכער עס איז הייל־מיטעל. . . . די רעכטען פון גרונד־אייגענטום ווערן דאָ אויף דעם אופן בענוצט, כדי צו בעגעהן א גרויס עפענטליך אומרעכט. דער האר פון'ם גרונד און באָדען אין זיין אייגענשאַפט אלס מינען־אייגענטימער לאַדעט איין א אינדוסטריעלע קאָלאָניע צו ארבייטען אויף זיין נחלה, און דערנאָך, אין זיין אייגענשאַפט אלס אייגענטימער פון דער גרונד־אויבערפלעך, מאַכט ער אונמעגליך פאַר די ארבייטער וועלכע ער האָט צונויפגעזאַמעלט, צו געפינען די פּאַסענדע וואוינונגען וואו זיי מוזען לעבען. דער מינען־קאָנטראַקטאָר (דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַטאָר) האָט ניט קיין געלד־אינטערעס צו שטעלען זיך אנטקעגען אָט דער פאַנאַנדערטיילונג פון דעם

דער הויף איז א גרויסער פיער־עקיגער פלאץ בעשיצט פון א דאך, וואס לויפט ארום זיינע ווענט. גרויסע קופעס שנעע האבען בע־דעקט די פלאסטער־שטיינער אין מיטען פון הויף. דא אין מיטען זיינען געווען קליינע אבגעצוימטע פלעצער, אזוי ווי אפענע שעפ־סען־שטעלכלעך, אין וועלכע מענער ארבייטען ווען דער וועטער איז שעהנער. אין דעם טאג פון מיין בעזוך זיינען די שטעלכלעך געווען אזוי פערשנעעט, אז קיינער האט אין זיי ניט געקענט זיצען. פונדעסטוועגען זיינען מענשען געווען בעשעפטיגט אין דעם דאך־בעדעקטען פלאץ מיט האקען פלאסטער־שטיינער אויף שאסעע־שטיינדלעך. יעדערער פון זיי איז געזעסען אויף א גרויסען פלאס־טער־שטיין און האט געקלאפט מיט א שווערן האמער אויף דעם פערפראָרענעם גראניט ביז ער האט אנגעהאקט פינף בושעל שטיינד־לעך. דאס האט געהייסען א טאג ארבייט און ער האט דערפאר בעקומען 3 פענס און א בילעט אויף ברויט. אין אנאנדער טייל פון הויף איז געשטאנען א קליינע הילצערנע חורבה. עפענענדיג די טיר האבען מיר געפונען, אז זי איז געווען פול מיט מענשען, אנגעשפארט שולטער אויף שולטער, כדי צו ווארעמען זיך איי־נער פון דעם אנדערן. זיי האבען געצופט פאקולעס און גע'בריה'ט זיך צווישען זיך, ווער פון זיי וועט קאנען לענגער ארבייטען מיט דאס ביסעל נאהרונג וואס זיי האבען געקריגען — ווארים קאנען אויסהאלטען איז געווען אן עהרענזאך. אין אט דעם איין ווארק־הויז אליין האבען 7000 בעקומען אונטערשטיצונג, צווישען זיי פיעלע הונדערטער, וועלכע האבען מיט 6 אדער 8 מאנאט פריהער פערדיענט די העכסטע לוינען, וואס האט זיך געצאהלט דא אין לאנד צו פעהיגע בעל־מלאכות. זייער צאהל וואלט געווען מעהר ווי נאך אמאל אזוי גרויס, ווען עס וואלטען ניט געווען א סך, וואס האבען זיך ענטזאגט צו נעהמען שטיצע אפילו נאכדעם ווי זיי האבען שוין פערצעהרט יעדע אבגעשפארטע פעני, כל זמן זיי האבען נאך געהאט וואס־עס־איז צו פערזעצען. . . .

אוועקגעהענדיג פון ווארק־הויז, האב איך געמאכט א שפאציר דורך די גאסען, מעהרסטענטיילס בעבויט מיט איינשטאקיגע הייז־לאך, וועלכע זיינען אזוי צאהלרייך אין פאפלאר. מיין פיהרער איז געווען א מיטגליעד פון דעם קאמיטעט פאר ארבייטלאזע. דאס ערשטע הויז, וואו מיר זיינען אריינגעקומען, איז געווען אן

אַ חוץ דעם אַנגענומען אונגעהויערע ליפערונג־קאָנטראַקטען, ספּעקולירענדיג, אַז די קרעדיט־קוואַלען וועלען אויך ווייטער פליסען אין אַזאַ שפע ווי פריהער. איצט האָט אריינגעטראָטען אַ שרעקליכע רעאַקציע, וועלכע האַלט נאָך אָן עד היום, ענגרע מערץ 1867, אויך אין אַנדערע לאָנדאָנער אינדוסטריען.[186]

כדי צו כאַראַקטעריזירן די לאַגע פון די אַרבייטער, ציטיר איך די פאָלגענדע שטעלע פון דעם אויספיהרליכען בעריכט פון אַ קאָרעספּאָנדענט פון „מאָרנינג סטאַר", וועלכער האָט בעזוכט אָנהויב 1867 די הויפּט צענטערס פון עלענד. „אין די איסט־ענד דיסטריקטען פון פּאָפּלאַר, מילוואַל, גריניטש, דעפּטפאָרד, ליימהויז, און קאַנינג־טאַון געפינען זיך מינדעסטענס 15,000 אַרבייטער מיט זייערע פאַמיליען אין אַ צושטאַנד פון שרעקליכער נויט, צווישען זיי זיינען אַריבער 3000 פעהיגע האַנדווערקער. די זעקס אָדער אַכט־מאָנאַטדיגע אַרבייטלאָזיגקייט האָט אינגאַנצען אויסגעשעפּט זייערע רעזערוו־פאָנדען. . . . איך האָב געהאַט גרויסע שוועריגקייטען צוצוקומען צום טויער פון „וואָרק־הויז" (אין פּאָפּלאַר), וואָרים ער איז געווען בעלאַגערט פון אַ הונגעריגען המון. דער עולם האָט געוואַרט אויף ברויט־אָנווייזונגען, די צייט איז אָבער נאָך ניט געווען געקומען אויסצוטיילען די קאַרטען.

[186] „מאַסענהאַפטע פערהונגערונג פון די לאָנדאָנער אָרימע לייט! . . . אין די לעצטע טעג זיינען די לאָנדאָנער מויערן געווען אויסגעקלעבט מיט גרויסע פּלאַקאַטען, וועלכע האָבען ענטהאַלטען די פאָלגענדע מערקווירדיגע ווערטער: „פעטע אָקסען! הונגער שטאַרבענדע מענשען! די פעטע אָקסען זיינען אַוועק פון זייערע גלעזערנע פּאַלאַצען אַבצוקאָרמען די רייכע אין זייערע לוקסוס־וואָינונגען, בעת די פערהונגערענדע מענשען פוילען און שטאַרבען אין זייערע טרויעריגע גריבער." די פּלאַקאַטען מיט אָט דער שרעקאַנזאַגענדער אויפשריפט ווערן שטענדיג בענייעט. ווי נאָר איינע ווערט אַרונטערגעריסען אָדער פערשמירט, בעוויזט זיך גלייך אַ נייע אויף דעמזעלבינגען פּלאַץ אָדער אויף אַנאַנדער פונקט אַזאַ עפענטליכען פּלאַץ. . . . דאָס דערמאָנט אָן די געהיימע רעוואָלוציאָנערע געזעלשאַפטען, וועלכע האָבען פּאַרגעברייט דאָס פראַנצויזישע פאָלק פאַר די פאַסירונגען פון 1789. . . . אין אָט דער מינוט, בעת ענגלישע אַרבייטער מיט זייערע ווייבער און קינדער שטאַרבען פון הונגער און קעלט, ווערן מיליאָנען ענגליש געלד — דער פּראָדוקט פון ענגלישער אַרבייט — אריינגעלעגט אין רוסישע, שפּאַנישע, איטאַליענישע און אַנדערע פרעמדע אַנלייהען." (Reynolds' Newspaper," 20 Jan. 1678)

אין שילינגס, ביז די לעצטע פּעני איז אַרויסגעצויגען געוואָרן און דאָס באַנק־ביכעל האָט מעהר ניט געהאַט קיין ווערטה ווי אַ לע־דיג שטיקעל פּאַפּיער. די דאָזיגע פאַמיליע האָט געקריגען פון וואָרק־הויז איין אָרימען מאָהלצייט אַ טאָג. . . . אונזער נעקסטער וויזיט איז געווען צו אַ פרוי פון אַן אירלענדער, וועלכער האָט פריהער געאַרבייט ביי בויען שיפען. מיר האָבען זי געפונען אַ קראַנקע פון ניט דערעסען, ליגענדיג אין די קליידער אויף אַ הויי־לען מאַטראַץ, האַלב צוגעדעקט מיט אַן אַלט שטיקעל טעפּיך, דען די גאַנצע בעט־צייג איז געווען פערזעצט. צוויי עלענדע קינדער האָבען אויף איהר אויפגעפּאַסט, וועלכע האָבען אויסגעזעהן ווי זיי נויטיגען זיך אַליין אין פלעגע. 19 וואָכען אָהן אַרבייט האָט זיי געבראַכט צו אָט דער לאַגע, און בעת זי האָט אונז דערצעהלט די געשיכטע פון איהר ביטערער פערגאַנגענהייט, האָט זי אַזוי געקרעכצט, ווי איהר יעדע האָפנונג אויף אַ בעסערער צוקונפט וואָלט געווען פערלאָרען. . . . אַרויסגעהענדיג פון דעם הויז איז צו אונז צוגעלאָפען אַ יונגער מאַן און אונז געבעטען אַריינגעהן אין זיין הויז און זעהן צי מען קאָן וואָס עס איז טהאָן פאַר איהם. אַ יונגע פרוי, צוויי שעהנע קינדער, אַ הויפען משכנות־צעטלעך און אַ לעדיג צימער איז געווען אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אונז צו צייגען."

וועגען די נאָכוועהען פון דעם קריזיס פון 1866 — דער פאָלגענדער אויסצוג פון אַ טאָרי'שער [קאָנסערוואַטיווער] צייטונג. מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז דער איסט־ענד, דער מזרח־טייל פון לאָנדאָן, וועגען וועלכען דאָ האַנדעלט זיך, איז ניט נאָר אַ צענטער פון אַרבייטער, וואָס זיינען בעשעפטיגט ביים בויען אייזערנע שיפען און ביי אַנדערע צווייגען פון דער גרויס־אינדוס־טריע, נאָר אויך אַ צענטער פון דער אַזוי־גערופענער הויז־אַר־בייט, וועלכע ווערט שטענדיג בעצאָהלט אונטער דעם מיניסום. „אַ שרעקליך בילד איז נעכטען געווען צו זעהן אין איין טייל פון אונזער הויפּטשטאָדט. אָבוואָויל די אַרבייטלאָזע טויזענדער פון דער איסט־ענד האָבען ניט פּאַראַדירט מיט זייערע שוואַרצע פאָה־נען אין איין מאַסע, איז דאָך דער שטראָם מענשען געווען גענוג איינדרוקספול. לאָמיר געדענקען וויפיעל אָט די מענשען ליידען. זיי שטאַרבען פון הונגער. דאָס איז דער פּשוט'ער שרעקליכער

אייזען־אַרבייטער׳ס, וועלכער איז שוין פון 27 וואָכען געוועזן אוי־סער אַרבייט. איך האָב געטראָפּען דעם מאַן מיט זיין גאַנצער פאַמיליע זיצענדיג אין אַ הינטער־צימער. אין צימער האָט זיך נאָך געפונען אַ פּאָר שטיקלעך מעבעל און עס האָט געברענט אַ פייער. דאָס איז געוועזן נויטיג צו בעשיצען פון פראָסט די נאַקעטע פיס פון די יונגע קינדער, ווארים עס איז געוועזן אַ שרעקליך־קאַלטער טאָג. אויף אַ טאַץ אַנטקעגען פייער איז געלעגען אַ הויפען פּאַקולעס, וואָס די פרוי און די קינדער האָבען גע־צופּט, אָבצוצאָהלען דערמיט פאַר דעם ברויט, וואָס זיי האָבען בעקומען פון וואָרק־הויז. דער מאַן האָט געאַרבייט אין איינעם פון די אויבען־בעשריבענע הויפען פאַר אַ פּאָרציע ברויט און 3 פּענס אַ טאָג. ער איז איצט געקומען אַ היים עסען מיטאָג און איז געוועזן זעהר הונגעריג, ווי ער האָט אונז דערצעהלט מיט אַ ביטערן שמייכעל, און זיין מיטאָג איז בעשטאַנען פון אַ פּאָר שטיק־לעך ברויט מיט שמאַלץ און אַ גלאָז טהעע אָהן מילך. . . . די נעקסטע טיר, וואָס מיר האָבען אָנגעקלאַפּט, האָט געעפענט אַ פרוי פון מיטעלע יאָהרען, וועלכע האָט אונז אריינגעפיהרט, ניט אויסרעדענדיג אַ וואָרט, אין אַ קליין הינטערצימער, וואו איהר גאַנצע פאַמיליע איז געזעסען שווייגענדיג און געקוקט אויפ׳ן פייער, וואָס האָט געהאַלטען ביים אויסגעהן. אויף די מענשען און זייער קליין צימער איז געלעגען אַזאַ חורבן און אַזאַ האָפנונגלאָזיגקייט, אַז איך וואָלט זיך ניט געוואונשען צו זעהן אַזאַ סצענע נאָכאַמאָל. „זיי האָבען גאָרנישט פערדיענט, מיין הערר,״ האָט די פרוי גע־זאָגט, אָנצייגענדיג אויף איהרע זיהן, „שוין 26 וואָכען, און אונ־זער גאַנצעס געלד איז אַוועקגעגאַנגען, די גאַנצע 20 פונט סט., וואָס איך און דער פאָטער האָבען אָבגעשפּאָרט אין די בעסערע צייטען, רעכענענדיג אַז עס וועט אונז דורכטראָגען דורך די שלעכ־טע צייטען. אָט, זעהט,״ האָט זי כמעט ווילד אויסגעשריען, דער־לאַנגענדיג אונז אַ באַנק־בוך, וואו עס איז געוועזן רעגעלמעסיג איינגעשריבען די איינגעצאָהלטע און אויסגעצאָהלטע געלדער, אַזוי אַז מיר האָבען געקאָנט זעהן, ווי דער קליינער פערמעגען האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַן אריינטראָג פון 5 שילינג, ווי עס איז בּיסלעכווייז געוואַקסען ביז עס האָט געגרייכט די סומע פון 20 פונט סט. און ווי עס איז דערנאָך צורונען געוואָרן פון פונטען

טער, מוטער און פיער קינדער.״ פון אט די 6 פערזאן „קאנען 4 נוצליך בעשעפטיגט ווערן דעם גאנצען יאהר.״ עס ווערט אנגענומען, אז „עס איז צווישען זיי ניטא קיין קראנקע אדער אזוינע, וואס זיינען אונפעהיג צו ארבייטען,״ און אויך אז זיי האבען ניט קיינע „אויסגאבען פאר רעליגיעזע, מאראלע און אינ־טעלעקטועלע צוועקען, א חוץ זעהר א קנאפע הוצאה אויף א פלאץ אין קירך,״ און צאהלען אויך ניט „קיינע בייטראגען אין שפאר־קאסען אדער אלטער־פערזארגונג־קאסען, און האבען ניט קיינע, „לוקסוס אדער אנדערע איבערפליסיגע הוצאות.״ דער פאטער און דער עלטסטער זוהן מעגען זיך אבער פערגינען צו רויכערן טאבאק און בעזוכען א קאבארע אום זונטאג, אויף וואס זיי קא־נען אויסגעבען גאנצע 86 סענטים א וואך. „לויט אן אלגעמיינע צוזאמענשטעלונג פון די לוינען, וואס ווערן געצאהלט די ארביי־טער אין די פערשיידענע געשעפט־צווייגען, קומט אויס . . . אז דער עכסטער דורכשניט פון דעם טעגליכען לוין איז 1 פראנק 56 סענטים פאר מענער, 98 סענטים פאר פרויען, 56 סענטים פאר אינגלעך און 55 סענטים פאר מיידלעך. ווען מען בערעכענט לויט דעם ערך, קאנען די הכנסות פון דער פאמיליע אין העכסטען פאל בעטרעפען 1068 פראנק יעהרליך. . . . כדי צו פיהרן די הוצאה פון אזא טיפיש־אנגענומענער פאמיליע האבען מיר גערעכענט אלע מעגליכע הכנסות. אויב אבער מיר רעכענען אן ארבייט־לוין פאר דער מוטער, בלייבט דאס הויז אהן א פיהרער. ווער בע־זארגט דאס הויז? ווער פאסט אויף די קליינע קינדער? ווער זאל קאכען, וואשען, פערריכטען די זאכען? אט די פראגע שטעלט זיך אויף פאר דעם ארבייטער יעדען טאג.״

לויט דעם נאך איז דער בודזשעט פון דער פאמיליע ווי פאלגט:

דער פאטער ...	300	ארבייטס־טעג אויף	1.56	פראנק א טאג..	468	פר.
די מוטער	300	״ ״	— 89	״ ״	267..	״
עלטסטער זוהן,	300	״ ״	—,66	״ ״	168..	״
עלטסטע טאכטער,	300	״ ״	—,55	״ ״	165..	״
סך הכל				....	1068	״

די יעהרליכע הוצאה פון דער פאמיליע וואלט געמאכט א דע־פיציט אין פאל אויב דער ארבייטער זאל האבען די שפייז פון

נזקט. עס זיינען פּצראַן 40,000 זייערע . . . אין אונזער געגענ־וואַרט, אין איין קוואַרטאַל פון אַט דער וואונדערבאַרער הויפּט־שטאָדט — האַרט נעבען דער ריעזיגסטער אַקומולאַציע פון רייכ־טום, וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געזעהן — האַרט דערביי פערהונגערן 40,000 הילפלאָזע מענשען! אַט די טויזענדער ברע־כען זיך איצט אריין אין די אַנדערע קוואַרטאַלען; זיי, וועלכע זיינען האַלב פערהונגערט אין אַלע צייטען, שרייען אויס זעהר וועהטאָג אונז אין די אויערן, זייער געשריי גרייכט צום הימעל, זיי דערצעהלען אונז פון זייערע עלענדע וואוינונגען, אַז עס איז זיי אונמעגליך צו קריגען אַרבייט און נוצלאָז צו געהן בעטלען. די שטייער־צאָהלער ווערן שוין באַלד אליין פּאָופּערס, אַזויפיעל שטי־צע ווערט פון זיי געפאָדערט.״ („סטאַנדאַרד״, 5טען אפּריל 1866.)

אַזוי ווי עס איז אַ מאָדע ביי די ענגלישע קאַפּיטאַליסטען צו שילדערן בעלגיען אַלס דעם אַרבייטער׳ס גן עדן, ווייל די „פרייהייט פון דער אַרבייט״, אָדער מיט אַנדערע ווערטער, די „פרייהייט פון קאַפּיטאַל״, איז דאָרטן ניט בעגרעניצט דורך דעם דעספּאָטיזם פון די „טרייד־יוניאָנס״ און אויך ניט דורך פאַבריק־געזעצען, וויל איך זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען דאָס „גליק״ פון דעם „פרייען״ בעלגישען אַרבייטער, וועלכער ווערט געפּלאָגט נאָר פון די גלחים, פון דער גרונד־אַריסטאָקראַטיע, פון דער ליבעראַ־לער בורזשואַזיע און פון דער ביוראָקראַטיע, אָבער ח״ו ניט פון טרייד־יוניאָנס און פאַבריק־געזעצען. קיינער איז זיכער ניט געווען גרינדליכער פערטרויט אין די סודות (מיסטעריען) פון דעם דאָזי־גען גליק, ווי דער פערשטאָרבענער הערר דוקפּעטיאָ, דער גענע־ראַל־אינספּעקטאָר פון די בעלגישע טורמעס און וואָהלטעטיגקייט־אַנשטאַלטען און מיטגליעד פון דער צענטראַל־קאָמיסיע פאַר בעל־גישע סטאַטיסטיקס. לאָמיר נעהמען זיין ווערק „עקאָנאָמישע בורזשעטען פון דעם אַרבייטער קלאַס אין בעלגיען״. [פראַנצוי־זיש] בריסעל 1855. דאָ געפינען מיר צווישען אַנדערעס אַ נאָרמאַלע בעלגישע אַרבייטער־פאַמיליע, וואָס איהרע יעהרליכע הוצאות און הכנסות איז אויסגערעכענט געוואָרן נאָך זעהר גע־נויע ראַטען און דער צושטאַנד פון איהר נאַהרונג איז דאַן פער־גליכען געוואָרן מיט דעם נאַהרונגס־צושטאַנד פון די סאָלדאַטען, מאַטראָזען און אַרעסטאַנטען. די פאַמיליע „בעשטעהט פון פאַ־

דער פאַקט איז, אַז אין אַט דעם „פּאַראַדיז פון קאַפּיטאַליסטען", ווי נאָר עס ווערט די קלענסטע ענדערונג אין דעם פּרייז פון די טיטוועגדיגסטע לעבענס־מיטלען, ווערט גלייך אַן ענדערונג אין דער צאָהל פון טויט־פאַלען און פערברעכען! (זעה דעם מאַנו־סקריפּט פון דער Maatschapij De Vlamingen Vooruit: בריסעל 1860, ז. 15 און 16.) אין גאַנץ בעלגיען זיינען פאַראַן 930,000 פאַמיליען, פון וועלכע, לויט דער אָפּיציעלער סטאַטיסטיק, זיינען 90,000 פאַמיליען = 450,000 פּערזאָנען רייכע (וואָס האָבען שטים־רעכט); 190,000 פאַמיליען = 950,000 פּערזאָנען פון דעם קליינעם מיטעל־קלאַס אין די שטעדט און דערפער, פון וועלכע אַ גרויסער טייל זינקט אַרונטער צום פּראָלעטאַריאַט. ענדליך 450,000 אַרבייטער־פאַמיליען = 2,250,000 פּערזאָנען, פון וועל־כע די מוסטער־פאַמיליען געניסען די גליקען, וואָס דוקפּעטיאָ האָט געשילדערט. פון די 450,000 אַרבייטער־פאַמיליען זיינען איבער 200,000 אויפ'ן רייסטער פון פּאָופּערס!

ה) דער בריטישער ערד־אַרבייטער־פּראָ־לעטאַריאַט.

דער אַנטאַגאָניסטישער כאַראַקטער פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער פּראָדוקציאָן און אַקומולאַציע בעווייזט זיך אינערגעץ ניט מעהר ברוטאַל איידער אין דעם פּאָרטשריט פון דער ענגלישער אַג־ריקולטור (אַריינרעכענענדיג אויך די פיהצוכט) און אין דעם ריק־שריט פון דעם ענגלישען ערד־אַרבייטער. איידער אָבער איך געה איבער צו זיין איצטיגער לאַגע, וויל איך נעהמען אַ שנעלען צוריק־בליק. די מאָדערנע אַגריקולטור דאַטירט אין ענגלאַנד פון מיטען פון 18טען יאָהרהונדערט, הגם די רעוואָלוציע אין די פערהעלט־נישען פון דעם גרונד־אייגענטום, פון וועלכער דער פערענדערטער פּראָדוקציאָנס־אופן הויבט זיך אָן אַלס גרונד־לאַגע, איז פון אַ פיעל פריהערדיגען דאַטום.

ווען מיר נעהמען די בעהויפּטונגען פון אַרטהור יאָנג — אַ גענויער בעאָבאַכטער, אָבוואויל אַן אויבערפלעכליכער דענקער — וועגען דעם ערד־אַרבייטער פון 1771, קומט אויס, אַז ער שפּיעלט אַ זעהר עלענדע ראָליע אין פערגלייך מיט דעם ערד־אַרבייטער פון

א מאַטראָז פון דער פלאָטע	....1828 פר.	....דעפיציט 760 פר.
א סאָלדאַט	...............1473 "	.... " 405 "
אן ארעסטאַנט	.............1112 "	.... " 44 "

מען זעהט דערפון, אז ניט פיעלע ארבייטער־פאַמיליען קאָנען זיך פערשאַפען די נאַהרונג, מיר וועלען שוין ניט זאָגען פון א מאַטראָז אָדער א סאָלדאַט, נאָר אפילו ניט פון ארעסטאַנט. אין דורכשניט האָט יעדער ארעסטאַנט אין בעלגיען, פון 1847 ביז 1849, געקאָסט 63 סענטים א טאָג, וואָס גיט אין פערגלייך מיט די טעגליכע לעבענס־קאָסטען פון אן ארבייטער, א דיפערענץ פון 13 סענטים. די קאָסטען פון פערוואַלטען און אויפפאַסען די טורמעס, גלייכט זיך ווידער אויס דערמיט, וואָס דער ארעסטאַנט דאַרף ניט צאָהלען קיין דירה־געלט. . . . ווי אזוי קאָן טאַקע די גרויסע צאָהל, מען קאָן זאָגען די גרויסע מ ע ה ר־צאָהל, ארבייטער אויספיהרען צו לעבען אויף א מעהר עקאָנאָמישען אופן? נאָר דורכדעם וואָס זיי בענוצען זיך מיט אזוינע פאָרטלען, וואָס דער ארבייטער אליין ווייס נאָר דעם סוד פון זיי: ער רייסט אָב אביסעל פון דער טעגליכער פּאָרציע, ער עסט קאָרן־ברויט אָנשטאָט ווייצענס, וועניגער אָדער גאָרניט קיין פליישׁ, דאָס אייגענע אויך וועגען פּוטער און געווירצען; ער בענוגענט זיך מיט איינעם אָדער צוויי צימערן, וואו די גאַנצע פאַמיליע שפּאַרט זיך צונויף און די מיידלעך און אינגלעך שלאָפען צוזאַמען, אָפט אויף איין שטרויזאַק; אָבשפּאָרענדיג פון קליידער, וועש, ריינליכקייט־מיטלען; זיך אָבזאָגענדיג פון די זונטאָג־פערגניגענס; קורץ, בעשליסענדיג אויסצוקומען מיט דאָס וועניגסטע. ווען עס האַלט שוין ביי אָט דעם לעצטען גרעניץ, איז די קלענסטע פרייז־העכערונג פון די לעבענס־מיטלען, אן אויפהער פון דער ארבייט, אָדער א קראַנקהייט, גענוג צו פערמעהרען דעם ארבייטער'ס עלענד און רואינירן איהם גאָר אינגאַנצען. עס קלייבען זיך אָן חובות, ער קריגט ניט מעהר קיין קרעדיט; די קליידער, די נויטוועדיגסטע מעבעל ווערן פערזעצט, און לסוף בעט די פאַמיליע, מען זאָל זי איינשרייבען צווישען די אָרימע, וואָס קריגען קצבה."[187]

[187] Ducpeitiaux, "Budgets Economiques des Classes Ouvriers en Belgique," Bruxelles 1855, p.151, 154, 155.

פונדעסטוועגען איז די לאגע פון דעם ענגלישען לאנד־ארביי־טער פון 1770 ביז 1780, וואס איז שייך זיין שפייז און וואוי־נונג, אזוי גוט ווי זיין זעלבסט־געפיהל, זיינע פערגעניגענס, א. אז. וו., א אידעאל וואס איז שפעטער קיינמאל ניט דערגרייכט געווארן. זיין דורכשניטליכער לוין, אויסגעדריקט אין מאסען ווייץ (Pints) איז פון 1770 ביז 1771 געוועזן 90 מאס, אין עדען'ס צייט (1797) נאר 65, אין 1808 נישט מעהר ווי 60.[141]

דער צושטאנד פון די ערד־ארבייטער ביים סוף פון דעם אנטי־יאקאבינער קריעג, אין וועלכער צייט די גרונד־אריסטאקרא־טען, ארענדאטארס, פאבריקאנטען, סוחרים, באנקיערען, בערזען־ספעקולאנטען, ארמעע־ליפעראנטען א. אז. וו. זיינען אזוי אויסער־געוועהנליך נתעשר געווארן, איז שוין אנגעצייגט געווארן פריהער. דער נאמינעלער לוין איז געשטיגען טיילווייז מחמת דאס פאפיער־געלד איז געפאלען אין ווערטה, און טיילווייז מחמת די געשטי־גענע פרייזען פון די הויפט לעבענס־מיטלען, וואס איז געקומען אונ־אבהענגיג פון דעם. די ווירקליכע לוין־ענדערונג קאן בעוויזען ווערן אויף א זעהר איינפאכען אופן, ניט אריינגעהענדיג אין פרטים, וועלכע זיינען דא ניט נויטיג. דאס געזעץ פאר ארימע און זיין אדמיניסטראציע זיינען געוועזן דיזעלביגע אין 1795 און אין 1814. מיר געדענקען ווי אזוי דאס געזעץ איז דורכגעפיהרט גע־ווארן אויפ'ן לאנד: די קהלה האט אין דער פארם פון נדבות ממלא געוועזן דעם נאמינעלען לוין ביז צו דער נאמינעלער סו־מע, וואס האט זיך געפאדערט צו דערהאלטען דאס נידעריגע חיות פון דעם ארבייטער. די פראפארציע צווישען דעם לוין, וואס דער ארענדאטאר האט געצאהלט, און דעם לוין־דעפיציט, וואס די קהלה האט דערלעגט, בעווייזט אונז צוויי זאכען: ערשטענס, אז דער ארבייט־לוין איז געפאלען אונטער זיין מינימום, צווייטענס דעם גראד, אין וועלכען דער לוין־ארבייטער איז געוועזן א צו־נויפשטעל פון לוין־ארבייטער און פאופער, אדער דעם גראד, אין

הוצאות מאכט ער רוכט זיך ניט אויס אפילו די העלפט פון דאס, וואס ער האט דאמאלסט בעטראפען."

[141] Barton, "Observations on the Circumstances which influence the Condition of the Labouring Classes of Society,". London 1817, page 26. פאר דעם סוף 18טען י. ה. זעה עדען: „דהי סטייט אוו דהי פור."

פוף 14טען יאהרהונדערט, „ווען ער האט געקאנט לעבען בשופע און אנקלייבען עשירות"[138] — שוין גאר ניט צו רעדען פון דעם 15טען י. ה., „דעם גאלדענעם צייט־אלטער פון די ענגלישע אר־בייטער אין שטאדט און אין דארף." מיר דארפען אבער גארניט געהן אזוי ווייט צוריק. אין א זעהר אינהאלט־רייכען ווערק פון 1777 לעזען מיר: „דער גרויסער פערמער [ארענדאטאר] האט זיך כמעט דערהויבען צו דער שטופע פון א פריץ (זשענטלמאן), בעת דער ארימער ארבייטער איז כמעט צוגעדריקט צו דער ערד. . . . זיין אומגליקליכע לאגע ציינט זיך קלאר ארויס דורך א פערגלייכענ־דער איבערזיכט פון זיין צושטאנד היינט און 40 יאהר פריהער.... די גרונד אייגענטימער און די ארענדאטארס געהען האנד אין האנד צו אונטערדריקען דעם ארבייטער."[139] דערנאך ווערט דארט בעוויזען בפרטיות, אז דער ווירקליכער ארבייטער־לוין אויפ'ן לאנד איז פון 1737 ביז 1777 געפאלען כמעט אויף א פערטעל אדער 25 פראצענט. „די מאדערנע פאליטיק — זאגט אין דערזעלבינער צייט דר. ריטשארד פרייס — בעגינסטיגט די העכערע פאלקס־קלאסען; דער רעזולטאט וועט זיין, אז דאס גאנצע קיניגרייך וועט פריהער אדער שפעטער בעשטעהן נאר פון זשענטעלמען און בעט־לער, פון פריצים און שקלאווען."[140]

[138] James E. Th. Rogers Professor sf Political Economy in the University of Oxford, "A History of Agriculture and Prices in England,' 1866, v. 1, p. 690. דאס דאזיגע ווערק, די פרוכט פון פלייסיגער ארבייט, פאסט אום, אין די ביז־אהער ערשיענענע צוויי בענדער נאר די פעריאדע פון 1259 ביז 1400. דער צווייטער באנד ענטהאלט בלויז סטאטיסטישען מאטעריאל. עס איז די ערש־טע ריכטיגע געשיכטע פון פרייזען, וואס מיר האבען פון יענער צייט.

[139] "Reasons for the late increase in the Poor rates; or a Comparative View of the price of labour and provisions," London 1777, p. 5, 11.

[140] Dr. Richard Price, "Observations on Revisionary Payments," 6th Ed. by W. Morgan, London 1805, Vol. II, p. 158, 159. פרייס בעמערקט אויף זייט 159: דער נאמינעלער פרייז פון'ם ארבייטס־טאג איז היינט נאר [illegible] ערך 4 אדער 5 מאל העכער איידער אין יאהר 1514. אבער דער פרייז פון קארן איז 7 מאל אזוי הויך, דער פרייז פון פלייש און קליידונג איז אומגעפעהר 15 מאל אזוי הויך. דער פרייז פון דער ארבייט איז דעריבער בשום אופן ניט געשטיגען לפי ערך צו דעם וואוקס פון די הוצאות פאר די נויטווענדיגסטע לעבענס־מיטלען; אדרבא, אין פערגלייך צו יענע

טריעלען ענגלאַנד.״[144] פּאַרלער האָט דאַמאָלסט אין האוז אָוו קאָממאָנס געגעבען די ערד־אַרבייטער דעם נאָמען „ווייסע שקלאַ־ווען״, און אַ בישאָף האָט געלאָזט הערן דעמזעלביגען צו־נאָמען אין „האוז אָוו לאָרדס״. דער גרעסטער פּאָליטישער עקאָנאָם פון יענער פּעריאָדע, ע. דזש. וויקפיעלד האָט געזאָגט: דער ערד־אַרבייטער פון מערב־ענגלאַנד איז ניט קיין פרייער מאַן און איז ניט קיין שקלאַוו; ער איז אַ פּאָופּער.[145]

די צייט דירעקט פאַר דעם צוריקרוף פון די קאָרן־געזעצען האָט געוואָרפען אַ נײַ ליכט אויף דער לאַגע פון די ערד־אַרבייטער. פון איין זייט איז עס געלעגען אין די אינטערעסען פון די בור־זשואַזיע־אַגיטאַטאָרען נאָכצו־ווייזען, ווי ווייניג די דאָזיגע שוץ־געזעצען האָבען בעשיצט די ווירקליכע קאָרן־פּראָדוצירער. פון דער אַנדער זייט האָט די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע געברענט פון גרים־צאָרן פאַרוואָס די גרונד־אַריסטאָקראַטען האָבען פער־אורטיילט די פאַבריק־צושטאַנדען, פאַר דער געמאַכטער סימפּאַטיע פון די דאָזיגע גרונד־פערדאָרבענע, הארצלאָזע און בכבוד׳ע לע־דיגגעהער מיט די ליידען פון די פאַבריק־אַרבייטער, און פאַר זייער „דיפּלאָמאַטישען אייפער״ איינצופיהרן אַ פאַבריק־געזעצגעבונג. עס איז אַן אַלט ענגליש שפּריכוואָרט, אַז „ווען צוויי גנבים צו־קריגען זיך, קומט דער עהרליכער מאַן צו זיין שאָדען.״ אַזוי איז עס פאַקטיש געווען: די ליאַרמדיגע, ליידענשאַפטליכע מחלקת צווישען די צוויי פראַקציעס פון דעם הערשענדען קלאַס וועגען דער פראַגע, וועלכע פון זייביידען עקספּלואַטירט דעם אַר־בייטער אַם שענדליכסטען, איז געוואָרן רעכטס און לינקס דער געבורט־העלפער פון דער וואַרהייט. גראַף שאַפטסבורי, פריהער־געוועזענער לאָרד אַשלעי, איז געווען דער הויפּט פיהרער אין דעם אַריסטאָקראַטישען, פילאַנטראָפּישען פעלד־צוג געגען די פאַבריקען. דערפאַר איז ער געווען אין 1844 ביז 1845 דאָס ליעבלינג־טעמאַ פון דעם „מאָרנינג כראָניקל״ אין זיינע אויפדעקונגען וועגען דעם צושטאַנד פון די אַגריקולטור־אַרבייטער. דאָס דאָזיגע בלאַט, וואָס איז דאַמאָלסט געווען דער בעדייטענדסטער ליבעראַלער אָר־

[144] S. Laing, "National Distress," 1844, p. 62.

[145] "Engahd and America." London 1832, Vol. I, p. 47.

וועלכען מען האָט איהם פערוואַנדעלט אין אַ לייבאייגענעם פון זיין קהלה.

מיר וועלען נעהמען איין גראַפשאַפט (קאַונטי), וועלכע רעפּ־רעזענטירט די דורכשניט־לאַגע פון אַלע אַנדערע גראַפשאַפטען. אין יאָהר 1795 האָט דער דורכשניטליכער וואָכען־לוין אין נאָרט־האַמפּטאָנשיר בעטראָפען 7 שילינג 6 פענס; די יעהרליכע הוצאה פון אַ פאַמיליע פון 6 פערזאָן — 36 פונט סט. 12 שילינג 5 פענס; איהר יעהרליכע איינגאַהמע — 29 פונט סט. 18 שילינג; דער דע־פיציט, וואָס די קהלה האָט געדעקט — 6 פונט סט. 14 שילינג 5 פענס. אין דערזעלביגער גראַפשאַפט האָט אין 1814 בעטראָ־פען דער וואָכען־לוין 12 שילינג 2 פענס; די יעהרליכע הוצאה פון אַ פאַמיליע פון 5 פערזאָן — 54 פונט סט. 18 שילינג 4 פענס; איהר גאַנצע איינגאַהמע — 36 פונט סט. 2 שילינג; דער דע־פיציט, וואָס די קהלה האָט געדעקט — 18 פונט סט. 16 שילינג 4 פענס.[142] אין 1795 האָט דער דעפיציט בעטראָפען ווענינער ווי אַ פערטעל פון דעם אַרבייט־לוין, אין 1814 — מעהר ווי אַ העלפט. עס פערשטעהט זיך פון זיך אַליין, אַז אונטער אַזוינע אומשטענדען זיינען די קנאַפּע בעקוועמליכקייטען, וועלכע ערען האָט נאָך געפונען אין דעם לאַנד־אַרבייטער'ס קאָטעדזש, אין 1814 איינגאַנצען פערשוואונדען געוואָרן.[143] פון אַלע טהיערען, וואָס דער פאַרמער האָט געהאַלטען, איז דער אַרבייטער, דער „אינסטרומענטום וואָקאַלע" [דאָס שפּרעכענדע ווערקצייג], איצט געוועזען דער מעהר אויסגעהאָרעוועטער, דער אַם ערגסטען געשפּייז־טער און אַם ברוטאַלסטען בעהאַנדעלטער פון אַלע.

דערזעלביגער צושטאַנד האָט זיך רוהיג אָנגעהאַלטען ווייטער, ביז „די סווינג אויפשטאַנדען אין יאָהר 1830 האָבען אונז (ד. ה. די הערשענדע קלאַסען) בעוויזען פאַר דעם ליכט פון די פּלאַ־קערענדע תבואה־סקירדעס, אַז עלענד און טונקעלע בונטאַרישע אונצופריעדענהייט האָט געלאָדערט פונקט אַזוי ווילד אונטער דער אויבערפלעך פון דעם אַגריקולטורעלען ווי אונטער דעם אינדוס־

[241] Parry, "The Question of the Necessity of the Existing Cornlaws Considered,' London 1816, p. 86.

[143] דאָרט גופא, ז. 213.

א קינדער	ב צאהל מיטגלידער פון דער פאמיליע.	ג וועכענטליכער ארבייטס־לוין פון די מענער.	ד וועכענטליכער קינדער־לוין		ה וועכ. הכנסה פון דער גאנצער פאמיליע		ו וועכענטליכע דירה־געלד		ז גאנצער וואכ.־לוין ארויסציהענדיג דירה־געלד		ח וואכען־לוין פער קאפ.	
							ערשטער דאָרף					
		ש.	ש.	פ.	ש.	פ.	ש.	פ.	ש.	פ.	ש.	פ.
2	4	8	——		8		2		6		1	6
3	5	8	——		8		1	6	6	6	1	3½
2	4	8	——		8		1		7		1	9
2	4	8	——		8		1		7		1	9
6	8	7	1 ביז	18	10		1	6	8	6	1	¾
8	5	7	1	2	8	2	1	4	6	10	1	7½
							צווייטער דאָרף					
		ש.	ש.	פ.	ש.	פ.	ש.	פ.	ש.	פ.	ש.	פ.
6	8	7	1—		10		1	6	8	6	1	¼
6	8	7	1—		7		1	3½	5	8½	0	8½
8	10	7	——		7		1	3½	5	8½	0	7
4	6	7	——		7		1	6½	5	5½	0	11
3	5	7	——		7		1	6½	5	5½	1	1
							דריטער דאָרף					
		ש.	ש.	פ.	ש.	פ.	ש.	פ.	ש.	פ.	ש.	פ.
4	6	7	——		7		1		6		1	
3	5	7	1	2	11	6	—	10	10	8	2	1½
—	2	5	——		5		1		4		2	

נייער מעטאָדע.[149] אין דערזעלביגער צייט האָט זיך אויסגע־
שפרייט דער שטח פון קולטיוווירטען באָדען פון 1846 ביז 1865

---

[148] די פערקלענערונג אין דער צאהל פון די מיטעלע פערמערס קאַן מען זעהן ספּעציעל פון די רובריקען פון צענזוס: „פערמער׳ס זוהן, אייני־

נאן, האט געשיקט אין די לאנד־דיסטריקטען אייגענע קאמיסארען, וועלכע האבען זיך גארניט בענוגענט מיט אן אלגעמיינער שילדערונג און סטאטיסטיק, נאר האבען פשוט פערעפענטליכט די נעמען פון די אונטערזוכטע ארבייטער־פאמיליען, אזוי גוט ווי פון זייערע לענד־לארדס.[146] די פאלגענדע טאבעלע גיט די לוינען, וואס מען האט געצאהלט אין דריי דערפער אין דער נאכבארשאפט פון בלאנפארד, ווימבורן און פול. די דערפער זיינען דאס אייגענטום פון דעם העררן ג. באנקס און דעם גראף פון שאפטסבורי. מען וועט בעמערקען, אז אט דער פאפסט פון דער „לאו טשוירטש”, דער קאפ פון די ענגלישע פיעטיסטען, האט אזוי גוט ווי זיין חבר באנקס אריינגעשטעקט אין קעשענע א גרויסען טייל פון די הינטישע לוינען פון די ארבייטער אונטער דעם אויסרייד פון הויז־רענט. זעה טאבעלע אויף נעקסטער זייט.

די אבשאפונג פון די קארן־געזעצען האט געגעבען דער ענגלישער אגריקולטור אן אונגעהויערן שטוים פארווערטס. דרעניערונג אויפ'ן גרעסטען מאסשטאב,[147] נייע מעטאדען פון שטאל־פיטערונג און קינסטליכע קולטיווירונג פון פוטער־קרייטיכער, איינפיהרונג פון מעכאנישע מיסטיגונג־אפאראטען, נייע בעהאנדלונג פון ליימיגער ערד, פערגרעסערטער געברויך פון מינעראלישע בעמיסטיגונג־מיטלען, אנווענדונג פון דער דאמף־מאשין און אלערליי נייע ארבייט־מאשינען, ווי בכלל אן אינטענסיווערע קולטיווירונג כאראקטעריזירן די דאזיגע עפאכע. דער פרעזידענט פון דער קעניגליכער געזעלשאפט פאר אגריקולטור, הערר פוסעי, בעהויפטעט, אז די (רעלאטיווע) ווירטשאפטס־קאסטען זיינען דורך דער נייער איינגעפיהרטער מאשינעריע פערקלענערט געווארן כמעט אויף א העלפט. פון דער אנדער זייט איז דער ווירקליכער ערטראג פון'ם באדען שנעל פערגרעסערט געווארן. א גרעסערער קאפיטאל־אויסלעג פער אקער, און פאלגליך אויך א שנעלערע קאנצענטראציע פון די פערמערס איז געווען א גרונד־בעדינגונג פון דער

---

[146] „לאנדאן עקאנאמיסט,” 29טען מערץ 1845, ז. 290.

[147] די גרונד־אריסטאקראטיע האט פאר דעם צוועק זיך אוואנסירט פאנדען — פערשטעהט זיך דורכ'ן פארלאמענט, פון דער שטאאט־קאסע, מיט זעהר נידעריגע צינזען, וועלכע די ארענדאטארס מוזען איהר אבצאהלען טאפעלט.

געפילטע רענט־ביכער פון די גרונד־אייגענטימער און געשוואָלענע עשירות פון די קאַפּיטאַליסטישע ארענדאטאָרס. ווען מען נעהמט דאָס צוזאַמען מיט דער שנעלער, ניט־אָבגעשטעלטער אויסברייטונג פון די שטעטישע אָבזעץ־מערק און מיט דער הערשאַפט פון פריי האַנדעל, דאַן איז דער ערד־אַרבייטער פּאָסט טאָט דיסקרימינאַ רערום [נאָך אַזויפיעל געפאַהרען] ענדליך געשטעלט געוואָרן אין אַ לאַגע, וואָס האָט איהם סעקונדום אַרטעם [לויט דער טעאָריע] געדאַרפט מאַכען שכור פון גליק.

פּראָפעסאָר ראָדזשערס אָבער קומט דאַגעגען צום רעזולטאַט, אַז די לאַגע פון דעם ענגלישען ערד־אַרבייטער היינטיגען טאָג, שוין גאָר ניט צו רעדען וועגען אַ פערגלייך מיט זיין פאָרגענגער פון דער לעצטער העלפט פון 14טען י. ה. און פון 15טען י. ה., נאָר אפילו אין פערגלייך מיט זיין פאָרגענגער פון דער פעריאָדע 1770 ביז 1780, האָט זיך גאָר אומגעווועהנליך פערערגערט; אַז „דער פויער איז ווידער געוואָרן אַ לייב אייגענער", און אַן ערגער געשפייזטער און ערגער געקליידעטער לייבאייגענער.[151] דר. יוליאַן האָנטער, אין זיין עפּאָכע־מאַכענדען בעריכט וועגען די וואוינונגען פון די ערד־אַרבייטער, זאָגט: „די לעבענס־קאָסטען פון דעם „הינד" (דעם ערד־אַרבייטער'ס נאָמען, וואָס איז געבליבען בירושה פון דער צייט פון לייבאייגענשאַפט) איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער נידעריגסט־מעגליכער סומע, מיט וועלכער ער קאָן לעבען . . . זיין לוין און זיין בעהויזונג ווערן ניט אויסגערעכענט לויט דעם פּראָפיט, וואָס מען קאָן פון איהם מאַכען. ער איז אַ פשוט'ער נול אין דעם אַרענדאַטאָר'ס אויסרעכענונגען[152]. . . . זיינע לעבענס־מיטלען ווערן אַלעמאָל אָנגענומען

[151] Rogers, "A History of Agriculture and Prices in England," Oxford 1866, Vol.1, p. 693. הערר ראַדזשערס געהערט צו דער ליבעראַלער שוהלע, איז אַ פערזענליכער פריינד פון קאָבדען און ברייט, אַלזאָ ניט קיין „לאַודאַטאָר טעמפּאָרים אַקטי" [אַ פערהערליכער פון די גוטע אַלטע צייטען].

[152] „פּובליק העלטה", 7טער ראַפּאָרט, לאָנדאָן 1865, ז. 242. עס איז דעריבער נאָרניט קיין אומגעוועהנליכע זאַך פאַר דעם הויז־אייגענטימער צו העכערן דעם אַרבייטער'ס דירה־געלד, ווי נאָר ער הערט, אַז דער דאָזיגער אַרבייטער פערדיענט עפּעס מעהר, אָדער פאַר דעם ארענדאַטאָר אַרונטערצוזעצען דעם אַרבייטער'ס לוין, „ווייל זיין פרוי האָט געפונען אַרבייט פאַר זיך."

אויף 464,119 אַקער, שוין ניט צורעדען פון דעם גרויסען שטח אין די מזרח־גראַפשאַפטען, וועלכע זיינען פערוואַנדעלט געוואָרן פון קראָליקעס־פעלדער און אָרימע לאַנקעס אין רייכע תבואה־פעלדער. מיר האָבען שוין געזעהן, אַז אין דערזעלביגער צייט איז דער סך הכל פון די פערזאָנען, וואָס זיינען בעשעפטיגט געוואָרן אין דער אַגריקולטור, קלענער געוואָרן. וואָס איז שייך צו די ווירקליכע ערד־אַרבייטער פון ביידע געשלעכטער און פון יעדען עלטער, איז זייער צאָהל געפאַלען פון 1,241,269 אין יאָהר 1851 אויף 1,163,227 אין יאָהר 1861.[149] אויב דער ענגלישער גענעראַל־רעגיסטראַטאָר האָט דעריבער גאַנץ ריכטיג בעמערקט: „דער וואוקס פון פערמערס און ערד־אַרבייטער זינט 1801 שטעהט גאָר־ניט אין קיין פּראָפּאָרציע צו דעם וואוקס פון די אַגריקולטור־פּראָדוקטען,"[150] גילט די דאָזיגע אונפּראָפּאָרציאָנאַליטעט נאָך פיעל מעהר וועגען דער לעצטער פּעריאָדע, ווען אַ פּאָזיטיווע פערקלע־נערונג פון דער ערד־אַרבייטער בעפעלקערונג איז געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט אַ פערגרעסערונג אין דעם קולטיווירטען שטח, אַ אינטענסיווערער קולטיווירונג, מיט אַ אונדערהערטער אַקומולאַ־ציע פון קאַפּיטאַל, וואָס איז פערקערפּערט געוואָרן אין דעם באָ־דען און אָבגעגעבען צו זיין בעאַרבייטונג, מיט אַ פערגרעסערונג אין די פּראָדוקטען פון באָדען, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער געשיכטע פון דער ענגלישער לאַנדווירטשאַפט, מיט אַנ־

קעל, ברודער, פּלימעניק, טאָכטער, מיידעל־אייניקעל, שוועסטער, פּלימעניצע", קורץ די מיטגליעדער פון זיין אייגענער פאַמיליע ווערן בעשעפטיגט פון דעם פערמער. אָט די רובריקען האָבען געצעהלט אין 1851 — 216,851 פּערזאָן, אין 1861 נישט מעהר ווי 176,151. — הוספה צו דער פראַנצויזישער אויסגאַ־בע: פון 1851 ביז 1871 האָבען זיך אין ענגלאַנד די פאַרמס פון ווענינער ווי 20 אַקער פערקלענערט אויף מעהר ווי 900; די וואָס זיינען צווישען 50 און 75 אַקער, זיינען געפאַלען פון 8253 אויף 6370; דאָס אייגענע ביי אַלע אַנדערע פאַרמס פון ווענינער ווי 100 אַקער. פערקעהרט, די צאָהל פון די גרויסע פאַרמס האָט זיך אין דיזעלביגע 20 יאָהר פערמעהרט; פאַרמס פון 300 ביז 500 אַקער זיינען געשטיגען פון 7771 אויף 8410, די פון מעהר ווי 500 אַקער — פון 2755 אויף 3914, און פאַרמס פון מעהר ווי 1000 אַקער זיינען געשטיגען פון 492 אויף 582.

[149] די צאָהל פּאַסטוכער איז געוואַקסען פון 12,517 אויף 25,559.

[150] „צענזוס עצט." באַנד III, ז. 36.

3047 : „קאַנט איהר געפינען אַ וועלכען עס איז גרונד פאַר דער נויטווענדיגקייט צו שפּייזען די פערברעכער פיעל בעסער איידער די געוועהנליכע ערד־אַרבייטער ? — געוויס ניט." נומר 3048 : „דענקט איהר, עס איז נויטיג צו מאַכען ווייטערע עקספּערימענטען, כדי צו ברענגען די נאַהרונג פון די אַרעסטאַנטען, וואָס זיינען פערורטיילט צו קאַטאָרגאַ, נעהענטער צו דער נאַהרונג פון די פרייע ערד־אַרבייטער ?"[157] „דער ערד־אַרבייטער", שטעהט דאָרט, „וואָלט געקאָנט זאָגען : איך אַרבייט שווער און האָב ניט גענוג צו עסען. ווען איך בין געזעסען אין טורמע, האָב איך ניט געאַרבייט אַזוי שווער און געהאַט צו עסען בשופע, דעריבער איז פאַר מיר בעסער צו זיין אין טורמע, איידער אויף דער פריי."[158]

פון די טאַבעלען, וואָס זיינען צוגעגעבען צו דעם ערשטען באַנד פון דעם בעריכט, האָב איך צוזאַמענגעשטעלט די פאָלגענדע פערגלייכענדע איבערזיכט :

	שפּייז, וואָס אַנטהאַלט שטיקשטאָף	שטיקשטאָף־פרייע שפּייזען	מינעראַלישע בעשטאַנד־טיילען	סך הכל
	אונצען	אונצען	אונצען	אונצען
אַרעסטאַנטען (אין פּאָרטלאַנד)	28,95	150,06	4,68	183,69
מאַטראָזן אין דער מאַרין —	29,63	152,91	4,52	187,06
סאָלדאַט — — — — — —	25,55	114,49	3,94	143,98
אַרבייטער (קאַטש־מאַכער) —	24,53	162,06	4,23	190,82
זעצער — — — — — — —	21,24	100,83	3,12	125,19
ערד־אַרבייטער — — — — —	17,73	118,06	3,29	139,08

דעם לעזער איז שוין בעקאַנט דער אַלגעמיינער רעזולטאַט פון דער ערצטליכער אונטערזוכונגס־קאָמיסיע פון 1863 וועגען דעם נאַהרונגס־צושטאַנד פון די ערגער־געשפּייזטע קלאַסען. ער וועט זיך ערינערן, אַז די נאַהרונג פון אַ גרויסען טייל פון די ערד־אַרבייטער פאַמיליען שטעהט אונטער דעם מינימום, וואָס איז

[157] דאָרט גופא, באַנד II „עווידענס."

[158] דאָרט גופא, באַנד I אַפּענדיקס, ז. 280.

ווי אַ בעשטימטע קוואַנטיטעט.״153 „וואָס איז גוגע אַ ווייטערער פערקלענערונג פון זיין איינקונפט, קאָן ער זאָגען: גיהיל האבעאָ, ניהיל קוראָ [איך האָב גאָרנישט, איך זאָרג גאָרנישט]. ער האָט ניט קיין פּחד פאַר דער צוקונפט, ווייל ער האָט איצטער נאָר דאָס אבסאָלוט נויטווענדיגסטע צו קאָנען עקזיסטירן. ער האָט געגרייכט דעם נול־פּונקט, פון וועלכען דעם ארענדאטאָר'ס בערע־כענונגען פאנגען זיך אָן. זאָל קומען וואָס עס וויל זיך, ער האָט קיין חלק ניט אין גליק, ניט אין אומגליק.״154

אין יאָהר 1863 איז פאָרגעקומען אַן אָפיציעלע אונטערזוכונג וועגען דעם צושטאַנד פון דערנעהרונג און בעשעפטיגונג פון די פערברעכער, וואָס זיינען פעראורטיילט אויף פערשיקונג אין אַ שטראָף־קאָלאָניע און קאַטאָרגע. די רעזולטאַטען זיינען פערצייכענט אין צוויי דיקע בלוי־ביכער. צווישען אַנדערעס זאָגט זיך דאָרטן: „אַ גענויע פערגלייכונג צווישען די שפּייזען פון די פער־ברעכער אין די ענגלישע טורמעס און די שפּייזען פון די פּאָו־פּערס אין די וואָרקהאַוזעס און פון די פרייע ערד־ארבייטער אין דעמזעלבינען לאַנד צייגט גאַנץ קלאָר, אַז די ערשטע זיינען פיעל בעסער געשפּייזט איידער וועלכע עס איז פון די בײדע קלאַסען,״155 בעת „די סומע ארבייט, וואָס פאָדערט זיך פון אַ פעראורטייל־טען צו קאַטאָרגע, איז אומגעפעהר אַ העלפט פון דער סומע, וואָס אַ געוועהנליכער ערד־ארבייטער טהוט אָב.״156 לאָמיר הערן עטלי־כע כאַראַקטעריסטישע ערקלערונגען פון עדות. דזשאָהן סמיטה, דירעקטאָר פון דער עדינבורגער טורמע (עדות־פערהער נומר 5056): „די נאַהרונג אין די ענגלישע טורמעס איז פיעל בעסער איידער די נאַהרונג פון די געוועהנליכע ערד־ארבייטער.״ נומר 5075: „עס איז אַ פאַקט, אַז די געוועהנליכע ערד־ארבייטער פון שאָטלאַנד קריגען זעהר זעלטען וואָסער־עס־איז פליייש.״ נומר

153 דאָרט גופא, ז. 135.

154 דאָרט גופא, ז. 134.

155 "Report of the Commissions etc. relating to Transportation and Penal Service," London 1863, p. 42, 50.

156 דאָרט גופא, ז. 77, מעמאָראַנדום פון דעם לאָרד טשיעף דזשאַסטיס.

דער וועכענטליכער פערברויך פון קויהל־שטאָף און שטיק־שטאָף פון א דורכשניטליכען ערד־ארבייטער.

	קויהלען־שטאָף גראַן	שטיק־שטאָף גראַן
ענגלאַנד — — — — — — — — —	40,673	1594
וועלס — — — — — — — — — —	48,354	2031
שאָטלאַנד — — — — — — — — —	48,980	2348
אירלאַנד — — — — — — — — —	43,366	2439

„יעדע זייט פון דר. האַנטער'ס בעריכט," זאָגט דר. סיימאָן אין זיין אָפיציעלען געזונדהייט־בעריכט, „זאָגט עדות אויף דער

דער רייכער ענגלישער פערמער. וואָס איז נוגע וועלס, נעהט ניט דאָס, וואָס שטעהט אין טעקסט, אויף זיין דרום־מערב טייל. אַלע דאָרטיגע דאָקטוירים שטימען איין, אַז די פערגרעסערטע שטערבליכקייט־ראַטע דורך טובערקולאָזע, סקראָפול א. ד. ג. וואַקסט אין אינטענסיוויטעט מיט דער פערערגערונג פון דעם פיזישען צו־שטאַנד פון דער בעפעלקערונג, און אַלע שרייבען־צו די פערערגערונג צו אָרימ־קייט. „דעם ארבייטער'ס בעקעסטיגונג רעכענט זיך דאָרט ארום 5 פּענס א טאָג; אין א סך דיסטריקטען צאָהלט דער פערמער (אַליין אַז אָרימאַן) נאָך ווענינער. א ביסען געזאַלצען פלייש אָדער שפּעק, אויסגעטריקענט ביז עס איז אַזוי הארט ווי מאַהאַגאַני־האָלץ און קוים ווערטה דעם שווערן פּראָצעס פון פערדייהען, דיענט צו בע'טעמ'ן א גרויסען טאָפּ זופּ אָדער קאַשע פון מעהל און קנאָבעל, און דאָס איז דעם ערד־ארבייטער'ס מיטאָג טאָג איין טאָג אויס. . . . דער פאָרטשריט פון דער אינדוסטריע האָט פאַר איהם אויפגעטאָן נאָר דאָס, וואָס אַנשטאָט די דיקע הויז־געשפּונענע טוך, מוז ער איצט טראָגען, אין זיין קאַלטען און פייכטען קלימאַט, ביליגע קליידער פון באַוועל־צייג, און אַנשטאָט שטאַרקערע געטרענק, טרינקט ער איצטער אַזוי־גערופענעם טהע. . . . אבאַר־בייטענדיג לאַנגע שטונדען אונטער'ן רעגען און ווינד, קעהרט זיך דער פויער צוריק אהיים אין זיין שטיבעל, זיך אָוועקצוזעצען אַנוואָרמען ביי א פייער פון טאָרף אָדער באַלען, וואָס זיינען געמאַכט פון ליים און קויהלען־אָב־פאַל, פון וועלכע קויהלען־זויערס און שוועבעל־גאַזען שלאָגען ארויס וואָלקענס־ווייז. די ווענד פון'ם הייזעל בעשטעהען פון ליים און שטיינער, דער באָדען פון דער נאַקעטער ערד, ווי זי איז געווען פריהער איידער דאָס הייזעל איז אויפגעבויט געוואָרן, דער דאַך פון לויזע, פערפוילטע שטרוי. יעדער שפּאַלט איז פערשטאָפּט, כדי איינצוהאַלטען די וואָרימקייט, און אין א לופט פון א טייוועלשען געשטאַנק, מיט א בלאָטיגען באָדען אונטער די פיס, אָפט מיט די איינציגע נאַסע קליידער זיך טרינקענדיג אויפ'ן לייב, זעצט ער זיך עסען מיט ווייב און קינדער. העבאַמען, וועלכע זיינען געווען געצוואונגען צו פער־ברענגען א טייל פון דער נאַכט אין אַזעלכע שטיבלעך, האָבען בעשריבען, ווי

נויטיג „אָבצוהאַלטען הונגער־קראַנקהייטען.” ספּעציעל איז דאָס דער פאַל אין אַלע אַגריקולטור־דיסטריקטען פון קאָרנוואַל, דעוואָן, סאָמערסעט, ווילטס, סטאַפאָרד, אָקספאָרד, בערקס און הערטס.

„די נאַהרונג, וואָס דער ערד־אַרבייטער בעקומט פערזענליך,” זאָגט דר. סיימאָן, „איז גרעסער איידער די דורכשניט־סומע צייגט אָן, וואָרים ער קריגט אַ גרעסערן חלק שפּייז — וואָס ער מוז האָבען, כדי צו קאָנען אַרבייטען — איידער די אַנדערע מיטגליעדער פון דער פאַמיליע; אין די אָרימערע דיסטריקטען בעקומט ער כמעט דאָס גאַנצע פלייש אָדער שפּעק. די סומע שפּייז, וואָס די פרוי קריגט, און אויך די קינדער אין דער פעריאָדע פון זייער שנעלען וואַקסען איז אין פיעלע פאַלען, כמעט אין אַלע גראַפשאַפטען, זעהר קאַרג, דערהויפּט אין שטיק־שטאָף.[159]

די קנעכט און דיענסטען, וואָס וואוינען ביים פערמער גופא, קריגען גענוג צו עסען. זייער צאָהל איז געפאַלען פון 288,277 אין יאָהר 1851 אויף 204,962 אין יאָהר 1861. „די אַרבייט, וואָס די ווייבער טהוען אויף די פעלדער,” זאָגט דר. סמיטה, „קאָן זאָנסט ברענגען שאָדען, אָבער אונטער די היינטיגע אומשטענדען איז עס פאַר דער פאַמיליע זעהר ניצליך, וואָרים זי פערמעהרט די הכנסה און קומט צושטייער אויף שיך, קליידער און צאָהלען דירה־געלד, און גיט דעריבער דער פאַמיליע אַ מעגליכקייט בעסער צו עסען.”[160] איינער פון די מערקווירדיגסטע רעזולטאַטען פון דער דאָזיגער אונטערזוכונג איז דער פאַקט, אז דער ערד־אַרבייטער אין ענגלאַנד איז ניט אַן ערך ערגער געשפּייזט איידער אין די אַנדערע טיילען פון פעראייניגטען קיניגרייך,[161] ווי מען קאָן עס זעהן פון דער פאָלגענדער טאַבעלע:

---

[159] „פּאַבליק העלטה”, 6טער ראַפּאָרט, 1863, ז. 238, 249, 261, 262.

[160] דאָרט גופא, ז. 2.62

[161] ד. ג. ז. 17. דער ענגלישער ערד־אַרבייטער בעקומט נאָר אַ פערטחלק מילך און אַ העלפט ברויט פון וויפיעל דער איירישער בעקומט. דעם בעסערן נאַהרונג־צושטאַנד פון דעם לעצטען האָט שוין בעמערקט אַרטהור יאַנג אין זיין „טור טהרו אירלאַנד”, אנפאַנג פון 19טען י. ה. דער גרונד דערפון איז פשוט, וואָס דער אָרימער איירישער פערמער איז פיעל הומאַנער איידער

נע, וועמען זיין ארבייט מאַכט רייך, האַלטען עס ווערטה די מיה
צו בעהאַנדלען איהם מיט אַ געוויסער איינזעהעניש פון מיטלייד,
איז ער אַליין גאַנץ הילפלאָז אין דער זאַך. צי ער געפינט אַן אָרט
וואו צו וואוינען אויפ׳ן לאַנד וואָס ער בעאַרבייט, צי די וואוינונג
איז אַ מענשליכע אָדער חזיר׳שע, צי דאָס הייזעל האָט אויך אַ שטי־
קעל גאָרטען, וואָס מאַכט אַזויפיעל לייכטער דעם דרוק פון אָרימ־
קייט — דאָס אַלעס הענגט ניט אָב פון זיין בערייטוויליגקייט און
פעהיגקייט צו צאָהלען אַ פּאַסענדע רענטע [פאַר די דאָזיגע נויט־
ווענדיגע בעקוועמליכקייטען], נאָר פון דעם געברויך, וואָס אַנדע־
רע ווילען מאַכען פון „דאָס רעכט צו טהאָן מיט זייער אייגענטום,
וואָס זיי ווילען.“ אַ פאַרם מעג זיין ווי גרויס, דאָך איז ניטאָ קיין
געזעץ, וואָס זאָל זאָגען, אַז עס מוז שטעהן אויף איהר אַ בעשטימ־
טע צאָהל ארבייטער־וואוינונגען (שוין ניט צו רעדען אַנשטענדיגע
וואוינונגען); דאָס געזעץ גיט אויך ניט דעם ארבייטער אַפילו
דאָס קלענסטע רעכט אויף דעם באָדען, פאַר וועלכען זיין ארבייט
איז אַזוי נויטיג ווי רעגען און זונענשיין. . . . אַן אויסערליכער
אומשטאַנד לעגט נאָך אַרויף אַ הויז דעם אַ שווער געוויכט אין
דער וואָג־שאָל אַנטקעגען איהם . . . דער איינפלוס פון דעם
„פּור לאָו“ [געזעץ פאַר אָרימע] מיט זיינע בעשטימונגען וועגען
בעזעצען זיך און צולאַסט פאַלען אויף די שטייערן־צאָהלער.[162]
אונטער דעם איינפלוס פון דעם דאָזיגען געזעץ האָט יעדער קיר־
כען־בעצירק אַ געלד־אינטערעס צו בעשרענקען ביז אַ מינימום די
צאָהל ערד־אַרבייטער, וואָס ווילען זיך דאָרט בעזעצען; וואָרים
אומגליקליכערווייז פיהרט די ערד־אַרבייט נ י ט צו אַ זיכערער
און דויערענדער אונאָבהענגיקייט פאַר דעם שווער־פערהאָרעוועֿ־
טען אַרבייטער און זיין פאַמיליע, נאָר מעהרסטענטיילס אויף אַ
לענגערן אָדער קירצערן אומוועג צום פּאָופּעריזם — אַ פּאָופּעריזם,
וואָס ליעגט אַזוי נאָהענט אין לויף פון גאַנצען וועג, אַז יעדער פאַל
פון קראַנקהייט אָדער אַ וועלכער עס איז צייטווייליגער מאַנגעל
אין בעשעפטיגונג מאַכט גלייך נויטיג זיך צו ווענדען דירעקט צו
דער קהלה נאָך הילף — און דעריבער בעטייט יעדע בעזעצונג

[162] אין 1865 איז דאָס דאָזיגע געזעץ עטוואָס פערבעסערט געוואָרן. מען וועט אָבער באַלד לערנען פון ערפאַהרונגען, אַז אַזוינע פּושעריי העלפט ניט.

ניט־נעניגענדער קוואנטיטעט און שלעכטע קוואליטעט פון די וואוינונגען פון אונזער ערד־ארבייטער. און זיין צושטאנד האט זיך פאר פיעלע יאהרען אלץ מעהר פערערגערט אין דער הינזיכט. עס איז איצט פיעל שווערער פאר איהם צו געפינען א דירה, און דאס וואס ער געפינט פאסט פאר זיינע בעדערפעגישען א סך וועניגער, ווי דאס איז געוועזן דער פאל אפשר פאר הונדערטער יאהרען. ספּעציעל אין די לעצטע 30 אדער 20 יאהר ווערט די צרה אלץ גרעסער און די אומשטענדען פון דעם ערד־ארבייטער'ס וואוינונג זיינען קלעגליכע ביז'ן העכסטען גראד. א חוץ אויף וויפיעל יע־

זייערע פיס האבען נעזונקען אין דער בלאטע פון באדען, און ווי זיי זיינען נעווען נעצוואונגען אויסצובויערן א לאך אין וואנד (ניט קיין לייכטע ארבייט!), כדי צו כאפען פאר זיך אביסעל פרישע לופט. פיעלע עדות פון פערשיידענע שטאנדען האבען בעשטעטיגט, אז דער האלב־הונגערינער פויער איז אויסנעזעצט יעדע נאכט צו אט די אונסאניטארע איינפלוסען, און פאר דעם רעזולטאט — אן אבגעשוואכט און סקראפולעזעס פאלק, פעהלט זיכער ניט קיינע בעווייזען. . . . די מיטטיילונגען פון די צדקה־בעאמטע פון קערמארטענשיר און קארדיגאנשיר צייגען אויף אן אויפפאלענדען אופן פונקט דעמזעלבינען צושטאנד. צו דעם קומט נאך א גרעסערע פעסט — די גרויסע צאהל אידיאטען. איצט נאך אווארט וועגען די קלימאטישע צושטאנדען. שטארקע דרום־מערב ווינטען בלאזען דורך דאס גאנצע לאנד פון 8 ביז 9 מאנאט אין יאהר און ברענגען מיט זיך שלאקס־רעגען, וואס גיסען דערהויפט אויף די מערב־זייטיגע אבהאנגען פון די בערג. בוימער זיינען זעלטען א חוץ אין די בעשיצטע פלעצער; וואו זיי זיינען ניט בעשיצט, ווערן זיי אזוי צעבלאזען פון ווינד, אז זיי האבען קיין געשטאלט ניט. די הייזלאך פערקריכען נעוועהנליך אונטער א ווע‍לכעם עס איז בארג־טעראסע, אפט אויך אין א בארג־ריס אדער א שטיין־ברוך. בלויז די קלענסטע שעפסען און די היימישע הארן־פיה קאנען לעבען אויף די דארטיגע לאנקעס. . . . די יונגע לייט וואנדערן אויס נאך די מינען־דיסטריקטען צו מזרח פון גלאמארגאן און מאנמוטה. קערמארטענשיר איז די פלאנץ־שוהלע פון דער מינען־בעפעלקערונג און זייער ספּיטאל. . . . די בעפעלקערונג קאן קוים אויפהאלטען איהר צאהל. אין קארדינאנשיר צ. ב. ש. זיינען נעווען

	1861	1851
זכרים	44,446	45,155
נקבות	52,955	52,459
	97,401	97,614

(דר. האנטער'ס ראפּארט אין „פּאבליק העלטה”, 7טער ראפּארט 1864, לאנדאן 1865, ז. 498־502 און ווייטער.)

זייערע גנעדיגע הערשאפטען די גוטע בעהאנדלונג, וואָס זייער קלאַס קריגט געוועהנליך.[164] די ערד אָבער מוז בעארבייט ווערן, געפינט מען, אז די ארבייטער, וואָס זיינען אויף איהר בעשעפטיגט, וואונען ניט דאָ ביי דעם אייגענטימער, נאָר זיי קומען פון א דערבייאיגען אָפענעם דאָרף, אפשר 3 מייל ווייט, וואו פיעלע קליינע אייגענטימער האָבען זיי אריינגענומען, ווען זייערע קאָטעדזשעס זיינען צערשטערט געוואָרן אין די געשלאָסענע דערפער ארום. וואו די לאַגע פיהרט צו דעם דאָזיגען רעזולטאַט, קאָן מען שוין דערקענען נאָך זייער עלענדען אויסזעהן דעם שיקזאַל, צו וועלכען די קאָטעדזשעס זיינען פערדאַמט. מען געפינט זיי אין אַלע שטופען פון נאַטירליכער פערוויסטונג. כל זמן דער דאַך האלט זיך נאָך, ערלויבט מען דעם ארבייטער צו צאָהלען דירה געלד דערפאַר, און ער איז אָפט זעהר צופריעדען דאָס צו קריגען, אפילו פאר דעם פרייז פון אַן אַנשטענדיגער דירה. קיין רעפּאַראַטור אָבער, קיין אויסבעסערונג וועט זי ניט קריגען, סיידען וואָס די קבצנישע שכנים וועלען אליין אין איהר מאַכען. און ווען מען קאָן שוין ענדליך מעהר אין אזא דירה גאָר ניט וואוינען, קומט צו נאָך א צערשטערטע קאָטעדזש, און דער קינפטיגער אָרמען־שטייער וועט זיין א האָרעלע קלענער. בעת די גרויסע אייגענטימער ווערן אָט אזוי פטור פון צאָהלען אָרמען־שטייער, ענטפעלקערנדיג דעם גרונד און באָדען, וואָס זיי קאָנטראָלירן, נעהמט אריין דאָס נעקסטע שטעדטעל אָדער דער נעקסטער אָפענער דאָרף די ארויסגעוואָרפענע ארבייטער; איך זאָג דער נעקסטער, אָבער דער דאָזיגער „נעקסטער" קאָן זיין דריי אָדער פיער מייל ווייט פון דער פאַרם, וואו דער

---

[164] אזא שוי־דאָרף זעהט אויס זעהר נעט, אבער ער איז פונקט אזוי אונווירקליך, ווי די דערפער, וועלכע קאַטערינאַ די צווייטע האט געזעהן אויף איהר רייזע אין קרים. אין דער לעצטער צייט ווערט אויך דער שעפּסען־פּאַסטוך גאַנץ אָפט פערטריבען פון די דאָזיגע „שאָו ווילעדזשעס". צום בייּשפּיעל ביי מאַרקעט הארבאָראָ געפינט זיך א שעפּסען־פּאַרם פון ארום 500 אַקער, וועלכע פאָדערט נאָר די ארבייט פון איין מאַן. כדי צו פערקלענערן די לאַנגע מאַרשרוטען איבער די ווייטע פלעכען, די שעהנע לאַנקעס פון לייםּטער און נאָרטהאַמפּטאָן, פלעגט דער פאַסטוך קריגען א קאָטעדזש אויפ'ן פאַרם. איצטער גיט מען איהם א דרייצעהנטען שילינג א וואָך פאר לאָזשיע, וואָס ער מוז זיך קריגען ווייט אוועק אין אַן אָפענעם דאָרף.

פון ערד־ארבייטער אין א בעצירק גאַנץ קלאָר א פערגרעסערונג פון זיינע שטייערן. . . . גרויסע גרונד־אייגענטימער[168] דארפען נאָר בעשליסען, אז עס זאָלען ניט שטעהן קיינע ארבייטער־וואוינונגען אויף זייערע גיטער, און זיי בעפרייען זיך גלייך פון א העלפט פון זייער פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר די אָרימע. אויף ווי ווייט די ענגלישע קאָנסטיטוציע און דאָס געזעץ האָבען מכון געווען אזא אונבעדינגטען גרונד־אייגענטום, אז א לאַנד־לאָרד, וואָס „טהוט מיט זיין אייגענטום, וואָס ער וויל" זאָל קאָנען בעהאַנדלען די וואָס בעארבייטען דעם באָדען ווי פרעמדע און זיי פערטרייבען פון זיין טעריטאָריע, איז א פראַגע, וואָס איך וויל דאָ ניט דיסקוטירן. אָט די מאַכט פון ארויסטרייבען איז ניט בלויז א טעאָריע. זי ווערט פראַקטיש דורכגעפיהרט אויף'ן גרעסטען מאָסשטאַב. זי איז איינע פון די אומשטענדען, וואָס בעהערשען די לאַגע פון דעם ערד־ארבייטער'ס וואוינונג. ווי גרויס אָט די צרה איז, קאָן מען זיך מאַכען א בעגריף פון דעם לעצטען צענזוס, לויט וועלכען די צערשטערונג פון הייזער, טראָץ דער פערגרעסערטער לאָקאַלער נאָכפראַגע אויף זיי, איז אָנגעגאַנגען די לעצטע 10 יאָהר אין 821 פערשיידענע דיסטריקטען פון ענגלאַנד, אזוי אז ניט רעכענענדיג די פערזאָנען, וועלכע זיינען געצוואונגען געוואָרן צו הייסען ניט־איינוואוינער (אין די קירך־בעצירקען וואו זיי האָבען געארבייט), איז אין 1861 פערגליכען מיט 1851 א גרעסערע בעפעלקערונג אויף 5½ פראָצענט ארייננעקוועטשט געוואָרן אין א הויז־שטח, וואָס איז פערקלענערט געוואָרן אויף 4½ פראָצענט. . . . ווען דער פראָצעס פון דער ענטפעלקערונג האָט געגרייכט זיין ציעל, איז דער רעזולטאַט, זאָגט דר. האָנטער, א שוי־דאָרף, וואו עס איז געבליבען נאָר עטליכע קאָטעדזשעס, און וואו קיינער האָט ניט קיין רעכט צו וואוינען, א חוץ די שעפסען־פאַסטוכער, גערטנער און ווילד־היטער — רעגולערע בעדיענטע, וועלכע בעקומען פון

---

[168] כדי צו פערשטעהן דאָס ווייטערדיגע, מוז מען ערקלערן: „קלאָוז ווי־לעדזשעס" (געשלאָסענע דערפער) הייסען די, וועלכע געהערן אלס אייגענטום צו איינעם אדער צוויי גרויסע לענדלאָרדס; „אָפען ווילעדזשעס„ (אָפענע דערפער) זיינען די, וואָס זייער באָדען געהערט צו א סך קלענערע אייגענטימער. די לעצ־טע, די אָפענע דערפער, זיינען די ערטער, וואו בוי־ספעקולאַנטען קאָנען אויפ־שטעלען קאָטעדזשעס און לאָדזשי־הייזער.

אַנדער זייט דאַרף מען ניט מיינען, אַז דער אַרבייטער, וואָס וואוינט אויפ'ן לאַנד, וואָס ער בעאַרבייט, קריגט שוין אַ דירה, וועלכע זיין לעבען פון פּראָדוקטיווער אַרבייטזאַמקייט פּערדיענט. אַפּילו אויף די גרעסטע פּירשטליכע גיטער איז זיין קאָטעדזש אָפט די אָרימ־סטע חורבה. עס זיינען פאַראַן לענדלאָרדס, וואָס רעכענען, אַז יעדעס שטעלכעל איז גוט גענוג פאַר דעם אַרבייטער און זיין פאַ־מיליע, אָבער שעהמען זיך ניט פונדעסטוועגען אַרויסצושלאָגען פון איהם אַזויפיעל דירה־געלד ווי מעגליך.[166] מעג עס זיין אַ שטיקעל חורבה פון איין שלאָף־צימער, אָהן פייער־גראַטעס, אָהן אַ קלאָזעט, אָהן אַ פענסטער, וואָס מען קאָן עפענען, אָהן וואַסער אַ חוץ פון דעם גראָבען, אָהן אַ גאָרטען — דער אַרבייטער קאָן זיך אַנטקעגען דעם ניט העלפען. און אונזערע סאַניטאַרע געזעצ־צען זיינען אַ טויטער בוכשטאַב. די דורכפיהרונג פון די דאָזיגע געזעצען ווערט אַקוראַט אַנגעטרויט די זעלביגע אייגענטימער, וועל־כע פערדינגען אַזוינע לעבער. . . . מען מוז זיך ניט לאָזען פער־

די ערד־אַרבייטער געמוזט שלאָפען אונטער די בוימער פון די גיטער, אויף וועלכע זיי אַרבייטען.“ (ד. ג., ז. 135.) דער סיסטעם פון די „אָפענע און „געשלאָסענע“ דערפער הערשט אין אַלע מיטעל־ענגלישע גראַפשאַפטען און אין גאַנצען מזרח־ענגלאַנד.

[166] „דער הויז־פערדינגער (דער פערמער אָדער לענדלאָרד) פּראָפּיטירט דירעקט אָדער אינדירעקט דורך דער אַרבייט פון אַ מאַן, וועמען ער צאָהלט 10 שילינג אַ וואָך און רייסט דערנאָך אַרויס פון אָט דעם אָרימען טייוועל 4 אָדער 5 פונט סט. יעהרליכעס דירה־געלד פאַר הייזער, וואָס זיינען אינגאַנצען ניט ווערטה קיין 20 שילינג אין אָפענעם מאַרק, נאָר ווערן געהאַלטען ביי דעם קינסטליכען פּרייז דורך דעם אייגענטימער'ס מאַכט צו זאָגען: „נעהם מיין הויז, אָדער פּאַק זיך איין און געה זוכען אַ שטעלע אַנדערשוואו אָהן אַ אַרבייט־ציינגיס פון מיר“. . . . ווען אַ מאַן וויל פערבעסערן זיין לאַגע און וויל געהן אַרבייטען ביי לעגען שינען אויפ'ן אייזענבאַהן אָדער אין אַ שטיין־ברעכעריי, איז די זעלביגע מאַכט ווידער פערטיג איהם צו זאָגען: „אַרבייט פאַר מיר אויף אָט דעם נידעריגען לוין, אָדער פּאַקעל זיך אַריבער נאָך איין וואָך קינ־דיגונג; נעהם מיט דיין שוויין, אויב דו האָסט איהם, און זעה וואָס דו קאָנסט קריגען פאַר די קאַרטאָפּעל, וואָס וואַקסען אין דיין גאָרטען.“ לוינט זיך איהם בעסער צו לאָזען דעם אַרבייטער וואוינען אין זיין דירה, העכערט ער איהם דאָס דירה־געלד אַלס אַ שטראָף פאַר ניט וועלען אַרבייטען ביי איהם. (דר. האַנטער, ד. ג., ז. 132.)

אַרבייטער מוז טעגליך אַוועקלעגען זיין פּראַצע. אַט אַזוי ווערט צוגעלעגט צו זיין טעגליכער האַרעוואַניע, אַזוי ווי דאָס וואָלט גאָר־ניט אויסמאַכען, די נויט צו מאַרשירען 6 אָדער 8 מייל אַ טאָג צו פערדיענען זיין שטיקעל ברויט. אַזוי אויך די פאַרם־אַרבייט, וואָס זיין ווייב און זיינע קינדער טהוען, קומט איצט פאַר אונטער די שווערער־געוואָרענע אומשטענדען. און דאָס איז נאָך ניט די גאַנצע צרה, וואָס דער מהלך פעראורזאַכט איהם. אין די אָפענע דערפער קויפען די שפּעקולאַנטען אָב שטיקלעך ערד, אויף וועלכע זיי זעצען אָן אַזוי געדיכט ווי מעגליך די ביליגסטע פון אַלע מעג־ליכע שטעלכלאַך. און אין אָט די עלענדע דירות, וועלכע אויב זיי גרעניצען זיך אפילו מיט אָפענע פעלדער, האָבען זיי די ערגסטע כאַראַקטער־שטריכען פון די ערגסטע שטאָדטישע דירות, ליעגען צוזאַמענגעפּאַקט די ערד־אַרבייטער פון ענגלאַנד[165]. . . . פון דער

[165] „די אַרבייטער־הייזלאַך (אין די אָפענע דערפער, וועלכע זיינען נאַ־טירליך אַלעמאָל איבערפילט) זיינען געוועהנליך געבויט אין רייהען, מיט זייערע הינטענס האַרט ביים ברעג פון דעם שטיק לאַנד, וואָס דער בוי־שפּעקולאַנט רופט אַן זיינס. זיי האָבען דעריבער קיין צוטריט ניט צו ליכט און לופט אַ חוץ פון דעם פאָדערשטען טייל.“ (דר. האַנטער'ס רעפּאַרט, ד. נ. ז. 135.) זעהר אָפט איז דער ביער־שענקער אָדער דער קרעמער פון דאָרף אויך דער פערדינגער פון די דירות. אין דעם פאַל געפינט דער ערד־אַרבייטער אין איהם אַ צווייטען בעל הבית צו דעם פאַרמער. ער מוז אויך זיין אין דערזעלבינער צייט זיין קונד. „מיט 10 שילינג אַ וואָך, פון וועלכע עס געהט אַראָב דאָס יעהרליכע דירה־געלד פון 4 פונט סט., איז ער פערפליכטעט צו קויפען זיין בעשטימטע מאָס טהעע, צוקער, מעהל, זייף, ליכט און ביער ביי דעם קרעמער, אויף וועלכע פּרייזען יענער רעכענט איהם.“ (ד. ג., ז. 132.) אַט די אָפענע דערפער זיינען פאַקטיש די „שטראָף־קאָלאָניעס“ פון דעם ענג־לישען אַגריקולטור־פּראָלעטאַריאַט. אַ סך פון די קאָטעדזשעס זיינען פשוט'ע לאָזשיע־הייזער, דורך וועלכע עס געהען דורך אַלע בראָדיאַגעס פון דעם גע־גענד. דער ערד־אַרבייטער און זיין פאַמיליע, וועלכע זיינען אונטער די שמו־ציגסטע אומשטענדען אָפט געבליבען אויף אַ אמת וואונדערבאַרן אופן טיכ־טיגע מענשען מיט אַ ריינעם כאַראַקטער, געהען דאָ אינגאַנצען צום טייוועל. עס איז נאַטירליך געוואָרן די מאָדע ביי די אַריסטאָקראַטישע שיילאָקס צו ציהען מיט די פּלייצעס ווי צבועיאַקעס אויף די בוי־שפּעקולאַנטען, די קליינע אייגענטימער און די אָפענע דערפער. זיי וויסען גאַנץ גוט, אַז זייערע „גע־שלאָסענע דערפער“ און „שוי־דערפער“ זיינען די געבורטס־פּלעצער פון די „אָפע־נע דערפער“, און אַז זיי וואָלטען ניט געקאָנט עקזיסטירן אָהן זיי. „אָהן די קליינע אייגענטימער פון די אָפענע ערטער וואָלט דער גרעסטער טייל פון

אז די מאָראַל מוז נויטיגערווייז ליידען דערביי"[167]. . . . אַזוי, צום ביישפּיעל, אין דעם אָנהאַנג צו מיין לעצטען בעריכט דערמאָנט דר. אָרד אין זיין בעריכט וועגען דעם אויסברוך פון פיעבער אין ווינג, באָקינגהאַמשיר, ווי אַ יונגערמאַן, וואָס איז געווען קראַנק אויף פיעבער איז דאָרט אהינגעקומען. אין די ערשטע טעג פון זיין קראַנקהייט איז ער געשלאָפען מיט 9 אַנדערע פּערזאָנען צו־זאַמען אין איין קעמערל. אין צוויי וואָכען אַרום זיינען אייניגע פון די פּערזאָנען אַטאַקירט געוואָרן, און פערלויף פון עטליכע וואָ־כען זיינען 5 פון זיי קראַנק געוואָרן און איינער איז געשטאָרבען. אין דערזעלביגער צייט האָט מיר בעריכטעט דר. האַרוועי פון סט. דזשאָרדזש ספּיטאָל, וועלכער האָט בעזוכט ווינג, אין אַנגע־לעגענהייטען פון זיין פּריוואַט־פּראַקסיס אין דער צייט פון דער עפּידעמיע, פּונקט אין דעמזעלביגען זין: אַ יונגע פרוי, וואָס האָט געהאַט פיעבער איז געשלאָפען ביי נאַכט אין אַ צימער צוזאַ־מען מיט איהר פאָטער און מוטער, איהר ממזר־קינד, צוויי יונגע מענער (איהרע ברידער) און איהרע צוויי שוועסטער, יעדע מיט אַ ממזר־קינד — אין אַלעמען 10 פּערזאָן. עטליכע וואָכען פריהער זיינען 13 פּערזאָן געשלאָפען אין דעמזעלביגען קאַמער."[168]

דר. האָנטער האָט אונטערזוכט 5375 ערד־אַרבייטער קאָ־טעדזשעס, ניט נאָר אין די ריין־אַגריקולטור־דיסטריקטען, נאָר אין

---

[167] „פּאַבליק העלטה", 7טער ראַפּאָרט 1867, ז. 9־14 און ווייטער.

[168] „יונג־פערהייראַטע פּאָרלאַך זיינען ניט קיין בעלעהרענדער שטודיום פאַר דערוואַקסענע ברידער און שוועסטער אין דעמזעלביגען שלאָף־צימער. און הגם עס לאָזט זיך דאָ ניט פערצייכענען קיין ביישפּיעלען, זיינען פאַראַן גענוג פּונקטען צו רעכטפערטיגען די בעמערקונג, אז גרויסע ליידען און אָפטמאָל דער טויט איז דער גורל פון די פרויען־טיילנעהמער אין דעם פערברעכען פון בלוט־שאַנד." (דר. האָנטער, ד. ג. ז. 137.) אַ בעאַמטער פון דער לאַנד־פּאָליציי, וועלכער האָט פיעל יאָהרען כסדר געדיענט אַלס דעטעקטיוו אין די ערגסטע קוואַרטאַלען פון לאָנדאָן, זאָגט וועגען די מיידלעך פון זיין דאָרף: „זייער גראָבע אונמאָראַלישקייט אין יונגסטען עלטער, זייער פרעכקייט און אונפערשעמטקייט שטייגט אַריבער אַלץ, וואָס איך האָב ווען עס איז געזעהן אין פערלויף פון מיין פּאָליציי־לעבען אין די ערגסטע טיילען פון לאָנדאָן. . . . זיי לעבען ווי חזירים, גרויסע בחורים און מיידלעך, מוטערס און פאָטערס לעבען אַלע צוזאַמען אין דערזעלביגער שטוב." („טשילדרענס עמפּלאָימענט קאָמישאָן, 6טער ראַפּאָרט, לאָנדאָן 1867, אַנהאַנג ז. 7, נאָטע 155.)

בלענדען, זעהענדיג אין אויסנאַהם־פאַלען ליכטיגערע סצענעס, וועגען דאָס שווערע איבערגעוויכט פון די פאַקטען, וועלכע זיינען אַ שאַנד־פלעק אויף דער ענגלישער ציוויליזאַציע. די לאַגע מוז ווירקליך זיין אַ שוידערהאַפטיגע, ווען טראָץ דער אויבענאויפיגער אונגעהויערליכקייט פון די איצטיגע דירות, קומען די זאַכפערשטענדיגע בעאָבאַכטער איינשטימיג צו דעם שלוס, אַז אפילו דער אַלגעמיינער זעהר שלעכטער צושטאַנד פון די וואוינונגען איז נאָך ניט אַן ערך אַ קלענערע צרה, איידער דער פאַקט, וואָס עס זיינען איבערהויפּט ניטאָ געננג דירות. יאָהרען־לאַנג איז די ענגשאַפט פון די ערד־אַרבייטער'ס וואוינונגען געווען אַ געגענשטאַנד פון טיעפען צער ניט נאָר פאַר מענשען, וועמען עס אהרט די סאַניטאַרע פראַגע, נאָר פאַר אַלעמען, וועלכע זאָרגען פאַר אַן אַנשטענדיגען, מאָראַלען לעבען. וואָרים די בעריכטען־אָבגעבער קלאָגען זיך ווידער און אָבער אין אַזוינע גלייכפאָרמיגע אויסדרוקען,, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען סטעראַאָטיפּירט, וועגען דער פערשפּרייטונג פון עפּידעמישע קראַנקהייטען אין די לאַנד־דיסטריקטען, וועגען דער איינגענשאַפט אין די הייזער אַלס אַן אורזאַך, וואָס מאַכט צו נישט יעדען פערזוך אָבצוהאַלטען אַן עפּידעמיע, ווען זי האָט זיך איינמאָל אָנגעפאַנגען. און עס איז בעוויזען געוואָרן אָבער און ווידער, אַז די ענגשאַפט, וועלכע טראָץ די פיעלע געזונדהייטליכע איינפלוסען פון דעם לעבען אויפ'ן לאַנד, העלפט אַזויפיעל דער פערשפּרייטונג פון אַנשטעקענדע קראַנקהייטען, רופט אויך אַרויס פיעלע ניט־אַנשטעקענדע קראַנקהייטען. און די מענשען, וועלכע האָבען אויפגעדעקט דעם דאָזיגען צושטאַנד [וועגען דער ענגשאַפט], האָבען אויך ניט פערשוויגען נאָך אַנדערע שלעכטע פּאָלגען. אַפילו ווען זייער הויפּט עסק איז געווען די פראַגע וועגען דעם געזונד־צושטאַנד, זיינען זיי אָפט כמעט געווען געצוואונגען צו רעדען אויך וועגען די אַנדערע זייטען פון דעם געגענשטאַנד. בעווייזענדיג ווי אָפט עס קומט פאָר, אַז דערוואַקסענע פערזאָנען פוןביידע געשלעכטער, פערהייראַטע און ניט פערהייראַטע, זיינען צוזאַמענגעוואָרפען אין ענגע שלאָף־צימערן, האָבען זייערע בעריכטען געמוזט אַרויסרופען די איבערצייגונג, אַז אונטער די בעשריבענע אומשטענדען מוז דער געפיהל פון שאַנד און אַנשטענדיגקייט אויפ'ן גרעבסטען אופן פערלעצט ווערן, און

די צאָהל פון די, וואָס מוזען זיך צונויפלעגען, כדי דאָס צו צאָהלען. 6 דערוואקסענע, וועלכע שלאָפען צוזאמען מיט 4 קינדער אין איין קאמער, צאָהלען דערפאר 3 פונט סט. מיט 10 שילינג. דאָס ביי־ ליגסטע הויז אין דאנטאָן, 15 פוס לאנג און 10 פוס ברייט פון דרויסען, פערדינגט זיך פאר 3 פונט סט. נאָר 1 פון די 14 אונ־ טערזוכטע הייזער האָט געהאט 2 שלאָף־צימערן. א ביסעל אָן א זייט פון דאָרף איז געשטאנען א הויז, אויף איין זייט פון וועלכען די שכנים האָבען געטאָן זייערע בעדערפעגישען, די אונטערשטע 9 צאָל פון טיער איגגאנצען אָבגעפוילט, די עפענונג ווערט ביי־ נאכט קונציג פערמאכט פון אינעווענינ דורך עטליכע ציגעל און פערהאָנגען מיט א שמאטע. א האלב פענסטער, מיט'ן גלאָז און ראהם, זיינען אוועק אין דער אייביגקייט ווי אלעס שטערבליכע. אָט דאָ, אָהן א ברעקעל מעבעל, זיינען געווען צוזאמענגעוואָרפען 3 דערוואקסענע און 5 קינדער. דאנטאָן איז ניט ערגער ווי די איבעריגע ערטער פון ביגגלעסווייד יוניאָן.

2. בערקשיר.

בינהאם: אין יוני 1864 האָבען געלעבט א מאן מיט א פרוי און 4 קינדער אין א קאט (א איינשטאָקיג קאָטערזש). א טאָכטער איז געקומען אהיים פון דיענסט מיט שארלאך־פיעבער. זי איז געשטאָרבען. א קינד איז קראנק געוואָרן און געשטאָרבען. ווען מען האָט גערופען דר. האָנטער, איז די מוטער און א קינד קראנק געווען אויף טיפוס. דער פאָטער און א קינד זיינען געשלאָפען דרויסען, אָבער ווי שווער עס איז געווען צו פערזיכערן איזאָלא־ ציע, קאָן מען זעהן דערפון, וואָס די בעט־געוואנט פון דער קראנ־ קער פאמיליע איז געלעגען אויפ'ן פול־געפאקטען מארק פון דעם עלענדען דאָרף איידער מען האָט עס צוגענומען אין וועש. דאָס דירה־געלד פון ה'ס הויז איז א שילינג א וואָך; איין שלאָף־ צימער פאר מאן און ווייב און 6 קינדער. 1 הויז פערדינגט זיך פאר 8 פענס א וואָך, 14½ פוס לאנג, 7 פוס ברייט, די קיך 6 פוס הויך, דאָס שלאָף־צימער אָהן א פענסטער, פייער־פלאץ, טיר אָדער עפענונג א חוץ אין דורכגאנג; קיין גאָרטען. א מאן האָט דאָ קירצליך געוואוינט מיט צוויי דערוואקסענדע טעכטער און א דערוואקסענעם זוהן. פאָטער און זוהן האָבען געשלאָפען

אַלע גראַפשאַפטען פון ענגלאַנד. פון אָט די 5375 האָבען 2195 געהאַט נאָר איין שלאָף־צימער (וואָס איז אָפט אויך געווען דאָס וואוין־צימער), 2930 האָבען געהאַט נישט מעהר ווי 2 און 250 האָבען געהאַט מעהר ווי 2 צימערן. איך וויל געבען עטליכע מוס־טערן געזאַמעלט אין א טוצען גראַפשאַפטען.

1. בעדפאָרדשיר.

רעסטלינגוואָרטה: דער שלאָף־צימער אומגעפעהר 12 פוס לאַנג און 10 פוס ברייט, הגם פיעלע זיינען קלענער. דאָס קליין איינשטאָקיג שטיבעל ווערט אָפט איבערגעטיילט מיט ברעטער אין צוויי שלאָף־צימערן, אָפט געפינט זיך א בעט אין א קיך 5½ פוס הויך. דירה־געלד 3 פונט סט. די שכנים מוזען אליין בויען זייערע קלאָזעטען, דער הויז־אייגענטימער גיט נאָר דעם פּלאַץ. ווען איינער בויט אויף א קלאָזעט בענוצט זיך מיט איהם די גאַנצע נאַכבארשאַפט. איין הויז, וואָס האָט געהערט צו א פאַמיליע מיטן נאָמען ריטשאַרדסאָן, האָט געהאַט גאָר א זעלטענעם חן. „זיי־נע ליימענע ווענד האָבען אַרויסגעשטאַרצט ווי דאָס קלייד פון א דאַמע בעת זי מאַכט א קניקס. איין שפּיץ פון דאַך איז גע־ווען אויסגעקרימט צו דרויסען־צו, דער אַנדערער צו אינעווייניג, און אויף דעם לעצטען איז אומגליקליכערווייז געשטאַנען דער קוי־מען — אַן אויסגעקרימטער רעהר פון ליים און האָלץ, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי א העלפאַנט׳ס שנויץ. א לאַנגער שטעקען האָט געדיענט ווי אַן אונטערשפּאַר ניט צו לאָזען דעם קוימען אַרונטער־פאַלען. טיר און פענסטער זיינען געווען פון א רהאָמבישער פאָרם.״ פון 17 בעזוכטע הייזער האָבען נאָר 4 געהאַט מעהר ווי איין שלאָף־צימער און די אַלע 4 זיינען געווען איבערגעפּאַקט. אין איין הויז, וואָס האָט נאָר געהאַט 1 שלאָף־צימער, האָבען געוואוינט 3 דערוואַקסענע מיט 3 קינדער; אין אַנאַנדער הויז — א פערהייראַט פּאָרל מיט 6 קינדער א. אז. וו.

דאָנטאָן: הויכע דירה־געלד, פון 4 ביז 5 פונט סט. דער וואָכען־לוין פון די מענער 10 שילינג. זיי האָפען צו קאָנען צאָה־לען דירה־געלד דורכדעם וואָס די פאַמיליע וועט פערדיענען פון שטרוי־פלעכטען. וואָס העכער דאָס דירה־געלד, אַלץ גרעסער איז

טיר, וואסער זעהר זעלטען. דירה־געלד א וואך — פון 1 שילינג 4 פענס ביז 2 שילינג. אין 16 אונטערזוכטע הייזער איז נאר געווען איין איינציגער מאן, וואס האט פערדיענט 10 שילינג א וואך. די סומע לופט פאר יעדער פערזאן אין די דערמאנטע פאלען איז געווען נישט מעהר וויפיעל ער וואלט בעקומען ווען ער וואלט געווען איינגעשלאסען די גאנצע נאכט אין א קאסטען, וואס האט 4 פוס די מאס אין אלע זייטען. די אלע חורבות האבען ווענינגסטענס געהאט וויפיעל־ניט־איז נאטירליכע ווענטילאציע.

4. קאמברידזשיר.

גאמבלינגיי געהערט צו פערשיידענע אייגענטימער. עס ענטהאלט די לומפיגסטע קאטס, וואס מען קאן וואו עס איז געפינען. פיעל שטרוי־פלעכטונג. „א טויטע מאטקייט, א האפנונגלאזעס זינקען אין שמוץ” הערשט אין גאמבלינגיי. די פערנאכלעסיגונג אין צענטער ווערט אן אמת'ער חורבן ביי די עקען צו צפון און דרום, וואו די הייזער פוילען פשוט אב שטיקערווייז. די אבוועזענדע לענדלארדס צאפען שוין צו־פריי דאס בלוט פון אט דעם קבצנישען נעסט. דירה־געלד איז זעהר הויך; 8 ביז 9 פערזאן אנגעפאקט אין איין שלאף־צימער; אין 2 פאלען האבען געוואוינט 6 דערוואקסענע מיט איינס אדער צוויי קינדער אין א קליין קאמערל.

5. עססעקס.

אין פיעלע קהלות פון אט דער גראפשאפט געהען אן פערקלענערונגען אין דער צאהל פערזאנען און קאטעדזשעס האנד אין האנד. אין ניט ווענינגער אבער ווי אין 22 קהלות האט די צערשטערונג פון הייזער ניט אבגעהאלטען דעם וואוקס פון דער בעפעלקערונג, אדער האט ניט מיטגעבראכט די גירושים, וועלכע קומען געוועהנליך פאר אונטער דעם נאמען „אויסוואנדערונג אין די שטעדט.” אין פינגרינהאו, א קהלה פון 3443 אקער, זיינען אין יאהר 1851 געשטאנען 145 הייזער, אין 1861 זיינען מעהר ניט געבליבען ווי 110) אבער די בעפעלקערונג האט ניט געוואלט אוועקגעהן און האט נאך בעוויזען, אפילו אונטער אט די אומשטענדען, זיך צו פערמעהרן. אין ראמסדען קראגס הא־

אין בעט, די מיידלעך אין דעם דורכגאַנג. יעדע האָט געהאַט אַ קינד בעת די פאַמיליע האָט דאָ געוואוינט; איינע איז געגאַנגען אין וואָרקהאַוז פאַר איהר ענטבינדונג און איז דערנאָך געקומען אהיים.

3. באַקינגהאַמשיר.

30 קאָטעדזשעס — אויף 1,000 אקער לאַנד — ענטהאַלטען דאָ אומגעפעהר 130 ביז 140 פּערזאָן. די קהלה פון בראַדענהאַם פערנעהמט 1,000 אקער; אין 1851 האָט זי געהאַט 36 הייזער און אַ בעפעלקערונג פון 84 מאַנספּערזאָן און 54 פרויען. אָט די געשלעכטליכע אונגלייכהייט איז טיילווייז פערריכט געוואָרן אין 1861, ווען זיי האָבען געצעהלט 98 מענער און 87 פרויען: אַ פערמעהרונג אין 10 יאָהר פון 14 מענער און 33 פרויען. אונטער דער צייט איז די צאָהל הייזער געוואָרן מיט איינס ווענינער.

ווינסלאָו: אַ גרויסער טייל פון דעם איז ניי־געבויט און אין אַ גוטען סטיל; די נאָכפראַגע אויף הייזער מוז זיין זעהר גרויס, וואָרים זעהר עלענדע הייזלעך פערדינגען זיך פאַר אַ שילינג און אַ שילינג מיט 3 פּענס אַ וואָך.

וואָטער־איטאָן: דאָ האָבען די אייגענטימער, טראָץ דער וואַקסענדער בעפעלקערונג, צערשטערט 20 פּראָצענט פון די עקזיסטירענדע הייזער. אַן אָרימער אַרבייטער, וואָס האָט געמוזט געהן אַרום 4 מייל צו דער אַרבייט, האָט געענטפערט אויף דער פראַגע, צי ער קאָן ניט געפינען אַ דירה נעהענטער: „ניין, זיי זיינען צו־קלוג צו ווען אריינגעהמען אַ מאַן מיט אַזאַ גרויסער פאַמיליע ווי מיינע."

טינקער'ס ענד נעבען ווינסלאָו: אַ שלאָף־שטוב, וואו עס האָבען געוואוינט 4 דערוואַקסענע און 4 קינדער, איז געווען 11 פוס לאַנג, 9 פוס ברייט און 6½ פוס פוס הויך אין דעם העכסטען פונקט; אַן אנדער שטיבעל 11 פוס 3 צאָל לאַנג, 9 פוס ברייט, 5 פוס 10 צאָל הויך האָט ענטהאַלטען 6 פּערזאָן. יעדע פון אָט די פאַמיליען האָט געהאַט ווענינער רוים וויפיעל עס רעכענט זיך אַז עס איז נויטיג פאַר אַן אַרעסטאַנט. קיין הויז האָט ניט געהאַט מעהר ווי איין שלאָף־צימער, קיינס האָט ניט געהאַט קיין הינטער־

לע איינוואוינער קאָנען דינגען קליינע שטיקלעך ערד פּאַר 10 אָדער 12 שילינג אַ פּערטעל אַקער. די טיילען ערד זיינען גאַנץ ווייט פון די קאָטעדזשעס, וועלכע האָבען ניט קיינע קלאָזעטען. די פּאַמיליע מוז ענטוועדער געהן טהאָן זייערע בעדערפעּנישען דאָרטען אויף די ערד־טיילען, אָדער, ווי עס פיהרט זיך דאָ, זיי מאַכען עס, מיט רעספּעקט צו מעלדען, אין אַ שופלאָדען פון אַן אַלמער. ווען דער שופלאָדען ווערט פול, ווערט ער ארויסגעצויגען און אויסגעלעדיגט דאָרט אויף די פעלדער, וואו זיין אינהאַלט קומט צוניץ. אין יאַפּאַן ווערט דער קרייז־לויף פון די לעבענס־בעדינגונגען דורכגעמאַכט ריינליכער.

8. לינקאָלנשיר.

לאַנגטאָפט: אַ מאַן וואוינט דאָ אין רייט'ס הויז מיט זיין פרוי, איהר מוטער און 5 קינדער. דאָס הויז האָט אַ פאָדער־קיך, אַ וואַש־קאַמער און אַ שלאָף־צימער איבער דער פאָדער־קיך;ביידע צימערן זיינען 12 פוס 2 צאָל לאַנג, 9 פוס 5 צאָל ברייט, דער גאַנצער שטח פון הויז איז 21 פוס 2 צאָל לאַנג, 9 פוס 5 צאָל ברייט. דער שלאָף־צימער איז אַ דאַך־שטיבעל, די ווענט קומען זיך צוזאַמען מיט'ן דאַך אין דער פאָרם פון אַ היטעל־צוקער, און אַ קלאַפּען־פענסטער עפענט זיך פון פאָרענט. „וואָרום וואוינט ער דאָ? צוליעב דעם גאָרטען? — ניין, עס איז זעהר אַ פּיצעל גאָרטען. וועגען דאָס ביליגע דירה־געלד? — אויך ניט. דער פרייז איז גאַנץ הויך, 1 שילינג 3 פענס אַ וואָך. ווייל עס איז נאָהענט צו זיין אַרבייט? — ניין, עס איז 6 מייל ווייט און עס קומט איהם אויס צו געהן צופוס הין און צוריק 12 מייל יעדען טאָג. ער וואוינט דאָ, ווייל דער קאָטעדזש איז געוועזן צום פערדינגען און ער האָט געוואָלט האָבען אַ הייזעל פאַר זיך אליין, וואו דאָס זאָל ניט זיין, פאַר וועלכען עס איז פרייז און אין וועלכען עס איז צושטאַנד." — דאָס פאָלגענדע איז די סטאַטיסטיק פון 12 הייזער אין לאַנגטאָפט מיט 12 שלאָף־צימערן, 38 דערוואַקסענע און 36 קינדער:

(זעה טאַבעלע אויף נעקסטער זייט)

גען אין יאָהר 1851 געוואוינט 252 פּערזאָן אין 61 הייזער, אין 1861 זיינען 262 פּערזאָן געווען צונויפגעקוועטשט אין 49 הייזער. אין באַזילדען האָבען אין 1851 געלעבט 157 פּערזאָן אין 35 הייזער אויף 1827 אַקער, און 10 יאָהר שפּעטער — 180 פּער־זאָן אין 27 הייזער. אין די קהלות פינגרינגהאָו, סאוטה פאַרנ־ברידזש, ווידפאָרד, באַזילדען און ראַמסדען קראַגס האָבען אין 1851 געלעבט אויף 8449 אַקער 1392 פּערזאָן אין 316 הייזער; אין 1861, אויף דעמזעלבען שטח האָבען 1473 פּערזאָן געלעבט אין 249 הייזער.

6. הירפאָרדשיר.

אָט די קליינע גראַפשאַפט האָט מעהר געליטען פון דעם „גירוש גייסט" איידער יעדע אנדערע אין ענגלאַנד. אין נאַרבי גע־הערן די איבערגעפּאַקטע קאָטעדזשעס, מעהרסטענטיילס מיט 2 שלאָף־צימערן, דאָס רוב צו די ארענדאַטאָרס. זיי פערדינגען זיי לייכט פאַר 3 אָדער 4 פונט סט. א יאָהר, און צאָהלען א וואָ־כענלוין פון 9 שילינג!

7. האַנטינגדאָנשיר.

האַרטפאָרד האָט אין 1851 געהאַט 87 הייזער; א קורצע צייט נאָכדעם זיינען 19 קאָטעדזשעס צערשטערט געוואָרן אין אָט דער קליינער קהלה פון 1720 אַקער. די בעפעלקערונג אין 1831 איז געווען 452 פּערזאָן, אין 1852 — 832 פּערזאָן און אין 1861 — 3441 פּערזאָן. 14 קאָטעדזשעס פון 1 שלאָף־צימער יעדערע זיינען בעזוכט געוואָרן. אין איין קאָטעדזש האָבען גע־וואוינט 1 פּאָר פאָלק, 3 דערוואַקסענע זיהן, 1 דערוואַקסענע מיידעל און 4 קינדער, צוזאַמען 10 פּערזאָן; אין אַנאַנדער קאָ־טעדזש — 3 דערוואַקסענע און 6 קינדער. איינס פון די קאַמערן וואו 8 פּערזאָן זיינען געשלאָפען, איז געווען 12 פוס 10 צאָל לאַנג, 12 פוס 2 צאָל ברייט, 6 פוס 9 צאָל הויך; די דורכשניט־מאָס, ניט אָראָברעכענענדיג די טיילען, וואָס שטעקען ארויס פון די ווענט, איז געווען אומגעפעהר 130 קוביק פוס פער קאָפּ. אין די 14 שלאָפצימערן 34 דערוואַקסענע און 33 קינדער. די דאָזיגע קאָטעדזשעס האָבען נאָר זעלטען־ווען קליינע גאָרטענס, אָבער פיע־

דאס פעלד מען זאל זי בעארבייטען, ווארפען די ארבייטער בע־טענדע בליקען אויפ׳ן פעלד פון דער אנדער זייט פארקאן. שרעק־ליך איבערגעארבייט אין זומער און האלב־פערהונגערט אין ווינ־טער, איז קיין וואונדער ניט, ווען זיי זאגען אין זייער אייגענ־ארטיגען דיאלעקט, אז „דער גלח און די פריצים האבען זיך פערשווארן זיי צו ברענגען פון דער וועלט.״

אין פלאר געפינט מען ביישפיעלען פון מאן און ווייב מיט 4, 5 און 6 קינדער אין איין שלאף־צימער פון דער קלענסטער גרויס; אויך 3 דערוואקסענע מיט 5 קינדער, אדער א פאר פאלק מיט א זיידען און 6 קינדער אלע קראנק אויף שארלאך א. אז. וו. אין 2 הייזער מיט 2 שלאף־צימערן צוויי פאמיליען צו 8 אדער 9 דערוואקסענע אין יעדען.

11. ווילטשיר.

סטראטאן: בעזוכט 31 הייזער; 8 האבען נאר איין שלאף־צימער. פענטיל, אין דערזעלביגער קהלה: איין „קאט״ ווערט פערדונגען פאר 1 שילינג 3 פענס א וואך צו 4 דערוואקסענע און 4 קינדער; א חוץ די ווענט האט דארט קיין זאך ניט גע־טויגט, פון דעם באדען פון גראב־געהאקטע שטיינער ביז דעם פערפוילטען שטרויענעם דאך.

12. וואוסטערשיר.

די צערשטערונג פון הייזער איז דא ניט אזוי שלעכט; דאך פון 1851 ביז 1861 האט זיך די צאהל איינוואוינער אויף יע־דען הויז פערגרעסערט פון 4,2 צו 4,6 פערזאן.

באדסעי: דא זיינען פאראן א סך „קאטס״ מיט קליינע גערטנער. איינינע ארענדאטארס זאגען, אז „די „קאטס״ זיינען א גרויסע אנשיקעניש, ווייל זיי ברענגען אהער די ארימע.״ איין זשענטעלמאן האט זיך אויסגעדריקט: „פאר די ארימע ווערט דערפון ניט בעסער; ווען מען זאל אויסבויען 500 „קאטס״, וועלען זיי גלייך ווערן פערדונגען; עס איז א פאקט, וואס מעהר מען בויט, אלץ מעהר דארף מען״ — די הייזער שאפען לויט זיין מיינונג די איינוואוינער, וועלכע על פי נאטור־געזעצע דריקען אויף „די מיטלען פון צושטעלען הייזער.״ דר. האנטער בעמערקט: „עס פערשטעהט זיך, די דאזיגע ארימע מוזען פון וואנעט עס איז

הויז נומער	שלאָף־צימער	ערוואַקסענע	קינדער	פערזאָנען אין גאַנצן	הויז נומער	שלאָף־צימער	ערוואַקסענע	קינדער	פערזאָנען אין גאַנצן
1	1	3	5	8	7	1	3	3	6
2	1	4	3	7	8	1	3	2	5
3	1	4	4	8	9	1	2	—	2
4	1	5	4	9	10	1	2	3	5
5	1	2	2	4	11	1	3	3	6
6	1	5	3	8	12	1	2	4	6

9. קענט.

קעניגטאָן איז געווען העכסט טרויעריג איבערפילט אין 1859, ווען עס האָט זיך בעוויזען די דיפטעריט און דער קהלה־דאָקטאָר האָט אָנגעפיהרט א מעדיצינישע אונטערזוכונג וועגען דער לאַגע פון די אָרימערע קלאַסען. ער האָט געפונען, אז אין אָט דעם גע־גענד וואו עס ווערן בעשעפטיגט פיעלע ארבייטער, זיינען פער־שיידענע „קאָטס" צערשטערט געוואָרן און קיין נייע זיינען ניט געבויט געוואָרן. אין איין בעצירק זיינען געשטאַנען 4 הייזער, וועלכע מען האָט אָנגערופען פליגעל־שטייגען; יעדעס הויז האָט געהאַט 4 צימערן מיט די פאָלגענדע דימענסיאָנען אין פוס און צאָל:

קיך — — — — — — — — — 6,6×8,11×9,5
הינטער־קיך — — — — — 6,3×4,6×8,6
שלאָפצימער — — — — — 6,3×5,10×8,5
שלאָפצימער — — — — — — 6,3×8,4×8,3

10. נאָרטהאַמפּטאָנשיר.

ברינגוואָרטה, פּיקפאָרד און פלאָאָר: אין אָט די דערפער שלעפּען זיך אַרום אום ווינטער פון 20 ביז 30 מאַן אין די גאַ־סען אוים מאַנגעל אין ארבייט. די ארענדאַטאָרס פעראַקערן ניט אַלעמאָל גענוג די תבואה און ריבען־פעלדער, און דער לענדלאָרד האָט אויסגעפונען אז עס לוינט זיך איהם בעסער צונויפצו־וואַר־פען אַלע זיינע פאַרמס אין 2 אָדער 3. דערפון נעהמט זיך דער מאַנגעל אין בעשעפטיגונג. בעת פון איין זייט פון פאַרקאַן בעט זיך

פון דער אַנדער זייט איז דאָס לאַנד, טראָץ זיין שטענדיגער „רעלאַטיווער איבער־בעפעלקערונג", אין דערזעלביגער צייט ניט גענוג בעפעלקערט. דאָס ציינט זיך ארויס ניט נאָר לאָקאַל אין די פונקטען, וואו דער אָבפלוס פון מענשען צו די שטעדט, די מינען, אייזענבאהנען א. אז. וו. קומט פאָר צו־שנעל, נאָר עס ציינט זיך אומעטום, אין שניט־צייט, אזוי גוט ווי אין פריהלינג און זומער, אין אַלע צייטען ווען די זעהר אויפגעפּאסטע און אינ־טענסיווע ענגלישע אַגריקולטור פאָדערט עקסטרא הענד. עס זייי־נען אַלעמאָל דאָ צופיעל ערד־ארבייטער פאַר די געוועהנליכע בע־דערפעניששען און שטענדיג צו־ווענינ פאַר די אויסנאהמסווייזע אָדער צייטווייליגע בעדערפעניששען פון דער בעאַרבייטונג פון דער ערד.[170] דעריבער געפינט מען אין די אָפיציעלע דאָקומענטען די ווידערשפּרעכענדע קלאָגען פון דיזעלביגע ערטער אי וועגען א דוחק, אי וועגען אַן איבערפלוס אין ארבייט. דער צייטווייליגער

פעלד] מאַכט זיין לאַגע עהרווירדיג. ער איז ניט קיין שקלאַוו, נאָר א סאָל־דאַט פון פריעדען און פערדיענט א פלאַץ אין א וואוינונג פאַר פערהייראַטע, פערזאָרגט פון דעם לענדלאָרד, וועלכער בעהויפּטעט איבער איהם די מאַכט פון צוואַנג־אַרבייט, ווי דאָס לאַנד איבער דעם סאָלדאַט. ער קריגט ניט דעם מאַרק־פּרייז פאַר זיין ארבייט, אזוי ווי דער סאָלדאַט קריגט נים אזא פּרייז פאַר זיין ארבייט. אזוי ווי דעם סאָלדאַט, אזוי כאַפּט מען איהם אויף ווען ער איז יונג, אונוויסענד, קען גאָר זיין אייגענעם פאַך און זיין אייגענעם געגענד. א פריהע הייראַט און די ווירקונג פון די פערשיידענע געזעצען פון ווערן א תושב מאַכען אויף איהם דעמזעלביגען איינדרוק, ווי די רעקרוטירונג און די געזעצען פון מיליטער־שטראָף מאַכען אויף דעם סאָלדאַט." (דר. האַנטער אין „פּאַבליק העלטה", 7טען ראַפּאָרט 1864, לאַנדאָן 1865, ז. 132.) אַמאָל טרעפט, אז אַן אויסנאַהמסווייז גוטהערציגער לענדלאָרד ווערט ווייכער, בעטראַכטענ־דיג די איינזאַמקייט, וואָס ער האָט געשאַפען. „עס איז א מעלאַנכאָלישע לאַ־גע פאַר א מענשען צו זיין אליין אין זיין לאַנד," האָט געזאָגט לאָרד לעיסטער, בעת מען האָט איהם גראַטולירט צום חנוכת הבית פון זיין הויף הוקהאַם. „איך קוק אַרום מיר און זעה ניט קיין אַנדער הויז א חוץ מיינס. איך בין דער ריעז פון דעם ריעזען־טורם און האָב אויפגעגעסען אַלע מיינע נאָכבאַרען."

[170] אין ענגלאַנד... ווען עהנליכע בעוועגונג קאָן מען די לעצטע 10 יאָהר זעהן אין פראַנק־רייך, אין דעם ערד ווי די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן האָט אַרומגעכאַפּט די אַגריקולטור און פערטריבען די איבעריג־געוואָרענע לאַנד־בעפעלקערונג אין די שטעדט. דאָרט זיינען אויך איינגעטראָטען פערערגערטע אומשטענדען פון די וואוינונגען און אַנדערע פערהעלטענישען ביי דעם מקור פון די איבעריג־

קומען, און אַזוי ווי קיין ספּעציעלע אָנציהונגס־קראַפט, ווי לייב־טע חלקים, איז אין באַדסעי ניטאָ, מוז די אורזאַך, וואָס טרייבט זיי אַהער, מסתמא זיין אַן־אָבשטויסונג פון אַנדערע נאָך וועניגער־בעקוועמע פּלעצער. ווען יעדער וואָלט געקאָנט קריגען אַ „קאָט" און אַ שטיקעל ערד נאָהענט צו זיין ארבייט־פּלאַץ, וואָלט ער אודאי ניט געקומען אין באַדסעי, וואו ער צאָהלט צוויי מאָל אַזוי־פיעל פאַר זיין פּיצעל ערד איידער דער ארענדאטאָר צאָהלט פאַר זיין ערד."

די שטענדיגע אויסוואַנדערונג אין די שטעדט, די שטענדי־גע פאַרמירונג פון אַן איבער־בעפעלקערונג אויפ'ן לאַנד דורך אַ צענטעראַליזאַציע פון פאַרמס, דורך דער פערוואַנדלונג פון אַקער־לאַנד אין פּיטער־פעלדער, דורך דער מאַשינעריע א. אז. וו. און די שטענדיגע פעריאָגונג פון דער לאַנד־בעפעלקערונג דורך דער צערשטערונג פון די קאָטעדזשעס, געהען האַנד אין האַנד. וואָס לעדיגער אַ דיסטריקט איז פון מענשען, אַלץ גרעסער איז זיין „רע־לאַטיווע איבערבעפעלקערונג," אַלץ גרעסער איז זייער דרוק אויף די בעשעפטיגונגס־מיטלען, אַלץ גרעסער איז דער אַבסאָלוטער איבערפלוס פון דער אגריקולטור־בעפעלקערונג אריבער זיינע מיט־לען צו קריגען וואוינונגען, אַלץ גרעסער, פאָלגליך, איז די לאָקאַלע איבער־בעפעלקערונג און די פערפעסטיגסטע צוזאַמענפּאַקונג פון מענשען. די ענגע צונויפדריקונג פון מענשען אין צעוואָרפענע קליינע דערפער און מארק־שטעדטלעך געהט צוזאַמען מיט דער געוואַלטזאַמער אָבציהונג פון מענשען פון דער אויבערפלעך פון לאַנד. די נאָכאַנאַנדיגע ארויסזעצונג פון די ערד־ארבייטער, טראָץ דעם וואָס זייער צאָהל ווערט קלענער, און דערצו די וואַק־סענדע מאַסע פון זייער פּראָדוקט איז די וויעג פון זייער פּאָו־פּעריזם. זייער ענדליכער פּאָופּעריזם איז אַ מאָטיוו פאַר זייער פעריאָגונג און עס איז דער הויפּט־קוואַל פון זייער עלענדער וואוינונג־לאַגע, וועלכע ברעכט זייערע לעצטע כחות פון ווידער־שטאַנד און מאַכט זיי פאַר פּשוט'ע שקלאַווען צו די לאַנד־איי־גענטימער און ארענדאַטאָרס,[169] אַזוי אַז דער מינימום ארבייט־לוין בעפעסטיגט זיך פאַר זיי ווי אַ נאַטור־געזעץ.

[169] „די עהרווירדיגע ארבייט פון דעם „היינד" [דעם טאָג־ארבייטער אויפ'ן

דער גראפשאפט איז נייעס לאנד, געוועזענע זומפען אדער, ווי אין איינינע פון די דערמאנטע גראפשאפטען, ניט לאנג צוריק אבגעוואונען לאנד פון ים. די דאמף־מאשין האט אין פרט פון אבציהען דאס וואסער אויפגעטאן וואונדער. וואס עס איז פריהער געווען זומפ און זאמד־בערג טראגט איצטער א רייכען ים פון תבואה און ברענגט אריין די העכסטע גרונד־רענטע. דאס איי־גענע איז אויך ריכטיג וועגען דעם קינסטליך־געוואונענעם זומפ־לאנד, ווי אויפ'ן אינזעל פון אקזאלם און אין אנדערע קהלות אויפ'ן ברעג פון דעם טרענט. אין דעם ערך וואס עס זיינען אויפגעקומען נייע פארמס, זיינען ניט נאר ניט געבויט געווארן קיין נייע קא־טעדזשעס, נאר אפילו די אלטע זיינען ארונטערגעריסען געווארן, און דער צושטעל פון ארבייט האט געמוזט קומען פון די אפענע דערפער, מיילען ווייט, דורך לאנגע וועגען, וואס שלענגלען זיך ארום די זייטען פון די בערג. דארטען נאר האט די בעפעלקערונג פריהער געפונען א בעשיצונג פון די לאנג־אנהאלטענדע פערפליי־צונגען פון ווינטער. די ארבייטער, וואס וואוינען אויף די פארמס פון 400 ביז 1000 אקער די גרויס (זיי הייסען Confined labourers — איינגעצוימטע ארבייטער), דיענען אויסשליסליך פאר די דווי־ערענדע שווערע ארבייטען, וואס ווערן געטאן מיט דער הילף פון פערד. אויף יעדע 100 אקער קומט אויס אין דורכשניט קוים איין קאטעדזש. אן ארענדאטאר פון זומפיג־לאנד, צום ביישפיעל, האט עדות געזאגט פאר דער אונטערזוכונג־קאמיסיע ווי פאלגט: „מיין פארם פערנעהמט איבער 320 אקער, דורכאויס תבואה־לאנד. זי האט ניט קיין קאטעדזש. איין ארבייטער וואוינט איצט ביי מיר. איך האב פיער פערד־קנעכט, וואס וואוינען אין דער נאכ־בארשאפט ארום. די לייכטע ארבייט, פאר וועלכער עס זיינען נויטיג א סך הענד, ווערט געטאן דורך גאנגס."[172] דער באדען פאדערט א סך לייכטע פעלד־ארבייט, ווי אויסיעטען די ווילדע גראזען, ארומהאקען, געוויסע בעמיסטיגונג־ארבייטען, אויסרייניגען די שטיינער, א. אז. וו. דאס ווערט געטאן דורך די גאנגס אדער ארגאניזירטע באנדעס, וועלכע וואוינען אין די אפענע דערפער.

די באנדע בעשטעהט פון 10 ביז 40 אדער 50 פערזאן, פרויען

172 Children's Employment Commission 6th Report, Evidence, p. 37, n. 173

אָדער לאָקאַלער ארבייט־מאַנגעל איז ניט גורם קיין העכערונג פון ארבייט־לוין, נאָר די ווייבער און קינדער ווערן אריינגעשטופּט אין דער פעלד־ארבייט, און עס קומט ארונטער אַלץ צו אַ נידע־ריגערער אַלטער־שטופּע. ווי נאָר עס פערגרעסערט זיך די עקס־פּלואַטאַציע פון ווייבער און קינדער, ווערט זי פון איהר זייט אַ נייער מיטעל צו מאַכען איבערפליסיג די מענליכע ערד־ארביי־טער און צו האַלטען נידעריג זייער לוין. אין מזרח־ענגלאַנד בליהט אַ שעהנע פּרוכט פון אָט דעם שעדליכען קרייז — דער אַזויגערופענער „גאַנג"־סיסטעם [„גאַנג" מיינט אַ באַנדע, אַ טרו־פּע מענשען], צו וועלכע איך וויל דאָ זיך צוריקקעהרן בקצור.[171]

דער גאַנג־סיסטעם געפינט זיך כמעט אויסשליסליך אין לינ־קאָלנשיר, האַנטינגדאָנשיר, קאַמברידזשיר, נאָרפאָלק, סאַפאָלק און נאָטהינגאַמשיר, וואו־ניט־וואו אויך אין די ארומיגע גראַפשאַפ־טען פון נאָרטהאַמפּטאָן, בעדפאָרד און רוטהלאַנד. אַלס ביי־שפּיעל וועט אונז דיענען לינקאָלנשיר. אַ גרויסער טייל פון אָט

געוואָרענע. וועגען דעם אייגענטימליכען „פּראָלעטאַריאַט פּאַנסיע" [פּראָלע־טאַריאַט פון באָדען], וואָס דער פּאַרצעל־סיסטעם [צעברעקלונג פון'ם לאַנד אין קליינע חלקים] האָט געשאַפען, זעה צווישען אַנדערע די פריהער ציטיר־טע שריפט פון קאָלינס „ל'עקאָנאָמיע פּאָליטיק" און קאַרל מאַרקס, „דער 18־טער ברומער פון לואי באָנאַפּאַרט," ניו יאָרק 1852, ז. 56 און ווייטער. אין 1846 האָט די שטאָדטישע בעפעלקערונג בעטראָפען 24,42 און די דאָרפישע 75,58 פּראָצענט, אין 1861 איז די שטאָדטישע בעפעלקערונג געוועזן 28,26 און די דאָרפישע 71,14 פּראָצענט. אין די לעצטע יאָהרען איז דער ארונטערפאַל פון דעם דאָרפישען פּראָצענט־טייל פון דער בעפעלקערונג נאָך גרעסער געוואָרן. שוין אין 1846 האָט געזונגען פּיער דופּאָן אין זיין „ארבייטער":

> "Mal Vetus, loges dans des trous,
> Sous les Combles, dans les decombres
> Nous Vivons avec les hiboux
> Et les larrons, amis des ombres."

> [„שלעכט געקליידט, אין דירות ווי לעכער,
> אונטערן דאַך, צווישען שטויב און שמוץ,
> לעבען מיר מיט די נאַכט־פויגלען
> און מיט גנבים — פריינד פון פינסטערניש."]

[171] דער 6טער און לעצטער ראַפּאָרט פון דער „טשילדרענס עמפּלאָימענט קאָמישאָן", פּובליצירט סוף מערץ 1867, בעהאַנדעלט נאָר דעם אַגריקולטור גאַנג־סיסטעם.

די „שאָטען־זייטען" פון דעם סיסטעם זיינען די איבער־אַר־בייט פון די קינדער און יונגע פּערזאָנען, די גרויסע מאַרשרוטען, וואָס זיי מוזען יעדען טאָג דורכמאַכען, געהענדיג צו דער ארבייט אין הויפען, וועלכע זיינען 5, 6 און אָפט 7 מייל ווייט, און ענדליך די דעמאָראַליזאַציע פון די באַנדעס. הגם דער „גאַנג"־מייסטער, וועלכען מען רופט אין אייניגע געגענדען „דהי דרייווער" (דער אַנטרייבער), איז בעוואָפּענט מיט אַ לאַנגען שטעקען, געברויכט ער איהם אָבער נאָר זעהר זעלטען, און אַ קלאַגע וועגען ברוטאַלער בעהאַנדלונג איז אַן אויסנאַהם. ער איז אַ דעמאָקראַטישער קיסר אָדער אַ מין ראַצען־פאַנגער פון האַמעלן. ער מוז, הייסט עס, אויפהאַלטען זיין פּאָפּולאַריטעט צווישען זיינע אונטערטאַנען און ער בינדעט זיי צו צו זיך דורך דעם רייץ פון דעם ציגיינערשען לע־בען, וואָס בליהט אונטער זיין ממשלה. גראָבע הפקרות, לוסטיגע אויסגעלאַסענקייט און די אונפערשעהמטעסטע פרעכהייט זיינען די צוציהונגען פאַר דער באַנדע. מעהרסטענטיילס צאָהלט דער גאַנג־מייסטער אויס זייערע שכירות אין אַ שענק, דאַן געהט ער אַהיים גוט שכור'לאַך, בראש פון דער פּראָצעסיע, אָנגעשפּאַרט רעכטס און לינקס אויף די אָרעמס פון אַ שטאַרק־געבויטער נקבה, די קינדער און יונגע פערזאָנען שלעפּען זיך נאָך פון הינטען, שריי־ענדיג און זינגענדיג גראָבע, מיאוס'ע ליעדלעך. אויף דעם צו־ריקוועג איז דאָס, וואָס פוריע רופט אָן „פהאַנעראָגאַמיע" [עפענט־ליכער ביישלאָף] אַ טעגליכע פּאַסירונג. שוואַנגערדיגע דריי־צעהן און פערצעהן יאָהריגע מיידלעך פון זייערע חברים אינגלעך פון דעמזעלביגען עלטער זיינען אַ געוועהנליכע ערשיינונג. די אָפּענע דערפער, וועלכע שטעלען־צו דעם קאָנטינגענט פון די „גאַנגס", ווערען סדום און עמורה'ס[174] און ליפערן נאָך אַמאָל אַזוי־פיעל איללעגיטימע געבורטען, ווי דאָס גאַנצע איבעריגע קיניג־רייך. דער מאָראַלער כאַראַקטער אַלס פערהייראַטע פרויען פון די מיידלעך, וואָס האָבען זיך אויפגעהאָדעוועט אין אַט דער שוהל, איז שוין פריהער אָנגעדייט געוואָרן. זייערע קינדער, אויב דער אַפּיום פּטר'ט זיי ניט אוועק, זיינען געבוירענע רעקרוטען פון אַט די גאַנגס.

---

[174] „אַ העלפט פון די מיידלעך פון לודפאַרד זיינען רואינירט געוואָרן געהענדיג מיט דער באַנדע." (ד. ג. אנהאַנג, ז. 6, נאָטע 32.)

און יונגע פּערזאָנען פון ביידערליי געשלעכטער (פון 13 ביז 18 יאָהר), הגם אײנגלעך פון 13 יאָהר ווערן מעהרסטענטיילס אויסגעשלאָסען, און קינדער פון ביידערליי געשלעכטער (6 ביז 13 יאָהר). בראש שטעהט דער „גאַנג מאַסטער" (דער פיהרער פון דער באַנדע), שטענדיג א געוועהנליכער ערד־אַרבייטער, דאָס רוב אַן אַזוינערופענער שלעכטער קערל, א הולטאַי, א ניט־געזעצטער מענש, א פער׳שכור׳טער, אָבער מיט א געוויסען אונטערנעהמונגס־גייסט און געשעפטליכער פעהיגקייט. ער זאַמעלט צונויף די באַנדע, וועלכע אַרבייט אונטער איהם, ניט אונטער דעם פערמער. דאָס רוב מאַכט ער אָב מיט׳ן פערמער אויף שטיק־אַרבייט, און זיין הכנסה, וואָס שטייגט אין דורכשניט ניט פיעל אַריבער די פערדיענסטען פון א געוועהנליכען ערד־אַרבייטער,[173] העננט כמעט איננאַנצען אָב פון זיין פעהיגקייט צו קאָנען ארויסציהען פון זיין באַנדע די גרעסטע סומע אַרבייט אין דער מעגליכסט קירצעסטער צייט. די פערמערס האָבען אויסגעפונען, אַז פרויען אַרבייטען טיכטיג נאָר אונטער דער אויפזיכט פון מענער, אָבער ווען פרויען און קינדער האָבען שוין איינמאָל זיך אַריינגעצויגען אין דער אַרבייט, גיבען זיי אַוועק אַלע זייערע כחות מיט אַן עכטער פערביסענקייט, ווי פוריע האָט דאָס שוין בעמערקט, בעת דער דערוואַקסענער מאַן־אַרבייטער איז אַזוי אויסגערעכענט, אַז ער עקאָנאָמיזירט זיינע כחות וויפיעל ער קאָן. דער „גאַנג־מאַסטער" געהט פון איין הויף צו דעם אַנדערן און בעשעפטיגט אויף דעם אופן זיין באַנדע פון 6 ביז 8 מאָנאַט אין יאָהר. עס איז דעריבער פיעל איינטרעגליכער און זיכערער פאַר די אַרבייטער־פאַמיליען צו האַנדלען מיט איהם, איידער מיט דעם איינצעלנעם פערמער, וועלכער בעשעפטיגט קינדער נאָר ווען־ניט־ווען. אָט דער אומשטאַנד פערשטאַרקט זיין איינפלוס אין די אָפענע דערפער אַזוי פיעל, אַז אין א סך פּלעצער קאָן מען ניט קריגען צו דינגען קינדער סיידען דורך זיין פערמיטלונג. אָבגעבען קינדער איינציגווייז אויף אַרבייט, אָבגעטיילט פון דער באַנדע, איז זיין נעבען־געשעפט.

[173] איינצעלנע אַנפיהרער פון באַנדעס האָבען פונדעסטוועגען זיך ארויסגעאַרבייט צו ווערן אַרענדאַטאָרס פון 500 אַקער־פאַרמס אָדער בעזיצער פון גאַנצע רייהען הייזער.

דערוואַקסענע מענער אַרבייטער זאָלען ווערן איבערפליסיג. פון אַט דער פריהערדיגער בעשרייבונג קאָן מען פערשטעהן, ווי אַזוי מען קאָן מודה זיין פון איין זייט די מעהר אָדער ווייניגער אַרבייטלאָזיגקייט פון דעם ערד־אַרבייטער, און אין דערזעלביגער צייט דערקלערן פון דער אַנדער זייט, אַז דער „גאַנג"־סיסטעם איז אַ „נויטווענדיגקייט", מחמת דעם דוחק אין דערוואַקסענע אַרבייטער און זייער אויסוואַנדערונג אין די שטעדט.[179] דאָס פעלד, וואָס איז אויסגערייניגט פון ווילדע געוויקסען, און די מענשליכע ווילדע געוויקסען פון לינקאָלנשיר און אַנדערע פּלעצער זיינען דער פּאָליוס און געגען־פּאָליוס פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן.[180]

---

[179] „קיין ספק ניט, אַז אַ סך פון די אַרבייט, וואָס ווערט איצט געטאָן דורך די קינדער אין די גאַנגס, איז פריהער געטאָן געוואָרן פון מענער און פרויען. וואו פרויען און קינדער ווערן בעשעפטיגט, זיינען איצט מעהר מענער אַרבייטלאָז ווי פריהער." (ד. ג. ז. 43, נאָטע 202.) דאַגעגען הערן מיר צווישען אַנדערעס: „די אַרבייט־פראַגע איז אַ סך אַגריקולטור־דיסטריקטען, ספּעציעל אין די תבואה פּראָדוצירענדע, ווערט אַזוי ערנסט מחמת דער אויסוואַנדערונג און דער גרינגקייט, וואָס די אייזענבאַהנען מאַכען אַריבערצוקלייבען זיך אין די גרויסע שטעדט, אַז איך (דאָס דאַזיגע „איך" איז פון דעם לאַנד־אַגענט פון אַ גרויסען לענדלאָרד) האַלט, אַז מען קאָן אָהן די קינדער־אַרבייט אַבסאָלוט ניט אויסקומען." (ד. ג. ז. 180.) די אַרבייט־פראַגע אין די ענגלישע אַגריקולטור־דיסטריקטען, אין אונטערשייד פון דער איבעריגער ציוויליזירטער וועלט, מיינט די פראַגע פון די ערענדאַטאָרס און די לענדלאָרדס: ווי אַזוי אויפצוהאַלטען, טראָץ דער אַלץ גרעסערער אויסוואַנדערונג פון די ערד־אַרבייטער, אַ גענוגענדע, רעלאַטיווע איבערבעפעלקערונג" און דורכדעם „דעם מינימום אַרבייט־לוין פאַר די ערד־אַרבייטער."

[180] דער „פּאַבליק העלטה רעפּאָרט", וואָס איך האָב פריהער ציטירט, אין וועלכען דער „גאַנג"־סיסטעם ווערט בעהאַנדעלט פערביי־געהענדיג, רעדענדיג וועגען דער קינדער־שטערבליכקייט, איז געבליבען אומבעקאַנט פאַר דער פּרעסע און ממילא פאַר דעם ענגלישען פּובליקום. דאַגעגען האָט דער לעצטער בעריכט פון דער „טשילדרענס עמפּלאָימענט קאָמישאָן" געגעבען ווילקאָמענע „סענזאַציאָנעלע" פּרעס־שפּייז. בעת די ליבעראַלע פּרעסע האָט געפרעגט, ווי אַזוי דאָס קומט, אַז די פיינע זשענטעלמען און לעדיס, די שטיצער פון דער שטאַאַט־קירך, מיט וועלכע לינקאָלנשיר איז פול, פּערזענליכקייטען, וועלכע שיקען אויף אייגענע קאָסטען „מיסיאָנען צו פערבעסערן די מאָראַל פון די ווילדע ביים דרום־ים" אין די אַנטיפּאָדען — ווי אַזוי זיי קאָנען דערלאָזען אויפוואַקסען אַזאַ סיסטעם אויף זייערע גיטער, ביי זיך אונטערן נאָז, האָט די

די באַנדע אין איהר קלאַסישער פאָרם, ווי מיר האָבען זי בעשריבען, הייסט דער עפּענטליכער, געוועהנליכער אָדער וואַנ־דערענדער „גאַנג", וואָרים עס זיינען אויך פאַראַן פּריוואַטע „גאַנגס". זיי זיינען צונויפגעשטעלט ווי די געוועהנליכע גאַנגס, נאָר צעהלען וועניגער מיטגליעדער און ארבייטען אָנשטאָט אונ־טער א גאַנג־מייסטער, אונטער אַן אַלטען פאַרם־קנעכט, וועלכען דער פאַרמער קאָן ניט בעשעפטיגען פאַר אַנאַנדער ארבייט. דער ציגיינער־שפּאַס פערשווינדט דאָ, אָבער ווי אַלע זאָגען עדות, קריגען די קינדער וועניגער געצאָהלט און אַן ערגערע בעהאַנדלונג.

דער גאַנג־סיסטעם, וועלכער שפּרייט זיך אַלץ מעהר אויס זינט די לעצטע יאָהרען,[175] עקזיסטירט, פערשטעהט זיך, ניט צו־ליעב דעם גאַנג־מייסטער. ער עקזיסטירט רייכער צו מאַכען די גרויסע ארענדאַטאָרס[176] און אינדירעקט די לענדלאָרדס.[177] פאַר דעם ארענדאַטאָר קאָן ניט זיין קיין זינרייכערע מעטאָדע, ווי אַזוי צו האַלטען זיינע ארבייטער טיעף אונטער דעם נאָרמאַלען גראַד און דאָך אַלעמאָל האָבען גרייט עקסטראַ הענד פאַר אַלע עקסטראַ ארבייטען, ווי אַזוי ארויסצושלאָגען אַזויפיעל ווי מעגליך ארבייט מיט אַזוי וועניג ווי מעגליך געלד,[178] און דערצו מאַכען, אַז די

[175] „דער סיסטעם איז אין די לעצטע יאַהרען זעהר אויסגעוואַקסען. אין איינינע פּלעצער איז ער ערשט ניט לאַנג איינגעפיהרט געוואָרן, אין אַנדערע, וואו ער איז עלטער, ווערען אַלץ מעהר און איינגערע קינדער בעשעפטיגט אין דעם „גאַנג." (ד. ג. ז. 79, נאָטען 174.)

[176] „קליינע ארענדאַטאַרס בענוצען ניט די גאַנג־אַרבייט." „זי ווערט ניט בענוצט אויף אָרים לאַנד, נאָר אויף לאַנד, וואָס ברענגט אריין פון 2 פונט ביז 2 פונט 10 שילינג רענט פּער אַקער." (ד. ג. ז. 17, 14.)

[177] איינעם פון אַט די הערען האָבען זיינע רענטען אַזוי גוט געשמעקט, אַז ער האָט מיט כעס געענטפערט דער אונטערזוכונגס־קאָמיסיע, אַז דער גאַנצער געשריי קומט נאָר פון דעם נאָמען פון דעם סיסטעם. ווען אַנשטאָט „גאַנג" זאָל מען עס אַנרופען די „יוגענדליכע אינדוסטריעלע אַגריקולטור־קאָ־אָפּעראַטיווע זעלבסטערהאַלטונג־אַסאָציאַציע", וואָלט אַלעס געווען אין אָרדנונג.

[178] „גאַנג־אַרבייט איז וועלוועלער איידער אַנדערע אַרבייט, דאָס איז די אורזאַך וואָרום מען בעשעפטיגט זי," האָט געזאָגט א געוועזענער גאַנג־מייסטער. (ד. ג. ז. 17, נאָטע 14.) „דער גאַנג־סיסטעם איז פּאָזיטיוו דער ביליגסטער פאַר דעם ארענדאַטאָר און פּונקט אַזוי ענטשיעדען דער שעדליכסטער פאַר די קינדער", האָט געזאָגט אַן ארענדאַטאָר. (דאָרט גופא, ז. 16, נאָטע 3.)

1846, אזוי אז אירלאנד האט אין ווייניגער ווי 20 יאהר פער־לארן מעהר ווי $^{5}/_{16}$ פון איהר פאלקס־מאסע.[181] די גאנצע אויס־וואנדערונג פון מאי 1851 ביז יולי 1865 האט בעטראפען 1,391,487 פערזאן; די אויסוואנדערונג אין די לעצטע 5 יאהר, פון 1861 ביז 1865 — מעהר ווי א האלבער מיליאן. די צאהל פון בעוואוינטע הייזער האט זיך פון 1851 ביז 1861 פערקלענערט אויף 52,990. פון 1851 ביז 1861 איז די צאהל ארענדעס פון 15 ביז 30 אקער־פארמס געוואקסען אויף 61,000, די ארענדעס פון פארמס איבער 30 אקער איז געוואקסען אויף 19,000, בעת דער סך הכל פון אלע ארענדעס איז געפאלען אויף 120,000 — אן ארונטערפאל, הייסט עס, וואס נעהמט זיך אויסשליסליך פון דער פערניכטונג פון פארמס ווייניגער ווי 15 אקער, מיט אנדערע ווער־טער: פון זייער צענטראליזאציע.

די פערקלענערונג פון דער בעפעלקערונג איז נאטירליך גע־ווען בעגלייט, אינגאנצען גענומען, פון א פערקלענערונג פון דער מאסע פראדוקטען. פאר אונזער צוועק וועט זיין גענוג צו בע־טראכטען די 5 יאהר פון 1861 ביז 1865, אין וועלכער צייט אי־בער א האלבער מיליאן האבען אויסגעוואנדערט און די אבסאלוטע פאלקס־צאהל איז געפאלען אויף מעהר ווי ⅓ מיליאן.

טאבעלע א. די פיה.

יאהר	פערד: סך הכל	פערד: פערקלע־נערונג	בהמות: סך הכל	בהמות: פערקלע־נערונג	בהמות: פערמעהרונג
1860	619,811	——	3,606,374	——	——
1861	614,232	5,993	3,471,688	138,316	——
1862	602,894	11,338	3,254,890	216,798	——
1863	579,978	22,916	3,144,231	110,695	——
1864	562,158	17,820	3,262,294	——	118,063
1865	547,867	14,291	3,493,414	——	231,120

[181] די בעפעלקערונג פון אירלאנד: 1801 — 5,319,867 פערזאן; 1811 — 6,084,996; 1821 — 6,869,544; 1831 — 7,828,347; 1841 — 8,222,664.

ו) אירלאַנד.

צום סוף פון אָט דעם אָבטייל מוזען מיר נאָך אריבערגעהן א ווײַלע אין אירלאַנד. קודם כל די פאַקטען, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ.

אירלאַנד׳ס בעפעלקערונג האָט אין יאָהר 1841 געגרייכט 8,222,664 פּערזאָן; אין 1851 איז זי ארונטערגעפאַלען צו 6,623,985, אין 1861 צו 5,850,309, אין 1866 צו 5½ מיליאָן, אומגעפעהר צו דעם שטאַנד, וואו זי איז געשטאַנען אין 1801. די פערקלענערונג האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט דעם הונגער־יאָהר

פיינערע פּרעסע זיך אָבגעגעבען אינגאַנצען מיט בעטראַכטונגען וועגען דער גראָבער פערדאָרבענקייט פון די דאָרף־לייט, וועלכע פּועל׳ן ביי זיך צו פערקויפען זייערע קינדער אין אזא שקלאַווערײַ! אונטער אָט די פערפלוכטע אומשטענדען, צו וועלכע די „עדעל־הערציגע” האָבען פערדאַמט דעם דאָרף־מאַן, וואָלט קיין וואונדער ניט געווען, ווען ער וואָלט זאָגאָר אויפגעפרעסען זיינע אייגענע קינדער. וואָס עס איז ווירקליך וואונדערבאַר, איז וואָס ער האָט נאָך אָלעם דעם דאָך אויפגעהאַלטען אין א גרויסען טייל א געזונדטען כאַראַקטער. די אָפּיציעלע בעריכט־אָבגעבער בעווייזען, אַז די עלטערן אָפילו אין די גאַנג־דיסטריקטען האַסען דעם „גאַנג”־סיסטעם. „מען געפינט א סך בעווייזען אין די עדות־זאָגונגען, וואָס מיר האָבען צונויפגעזאַמעלט, אַז די עלטערן וואָלטען אין א סך פאַלען געווען דאַנקבאַר, ווען מען זאָל איינפיהרען א צוואַנגגעזעץ, וואָס וואָלט זיי געגעבען די מעגליכקייט צו קאָנען ביישטעהן די נסיונות און דעם דרוק, אונטער וועלכע זיי זיינען אָפט אונטערוואָרפען. אַמאָל טרייבט זיי דער קהלה־בעאַמטער, אַמאָל דער ארבייט־געבער, סטראַשענדיג זיי אַליין אָבצוזאָגען פון דער ארבייט, אַז זיי זאָלען שיקען די קינדער צו פערדיענען איידער אין דער שוהלע. . . . די גאַנצע פערוויסטעטע צייט און קראַפט; אַלע צרות, וואָס די איבערגעוועהנליכע און גוצלאָזע אויסמאַטערונג פערשאַפט דעם דאָרף־מאַן און זיין פאַמיליע; יעדער פאַל, וואו די עלטערן קאָנען צושרייבען דעם מאָראַלען חורבן פון זייער קינד צו דער ענגשאַפט אין די קאַטעדזשעס אָדער צו די שמוציגע איינפלוסען פון דעם גאַנג־סיסטעם, מוז אויפרייצען אין דער ברוסט פון די אָרימע ארבייטער אַזוינע געפיהלען, וועלכע מיר קאָנען גאַנץ גוט פערשטעהן און וועלכע מען דאַרף דאָ ניט נעהענטער פאַנאַנדערגליעדערן. זיי מוזען פיהלען, אַז עס איז זיי אָנגעטאָן געוואָרען א סך קערפּערליכע און גייסטיגע יסורים דורך אומשטענדען, פאַר וועלכע זיי זיינען אויף קיין אופן ניט פעראַנטוואָרטליך; צו וועלכע, אויב עס וואָלט נאָר געלעגען אין זייער מאַכט, זיי וואָלטען קיינמאָל ניט געגעבען זייער צושטימונג, און אָנטקעגען וועלכע זיי האָבען קיין כח ניט צו קעמפּפען.” (ד. ג. ז. XX נאָטע 82, XXIII, נאָטע 96.)

דער שטח, אויף וועלכען זיי זיינען געווען פּערזעעט איז געווען גרעסער אין 1865. (זעה טאַבעלע ג.)

טאַבעלע ב.

פערגרעסערונג אָדער פערקלענערונג פון דעם שטח, וואָס ווערט פּעראַקערט אויף תבואה און גראָז.

יאָר	תבואות פאַרקלענערונג	גרינסען פאַרקלענערונג	גרינסען פאַרמערונג	גראָז און קלעווער פאַרקלענערונג	גראָז און קלעווער פאַרמערונג
	אקער	אקער	אקער	אקער	אקער
1861	15,701	36,974	—	47,969	—
1862	72,734	74,785	—	—	6,623
1863	144,719	19,358	—	—	7,724
1864	122,437	2,317	—	—	47,486
1865	72,450	—	25,741	—	68,970
1861-65	428,041	107,984	—	—	82,834

יאָר	פלאַקס פאַרקלענערונג	פלאַקס פאַרמערונג	סך הכל קולטיווירט לאַנד פאַרקלענערונג	סך הכל קולטיווירט לאַנד פאַרמערונג
		אקער	אקער	ארער
1861	—	19,271	81,873	—
1862	—	2,055	138,841	—
1863	—	63,922	92,431	—
1864	—	87,761	—	10,493
1865	50,159	—	28,218	—
1861-65	—	122,850	330,860	—

יאהר	שעפסען			חזירים		
	סך־הכל	פערקלע־נערונג	פער־מעהרונג	סך־הכל	פערקלע־נערונג	פער־מעהרונג
1860	3,542,080	———	———	1,271,072	———	———
1861	3,556,050	———	13,970	1,102,042	169,030	———
1862	3,456,132	99,918	———	1,154,324	———	52,282
1863	3,308,204	147,228	———	1,067,458	86,866	———
1864	3,366,941	———	58,737	1,058,480	8,978	———
1865	3,688,742	———	321,801	1,299,893	———	241,413

פון אט דער טאבעלע בעקומען מיר דעם רעזולטאט:[182]

פערד	בהמות	שעפסען	חזירים
אבסאלוטע פערקלענערונג	אבסאלוטע פערקלענערונג	אבסאלוטע פערמעהרונג	אבסאלוטע פערמעהרונג
27,358	116,626	146,608	28,819

לאמיר זיך איצט ווענדען צו דער אגריקולטור, וועלכע גיט די לעבענס־מיטלען פאר די פיה און מענשען. אין דער פאלגענדער טאבעלע איז די פערקלענערונג אדער פערמעהרונג אויסגערעכענט פאר יעדען בעזונדערן יאהר אין פערגלייך מיט דעם פריהערדיגען יאהר. די תבואות פאסען אום ווייץ, האבער, גערשטען, קארן, באב און ארבעס; די גרינס — בולבע, ריבען, מאנגאלד, בוראקעס, מערען, פאסטערנאק א. אז. וו.

אין דעם יאהר 1865 זיינען צוגעקומען אונטער דער רובריק גראז־לאנד 127,470 אקער, הויפטזעכליך ווייל דער שטח אונטער דער רובריק „אונבענוצט, וויסט לאנד און „באג" (טארף־זומפ)" איז פערקלענערט געווארן אויף 101,543 אקער. ווען מיר פערגלייכען די פראדוקטען פון 1865 מיט 1864, געפינען מיר א פערקלענערונג אין תבואות אויף 246,667 פערטלען, איינגעטיילט: ווייץ 48,999, האבער 166,605, גערשטען א. אז. וו. 29,892; די פערקלענערונג אין בולבע איז געווען 446,398 טאן, אבוואויל

[182] דער רעזולטאט וואלט אויסגעקומען נאך וועניגער גינסטיג, ווען מיר וואלטען געגאנגען נאך ווייטער צוריק. אין 1865 זיינען געווען שעפסען 3,688,742, אבער אין 1856 זיינען געווען 3,694,294; חזירים אין 1865 — 1,299,893, אבער אין 1858 — 1,409,883.

פון דער בעוועגונג פון אירלאנד׳ס בעפעלקערונג און באָדען־פּראָדוקציאָן געהען מיר אריבער צו דער בעוועגונג אין בייטעל פון זיינע לענדלאָרדס, גרעסערע ארענדאטאָרס און אינדוסטריעלע קאפּיטאליסטען. זי שפּיעגעלט זיך אָב אין דעם שטייגען און פאַלען פון דעם איינקונפט־שטייער. אלס דערקלערונג צו דער נעקסטער טאבעלע ד, דארף מען בעמערקען, אז רובריק ד (פּראָפיטען א חוץ די ארענדאטאָרס׳ פּראָפיטען) שליסען אויך איין די אזוי־גערופענע „פּראָפעסיאָנעלע" פּראָפיטען, ד. ה. די הכנסות פון אדוואָקאטען, דאָקטוירים א. אז. וו.; און די רובריקען ג און ה, אין וועלכע עס ווערט ניט אָנגעגעבען קיין ספּעציעלע פּרטים, שליסען איין די הכנסות פון בעאמטע, אָפיציערען, שטאאט־סינע־קוריסטען, די וואָס האלטען די וועקסלען פון שטאאט־הלואות א. אז. וו.

אונטער רובריק ד איז דער דורכשניטליכער יעהרליכער וואוקס פון הכנסה פון 1853 ביז 1864 געווען ניט מעהר ווי 0,93 בעת אין גרויס־בריטאניען פאר דערזעלבער פעריאָדע האָט ער בעטראָפען 4,58. די פאָלגענדע טאבעלע צייגט די פערטיילונג פון די פּראָפיטען (אויסשליסענדיג די ארענדע־פּראָפיטען) פאר די יאָהרען 1864 און 1865:

[18] די פאקטען וואס זיינען נעגעבען אין טעקסט, זיינען צוזאמענגעשטעלט פון דעם מאטעריאל פון דער „אגריקולטורעל סטאטיסטיקס, אירלאנד, דזשענעראל אבסטראקט, דובלין" פאר די יאהרען 1860 א. וו. און ד. ג. „טייבלס עסטימייטעד אווערייזש פראדיוס עצט." די דאזיגע סטאטיסטיק איז אפיציעל און ווערט יעהרליך פארגעלעגט דעם פארלאמענט. — הוספה צו דער 2טער אויסגאבע. די אפיציעלע סטאטיסטיק צייגט פאר'ן יאהר 1872 א פערקלענערונג אין קולטיווירטען שטח פון באדען (אין פערגלייך מיט 1871) פון 134,915 אקער. אנשטאט דעם איז געווען א „פערמעהרונג" אין דער קולטיווירונג פון גרינסען (ריבען, מאנגאלד א. ד. ג.) די פערקלענערונג אין שטח פון קולטיווירטען באדען: 16,000 אקער פאר ווייץ, 14,000 אקער פאר האבער, 4,000 אקער פאר גערשטען און קארן, 66,632 אקער פאר בולבעס, 34,667 פאר פלאקס און 30,000 אקער וועניגער אין לאנקעס, קלעווער, וויקע און ריבזאמען. דער ווייץ־פערזעטער באדען צייגט פאר די לעצטע 5 יאהר פאלגענדע פערקלענערטען מאסשטאב: אין 1868 — 285,000 אקער; 1869 — 280,000 אקער; 1870 — 259,000 אקער; 1871 — 244,000 אקער; 1872 — 228,000 אקער. פאר דעם יאהר 1872 געפינען מיר אין רונדע ציפער א פערמעהרונג פון 2600 פערד, 80,000 בהמות, 68,000 שעפסען און א פערקלענערונג פון 236,000 חזירים

טאבעלע ג.

פערמעהרונג אָדער פערקלענערונג פון דעם קולטיווירטען שטח, פון דעם פּראָדוקט פער אַקער און פון דעם פּראָדוקט אין כּך הכל 1865 פערגליכען מיט 1864.[183]

פּראָ־דוקט	אַקער קולטיווירטעם לאנד 1864	1865	1865 פער־מעהרט	1865 פער־קלענערט	פּראָדוקט פער אַקער. 1864	1865	1865 פער־מעהרט	1865 פער־קלענערט	פּראָדוקט אין כּך־הכל 1864	1865	1865 פער־מעהרט	1865 פער־קלענערט
					צענטנער	צענטנער	צענטנער	צענטנער	פערטעל	פערטעל	פערטעל	פערטעל
ווייץ	276,483	266,989	—	9,494	13,3	13,0	—	0,3	875,782	826,783	—	48,999
האבער	1,814,886	1,745,228	—	69,658	12,1	12,3	0,2	—	7,826,332	7,659,727	—	166,605
נערשטען	172,700	177,102	4,402	—	15,9	14,9	—	1,0	761,909	732,017	—	29,892
בערג }	8,894	10,091	1,197	—	16,4	14,8	—	1,6	15,160	13,989	—	1,171
קארן }				—	8,5	10,4	1,9	—	12,680	18,364	5,684	—
				—	טאן	טאן	טאן	טאן	טאן	טאן	טאן	טאן
בולבע	1,039,724	1,066,260	26,536	—	4,1	3,6	—	0,5	4,312,368	3,865,990	—	446,398
ריבען	337,355	334,212	—	3,143	10,3	9,9	—	0,4	3,467,659	3,101,683	—	165,976
מאנגאלד	14,073	14,839	316	—	10,5	13,3	2,8	—	147,284	191,937	44,653	—
קרויט	31,821	33,622	1,801	—	9,3	10,4	1,1	—	297,375	350,252	52,877	—
פלאקס*	301,693	251,433	—	50,260	*34,2	*25,2	—	*9,0	64,506	39,561	—	24,945
היי	1,609,569	1,678,493	68,924	—	1,6	1,8	0,2	—	2,607,153	3,068,707	461,554	—

* שטיין פון 14 פונט געוויכט.

זעה נאטע 183 אויף נעקסטער זייט.

ענגלאַנד, אַ לאַנד מיט אַן ענטוויקעלטער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן און הויפּטזעכליך אינדוסטריעל וואָלט פערבלוטעט צום טויט, ווען זיין בעפעלקערונג וואָלט אַזוי פיעל אָבגעצויגען געוואָרן ווי די אייִרישע בעפעלקערונג. אירלאַנד איז אָבער אין דער איצטיגער צייט נישט מעהר ווי דורך אַ וואַסער־גראָבען אָב־געצוימטער אַגריקולטור־דיסטריקט פון ענגלאַנד, וועמען עס שטעלט צו תבואה, וואָל, פיה און אינדוסטריעלע און מיליטערישע רעקרו־טען.

די ענטפעלקערונג פון אירלאַנד האָט געלאָזט אַ סך לאַנד ניט קולטיווירט, האָט זעהר פערמינערט די באָדען־פּראָדוקטען[136] און טראָץ דעם גרעסערן שטח, וואָס איז אָבגעגעבען געוואָרן פאַר פיה־צוכט, האָט זי מיטגעבראַכט אין איינינגע צווייגען אַן אַבסאָלוטע פערקלענערונג, אין אַנדערע אַ פּאָרטשריט, וואָס איז קוים ווערטה צו דערמאָנען און וועלכער ווערט נאָכאַנאַנד אונטערבראָכען פון ריקשריטען. פונדעסטוועגען זיינען מיט דעם פאַלען פון דער בע־פעלקערונג נאָכאַנאַנד געשטיגען די רענטע פון באָדען און די אַרענדע־פּראָפיטען, הגם די לעצטע ניט אַזוי בעשטענדיג ווי די ערשטע. די דערקלערונג פון דעם איז לייכט פערשטענדליך. פון איין זייט האָט זיך צוליעב דעם, וואָס קליינע פאַרמס זיינען קאָנ־סאָלידירט געוואָרן און אַקער־לאַנד איז פערוואַנדעלט געוואָרן אין לאָנקעס, אַ גרעסערער טייל פון דעם גאַנצען פּראָדוקט פערוואַנ־דעלט אין מעהר־פּראָדוקט. דער מעהר־פּראָדוקט איז געוואַקסען, אָבוואָהל דער גאַנצער פּראָדוקט, פון וועלכען ער מאַכט נאָר אויס אַ ברוך־טייל, איז קלענער געוואָרן. פון דער אַנדער זייט איז דער געלד־ווערטה פון דעם דאָזיגען פּראָדוקט געשטיגען נאָך שנעלער ווי זיין מאַסע, צוליעב דעם געשטיגענעם ענגלישען מאַרק־פּרייז

דער טאַבעלע איידער אין דער פאַריגער, צוליעב געוויסע אָראַבציהונגען, וואָס דאָס געזעץ ערלויבט.

[136] אויב דער פּראָדוקט פער אַקער ווערט אויך לפי ערך קלענער, דאַרף מען ניט פערגעסען, אַז ענגלאַנד האָט אַנדערטהאַלבען הונדערט יאָהר נאָכאַנאַנד עקס־פּאָרטירט אינדירעקט דעם באָדען פון אירלאַנד, ניט געבענדיג זיינע בעאַר־בייטער צומאָל די מיטלען אַפילו נאָר אומצוקעהרן די בעשטאַנד־טיילען פון דעם באָדען, וואָס זיינען ערשעפּט געוואָרן.

טאַבעלע ד.

דער איינקונפט־שטייער פון די שטייער־שולדיגע הכנסות אין אירלאַנד (אין פונטען סטערלינג).[184]

	1860	1861	1862
רובריק א גרונד־רענט — — — — — —	13,893,829	13,003,554	13,398,938
רובריק ב ארענדע־פּראָפיטען — — —	2,765,387	2,773,644	2,937,899
רובריק ד אינדוסטריעלע א. א. פּראָפיטען	4,891,652	4,836,203	4,858,800
סך הכל פון די רובריקען א ביז ה — —	22,962,885	22,998,394	23,597,574
	1863	**1864**	**1865**
רובריק א גרונד־רענט — — — — — —	13,494,091	13,470,700	13,801,616
רובריק ב ארענדע־פּראָפיטען — — —	2,938,823	2,930,874	2,946,072
רובריק ד אינדוכטריעלע א. א. פּראָפיטען	4,846,497	4,546,147	4,850,199
סך הכל פון די רובריקען א ביז ה — —	23,658,631	23,236,298	23,930,340

רובריק ד.[185] הכנסה פון פּראָפיטען (איבער 60 פונט סט.) אין אירלאַנד.

	1864		1865	
	פונט סט.	פערטיילט צווישען פערזאָנען	פונט סט.	פערטיילט צווישען פערזאָנען
יעהרליכע סך הכל הכנסה — — — —	4,368,610	17,467	4,669,979	18,081
יעהרליכע הכנסה איבער 60 און אונטער 100 פונט סט. — — —	238,626	5,015	222,575	4,703
פון דער יעהרליכער ס"ה הכנסה	1,979,066	11,321	2,028,471	12,184
דאס איבעריגע פון דער יעהרליכער ס"ה הכנסה — — — — — —	2,150,818	1,131	2,418,933	1,194
דערפון — — — — — —	1,083,906	910	1,097,937	1,044
	1,066,912	121	1,320,996	186
	430,535	105	584,458	122
	646,377	26	736,448	28
	262,610	3	274,528	3

[184] „Tenth Report of the Commissioners of Inland Revenue." Lon. 1865.

[185] די יעהרליכע סך הכל הכנסה אונטער רובריק ד איז אנדערש אין אט

דערט מיט דעם מאַסשטאַב פון דעם 14טען יאָהרהונדערט, האָט אָט די נאַאיוויטעט נאָך פערזעהן א חוץ דעם, אז בעת יענע מגפה און די פערקלענערונג פון דער בעפעלקערונג, וואָס איז געקומען דורך איהר, האָט אויף דער זייט פון קאַנאַל, אין ענגלאַנד, געבראַכט בעפרייאונג און בערייכערונג פון דער אַגריקולטור־בעפעלקערונג, האָט זי אויף יענער זייט, אין פראַנקרייך, מיטגעבראַכט נאָך א גרעסערע פערקנעכטונג און א שווערערען עלענד.*[186]

דער הונגער פון 1846 אין אירלאַנד האָט געטויטעט מעהר ווי א מיליאָן מענשען, אָבער נאָר די אָרימע טייוואָלים. דעם רייכטום פון לאַנד האָט ער ניט געטאָן דעם קלענסטען היזק. די אויסוואַנדערונג פון די נעקסטע 20 יאָהר, אן אויסוואַנדערונג, וואָס האַלט נאָך אַלץ אין וואַקסען, האָט ניט פערקלענערט, א שטייגער ווי דער 30 יאָהריגער קריעג, די פּראָדוקציאָנס־מיט־לען צוגלייך מיט דער פערקלענערונג פון דער צאָהל מענשען. דער איירישער זשעניע האָט ערפונדען א גאַנץ נייע מעטאָדע ווי אַזוי אַריבערצופּעקלען אן אָרים פאָלק פאַר טויזענדער מייל פון דעם שוי־פּלאַץ פון זיין עלענד. די עמיגראַנטען, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין די פעראייניגטע שטאַאַטען, האָבען יעהרליך געשיקט סומען געלד אהיים, רייזע־קאָסטען פאַר די צוריקגעבליבענע. יעדע טרופּע, וואָס וואַנדערט אוים היינטיגס יאָהר, ציהט נאָך זיך אַנ־אַנדער טרופּע נעקסטען יאָהר. אָנשטאָט עס זאָל אירלאַנד עפּעס קאָסטען, איז די עמיגראַציע אויף דעם אופן גאָר איינער פון די איינטרעגליכסטע צווייגען פון זיין עקספּאָרט־געשעפט. ענדליך איז זי א סיסטעמאַטישער פּראָצעס, וועלכער מאַכט ניט איינפאַך אויף א ווייַלע א לאָך אין דער בעפעלקערונג, נאָר אַזעלכער, וואָס

---

*[186] אַזוי ווי אירלאַנד ווערט בעטראַכט אלס דאָס געלויבטע לאַנד פון דעם „בעפעלקערונגס־פּרינציפּ", האָט טה. סאַדלער געשריבען, איידער ער האָט פערעפענטליכט זיין ווערק וועגען דער בעפעלקערונג, זיין בעריהמטען בוך: "Ireland, its Evils and their Remedies." לאָנדאָן 1829, צווייטע אויסגאַבע אין וועלכען ער האָט בעוויזען דורך א פערגלייכונג פון דער סטאַטיסטיק פון די איינצעלנע פּראָווינצען און אין יעדער פּראָווינץ פון די איינצעלנע גראַפשאַפ־שאַפטען, אז דער עלענד הערשט דאָרט ניט, ווי מאַלטהוס וויל האָבען, לפי ערך צו דער בעפעלקערונג־צאָהל, נאָר גראָד איז אַן אומגעקעהרטער פערהעלטניס צו איהר.

פון פלייש וואָל, א. אז. וו. אין די לעצטע 20 און ספּעציעל אין די לעצטע 10 יאָהר.

צעברעקעלטע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וועלכע דיענען דעם פּראָדוצירער אליין ווי בעשעפטיגונגס־מיטלען און לעבענס־מיטלען, ניט פערגרעסערענדיג זייער אייגענעם ווערטה דורך א פערקער־פּערונג אין זיי פון פרעמדער ארבייט, זיינען ניט מעהר קאַפּיטאַל, ווי דער פּראָדוקט, וואָס ווערט פערצעהרט פון זיין אייגענעם פּראָ־דוצירער, איז סחורה. אויב צוזאמען מיט דער בעפעלקערונג פון דער פאָלקס מאסע איז אויך פערקלענערט געוואָרן די מאסע פּראָ־דוקציאָנס־מיטלען, וואָס ווערן אָנגעווענדעט אין דער אגריקול־טור, ראן איז די קאַפּיטאַל־מאַסע, וואָס ווערט אין איהר פער־ווענדעט, גרעסער געוואָרן, ווייל א טייל פון די פריהער צעברע־קעלטע פּראָדוקציאָנס־מיטלען איז פערוואנדעלט געוואָרן אין קאַ־פּיטאַל.

דער גאנצער קאַפּיטאַל פון אירלאַנד, א חוץ פון דער אג־ריקולטור, וואָס איז אריינגעלעגט געוואָרן אין אינדוסטריע און האנדעל האָט זיך אין די לעצטע 20 יאָהר זעהר לאנגזאם אקומו־לירט, און אונטער גרויסע און שטענדיגע שוואנקונגען. אויף אזוי־פיעל שנעלער, פערקעהרט, האָט זיך ענטוויקעלט די צענטראַליזאַ־ציע פון זיינע אינדיווידועלע בעשטאנדטיילען. ענדליך, ווי קליין עס איז ניט געוועזן זיין אבסאָלוטער וואוקס, רעלאַטיוו אָבער, ד. ה. לפי ערך צו דער פערשווינדענדער בעפעלקערונג, איז ער זעהר פיעל געוואקסען.

אָט דאָ, הייסט עס, וויקעלט זיך אויף פאר אונזערע אויגען, אויף א גרויסען מאַסשטאַב, א פּראָצעס, וואָס קיין בעסערן קאָן זיך די אָרטאָדאָקסישע פּאָליטישע עקאָנאָמיע ניט ווינשען, כדי צו בעשטעטיגען איהר דאָגמאַ, אז עלענד, קומט פון אן אבסאָלוטער איבער־בעפעלקערונג, און אז די ענטפעלקערונג ברענגט ווידער אריין א גלייכגעוויכט. דאָס איז א פיעל־וויכטיגערער עקספּערי־מענט איידער די מגפה פון מיטען דעם 14טען יאָהרהונדערט, וואָס איז אזוי פערהערליכט געוואָרן פון די מאלטהוזיאַנער. אגב אורחא בעמערקט: אויב דאָס אליין איז שוין נעווען א מלמדישע נאאיוויטעט צו מעסטען די פּראָדוקציאָנס־פערהעלטנישען און די צונעפּאסטע בעפעלקערונג־פערהעלטענישען פון 19טען יאָהרהונ־

אגריקולטור, און ליפערן דעריבער שטענדיג נייע רעקרוטען אין דעם קלאַס פון לוין־אַרבייטער.

די איינציגע גרויסע אינדוסטריע פון אירלאַנד, די לייווענט־פאַבריקאַציע, פאָדערט פערהעלטניסמעסיג ווענייג דערוואַקסענע מענער און בעשעפטיגט בכלל, טראָץ איהר אויסשפּרייטונג זינט דער פּרייז פון באַוועל איז געשטיגען אין 1861-1866, א פערהעלטניסמעסיג אונבעדייטענדען טייל פון דער בעפעלקערונג. אַזוי ווי יעדע אַנדערע גרויסע אינדוסטריע, פּראָדוצירט זי שטענדיג דורך די נאָכאַנאַנדיגע שוואַנקונגען א רעלאַטיווע איבער־בעפעלקערונג אין איהר אייגענער ספערע, אפילו ביי אַן אַבסאָלוטען וואוקס אין דער מענשען־מאַסע, וואָס זי ציהט אין זיך אַריין. דער עלענד פון דער דאָרפישער בעפעלקערונג שאַפט די גרונדלאַגע פאַר די ריעזיגע העמדער־פאַבריקען א. ד. ג., וואָס זייער אַרבייטער־אַרמעע איז גרעסטענטיילס צעשפּרייט איבערן גאַנצען לאַנד. מיר געפינען דאָ ווידער דעם פריהער־געשילדערטען סיסטעם פון דער הויז־אַרבייט, וועלכער אין דער מעטאָדע פון איבעראַרבייט און ניט־דערצאָהלען בעזיצט זיינע אייגענע מיטלען צו שאַפען איבעריג־געוואָרענע אַרבייטער. ענדליך, ווען אפילו די ענטפעלקערונג האָט דאָ ניט אַזעלכע צעשטערענדע פאָלגען ווי אין א לאַנד פון א ענטוויקעלטער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן, קומט זי דאָך ניט פאַר אָהן א שטענדיגער צוריקווירקונג אויף דעם אינלענדישען מאַרק. די אויסוואַנדערונג לאָזט איבער ניט נאָר לעדיגע הייזער, נאָר אויך רואינירטע הויז־פערדינגער. די לעכער, וואָס די אויסוואַנדערונג מאַכט דאָ, בעגרעניצט ניט נאָר די לאָקאַלע נאָכפראַגע אויף אַרבייט, נאָר אויך די הכנסות פון די קליינע קרעמער, האַנדווערקער און קליינע האַנדעלס־לייט בכלל. דערפון נעהמט זיך די פערקלענערונג פון די הכנסות צווישען 60 און 100 פונט סט. אין טאַבעלע ה.

א קלאָרער בילד פון דער לאַגע פון די ערד־אַרבייטער (טאָגלוינער) אין אירלאַנד געפינט זיך אין די בעריכטען פון די אייריש־ע אינספּעקטאָרען פון דער פערוואַלטונג פאַר אָרימע (1870)****[186] אַלס בעאַמטע פון א רעגירונג, וועלכע האַלט זיך נאָר

**** "Reports from the Poor Law Inspectors on the Wages of Agri-

שלעפּט פון איהר יעהרליך אַרוים מעהר מענשען איידער די געבורטען קאָנען ממלא זיין, אַזוי אַז דער אַבסאָלוטער בעפעלקערונגס־גראַד פאַלט פון יאָהר צו יאָהר.**[186]

וואָס זיינען געוועז די פאָלגען פאַר די צוריקגעבליבענע, פאַר די אַרבייטער פון אירלאַנד, וואָס זיינען בעפרייט געוואָרן פון דער איבערבעפעלקערונג? דער פּועל יוצא איז, אַז די רעלאַטיווע איבערבעפעלקערונג איז היינט פּונקט אַזוי גרויס ווי פאַר דעם יאָהר 1846, אַז דער אַרבייט־לוין שטעהט פּונקט אַזוי נידעריג, אַז די מאַטערניש פון דער אַרבייט איז נאָך גרעסער געוואָרן, אַז דער עלענד טרייבט דאָס לאַנד וויעדער צו אַ נייעם קריזיס. די אורזאַכען זיינען איינפאַכע. די רעוואָלוציע אין דער אַגריקולטור האָט געהאַלטען טריט גלייך מיט דער אויסוואַנדערונג. די פּראָדוקציאָן פון דער רעלאַטיווער איבערבעפעלקערונג האָט נאָך אַריבערגעשטיגען די אַבסאָלוטע ענטפעלקערונג. איין בליק אויף טאַבעלע ב בעווייזט, ווי די פערוואַנדלונג פון אַקער־לאַנד אין גראָזפעלדער מוז ווירקען נאָך שאַרפער אין אירלאַנד ווי אין ענגלאַנד. דאָ, אין ענגלאַנד, ווערט מיט דער פיה־צוכט פערגרעסערט די קולטיווירונג פון גרינסען, דאָרט ווערט זי קלענער. בעת אַ גרויסע צאָהל אַקער לאַנד, וואָס זיינען פריהער בעאַרבייט געוואָרן, פוסטעווען איצטער אָדער ווערן פערוואַנדעלט אין שטענדיגע גראָזפעלדער, דיענט אַ גרויסער טייל פון דעם פריהער אונבענוצטען וויסטען לאַנד און די טאָרף־בלאָטעס צו פערגרעסערן די פיה־צוכט. די קלענערע און מיטעלע פערמערס — איך נעהם אַריין אין דעם חשבון אַלע, וועלכע בעאַרבייטען ניט מעהר ווי 100 אַקער — מאַכען נאָך אַלץ אויס $^4/_5$ פון דער גאַנצער צאָהל.***[186] זיי ווערן אַלץ מעהר, און גאָר אין אַ גאַנץ אַנדער גראַד ווי פריהער, צעדריקט פון דער קאָנקורענץ פון אַ קאַפּיטאַליסטיש בעטריבענער

**[186] פאַר דער צייט פון 1851 ביז 1874 גרייכט די גאַנצע צאָהל אויסוואַנדערער ביז 2,325,922.

***[186] לויט אַ טאַבעלע אין מוירפי׳ס "Ireland, In ustrial, Political and Social" 1870. האָבען 94.6 פּראָצענט פון די אַרענדעס ניט דערגרייכט די גרויס פון 100 אַקער, און נאָר 5,4 פּראָצענט פאַרמס זיינען איבער 100 אַקער גרויס.

ווירקליכען לוין, האט זיין געלד־ ראטע געמוזט שטייגען. „פריהער פאר דעם הונגער האט דער געדונגענער ערד־ארבייטער געקריגען א שטיקעל לאנד, וואו ער האט פערזייעט בולבעס; ער האט אויך געהאט די מעגליכקייט צו האדעווען א חזיר און צו האלטען עופות. היינטיגען טאג מוז ער ניט נאר קויפען אלע זיינע לעבענס־מיטלען, נאר עס פעהלט איהם אויך די הכנסה, וואס ער האט געהאט פון דעם פערקויף פון חזירים, עופות און אייער."[187]

פאקטיש זיינען די געדונגענע ערד־ארבייטער פריהער געוועזען צוזאמענגעגאסען מיט די קליינע פערמערס און האבען פארמירט מעהרסטענטיילס א מין הינטער־וואך פון די מיטעלע און גרעסערע פארמס, אויף וועלכע זיי האבען געארבייט. ערשט זינט דער קאטאסטראפע פון 1846 האבען זיי אנגעפאנגען אויסצומאכען א טייל פון דעם קלאס ריינע לוין־ארבייטער — א ספעציעלער קלאס, וואס איז פערבונדען מיט זיינע לוין־בעלי בתים נאר דורך געלד־בעציהונגען.

מיר ווייסען וואס זייער וואוינונג־צושטאנד איז געווען פאר 1846. זינט דאמאלסט איז ער נאך ערגער געווארן. איין טייל פון די געדונגענע ארבייטער, וועלכער ווערט דערוויילע קלענער פון טאג צו טאג, וואוינט נאך אויף די לענדרייען פון די פערמער, אין איבערגעפילטע הייזלאך, וואס זייער אבשייליכקייט שטייגט ווייט אריבער דאס ערגסטע, וואס די ענגלישע לאנד־דיסטריקטען האבען אונז בעוויזען פון דעם מין. און דאס איז דער צושטאנד אומעטום, א חוץ אין איניגע געגענדען פון אלסטער; אין דרום — אין די גראפשאפטען קארק, לימעריק, קילקעני, א. אז. וו.; אין מזרח — אין וויקלאו, וועקספארד א. אז. וו.; אין צענטער פון אירלאנד — אין קינגס און קווינס קאונטי, אין דער גראפשאפט דובלין א. אז. וו.; אין צפון — אין די גראפשאפטען דאון, אנטרים, טיראן א. אז. וו.; ענדליך אין מערב — אין סליגא, ראסקאמאן, מייא, גאלוויי א. אז. וו. „די הייזלאך פון די ערד־ארבייטער," רופט אויס איינער פון די אינספעקטארען, „זיינען א שאנד פאר דער רעליגיאן און דער ציוויליזאציע פון'ם לאנד." (ד. ג. ז. 12.) כדי צו מאכען אט די וואוין־גריבער מעהר

---

[187] דארט נופא, ז. 29, 1.

דורך באיאָנעטען און דורך אָן אָפענעם אָדער פערדעקטעט בעלאַ־גערונג־צושטאַנד, מוזען זיי אָבהיטען אַלע שפּראַך־פאַרזיכטיגקייטען, וואָס זייערע קאָלעגען אין ענגלאַנד זיינען ממאס; טראָץ דעם אָבער ערלויבען זיי ניט זייער רעגירונג זיך צו פערוויעגען מיט אילוזיעס.

לויט זיי נאָך האָט די אַלץ זעהר נידעריגע לוין־ראַטע ביי ערד־ארבייט זיך אויפגעהויבען אין די לעצטע 20 יאָהר אויף 50 ביז 60 פראָצענט, און שטעהט איצט דורכשניטליך ביי 6 ביז 9 שי־לינג א וואָך. אָבער הינטער אָט דער לפנים'דיגער העכערונג בעהאַלט זיך א ווירקליכער ארונטערפאַל פון'ם לוין, ווארים זי גלייכט זיך צומאָל ניט אוים מיט דעם געשטיגענעם פרייז אויף די נויטווענדיגע לעבענסמיטלען, וואָס איז פאָרגעקומען אונטער דער צייט. אַלס בעווייז קאָן דיענען דער פאָלגענדער אויסצוג פון די אָפיציעלע חשבונות פון אַן איירישען וואָרקהאוז.

דער דורכשניטליכער דורכשניט פון לעבענס־קאָסטען פער קאָפּ.

דער יאָהר, וואָס ענדיגט זיך	נאָהרונג	קליידונג	סך הכל
29 סעפּט. 1849	1 שיל. 3¼ פעני	3 פענים	1 שיל. 6¼ פעני
29 " 1869	2 " 7¼ "	6 "	2 " 1¼ "

דער פרייז פון די נויטווענדיגע לעבענס־מיטלען איז אַלזאָ כמעט צוויי מאָל אַזוי די גרוים און דער פרייז פון קליידונג איז פונקט צוויי מאָל אַזוי פיעל ווי פאַר 20 יאָהרען.

אַפילו ווען מען זאָל ניט נעהמען אין בעטראַכט אָט די ניט־גלייכע פערהעלטניש ([פון לוין און לעבענס־קאָסטען], וואָלט דער פּשוט'ער פערגלייך פון דער לוין־ראַטע, אויסגעדריקט אין געלד, נאָך ווייט ניט געגעבען קיין ריכטיגען רעזולטאַט. פאַר דעם הונגער איז דער גרעסטער טייל פון די אגריקולטור־לוינען גע־צאָהלט געוואָרען „אין נאַטורא", און נאָר דער קלענסטער טייל אין געלד; היינט איז צאָהלען אין געלד דער רעגעל. פון דעם אליין קומט שוין אוים, אַז וואָס עס זאָל ניט זיין די סומע פון דעם

cultural Laborers in Dublin 1870" זעה אויך "Agricultural Labourers [Ireland] Return etc." 8th of March 1861, London, 1862

דאַזיגער דוחק לאָזט זיך נאָר פיהלען „אין שניט־צייט אָדער אין פריה־יאָהר, ווען די ערד־ארבייט איז דרינגליך, בעת אין אנדערע צייטען פון יאָהר בלייבען א סך הענד אָהן ארבייט"; (ד. ג. ז. 1) אז „נאָכדעם ווי מען גראָבט אויס די בולבעס, פון אָקטאָבער ביז'ן נעקסטען פריהלינג . . . האָבען זיי מעהר ניט קיין בעשעפטיגונג" (ד. ג. ז. 32), און אז אפילו אין דער בעשעפטיגטער צייט „פערלירן זיי אָפט גאַנצע טעג און מוזען אויסשטעהן אלערליי אונטערברעכונגען אין דער ארבייט." (ד. ג. ז. 25.)

אָט די רעזולטאַטען פון דער אגריקולטורעלער רעוואָלוציע, דאָס הייסט פון דער פערוואַנדלונג פון אקער־לאַנד אין גראָז־פעלדער, פון דער אָנווענדונג פון מאַשינעריע, פון די שטרענגסטע ארבייט־איינשפּאָרונגען א. אז. וו. — ווערן נאָך פערשאַרפט דורך די מושטער־לענדלאָרדס — אזוינע, וואָס אָנשטאָט צו פערצעהרן זייערע רענטען אין אויסלאַנד, זיינען זיי אזויפיעל גנעדיג צו וואוינען אין אירלאַנד אויף זייערע גיטער. כדי דאָס געזעץ פון נאָכפראַגע און אָנבאָט זאָל אויף קיין אופן ניט פערלעצט ווערן, בעציהען די דאַזיגע הערען כמעט זייער גאַנצען „ארבייטער־צושטעל . . . פון זייערע קליינע פּאַרמערס, וועלכע זיינען געצוואונגען צו געהן, ווען נאָר מען רופט זיי, טהאָן דעם לענדלאָרד'ס ארבייט פאַר א לוין, וואָס איז אין פיעלע פאַלען א סך נידעריגער איידער דער לוין פון געוועהנליכע טאָג־ארבייטער, ניט קוקענדיג אויף די אונבעקוועמליכקייטען און היזקות, וואָס זיי מוזען ליידען דערפון, וואָס אין דער קריטישער צייט, ווען מען דאַרף זעען אָדער שניידען, מוזען זיי זייער אייגענע פעלדער פערנאַכלעסיגען." (ד. ג. ז. 30.)

די אונזיכערקייט און ניט־רעגעלמעסיגקייט פון דער בעשעפטיגונג, די ארבייט־אָבשטעלונגען, וואָס קומען אָפט פאָר און האַלטען אָן לאַנג, אָט די אלע צייכענס פון א רעלאַטיווער איבערבעפעלקערונג פיגורירן דעריבער אין די בעריכטען פון די אינספּעקטאָרען פון די „פּור לאָו" פערוואַלטונג אלס אזויפיעל צרות, וואָס דער איירישער ערד־ארבייטער פּראָלעטאַריאַט האָט אויסצושטעהן. מען קאָן זיך דערמאָנען, אז מיר האָבען אָנגעטראָפען עהנליכע ערשיינונגען אויך ביי דעם ענגלישען לאַנד־פּראָלעטאַריאַט. דער אונטערשייד איז אָבער, וואָס אין ענגלאַנד, א אינדוסטריעלעם

אנציהענד פאר די טאָג־לוינער, קאָנפיסקירט מען סיסטעמאטיש די שטיקלעך ערד, וואָס געהערן צו די הייזלאַך פון שנים קדמניות אָן. „דאָס בעוואוסטזיין, אז די לענדלאָרדס און זייערע פערוואלטער קאָנען זיי בעהאנדלען אויף אזא אופן, האָט ביי די געדונגענע ערד־ארבייטער ארויסגערופען געפיהלען פון אונצופריעדענקייט און פיינדשאפט אנטקעגען יענע, וועלכע בעהאנדלען זיי ווי א רעכט־לאָזע ראסע.” (ד. ג. ז. 12.)

דער ערשטער אקט פון דער אגריקולטורעלער רעוואָלוציע איז געווען ארונטערצורייסען די הייזלעך, וואָס האָבען זיך געפונען אויף די ארבייט־פעלדער. דאָס איז געשעהן אויף דעם גרעסטען מאָסשטאב און פונקט ווי עס וואָלט דערויף געווען א בעפעהל פון אויבען. פיעלע ארבייטער זיינען אויף דעם אופן געצוואונגען צו זוכען א וואוין־אָרט אין די דערפער און שטעדטלאַך. דאָרטן האָט מען זיי אריינגעוואָרפען ווי אלטע זאכען אין דאך־קעמערלאַך, אין לעכער, אין קעלערס און אין די שמוציגסטע ווינקלען פון די ערגסטע קווארטאלען. טויזענדער איירישע פאמיליען, וועלכע אפילו לויט דאָס עדות פון די ענגלענדער, וואָס זיינען דורכגעדרונגען פון נאציאָנאלע פאָראורטיילען, צייכענען זיך אויס מיט זייער זעלטענער צוגעבונדענקייט צו די היימישע פיער ווענט, מיט זייער זאָרגלאָזער מונטערקייט און הויזליכער זיטען־ריינקייט, האָבען זיך מיט איינמאָל געפונען אריבערגעזעצט אין די טרייב־הייזער פון פערברעכען. די מענער האָבען איצט געמוזט זוכען ארבייט ביי די ארומיגע ארענדאַטאָרס און זיינען געדונגען געוואָרן פון טאָג — די אונזיכערסטע פאָרם פון לוין. דערצו „האָבען זיי געהאט צו געהן גרויסע שטרעקען צו דער ארבייט און פון דער ארבייט, דורכ־גענעצט פון רעגען און אויסגעזעצט צו אנדערע שלאָקען, וועלכע ברענגען אָפט מיט שוואכקייטען, קראנקהייטען און דערמיט גרויסען עלענד.” (ד. ג. ז. 25.)

„די שטעדט האָבען פון יאָהר צו יאָהר געמוזט אריינגעהמען אלץ. וואָס האָט זיך גערעכענט אלס איבערפליסיגע ארבייטער פון די לאנד־דיסטריקטען”; (ד. ג. ז. 27.) און מען האָט זיך נאָך גע־וואונדערט, „וואָס אין די שטעדט און דערפער געפינט זיך אַן אי־בערפלוס און אויפ׳ן לאנד איז א דוחק אָדער עס האלט ביי א דוחק אין אַרבייטער!” (ד. ג. ז. 26.) דער אמת איז, אז דער

נע נויט־בעדערפטיגסטע מיטלען צו געבען זיינע קינדער אן ער־ציהונג. איך גיב איבער זיינע רייד ווערטערליך, ווי איך האב עס געהערט פון זיין מויל. אז ער איז א פעהיגער פאבריק־ארבייטער קען מען פערשטעהן דערפון, וואס מען האט איהם בעשעפטיגט ביי ארטיקלען פאר דעם מאנטשעסטער מארק. דזשאהנסאן: — איך בין א האמערער (ביטלער) און ארבייט פון 6 אין דער פריה ביז 11 ביי נאכט, פון מאנטאג ביז פרייטאג; שבת ענדיגען מיר אום 6 אוהר אבענדס און האבען 3 שטונדען פאר מאהלצייטען און רוה. איך האב 5 קינדער. פאר אט דער ארבייט קריג איך 10 שילינג 6 פענס א וואך; מיין פרוי ארבייט אויך און פערדיענט 5 שילינג א וואך. דאס עלטסטע מיידעל, צוועלף יאהר אלט, פאסט אויף אויפ'ן הויז. זי איז אונזער קעכין און איינציגע אויסהעל־פערין. זי ריכט אויס די קינדער אין שוהל'ע. א מיידעל, וואס געהט פערביי דאס הויז, וועקט מיך אויף האלב 6 אין דער פריה. מיין פרוי שטעהט אויך אויף און געהט אוועק גלייך מיט מיר. מיר עסען ניט פאר'ן אוועקגעהן צו דער ארבייט. דאס צוועלף־יאהריגע קינד גיט אכטונג אויף די קלענערע דעם גאנצען טאג, אום 8 אוהר געהען מיר אהיים איבערבייסען. מיר טרינקען טהעע איינמאל א וואך; זאנסט עסען מיר א געקעכץ אמאל פון האז־בער־גריץ, אמאל פון „קארן"־מעהל אויב מיר קאנען זיך פערגינען. ווינטער טרינקען מיר אביסעל וואסער מיט צוקער צו דעם „קארן"־מעהל. זומער האבען מיר עטליכע בולבעס, וואס מיר פערזעען אליין אויף א שטיקעל ערד, און ווען זיי געהען אויס, קעהרען מיר זיך צוריק צו דעם געקעכץ. אט אזוי געהט עס טאג אויס, טאג איין, זונטאג און א גאנצע וואך, דעם גאנצען יאהר כסדר. איך בין אלעמאל זעהר פערמאטערט נאך דער ארבייט. אמאל זעהען מיר א ביסען פלייש, אבער זעהר זעלטען. דריי פון אונזערע קינ־דער געהען אין שוהלע און מיר צאהלען א פעני א וואך פאר יעדעס קינד. אונזער דירה־געלד איז 9 פענס א וואך. טארף אויף צו הייצען קאסט וועניגסטענס 1 שילינג 6 פענס אלע פערצעהן טעג."[188] אט דאס זיינען אירישע לוינען, אט דאס איז דאס איי־רישע לעבען!

---

[188] „רעפארט אינספ. פוו פעקטאריס, 31 אקטאבער 1866." ז. 96.

לאַנד, רעקרוטירט זיך דער אינדוסטריעלער רעזערוו אין די לאַנד־דיסטריקטען, בעת אין אירלאַנד, אַן אגריקולטורעלעס לאַנד, רעקרוטירט זיך דער אַגריקולטורעלער רעזערוו אין די שטעדט, די ערי מקלט פון די פערטריבענע לאַנד־ארבייטער. אין ענגלאַנד פערוואַנדלען זיך די איבעריג־געוואָרענע ערד־ארבייטער אין פאַבריק־ארבייטער; אין אירלאַנד בלייבען די, וואָס זיינען פערשטופּט געוואָרן אין די שטעדט, ערד־ארבייטער און געהען שטענדיג זוכען ארבייט צוריק אויפ׳ן לאַנד, בעת זיי דריקען אין דער זעלביגער צייט אויף דעם שטאָדטישען לוין.

די אָפיציעלע בעריכט־אָבגעבער רעזומירן די מאַטעריעלע לאַגע פון דעם געדונגענעם ערד־ארבייטער ווי פאָלגט: „אָבוואויל ער לעבט מיט דער גרעסטער שפּאָרזאַמקייט, איז זיין לוין קוים גענוג צו בעזאָרגען זיין פאַמיליע מיט שפּייז און צו צאָהלען ד רה־געלד, אויף צו קליידען זיך מיט זיין ווייב און קינד הענגט ער אָב פון אַנדערע קוואַלען. . . . די לופט פון זייערע וואוינונגען צוזאַמען מיט די אַנדערע דחקות, וואָס זיי האָבען אויסצושטעהן, מאַכט זייער קלאַס עלול אין א גאַנץ בעזונדערן גראַד צו ווערן קראַנק אויף טיפוס און שווינדזוכט.״ (ד. ג. ז. 21, 13.) נאָך דעם איז קיין וואונדער ניט, אַז לויט דאָס איינשטימיגע עדות פון די אינספּעקטאָרען זיינען די רייהען פון אָט דעם קלאַס דורכגעדרונגען פון א פינסטערער אונצופריעדענהייט, אַז זיי בענקען נאָך דער פערגאַנגענהייט, פערשילטען די געגענוואַרט און זיינען פערצווייפעלט וועגען דער צוקונפט, אַז „זיי גיבען זיך איבער צו דעם שעדליכען איינפלוס פון אַגיטאַטאָרס,״ און האָבען נאָר איין פיקסע אידעע, אויסצו־וואַנדערן נאָך אַמעריקאַ. אָט דאָס איז דער אוטאָפּיסטישער גן־עדן, אין וועלכען די גרויסע מאַלטהוזיאַנישע פּאַנאַצעאַ, די ענטפעלקערונג, האָט פערוואַנדעלט דאָס גרינע אירין!

וואָס פאַר א גליקליכען לעבען אפילו די פעהיגע איירישע אינדוסטריע ארבייטער פיהרן, וועט זיין גענוג צו בעווייזען מיט איין ביישפּיעל:

„אויף מיין בעזוך ניט לאַנג צוריק אין צפון־טייל פון אירלאַנד,״ זאָגט דער ענגלישער פאַבריק־אינספּעקטאָר ראָבערט בייקער, „איז מיר פאָרגעקומען צו זעהן די אָנשטרענגונגען פון א פעהיגען איירישען ארבייטער, וועלכער האָט אָבגעשפּאָרט פון זיי־

באַדען, און ממילא אויך דעם פאָלק, וואָס איז נישט מעהר ווי א צוגאָב צום באָדען. ער דערקלערט דעריבער, אז אירלאנד איז נאָך אלץ איבערבעפעלקערט און דער שטראָם פון אויסוואנדערונג פליעסט נאָך אלץ צו־לאנגזאַם. כדי צו זיין פאָלשטענדיג גליק־ליך, מוז אירלאנד לויז ווערן וועניגסטענס פון נאָך ⅓ מיליאָן ארבייט־מענשען. זאָל קיינער ניט מיינען, אז אָט דער לאָרד, וועל־כער איז נאָך פאָעטיש אויך, איז א דאָקטאָר פון סאנגראדאָ'ס שוה־לע, וועלכער האָט יעדעס מאָל, וואָס ער האָט געפונען, אז זיין פאציענט איז ניט בעסער, געהייסען שלאָגען צו אָדער און נאָך אמאָל שלאָגען צו אָדער, ביז דער קראנקער האָט צוזאמען מיט זיין בלוט אויך פערלאָרן זיין קראנקהייט. לאָרד דאָפערין פערלאנגט א נייעם אָדער־שלאָגען נאָר פון ⅓ מיליאָן, אָנשטאָט אומגעפעהר 2 מיליאָן, וואָס אירלאנד מוז פאקטיש פערלירן, כדי דאָס „טויזענדיעהריגע רייך" זאָל קאָנען אויפגעבויט ווערן. דער בעוויין קאָן לייכט געליפערט ווערן.

		צאהל	אקער
1	פארמס ניט אריבער 1 אקער	48,653	25,394
2	פארמס אריבער 1 אקער און ניט מעהר ווי 5	82,037	288,916
3	פארמס אריבער 5 אקער און ניט מעהר ווי 15	176,368	1,836,310
4	פארמס אריבער 15 און ניט אריבער 30 אקער	136,578	3,051,343
5	פארמס אריבער 30 און ניט אריבער 50 אקער	71,961	2,906,274
6	פארמס אריבער 50 און ניט אריבער 100 אקער	54,247	3,983,880
7	פארמס אריבער 100 אקער	31,927	8,227,807
8	דער גאנצער שטח (שליסט איין טארף און וויסט לאנד) אקער		20,319,924

די צענטראַליזאַציע האָט פון 1851 ביז 1861 הויפטזעכליך פערניכטעט פארמס פון די ערשטע 3 קאטאָגאָריען — אונטער 1 אקער און ניט איבער 15 אקער. די מוזען פערשווינדען פריהער ווי אלע. דאָס גיט אונז 307,058 איבעריג־געוואָרענע פערמערס, און רעכענענדיג די פאמיליעס אויף דעם נידעריגען דורכשניט פון 4 פערזאָן, האָבען מיר 1,228,232 פערזאָן. ווען מען זאָל מאַ־

דער פאַקט איז, אַז דער איירישער עלענד איז ווידער געוואָרן די טעגליכע טהעמע אין ענגלאַנד. סוף יאָהר 1866 און אָנהויב 1867 האָט איינער פון די איירישע לאַנד־מאַגנאַטען, לאָרד דאָפערין, זיך גענומען זוכען אַ לעזונג צו דער פראַגע אין דער "טיימז". „ווי מענשליך פון אַזעלכע גרויסע הערען!"

פון טאַבעלע ה האָבען מיר געזעהן, אַז אין יאָהר 1864 האָבען דריי מעהרווערטה־מאַכער אריינגעשטעקט אין קעשענע פון אַ פּראָפּיטען־סך הכל פון 4,368,610 פונט סט. נאָר 262,610; אין 1865 אָבער האָבען דיזעלביגע דְריי ווירטואָזען פון „אַבסטינענץ" אַריינגעשטעקט צו זיך אין קעשענע 274,448 פונט סט. פון אַ פּראָפּיטען־סך הכל פון 4,669,979 פונט סט.; אין 1864 האָבען 26 מעהר־ווערטה־מאַכער אַרויסגעקריגען 643,377 פונט סט.; אין 1865 האָבען 28 מעהר־ווערטה־מאַכער געמאַכט 736,448 פונט סט.; אין 1864 האָבען 121 מעהרווערטה־מאַכער געגרייכט 1,066,912 פונט סט.; אין 1865 — 186 מעהרווערטה־מאַכער 1,320,996 פונט סט.; אין 1864 — 1131 מעהרווערטה־מאַכער 2,150,818 פונט סט.; כמעט די העלפט פון דעם יעהרליכען סך הכל פּראָפּיט; אין 1865 — 1194 מעהרווערטה־מאַכער 2,418,933 פונט סט.; מעהר ווי די העלפט פון דעם יעהרליכען סך הכל פּראָפּיט. דעם לייב׳ס חלק אָבער, וואָס גאָר אַ קליינע צאָהל לאַנד־מאַגנאַטען אין ענגלאַנד, שאָטלאַנד און אירלאַנד פערשלינגט פון דער יעהרליכער סומע פון די גרונד־רענטען, איז אַזוי אונגעהויער גרויס, אַז די ענגלישע שטאַאַט׳ס חכמה האַלט ניט פאַר פּאַסיג צו געבען דעמזעלביגען סטאַטיסטישען מאַטעריאַל פאַר דער פערטיילונג פון די גרונד־רענטען, ווי פאַר דער פערטיילונג פון די פּראָפּיטען. לאָרד דאָפערין איז איינער פון אָט די לאַנד־מאַגנאַטען. אַז רענטצינזען און פּראָפּיטען קאָנען אַמאָל זיין „איבער׳ן מאָס," אָדער אַז זייער איבערפלוס איז אויף וועלכען עס איז אופן צוזאַמענגעבונדען מיט דעם איבערפלוס פון פאָלק׳ס עלענד, איז, פערשטעהט זיך, אַ געדאַנק, וואָס איז אי „ניט־אַנשטענדיג," אי „אומגעזונד" [unsound], ער האַלט זיך ביי די פאַקטען. דער פאַקט איז, אַז אַזוי ווי די איירישע בעפעלקערונג ווערט קלענער, אַזוי ווערען אַלץ גרעסער די איירישע אַרענדע צינזען; אַז די ענטפעלקערונג „טהוט גוט" די לאַנד־אייגענטימער, ממילא אויך דעם גרונד און

אַט די איינבּרענגליכע מעטאָדע האָט, ווי אַלע גוטע זאַכען אין דער וועלט, אויך איהר שלעכטע זייט. מיט דער אַקומולאַציע פון גרונד־רענטען איז אירלאַנד האַלט גלייכע טריט די אַקומולאַציע פון אירלענדער אין אַמעריקאַ. דער איירישמאַן, וואָס איז פערטריבען געוואָרען אַ׳ן גלות דורך שעפּסען און אָקסען, שטעהט אויף אויפ׳ן אַנדער זייט ים ווי אַ רעבעלישער פעניער. און די יונגע ריעזען־רעפּובליק הויבט זיך אויף אַנטקעגען דער אַלטער קי־ניגין פון די ימים דראָהענדיג און נאָך מעהר דראָהענדיג.

Acerba fata Romanos Agunt
Scelusque fraterna necis.

[אַ בייזער מזל טרייבּט אַרום די רוימער —
דאָס פערברעכען פון ברודער־מאָרד.
האראַץ, עפּאָדען, 7.]

בּריטאַניען. זיי האָבען אויף דעם אופן קינסטליך בּעגייסטערט די תבואה־קול־טיווירונג. אַט דער מאָנאָפּאָל איז פּלוצלונג בּעזייטיגט געוואָרען מיט דער אָבּ־שאַפונג פון די קאָרן־געזעצע. אַבּגעזעהן פון אַלע אַנדערע אומשטענדען, איז שוין אַט די פּאַסירונג אַליין געווען גענוג צו געבּען אַ מעכטיגען אויפשוואונג דער פערוואַנדלונג פון איירישען אַקער־לאַנד אין גראָז־פעלדער, דער צענטראַ־ליזאַציע פון די פאַרמס און דער אַרויסזעצונג פון די קליינע פּויערים. נאָכ־דעם ווי מען האָט די גאַנצע צייט פון 1815 ביז 1846 געריהמט די פּרוכטבּאַר־קייט פון דעם איירישען בּאָדען און מען האָט הויך דערקלערט, אַז ער איז פון דער נאַטור גופא בּעשטימט געוואָרען פאַר דער קולטיווירונג פון ווייץ, האָ־בּען פון איצט אָן די אַגראָנאָמען, עקאָנאָמען און פּאָליטיקער פּלוצלונג ענט־דעקט, אַז ער טויג גאָר ניט פאַר קיין אַנדער זאַך אַ חוץ צו פּראָדוצירען גריז־שפּייז פאַר בּהמות! הערר לעאָנס דע לאַווערן האָט זיך אַבּיסעל צוגעאיילט איבּערצוזאָגען אַט די תורה אויף דער אַנדער זייט פון קאַנאַל. מען דאַרף טאַקע נאָר זיין אַזאַ „ערנסטער” מענש ווי לאַווערן צו לאָזען זיך פאַנגען פון אַזוינע קינדערייען.

כען די איבערטריבענע השערה, אַז ¼ פון דער צאָהל האָט נאָך דער דורכגעפיהרטער אַגריקולטור־רעוואָלוציע ווידער געפונען אַ בעשעפטיגונג, בלייבען אויסצו־וואַנדערן 921,174 פּערזאָן. די קאַטעגאָריען 4, 5, 6 פון איבער 15 און ניט איבער 100 אַקער, זיינען, ווי מען ווייס עס אין ענגלאַנד שוין לאַנג, צו־קליין פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער תבואה־קולטיווירונג, און פאַר האָדעווען שעפּסען כמעט גאָרניט צו בעטראַכטען. לויט דערזעלביגער השערה ווי פריהער מוזען, הייסט עס, אויסוואַנדערן נאָך 788,761 פּערזאָן, צוזאַמען — 1,709,532. און אַזוי ווי דער אַפּעטיט קומט ערשט מיט'ן עסען, וועלען די אויגען פון די לענדלאָרדס באַלד ענטדעקען, אַז אירלאַנד מיט 3½ מיליאָן איז נאָך אַלץ אין אַ עלענדער לאַגע, און דערפאַר עלענד, ווייל זי איז נאָך אַלץ איבער־בעפעלקערט. פאָלגליך מוז איהר ענטפעלקערונג נאָך געהן ווייטער, כדי זי זאָל קאָנען דערפילען איהר אמת'ן בערוף — צו זיין אַ שעפּסען־שטעג און פיטער־פעלד פאַר ענגלאַנד.[188*]

[188*] ווי אַזוי דער הונגער און זיינע פאָלגען זיינען פּלאַנמעסיג אויסגענוצט געוואָרן פון די איינצעלנע גרונד־איינענטימער, ווי אויך פון דער ענגלישער געזעצגעבונג, כדי דורכצוזעצען מיט געוואַלט די אַגריקולטור־רעוואָלוציע און שיטערער צו מאַכען די בעפעלקערונג פון אירלאַנד ביז דעם ערך, וואָס זאָל צופריעדען שטעלען די לענדלאָרדס, וועל איך אויספיהרליכער בעווייזען אין דעם דריטען באַנד פון אַט דעם ווערק, אין דעם אַבטייל וועגען דעם גרונד־אייגענטום. איך וועל דאָרטען זיך אויך אומקעהרען צו דער לאַגע פון די קליינע פערמער און די לאַנד־אַרבייטער. דאַ וויל איך נאָר ברענגען איין ציטאַט. נאַסאַו וו. סיניאָר זאָגט צווישען אַנדערעס אין זיין נאָכ'ן טויט געדרוקטער שריפט "Journals, Conversations and Essays relating to Ireland." לאָנדאָן 1868, 2טער באַנד, ז. 282: „נו, זאָגט דר. ג., מיר האָבען בעקומען אונזער פּור לאָו און עס איז אַ גרויסער אינסטרומענט צו פערזיכערן די לענדלאָרדס מיט אַ זיעג. נאָך איינער און אַ שטאַרקערער אינסטרומענט איז די אויסוואַנדערונג. . . . קיין פריינד פון אירלאַנד קאָן ניט וועלען, אַז דער קריעג (צווישען די לענדלאָרדס און די קליינע קעלטישע פערמער) זאָל זיך פערלענגערן — און נאָך ווייניגער, אַז ער זאָל זיך ענדיגען מיט אַ זיעג פון די פערמער. וואָס שנעלער ער (דער קריעג) וועט זיך ענדיגען, וואָס שנעלער אירלאַנד וועט ווערען אַ לאַנד צו פיטערן פיה (grazing country) מיט אַ לפי ערך קליינער בעפעלקערונג, וואָס עס פאָדערט זיך אין אַ פיטער־לאַנד, אַלץ בעסער פאַר אַלע קלאַסען.“ — די ענגלישע קאָרן־געזעצען פון 1815 האָבען געזיכערט אירלאַנד מיט דעם מאָנאָפּאָל פון פרייען צריינפיהר פון תבואה אין גרויס־

שען; אויף איין זייט די פלייסיגע, אינטעליגענטע, און דערהויפּט שפּאָרזאַמע, פּני, און אויף דער אַנדער זייט די פוילע לודערס, וועלכע האָבען פערהולטעוועט אַלץ וואָס זיי האָבען געהאַט און נאָך מעהר. אַזוי איז עס געקומען, וואָס די ערשטע האָבען אָנגע־קליבען עשירות און די לעצטע האָבען לסוף מעהר גאָר ניט געהאַט צו פערקויפען אַ חוץ זייער אייגענע הויט. פון דאַמאָלסט אָן האַלט זיך די אָרימקייט פון דער גרויסער מאַסע, וועלכע האָט נאָך אַלץ גאָרניט וואָס צו פערקויפען אַ חוץ זיך אַליין, טראָץ דעם וואָס זי טהוט אַלע ארבייט, און דער רייכטום פון די וועניגע, וועלכער וואַקסט אַלץ מעהר, אָבוואויל זיי האָבען שוין לאַנג אויפגעהערט צו ארבייטען.

די לעגענדע פון דעם טעאָלאָגישען זינדען־פאַל דערצעהלט אונז טאַקע וואָרום דער מענש איז פערדאַמט געוואָרען צו עסען זיין ברויט אין דעם שווייס פון זיין פּנים; די היסטאָריע אָבער פון דעם עקאָנאָמישען זינדען־פאַל פערענטפערט אָן אָנגעוועהטאָג־טע שאלה, דערמיט וואָס זי בעווייזט אונז, ווי אַזוי עס געפינען זיך מענשען, וועלכע האָבען גאָר ניט נויטיג מקיים צו זיין דעם „בזיעת אפיך.“

אַט אַזוינע פּשוט'ע קינדערייען ווערען נאָכאַנאַנד איבערגע־קייעט פון דאָס ניי. הערר טהיער, צום ביישפּיעל, האָט אפילו געהאַט די עזה פאָרצוברענגען מיט דעם פייערליכען ערנסט פון אַ שטאַאַטסמאַן אַזוינע נאַרישקייטען פאַר די אַמאָל אַזוי גייסט־רייך געוועזענע פראַנצויזען, אין אַ בוך, וואו ער האָט געמיינט, אַז ער האָט געמאַכט אַ תל פון די פערשאָלטענע אָנגריפען פון סאָ־ציאַליזם אַנטקעגען דאָס אייגענטום. ווי נאָר די אייגענטום־פראַ־גע קומט ארויף, האַלט מען עס פאַר אַ הייליגע פליכט צו פּראָקלאַ־מירען דעם שטאַנדפּונקט פון דעם קינדערשען א"ב־ביכעל אַלס דעם איינציג־גערעכטען פאַר יעדען עלטער און פאַר אַלע שטופען פון ענטוויקלונג.**[188] אין דער ווירקליכער געשיכטע, ווי עס איז גוט

**[188] נעטהע, וועלכער האט ניט געקאנט פערטראגען אזוינע שטותים, האט זיי אויסגעלאכט אין דער פאלגענדער פארם פון פראגע און ענטפער („קאטעכי־זאציאן”):

לעהרער: בעדענק, א קינד, וואהער זינד דיעזע גאבען!
דו קאנסט ניכטס פאן דיר זעלבער האבען.

פיער־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

די אַזויגערופענע אורשפּרינגליכע אַקומולאַציע.

1. דער סוד פון דער אורשפּרינגליכער אַקומולאַציע.

מיר האָבען געזעהן ווי געלד ווערט פערוואַנדעלט אין קאַפּי־טאַל, ווי דורך קאַפּיטאַל ווערט געמאַכט מעהרווערטה און פון מעהר־ווערטה מעהר קאַפּיטאַל. אָבער די אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל איז משער אַפריהער דעם מעהרווערטה, דער מעהרווערטה איז משער די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן און די קאַפּיטאַליסטישע פּראָ־דוקציאָן איז משער די פריהערדיגע עקזיסטענץ פון גרעסערע מאַ־סען פון קאַפּיטאַל און ארבייט־קראַפט אין די הענד פון סחורה־פּראָדוצירער. אָט די גאַנצע בעוועגונג זעהט אויף דעם אופן אויס ווי זי וואָלט זיך אַרומדרעהען אין אַ פעהלערהאַפטען קרייז, פון וועלכען מיר קאָנען זיך אַרויסדרעהען נאָר ווען מיר נעהמען אָן אַ פריהערדיגע „אורשפּרינגליכע" אַקומולאַציע (אַדאַם סמיטה'ס "previous accumulations")— אַן אַקומולאַציע, וועלכע איז ניט דער רעזולטאַט פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן, נאָר פערקעהרט זיין אָנהויב־פּונקט.

אָט די אורשפּרינגליכע אַקומולאַציע שפּיעלט אין דער פּאָלי־טישער עקאָנאָמיע אומגעפעהר דיזעלביגע ראָליע, ווי דער זינדען־פאַל אין דער טעאָלאָגיע. אָדם הראשון האָט אַ ביס געטאָן דעם עפּעל און דערמיט איז די זינד געקומען אויף דעם גאַנצען מענשען־געשלעכט. איהר אורשפּרונג, הייסט עס, דערקלערט זיך, ווען מען בעשרייבט איהם ווי אַן אַנעקדאָט פון דער פערגאַנגענהייט. אַמאָל־אַמאָל, אַ לאַנגע צייט צוריק, זיינען געווען צווייערליי סאָרטען מענ־

רעאליזירט ווערן. וויבאלד די קאפיטאליסטישע פראָדוקציאָן האָט זיך שוין איינמאל געשטעלט אויף איהרע אייגענע פיס, האלט זי ניט נאָר אויף די דאָזיגע צושיידונג, נאָר זי רעפראָדוצירט זי וואָס ווייטער אלץ אויף א גרעסערן מאָסשטאַב. דער פראָצעס, וועלכער שאפט די קאפיטאל־שייכות, קאָן דעריבער ניט זיין קיין אנדער זאך, ווי דער פראָצעס, וואָס צושיידט דעם ארבייטער פון דעם איי־גענטום און זיינע ארבייט־בעדינגונגען — א פראָצעס, וועלכער פער־וואנדעלט פון איין זייט די געזעלשאפטליכע לעבענס־ און פראָדוק־ציאָנס־מיטלען אין קאפיטאל, און פון דער אנדער זייט די דירעק־טע פראָדוצירער אין לוין־ארבייטער. די אזוי־גערופענע אורשפרינג־ליכע אקומולאציע איז דעריבער ניט קיין אנדער זאך, ווי נאָר דער היסטאָרישער שיידונגס־פראָצעס צווישען דעם פראָדוצירער און די פראָדוקציאָנס־מיטלען. ער ערשיינט אלס „אורשפרינגליך", ווייל ער מאכט אויס די פאָרגעשיכטע פון קאפיטאל און פון'ם פראָדוקציאָנס־אופן, וואָס איז צוגעפאסט צו איהם.

די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער קאפיטאליסטישער גע־זעלשאפט איז ארויסגעוואקסען פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער פעאָדאלער געזעלשאפט. די אויפלעזונג פון דער לעצטער האָט בעפרייט די עלעמענטען פון דער ערשטער.

דער דירעקטער פראָדוצירער, דער ארבייטער, האָט געקאָנט שאפען איבער זיין אייגענער פערזאָן, ערשט נאָכדעם ווי ער האָט אויפגעהערט צו זיין געבונדען צום באָדען און האָט אויפגעהערט צו זיין דער קנעכט אָדער לייב־אייגענער פון אן אנדער פערזאָן. כדי צו ווערן א פרייער פערקויפער פון ארבייט־קראפט, וועלכער טראָגט אוועק זיין סחורה וואו ער קאָן געפינען פאר איהר א מארק, האָט ער, נאָך ווייטער, געמוזט לויז ווערן פון דער הערשאפט פון די צעכען, פון זייערע תקנות וועגען לעהרלינגע און געזעלען און פון אלע זייערע ארבייט־שטערענדע פאָרשריפטען. אויף דעם אופן ערשיינט די געשיכטליכע בעוועגונג, וועלכע פערוואנדעלט די פראָ־דוצירער אין לוין־ארבייטער, פון איין זייט אלס זייער בעפרייאונג פון קנעכטשאפט און דעם צוואנג פון די צעכען; און פאר אונ־זערע בורזשואזע געשיכט־שרייבער עקזיסטירט נאָר אָט די זייט אליין. פון דער אנדער זייט אָבער ווערן אָט די נייע־בעפרייטע פערקויפער פון זיך אליין, ערשט נאָכדעם ווי זיי זיינען בערויבט

בעקאַנט, שפּיעלען די גרויסע ראָליע עראָבערונג, אונטערייאָכונג, רויב און מאָרד, קורץ — געוואַלט. אין דער עדעלער פּאָליטישער עקאָנאָמיע האָט פון אייביג אָן געהערשט די אידיליע. רעכט און „ארבייט" זיינען אַלעמאָל געווען די איינציגע מיטלען פון רייך ווערן — נאַטירליך מיט דער אויסנאַהם אַלע מאָל פון „היינטיגען יאָהר." אין דער אמת'ן זיינען די מעטאָדען פון דער אורשפּרינגליכער אַקומולאַציע אַלץ וואָס איהר ווילט, נאָר ניט אידיליש.

געלד און סחורה זיינען לכתחילה ניט קיין קאַפּיטאַל, פּונקט אזוי ווייניג ווי פּראָדוקציאָנס־ און לעבענס־מיטלען זיינען קאַפּיטאַל. זיי מוזען ערשט פערוואַנדעלט ווערן אין קאַפּיטאַל. אָבער די דאָזיגע פערוואַנדלונג גופא קאָן נאָר פאָרקומען אונטער בעשטימטע אומשטענדען, וועלכע מוזען זיך צונויפקומען אין איין פּונקט. צוויי ערליי זעהר פערשיידענע סאָרטען סחורה־בעזיצער מוזען זיך צוזאַמענקומען פּנים אל פּנים און אין קאָנטאַקט איינע מיט די אַנדערע: פון איין זייט אייגענטימער פון געלד, פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען, פון לעבענס־מיטלען, וועלכען זוכען צו פערגרעסערן די ווערטה־סומע, וואָס זיי בעזיצען, דורך דעם איינקויף פון פרעמדער אַרבייט־קראַפט; פון דער אַנדער זייט פרייע אַרבייטער, די פערקויפער פון זייער אייגענער אַרבייט־קראַפט און דעריבער פערקויפער פון אַרבייט. פרייע אַרבייטער אין דעם טאָפּעלטען זין, וואָס אי זיי אַליין געהערן ניט דירעקט צו די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, ווי דהינו שקלאַווען, לייב־אייגענע א. אַז. וו., אי די פּראָדוקציאָנס־מיטלען געהערן ניט צו זיי, ווי צום ביישפּיעלביים פויער, וואָס האָט זיין אייגענע ווירטשאַפט: זיי זיינען פריי דערפון [נקי מנכסיו], לויז און לעדיג. מיט אָט דער צוטיילונג פון דעם סחורה־מאַרק האָבען מיר פאַרטיג די גרונד־בעדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן. די קאַפּיטאַל־שייכות איז משער ווי א תנאי קודם די צושיידונג צווישען די אַרבייטער און דעם אייגענטום אין די מיטלען, דורך וועלכע זייער אַרבייט קאָן

קינד: אי, אַלעס האב' איך פאָם פּאַפּאַ.

לעהרער: אונד דער, וואָהער האט עס דער?

קינד: פאָם גראָספּאַפּאַ.

לעהרער: ניכט דאָך! וואָהער האט עס דען דער גראָספּאַפּא בעקאָמען?

קינד: דער האט עס גענאָמען.

לאנג דורכגעפיהרט געווארן, און דער גלאנץ־פונקט פון מיטעלאלטער, דער בעשטאנד פון פרייע שטעדט, האט שוין פון א לאנגער צייט געהאלטען אין אונטערגעהן.

אין דער געשיכטע פון דער אורשפרינגליכער אקומולאציע זיינען היסטאריש עפאכע מאכענד אלע רעוואלוציעס, וועלכע דיענען אלס הויבשטאנגען פאר דעם זיך־פארמירענדען קאפיטאליסטישען קלאס; דערהויפט אבער יענע מאמענטען, אין וועלכע גרויסע מאסען מענשען ווערן פלוצלונג און מיט געוואלט אבגעריסען פון זייערע לעבענסמיטלען און אנגעווארפען אויפ׳ן ארבייט־מארק אלס פויגעל־פרייע פראלעטאריער. די עקספראפריאציע פון דעם אגריקולטור־פראדוצירער, דעם פויער, פון דעם גרונד און באדען איז די גרונדלאגע פון דעם גאנצען פראצעס. מיר מוזען זי דעריבער בעטראכטען צוערשט. איהר געשיכטע נעהמט אן פערשיידענע קאלירען אין פערשיידענע לענדער און לויפט דורך די פערשיידענע פאזען אין א פערשיידענעם סדר און אין פערשיידענע עפאכען. נאר אין ענגלאנד, וואס מיר נעהמען דעריבער אלס ביישפיעל, בעזיצט זי א קלאסישע פארם.[189]

2. די עקספראפריאציע פון גרונד און באדען, וואס איז בעגאנגען געווארן אנטקעגען דער אגריקולטור־בעפעלקערונג.

אין ענגלאנד איז די לייב־אייגענשאפט, אין לעצטען טייל

---

[189] אין איטאליען, וואו די קאפיטאליסטישע פראדוקציאן ענטוויקעלט זיך פריהער ווי אומעטום, קומט אויך די אויפלעזונג פון די לייבאייגענשאפט־שייכות פאר אם פריהסטען. דער לייבאייגענער ווערט דא בעפרייט איידער ער האט זיך נעזיכערט א וועלכען עס איז חזקה־רעכט אויפ׳ן גרונד און באדען. זיין בעפרייאונג האט איהם דעריבער גלייך פערוואנדעלט אין א פויגעל־פרייען פראלעטאריאט, וועלכער האט דערצו נאך געפונען פארטיג אנגעגרייט פאר איהם זיינע נייע בעלי בתים אין די שטעדט, וואס זיינען געבליבען פון דער צייט פון די רוימער. ווען די רעוואלוציע פון דעם וועלט־מארק, ארום דעם סוף פון 15טען י. ה., האט פערניכטעט צפון־איטאליענ׳ס קאמערציעלע איבערנעוויכט, איז ענטשטאנען א בעוועגונג אין דער פערקעהרטער ריכטונג. די ארבייטער פון די שטעדט זיינען מאכענווייז געטריבען געווארן אויפ׳ן לאנד און האבען

געוואָרן פון זייערע אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען און פון אַלע גאַ־ראַנטיען פאַר זייער עקזיסטענץ, וואָס די אַלטע פעאָדאַלע איינ־ריכטונגען האָבען זיי געגעבען. און די געשיכטע פון אָט דער עקס־פּראָפּריאַציע זייערע איז ניט געבויט אויף בלויזע השערות. זי איז פערשריבען אין די אַנאַלען פון דער מענשהייט מיט אונאויס־לעשליכע אותיות פון בלוט און פייער.

די אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטען, אָט די נייע מאַכטהאָבער, האָבען פון זייער זייט געמוזט ניט נאָר אַרויסשטופּען די האַנד־ווערק מייסטערס פון די צעכען, נאָר אויך די פעאָדאַלע פּריצים, די בעזיצער פון די קוואַלען פון רייכטום. פון אָט דער זייט שטעלט זיך אַרויס זייער עולה לגדולה ווערן ווי די פּרוכט פון אַ זיעגרייכען קאַמף אי אַנטקעגען דער פעאָדאַלער מאַכט און איהרע אויפרעגענ־דע פּריווילעגיעס, אי אַנטקעגען די צעכען און די קעטען, וואָס זיי האָבען אַרויפגעלעגט אויף דער פרייער ענטוויקלונג פון דער פּראָ־דוקציאָן און אויף דער פרייער עקספּלואַטאַציע פון מענשען דורך מענשען. די ריטער פון דער אינדוסטריע האָבען אָבער פּועל גע־ווען צו פערשטופּען די ריטער פון שווערד נאָר דורכדעם, וואָס זיי האָבען זיך בענוצט מיט פּאַסירונגען, צו וועלכע זיי האָבען גאָרנישט בייגעטראָגען. זיי האָבען זיך אַרויפגעאַרבייט דורך פּונקט אַזוינע געמיינע מיטלען, ווי די, דורך וועלכע דער רוימישער פריי־געמאַכטער קנעכט האָט אַמאָל זיך געמאַכט פאַר דעם האַר פון זיין געוועזענעם פּאַטראָנוס [בעשיצער].

דער אָנהויב־פּונקט פון דער ענטוויקלונג, וועלכע האָט געשאַ־פען אי דעם לוין־אַרבייטער, אי דעם קאַפּיטאַליסט, איז געווען די קנעכטשאַפט פון דעם אַרבייטער. דער פאָרטשריט איז בעשטאַ־נען אין אַ פאָרם־ענדערונג פון דער דאָזיגער קנעכטשאַפט, אין דער פערוואַנדלונג פון דער פעאָדאַלער עקספּלואַטאַציע אין אַ קאַפּי־טאַליסטישער. כדי צו פערשטעהן דעם גאַנג פון דער ענטוויקלונג, דאַרפען מיר ניט געהן זעהר ווייט צוריק. הגם מיר בעגעגענען די ערשטע אָנפאַנגען פון אַ קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן, אין פער־איינצעלטע פאַלען, שוין אין 14טען און 15טען יאָהרהונדערט, אין איניגע שטעדט אויפ'ן מיטלענדישען ים, דאַטירט דער קאַפּיטאַליס־טישער צייט־אַלטער ערשט פון דעם 16טען י. ה. דאָרט וואו ער טרעט אַרויס, איז די אָבשאַפונג פון דער לייבאייגענשאַפט שוין

ערע בהמות האבען זיך געפימערט, און פון וועלכען זיי האבען געקריגען בוי־האלץ, האלץ צום הייצען, טארף א. אז. וו.[191]

אין אלע לענדער פון אייראפא איז די פעאדאלע פראדוקציאן כאראקטעריזירט דורך דער צוטיילונג פון'ם באדען צווישען אזוי פיעל בעזיצער וויפיעל מעגליך. די מאכט פון דעם פעאדאלען פריץ, ווי די מאכט פון יעדען הערשער, איז געבויט ניט אויף דעם בעטרעף פון זיינע ארענדע־צינזען, נאר אויף דער צאהל פון זיינע אונטערטאנען, און די לעצטע איז אבגעהאנגען פון דער צאהל בעלי בתישע פויערים.[192] הגם דער ענגלישען באדען, נאך דער נארמאנישער עראבערונג, איז איינגעטיילט געווארען אין ריעזיג־גרויסע באראניען, וואס איינאיינציגע פון זיי האט אפט איינגעשלאסען 900 אלטע אנגלא־זאקסישע לארדשאפטען, איז ער אבער געווען אנגעשפרינקעלט מיט קליינע פויערים־ווירטשאפטען און נאר וואו־ניט־וואו דורכגעבראכען פון גרעסערע פריצישע גיטער. אזוינע אומשטענדען צוזאמען מיט דער פראספעריטעט פון די שטעדט, וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר דעם 15טען י. ה., האבען מעגליך געמאכט יענעם פאלקס־רייכטום, וואס דער קאנצלער פארטעסקיו שילדערט מיט אזעלכע שעהנע רייד אין זיין

---

[191] מען מוז קיינמאל ניט פערגעסען, אז אפילו דער לייבאייגענער איז ניט נאר געווען אן אייגענטימער, לאז זיין א פאנשציזנע שולדיגער אייגענטימער, פון דעם שטיקעל באדען, וואס האט געהערט צו זיין הויז, נאר ער איז אויך געווען א מיט־אייגענטימער אין דעם געמיינדע־לאנד. „דער פויער איז דא (אין שלעזיען) א לייבאייגענער.“ פונדעסטוועגען בעזיצען אט די לייבאייגענע געמיינדע־גיטער. די שלעזיער האט מען נאך ניט געקאנט איבעררעדען, זיי זאלען צוטיילען זייערע געמיינדע־גיטער, בעת אין דער ניימארק איז קוים דא א דארף, וואו אט די צוטיילונג איז ניט דורכגעפיהרט געווארען מיט דעם גרעסטען ערפאלג.“ (מיראבא, „די פרייסישע מאנארכיע“ (פראנצ.), לאנדאן, 1788, ב. 2, ז. 125, 126.)

[192] יאפאן, מיט זיין ריין־פעאדאלער ארגאניזאציע פון דעם גרונד־אייגענטום און זיין ענטוויקעלטער קליין־בויערן־ווירטשאפט, גיט אונז א פיעל טרייערן בילד פון דעם אייראפעאישען מיטעלאלטער איידער אלע אונזערע ביכער איבער היסטאריע, וועלכע זיינען מייסטענס דיקטירט פון בורזשואזע פאראורטיילען. עס איז גאנץ בעקוועם צו זיין „ליבעראל“ אויפ'ן חשבון פון מיטעלאלטער.

פון 14טען יאָהרהונדערט, שוין פּראַקטיש געווען פערשוואונדען. די
גרויסע מעהר־צאָהל פון דער בעפעלקערונג[190] איז בעשטאַנען דאַ־
מאָלסט, און נאָך מעהר אין 15טען י. ה., פון פרייע פויערים־בעלי
בתים, אונטער וועלכען פעאָדאַלען טיטול זייער אייגענטום־רעכט
זאָל ניט געווען זיין פערדעקט. אויף די גרעסערע פּריצישע
גיטער איז דער פריהערדיגער „ביילִיף" (פּערוואַלטער), וועלכער איז
אַליין געווען א לייבאייגענער, פערביטען געוואָרן אויף א פרייען
אַרענדאַטאָר. די לוין־ארבייטער פון דער אגריקולטור זיינען בע־
שטאַנען טיילווייז פון פויערים, וועלכע האָבען אויסגענוצט זייער
פרייע צייט ארבייטענדיג ביי די גרויסע גרונד־אייגענטימער, און
טיילווייז פון א זעלבשטענדיגען, רעלאַטיוו און אבסאָלוט ניט־
צאָהלרייכען קלאַס, אייגענטליכע לוין־ארבייטער. אפילו די לעצ־
טע זיינען פּראַקטיש אויך געווען אין דערזעלביגער צייט בעלי
בתישע פויערים, וואָרים א חוץ זייער לוין האָבען זיי בעקומען
צוגעטיילט אַן ערך 4 אָדער מעהר אַקער לאַנד צוזאַמען מיט זייערע
קאָטעדזשעס. אויסער דעם האָבען זיי צוזאַמען מיט די ריכטיגע
פויערים געמעגט בענוצען דאָס געמיינדע־לאַנד, אויף וועלכען זיי־

געגעבען אַזאַ שטויס פאַרווערטס דער „קליינער קולטור" אין דער פאָרם פון
גערטנעריי, וואָס איז קיינמאָל פריהער אַזוינס ניט געזעהן געוואָרן.

[190] „די קליינע גרונד־אייגענטימער, וועלכע האָבען אַליין בעאַרבייט זיי־
ערע אייגענע פעלדער און דאָבען געצווינגען אַ בעשיידענע חיונה . . . האָבען
דאַמאָלסט אויסגעמאַכט אַ פיעל וויכטיגערן טייל פון דער נאַציאָן איידער איצ־
טער. . . . ניט ווייניגער ווי 160,000 גרונד־אייגענטימער, וועלכע האָבען מיט
זייערע פאַמיליען געמוזט אויסמאַכען 1/7 פון דער גאַנצער בעפעלקערונג האָ־
בען געלעבט פון קליינע „פרי־האָלד" פּאָסעסיעס (פרי־האָלד מיינט אינגאַנצען
פרייעס אייגענטום). די דורכשניט הכנסה פון אַזוינע קליינע גרונד־בעזיצער
ווערט געשאַצט פון 60 ביז 70 פונט כט. אַ יאָהר. עס איז בערעכענט גע־
וואָרן, אַז די צאָהל פון די, וואָס האָבען בעאַרבייט זייער אייגענעם גרונד־
בעזיץ, איז געווען גרעסער איידער די צאָהל פון די וואָס האָבען געהאַלטען אין
אַרענדע אַ פרעמדען באָדען." (מאַקאָליי, „היסטאָרי אָוו ענגלאַנד", 10טע אויפ־
לאַגע, לאָנדאָן 1854, באַנד 1, ז. 333 און 334.) נאָך אין לעצטען דריטעל פון
17טען יאָהרהונדערט זיינען 4/5 פון ענגלישען פאָלק געווען ערד־אַרבייטער.
(ד. נ. ז. 413.) — איך ציטיר מאַקאָליי'ן, ווייל ער, אַלס סיסטעמאַטישער
פאַלסיפיצירער פון געשיכטע, „בעשניידט" דעראַרטיגע פאַקטען וואו נאָר מעג־
ליך.

און די קאַטעדזשעס פון די ארבייטער זיינען מיט געוואלט ארונ־טערגעריסען געוואָרן אָדער געלאָזט פערפוילט ווערן. „ווען מען וויל פערגלייכען", זאָגט האריסאָן, „די אלטע רעגיסטערס פון יע־דען ריטער־גוט, וועט מען אויסגעפינען, אז עס זיינען פערשוואונ־דען געוואָרן אָהן א צאָהל הייזער און קליינע פויערים־ווירטשאַפ־טען, אז דאָס לאַנד שפייזט א סך ווייניגער מענשען, אז א סך שטעדט זיינען אונטערגעגאנגען, הגם עס וואקסען אויס אייניגע נייע. . . . וועגען שטעדט און דערפער, וועלכע מען האָט צער־שטערט פאר שעפּסען־שטעגען, און אין וועלכע עס זיינען נאָר גע־בליבען שטעהן די פּריצישע הייזער, וואָלט איך עפּעס געקאָנט דערצעהלען."

די קלאגע פון יענע אלטע כראָניקעס זיינען אלעמאָל איבער־טריבען, אָבער זיי פערצייכענען גענוי דעם איינדרוק, וואָס די רע־וואָלוציע אין די פּראָדוקציאָנס־פערהעלטניסען האָט געמאַכט אויף דעם מענשען פון יענער צייט. אַ פערגלייך צווישען די שריפטען פון דעם קאַנצלער פאָרטעסקיו און טהאָמאס מאָר מאַכט קלאָר דעם טיעפען גראָבען צווישען דעם 15טען און 16טען יאָהרהונדערט. דער ענגלישער ארבייטער־קלאַס, ווי טהאָרנטאָן דריקט עס ריכטיג אויס, איז מיט איין מאָל, גאָר אָהן צווישען־שטופען, ארונטערגע־פאלען פון זיין גאָלדערנעם אין זיין אייזערנעם צייט־אלטער.

די געזעצגעבונג האָט זיך דערשראָקען פאר אָט דער רעוואָ־לוציע. זי איז נאָך ניט געשטאנען אויף דער הויך פון ציוויליזא־ציע, וואו די "Whealth of the Nation" [דער נאַציאָנאל־רייכטום], דאָס הייסט די פאָרמירונג פון קאפּיטאל און די אומבעקימערטע עקספּלואטאציע און פעראָרעמונג פון די פאָלקס־מאסען, גילטען אלס דער העכסטער שפּיץ פון דער גאנצער שטאאט־חכמה. אין זיין געשיכטע פון הענרי VII זאָגט בייקאָן: „אַרום יענער צייט (1489) האָבען זיך געמעהרט די קלאגען וועגען דער פערוואנדלונג פון אקערלאַנד אין פּיטער־פעלדער (פאר שעפּסען־שטעגען א. אז. וו.), וועלכע מען קאָן לייכט אויפּפּאסען מיט א קליינער צאָהל פאסטוכער; און ארענדעס אויף מעהרערע יאָהרען, אויפ'ן גאנ־צען לעבען און אויף יעהרליכער קינדיגונג (פון וואָס א גרויסער טייל פון די Yeomen [פרייע פערמער] האָט געלעבט), זיינען פער־וואנדעלט געוואָרן אין פּריצישע גיטער. דאָס האָט ארויסגערופען

„לאודיבוס לעגום אנגליאע"; אָבער זיי האָבען אויסגעשלאָסען די מעגליכקייט פון דעם קאפּיטאַל־רייכטום.

דער פאַרשפּיעל פון דער רעוואָלוציע, וועלכע האָט געשאַפען דעם באַזיס פון דעם קאפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן, איז פאָרגעקומען אין דעם לעצטען דריטעל פון 15טען און אין די ערש־טע צעהנדליגער פון דעם 16טען יאָהרהונדערט. אַ מאסע פויגעל־פרייע פּראָלעטאַריער איז געוואָרפען געוואָרן אויף דעם ארבייט־מארק דורך דער אויפלעזונג פון די באַנדעס פעאָדאלע דיענער, וועלכע, ווי סער דזשיימס סטואַרט האָט ריכטיג בעמערקט, „האָ־בען אומעטום נוצלאָז אָנגעפילט הויז און הויף." אָבוואויל די קעניגליכע מאכט — אליין אַ פּראָדוקט פון דער בורזשואזער ענט־וויקלונג — אין איהר שטרעבען צו אבסאָלוטער הערשאפט, האָט מיט געוואלט פערשנעלערט די אויפלעזונג פון די דאָזיגע באַנדעס, איז זי אָבער אויף קיין פאַל ניט געווען די איינציגע אורזאַך פון זייער אויפלעזונג. פיעל מעהר האָט דער גרויסער פעאָדאַלער פּריץ, אין זיין גאוה'דיגען קאמף אנטקעגען קעניגטום און פּאַרלאַמענט, געשאַפען אַ סך אַ גרעסערן פּראָלעטאַריאַט, דורכדעם וואָס ער האָט מיט געוואלט פערטריבען די פּויערים פון'ם גרונד און באָדען, אויף וועלכען זיי האָבען געהאַט דעמזעלביגען רעכטס־טיטעל ווי ער אליין, און דורך אוזורפּאציע, אונגעזעצליכער אָנאייגענונג פון זייער גע־מיינדע־לאַנד.

דעם דירעקטען אָנשטויס דערצו האָט אין ענגלאַנד ספּעציעל געגעבען דאָס אויפבליהען פון דער פלאַנדערישער וואָל־מאנופאַק־טור און דאָס שטייגען פון די וואָל־פּרייזען, וואָס איז געקומען דער־מיט. דעם אַלטען פעאָדאַל־אַדעל האָבען די גרויסע פעאָדאַלע מלחמות אינגאַנצען פערשלונגען, דער נייער אַדעל איז געווען אַ קינד פון זיין צייט, פאַר וועלכער געלד איז געווען די מאכט פון אַלע מעכטע. פערוואַנדלונג פון אַקער־לאַנד אין שעפּסען־לאָנקעס איז געוואָרן זיין לאָזונג־וואָרט. האַריסאָן, אין זיין "Description of England. Prefixed to Holinshed's Chronicl. בעשרייבט ווי די עקספּראָפּריאציע פון די קליינע פּויערים האָט רואינירט דאָס לאַנד.

"What care our great incroachers" (וואָס קימערט עס אונ־זערע גרויסע אוזורפּאַטאָרען?) די וואוינונגען פון די פּויערים

שטימטער נאָרמאַל־מאָס; דאָס הייסט ער האָט געקריגען פאַר זיי אַ שטח לאַנד, וואָס האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט צו ברענגען אויף דער וועלט אונטערטאַנען מיט אַ גענוגענדען רייכטום און אָהן אַ קנעכטישער לאַגע, און צו האַלטען דעם פּלוג אין די הענד פון אייגענטימער און ניט פון בלויז געדונגענע."*[193]

וואָס די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן האָט געפאָדערט, איז פערקעהרט געוועזען אַ קנעכטישע לאַגע פון דער פאָלקס־מאַסע, זיי אַליין זאָלען ווערען פערוואַנדעלט אין געדונגענע און זייערע אַר־בייט־מיטלען אין קאַפּיטאַל. בעת דער דאָזיגער איבערגאַנג־פּע־ריאָדע האָט די געזעצגעבונג געזוכט אויפצוהאַלטען די 4 אַקער לאַנד ביי דעם קאָטעדזש פון דעם דאָרפישען לוין־אַרבייטער, און האָט איהם פערבאָטען אריינצונעהמען שכנים אין זיין קאָטעדזש. נאָך אין 1627, אין דער ממשלה פון דזשיימס I, איז ראָדזשער קראָקער פון פראָנט מילל פעראורטיילט געוואָרן, פאַר וואָס ער האָט

*[193] בייקאן בעשרייבט דעם צוזאמענהאנג צווישען א ברייטער וואוילהא־בענדער פויערשאפט און א גוטער אינפאנטעריע. „עס איז געווען זעהר וויכ־טיג פאר דער מאכט און אויפפיהרונג פון'ם קיניגרייך צו האבען פארמס אויף א מאסשטאב, וואס זיינען גענוג אויסצוהאלטען טיכטיגע מענער אויסער נויט, און א גרויסער טייל פון'ם באדען פון קיניגרייך פעסטצובינדען אין בעזיץ פון דער „יאמאנרי" אדער לייטע פון מיטעלער לאגע, צווישען עדעללייט און „קאטשעדזשערס" און פויערים־קנעכט. . . ווארים עס איז די אלגעמיינע מיי־נונג פון די בעסטע קריעגסמענער . . . אז די הויפט שטארקייט פון אן ארמעע בעשטעהט אין דער אינפאנטעריע אדער פוס־פאלק. אבער כדי צו מאכען א גוטע אינפאנטעריע, דארף מען האבען מענשען, וועלכע זיינען אויפגעוואקסען ניט אין א קנעכטישער אדער ארימער לאגע, נאר פריי און אין א געוויסער וואוילהאבענקייט. ווען א שטאאט האט מעהרסטענטיילס עדעללייט און פיינע הערען, בעת די פויערים און די אקערלייט זיינען נאר זייערע ארבייט־מענשען אדער אקער־קנעכט, אדער הויז־זאסען, ד. ה. [illegible] בעטלער, קאנט איהר האבען א גוטע קאוואלעריע, אבער קיינמאל ניט קיין גוטע, שטאנד־האפטיגע פוס־לייט. . . מען זעהט דאס אזויפיעל אין פראנקרייך און איטאליען און אין אייניגע אנדערע אויסווערטיגע געגענדען, וואו פאקטיש אלץ איז איינ־געטיילט אין אדעל און א עלענדער פויערשאפט . . . אז זיי זיינען געצוואונ־גען צו בעשעפטיגען געדונגענע באנדעס שווייצער און דערגלייכען פאר זייערע אינפאנטעריע־באטאליאנען, וואס צוליעב דעם קומט אויך, אז די דאזיגע נא־ציאנען האבען א סך מענשען און ווייניג סאלדאטען." (The Reign of Henry VII etc. Verbatim Report from Kennet's England. etc. 1719, London 1870 p. 308.

א פערוויסטונג פון פאָלק און ממילא א פערוויסטונג פון שטעדט, קירכען, מעשר. . . . די חכמה פון דעם קעניג און פון דעם פּאַר־לאַמענט אין יענער צייט אָבצושטעלען דעם דאָזיגען שלעכטען צו־שטאַנד איז געווען צו בעוואונדערן. . . . זיי האָבען גענומען מיט־לען אַנטקעגען דער דאָזיגער ענטפעלקערענדער אוזורפּאַציע פון די געמיינדע־לענדערייען (depopulating inclosures) און אַנטקעגען דער ענטפעלקערענדער פיטער־ווירטשאַפט (depopulating pasture)".

אַן אַקט פון הענרי VII, 1489, ק. 19, האָט פערבאָטען די צערשטערונג פון אַלע פויערים־הייזער, צו וועלכע עס געהערן ווע־ניגסטענס 20 אַקער לאַנד. אין אַן אַקט 25, הענרי VII, איז דאָס־זעלביגע געזעץ בענייט געוואָרן. עס דערצעהלט זיך דאָרטן צווי־שען אַנדערעס, אַז „פיעלע פאַרמס און גרויסע סטאַדעס פיה, דער־הויפּט שעפּסען, זיינען קאָנצענטרירט אין רשות פון איינציגע מענ־שען, וואָס דורכדעם זיינען די גרונד־רענטען זעהר געוואַקסען און די ער־בעאַרבייטונג איז זעהר געפאַלען, קירכען און הייזער זיי־נען אַרונטערגעריסען געוואָרן און אונגעהויער גרויסע פאָלקס־מאַ־סען האָבען פערלוירן די מיטלען פון חיונה פאַר זיך און זייערע פאַמיליען." דאָס געזעץ האָט דעריבער בעפוילען ווידער אויפ־צובויען די חרוב־געוואָרענע פויערשע הייזער, האָט בעשטימט די פּראָפּאָרציע צווישען תבואה־לאַנד און פיטער־לאַנד א. אז. וו. אַן אַקט פון 1533 בעקלאָגט, וואָס איינציגע אייגענטימער בעזיצען 24,000 שעפּסען, און ער בעשרענקט זייער צאָהל אויף 2000.[193]

דער געשריי פון פאָלק און די געזעצגעבונג, וואָס האָט גע־דויערט 150 יאָהר נאָך הענרי VII, אַנטקעגען דער עקספּראָפּריאַ־ציע פון די קליינע פערמער און פויערים, זיינען ביידע גלייך גע־בליבען פרוכטלאָז. דעם סוד פון זייער ערפאָלגלאָזיגקייט ענטדעקט פאַר אונז בייקאָן, אליין ניט וויסענדיג. „דער אַקט פון הענרי VII", זאָגט ער אין זיינע עססעיס „סיוויל אנד מאָראַל," סעקט. 20, איז געווען טיעף און בעוואונדערונגסווערטה, דערמיט וואָס ער האָט געשאַפען לאַנד־ווירטשאַפטען און אַקערבוי־הייזער פון א בע־

[193] אין זיין „אוטאָפּיע" רעדט טהאָמאַס מאָר וועגען דעם זאָנדערבאַרען לאַנד, וואו „שעפּסען פרעסען אויף די מענשען." (אוטאָפּיע, ראָבינסאָן'ס אי־בערזעצונג, לאָנדאָן 1869, ז. 41.)

מענגעוואָרפען זייערע ווירטשאפטען אין איינעם. דאָס געזעצליך־גאראנטירטע אייגענטום־רעכט, וואָס די פעראָרימטע לאנד־מענשען האָבען געהאַט אויף א טייל פון די מעשר־אָבצאָהלונגען צו דער קירך (Tythes) זיינען שטילערהייט קאָנפיסקירט געוואָרן.[195] "Pauper ubique jacet." [אומעטום זיינען פאראַן אָרימעלייט] האָט אויסגערופען די קיניגין עליזאבעטה נאָך איהר רייזע דורך ענגלאנד. אין דעם 43טען יאָהר פון איהר רעגירונג איז מען ענדליך געווען געצוואונגען אָנצודערקענען אָפיציעל דעם פּאָופּעריזם דורך דער איינפיהרונג פון שטייערן פאַר אָרימע. „די פערפאַסער פון אָט דעם געזעץ האָבען זיך הפנים געשעהמט צו דערקלערן די גרונדען פון זיין נויטיגקייט, וואָרים געגען אַלע טראדיציאָנעלע מנהגים האָבען זיי איהם ארויסגעגעבען גאָר אָהן א „פּרעאמבל" [א כאַטיווירענדע הקדמה].[196] דורך די געזעצען 13, טשאַרלז I, 4, איז עס דערקלערט געוואָרן אַלס אַ געזעץ אויף שטענדיג, און פּראַקטיש האָט עס ערשט אין 1834 בעקומען א נייע און שטרענגערע פאָרם.[197]

---

[195] „דאַס רעכט פון ארימע אויף א חלק אין די מעשר אבצאהלונגען צו דער קירך איז פעסטגעשטעלט דורך דעם זין פון די ווערטער פון די אלטע סטאַטוטען." J. D. Tuck·t: "A History of the Past anfl Present State of the Lab·rin·· Po·ulation," London 1346, Vol. II., p. 804, 805.

[196] ·V. n. Cobbett. "A History of the Protestant Reformation," 471.

[197] דעם פּראָטעסטאנטישען „גייסט" קאַן מען דערזעהן צווישען אַנדערעס פון דאַס פאַלגענדע. אין מערב ענגלאַנד האַבען פערשיידענע גרונדאייגענטימער און רייכע ארענדאַטאַרס זיך צוזאַמענגענומען און אויסגעארבייט צעהן פראַגען וועגען דער ריכטיגער אויסטייטשונג פון עליזאַבעטה'ס געזעץ פאַר ארימע און האַבען זיי פאָרגעלעגט פאַר דעם בעריהמטען יוריסט פון יענע צייט, סאַרזשענט סניגגע (שפעטער א ריכטער אונטער דזשיימס I) צו הערן זיין מיינונג. „די ניינטע פראַגע: איינינע פון די רייכע ארענדאַטאַרס פון דער קהלה האַבען אויסגעקלערט א קלוגען פלאַן, ווי אַזוי צו קאַנען אויסמיידען אַלע שוועריגקייטען ביים דורכפיהרן דעם דאַזיגען אַקט. זיי שלאַגען פאַר מען זאָל אויפבויען א געפענגניש אין דער קהלה. אַז ארימאַן, וואָס וועט ניט וועלען זיך לאַזען איינשפּאַרן אין דער דאַזיגער געפענגניש, זאָל אָבגעזאַגט ווערן פון אונטערשטיצונג. דאַן זאָל מען ארויסגעבען א בעקאַנטמאַכונג צו דער נאָכבאַרשאַפט, אַז יעדערער וואָס וויל דינגען די ארימע פון אַט דער קהלה, זאָל אריינגעבען א פערזיגעלטען אָנבאָט, אין א בעשטימטען טאָג, פון דעם ניידעריגסטען פּרייז, פאַר וועלכען זיי ווילען אָבנעהמען די דאַזיגע ארימע לייט פון אונזערע הענד. די פאַרשלאַגער פון אַט דעם פּלאַן שטעלען זיך פאָר,

געבויט אַ קאָטעדזש אויף דעם פּראָנט מילל הויף אָהן די 4 אַקער לאַנד, וואָס מוזען געהערן צו דעם לצמיתות. נאָך שפּעטער, אין דער ממשלה פון טשאַרלז I, 1638, איז בעשטימט געוואָרן אַ קי־ניגליכע קאָמיסיע, צו צווינגען די דורכפיהרונג פון די אַלטע געזעצען, ספּעציעל דאָס געזעץ וועגען די 4 אַקער לאַנד. אַפילו אין קראָמוועל'ס צייט איז געווען פערבאָטען צו בויען אַ הויז אין אַ קרייז פון 4 מייל אַרום לאָנדאָן, סיידען עס האָט געהאַט צו זיך 4 אַקער לאַנד. אַפילו אין דער ערשטער העלפט פון 18טען י. ה. האָט מען זיך געקלאָגט, ווען די קאָטעדזש פון דעם לאַנד־אַרבייטער האָט ניט געהאַט צו זיך איינעם אָדער צוויי אַקער לאַנד. היינ־טיגען טאָג איז ער גליקליך, ווען ער האָט אַ קליין גערטענדעל, אָדער ווען ער קאָן כאָטש דינגען אַ פּאָר שטרייפען לאַנד ווייט אַוועק פון זיין קאָטעדזש. „לענדלאָרדס און פאַרמערס“, זאָגט דר. האָנטער, „האַנדלען דאָ האַנד אין האַנד. עטליכע אַקער לאַנד מיט יעדער קאָטעדזש וועט מאַכען דעם אַרבייטער צופיעל אונאָב־הענגיק.“[194]

דער פּראָצעס פון עקספּראָפּריאירן מיט געוואַלט די פאָלקס־מאַסען האָט געקריגען אַ נייעם שרעקליכען אָנשטויס אין 16טען י. ה. דורך דער רעפאָרמאַציע און דער קאָלאָסאַלער גנבה פון די קירכען־גיטער, וואָס איז געקומען דערנאָך. די קאַטוילישע קירך איז אין דער צייט פון דער רעפאָרמאַציע געווען די פעאָדאַלע איי־גענטימערין פון אַ גרויסען טייל פון דעם ענגלישען גרונד און באָ־דען. די אונטערדריקונג פון די מאָנאַסטירען א. אז. וו. האָט אַריינגעשליידערט זייערע איינוואוינער אין די רייהען פון דעם פּראָלעטאַריאַט. די קירכען־גיטער גופא זיינען גרעסטענטיילס אַוועקגעשענקט געוואָרן צו די רויבזיכטיגע קיניגליכע פאַוואָרי־טען, אָדער זיינען פערקויפט געוואָרן פאַר אַ שפּאָט־פּרייז צו שפּעק־קולירענדע אַרענדאַטאָרס און שטאָדט־בירגער, וועלכע האָבען אַרויסגעטריבען מאַסענווייז די אַלטע תושבים און האָבען צוזאַ־

---

[194] דר. האָנטער, ד. ג., ז. 134 — דער סכום לאַנד, וואָס איז בעצייכענט געוואָרן (אין די אַלטע געזעצען), וואָלט היינט בעטראַכט ווערן אַלס צו־גרויס און ניכער ווי אַ מיטעל, וואָס וואָלט נעהאַט די פּעולה זיי צו פערוואַנדלען אין קליינע אַרענדאַטאָרס.“ George Roberts: "The Social History of the People of the Southern Counties af England in past Centuries," London 1786, p. 184, 185.

לע שייכות׳ן פון דעם גרונד־אייגענטום. מיט זיין פאלען האָבען אויך די דאָזיגע שייכות׳ן זיך לענגער ניט געקאָנט האלטען.[198]

נאָך אין די לעצטע צעהנדליגע יאָהרען פון 17טען י. ה. איז די „ייאָמאַנרי״ [דער שטאנד פון אונאָבהענגיקע פּויערים] געווען גרעסער אין צאָהל איידער דער קלאַס ארענדאטאָרס. זי האָט אויסגעמאכט קראָמוועל׳ס הויפּט שטארקייט, און אפילו מאקאָליי איז מודה, אז זי איז געשטאַנען אין א פּאָרטייליהאפטען קאָנטראסט צו די פער׳שכור׳טע מיסט־יונקערס און זייערע משרתים, די דאָרף גלחים, וועלכע האָבען געמוזט חתונה האָבען מיט די מעטרעסען, וואָס זייערע הערען האָבען אוועקגעוואָרפען. אַפילו די דאָרפישע לוין־ארבייטער זיינען נאָך געווען מיט־בעזיצער אין דעם געמיינדע־אייגענטום. אומגעפעהר אין יאָהר 1750 איז די „ייאָמאַנרי״ שוין פערשוואונדען געוואָרען[199] און אין די לעצטע צעהנער יאָהרען פון 18טען י. ה. איז פערשוואונדען דער לעצטער שפּור פון דעם געמיינדע־אייגענטום פון די פּויערים. מיר לאָזען דאָ אויס פון בעטראַכט די ריין־עקאָנאָמישע אורזאכען פון דער אַגריקולטור־רעוואָלוציע. מיר בעהאַנדלען דאָ נאָר די געוואלט־מיטלען, וואָס זיינען בענוצט געוואָרען.

נאָך דער רעסטאַוראציע [וויעדער ארויפזעצונג אויפ׳ן טראָן] פון די סטואַרטס האָבען די גרונד־אייגענטימער געזעצליך דורכ־

---

[198] הערר ראדזשערס, אבוואויל ער איז דאמאלסט געווען פּראָפעסאָר פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע אין אָקספאָרד, אין דעם נעסט פון פּראָטעסטאַנטישער ארטאָדאָקסיע, בעטאָנט אין זיין פאָררעדע צו דער „היסטאָרי אָוו אגריקאַלטשור״ די פּאָופּעריזירונג פון דער פאָלקסמאַסע דורך דער רעפאָרמאַציע.

[199] "A Letter to Sir T. C. Banbury. Brt.: On the High Price of Provisions." By a Suffolk Gentleman, Ipswich 1795 p. 4. אפילו דער פאַנאַטישער פּערטיידיגער פון דעם סיסטעם פון גרויסע פאַרמס, דער פערפאסער פון דער "Inquiry into the Conditions of large farms etc." London 1773, p. 133. זאָגט: „איך בעקלאָג דעם פערלוכט פון אונזער „ייאָמאַנרי״, דעם קלאַס מענער, וועלכער האָט פאַקטיש אויפגעהאַלטען די אונאָבהענגיגקייט פון אונזער פאָלק, און עס טהוט מיר לייד צו זעהן, ווי זייערע ערד־שטיקער זיינען איצט אין די הענד פון מאָנאָפּאָליזירענדע לאָרדס, פערדונגען צו קליינע פּערמערס, וועלכע האַלטען זייערע ארענדעס אויף אַזעלכע בעדינגונגען, אז זיי זיינען כמעט ווי קנעכט און מוזען ביי יעדער אומגליקליכער געלעגענהייט זיין גרייט צו קומען ווען מען רופט זיי.״

אַט די דירעקטע ווירקונגען פון דער רעפאָרמאַציע זיינען ניט גע־ ווען איהרע העכסט־דויערנדע ווירקונגען. דאָס קירכען־אייגענטום האָט פאָרמירט דעם רעליגיעזען פונדאמענט פון די טראַ־יציאָנע־

אז עס זיינען פאַראַן אין די דערבייאינע גראַפשאַפטען מענשען, וועלכע ווילען ניט אַרבייטען און האָבען ניט קיין פערמעגען אָדער קרעדיט זיך צו ערווער־ בען אַן אַרענדע אָדער אַ שיף, אַזוי אַז זיי זאָלען קאָנען לעבען ניט אַרביי־ טענדיג. אַזוינע מענשען קאָנען זיין געצווינגט צו מאַכען זעהר פאַרטיילהאַפטע אָנבאָטען צו דער קהלה. טאָמער וועט זיך מאַכען, אַז די אַרימע וועלען געהן קאַפּוט אונטער דער בעהאַנדלונג פון אַזאַ אַרענדאַטאָר, וועט די עבירה פאַלען אויף זיין קאָפּ, וואָרים די קהלה וועט דערמיט האָבען אָבגעטאָן איהר פליכט צו די דאָזיגע אַרימע. מיר האָבען אָבער מורא, אַז דער איצטיגער אַקט וועט ניט ערלויבען אַזאַ אויסגערעכענטען מיטעל פון דעם סאָרט; איהר מוזט אָבער וויסען, אַז די אַנדערע „פרי־האָלדערס" [אונאָבהענגיקע גרונד־בעזיצער] פון אַט דער גראַפשאַפט און פון די אַרומיגע וועלען זיך אָנשליסען אָן אונז, כדי צו הייסען זייערע מיטגליעדער פון דער האוז אָוו קאָממאָנס פאַרצולעגען אַ גע־ זעץ, וואָס זאָל געבען דאָס רעכט פון איינשפּאַרונג און צוואַנגס־אַרבייט פאַר די אַרימע, אַזוי אַז יעדע פּערזאָן, וואָס וועט זיך ניט לאָזען אַריינזעצען אין תפיסה, זאָל ניט זיין בערעכטיגט צו קיין אונטערשטיצונג. אַט דאָס, האָפען מיר, וועט אָבהאַלטען מענשען אין נויט צו פאָדערן אונטערשטיצונג." R. Blaky, "The History of Political Literature from the earlieet times," London 1855, Vol. II, p. 84. 85. — אין שאָטלאַנד איז די אָבשאַפונג פון דער לייבאייגענשאַפט פאָרגעקומען הונדערטע יאָהרען שפּעטער איידער אין ענגלאַנד. נאָך אין יאָהר 1698 האָט פלעטשער פון סאַלהון דערקלערט אין דעם שאָטישען פאַרלאַמענט: „די צאָהל בעטלער אין שאָטלאַנד ווערט געשאַצט אויף ניט ווייניגער ווי 200,000. דאָס איינציגע מיטעל, וואָס איך, אַ פּרינציפּיעלער רעפּובליקאַנער, קאָן פאָרשלאָ־ גען, איז, ווידער איינצופיהרן דעם אַלטען צושטאַנד פון לייבאייגענשאַפט און מאַכען די אַלע, וואָס קאָנען ניט בעזאָרגען זייער אייגענע חיונה, פאַר שקלאַווען." אַזוי אויך עדען: „דהי סטייט אָוו דהי פּור," באַנד 1, קאַפּ. 1, ז. 60 און 61: „די פערקלענערונג פון דער לייבאייגענשאַפט, זעהט אַ.־ס., האָט מיט זיך נויטיגערווייז געבראַכט דעם פּאָופּעריזם. מאַנופאַקטור און האַנ־ דעל זיינען די ביידע עלטערן פון די אַרימע פון אונזער נאַציאָן." עדען, אַזוי גוט ווי יענער שאָטישער רעפּובליקאַנער פון פּרינציפּ, האָט נאָר אַ טעות אין דעריין, וואָס עס איז ניט די אָבשאַפונג פון דער לייבאייגענשאַפט, נאָר די אָבשאַפונג פון דעם פּויער'ס אייגענטום אויפ'ן גרונד און באָדען, וואָס עס האָט איהם געמאַכט פאַר אַ פּראָלעטאַריער און פּאָופּער. — אין פראַנקרייך, וואו די עקספּראָפּריאַציע איז פאָרגעקומען אויף אַנאַנדער אופן, זיינען די אָרדאָנאַנץ פון מולין, 1571, און דער עדיקט פון 1656 גלייך צו ענגלאַנד'ס געזעצען פאַר אַרימע.

וועלכער עס איז געזעצליכער פארם. די שטאאט־גיטער, וואס זיינען אט אזוי בעטריגעריש אנגעאייגענט געווארן, צוזאמען מיט דעם רויב פון די קירכען־גיטער, אויף וויפיעל זיי זיינען ניט צוריק אבגענומען געווארן בעת דער רעפובליקאנישער רעוואלוציע, שטעלען צוזאמען די גרונדלאגע פון די היינטיגע פירשטליכע בעזיצטימער פון דער ענגלישער אליגארכיע.[202] די בירגערליכע קאפיטאליסטען זיינען געווען צופריעדען מיט דער אפעראציע, צווישען אנדערע טעמים — כדי צו פערוואנדלען דעם גרונד און באדען אין א ריין האנדעלס ארטיקעל, אויסצושפרייטען דעם געביט פון דער אגריקולטור אויף א גרויסען פארם־סיסטעם, צו פערמעהרען דעם צושטעל פון פויגעל־פרייע פראלעטאריער פון דארף א. אז. וו. א חוץ דעם איז די נייע לאנד־אריסטאקראטיע געווען דער נאטירליכער שותף פון דער נייער באנקא־קראטיע, פון דער אקארשט פון איי ארויסגעקראכענער „הויכער פינאנץ" און פון די גרויסע מאנופאקטוריסטען, וועלכע האבען זיך געשטיצט אויף די שוץ־צאהלען. די ענגלישע בורזשואזיע האט געהאנדעלט אין איהרע אינטערעסען פונקט אזוי ריכטיג ווי די שוועדישע שטאדט־בירגער, וועלכע האבען פערקעהרט, האנד אין האנד מיט זייערע עקאנאמישע חבירים, די פויערים, אונטערשטיצט די קיניגע צוזונעהמען מיט געוואלט פון דער אריסטאקראטיע די קרוין־לענדער, וואס זיי האבען גע׳גנב׳ט. דאס האט פאסירט זינט דעם יאהר 1604, אונטער טשארלז X און טשארלז XI.

דאס געמיינדע־אייגענטום — דורכאויס פערשיידען פון דעם שטאאט־אייגענטום, וואס איז אקארשט בעטראכט געווארן — איז געווען אן אלט־גערמאנישע אינסטיטוציע, וועלכע איז געבליבען לע־

פערקויף און טיילווייז דורך פערשענקונג, מאכט אויס א סקאנדאלעזען קאפיטעל אין דער ענגלישער געשיכטע . . . א גיגאנטישער בעטרוג, מיט וועלכען מען האט בעשווינדעלט דאס פאלק." F. W Newman, Lectures on Political Economy." London, 1851, p. 29, 30. ענגעלס איז דערביי מוסיף: „וועגען די פרטים ווי אזוי די היינטיגע ענגלישע גרויס גרונדבעזיצער זיינען געקומען צו זייער בעזיץ, זעה "Our Old Nobility," by Noblesse Oblige, London 1879.

[202] לעזט צ. ב. ש. ע. בוירק׳ס שריפט וועגען דאס הערצאגליכע הויז פון בעדפארד, פון וועמעס פאמיליע עס איז ארויסגעקומען לארד דזשאהן ראסעל, דער „טאם־טיט פון ליבעראליזם."

גנעצעט א אוזורפּאַציע [א רויב], וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרן אויפ'ן קאָנטינענט נאָר אָהן א געזעצליכער פאָרמאַליטעט. זיי האָבען אָבגעשאַפט די פעאָדאַלע פערפאַסונג בנוגע דעם בעזיץ פון באָדען, ד. ה. זיי האָבען אראָבגעשאָקעלט פון זיך אַלע זייערע לייס־טונגס־פליכטען צום שטאַאט, האָבען „אָבגעצאָהלט" דעם שטאַאט מיט שטייערן אויף די פויערים און די איבעריגע פאָלקס־מאַסען, האָבען אויסגעווירקט פאַר זיך דאָס מאָדערנע רעכט פון פּריוואַט אייגענטום אויף די גיטער, אויף וועלכע זיי האָבען פריהער נאָר געהאַט א פעאָדאַלען טיטול און האָבען ענדליך אראויפגעצוואונגען אויף די ענגלישע לאַנד־ארבייטער יענע געזעצען וועגען בעזעצען זיך (Laws of Settlement), וועלכע האָבען געמאַכט פון דעם ערד־ארבייטער פונקט אזא צוגעהעריגען צו דער געמיינדע, ווי באָריס גאָדונאָוו'ס „פּריקאַז" (עדיקט) האָט דעם רוסישען פויער געמאכט פאַר א צוגעהעריגען צו דער ערד, אויף וועלכער ער איז געזעסען.

די „גלאָריאָז רעוואָלושאָן" (די גלאָררייכע רעוואָלוציע) האָט געבראַכט אין הערשאַפט צוזאַמען מיט ווילהעלם דעם דריטען[200] [וויליאם אָוו אָראַנזש] אויך דעם לענדלאָרד און די קאַפּיטאַליס־טישע מעהרווערטה־מאַכער. זיי האָבען אריינגעפיהרט די נייע ערא, דערמיט וואָס זיי האָבען אויסגעאיבט אויף א קאָלאָסאַלען מאָסשטאַב די גניבות פון די שטאַאט־גיטער, וועלכע זיי האָבען ביז־אַהער בעטריבען נאָר אויף א בעשיידענעם אופן. די דאָזיגע לענ־דערייען זיינען אוועקגעשענקט געוואָרן, פערקויפט געוואָרן פאַר שפּאָט־פּרייזען, אָדער פשוט צוגעשריבען געוואָרן צו פּריוואַט גי־טער דורך דירעקטער אוזורפּאַציע.[201] דאָס אַלעס איז געשעהן אָהן

[200] וועגען דער פּריוואַט־מאָראַל פון אט די בורזשואַזע העלדען — צווי־שען אנדערעם דאָס פאָלגענדע: „די גרויסע שטיקער לאַנד, וואָס זיינען אוועקגעשענקט געווארן צו ליידי אָרקנעי אין איירלאַנד, אין יאָהר 1695, זיינען אַ עפענטליכערביישפּיעל פון דעם קיניג'ס ליידענשאַפט און דער דאַמע'ס איינפלוס. . . . מען נעהמט אַן, אַז די ווערטהפולע פערדיענסטען פון דער ליידי אָרקנעי זיינען בעשטאַנען אין foeda labiorum ministeria [שמוציגע ליעבעס דיענסטען]." (אין בריטיש מוזעאום, די סלאָון מאַנוסקריפּט קאָלעקשאָן נומער 4224. דער טיטול פון מאַנוסקריפּט איז: "The character and behaviour of King William Sunderland etc. represented in original Letters to the Duke of Shrebury from Somers, Halifax Oxford. עס איז פול מיט קוריאָזען.

[201] „די אומגעזעצליכע אויסבערענגונג פון די קרוין־גיטער, טיילווייז דורך

בעת דאָס פּלאַץ פון די אונאָבהענגיגע „יואָמען" איז פערנו־מען געוואָרן פון „טענאַנטס־אַט־וויל" — קליינע פערמער אויף איין־יאָהריגע אָרענדעס —, אַ קנעכטישע חברה, וואָס הענגט אָב פון דעם מוטהווילען פון׳ם לענדלאָרד, האָט די סיסטעמאַטישע בערויבונג פון דעם געמיינדע־אייגענטום, צוזאַמען מיט דעם רויב פון די שטאַאַט־גיטער, ספּעציעל געהאָלפען אָנוואַקסען יענע גרויסע פאַרמס, וועלכע מען האָט אין 18טען י. ה. אָנגערופען קאַפּיטאַל־פאַרמס[205] אָדער סוחרישע פאַרמס[206] און האָבען „פריי געשטעלט" די לאַנד־בעפעלקערונג אַלס פּראָלעטאַריאַט פאַר דער אינדוסטריע.

דער 18טער יאָהרהונדערט האָט אָבער נאָך ניט בעגריפען אַזוי פיעל ווי דער 19טער י. ה., אַז נאַציאָנאַל־רייכטום און פאָלקס־אָרמוט בעטייטען דיזעלביגע זאַך. דעריבער איז אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקע פּאָלעמיק אין דער עקאָנאָמישער ליטעראַטור פון יענער צייט וועגען די איינצוימונגען פון די געמיינדע־לענדערייען. איך גיב דאָ איבער פון דער מאַסע מאַטעריאַל, וואָס ליעגט פאַר מיר, עטליכע שטעלען, ווייל דורכדעם וועלען זיך לעבעדיג אַרויסווייזען די צושטאַנדען פון דער צייט.

„אין אַ סך קהלות פון הערטפאָרדשיר," שרייבט אַן אויפגערעגטע פעדער, „זיינען 24 פאַרמס, וואָס צעהלען אין דורכשניט פון 50 ביז 150 אַקער, צונויפגעשמאָלצען געוואָרן אין 3 פאַרמס."[207] „אין נאָרטהאַמפּשיר און לינקאָלנשיר איז די איינצוימונג פון די געמיינדע־לענדערייען פאָרגעקומען אויף אַ זעהר גרויסען מאָסשטאַב, און די מעהרסטע נייע לאָרדשאַפטען, וואָס זיינען געשאַפען געוואָרן דורך די דאָזיגע איינצוימונגען, זיינען פערוואַנדעלט געוואָרן אין פּיטער־פעלדער; אַלס פאָלגע דערפון האָבען איצט

---

[205] "Capital Farms," "Two Le'ters on the Flour Trade and the Dearness of Corn," by a Person in Business, London 1767, p. 19.

[206] "Merchant Farms," ("An Inquiry into the Present High Prices of Provisions," London 1767, p. 11 n) אין די אויסגעצייכענטע שריפט, וועלכע איז ערשיענען אַנאָנים, איז פערפאַסט געוואָרן פון דעם רעווערענד נאַטהאַניעל פאָרסטער.

[207] Thomas Wright, "A Short Address to the Public on the Monopoly of large farms," 1779, p. 2, 3.

בען אונטער דעם צודעק פון פעאָדאַליזם. מיר האָבען געזעהן, ווי די געוואַלטיגע בערויבונג פון דעם דאָזיגען געמיינדע־אייגענטום, בעגלייט דאָס רוב פון א פערוואַנדלונג פון אקער־לאנד אין פוטער־פעלדער פאר פיה, פאנגט זיך אָן ביים סוף פון 15טען י. ה. און האַלט אָן דורכ'ן 16טען י. ה. אָבער דאַמאָלסט איז דער פּראָצעס פאָרגעקומען ווי א אינדיווידועלע געוואַלט־טהאַט, אנטקעגען וועלכער די געזעצגעבונג האָט לאַנג געקעמפט אָהן ערפאָלג. דער פּאָרט־שריט פון 18טען י. ה. האָט זיך ארויסגעצייגט אין דעריין, וואָס דאָס געזעץ גופא איז איצט געוואָרן א הילף־מיטעל צו בערויבען דאָס פאָלק־לאַנד, הגם די גרויסע ארענדאַטאָרס האָבען א חוץ דעם אויך אָנגעווענדט זייערע קליינע אונאָבהענגיגע פּריוואַט־מעטאָ־דען.[203] די פּאַרלאַמענטאַרישע פאָרם פון דעם רויב איז די פאָרם פון די „בילס פאָר אינקלאָזשורס אָוו קאָממאָנס" (געזעצען איינ־ציצוימען דאָס געמיינדע־לאַנד); מיט אנדערע ווערטער: דעקרע־טען, דורך וועלכע די לענדלאָרדס האָבען זיך אַליין אוועקגעשענקט דאָס פאָלק־לאַנד אלס פּריוואַט־אייגענטום, דעקרעטען פון פאָלקס־עקספּראָפּריאַציע. כּער פ. מ. עדען איז אַליין סותר זיינע כיטרע אדוואָקאַטסקע טענות, אין וועלכע ער זוכט ארויסצושטעלען דאָס געמיינדע־אייגענטום אלס דאָס פּריוואַט־אייגענטום פון די גרוי־סע גרונד־אייגענטימער, וועלכע זיינען געוואָרען די שטעל־פער־טרעטער פון די פעאָדאַלען, דערמיט וואָס ער פערלאַנגט אן „אַל־געמיינעם פּאַרלאַמענט־אקט איינצוצוימען די געמיינדע־לענדערייען" און איז דערמיט מודה, אז מען דאַרף האָבען א פּאַרלאַמענטאַרי־שען שטאַאַט־שטרייך כדי זיי צו פערוואַנדלען אין פּריוואַט־אייגענ־טום, און פאָדערט אפילו, אַז די געזעצגעבונג זאָל בעווילּיגען א „שאָדען־ערזאַץ" פאַר די עקספּראָפּריאירטע אָרימע.[204]

---

[203] „די ארענדאַטאָרס האָבען פערבאָטען די קאָטעדזשערס צו האַלטען וועלכע עס איז לעבעדיגע ברואים א חוץ זיך אַליין, אונטער דעם אויסרייד, אז אויב זיי וועלען האַלטען פיה אדער עופות, וועלען זיי גנב'נען פוטער פון די שפייכלערס. זיי פלעגען אויך זאָגען: האַלט די קאָטעדזשערס אָרים וועט איהר זיי האַלטען פלייסיג. אָבער דער אמת'ער פאַקט איז, אז די ארענדאַטאָרס אוזורפּירען אויף דעם אופן דאָס גאַנצע רעכט אויף די געמיינדע־לענדערייען."
"A Political Enquiry into the Consequences of enclosing Waste Lands," London 1875, p. 75.

[204] עדען, „דהי סטייט אָוו דהי פּור," פאָררעדע.

„ווען דאָס לאַנד — זאָגט דר. פּריים — פאַלט אַריין אין די הענד פון עטליכע גרויסע אַרענדאַטאָרס, ווערן די קליינע פּער־מער (וועלכע ער האָט פריהער בעצייכענט אַלס „אַ סך קליינע איי־גענטימער און פּערמער, וועלכע ציהען חיונה פאַר זיך און זייערע פאַמיליען פון דער ערד, וואָס זיי בעאַרבייטען, פון שעפּסען, עופות און חזירים א. ד. ג., וואָס זיי שיקען אַרויס זיך פיטערן אויף דעם געמיינדע־לאַנד, אַזוי אַז זיי האָבען ניט נויטיג צו קויפען קיינע לע־בענסמיטלען") פערוואַנדעלט אין מענשען, וועלכע מוזען פערדינע־נען אויף חיונה אַרבייטענדיג פאַר אַנדערע, און זיינען געצוואונ־גען איינצוקויפען אויפ'ן מאַרק אַלץ וואָס זיי ברויכען. . . . עס ווערט אפשר מעהר אַרבייט אויפגעטאָן, ווייל עס איז דאָ אַ גרע־סערער צוואַנג דערצו. . . . שטעדט און מאַנופאַקטורען וועלען וואַקסען, ווייל מעהר מענשען, וועלכע זוכען בעשעפטיגונג, ווערן פעריאָגט אין זיי. דאָס איז דער אופן, אויף וועלכען די קאָנ־צענטראַציע פון די פאַרמס ווירקט נאַטירליכערהייט, און ווי אַזוי זי האָט טאַקע שוין אַ צייט מיט יאָהרען ווירקליך געווירקט אין אָט דעם קיניגרייך.[210]

ער פאַסט צוזאַמען די אַלגעמיינע ווירקונג פון די איינצוי־מונגען ווי פאָלגט: „די לאַגע פון די נידעריגע פאָלקס־קלאַסען האָט זיך בכלל פערערגערט אין יעדער הינזיכט; די קלענערע גרונדבעזיצער און פּערמער זיינען אַראָבגעדריקט געוואָרן ביז צו דעם שטאַנד פון טאָג־לוינער און געדונגענע מענשען, און פער־דיענען אויפ'ן לעבען אין דעם צושטאַנד איז אין דערזעלביגער צייט געוואָרן שווערער."[211]

די אוזורפּאַציע פון דעם געמיינדע־לאַנד און די רעוואָלוציע

קענט, פּריים און דזשיימס אַנדערסאָן און פערגלייכען מיט זיי די היפּאָקו־טישע פלוידערייען פון מאַקקולאָ אין זיין קאַטאַלאָג: "The Literature of Political Economy," London 1845

[210] דאָרט גופא, ז. 147.

[211] דאָרט גופא, ז. 150. דאָס דערמאַנט אונז אַן דעם אַלטען רוים. „די רייכע האָבען פערכאַפּט דעם גרעסטען טייל פון די געמיינשאַפטליכע לענ־דערייען. זיי האָבען זיך פערלאָזען אויף די אומשטענדען פון דער צייט, אַז מען וועט ביי זיי די דאָזיגע לענדערייען ניט אָבנעהמען און האָבען דעריבער צוגעקויפט די נאָהענטע שטיקער ערד פון די אָרימע, טיילס מיט זייער ווילען און טיילס מיט געוואַלט, אַזוי אַז זיי האָבען איצט מעהר קולטיווירט נאָר ווייט־אויסגעשפּרייטע לאַנדגיטער אַנשטאָט איינצעלנע פעלדער. זיי האָבען

פיעלע לאַרדשאַפטען קיין 50 אַקער ניט אונטער'ן פלוג, וואו פריהער זיינען 1500 אַקער בעאַרבייט געוואָרן. . . . די חורבות פון די פריהערדיגע וואוין־הייזער, שפייכלערס, שטאַלען א. אז. וו. זיינען די איינציגע שפורען פון די פריהערדיגע איינוואוינער. 100 הייזער און פאַמיליען זיינען אין מאַנכע פלעצער צוזאַמענגעשרומפט געוואָרן . . . ביז 8 אָדער 10. . . . די גרונד־אייגענטימער אין די מעהרסטע קהלות, וואו די איינצוימונגען זיינען ערשט פאָרגעקומען מיט 15 אָדער 20 יאָהר צוריק, זיינען זעהר ווייניג אין צאָהל אין פערגלייך מיט די, וואָס האָבען בעאַרבייט דאָס לאַנד אין דעם אָפענעם פעלד צושטאַנד. עס איז ניט קיין אומגעוועהנליכע זאַך צו זעהן 4 אָדער 5 רייכע פיה־מייסטערס פערנעהמען גרויסע, ניט־לאַנג צוריק איינגעצוימטע לאַרדשאַפטען, וועלכע האָבען זיך פריהער איינגעפונען אין די הענד פון 20 ביז 30 פערמערס און פונקט אַזויפיעל קלענערע אייגענטימער און בעזיצער. אַט די אַלע זיינען צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליען אַרויסגעוואָרפען געוואָרן פון זייער בעזיצטום, ווי אויך א סך אַנדערע פאַמיליען, וועלכע זיי האָבען בעשעפטיגט און אויסגעהאַלטען."[208]

ניט נאָר וויסט לאַנד, נאָר אָפט אויך לאַנד, וואָס איז בעאַרבייט געוואָרן געמיינשאַפטליך, אָדער וואָס איז געהאַלטען געוואָרן אונטער א בעשטימטען אָבצאָהל צו דער געמיינדע, איז צוגענומען געוואָרן פון דעם דערבייאיגען לענדלאָרד אונטער דעם אויסרייד פון איינצוימונג. „איך רייד דאָ וועגען דער איינצוימונג פון אָפענע פעלדער און לענדערייען, וואָס זיינען שוין געווען קולטיווירט. אַפילו יענע שריפטשטעלער, וועלכע פערטיידיגען די איינצוימונגען, זיינען מודה, אז אַט די לעצטע מעשים פערמעהרען דעם מאָנאָפאָל פון די פאַרמס, העכערן דעם פרייז פון די לעבענסמיטלען און פראָדוצירן אן ענטפעלקערונג . . . און אפילו די איינצוימונג פון וויסטע לענדערייען, ווי עס קומט איצט פאָר, בערויבט דעם אָרימאַן פון א טייל פון זיינע לעבענסמיטלען און פערגרעסערט די פאַרמס, וועלכע זיינען שוין צו גרוים."[209]

[208] Rev. Addington. "Enquiry into the Reasons for or against enclosing open fields," London 1772, p. 27, 43 passim.

[209] Dr. R. Rice, "Observations on Reversionary Pyamen's, 6 h Ed. by W. Morgan," London 1805, Vol. II. p.155. מען דארף לעזען פארסטער, אדרינגטאן

די גאלד־מינען פון דער נאציאן, זיך פערמעהרן פראפארציאנעל צו דעם פראדוצירטען סכום תבואות.״[213]

די סטאטישע זעעלען־רוה, מיט וועלכער דער פאליטישער עקאנאם בעטראכט די אונפערשעהמטעסטע פערלעצונג פון דעם „הייליגען אייגענטום־רעכט״ און די גרעבסטע געוואלט־טהאט אנטקעגען פערזאנען, אזוי לאנג ווי זיי זיינען נויטיג אויפצובויען די גרונדלאגע פון דעם קאפיטאליסטישען פראדוקציאנס־אופן, צייגט אונז צווישען אנדערע דער פילאנטראפישער, און „טארי״ דערצו, סער פ. מ. עדען. די גאנצע רייה רויבערייען, גרויל־טהאטען און פאלקס־עלענד, וואס האבען בעגלייט די געוואלטזאמע פאלקס־עקספראפריאציע פון לעצטען דריטעל פון 15טען י. ה. ביז צום סוף פון 18טען י. ה. טרייבט איהם נאר צו דעם „טרויסטליכען״ שלוס: „די ריכטיגע פראפארציע צווישען אקער־לאנד און פיה־לאנד האט געמוזט פעסטגעשטעלט ווערן. אין גאנצען 14טען און גרעסטען טייל פון 15טען י. ה. איז נאך געוועז 1 אקער פוטער־לאנד אויף 2, 3 און אפילו 4 אקער קולטיווירטען לאנד. אין מיטען פון 16טען י. ה. האט זיך געענדערט די פראפארציע צו 2 אקער פיה־לאנד אויף 2 אקער קולטיווירטען לאנד, און שפעטער 2 פיה־לאנד צו 1 אקער־לאנד, ביז ענדליך איז ארויסגעקומען די ריכטיגע פראפארציע: 3 אקער פיה־לאנד צו 1 אקער קולטיווירטען לאנד.״

אין 19טען יאהרהונדערט איז נאטירליך פערלארן געווארן אפילו די עראינערונג פון דעם צוזאמענהאנג צווישען דעם אקער־פויער און דעם געמיינדע־אייגענטום. שוין ניט צו רעדען פון די שפעטערדיגע צייטען — האט די לאנד־בעפעלקערונג ווען עס איז געקריגען איין פרוטה שאדען־ערזאץ פאר די 3,511,770 אקער געמיינדע־לאנד, וואס מען האט פון איהר אוועקגערויבט צווישען

[213] "An Inquiry in·o the Connections between the Present Prices of Pro·isions etc." p. 124, 129. עהנליכע רייד אבער מיט א פערקעהרטער טענדענץ זיינען די פאלגענדע: „די ארבייטער ווערן פערטריבען פון זייערע קאטע־דזשעס און געיאגט אין די שטעדט, כדי דארטן צו זוכען ארביים; אבער דורכדעם בעקומט זיך א גרעסערער איבערשוס און עס פערמעהרט זיך אויף דעם אופן דער קאפיטאל.״ "The Perils of the Nation," 2nd Ed.. London 1843, p. XIV.

פון דער אגריקולטור, וואס איז געקומען דערמיט, האבען פאקטיש געהאט אזא שארפע ווירקונג אויף דעם אגריקולטור־ארבייטער, אז אפילו ווי עדען גיט צו, האט זייער לוין, צווישען 1765 און 1780, אנגעהויבען צו פאלען אונטער דעם מינימום, און האט געמוזט נתמלא ווערן דורך צדקה־אונטערשטיצונג פון דער קהלה. זייער ארבייט־לוין, זאגט ער, „האט נאר געקלעקט אויף די אבסאלוט־נויטווענדיגסטע לעבענס־בעדערפענישען.”

לאמיר נאך א ווײלע זיך צו־הערען צו א פערטיידיגער פון די איינצוימונגען און א געגנער פון דעם דר. פרייס. „עס איז ניט קיין ריכטיגער שלוס, אז עס מוז ווערן אן ענטפעלקערונג, ווייל די מענשען פערשווענדען ניט מעהר זייער ארבייט אין אפענעם פעלד. . . . אויב פערוואנדלענדיג קליינע פויערים אין מענשען, וואס מוזען ארבייטען פאר אנדערע, ווערט ארויסגעגעבען מעהר ארבייט, איז דאס א פארטייל, וועלכען די נאציאן (צו וועלכער, פערשטעהט זיך, די דאזיגע פערוואנדעלטע געהערען ניט) מוז וועלען האבען. . . . דער פראדוקט וועט זיין א גרעסערער, ווען זייערע פעראייניגטע ארבייטען וועלען אנגעווענדט ווערן אויף איין פארם: עס וועט אט אזוי געשאפען ווערן א מעהר־פראדוקט פאר די מאנופאקטורען, און דורכדעם וועלען די מאנופאקטורען, איינע פון

בענוצט שקלאווען פאר דער ערד־ארבייט און פיה־צוכט, ווייל די פרייע מענשען פלעגען צוגענומען ווערן פון דער ארבייט צום קריעג־דיענסט. דער בעזיץ פון שקלאווען האט זיי איינגעבראכט גרויסע געווינסען, ווייל אזוי ווי זיי זיינען געווען בעפרייט פון קריעג־דיענסט, האבען זיי אונגעשטערט זיך גע קאנט פערמעהרן און האבען א סך קינדער. אזוי האבען די מעכטיגע פערכאפט אלע רייכטימער און דער גאנצער געגענד איז געווען פול מיט שקלאווען. די איטאליענער זיינען, פערקעהרט, געווארן אלץ וועניגער, פערניכטעט דורך ארימקייט, שטייערן און קריעג־דיענסט. אין צייטען פון פריעדען האבען זיי ניט געהאט קיין ארבייט, ווייל די רייכע האבען דעם בארען געהאט אין זייער בעזיץ און האבען בענוצט שקלאווען אנשטאט פרייע לייט צו בעארבייטען די ערד.” (אפפיאן, „רוימישע בירגער קריעגע,” בוך 1, קאפ. 7.) אט די שטעלע בעציהט זיך אויף דער צייט פאר די ליציניש ע געזעצען. דער קריעג־דיענסט, וואס האט אזוי פיעל מיטגעבראכט דעם חורבן פון די רוימישע פלעבייער, איז אויך געווען א הויפטמיטעל, דורך וועלכען קארל דער גרויסער האט שנעל פערוואנדעלט די פרייע דייטשע פויערים אין העריגע און לייבאייגענע.

און זייערע שטענדיגע איבערפאלען אויף די נידער־שאָטישע פלאַכלענדער, האָבען די קלאַן־הויפטלייט בשום אופן ניט אויפגעגעבען זייער אלטע מלאכה פון רויבעריי; זיי האָבען נאָר געענדערט די פאָרם. אויף זייער אייגענער אויטאָריטעט האָבען זיי פערוואנדעלט זייער טיטולארען אייגענטום־רעכט אין א פריוואט־אייגענטום־רעכט, און אזוי ווי די קלאַן־לייט, ועמעס בלוט זיי האָבען איצט מעהר ניט גענויטיגט פערגיסען, האָבען זיך געשטעלט אנטקעגען זייער שטרעבונג רייך צו ווערן, האָבען זיי בעשלאָסען צו פערטרייבען די דאָזיגע קלאַן־לייט מיט אָפענער געוואלט. „א קיניג פון שאָטלאנד וואָלט מיט דעמזעלביגען רעכט געקאָנט בעשליסען צו פעריאָגען אלע זיינע אונטערטאנען אין ים,‟ זאָגט פראָפעסאָר ניומאַן.[213] אָט די רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך אָנגעפאנגען אין שאָטלאנד נאָך דעם לעצטען אויפשטאנד פון דעם פרעטענדענט, קאָן מען נאָכפאָלגען אין איהרע ערשטע פאזען ביי סער דזשיימס סטואַרט[214] און דזשיימס אנדערסאָן.[215] פון סטואַרט'ן דערוויסען מיר זיך, אז אין יענער צייט, אין דעם לעצטען דריטעל פון 18טען יאָהרהונדערט, האָט דאָס שאָטישע הויך־לאנד פאָרגעשטעלט מיט זיך אין א קליינעם מאָסשטאב א בילד פון דעם צושטאנד, אין וועלכען איירָאָפּא האָט זיך געפונען מיט 400 יאָהר פריהער. ווען מען האָט אָנגעהויבען אין סטואַרט'ס צייט צו פערטרייבען די געלס פון'ם באָדען, האָט מען זיי פערבאָטען אין דערזעלביגער צייט אויסצו־וואנדערן, כדי זיי טרייבען איבער געוואלט נאָך גלאזגאָו און אנדערע פאבריק־שטעדט.[216]

[213] F. W. Newman, "Lectures on Political Economy." London 1851, p. 132

[214] סטואַרט זאָגט: „די רענטע פון די דאָזיגע לענדער (ער געברויכט על פי טעות די עקאנאָמישע קאטעגאָריע פון גרונד־רענטע אויף דעם טריבוט, וואָס די ערד־ארבייטער (tacksmen) האָבען געצאָהלט די קלאַן־הויפטלייט) איז דורכאויס אונבעדייטענד אין פערגלייך מיט זייער אומפאנג; ווען מען פערגלייכט אָבער די צאָהל מענשען, וואָס א פארם האַלט אויס, קאָן מען געפינען, אז איין שטיק באָדען אין די הויך לענדער פון שאָטלאנד דערנעהרט צעהן מאָל מעהר מענשען איידער א לאנד פון דעמזעלביגען ווערטה אין די רייכסטע פראָווינצען.‟ Works etc. Edited by his son, General Sir James Steuart, London 1801, Vol. I, ch. 16, p. 204.

[215] James Anderson, "Observations on the means of exciting a spirit of National Industry etc." Edinburgh 1771.

[216] אין יאָהר 1860 זיינען די על פי געוואלט עקספּראָפּריאירטע עקס־

1801 און 1831 און איז פּאַרלאַמענטאַריש אָוועקגעשענקט גע־וואָרן דורך די לענדלאָרדס צו די לענדלאָרדס?

דער לעצטער גרויסער פּראָצעס פון עקספּראָפּריאַציע, דורך וועלכען מען האָט אָוועקגענומען דעם גרונד און באָדען פון דעם אַקער־פּויער איז ענדליך די אַזוי־גערופענע Cl aring of Estates (אָבריינינונג פון די גיטער, אין דער ווירקליכקייט: דאָס אויס־רוימען די מענשען פון די גיטער). אַלע ביזאהער בעטראַכטע ענגלישע מעטאָדען האָבען געפונען זייער הויך־פּונקט אין דער דאָ־זיגער „אָבריינינונג." ווי מיר האָבען געזעהן אין דעם פריגען אָבטייל, בעת מיר האָבען געשילדערט דעם מאָדערנעם צושטאַנד, געהט אָן איצטער, ווען עס זיינען שוין מעהר ניטאָ קיין אונאָב־הענגיקע פּויערים אָבצורוימען, אָן „אָבריינינונג" פון די קאָטע־דזשעס, אַזוי אַז די אַקער־ארבייטער האָבען אפילו אויף דעם באָ־דען, וואָס זיי בעאַרבייטען, שוין מעהר ניט קיין פּלאַץ וואו צו וואוינען. וואָס אָבער די „קלירינג אָוו עסטייטס" בעטייט אין דעם אייגענטליכען זין, דאָס דערוויסען מיר זיך נאָר אין דעם געלויבטען לאַנד פון דער מאָדערנער ראָמאַן־ליטעראַטור, די הויך־לענדער פון שאָטלאַנד. דאָרט צייכענט זיך אויס דער פּראָצעס דורך זיין סיסטעמאַטישען כאַראַקטער, דורך דער גרויס פון דעם מאַסשטאַב, אויף וועלכען ער ווערט דורכגעפיהרט מיט איין קלאַפּ (אין אירלאַנד זיינען די לענדלאָרדס געגאַנגען אַזוי ווייט ווי אָב־רוימען עטליכע דערפער מיט איין מאָל; אין שאָטלאַנד האַנדעלט זיך וועגען שטרעקען לאַנד, וואָס זיינען אַזוי גרויס ווי דייטשע הער־צאָגטימער) — און ענדליך דורך דער בעזונדערער פאָרם פון דעם אָוועקגערויבטען גרונד־אייגענטום.

די קעלטען פון הויך־שאָטלאַנד זיינען בעשטאַנען פון קלאַ־נען [שבטים אָדער משפחות] און יעדער קלאַן איז געוועזען דער איי־גענטימער פון דעם באָדען, אויף וועלכען ער איז געזעסען. דער פערטרעטער פון דעם קלאַן, דער הויפּטמאַן אָדער „גרויסער מאַן" איז נאָר געוועזען דער טיטולארער אייגענטימער פון דעם דאָזיגען באָדען, פּונקט ווי די קעניגין פון ענגלאַנד איז די טיטולארע איי־גענטימערין פון דעם גאַנצען נאַציאָנאַלען באָדען. ווען עס האָט געלונגען דער ענגלישער רעגירונג צו אונטערדריקען די מלחמות, וואָס די דאָזיגע „גרויסע מענער" האָבען אָנגעפיהרט צווישען זיך,

ביז 1820 זיינען די דאָזיגע 15,000 איינוואוינער, אומגעפעהר 3000 פאַמיליען, סיסטעמאַטיש פעריאָגט און אויסגעראָט געוואָרן. אַלע איהרע דערפער זיינען צערשטערט און פערברענט געוואָרן, אַלע איהרע פעלדער זיינען פערוואַנדעלט געוואָרן אין לאָנקעס. בריטישע סאָלדאַטען זיינען קאָמאַנדירט געוואָרן פאַר אַט דער עקזעקוציע, און עס איז געקומען צו געשלעג מיט די איינוואוינער. אַן אַלטע פרוי איז פערברענט געוואָרן אין די פלאַמען פון איהר שטיבעל, וואָס איז אונטערגעצונדען געוואָרן, ווייל זי האָט זיך ענטזאָגט אוועקצוגעהן. אָט אַזוי האָט זיך די דאָזיגע מאַדאַם אָנגעאייגענט 794,000 אַקער לאַנד, וועלכע האָבען פון אייביג אָן געהערט צו דעם קלאַן. פאַר די פערטריבענע איינוואוינער האָט זי אָבגעלעגט אומגעפעהר 6000 אַקער ביים ברעג ים, 2 אַקער פאַר אַ פאַמיליע. די דאָזיגע 6000 אַקער זיינען ביז דאַנען געלעגען וויסט און האָבען קיין הכנסה ניט אריינגעבראַכט די אייגענטימער. די הערצאָגין איז אין איהר גוט האַרץ געגאַנגען אַזוי ווייט צו פערדינגען דאָס דאָזיגע לאַנד פאַר אַ רענטע פון דורכשניטליך 2 שילינג 6 פענס צו די קלאַן־לייט, וועלכע האָבען זינט הונדערטע יאָהרען פערגאָסען זייער בלוט פאַר איהר פאַמיליע. זי האָט איינגעטיילט דאָס גאַנצע אוועקגערויבטע קלאַן־לאַנד אין 29 גרויסע שעפּסען־פאַרמס, יעדע פאַרם בעוואוינט פון אַן איינציגער פאַמיליע, דאָס רוב פון ענגלישע פאַרמקנעכט. אין יאָהר 1825 זיינען די 15,000 גאַלען שוין פערביטען געוואָרן אויף 131,000 שעפּסען. דער טייל איינגעבוירענע, וואָס איז מגולגל געוואָרן אויפ׳ן ים־ברעג, האָט געזוכט צו לעבען פון פאַנגען פיש. זיי זיינען געוואָרן אַמפיביען און האָבען געלעבט, ווי אַן ענגלישער שרייבער האָט געזאָגט, האַלב אויף דער יבשה און האַלב אויפ׳ן וואַסער און פון ביידען צוזאַמען נאָר האַלב געלעבט.[218]

---

[218] ווען די איצטיגע הערצאָגין פון סאַטערלאַנד האָט אויפגענומען אין לאָנדאָן מיט גרויס פּאַראַד די פרוי ביטשער סטאָוו, די פערפאַסערין פון „אַנקעל טאָם׳ס קעבין”, כדי ארויסצו־ווייזען איהר סימפּאַטיע פאַר די נעגערשקלאַווען פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק — אַ סימפּאַטיע, וואָס זי און איהרע אַנדערע אַריסטאָקראַטקעס האָבען פאַרזיכטיג אונטערדריקט אין דער צייט פון בירגער־קריג, ווען יעדעס „נאָבעל” ענגליש האַרץ האָט געקלאַפּט

אַלס ביישפּיעל פון דער מעטאָדע, וואָס האָט געהערשט אין דעם 19טען י. ה.,[217] וועט דאַ זיין גענוג די „אַברייניגונג", וואָס די הערצאָגין פון סוטהערלאַנד האָט דורכגעפיהרט. אָט די עקאָנאָמיש געלעהרטע פּערזאָן האָט בעשלאָסען גלייך אין אָנהויב פון איהר רעגירונג פּאָרצונעהמען אַ עקאָנאָמישע ראַדיקאַלע קוראַציע און צו פערוואַנדלען די גאַנצע גראַפשאַפט, וועלכע איז שוין דורך פריהערדיגע עהנליכע פּראָצעסען רעדוצירט געוואָרען צו אַן איינוואוינערשאַפט פון 15,000, אין אַ שעפּסען־וועג. פון 1814

פּארטירט געווארן נאך קאנאדא אונטער פאלשע פערשפּרעכונגען. אייניגע זיינען אנטלאפען אין די בערג און אין די ארומיגע אינזלען. זיי זיינען פערפאלגט געווארן פון פּאליציסטען, האבען זיך געשלאגען מיט זיי און זיינען אנטרונען געווארן.

[217] „אין די הײך־לענדער פון שאטלאנד", זאגט בוקאנאן, דער קאמענטאטאר פון אדאם סמיטה, 1814, „ווערט דער אלטער אייגענטום־צושטאנד יעדען טאג אומגעווארפען. . . . דער לענדלארד, אהן שום איינזעהעניש מיט דעם ארענדאטאר בירושה (אויך א קאטעגאריע, וואס איז דא פאלש אנגעווענדעט) באט אן זיין לאנד צו דעם העכסטען פּרייז־געבער, און אויב יענער איז א פערבעסערער (improver), פיהרט ער דירעקט איין א נייעם סיסטעם פון קולטיווירונג. דער באדען, וואס איז פריהער געווען בעזעצט מיט קליינע פּויערים, איז געווען בעפעלקערט לפי ערך פון די פּראדוקטען, וואס ער האט ארויסגעגעבען; אונטער דעם נייען סיסטעם פון פערבעסערטער קולטיווירונג און העכערע רענטען, ווערט ארויסגעקריגען דער העכסט מעגליכער פּראדוקט מיט די קלענסטע מעגליכע קאסטען, און צו דעם צוועק ווערן בעזייטיגט די הענד, וועלכע זיינען איצט געווארן נוצלאז. . . . די, וואס זיינען ארויסגעווארפען געווארן פון זייער היים־לאנד, זוכען צו פערדיענען אויף א לעבען אין די פאבריק־שטעדט א. אז. וו." David Buchanan, "Obrservation on Adam Smith's 'Wealth of Nations,'" Edinburgh 1814, Vol. IV, p. 144. „די שאטישע גרויסע העררען האבען אויסגעריסען פאמיליען ווי מען רייסט אוים ווילדע קרייטיכער, זיי האבען בעהאנדעלט דערפער און זייער בעפעלקערונג, ווי אינדיאנער בעהאנדלען אין זייער ראכע די העהלען פון ווילדע חיות. . . . א מענש ווערט פערשאכערט פאר דעם וואל פון א שעפּס אדער פאר דעם פגר פון א לאהם און אפילו פאר נאך ווענינער. . . . ווען די מאנגאלען זיינען איבערגעפאלען די צפון־פּראווינצען פון כינא, האבען זיי פארגעשלאגען אויף זייער ראטה אויסצוראטען אלע איינוואוינער און פערוואנדלען זייער לאנד אין פּוטער־פעלדער. אט אזא פארשלאג האבען פיעלע הויך־שאטישע לענדלארדס אויסגעפיהרט אין זייער אייגענעם לאנד אנטקעגען זייערע אייגענע לאנדסלייט." George Ensor, "An Inquiry concerning the Population of Nations," London 1818, p. 215, 216.

פעלזען פון אָבאַן, האָט איהר איצטער א גאַנצע ליניע פון וועל־דער; בעת אין אַנדערע טיילען פון די הויכלענדער געפינען זיך די נייע וועלדער פון לאָך אַרכייג, גלענגארי, גלענמאריסטאָן א. אז. וו. . . . די פּרעוואַנדלונג פון זייער לאַנד אין שעפּסען־פּעל־דער האָט פּערטריבען די גאַלען אויף אן אונפּרוכטבאַרן באָדען. איצטער פּערנעהמען הירשען דעם פּלאַץ פון די שעפּסען און יענע וועלען פּערטריבען ווערן אויף נאָך א וויסטערן באָדען און אין נאָך א טרויעריגערן עלענד. . . . די הירשען־וועלדער און דאָס פּאָלק קאָנען ניט עקזיסטירן איינע נעבען די אַנדערע. איינס אָדער דאָס אַנדערע מוז אָבטרעטען דאָס פּלאַץ. לאָזט די גע־יעגען וואַקסען אין צאָהל און אומפּאַנג אין דעם נעקסטען פּערטעל יאָהרהונדערט ווי אין דעם פּערגאַנגענעם און איהר וועט מעהר ניט געפינען קיין גאַלען אויף זייער היימישער ערד. אָט די בע־וועגונג צווישען די הויכלאַנד־אייגענטימער איז ביי אייניגע א זאַך פון אמביציע, א מעשה פון ספּאָרט א. אז. וו.; אַנדערע אָבער, די מעהר פּראַקטישע, פּיהרן אָן דעם האַנדעל אין הירשען אויס־שליסליך מיט א קוק אויף דעם פּראָפּיט, וואָס שטעקט אין דעם. וואָרים עס איז א פּאַקט, אַז א שטיק בארג־לאַנד, וואָס איז אויס־געלעגט פּאר׳ן געיעג, איז אין א סך פּאַלען גאָר קיין פּערגלייך ניט מעהר פּראָפּיטליך איידער פון שעפּסען־פּעלדער. . . . דער ספּאָרט־מאַן, וואָס זוכט א געיעג־וואַלד, שטעלט זיך ניט אָב פּאר קיין פּרייז און דער איינציגער גרעניץ איז די גרויס פון זיין געלד־בייטעל. . . . די ליידען, וואָס זיינען אויסגעטיילט געוואָרן צו די הויכלענדער, זיינען ניט ווייניגער גרויזאַם איידער די ליידען, וואָס די פּאָליטיק פון די נאָרמאַנישע קיניגען האָט געבראַכט אויף ענגלאַנד. די הירשען האָבען געקריגען גרעסערע שפּיעלרוימען, בעת די מענשען זיינען פּערטריבען געוואָרן אין א ענגען און וואָס ווייטער אַלץ אַן ענגערן קרייז. . . . איין פּרייהייט נאָך דער אַנדערער איז אוועקגערויבט געוואָרן פון׳ם פּאָלק. . . . און די אונטערדריקונג וואַקסט נאָך מיט יעדען טאָג. די אָבריינינונג א. פּעריאָגונג פון פּאָלק ווערט בעטריבען פון די אייגענטימער ווי א פּעסטער פּרינציפּ, ווי אַן אגריקולטור נויטווענדיגקייט, פּונקט ווי בוימער און ווילד־געוויקס ווערן אויסגעהאַקט אין די ווילדערנישען פון אמעריקא און אויסטראַליע; און אָט אזוי געהט

די בראַוונע גאַלען אָבער האָבען נאָך שווערער געמוזט אָב־קומען פאַר זייער בערג־ראָמאַנטישער פערעהרונג פון די „גרויסע מענער" פון דעם קלאַן. דער גערוך פון זייערע פיש איז אריין אין נאָז פון די גרויסע מענער. זיי האָבען דערשמעקט אין דעם א געוויסען פראָפיט און האָבען פערדונגען דעם ים־ברעג צו די לאָנדאָנער גרויסע פיש־הענדלער. די גאַלען זיינען א צווייטען מאָל פערטריבען געוואָרן.[219]

ענדליך אָבער ווערט א טייל פון די שעפּסען־פעלדער פער־וואַנדעלט אין געיעג־פּלעצער. מען ווייס, אז אין ענגלאַנד זיי־נען קיין ריכטיגע וועלדער ניטאָ. די ווילדע טיערען אין די פּאַרקס פון די גרויסע שטעדט זיינען רוהיגע הויז־פיה, פעט ווי לאָנדאָנער אָלדערמען. שאָטלאַנד איז דעריבער דער לעצטער מקום מקלט פאַר דער „נאָבעלער ליידענשאַפט."

„א׳ן די הויכלענדער," זאָגט סאָמערס אין יאָהר 1848, „וואַקסען א׳ים וועלדער ווי שוועמלעך*[219] דאָ אויף איין זייט פון גייק האָט איהר דעם נייען וואַלד פון גלענפעשיע און דאָרט אויף דער אנדער זייט, דעם נייען וואַלד פון אַרדווערקיע. אין דערזעלביגער ליניע האָט איהר דעם „בלעק־מאַונט", אַן אונגע־הויערע וויסטעניש, אויך ניט לאַנג צוריק איינגעפיהרט. פון מזרח צו מערב, פון דער נאַכבאַרשאַפט פון אַבערדין ביז צו די

פאַר די שקלאַווען־האַלטער — האָב איך אין דער „ניו יאָרק טריביון" געגע־בען די פאַקטען וועגען די סאַטערלאַנד שקלאַווען. (ערטערווייז בענוצט פון קאַרעי אין „דהי סלייוו טרייד," לאָנדאָן 1853, ז. 202, 203.) מיין אַר־טיקעל איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין א שאָטלענדישער צייטונג און האָט ארויסגערופען א שעהנע פּאָלעמיק צווישען דער דאָזינער צייטונג און די אונ־טערלעקער פון די סאַטערלאַנדס.

[219] אינטערעסאַנטעס וועגען אַט דעם פיש־האַנדעל געפינט מען ביי דאַוויד אורקהאַרט: „פּאָרטפּאָליא, נייע סעריע." נאַססאַו וו. סעניאָר, אין זיין נאָכ׳ן טויט ארויסגעגעבענעם ווערק, וואָס מיר האָבען אויבען ציטירט: „דזשורנאַלס, קאָנווערזיישאָנס, עססעיס עטצ.", לאָנדאָן 1868, בעצייכענט „די פּראָצעדור אין סאַטהערלאַנדשיר אַלס איינע פון די וואוילטהעטיגסטע „אַבריינינגונגען" (קלירינגס) זינט מענשעס געדענקען."

*[219] די „דיר פאָרעסטס" (הירשען־וועלדער) פון שאָטלאַנד ענטהאַלטען ניט קיין איינציגען בוים. מען טרייבט אַוועק די שעפּסען און טרייבט ארויף די הירשען אויף די נאַקעטע בערג און מען רופט עס אַן א „דיר פאָרעסט." אלזאָ, אפילו ניט קיין וואַלד־קולטיווירונג!

טום, די אוזורפאציע און מיט אונדערבארעמליכסטען טעראָריזם דורכגעפיהרטע פערוואנדלונג פון דעם פעאָדאלען־ און קלאן־אייגענטום און דעם מאָדערנעם פריוואט־אייגענטום — דאָס זיינען

פארטאג, נאר כדי אבצוטאן די ארבייט, וואס ער מוז. אין ווינטער וואלט ער אייגענטליך געדארפט מעהר רוהען, כדי אנצוזאמלען כחות אויף שפעטער; אבער עס וואלט איהם ניט נעבליבען קיין תבואה אויף ברויט און אויף זריעה, ווען ער וואלט געמוזט פערקויפען די תבואה, כדי צו קריגען געלד מיט וואס צו צאהלען זיינע שטייערן. כדי צו פערשטעקען אט די לאך, מוז ער דעריבער שפינען . . . און ער מוז דערביי אנשטרענגען אלע זיינע כחות. אט אזוי געהט דער פויער אום ווינטער צו בעט ערשט ארום האלבע נאכט אדער אום 1 אוהר און שטעהט אויף אום 5 אדער 6, אדער ער לעגט זיך אום 9 אוהר און הויבט זיך אויף אום 2 אוהר, און דאס געהט אזוי אן אלע טאג פון זיין לעבען א חוץ זונטאגס. דאס וועניג שלאפען און צופיעל ארבייטען גראבט אונטער דעם מענשען׳ס געזונט, און דערפון נעהמט זיך דאס, וואס די מענער און פרויען אין דארף עלטערן זיך א סך פריהער איידער אין שטאדט.״ (מיראבא, „וועגען דער פרייסישער מאנארכיע,״ לאנדאן 1788, ב. III. ז. 212. פראנצויזיש.)

הוספה צו דער צווייטער אויסגאבע. — אין אפריל 1866, 18 יאהר נאך דער פערעפענטליכונג פון ראבערט סאמערס׳ אויבען ציטירטען ווערק, האט פראפעסאר לעאן לעווי געהאלטען א פארטראג אין דער „סאסייעטי אוו ארטס״ וועגען דער פערוואנדלונג פון שעפסען־פעלדער אין הירשען־וועלדער, אין וועלכען ער שילדערט דעם פארטשריט פון דער פערוויסטונג אין די שאטישע הויכלענדער. ער זאגט צווישען אנדערעס: ענטפעלקערונג און פערוואנדלונג אין בלויזע שעפסען־פעלדער האבען געגעבען דעם בעקוועמסטען מיטעל צו קריגען א הכנסה אהן אן אויסלעג. . . . אויף דעם ארט פון די שעפסען־פעלדער איז דער הירשען־וואלד געווארן דער געוועהנליכער איבערבייט אין די האכלענדער. די שעפסען ווערן פערטריבען דורך ווילדע חיות, פונקט ווי מען האט פריהער פערטריבען די מענשען, כדי צו מאכען פלאץ פאר די שעפסען. . . . מען קאן מארשירן פון די ניטער פון דעם גראף פון דאלהויז עאין פארפארשיר ביז צו דזשאהן א׳גראאטס און מעהר גארנישט זעהן ווי וואלד־לאנד. — אין א סך (פון די דאזיגע וועלדער) זיינען דער פוקס, די ווילדע קאץ, דער מארדער, דער אילטיס, דער וויעזעל, דער אלפען־האז געוועהנליכע איינוואוינער, און אין דער לעצטער צייט האט דער קראליק, די וועווערקע און דער ראץ זיך אויף אריבערגעקליבען אהין. אונגעהויערע שטרעקען לאנד, וועלכע האבען פיגורירט אין דער סטאטיסטיק פון שאטלאנד אלס אויסנאהמווייז גרויסע און פרוכטבארע פיטער־פעלדער, זיינען איצט אויסגעשלאסען פון יעדער קולטיווירונג און פערבעסערונג און געווידמעט אינגאנצען דעם געיעג־פערגעניגען פון עטליכע פערזאנען פאר א קורצער צייט פון יאהר.״

דער „לאנדאן עקאנאמיסט״ פון 2טען יוני 1866, זאגט: „א שאטלענדיש

זיך אן די אפעראציע אין איהר רוהיגען, געשעפטמעסיגען גאנג."[220]
דער רויב פון די קירכען־גיטער, די בעטריגערישע פערנעה־מונג פון די שטאאט־גיטער, די גניבה פון דעם געמיינדע־אייגענ־

---

[220] ראבערט סאמערס: "Letters from the Highlands: or the Famine of 1847," London 1848, 12, 28. די דאזיגע בריעף זיינען צוערשט ערשיענען אין דער „טיימז". די ענגלישע עקאנאמען האבען נאטירליך דערקלערט די הונגער־נויט פון די גאלען אין 1847 אלס א פאל־גע פון זייער — איבערבעפעלקערונג. יעדענפאלס האבען זיי גע־דריקט אויף דעם פונקט פון זייערע נאהרונגס־מיטלען. — דאס „קלירינג אוו עסטייטס", אדער ווי עס האט געהייסען אין דייטשלאנד „באורענלעגען", איז פארגעקומען אין דייטשלאנד ספעציעל נאך דעם דרייסיג־יעהריגען קריעג, און האט נאך אין 1790 ארויסגערופען בויערן־אויפשטאנדען אין קורזאקסען. אי־בערהויפט האט עס געהערשט אין מזרח־דייטשלאנד. אין די מעהרסטע פריי־סישע פראווינצען האט ערשט פרידריך דער צווייטער גענזיכערט די פויערים זייער אייגענטום־רעכט. נאך דער ערא‏בערונג פון שלעזיען האט ער געצוואונ־גען די גרונד־הערען וויעדער אויפצובויען די פויערשע הייזער, די שפייכ־לערס א. אז. וו. און אויסצושטאטען די פויערשע גיטער מיט פיה און ארבייט־:עצייג. ער האט געדארפט האבען סאלדאטען פאר זיינע ארמעען און שטייערן־צאהלער פאר זיין שטאאט־קאסע. איבעריגענס וואס פאר אן אנגענעהם לעבען דער פויער האט געפיהרט אונטער פרידריך'ס פינאנץ־סיסטעם און רעגירונג־מישמאש פון דעספאטיזם, ביוראקראטיע און פעאדאליזם, קאן מען זעהן פון דער פאלגענדער שטעל פון זיין בעוואונדערער מיראבא: — „דער פלאקס מאכט אויס איינעם פון די גרעסטע רייכטימער פון דעם לאנדווירט אין נארד־דייטשלאנד. צום אונגליק אבער פאר דעם מענשליכען מין גיט עס נאר א מיטעל זיך צו בעווארענען פון דעם עקסטרעמסטען עלענד און ניט קיין קוואל פון וואוילשטאנד. די דירעקטע שטייערן, די הויף־דיענסטען, די פאנשטשיזנע־ארבייט פון אלערליי סארטען דערדריקען דעם דייטשען פויער, וועלכער מוז נאך א חוץ דעם אלעם צאהלען אינדירעקטע שטייערן פאר אלץ וואס ער קויפט... און כדי איהם איננאנצען צו דערשלאגען, טאר ער נאך ניט וואגען צו פערקוי־פען זיינע פראדוקטען וואו און ווי ער וואלט געקאנט. ער וואגט אויך ניט צו קויפען וואס ער בעדארף ביי דעם סוחר, וועלכער וואלט איהם געליפערט די סחורות פאר א ביליגערן פרייז. אט די אלע אורזאכען רואינערן איהם אונ־בעמערקליך, און ער וואלט ניט געווען אימשטאנד צו צאהלען זיינע שטייערן פינקטליך אין צייט, ווען ער וואלט ניט געהאט די שפינערריי; זי גיט איהם א מיטעל אויסצוקומען, דורכדעם וואס זי בעשעפטיגט אויף א ניצליכען אופן זיין ווייב, זיינע קינדער, זיין געזינד, זיינע קנעכט און איהם אליין. אבער וואס פאר א קמצנישען לעבען, שוין אפילו מיט אט דעם הילף־מיטעל! זומער ארבייט ער ווי א פערקויפטער שקלאוו ביים אקערן און ביים אריינגעהמען פון פעלד. ער ענדיגט ארבייטען 9 אוהר ביי נאכט און שטעהט אויף 2 אוהר

אויפלעזונג פון די באַנדעס פעאָדאַלע דיענער און דורך דער גע־וואַלטזאַמער עקספּראָפּריאַציע פון די פערטריבענע פון גרונד און באָדען, אָט דער פויגעל־פרייער פּראָלעטאַריאַט האָט בשום אופן ניט געקאָנט אַריינגעזויגט ווערן פון די פריש־אויפקומענדע מאַנופאַק־טורען אזוי שנעל ווי זיי זיינען אַרויסגעוואָרפען געוואָרן אין דער וועלט אַריין. פון דער אַנדער זייט האָבען אָט די מענשען, וואָס זיינען פּלוצלונג אַרויסגעשליידערט געוואָרן פון זייערע צוגעוועהנ־טע לעבענס דרכים, זיך ניט געקאָנט פונקט אזוי פּלוצלונג צופּאַ־סען צו דער דיסציפּלין פון דעם נייעם צושטאַנד. זיי זיינען מאַסענהאַפט פערוואַנדעלט געוואָרן אין בעטלער, רויבער, וואַגאַ־בונדען — טיילווייז אויס נייגונג, אָבער אין די מעהרסטע פאַלען דורך דעם צוואַנג פון די אומשטענדען. דעריבער געפינען מיר סוף־15טען און דורך דעם גאַנצען 16טען י. ה. אַ בלוטיגע געזעצ־געבונג אין גאַנץ מערב־אייראָפּאַ אַנטקעגען וואַגאַבונדאַזש. די פּאָטערס פון דעם איצטיגען אַרבייטער־קלאַס זיינען נאָך בע־שטראָפט געוואָרן פאַר זייער אַרויפגעצוואונגענער פערוואַנדלונג אין וואַגאַבונדען און פּאָופּערס. די געזעצגעבונג האָט זיי בעהאַנ־דעלט אַלס „פרייוויליגע" פערברעכער און האָט אָנגענומען, אַז עס העננגט אָב פון זייער גוטען ווילען פּאָרטצוזעצען זייער אַרבייט אונטער די אַלטע אומשטענדען, וועלכע עקזיסטירן ניט מעהר.

אין ענגלאַנד האָט די דאָזיגע געזעצגעבונג זיך אָנגעפאַנגען אונטער העינרי דעם זיבעטען.

העינרי VIII, 1530 : אַלטע און אַרבייטס־אונפעהיגע בעטלער קריגען אַן ערלויבניש צו בעטלען. פערקעהרט, שמיץ און טורמע פאַר קרעפטיגע וואַגאַבונדען. זיי זאָלען צוגעבונדען ווערן צום הינטען פון אַ וואָגען און מען זאָל זיי שמייסען ביז בלוט גיסט זיך פון קערפּער, דערנאָך מוזען זיי שווערן, אַז זיי וועלען זיך אומ־קעהרן צו זייער געבורט־פּלאַץ, אָדער דאָרט וואו זיי האָבען גע־וואוינט די לעצטע דריי יאָהר, און „וועלען זיך שטעלען אַרבייטען." וואָס פאַר אַ גרויזאַמע איראָניע! אין די געזעצען 27 העינרי VIII ווערט דאָס פריהערדיגע געזעץ ווידערהאָלט און נאָך פערשאַרפט דורך אַ נייעם צוזאַץ. ווערט איינער אַרעסטירט צום צווייטען מאָל פאַר וואַגאַבונדאַזש, זאָל מען איהם נאָך אַמאָל שמייסען און דערצו אָב־שניידען אַ האַלבען אויער; ביים דריטען מאָל אָבער דאַרף דער

אַלץ געווען אַזוינע אידילישע מעטאָדען פון דער אורשפּרינגליכער אַקומולאַציע. זיי האָבען עראָבערט דאָס פעלד פאַר דער קאַפּי־טאַליסטישער אַגריקולטור, האָבען פערקערפּערט דעם גרונד און באָדען אין קאַפּיטאַל און האָבען געשאַפען פאַר דער שטאָדטישער אינדוסטריע דעם נויטיגען צושטעל פון אַ פויגעל־פרייען פּראָלע־טאַריאַט.

3. בלוטיגע געזעצגעבונג אַנטקעגען די עקספּראָפּריאירטע זינט דעם סוף פון 15טען יאָהרהונדערט.—געזעצען ארונטערצודריקען דעם אַרבייט־לוין.

דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז געשאַפען געוואָרן דורך דער

בלאַט האָט בעריכטעט לעצטע וואָך צווישען אַנדערע נייעס ווי פאָלגט: „איי־נע פון די בעסטע שעפּסען־פאַרמס אין סאַטהערלאַנדשיר, פאַר וועלכער מע־האָט געבאָטען אַנומעלט, ווען עס איז אויסגעגאַנגען דער אַלטער אַרענדע־קאָנטראַקט, אַ יעהרליכע רענטע פון 1200 פונט סט., ווערט איצט פערוואַנדעלט אין אַ הירשען־וואַלד!” דאַ ווירקען דיזעלביגע פעאָדאַלע אינסטינקטען . . ווי אין דער צייט, ווען דער נאָרמאַנישער עראָבערער . . . האָט צערשטערט 36 דערפער, כדי צו שאַפען דעם „נייען וואַלד”. . . . צוויי מיליאָן אַקער, וועלכע נעהמען אַריין איינינע פון שאָטלאַנד׳ס פּרוכטבאַרסטע לענדערייען, זיי־נען גאָר איינגאַנצען חרב געוואָרן. דאָס נאַטירליכע גראָז פון גלען טילט האָט זיך גערעכענט פאַר די נאַהרהאַפטעסטע אין דער גראַפשאַפט פּערטה; דער „דיר פאָרעסט” פון בען אולדער איז געווען דער בעסטער גראָז־גרונד אין דעם ווייטען דיסטריקט פון באַדענאָק; איין טייל פון דעם „בלעק מאונט פאָרעסט” איז געווען דאָס טייערסטע שאָטישע פוטער־לאַנד פאַר די שוואַרץ־געזיכטיגע שעפּסען. ווענען דער שטרעקע פון דעם וויסט־געלעטען גרונד און באָדען פאַר דעם געיעג־ספּאָר קאָן מען זיך מאַכען אַ בעגריף פון דעם פאַקט, וואָס ער פאַכט אום אַ פיעל גרעסערן שטח איידער די גאַנצע פּערטה גראַפ־שאַפט. מען קאָן אָבשאַצען דעם פערלוסט פון לאַנד פאַר פּראָדוקציאָנס־קוועלע; אַלס פאָלגע פון אַט דער געוואַלטזאַמער פערוויסטונג דערפון, וואָס דער באָדען פון׳ם בען אולדער פאָרעסט האָט געקאָנט דערנעהרן 15,000 שעפּסען, און ער בעטרעפט נאָר אַ דרייסיגסטעל פון דעם גאַנצען געיעג־רעזערוו פון שאָטלאַנד. . . . דאָס גאַנצע געיעג־לאַנד איז דורכאויס אונפּראָדוקטיוו . . . עס וואָלט פּונקט אַזוי גוט געקאָנט פערזונקען ווערן אין די פלוסען פון דעם נאָרד־ים. די שטאַר־קע האַנד פון דער געזעצגעבונג האָט געדאַרפט מאַכען אַ סוף פון אַזוינע לויט קאַפּריז געשאַפענע וויסטענישען אָדער מדבריות.”

ארויפלעגען אן אייזערנעם רינג ארום האלז, ארימס אדער פיס פון זיין שקלאוו, כדי איהם צו דערקענען און זיין זיכער מיט איהם.[221] דער לעצטער טייל פון אט דעם געזעץ פערזארגט, אז געוויסע ארימע לייט קאנען בעשעפטיגט ווערן פון דעם ארט אדער פון די פערזאנען, וועלכע ווילען זיי געבען עסען און טרינקען און געפינען פאר זיי ארבייט. אט דער סארט געמיינדע־שקלאווען האט אנגעהאלטען אין ענגלאנד ביז טיעף אין 19טען י. ה. אריין אונטער דעם נאמען Roundsmen (אומגעהער).

עליזאבעטה, 1572: בעטלער אהן אן ערלויבניש־שיין און אריבער 14 יאהר אלט זאלען קריגען שווערע שמיץ און געבראנדמארקט ווערן אויפ'ן לינקען אויער, אויב קיינער וויל זיי ניט נעהמען אין דיענסט אויף צוויי יאהר; ווען זיי ווידערהאלען דאס פערברעכען און זיינען איבער 18 יאהר אלט, זאלען זיי הינגעריכט ווערן, אין פאל קיינער וויל זיי ניט נעהמען אויף צוויי יאהר אין דיענסט; ווען זיי טהוען דאס אבער א דריטען מאל, זאלען זיי הינגעריכטען ווערן אהן גנאד, ווי שטאאט־פערברעכער. עהנליכע געזעצען: 18 עליזאבעטה ק. 13 און 1597.[221*]

---

[221] דער פערפאסער פון דער „עססעי אן טרייד עצט.” בעמערקט: „אונטער דער רעגירונג פון עדווארד V האבען די ענגלענדער, ווי עס שיינט זיך ווירקליך אבגעגעבען מיט דער ערמוטיגונג פון די מאנופאקטורען און דער בעשעפטונגג פון די ארימע. מען קאן דאס ארויסזעהן פון א מערקווירדיגען געזעץ, אין וועלכען עס שטעהט, אז אלע וואגאבונדען זאלען געבראנדמארקט ווערן” א. אז. וו. (דארט גופא, ז. 8.)

[221*] טהאמאס מאר זאגט אין זיין אוטאפיא: „אזוי פאסירט עס, אז א גייציגער און ניט־זאט ווערענדער הלעיטני, אז אמת'ע פעסט פאר זיין געבורטסלאנד, כאפט אריין און צוימט ארום טויזענדער אקער לאנד, און שרעקט אזויפיעל אז די פויערים, וואס זיצען אוי דעם דאזיגען לאנד, דורך געוואלט אדער רמאות, אז זיי זיינען נעצוואונגען אלעס אויסצופערקויפען. דורך איין מיטעל אדער אנאנדערן, מעג עס בויגען אדער ברעכען, ווערן זיי געצוואונגען אוועקצוגעהן — ארימע, עלענדע נשמות נעבעך! מענער, ווייבער, יתומים, אלמנות, יאמערענדע מוטערס מיט זייערע זויג־קינדער, מיט זייער גאנצען הויז־האלט, ווענינ מיטלען אבער א סך מיילער, ווארים די ערד־ארבייט פאדערט א סך הענד. זיי שלעפען זיך אוועק, זאג איך, פון זייערע בעקאנטע און געוועהנטע היימען און קאנען ניט געפינען קיין מקום מנוחה. דער פערקויף פון זייער גאנצען האב און גוטס, הגם עס האט ניט קיין גרויסען ווערטה, וואלט פונדעסטוועגען אונטער אנדערע אומשטענדען עפעס געקאנט אריינברענגען, אבער

שולדיגער הינגעריכטעט ווערן ווי א שווערער פערברעכער און א פיינד פון דער געזעלשאפט.

עדווארד V_1 : א געזעץ פון זיין ערשטען רעגירונגס־יאהר, 1547, פעראָרדענט, אז יעדערער וואָס ענטזאָגט זיך צו ארבייטען, זאָל געהערן אלס שקלאַוו צו דעם מענשען, וועלכער האָט איהם גע׳מסר׳ט אלס פוילענצער. דער בעל הבית זאָל דעם שקלאַוו געבען צו עסען ברויט מיט וואסער, שוואכען געטרענק און אזוינע אָבגעוואָרפענע שטיקלעך פלייש, ווי ער האלט פאר רעכט. ער האָט דאָס רעכט איהם צו צווינגען צו טהאָן יעדע ארבייט, ווי עקעלהאפטיג זי זאָל ניט זיין, דורך שמיץ און קעטען. ווען דער שקלאַוו געהט אוועק אויף 14 טעג, איז ער פעראורטיילט צו שקלאַ־ווערייַ אויפ׳ן גאַנצען לעבען און זאָל געבראנדמארקט ווערן אויפ׳ן שטערן אָדער אויפ׳ן רוקען מיט דעם בוכשטאב S ; און אויב ער לויפט אוועק צום דריטען מאָל, זאָל ער הינגעריכטעט ווערן ווי א פערברעכער. דער בעל הבית קאָן איהם פערקויפען, אוועקשענ־קען אָדער פערדינגען ווי א שקלאַוו, פונקט ווי א שטיק בעוועגליך אייגענטום אָדער פיה. אויב די שקלאַוועו מאכען א פערשווערונג אנטקעגען דער הערשאפט, דארפען זיי אויך הינגעריכטעט ווערן. די פריעדען־ריכטער, ווען מען ברענגט פאָר דעם פאַל פאר זיי, מו־זען זעהן צו כאפען די קערלען. ווען מען געפינט אויס, אז א וואַ־גאבונד איז דריי טעג ארומגעגאנגען לעדיג, זאָל מען איהם אוועק־פיהרן אין זיין געבורטס־ארט און אויסברענען מיט א רויט־גליה־ענדען אייזען דעם בוכשטאב V אויף זיין ברוסט, און שטעלען איהם ארבייטען, געשמידט אין קעטען, אויפ׳ן גאַס אָדער ביי אנדערע ארבייט. אויב דער וואגאבונד גיט אָן א פאַלשען געבורטס־אָרט, זאָל ער אלס שטראָף אָבגעגעבען ווערן אלס לעבענסלענגליכער שקלאף אין דעם דאָזיגען אָרט, צו די איינוואוינער אָדער צו קהל, און זאָל געבראנדמארקט ווערן מיט א בוכשטאב S . אַלע פער־זאָנען האָבען דאָס רעכט אוועקצונעהמען די קינדער פון די וואגאַ־בונדען און זיי האלטען אלס לעהרלינגע, די אינגלעך ביז צום 24־טען יאָהר און די מיידלעך ביז צום 20יגסטען יאָהר. אויב זיי לויפען אוועק, זאָלען זיי ביז דעם דאָזיגען עלטער זיין די שקלאַ־ווען פון די לעהר־מייסטערס, וועלכע מעגען זיי שמידען אין קע־טען, שמייסען, א. אז. וו. ווי זיי ווילען. יעדער מייסטער מעג

אָט די פעראָרדנונגען זיינען געבליבען אין קראַפט ביז ד'עם אָנ־פאַנג פון 18טען י. ה. און זיינען ערשט אָבגעשאַפט געוואָרן דורך 12 אַננאַ ק. 23.

ענגלישע געזעצען זיינען געווען אין פראַנקרייך, וואו אַרום דעם מיטען פון 17טען י. ה. איז אויפגעריכט געוואָרן א גאַנצע מלוכה פון וואַגאַבונדען אין פּאַריז. נאָך אין אָנהויב פון לואי דעם 16טען'ס רעגירונג (דאָס געזעץ פון 13טען יולי 1777) האָט יעדער געזונט־געבויטער מענש פון 16 ביז 60 יאָהר, וואָס האָט ניט קיין מיטלען צום לעבען און ארבייט ניט ביי א וועלכער עס איז מלאכה, געזאָלט געשיקט ווערן אויף קאַטאָרגע. דעמזעלביגען כאַראַקטער האָט דאָס געזעץ פון קאַרל V פאַר די נידערלענדער פון אָקטאָבער 1537, דער ערשטער עדיקט פון די שטאַאַטען און שטעדט פון האָלאַנד, דעם 19טען מערץ 1614, דאָס „פּלאַקאַאַט" פון די פעראייניגטע פּראָווינצען פון 25טען יוני 1649 א. אז. וו.

אָט אזוי איז די לאַנד־בעפעלקערונג פריהער מיט געוואַלט עקספּראָפּריאירט געוואָרן פון גרונד און באָדען, פעריאָגט געוואָרן פון זייערע היימען און געמאַכט פאַר וואַגאַבונדען, און דערנאָך געשמיסען, געבראַנדמאַרקט און געמאַטערט דורך משונה'דיגע טע־ראָריסטישע געזעצען אין דער דיסציפּלין אריין, וואָס איז נויטיג פאַר דעם לוין־סיסטעם.

עס איז ניט גענוג, וואָס די ארבייט־בעדינגונגען קאָנצענטרי־רען זיך אויף איין פּאָליוס אַלס קאַפּיטאַל, בעת אויף דעם אַנדער פּאָליוס זיינען מענשען, וועלכע האָבען גאָרנישט צו פערקויפען א חוץ זייער ארבייט־קראַפט. עס איז אויך ניט גענוג, וואָס זיי זיי־נען געצוואונגען זיך פרייוויליג צו פערקויפען. אין כסדר'דיגען גאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן ענטוויקעלט זיך אַן ארבייטער־קלאַס, וועלכער צוליעב זיין ערציהונג, טראַדיציע און געוואוינהייט אַנערקענט די אומשטענדען פון דעם דאָזיגען פּראָ־דוקציאָנס־אופן אַלס זעלבסטפערשטענדליכע נאַטור־געזעצען. די אָרגאַניזאַציע פון דעם ענטוויקעלטען קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוק־ציאָנס־פּראָצעס צעבריכט יעדען ווידערשטאַנד; די שטענדיגע שאַפונג פון א רעלאַטיווער איבערבעפעלקערונג האַלט דאָס גע־זעץ פון נאָכפראַגע און אָנבאָט, און פאָלגליך דעם ארבייט־לוין, אין דעם איינגעפאָהרענעם וועג, וואָס שטימט מיט די פערווער־

דזשיימס 1: יעדער איינער, וואס וואנדעלט ארום און בעט־
טעלט, ווערט דערמיט דערקלערט אלס א מאשעניק און וואגא־
בונד. די פריעדענס־ריכטער (וועלכע בעשטעהן, פערשטעהט זיך,
פון גרונד־בעזיצער, אינדוסטריעלע און גייסטליכע) פון די „פעט־
טי סעשאנס" האבען די פולמאכט זיי עפענטליך צו לאזען שמיי־
סען, און פאר דעם ערשטען פערברעכען פערשפארן אין געפענגעניש
אויף 6 מאנאט, פאר דעם צווייטען — אויף 2 יאהר. אין דער
צייט, וואס זיי זיצען אין טורמע, זאל מען זיי שמייסען אזוי אפט
און אזויפיעל, ווי די ריכטער דענקען אז מען דארף. . . . די אונ־
פערבעסערליכע און געפעהרליכע ארומשלעפער זאלען געבראנד־
מארקט ווערן מיט א בוכשטאב R אויפ'ן לינקען שולטער און
געשטעלט ווערן צו צוואנג־ארבייט, און אויב מען כאפט זיי דער־
נאך ווידער בעטלענדיג, זאלען זיי הינגעריכטעט ווערן אהן גנאד.

אזוי ווי זיי זיינען פלוצלונג ארויסגעשטעלט געווארן אין דרויסען, מוזען זיי
עס אוועקגעבען פאר א שפאט־פרייז. און ווען זיי האבען זיך אזוי לאנג ארומ־
געשלעפט, ביז דער לעצטער גראשען איז שוין פערצעהרט געווארן, וואס קא־
נען זיי אנדערש טהאן ווי גנב'נען, און דאן, ביי גאט, לויט אלע פארמען פון
געזעץ געהאנגען ווערן, אדער זיך נעהמען צום בעטלען? און אויך דאן ווערן
זיי איינגעשפארט אין געפענגניש אלס וואגאבונדען, ווייל זיי שלעפען זיך ארום
און ארבייטען ניט — זיי, וועמען קיין מענש וויל ניט נעהמען צו דער ארבייט,
ווי שטארק זיי זאלען זיך ניט בעטען." פון אט די ארימע נע־ונד'ניקעס, וועל־
גען וועלכע טהאמאס מאר זאגט, אז מען צווינגט זיי צו גנב'נען, „זיינען 72,000
גרויסע און קליינע גנבים הינגעריכטעט געווארן אונטער דער רעגירונג פון
הענרי VIII." (האלינסהעד, „דיסקריפשאן אוו ענגלאנד," באנד 1, ז. 186.)
אין עליזאבעטה'ס צייטען „זיינען די ארומשלעפער רייהענווייז געהאנגען גע־
ווארן, און עס איז געוועהנליך ניט אוועקגעגאנגען א יאהר, אין וועלכען עס
זיינען ניט אומגעקומען אויף דער תליה, אין איין פלאץ אדער אנאנדערן, דריי
אדער פיער הונדערט אזוינע." Strype, "Annals of the Reformation etc. during
Queen Elizabeth,s Happy Reign," 1725, Vol II. לויט דעמזעלבען סטרייפ
זיינען אין סאמערסעטשיר, אין איין איינציגען יאהר 40 פער־
זאן הינגעריכטעט געווארן, 35 געבראנדמארקט, 37 געשמיסען און 183
ארויסגעלאזט אלס „אונפערבעסערליכע וואגאבונדען." פונדעסטוועגען, זאגט אט
דער מענשענפריינד, שליסט אט די גרויסע צאהל אנגעקלאגטע ניט איין אפילו
א פינפטעל פון די ווירקליכע פערברעכער, א דאנק דער נאכלעסיגקייט פון די
פריעדענס־ריכטער און דער נארישער מיטלייד פון פאלק. ער לעגט נאך צו:
די אנדערע גראפשאפטען אין ענגלאנד זיינען ניט געווען אין קיין בעסערער לאגע
ווי סאמערסעטשיר און א סך זיינען נאך אפילו געווען אין אן ערגערער לאגע.

מאָלסט אריינגעגאַנגען אין דעם קאָנזומציאָנס־פאָנד פון דעם אר־בייטער.

די געזעצגעבונג וועגען לוין־ארבייט — וואָס איז פון אָנהויב אָן געווען געציעלט אויף דער עקספּלואטאציע פון דעם ארבייטער, און איז אויך אין איהר ווייטערדיגען גאַנג אַלעמאָל געווען פיינד־ליך[222] — האָט זיך אָנגעהויבען אין ענגלאַנד מיט דעם „סטאַטוט אָוו לייבאָרערס" עדוואַרד III, 1349. צו דעם סטאַטוט פערגלייכט זיך די אָרדאָנאַנץ פון 1350, וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרן אין פראַנקרייך אין נאָמען פון דעם קיניג זשאַהן. די ענגלישע און פראַנצויזישע געזעצגעבונג לויפען פּאַראַלעל איינע צו די אנדערע און שטימען איין אין זייער אינהאַלט. אין דעם ערך ווי די אר־בייטער־געזעצען זוכען צו צווינגען אַ פערלענגערונג פון דעם אר־בייטס־טאָג, וועל איך דאָ ניט בעהאַנדלען, וואָרים דער פונקט איז שוין דערקלערט געוואָרן פריהער (אַכטער קאַפּיטעל, 5.).

דער „סטאַטוט אָוו לייבאָרערס" (ארבייטער־געזעץ) איז ארויסגעגעבען געוואָרן אויף דעם דרינגענדען פערלאַנג פון דעם „האוז אָוו קאָממאָנס." „פריהער," האָט נאַאיוו געזאָגט אַ טאָרי, „האָבען די אָרימע פערלאַנגט אַזאַ הויכען ארבייט־לוין, אַז זיי האָבען געשטעלט אין געפאַהר די אינדוסטריע און דעם רייכטום. איצט איז זייער לוין אַזוי נידעריג, אַז ער שטעלט פונקט אַזויפיעל אין געפאַהר די אינדוסטריע און דעם רייכטום, אָבער אויף אַנאַנדער אופן און אפשר געפעהרליכער ווי דאַמאָלסט."[223] אַ געזעצליכער לוין־טאַריף איז פעסטגעשטעלט געוואָרן פאַר שטאָדט און לאַנד, פאַר שטיק־ארבייט און טאָג־ארבייט. די לאַנד־ארבייטער זאָלען זיך פערדינגען אויפ'ן יאָהר, די שטאָדטישע ארבייטער — אויפ'ן

---

[222] „אַלעמאָל ווען די געזעצגעבונג פּרובירט צו שליכטען די שטרייטיג־קייטען צווישען די מייסטערס און זייערע ארבייטער, זיינען איהרע ראַט־געבער שטענדיג די מייסטערס," זאָגט אַדאַם סמיטה. „דער גייסט פון די געזעצען איז דאָס אייגענטום," זאָגט לינגע.

[223] „סאָפיזמס אָוו פרי טרייד," לאָנדאָן 1850, ז. 53. ער זאָגט דערצו מיט כעס: „מיר זיינען שטענדיג געווען גרייט זיך איינצושטעלען פאַר דעם בע־שעפטיגער פון די ארבייטער. קאָן מען גאָרנישט ניט טהאָן פאַר די בעשעפ־טיגטע?"

טונג־בעדערפעניסשען פון קאַפּיטאַל; דער שטומער צוואַנג פון די עקאָנאָמישע פערהעלטנישען פערזיגעלט לסוף די הערשאַפט פון דעם קאַפּיטאַליסט איבערן ארבייטער. דירעקטע געוואַלט, א חוץ עקאָנאָמישע, ווערט טאַקע נאָך אַלץ אָנגעווענדעט, אָבער נאָר אויסנאַהמסווייז. פאַר דעם געוועהנליכען גאַנג פון די פאַסירונגען קאָן דער ארבייטער איבערגעלאָזט ווערן צו די „נאַטור־געזעצען פון דער פּראָדוקציאָן," ד. ה. צו זיין אָבהענגיקייט פון קאַפּיטאַל, וואָס נעהמט זיך פון די פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען גופא און איז דורך זיי גאַראַנטירט און פעראייביגט. אַנדערש איז די זאַך אין פערלויף פון דער היסטאָרישער ענטשטעהונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן. די וואַקסענדע בורזשואַזיע מוז האָבען און געברויכען די מאַכט פון'ם שטאַאט, כדי צו רעגולירן דעם ארבייט־לוין, דאָס הייסט אריינצו־צווינגען איהם אין די גרעניצען, וואָס פערזיכערן די מעהרווערטה מאַכעריי, צו פערלענגערן דעם ארבייטס־טאָג און צו האַלטען דעם ארבייטער גופא אין דעם נאָרמאַלען גראַד פון אָבהענגיגקייט. דאָס איז א וויכטיגער עלעמענט פון דער אַזויגערופענער אורשפּרינגליכער אקומולאַציע.

דער קלאַס לוין־ארבייטער, וועלכער איז ענטשטאַנען אין דער לעצטער העלפט פון 14טען יאָהרהונדערט, האָט דאַמאָלסט און אין דעם נעקסטען יאָהרהונדערט אויסגעמאַכט בלויז א קנאַפּען טייל פון דער בעפעלקערונג, און זיין לאַגע איז געווען שטאַרק בעשיצט דורך דער זעלבסטשטענדיגער פּויערים־ווירטשאַפט אויפ'ן לאַנד און דער צעך־אָרגאַניזאַציע אין שטאָדט. אויפ'ן לאַנד און אין שטאָדט זיינען דער מייסטער און די ארבייטער געשטאַנען נאָהענט איינע צו די אנדערע געזעלשאַפטליך. די אונטערטעניגקייט פון דער ארבייט צום קאַפּיטאַל איז נאָר געווען פאָרמעל; ד. ה. דער פּראָדוקציאָנס־אופן גופא האָט נאָך ניט געהאַט קיין ספּעציפיש קאַפּיטאַליסטישען כאַראַקטער. דער וואַריאַבלער עלעמענט פון קאַפּיטאַל האָט א סך אריבערגעוואויגען זיין קאָנסטאַנטען טייל. די נאָכפראַגע אויף לוין־ארבייט איז דעריבער שנעל־געוואַקסען מיט יעדער אקומולאַציע פון קאַפּיטאַל, בעת דער אָנבאָט פון ארבייט איז נעקומען זעהר לאַנגזאַם. א גרויסער טייל פון דעם נאַציאָנאַלען פּראָדוקט, וואָס איז שפּעטער פערוואַנדעלט געוואָרן אין אן אקומולאַציאָנס־פאָנד פון קאַפּיטאַל, איז נאָך דאַ־

שפּינער און אַלע מעגליכע אַרבייטער־קאַטעגאָריען.[224] דזשאָרדזש II האָט אויסגעצויגען די געזעצען אַנטקעגען אַרבייטער־קאָאַליציעס אויף אַלע מאַנופאַקטורען.

אין דער אייגענטליכער מאַנופאַקטור־פּעריאָדע איז דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן שוין געוואָרן גענוג שטאַרק, אַז די געזעצליכע רעגולירונג פון דעם אַרבייט־לוין איז געווען פּונקט אַזוי ניט דורכפיהרבאַר, ווי איבערפליסיג; מען האָט אָבער געוואָלט, אין פאַל פון אַ נויט, האָבען צום האַנד די וואַפען פון דעם אַלטען אַרסענאַל. דאָס געזעץ 8, דזשאָרדזש II האָט נאָך פערבאָטען אַ טאָג־לוין פון מעהר ווי 2 שילינג 7½ פּענס פאַר די שניידער־געזעלען אין לאָנדאָן און אומגעגענד, אַ חוץ אין פאַלען פון אַלגעמיינעם טרויער; 13, דזשאָרדזש III, ק. 68, האָט נאָך

[224] פון אַ פּאַראַגראַף אין דעם סטאַטוט 2, דזשיימס I, ק. 6 קאָן מען זעהן, אַז אייניגע געוואַנט־מאַכער האָבען זיך גענומען דאָס רעכט אַלס פריעדענסריכטער צו דיקטירן אָפיציעל דעם לוין־טאַריף אין זייערע אייגענע ווערקשטאַטען. — אין דייטשלאַנד, דערהויפּט נאָך דעם 30 יאָהריגען קריעג, זיינען געווען פיעלע געזעצען אַרונטערצודריקען דעם אַרבייט־לוין. „דער דוחק אין דיענער און אַרבייטער איז געווען זעהר אומבעקוועם פאַר די לאַנד־פּריצים אין די ענטפעלקערונג געגענדען. אַלע דאָרף־לייט האָט מען פערבאָטען צו פערדינגען צימערן צו ניט־פערהייראַטע מענער און פרויען; אַלע אַזעלכע קוואַרטיראַנטען האָבען געמוזט אָנגעצייגט ווערן צו די בעאַמטע און זיי זיינען אַריינגעזעצט געוואָרען אין געפענגעניש, אויב זיי האָבען ניט געוואָלט ווער׳ן קיין דיענער — אַפילו ווען זיי זיינען געווען בעשעפטיגט ביי אַנדערע אַרבייט, דהיינו ווען זיי האָבען פערזעעט די פעלדער פאַר די פּויערים אַלס טאָג־לויגער, אָדער אַפילו ווען זיי האָבען געהאַנדעלט מיט תבואה. (קייזערליכע פּריווילעגיען און סאַנקציעס פאַר שלעזיען 1, 125.) דורך אַ גאַנצען יאָהרהונדערט הערט מען נאָכאַנאַנד ביטערע קלאַגען אין די פעראָרדנונגען פון די לאַנדהערען וועגען די פערדאָרבענע און מוטווילינע יונגען, וועלכע ווילען ניט לעבען אונטער די שווערע בעדינגונגען און שטעלען זיך ניט צופריעדען מיט דעם געזעצליכען לוין. דעם איינצעלנעם פּריץ ווערט פערבאָטען צו געבען מעהר איידער די טאַקסע, וואָס די לאַנדשאַפט האָט פעסטגעשטעלט. און דאָך זיינען די בעדינגונגען פון דיענסט נאָך דעם קריג אָפטמאָל געווען בעסער איידער מיט 100 יאָהר שפּעטער. די פּאַרם קנעכט אין שלעזיען האָבען אין 1652 געקריגען צוויי מאָל אַ וואָך פלייש, בעת אַפילו אין אונזער יאָהרהונדערט זיינען פאַראַן געגענדען, וואו זיי האָבען געקריגען פלייש נאָר דריימאָל אַ יאָהר. אויף דער טאָג־לוין איז נאָכ׳ן קריעג געווען העכער איידער אין די נעקסטע יאָהרהונדערטען.“ (ג. פריימאַג.)

„אָפענעם מארק.“ עס איז פערבאָטען געוואָרן דורך א געפענג־ניש־שטראָף צו צאָהלען א העכערן איידער דעם געזעצליכען לוין, אָבער אָננעהמען א העכערן לוין ווערט שטאַרקער בעשטראָפט איידער צאָהלען א העכערן לוין. אזוי אויך געפינען מיר אין די פּאראגראַפען 18 און 19 פון דעם לעהרלינג־געזעץ פון עליזאבעטה א צעהן־טאָגיקע געפענגניש־שטראָף פאַר דעם, וואָס צאָהלט א העכערן לוין, און דאַגעגען א איין־און־צוואַנציג טאָגיקע געפענג־געניש־שטראָף פאַר דעם, וואָס נעהמט אָן א העכערן לוין. א גע־זעץ פון 1360 האָט פערשארפט די שטראָפען און געגעבען אפילו דעם מייסטער די מאכט ארויסצוצווינגען ארבייט לויט'ן געזעצ־ליכען לוין־טאריף דורך קערפּערליכער שטראָף. אלע פעראייני־גונגען, אָבמאַכען, שבועות א. ד. ג., דורך וועלכע די מויערער און די סטאָליערס האָבען זיך געגענזייטיג געבונדען, זיינען דערקלערט געוואָרן בטל ומבוטל. די קאָאַליציעס [פעראייניגונג] פון ארביי־טער ווערן בעהאַנדעלט ווי א שווערער פערברעכען פון דעם 14טען יאָהרהונדערט ביז 1825, אין וועלכען יאָהר די אנטי קאָאַליציאָנס־געזעצען זיינען אָבגעשאַפט געוואָרן. דער גייסט פון דעם אר־בייטער־געזעץ פון 1349 און פון די שפּעטיגערע געזעצען, וואָס זיינען ארויסגעשפּראָצט פון איהם, בעווייזט זיך קלאָר ארויס דער־פון, וואָס א מאַקסימום פון דעם ארבייט־לוין איז טאַקע דיקטירט געוואָרן פון דעם שטאַאַט, אָבער אויף קיין פאַל ניט קיין מינימום.

אין 16טען יאָהרהונדערט האָט זיך די לאַגע פון די א. בייטער, ווי מיר ווייסען, זעהר פערערגערט. דער געלד־לוין איז גע־שטיגען, אָבער ניט פּראָפּאָרציאָנעל צו דעם קלענער געוואָרענעם ווערטה פון געלד און דעם שטייגען פון די סחורה־פּרייזען, וואָס קומט דערמיט. דער לוין איז אלזאָ אין דער ווירקליכקייט געפאַ־לען. פונדעסטוועגען זיינען די געזעצען צו האַלטען די לוינען נידעריג געבליבען אין קראַפט, צוזאַמען מיט דעם שניידען די אוי־ערן און בראַנדמארקען די דאָזיגע, „וואָס קיינער וויל זיי ניט נעהמען אין דיענסט.“ דורך דעם געזעץ וועגען לעהרלינגע, 5 עליזאבעטה קאַ. 3, האָבען די פריעדענס־ריכטער בעקומען די מאכט פעסטצושטעלען געוויסע לוינען און צו קאָנען זיי ענדערן לויט די צייטען פון יאָהר און די פּרייזען פון סחורות. דזשיימס I האָט אויסגעצויגען אָט די ארבייט־רעגולאציאָנען אויך אויף וועבער,

ווייז. איינינע שעהנע איבערבלייבעכצען פון די אלטע געזעצען זייי־ נען ערשט פערשוואונדען אין 1859. ענדליך האט עס אויסגעזעהן, ווי דער פארלאמענט־אקט פון 29טען יוני 1871 האט בעזייטיגט די לעצטע שפורען פון דער דאזיגער קלאסען־געזעצגעבונג, דורך דער געזעצליכער אנערקענונג פון די טרייד־יוניאנס. אבער א פארלאמענט־אקט פון דעמזעלביגען דאטום (An act to amend the cri- minal law relating to Violence, threats and molestations) האט פאקטיש ווידער איינגעפיהרט דעם פאריגען צושטאנד אין א נייער פארם. דורך אט דעם פארלאמענטארישען דריידעל זיינען די מיטלען, מיט ייעלכע די ארבייטער קאנען זיך בעדיענען ביי א סטרייק אדער לאקאוט ארויסגענומען געווארן פון דעם אלגעמיינעם געזעץ און געשטעלט געווארן אונטער אן אויסנאהם־שטראף געזעצגעבונג, און די אויסטייטשונג פון דעם דאזיגען געזעץ איז איבערגעגעבען גע־ ווארן אין די הענד פון די פאבריקאנטען גופא, אין זייער אייגענ־ שאפט אלס פריעדענס־ריכטער. צוויי יאהר פריהער האט דאס־ זעלבע „האוז אוו קאממאנס" און דערזעלביגער גלאדסטאן, אויף זיין בעוואוסטען עהרליכען אופן, אריינגעבראכט א געזעץ־פרא־ יעקט אבצושאפען אלע אויסנאהם־שטראף געזעצען אנטקעגען דעם ארבייטער־קלאס. אבער ווייטער ווי ביז דער צווייטער לעזונג האט מען עס קיינמאל ניט געלאזט קומען, און אזוי האט זיך די זאך געשלעפט, ביז ענדליך די „גרויסע ליבעראלע פארטיי", דורך א פעראייניגונג מיט די טאריעס, האט געקראגען דעם מוט זיך צו שטעלען אפען אנטקעגען דעמזעלביגען פראלעטאריאט, וועלכער האט איהר געהאלפען בעקומען די הערשאפט. נאך ניט צופריעדען מיט אט דעם פערראטה, האט די „גרויסע ליבעראלע פארטיי" ער־ לויבט די ענגלישע ריכטער, וועלכע דרעהען צו יעדער צייט מיט'ן עק אין דיענסט פון די הערשענדע קלאסען, אויסצוגראבען פון דאס ניי די פערעלטערטע געזעצען אנטקעגען „קאנספיראציעס" און זיי אנווענדען אויף ארבייטער־קאאליציעס. מען זעהט דערפון, אז דער ענגלישער פארלאמענט האט מיט ווידערווילען און נאר אונטער דעם דרוק פון די מאסען געלאזט פאלען די געזעצען אנט־ קעגען סטרייקס און טרייד־יוניאנס, נאכדעם ווי ער אליין האט פינף יאהרהונדערטען נאכאנאנד, מיט א העכסט ציניטער אונ־

איבערגעגעבען די רעגולירונג פון דעם ארבייט־לוין פון די זויי־דען־ארבייטער צו די פריעדענס־ריכטער; נאָך אין 1796 האָט מען געמוזט האָבען צוויי אורטיילען פון די העכערע געריכט־הייזער, כדי צו ענטשיידען, צי די בעפעהלען פון די פריעדענס־ריכטער וועגען ארבייט־לוין זיינען גילטיג פאר ניט־אגריקולטור ארבייטער; נאָך אין 1799 האָט אן אקט פון פארלאמענט בע־שטעטיגט, אז דער לוין פון די מינען־ארבייטער פון שאָטלאנד איז רעגולירט דורך א סטאטוט פון עליזאבעטה'ס צייט און דורך צוויי שאָטלענדישע געזעצען פון 1661 און 1671. ווי פיעל אָבער די אומשטענדען האָבען זיך דערווייל געענדערט, קאָן מען זעהן פון א פאל, וואָס איז קיינמאָל פריהער ניט געהערט געוואָרן אין דעם ענגלישען אונטערהויז. דאָרט, וואו מען האָט אריבער 400 יאָהר בנוגע דעם ארבייט־לוין אלץ פאבריצירט געזעצען אויסשליס־ליך וועגען דעם מאקסימום, וועלכען דער לוין טאָר ח"ו ניט אריבער־שטייגען, האָט אין 1796 וויהיטברעד פאָרגעשלאָגען א געזעצליכען לוין־מ י נ י מ ו ם פאר לאנד־ארבייטער. הגם פיטט האָט זיך געשטעלט דאגעגען, האָט ער דאָך צוגעגעבען, אז די „לאגע פון די אָרימע איז גרויזאם.” ענדליך, אין 1813 זיינען די געזעצען וועגען לוין־רעגולאציע אָבגעשאפט געוואָרען. זיי זיינען געוועזען א לעכערליכע אנאָמאליע, זינט דער קאפיטאליסט האָט רעגולירט די פאבריק דורך זיין פריוואט־געזעצגעבונג און האָט דעם לוין פון די לאנד־ארבייטער געלאָזט ממלא זיין ביז צו דעם נויטיגסטען מינימום דורך דער קצבה לעניים. די בעשטימונגען פון די אר־בייטער־געזעצען מכח קאָנטראקטען צווישען מייסטער און לוין־ארבייטער, וועלכע ערלויבען נאָר א ציוויל־קלאגע אנטקעגען דעם מייסטער, וואָס האָט געבראָכען דעם קאָנטראקט, אָבער א קרימי־נאל־קלאגע אנטקעגען דעם ארבייטער, וואָס האָט געבראָכען דעם קאָנטראקט, שטעהען נאָך אין פולער בליהונג ביז היינטיגען טאָג.*

די גרויזאמע געזעצען אנטקעגען די קאאליציעס [טרייד־יוניאָנס] זיינען אין 1825 געפאלען פאר דער דראָהענדער האלטונג פון פראָלעטאריאט. טראָץ דעם זיינען זיי נאָר געפאלען טייל־

* אבגעשאפט אין 1875, זעה הערה, זייט 664.

וועמען קאַמיל דע מולין*[225] האָט אָנגערופען „עלענדער דאָגמאַטיקער", האָט געזאָגט: „הגם עס איז ווינשענסווערטה, אַז דער אַרבייט־לוין זאָל שטייגען העכער איידער ער איז איצטער, כדי דער אַרבייטער, וואָס בעקומט דעם לוין, זאָל זיך ניט געפינען אין דער אבסאָלוטער אָבהענגיקייט, וואָס קומט פון ניט האָבען די נויטווענדיגע לעבענס־מיטלען, וועלכע איז כמעט די אָבהענגיקייט פון שקלאַוועריי," פונדעסטוועגען טאָרן די אַרבייטער זיך ניט פערשטענדיגען מכח זייערע אינטערעסען, האַנדלען געמיינשאַפטליך און דורכדעם מעסיגען זייער „אַבסאָלוטע אָבהענגיגקייט, וועלכע איז כמעט שקלאַוועריי," ווייל פונקט דורכדעם „פערלעצען זיי די פרייהייט פון זייער אַמאָליגען מייסטער, דעם איצטיגען אונטערנעהמער" (די פרייהייט צו האַלטען די אַרבייטער אין שקלאַוועריי!), און ווייל אַ קאָאַליציע אַנטקעגען דער דעספּאָטיע פון דעם אַמאָליגען צעך־מייסטער — אַ שפּאַס אַביסעל! — איז אַ וויעדער־אויפשטעלונג פון דעם צעך, וואָס איז אָבגעשאַפט געוואָרן דורך דער פראַנצויזישער קאָנסטיטוציע![226]

4. די ענטשטעהונג פון די קאַפּיטאַליסטישע אַרענדאַטאָרס.

נאָכדעם ווי מיר האָבען בעטראַכט די געוואַלטזאַמע בעשאַפונג פון פויגעל־פרייע פּראָלעטאַריער, די בלוטיגע דיסציפּלין וועלכע האָט זיי פערוואַנדעלט אין לוין־אַרבייטער, די שענדליכע טהעטיגקייט פון׳ם שטאַאַט, וועלכער האָט פּאָליציייאיש געמאַכט שטייגען די אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל, פערגרעסערענדיג דעם גראַד עקספּלואַטאַציע פון דער אַרבייט — פרעגט זיך, פון וואַנען זיינען די קאַפּיטאַליסטען אורשפּרינגליך געקומען? די עקספּראָפּריאַציע פון דער לאַנד־בעפעלקערונג האָט דאָך דירעקט בעשאַפען נאָר די גרויסע גרונד־אייגענטימער. וואָס איז שייך דער ענטשטעהונג פון דעם אַרענדאַטאָר, קאָנען מיר זי, אַזוי צו זאָגען, אָנטאַפּען מיט׳ן האַנד, ווייל זי איז אַ לאַנגזאַמער פּראָצעס, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויקעלט אין משך פון פיעלע יאָהרהונדער־

[225*] "Revolutions de France," No' LXXVII.

[226] Buchez et Roux. "Historie Parlumentaise," Voi. X, p. 193-95.

פערשעהמטקייט פונקציאָנירט אַלס אַ שטענדיגע טרייד־יוניאָן פון די קאַפּיטאַליסטען אַנטקעגען די אַרבייטער.

אויף דער אַנדער זייט האָט די בורזשואַזיע אין פראַנקרייך געוואַגט גלייך אין אָנהויב פון דעם רעוואָלוציאָנס־שטורם אַוועקצונעהמען פון די אַרבייטער דאָס אָקאָרשט ערוואָרבענע אַסאָציאַציאָנס־רעכט. דורכ'ן געזעץ פון 14טען יוני 1791 האָט זי דערקלערט אַלע אַרבייטער־קאָאַליציעס אַלס „אַן אַטענטאַט אויף דער פרייהייט און דער ערקלערונג פון די מענשען־רעכטען," וואָס קאָן בעשטראָפט ווערן מיט 500 ליוור און פערלוסט פון די אַקטיווע בירגער־רעכטען אויף איין יאָהר.[225] דאָס דאָזיגע געזעץ, וואָס האָט שטאַאַט־פּאָליצייאיש אַריינגעשטעלט דעם קאָנקורענץ־קאַמף צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט אין די ראַהמען, וואָס זיינען געוועזען בעקוועם פאַר'ן קאַפּיטאַל, האָט אַריבערגעלעבט רעוואָלוציעס און ענדערונגען אין דינאַסטיעס. אַפילו די „טעראָר־רעגירונג" האָט עס געלאָזט אונבעריהרט. עס איז נאָר גאָר ניט לאַנג צוריק אויסגעשטראָכען געוואָרען פון דעם „קאָד פּענאַל" [שטראָף־געזעצבוך].

קיין זאַך איז ניט מעהר כאַראַקטעריסטיש איידער דער אויסרייד פון אָט דעם בורזשואַזען קו ד'עטאַ [שטאַאַט־שטרייך]. שאַפּעליע, דער בעריכט־ערשטאַטער פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג,

---

[225] אַרטיקעל 1 פון דעם דאָזיגען געזעץ לויטעט: „אַזוי ווי די אָבשאַפונג פון אַלע סאָרטען קאָרפּאָראַציעס פון דעמזעלביגען שטאַנד און דערזעלביגער פּראָפעסיאָן איז איינער פון די יסודות פון דער פראַנצויזישער קאָנסטיטוציע, איז דעריבער פערבאָטען זיי ווידער איינצופיהרען אונטער וועלכען עס איז אויסרייד און אין וועלכער עס איז פאָרם." אַרטיקעל IV דערקלערט: „ווען די בירגער, וועלכע געהערען צו דערזעלביגער פּראָפעסיאָן, צום זעלביגען האַנדווערק אָדער בערוף, בעראַטען זיך איינע מיט די אַנדערע און רעדען אָב צווישען זיך געמיינשאַפטליך צו ענטזאָגען זייער מיטווירקונג אין זייער טרייד אָדער מלאכות, אָדער צו אונטערנעהמען די אַרבייט נאָר מיט אַ בעשטימטען פּרייז, זאָלען די דערמאָנטע בעראַטונגען און אָבמאַכען . . . בעטראַכט ווערן אַלס דערווידער צו דער קאָנסטיטוציע און אַלס אַנגריפען אויף דער פרייהייט, ווי אויף אויף דער דערקלעהרונג פון די מענשען־רעכטען, א. אַז. וו." דאָס הייסט אַלס שטאַאַטס־פערברעכען, גאָר ווי אין די אַלטע אַרבייטער געזעצען "Revolutions de Paris," 1791, Vol. III, p. 523.

אחורפּאַציע פון די געמיינדע־פּיטערפעלדער האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט שטאַרק צו פערמעהרן זיין פיה־אינוועטאַר כמעט אָהן קאָסטען, און די פערמעהרטע פיה, דורך זייער אָנווענדונג אין דער אַגריקולטור און דורך דעם פערקויף, האָט איהם געגעבען אַ פיעל גרעסערן פּראָפיט, אַ חוץ גרעסערע בעמיסטיגונג־מיטלען צו פערבעסערן דעם באָדען.

צו דעם איז אין 16טען י. ה. צוגעקומען אַ זעהר וויכטיגער מאָמענט. די אַרענדע־קאָנטראַקטען זיינען דאַן געווען לאַנגע, אָפט אויף 99 יאָהר. דאָס שטענדיגע פאַלען פון'ם ווערטה פון די עדעלע מעטאַלען און פאָלגליך פון'ם געלד האָט געטראָגען פאַר די אַרענדאַטאָרס גאָלדענע פרוכטען. דאָס האָט, אחוץ די אַלע אַנדערע אומשטענדען, וואָס מיר האָבען פריהער בעטראַכט, געוואָרפען דעם אַרבייט־לוין. אַ טייל דערפון איז צוגעגעבען געוואָרן צו די פּראָפיטען פון דער פאַרם. דאָס שטענדיגע שטייגען פון די פּרייזען פון תבואה, וואָל, פלייש, קורץ פון אַלע אַגריקולטור־פּראָדוקטען, האָט פערגרעסערט דעם אַרענדאַטאָר'ס געלד־קאַפּיטאַל אָהן קיין שום מיה פון זיין זייט, בעת די רענטע, וואָס ער האָט געצאָהלט, האָט זיך גערעכענט לויט דעם אַלטען געלד־ווערטה.[228] אָט אַזוי

4 פונט פון דער אַלטער רענטע איז איצט אַנגעוואַקסען אפשר ביז 40 פונט, דאָך דענקט דער אַרענדאַטאָר ביים סוף פון זיין קאָנטראַקט, אַז ער האָט געמאַכט אַ שלעכט געשעפט, אויב ער האָט ניט אָבגעלעגט די רענטע פאַר 6 ביז 7 יאָהר, 50 אָדער 100 פונט."

[228] וועגען דעם איינפלוס פון דעם פאַל אין ווערטה פון געלד, אין 16טען י. ה., אויף פערשיידענע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט, זעה: "A Compendious or Briefe Examination of Certaine ordinary Complaints of Diverse of our Countrymen in these days. By W. S. Gertleman," London 1581. די דיאַלאָג־פאָרם פון דער דאָזיגער שריפט האָט מיטגעבראַכט דערצו, אַז מען האָט עס אַ לאַנגע צייט צוגעשריבען צו שעקספּיר, און נאָך אין 1751 האָט מען עס פון דאָס ניי אַרויסגעגעבען אונטער זיין נאָמען. איהר פערפאַסער איז וויליאַם סטאַפּפאָרד. אין איין אָרט רעזאָנירט דער ריטער ווי פאָלגט:

ריטער: איהר, מיין נאָכבאַר, דער לאַנדווירט, איהר מייסטער קרעמער און איהר, פעטער קופּערשמיעד און די אַנדערע האַנדווערקער, איהר מעגט אייערע אינטערעסען גאַנץ גוט היטען. וואָרים אין דעם ערך, וואָס אַלע זאַכען זיינען איצט טייערער ווי זיי זיינען געווען, אויף אַזויפיעל שטייגט איהר מיט דעם פּרייז פון אייערע סחורות און די לייסטונגען, וואָס איהר פערקויפט, אין דער הויך. מיר אָבער האָבען גאָרנישט צו פערקויפען, אויף וואָס מיר

טען. די לייבאייגענע גופא, אזוי גוט ווי די פרייע קליינע לאַנד־בעזיצער, האָבען געהאַלטען לאַנד אונטער זעהר פערשיידענע בעזיץ־שייכות'ן און זיינען דעריבער אויך עמאַנציפירט געוואָרן אונטער זעהר פערשיידענע עקאָנאָמישע בעדינגונגען.

אין ענגלאַנד איז די ערשטע פאָרם פון דעם ארענדאַטאָר (פאַרמער) דער „ביילִיף" [פערוואַלטער פון פריצישען הויף], וועלכער איז אַליין געוועזען א לייבאייגענער. זיין פּאָזיציע איז עהנליך צו דער פּאָזיציע פון דעם אַלט־רוימישען Villicus, נאָר אין אַן ענגערער ווירקונג־ספערע. אין דער צווייטער העלפט פון 14טען י. ה. ווערט ער פערביטען אויף אַן אַרענדאַטאָר, וועמען דער לענד־לאָרד בעזאָרגט מיט זריעה, פיה און אַקער־ווערקצייג. זיין לאַגע איז ניט זעהר פערשיידען פון דער לאַגע פון דעם פויער. נישט מעהר ער עקספּלואַטירט מעהר לוין־אַרבייט. באַלד ווערט ער א „מעטאַיער" ד. ה. א האַלב־אַרענדאַטאָר. ער שטעלט־צו איין טייל פון דעם אַגריקולטור־קאַפּיטאַל, דער לענדלאָרד — דעם אַנ־דער טייל. זיי צוטיילען זיך ביידע מיט דעם גאַנצען פּראָדוקט אין בעשטימטע פּראָפּאָרציעס לויט אַן אָבגעמאַכטען קאָנטראַקט. אָט די פאָרם פערשווינדט שנעל אין ענגלאַנד, כדי צו מאַכען פּלאַץ פאַר דעם ריכטיגען אַרענדאַטאָר, וועלכער פערוועטעט זיין איי־גענעם קאַפּיטאַל, דורכדעם וואָס ער בעשעפטיגט לוין־אַרבייטער, און צאָהלט א טייל פון דעם מעהר־פּראָדוקט, אין געלד אָדער אין נאַטורא, דעם לענדלאָרד אַלס גרונד־רענטע.

כל זמן, אין משך פון 15טען יאָהרהונדערט, דער אונאָב־הענגיגער פויער און דער אַקער־קנעכט [ד. ה. דעם פויער'ס גע־דונגענער אַרבייטער], וואָס האָט אויך אַן אייגענע ווירטשאַפט א חוץ זיין לוין־דיענסט, האָבען זיך בערייכערט דורך זייער אַר־בייט, בלייבען דעם אַרענדאַטאָר'ס אומשטענדען און זיין פּראָדוק־ציאָנס־פעלד גלייך מיטעלמעסיג. די אַגריקולטור־רעוואָלוציע אין לעצטען דריטעל פון 15טען י. ה., וועלכע האָט געוועהרט אין משך פון כמעט דעם גאַנצען 16טען י. ה. (מיט דער אויסנאַהם אָבער פון זיין לעצטען צעהנדליג יאָהר), האָט איהם בערייכערט פּונקט אזוי שנעל, ווי זי האָט פעראָרימט די לאַנד־בעפעלקערונג.[227] די

[227] האררימאַן אין זיין „דיסקריפּשאַן אָוו ענגלאַנד" זאָגט: „אַבוואויל

געמאכט גלויבען, אין זיין „היסטארי אוו קאמערס״, אז דאס איז געוועזען א דירעקטער אויפטהו פון דער השגחה עליונה. מיר מוזען זיך פערוויילען נאך אן אויגענבליק ביי אט דעם עלעמענט פון דער אורשפּרינגליכער אקומולאציע. וואס די אונאבהענגיגע, אליין־ווירטשאפענדע לאנד־בעפעלקערונג איז שיטערער געווארען, האט געשטימט ניט נאר מיט'ן געדיכטער ווערן פון דעם אינדוסטריע־לען פּראלעטאריאט, ווי זשאפרוא סענ־הילער דערקלערט דאס געדיכטער ווערן פון דער וועלט־מאטעריע אין איין ארט דורך איהר

טאר פון די אבצאהלונגען צו די פעאדאלע פריצים, אין פערלויף פון דעם פריהען מיטעלאלטער, באלד א געשעפטמענש, וועלכער שווינדעלט זיך ארויף אלס קאפּיטאליסט דורך ערפּרעסונג, בעטרוג א. אז. וו. די דאזיגע רעזשיסערען זיינען מאנכעסמאל אליין געוועזען פון די אדעליגע. צום ביישפּיעל: „דאס איז די רעכענונג, וואס העדר זשאק דע טהא־עיז, דער ריטערליכער קאסטעלאן פון בעזאנסאן, האט אבגעגעבען צו דעם הערר'ן, וועלכער פיהרט אין דיזשאן די רעכענונגען פאר דעם הערצאג און גראף פון בורגונד, וועגען די רענטען וואס געהער'ן צו דער דערמאנטער שלאס־הערשאפט פון 25טען דעצעמבער 1359 ביז דעם 28טען דעצעמבער 1360.״ (אלעקסיס מאנטעלי, "Historie des Materiaux manusrits etc." page 244). עס צייגט זיך שוין דא, אזוי ווי אין אלע ספערען פון געזעלשאפטליכען לעבען, אז דעם לייב'ס חלק פאלט אריין צום פערמיטלער. אויף דעם עקאנאמישען געביט, צום ביישפּיעל, שעפּען אראב די שמאנט די פינאנסירען, בערזען־ספעקולאנטען, סוחרים און קליינע קרעמער; אין ציוויל עסקים שינדט דער אדוואקאט די הויט פון ביידע צדדים; אין דער פּאליטיק איז דער פערטרעטער וויכטיגער איידער די וועהלער, דער מיניסטער מעהר איידער דער קעניג; אין דער רעליגיאן ווערט גאט אוועקגעשטופּט אין הינטערגרונד דורך דעם „פערמיטלער״ און דער לעצטער ווערט צוריקגעשטויסען דורך די גלחים, וועלכע זיינען וויעדער אונפערמיידליכע פערמיטלער צווישען דעם גוטען פּאסטוך און זיינע שעפּסען. — אין פראנקרייך אזוי ווי אין ענגלאנד זיינען די גרויסע פעאדאלע טעריטאריען געוועזען צוטיילט אין אונענדליך פיעל קליינע ווירטשאפטען, אבער אונטער ניט צו פערגלייכען ערגערע בעדינגונגען פאר דער לאנד־בעפעלקערונג. אין פערלויף פון 14טען יאהרהונדערט זיינען ענטשטאנען די פערמערס אדער טערריערס [ארענדעס]. זייער צאהל איז נאכאנאנד געוואקסען, ווייט אריבער 100,000. זיי האבען געצאהלט רענטען פון א צוועלפטיל ביז א פינפטעל פון דעם פּראדוקט, אין געלד אדער און נאטורא. די דאזיגע טערריערס זיינען געוועזען פּריצישע גיטער איינגעטיילט לויט דעם ווערטה און אומפאנג פון די נחלאות, [Fiefs, sub-fiefs] איינצעלנע פון וועלכע האבען איינגאנצען געהאט בלויזט עטליכע אקער. אט די אלע טערריערס האבען געהאט ביז א געוויסען גראד דאס רעכט פון יוריסדיקציע איבער די, וואס זיינען געזעסען אויפ'ן באדען; עס זיינען געוועזען פיער־

ווערט ער רייך אין דערזעלביגער צייט אויפ'ן חשבון אי פון זיי־נע לוין־ארבייטער, אי פון זיין לענדלאָרד. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס ענגלאַנד האָט ביים סוף 16טען י. ה. גע־הייט אַ קלאַס, לויט די דאַמאָלסדיגע צושטאַנדען, רייכע „קאַפּיטאַל־ארענדאַטאָרס.[229]

5. די צוריקווירקונג פון דער אגריקול־טורעלער רעוואָלוציע אויף דער אינ־דוסטריע.—די בעשאַפונג פון אַ אינלענדישען מארק פאר דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל.

די עקספּראָפּריאציע און פעריאָגונג פון דער לאַנד־בעפעל־קערונג, וואָס האָט זיך שטענדיג ווידערהאָלט איין מאָל נאָך דעם אנדערן, האָט נאָכאַנאַנד צוגעשטעלט, ווי מיר האָבען געזעהן, דער שטאָדט־שער אינדוסטריע מאַסען פּראָלעטאריער, וועלכע זיינען געשטאַנען אינגאַנצען אויסערהאַלב פון די צעך־פערהעלטענישען — אַ שבל'דיגער אומשטאַנד, וואָס האָט דעם אַלטען א. אַנדער־סאָן (מען דאַרף איהם ניט פערביטען מיט דזשיימס אַנדערסאָן)

זאָגען קאָנען העכערען דעם פּרייז, כדי דערמיט אריינצובעקומען די זאַכען, וואָס מיר מוזען קויפען." אין אַנאַנדער אָרט פרעגט דער ריטער דעם דאָק־טאָר: „איך בעט אייך, וואָס זיינען דאָס פאַר אַ סאָרט מענשען, וועלכע איהר מיינט? און קודם, ווער זיינען די, וועלכע זאָלען ניט ליידען קיין היזק דער־ביי?" — דאָקטאָר: „איך מיין אַלע יענע, וועלכע לעבען פון קויף און פער־קויף; ווארים ווי זיי קויפען טייער, אַזוי פערקויפען זיי דערנאָך." — ריטער: „וואָס פאר מענשען זיינען דאָס, וועלכע געווינען דערביי, ווי איהר זאָגט?" — דאָקטאָר: „באמת, אַלע וועלכע בעארבייטען אליין פּאָסעסיעס אדער ארענדע־גיטער צאָהלענדיג די אַלטע רענטע, דען בעת זיי צאָהלען לויט דער אַלטער ראַטע, פערקויפען זיי לויט דער נייער; דאָס הייסט, זיי צאָהלען פאר זייער לאַנד זעהר ביליג און פערקויפען אַלץ וואָס וואַקסט אויף דעם לאַנד, טייער..." — ריטער: „וואָס פאר אַ סאָרט מענשען זיינען די, וועלכע האָבען דערביי, ווי איהר זאָגט, אַ גרעסערן היזק איידער דער ריוח פון יענע?" — דאָקטאָר: „דאָס זיינען אַלע עדעל־לייט, ריטער און אַלע אנדערע, וועלכע לעבען ענטוועדער פון אַ פעסטגעזעצטער רענטע, אדער פון אַ פעסטגעזעצטען געהאַלט, אדער זיי ווירטשאַפטען ניט אליין מיט זייער באָדען, אדער גיבען זיך ניט אָב מיט קויף און פערקויף."

[229] אין פראַנקרייך ווערט דער רעזשיסער, דער פערוואַלטער און קאַלעק־

זעהט איצט אויס פונקט דיזעלביגע ווי פריהער. קיין פּעדימל איז אין איהם ניט פערענדערט געוואָרן, אָבער אַ נייע סאָציאַלע נשמה איז אריינגעזעצט געוואָרן אין זיין לייב. ער מאַכט איצט אויס אַ טייל פון דעם קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל פון דעם מאַנופאַקטור־מייסטער. פריהער איז ער געווען פערטיילט צווישען אַ גרויסער מאַסע קליינע פּראָדוצירער, וועלכע האָבען איהם אַליין קולטיווירט און געשפּונען מיט זייערע פאַמיליען אין קליינע סכום'ען; איצט איז ער קאָנצענטרירט אין די הענד פון איין קאַפּיטאַליסט, וועלכער לאָזט אַנדערע שפּינען און וועבען פאַר איהם. די עקסטראַ־אַרבייט, וואָס איז אויסגעגעבען געוואָרן אין דער פלאַקס שפּינעריי, האָט זיך פריהער רעאַליזירט אין אַ עקסטראַ הכנסה פאַר אַ גרויסער צאָהל פויערים־פאַמיליען, אָדער אין פריעדריך דעם צווייטען'ס צייט — אין שטייערן „פּור לע רואַ דע פּריסס."* איצט רעאַליזירט זי זיך אין דעם פּראָפיט פון עטליכע קאַפּיטאַליסטען. די שפּינדלען און וועבשטוהלען, וואָס זיינען פריהער געווען פערשפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד, זיינען איצט צוזאַמענגעדריקט אין עטליכע גרויסע אַרבייט־קאַזאַרמעס, גלייך ווי די אַרבייטער, גלייך ווי דער רויה־מאַטעריאַל. די שפּינדלען און וועבשטוהלען און רויה־מאַטעריאַלען זיינען אָנשטאָט מיטלען פון אַן אונאָבהענגיקער עקזיסטענץ פאַר שפּינער און וועבער, איצט פערוואַנדעלט געוואָרן אין מיטלען זיי צו קאָמאַנדירען[232] און ארויסצוזויגען פון זיי אונבעצאָהלטע אַרבייט. מען זעהט עס ניט אָן אויף די גרויסע מאַנופאַקטורען און אויף די גרויסע פאַרמס, אַז זיי זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון אַ סך קליינע פּראָדוקציאָנס־ווערקשטאַטען און זיינען פאָרמירט דורך דער עקספּראָפּריאַציע פון אַ סך

---

* „אַרבייטען פּור לע רואַ דע פּריסס", וואָס מיינט ווערטערליך: „פאַר דעם קיניג פון פּרייסען," איז אַ שפּריך־וואָרט, וואָס בעטייט: אַרבייטען פאַר גאָרנישט, אָדער אַרבייטען פאַר'ן טייוועל.

[232] „איך וועל אייך," זאָגט דער קאַפּיטאַליסט, „לאָזען האָבען דעם כבוד מיר צו דיענען, בתנאי אַז איהר זאָלט דאָס ביסעל, וואָס אייך בלייבט, מיר אוועקגעבען פאַר דער מיה, וואָס עס מאַכט מיר אייך צו קאָמאַנדירען." (זשאַן זשאַק רוססאָ, „אַבהאַנדלונג איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע." פראַנצויזיש). זשענעווע, 1765.)

שיטער ווערן אין אנאנדער אָרט.[230] טראָץ דער פערמינערטער צאָהל פון זיינע בעארבייטער, האָט דער באָדען געטראָגען פונקט אזויפיעל אָדער נאָך מעהר פראָדוקטען ווי פריהער, ווייל די רעוואָלוציע אין די שייכות׳ן פון גרונד אייגענטום איז געוועזן בעגלייט מיט פערבעסערטע מעטאָדען פון קולטיווירונג, גרעסערער קאָאָפּעראציע, קאָנצענטראציע פון די פראָדוקציאָנס־מיטלען א. אז. וו., און ווייל די אגריקולטורעלע לוין־ארבייטער זיינען ניט נאָר אינטענסיווער אָנגעטריבען געוואָרן,[231] נאָר אויך דאָס פראָדוקציאָן־פעלד, אויף וועלכען זיי האָבען געארבייט פאר זיך אליין, איז אלץ מעהר און מעהר איינגעצויגען געוואָרן. צוזאמען מיט דעם פריי־געשטעלטען טייל פון דער לאַנד־בעפעלקערונג, ווערן אויף דעם אופן פריי־געשטעלט אויך זיינע פריהערדיגע נאהרונגס־מיטלען. זיי פערוואַנדלען זיך איצטער אין א מאטעריעלען עלעמענט פון דעם וואריאבלען קאפּיטאל. דער פויער, וואָס איז ארויסגעזעצט געוואָרן אין דער לופטען, מוז איינקויפען זייער ווערטה, אין דער פאָרם פון ארבייט־לוין, פון זיין נייעם בעל הבית, דעם אינדוסטריעלען קאפּיטאליסט. און אזוי ווי בנוגע די לעבענס־מיטלען, אזוי קאָן מען אויך זאָגען בנוגע די היימישע אגריקולטורעלע רויה־מאַטעריאלען פון דער אינדוסטריע. זיי זיינען פערוואנדעלט געוואָרן אין א עלעמענט פון דעם קאָנסטאַנטען קאפּיטאל.

לאָמיר זיך פאָרשטעלען, צום ביישפּיעל, אז א טייל פויערים אין וועסטפאַלען, וועלכע האָבען אין פריעדריך דעם צווייטען׳ס צייט אלע געשפּונען פלאַקס, זיינען מיט געוואַלט עקספּראָפּריאירט און פערטריבען געוואָרן פון גרונד און באָדען, און דער אַנדער טייל, וואָס איז געבליבען, איז פערוואַנדעלט געוואָרן אין טאָגלוינער פון די גרויסע פערמערס. אין דערזעלביגער צייט וואַקסען אויס גרויסע פלאַקס־שפּינערייען און וועבערייען, אין וועלכע די „פריי־געשטעלטע" ארבייטען איצט פאַר א לוין. דער פלאַקס

שטופען. מען קאן זיך פארשטעלען די אונטערדריקונג פון דער לאַנד־בעפעלקערונג אונטער אט די אלע קליינע טיראַנען. מאָנטעיל זאָגט, אז עס זיינען דאַמאָלסט געווען אין פראַנקרייך 160,000 געריכטען, וואו היינט זיינען גענוג 4000 טריבונאַלען.

[230] אין זיין ווערק "Notions de Philosophie Naturelle" פּאריז 1838.

[231] א פונקט, וואָס ווערט בעטאָנט פון סער דזשיימס סטואַרט.

פלאנצען אונטער דער אויפפאסונג פון די שטאאטס־רעגירונגען, דערקלערט זיך דאס פון דעם דאמאָלדיגען צושטאנד פון א גרויסען טייל פון די מאנופאקטורען אויף דעם אייראָפּעאישען קאָנטינענט.

די פאסירונגען, וועלכע האָבען די קליין־פויערים פערוואנדעלט אין לוין־ארבייטער און זייערע לעבענסמיטלען און ארבייט־מיטלען אין מאטעריעלע עלעמענטען פון דעם אינדוסטריעלען קאפיטאל, האָבען אין דערזעלביגער צייט געשאפען פאר דעם דאזיגען קאפיטאל זיין אינלענדישען מארק. פריהער האָט די פויערשע פאמיליע געשאפען און בעארבייט די לעבענסמיטלען און רויה־שטאָפען, וועלכע זי האָט דערנאָך גרעסטענטיילס אליין פערצעהרט. איצט זיינען אָט די רויהשטאָפען און לעבענסמיטלען געוואָרען סחורות. דער פויער פערקויפט זיי מאסענהאפט און געפינט זיין מארק אין די מאנופאקטורען. דערפאר פערוואנדלען זיך איצט די גארן, לייוועגט, גראָבע וואָלצייג — זאכען, וואָס זייערע רויה־שטאָפען האָבען זיך איינגעפונען אין דער באלעבאטישקייט פון יעדער פויערשער פאמיליע און וואָס זי האָט אויסגעשפונען און אויסגעוועבט פאר איהר אייגענעם פערברויך — אין מאנופאקטור־ארטיקלען, וועלכע געפינען זייער אָבזאץ־מארק גראָד אין די לאנד־דיסטריקטען. די צאָהלרייכע, צעוואָרפענע קונדען, וועלכע זיינען ביזאהער בעשטאנען פון א מאסע קליינע פּראָדוצירער, וואָס ארבייטען אויף אייגענער רעכענונג, זיינען איצט קאָנצענטרירט אין איין גרויסען מארק, וואָס איז פערזאָרגט פון דעם אינדוסטריעלען קאפיטאל.[234] אָט אזוי געהט האנד אין האנד מיט דער עקספּראָפּ־

[234] „20 פונט וואל, פערוואנדעלט אויף א שטילען אופן אין דער יעהרליך נויטיגער קליידונג פון אן ארבייטער־פאמיליע, דורך איהר אייגענער פלייסיגקייט אין די צייטען צווישען אנדערע ארבייטען — דאס מאכט ניט קיין רעש. אבער ברענגט די וואל אויפ'ן מארק, שיקט זי אין דער פאבריק, דאן צום מעקלער, דערנאך צום הענדלער, האט איהר דערמיט גרויסע האנדעלס־אפעראציעס און א נאמינאלען קאפיטאל פערנומען אויף א סומע צוואנציג מאל אזוי פיעל ווי דער ווערטה פון דער דאזיגער וואל. . . . דער ארבייטער־קלאס ווערט אויף דעם אופן עקספלואטירט, כדי אויפצוהאלטען אן עלענדע פאבריק־בעפעלקערונג, א פאראזיטישען קרעמער־קלאס און אן אויסגעטראכטען קאמערציעלען, געלד און פינאנציעלען סיסטעם” (דייוויד אורקוהארט, „פאמיליאר ווארדס,” לאנדאן 1855, ז. 120.)

קליינע אונאָבהענגיקע פּראָדוצירער. דער גלייכער פערשטאנד אָבער לאָזט זיך ניט פערפיהרן.

אין דער צייט פון מיראבאָ, דעם לייב פון דער רעוואָלוציע, האָבען די גרויסע מאנופאקטורען נאָך געהייסען „מאניפאקטיר רע־איני", פעראייניגטע ווערקשטאַטען, א שטייגער ווי מיר רעדען וועגען צוזאמענגעבונדענע פעלדער. „מיר זעהען נאָר," זאָגט מי־ראבאָ, „די גרויסע מאנו־אקטורען, וואו הונדערטער מענשען אר־בייטען אונטער איין דירעקטאָר, און וועלכע מען רופט אָן געוועהנ־ליך פעראייניגטע מאַנופאקטורען. פערקעהרט, יענע מאנופאק־טורען, וואו א זעהר גרויסע צאָהל ארבייטער ארבייט צעשפּליטערט, יעדערער אויף זיין אייגענער רעכענונג, רופט ניט ארויס אונזער קלענסטע אויפמערקזאמקייט. מען שטעלט זיי אינגאנצען אוועק אין הינטערגרונד. דאָס איז א זעהר גרויסער טעות, וואָרים זיי אליין נאָר מאכען אויס א ווירקליך וויכטיגען בעשטאנדטייל פון דעם פאָלקס־רייכטום. . . . די פעראייניגטע פאבריק וועט וואונ־דערבאר רייך מאכען איינעם אָדער צוויי אונטערנעהמער, אָבער די ארבייטער זיינען נאָר בעסער אָדער ערגער בעצאָהלטע טאָג־לוי־נער און האָבען קיין חלק ניט אין דעם וואוילזיין פון דעם אונטער־נעהמער. אין דער צעטיילטער פאבריק, דאגעגען, ווערט קיינער ניט רייך, אָבער א מאסע ארבייטער געפינען זיך אין א וואויל־שטאנד. . . . די צאָהל פון די פלייסיגע און ווירטשאפטליכע אר־בייטער וועט וואקסען, ווייל זיי זעהען אין דעם קלוגען ארט לע־בען, אין דער טהעטיגקייט, א מיטעל צו פערבעסערן גרינדליך זייער לאגע, אָנשטאָט צו געווינען א קליינע לוין־העכערונג, וועלכע קאָן קיינמאָל ניט זיין קיין וויכטיגער געגענשטאנד פאר דער צוקונפט, נאָר עס גיט זיי העכסטענס די מעגליכקייט עטוואָס בעסער צו לע־בען פון האנד אין מויל. די צעטיילטע אינדיווידועלע מאנופאק־טורען, דאָס רוב פערבונדען מיט קליינע לאנדווירטשאפטען, זיינען די פרייע."[***] ווען מיראבאָ האלט די צעשפליטערטע ווערקשטא־טען אויך פאר עקאָנאָמישער און פּראָדוקטיווער איידער די „פער־אייניגטע", און זעהט אין די לעצטע בלויז קינסטליכע טרייב הויז־

[***] מיראבאָ, „וועגען דער פּרייסישער מאנארכיע," (פראנצויזיש) לאָנ־דאָן 1788, באנד 3, ז. 20—109.

זעכליך א תבואה־קולטיווירער, און אנאנדער צייט הויפטזעכליך א פיה־ציכטער, אין פעריאָדען וואָס בייטען זיך כסדר, און דער אומפאַנג פון דער פויערשער ווירטשאַפט ענדערט זיך לויט די דאָזיגע פעריאָדען.

ערשט די גרויס־אינדוסטריע ברענגט צוזאמען מיט די מאַשינען דעם דויערהאַפטען באַזיס פון דער קאַפּיטאַליסטישער אגריקולטור, עקספּראָפּריאירט ראַדיקאַל די אונגעהויערע מעהרצאָהל פון דער לאַנד־בעפעלקערונג און דערענדיגט די שיידונג צווישען אַגריקולטור און די דאָרפישע הויז־אינדוסטריען, אויסרייסענדיג זייערע וואָרצלען — די שפּינעריי און וועבעריי.[236] זי עראָבערט דעריבער אויך צום ערשטען מאָל פאַר'ן אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל דעם גאַנצען אינלענדישען מאַרק.[237]

ארויסגעהויבען פון דער דעגראַדאַציע, אין וועלכער זי איז געווען פערזונקען אונטער די טודאָרס.

[236] מאַקעט ווייס, אַז די מאַדערנע וואָל־אינדוסטריע איז ארויסגעקומען פון די איינענטליכע מאַנופאַקטורען און פון דער צערשטערונג פון דער דאָרפישער אָדער הויזליכער מאַנופאַקטור, מיט דער איינפיהרונג פון דער מאַשינעריע. (זעה זיין אויבען־דערמאַנטען ווערק.) „דער פלוג, דער יאָך־געשפאַן זיינען געווען די ערפינדונג פון געטער און די בעשעפטיגונג פון העלדען; זיינען וועבשטוהל, שפינדעל און שפּינראַד פון אַ ווייניגער עדעלער אַבשטאַמונג? איהר טיילט פאַנאַנדער דעם שפּינראַד און דעם פלוג, די שפּינדעל און דעם יאָך־געשפאַן, און איהר בעקומט פאַבריקען און באַגאַדעלנעס, קרעדיט און קריזיסען, צוויי פיינדליכע נאַציאָנען, אַגריקולטורעלע און קאָמערציעלע.“ (דייוויד אורקהאַרט, „פאַמיליאַר וואָרדס,“ ז. 122.) איצט קומט אָבער קארעי און קלאַגט אָן ענגלאַנד — זיכער ניט מיט אונרעכט — אַז זי שטרעבט צו פערוואַנדלען יעדעס אַנדער לאַנד אין אַ בלויז אַגריקולטור־לאַנד, פאַר וועלכען ענגלאַנד זאָל זיין דער פאַבריקאַנט. ער בעהויפּטעט, אַז טערקיי איז אויף דעם אופן רואינירט געוואָרען, ווייל „די איינענטימער און בעאַרבייטער פון'ם באָדען זיינען ניט ערלויבט געוואָרען (דורך ענגלאַנד) זיך אַליין צו שטאַרקען דורך דער נאַטירליכער פעראייניגונג צווישען דעם פלוג און דעם וועבשטוהל, דעם האַמער און דער בראָנע.“ („דהי סלייוו טרייד,“ ז. 125) לויט זיין מיינונג איז אורקהאַרט גופא איינער פון די הויפּט־אַגענטען פון טערקיי'ס חורבן, וואו ער האָט אַנגעטריבען די פּראָפּאַגאַנדאַ פון פרייהאַנדעל אין די אינטערעסען פון ענגלאַנד. דאָס בעסטע דערביי איז, וואָס קארעי, אַגב אורחא אַ גרויסער רוסענקנעכט, וויל פערהינדערן דעם דאָזיגען שיידונגס־פּראָצעס דורך דעם סיסטעם פון שוץ־טאַריף, וועלכער טרייבט דעם דאָזיגען פּראָצעס נאָך מעהר אָן.

[238] די פילאַנטראָפּישע ענגלישע עקאָנאָמען, ווי מיל, ראָדזשערס, גאָלד־

ריאַציע פון די געוועזענע זעלבסט־ווירטשאַפטנדע פויערים און זייער צושיידונג פון זייערע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, די פערניכטונג פון דער דאָרפישער נעבען־אינדוסטריע, דער שיידונגס־פּראָצעס פון מאַנופאַקטור און אַגריקולטור. און נאָר די פערניכטונג פון דעם דאָרפישען הויז־געווערב קאָן געבען דעם אינעווענינגסטען מאַרק פון אַ לאַנד די אויסברייטונג און דעם פעסטען בעשטאַנד, אין וועלכען דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן נויטיגט זיך.

דאָך אָבער איז די אייגענטליכע מאַנופאַקטור־פּעריאָדע ניט פועל קיין ראַדיקאַלע אומגעשטאַלטונג. מען קאָן געדענקען, אַז די מאַנופאַקטור נעהמט איין בלויז טיילווייז די נאַציאָנאַלע פּראָדוקציאָן און רוהט אַלעמאָל אויף דער האַנדווערק פון שטאָדט און דער הויזליכער אינדוסטריע פון לאַנד. אויב זי פערניכטעט זיי וואו עס איז איין געוויסע פונקטען, אין בעזונדערע געשעפט־צווייגען, אונטער איין פאָרם, רופט זי זיי ווידער אַרויס אַנדערש־וואו, ווייל זי בעדאַרף זיי האָבען אויף צו בעאַרבייטען דעם רויה־מאַטעריאַל ביז צו אַ בעשטימטען גראַד. זי פּראָדוצירט דעריבער אַ נייעם קלאַס פון קליינע דאָרפס־לייט, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט ערד־אַרבייט בלויז אַלס נעבען־צווייג און טהוען הויפּטזעכליך אינדוסטריעלע אַרבייט, כדי צו פערקויפען זייערע פּראָדוקטען צו דער מאַנופאַקטור דירעקט אָדער דורך דער פערמיטלונג פון הענד־לער. דאָס איז איין גרונד, אויב אפילו ניט דער הויפּט גרונד, פון אַ ערשיינונג, וועלכע פערווירט פון אָנפאַנג דעם פאָרשער פון דער ענגלישער געשיכטע. פון דעם לעצטען דריטעל פון 15טען יאָהרהונדערט אָן געפינט ער נאָכאַנאַנד, אַ הוין נאָר אין אייניגע פּעריאָדען, ווי מען בעקלאָגט זיך וועגען דעם, וואָס די קאַפּיטאַל־ווירטשאַפט פערמעהרט זיך אויפ'ן לאַנד און די פויערים־ווירט־שאַפט ווערט אַלץ מעהר פערניכטעט. פון דער אַנדער זייט גע־פינט ער שטענדיג די פויערים־ווירטשאַפט זיך בעווייזענדיג פון דאָס ניי, ווען אפילו אין אַ פערמינערטער צאָהל און אונטער ער־גערע אומשטענדען.[285]

דער הויפּט גרונד איז: ענגלאַנד איז אין איין צייט הויפּט־

[285] אַז אויסנאַהם דערצו איז קראָמוועל'ס צייט. כל זמן די רעפּובליק האַט געוועהרט האַט זיך די ענגלישע פאָלקס־מאַסע אין אַלע איהרע שיכטען

דוקציאָנס־אופן גילטען אלס קאפיטאל בכלל — דער וואוכער־קאפיטאל און דער סוחר׳ישער קאפיטאל.

„געגענווערטיג,״ זאָגט אן ענגלישער שרייבער, וועלכער בע־טראכט אָבער ניט די ראָליע פון דעם סוחר׳ישען קאפיטאל, „געהט דער גאנצער רייכטום פון דער געזעלשאפט צוערשט אין די הענד פון דעם קאפיטאליסט . . . ער צאָהלט דעם גרונד־אייגענטימער די רענטע, דעם ארבייטער זיין לוין, דעם שטייער־און צעהנטען־זאמלער וואָס ער מאָהנט, און לאָזט א גרויסען טייל, אין פאקט דעם גרעסטען און שטענדיג צו־וואקסענדען טייל פון דעם יעהר־ליכען פראָדוקט פון דער ארבייט פאר זיך אליין. דער קאפיטאליסט קאָן איצט בעטראכט ווערן אלס דער ערשטער אייגענטימער פון דעם גאנצען געזעלשאפטליכען רייכטום, אָבוואויל קיין געזעץ האָט איהם קיין רעכט ניט געגעבען אויף דעם דאָזיגען אייגענטום. . . . אָט די ענדערונג אין דעם אייגענטום איז געקומען דורך נעהמען פראָצענטען אויף קאפיטאל . . . און עס איז גאנץ מערקווירדיג, אז די געזעצגעבער פון גאנץ אייראָפּא האָבען דאָס געוואָלט פער־הינדערן דורך געזעצען אנטקעגען דעם וואוכער. . . . די מאכט פון דעם קאפיטאליסט איבערן גאנצען רייכטום פון לאנד איז א פאָל־שטענדיגע רעוואָלוציע אין דעם אייגענטומס־רעכט, און דורך וועל־כען געזעץ אָדער דורך וועלכער רייה פון געזעצען איז זי דורכגע־פיהרט געוואָרן?״[239] דער פערפאסער האָט געזאָלט געדענקען, אז רעוואָלוציעס ווערן ניט געמאכט דורך געזעצען.

דער געלד־קאפיטאל, וואָס האָט זיך פאָרמירט דורך וואוכער און האנדעל, איז פערהינדערט געוואָרן פון צו ווערן פערוואנדעלט אין אינדוסטריעלען קאפיטאל דורך דער פעאָדאלער קאָנסטיטו־ציע אויפ׳ן לאנד און דורך דער צעך־אָרגאניזאציע אין די שטעדט.[240] אָט די שטערונגען זיינען פערשוואונדען מיט דער אויפלעזונג פון דער פעאָדאלער געזעלשאפט און מיט דער עקספּראָפּריאציע און

[239] "The Natural and Artificial Rights of Property Contrasted," London 1832, p. 98. דער פערפאסער פון אט דער אנאנימער שריפט איז Th. Hodgskin.

[240] אפילו נאך אין יאהר 1794 האבען די קליינע געוואנט־מאכער פון לידז געשיקט א דעפּוטאציע צום פּארלאמענט מיט א פּעטיציע פאר א געזעץ, וואס זאל פערבאטען יעדען סוחר צו ווערן א פאבריקאנט. (דר. אייקין, אין זיין אוי־בען ציטירטען ווערק, לאנדאן 1795.)

6. די ענטשטעהונג פון דעם אינדוסטרי־עלען קאפיטאליסט.

דער וואוקס פון דעם אינדוסטריעלען[238] קאפיטאליסט איז ניט פאָרגעקומען אויף דעמזעלביגען פאמעלאכדיגען אופן, ווי דער וואוקס פון דעם ארענדאטאָר. בלי ספק האָבען מאנכע קליינע צעך־מייסטערס און נאָך מעהר, זעלבסטשטענדיגע קליינע האנד־ווערקער, אָדער אפילו לוין־ארבייטער, זיך פערוואנדעלט אין אָנ־פאנג אין קליינע, ארויסשפּראָצענדיגע (ווערדענדע) קאפיטאליס־טען, און דערנאָך, דורך ביסלעכווייז אלץ ווייטערער עקספּלוא־טאציע פון לוין־ארבייטער און אלץ גרעסערער אקומלאציע, אין פאָלשטענדיגע קאפיטאליסטען. אין דער קינדהייטס־פעריאָדע פון דער קאפיטאליסטישער פּראָדוקציאָן האָט עס אָפט פּאסירט ווי אין דער קינדהייטס־פעריאָדע פון די מיטעלאלטערליכע שטעדט, וואו די פראגע, ווער פון די אנטלאָפענע לייבאייגענע זאָל זיין דער האר און ווער דער דיענער, איז גרעסטענטיילס בעשלאָסען געוואָרן דורך דעם פריהערדיגען אָדער שפּעטערדיגען דאטום ווען זיי זייי־נען אנטלאָפען געוואָרן. דער לאנגזאמער גאנג פון אָט דער מע־טאָדע האָט אויף קיין אופן זיך ניט געפּאסט צו די האנדעלס־נויי־טען פון דעם נייעם וועלט־מארק, וועלכען די גרויסע ענטדעקונגען פון 15טען י. ה. האָבען געשאפען. אָבער דער מיטעלאלטער האָט אריבערגעבראכט צוויי פערשיידענע פאָרמען פון קאפיטאל, וועל־כע וואקסען אויס אין די פערשיידענסטע עקאָנאָמישע געזעלשאפט־פאָרמאציעס, און פאר דער ערא פון דעם קאפיטאליסטישען פּראָ־

ווין סמיטה, פאסעט א. אז. וו., און ליבעראלע פאבריקאנטען, ווי דזשאהן ברייט און זיינע חברים, פרעגען די ענגלישע לאנד־אריסטאקראטען, אזוי ווי גאט האט געפרעגט קין׳ען אויף זיין ברודער הבל, וואו זיינען אונזערע טויזענדער „פריי־האלדערס” [זעלבסטשטענדיגע פויערים] אהינגעקומען? אבער פון וואנען זייט איהר דען ארויסגעקומען? פון דער פערניכטונג פון יענע „פריי־האלדערס.” ווארום פרעגט איהר ניט ווייטער, וואו זיינען אהינגעקומען די אונאבהענגיגע וועבער, שפינער, האנדווערקער?

[238] אינדוסטריעל ווערט דא געברויכט אין געגענזאץ צו אגריקולטורעל. אין דעם „קאטעגארישען” זין איז דער ארענדאטאר אז אינדוסטריעלער קאפי־טאליסט, אזוי גוט ווי דער פאבריקאנט.

דוקציאָנס־אופן אין דעם קאפיטאליסטישען און צו פערקירצען די איבערגאנג־צייטען. די געוואלט איז דער געבורטס־העלפער פון יעדער אַלטער געזעלשאפט, וועלכע איז שוואנגער מיט א נייער געזעלשאפט. זי גופא איז אַן עקאָנאָמישע מאכט (פּאָטענץ).

וועגען דעם קריסטליכען קאָלאָניאל־סיסטעם זאָגט א מאַן, וועלכער האָט דעם קריסטענטום געמאכט פאר זיין ספעציאליטעט — וו. האָוויט: „די באַרבאַריייען און שרעקליכע גרוילטהאַטען פון די אזויגערופענע קריסטליכע ראסען, אין יעדער געגענד פון דער וועלט און אנטקעגען יעדען פאָלק, וואָס זיי האָבען געקאָנט אונטעריאָכען, געפינען צו זיך קיין גלייכען ניט אין וועלכען עס איז צייטאלטער פון דער וועלט־געשיכטע, ביי וועלכער עס איז ראסע, ווי ווילד און אונגעבילדעט, ווי גרויזאם און אונפערשעהמט זי זאָל ניט זיין."[241] די געשיכטע פון דער האָלענדישער קאָלאָניאל־ווירטשאפט — און האָלאנד איז געווען די קאפיטאליסטישע מוסטער־נאציאָן פון דעם 17טען יאָהרהונדערט — „רעקט אויף אַן אונאיבערטרעפליך בילד פון פערראט, אונטערקויפונג, מאָרד און נידערטרעכטיגקייט."[242] קיין זאַך איז ניט אַזוי כאַראַקטעריסטיש ווי איהר סיסטעם פון גנב'נען מענשען אין צעלעבעס כדי צו קריגען שקלאווען פאר יאוואַ. די מענשען־גנבים זיינען אויסגעלערנט געוואָרן פאר דעם צוועק. דער גנב, דער דאָלמעטשער און דער פערקויפער זיינען געווען די הויפט־אַגענטען אין דעם דאָזיגען האנדעל, די איינגעבוירענע פרינצען זיינען געווען די הויפט־פערקויפער. די אָנגעגנב'טע יונגע מענשען זיינען אריינגעוואָרפען געוואָרן אין די געהיימע טורמעס פון צעלעבעס, ביז זיי זיינען גרייט געוואָרן פערשיקט צו ווערן אויף די שקלאַווען־שיפען. אַן אָפיציעלער בעריכט זאָגט: „אָט די איין שטאָדט

---

[241] Wm. Howitt. "Colonization and Christianity etc." London 1838, ס. 9. וועגען דער בעהאנדלונג פון די שקלאַווען איז א גוטע קאמפילאציע צוזאמענגעשטעלט געווארן פון שארל קאנט: "T aite de la Legislation." בריסעל 1837. מען מוז דעם דאזיגען מאטעריאל שטודירן, כדי צו זעהן, וואס דער בורזשוא מאכט פון זיך און פון דעם ארבייטער, וואו ער קאן אונזשעניִרט געשטאלטען די וועלט נאך זיין אייגענעם בילד.

[242] Thomas Stamford Raffles, "Java and its Dependencies," London 1817.

טיילווייזער פּעריאָגונג פון דער לאַנד־בעפעלקערונג. די נייע מאַ־נופאַקטור איז אויפגעבויט געוואָרן אין די האַפן־שטעדט, אָדער אין אינלענדישע פּונקטען אויסערהאַלב דעם קאָנטראָל פון אַלטע מוניציפּאַליטעטען און זייער צעך־אָרגאַניזאַציע. דעריבער האָבען מיר געזעהן אין ענגלאַנד א ביטערן קאַמף פון די „קאָרפּאָרייט טאַונז" [די אַלטע פּריווילעגירטע שטעדט] אנטקעגען די נייע אינ־דוסטריעלע פּלאַנץ־שוהלען.

די ענטדעקונג פון די גאָלד־און זילבער־לענדער אין אַמעריקאַ, די אויסראָטונג, פערשקלאַפונג און דאָס בעגראָבען פון דער איינגעבוירענער בעפעלקערונג אין די מינען, די אָנפאַנגענדע ער־אָבערונג און בערויבונג פון מזרח־אינדיען, די פערוואַנדלונג פון אַפריקא אין א פּלאַץ פאַר א האַנדעל־געיעג אויף די שוואַרץ־הויטיגע — בעצייכענען דעם זונען־אויפגאַנג פון דער ערא פון קאַ־פּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן. אָט די אידילישע פּראָצעסען זיינען די הויפּט־מאָמענטען פון דער אורשפּרינגליכער אַקומולאַ־ציע. גלייך נאָך זיי קומט די קאָמערציעלע מלחמה פון די אייראָפּעאישע נאַציאָנען, מיט דעם גאַנצען ערד־קוגעל אַלס די ארע־נא. זי פאַנגט זיך אָן מיט דעם אויפשטאַנד פון די נידערלענדער אנטקעגען שפּאַניען, נעהמט אָן א ריעזיגען אומפאַנג אין ענג־לאַנד'ס אנטי־יאַקאָבינער קריעג, און שפּילט זיך נאָך איצט אָב אין די רויב־צוגען, ווי למשל די אָפּיום־מלחמות אנטקעגען כינא א. אז. וו.

די פערשיידענע מאָמענטען פון דער אורשפּרינגליכער אַקו־מולאַציע פערטיילען זיך, מעהר אָדער ווייניגער אין א כראָנאָלאָ־גישער אָרדנונג, דערהויפּט אויף שפּאַניען, פּאָרטוגאַל, האָלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד. אין ענגלאַנד ווערן זיי ביים סוף 17טען י. ה. סיסטעמאַטיש צוזאַמענגעפאַסט אין דעם קאָלאָניאַל־סיסטעם, אין דעם סיסטעם פון שטאַאַט־שולדען, אין דעם מאָדערנעם שטייערן־סיסטעם און אין דעם שוץ־טאַריף סיסטעם. די דאָזיגע מע־טאָדען זיינען טיילווייז געבויט אויף דער ברוטאַלסטער געוואַלט, ווי צום ביישפּיעל דער קאָלאָניאַל־סיסטעם. אַלע אָבער האָבען בענוצט די שטאַאַט־מאַכט — די קאָנצענטרירטע און אָרגאַניזיר־טע געוואַלט פון דער געזעלשאַפט — כדי צו פערשנעלערן ווי אין א טרייב־הויז דעם פערוואַנדלונג־פּראָצעס פון דעם פעאָדאַלען פּראָ־

בע ביישפּיעלען. אַט איז איין פאַל. אַן אָפּיום קאָנטראַקט איז געגעבען געוואָרן צו אַ געוויסען סאַליוואַן אין דעם אויגענבליק, ווען ער איז אָבגעפאָהרן צוליעב אַן אָפיציעלען אויפטראַג אין אַ טייל פון אינדיען, וואָס איז געלעגען זעהר ווייט פון די אָפּיום־דיסטריקטען. סאַליוואַן האָט פערקויפט זיין קאָנטראַקט צו איי־נעם אַ געוויסען בינן פאַר 40,000 פונט סט.; בינן האָט דעם קאָנ־טראַקט פערקויפט דעמזעלבינגען טאָג פאַר 60,000 פונט סט., און דער לעצטער קויפער האָט דערקלערט, אז נאָך דעם אַלעם האָט ער אַרויסגעשלאָגען אַן אונגעהויערען ריוח. לויט איינעם פון די ליס־טען, וואָס זיינען פאָרגעלעגט געוואָרן פאַר'ן פּאַרלאַמענט, האָט די קאָמפּאַניע און איהרע בעאַמטע, פון 1757 ביז 1766, זיך געלאָזט שענקען פון די אינדיער 6 מיליאָן פונט סטערלינג! צווישען 1769 און 1770 האָבען די ענגלענדער פאַבריצירט אַ הונגער־צושטאַנד דורכדעם, וואָס זיי האָבען אָבגעקויפט די גאַנצע רייז פון לאַנד און האָבען עס ניט געוואָלט צוריק פערקויפען סיידען פאַר פאַבעלהאַפ־טיגע פּרייזען.[243]

די בעהאַנדלונג פון די איינגעבוירענע איז נאַטירליך געווען די שוידערליכסטע אין די פּלאַנטאַציעס, וואָס זיינען געווען בע־שטימט בלויז פאַר דעם עקספּאָרט־האַנדעל, דהיינו וועסט־אינדיען און אין די רייכע און געדיכט־בעפעלקערטע לענ־דער, ווי מעקסיקאָ און אָסט־אינדיען, וועלכע זיינען איבערגעגע־בען געוואָרן צו רויב און מאָרד. אָבער אפילו אין די ריכטיגע קאָ־לאָניעס האָט זיך ניט פערלייקענט דער קריסטליכער כאַראַקטער פון דער אורשפּרינגליכער אקומולאַציע. יענע ניכטערנע ווירטוו־אָזען פון דעם פּראָטעסטאַנטיזם, די פּוריטאַנער פון ניו־ענגלאַנד, האָבען אין יאָהר 1703, דורך בעשלוסען פון זייער „אַסעמבלי" [געזעצגעבענדע פערזאַמלונג] בעשטימט אַ פּרעמיום פון 40 פונט סט. פאַר יעדען אינדיאַנישען סקאַלפּ און פאַר יעדען געפאַנגע־נעם רויט־הויטיגען; אין יאָהר 1720 האָבען זיי בעשטימט אַ

[243] אין יאהר 1866 זיינען געשטארבען פון הונגער אין דער איינציגער פּראווינץ אריססא אריבער א מיליאן הינדוס. ניט קוקענדיג אויף דעם האט מען געזוכט צו בערייכערן די אינדישע שטאאט־קאסע דורך די פרייזען, מיט וועלכע מען האט פערקויפט די לעבענסמיטלען צו די פערהונגערטע מענשען.

פון מאַקאַסאַר, צום ביישפּיעל, איז פול מיט געהיימע טורמעס, איינע שוידערליכער פאַר דער אַנדערער, וועלכע זיינען אָנגעפּראָפּט מיט עלענדע, קרבנות פון גייציגקייט און טיראַניי, געשמידט אין קעטען, מיט געוואַלט אַוועקגעריסען פון זייערע פאַמיליען." כדי צו פערכאַפּען מאַלאַקקאַ, האָבען די האָלענדער אונטערגע־קויפט דעם פּאָרטוגעזישען גאָווערנאָר. ער האָט זיי אַריינגעלאָזט אין שטאָדט אין יאָהר 1641. זיי זיינען זאָפאָרט אַריינגעלאָפען צו איהם אין הויז און האָבען איהם ערמאָרדעט, כדי „אַבצוהאַל־טען זיך" פון צו בעצאָהלען איהם די 21,875 פונט סט., דעם פּרייז פון זיין פעררעט. וואו זיי האָבען נאָר אַריינגעשטעלט אַ פוס, איז געקומען אַ חורבן און אונטערגאַנג פון דער בעפעלקע־רונג. באַנזשואַוואַנגי, אַ פּראָווינץ פון יאַווא, האָט אין יאָהר 1750 געצעהלט אַריבער 80,000 איינוואוינער; אין 1811 זיי־נען נאָר געבליבען 8,000. אָט דאָס הייסט „דו קאָמערס" [זיסע קאָמערציע]!

די ענגלישע „איסט אינדיא קאָמפּאַני", ווי עס איז בעקאַנט, האָט בעקומען אַ חוץ די פּאָליטישע הערשאַפט אין מזרח־אינדיען, אויך דעם אויסשליסליכען מאָנאָפּאָל פון דעם טהעע־האַנדעל, אַזוי גוט ווי פון דעם כינעזישען האַנדעל בכלל, און אויך דעם טראַנס־פּאָרט־געשעפט פון און צו אייראָפּאַ. אָבער דעם ים־ברעג מסחר פון אינדיען און צווישען די אינזלען, ווי אויך דער אינלענדישער האַנדעל פון אינדיען, איז געוואָרן דער מאָנאָפּאָל פון די העכערע בעאַמטע פון דער קאָמפּאַניע. די מאָנאָפּאָלען פון זאַלץ, אָפּיום, בעטעל־פעפער און אַנדערע סחורות זיינען געוועזען אונאויסשעפּ־ליכע מינען פון רייכטום. די בעאַמטע האָבען אַליין פעסטגע־שטעלט דעם פּרייז און האָבען בערויבט דעם אומגליקליכען הינדו וויפיעל זייער הארץ האָט געגלוסט. דער גענעראַל־גאָווערנאָר האָט געהאַט אַ חלק אין דעם דאָזיגען פּריוואַט האַנדעל. זיינע פּאַוואָ־ריטען האָבען בעקומען קאָנטראַקטען אונטער בעדינגונגען, דורך וועלכע זיי האָבען קליגער ווי די אַלכעמיסטען געמאַכט גאָלד פון גאָרנישט. גרויסע פערמעגענס זיינען אַרויסגעשפּרונגען ווי שוועמ־לעך אין איין טאָג; די אורשפּרינגליכע אַקומולאַציע איז אָנגע־גאַנגען ניט האָבענדיג אויסגעלעגט אַן איינציגען שילינג. די גע־ריכטליכע פערפאָלגונג פון וואָרען הייסטינגס איז פול מיט אַזעל־

אָרימטער און ברוטאַלער אונטערדריקט איידער די פעלקער־מאַסען פון דעם איבעריגען אייראָפּאַ צוזאַמענגענומען.

היינט צו טאָג ברענגט די אינדוסטריעלע פאָרהערשאַפט מיט זיך די קאָמערציעלע פאָרהערשאַפט. אין דער אייגענטליכער מאַנופאַקטור־פּעריאָדע גיט פערקעהרט די קאָמערציעלע פאָרהערשאַפט אַ אינדוסטריעלע פאָרהערשאַפט. דערפון נעהמט זיך די איבערוועגענדע ראָליע, וואָס דער קאָלאָניאַל־סיסטעם האָט דאַמאָלסט געשפּיעלט. ער איז געוועזן „דער פרעמדער גאָט," וועלכער איז אַרויפגעקראָכען אויפ'ן מזבח נעבען די אַלטע געצען פון אייראָפּאַ און האָט זיי איין שעהנעם טאָג געגעבען עטליכע גוטע קלעפּ און אַריבערגעוואָרפען איבער'ן פּאַ־קאַן. ער האָט פּראָקלאַמירט די מעהרווערטה־מאַכעריי אַלס דעם לעצטען און איינציגען צוועק פון דער מענשהייט. ער איז געוועזן דער געבורטפּלאַץ פון דעם מאָדערנעם סיסטעם פון שטאַאַט־שולדען און קרעדיט.

דער סיסטעם פון עפענטליכען קרעדיט, דאָס הייסט פון שטאַאַט־שולדען, וועמעס אורשפּרונג מיר געפינען אין גענוא און ווענעדיג שוין אין מיטעלאַלטער, האָט אין דער מאַנופאַקטור־פּעריאָדע פערכאַפּט גאַנץ אייראָפּאַ. דער קאָלאָניאַל־סיסטעם מיט זיין ים־האַנדעל און קאָמערציעלע מלחמות האָט געדיענט פאַר דעם קרעדיט־סיסטעם ווי אַ טרייב־הויז. אָט אַזוי האָט ער זיך צוערשט איינגעפּעסטיגט אין האָלאַנד. די שטאַאַט־שולד, דאָס הייסט דעם שטאַאַט'ס אָבגעבען זיך — סיי ער איז דעספּאָטיש, קאָנסטיטוציאָנעל אָדער רעפּובליקאַניש — דריקט אַרויף איהר שטעמפּעל אויף דער קאַפּיטאַליסטישער ערא. דער איינציגער טייל פון דעם אַזויגערופענעם נאַציאָנאַל־רייכטום, וואָס געהט ווירקליך אַריין אין דעם קאָלעקטיוו־בעזיץ פון די מאָדערנע פעלקער, איז — זייער שטאַאַט־שולד.*243 דעריבער איז טאַקע גאַנץ קאָנזעקווענט די מאָדערנע לעהרע, אַז אַ פאָלק איז אַלץ רייכער, וואָס טיעפער עס פערשולדיגט זיך. דער עפענטליכער קרעדיט

*243 וויליאם קאבבעט בעמערקט, אז אין ענגלאנד ווערן אלע עפענטליכע אינסטיטוציעס בעצייכענט אלס „קעניגליכע"; אלס פערגיטיגונג דערפאר איז אבער דא די „נאציאנאל"־שולד (National Debt).

פרעמיום פון 100 פונט סט. פאר יעדען סקאלפ; אין 1744, נאָכ־דעם ווי מאסאטשוסעטס־בעי האָט דערקלערט א געוויסען שטאם אלס רעבעלען, זיינען געווען פאָלגענדע פרייזען: פאר א מאן'ס סקאלפ פון 12 יאָהר און עלטער 100 פונט סט. (אין ניי געלד), פאר מענליכע געפאנגענע 105 פונט סט., פאר געפאנגענע ווייבער און קינדער 55 פונט סט., פאר די סקאלפס פון ווייבער און קינדער 500 פונט סטערלינג! עטליכע צעהנדליג יאָהר שפעטער האָט דער קאָלאָניאל־סיסטעם נקמה גענומען פון דעם דור, וואָס האָט אָבגעשטאמט פון די פרומע „פילגרים" פאָטערס, וועלכע זיינען אונטער דער צייט געוואָרן רעבעליש. אונטער ענגלישע אָנ־רייצונג און פאר ענגלישען געצאָהלט זיינען זיי „טאָמאהאָוקד" גע־וואָרן פון די רויט־הויטיגע. דער בריטישער פארלאמענט האָט ז'ערקלעהרט, אז בלוט־הינט און סקאלפירן זיינען „מיטלען, וועלכע גאָט און נאטור האָבען אריינגעגעבען אין זיינע הענד."

דער קאָלאָניאל־סיסטעם האָט צייטיג געמאכט האנדעל און נאוויגאציע ווי א טרייב־הויז. די „געזעלשאפטען מאָנאָפאָליא" (לוטהער) זיינען געווען מעכטיגע הויבשטאנגען פאר דער קאָנ־צענטראציע פון קאפיטאל. די קאָלאָניען האָבען געזיכערט אן אָב־זאץ־מארק פאר די שפראָצענדע מאנופאקטורען, און דורך דעם מאָנאָפאָל פון מארק — א פערגרעסערטע אקומולאציע. די אוצרות, וואָס זיינען אָנגערויבט געוואָרן אויסערהאלב אייראָפא דורך דיי־רעקטער גזילה, פערשקלאפונג און רויב־מאָרד, זיינען געפלאָסען צוריק צו דער מוטער־לאנד און האָבען זיך דאָ פערוואנדעלט אין קאפיטאל. האָלאנד, וואָס האָט צוערשט פאָלשטענדיג ענטוויקעלט דעם קאָלאָניאל־סיסטעם, איז שוין אין יאָהר 1648 געשטאנען אויפ'ן הויכפונקט פון איהר האנדעלס־גרויסקייט. זי האָט גע־האט „כמעט אין איהר אויסשליסליכען בעזיץ דעם אָסט־אינדישען האנדעל און דעם פערקעהר צווישען דעם אייראָפעאישען דרום־מערב און צפון־מזרח. איהרע פישערייען, איהר מארין, איהרע מאנופאקטורען האָבען אריבערגעשטיגען יעדען אנדערן לאנד. די קאפיטאלען פון דער רעפובליק זיינען אפשר געווען בעדייטענדער איידער די קאפיטאלען פון דעם איבעריגען אייראָפא צוזאמענגענו־מען." גוליך פערגעסט צוצולעגען, אז די פאָלקס־מאסען אין האָלאנד זיינען שוין אין 1648 געווען מעהר איבערגעארבייט, פער־

געלד צו די רעגירונגען. עס איז דעריבער ניטאָ קיין ריכטיגערע מאָס, מיט וואָס צו מעסטען דאָס אָנוואוקסען פון די נאַציאָנאַלע שולדען, ווי דאָס כסדר׳דיגע שטייגען פון די אַקציעס פון די דאָזיגע באַנקען, וועלכע האָבען זיך פאָלשטענדיג ענטוויקעלט פון דער צייט אָן, וואָס די „באַנק אָוו ענגלאַנד״ איז געגרינדעט געוואָרן (1694). די באַנק אָוו ענגלאַנד האָט אָנגעפאַנגען דערמיט, וואָס זי האָט געליהען דער רעגירונג געלד אויף 8 פּראָצענט, און אין דער־זעלביגער צייט האָט דער פּאַרלאַמענט איהר געגעבען דאָס רעכט צו מינצען געלד פון דעמזעלביגען קאַפּיטאַל, דורכדעם וואָס זי האָט עס נאָכאַמאָל פערליהען דעם פּובּליקום אין דער פאָרם פון באַנק־נאָטען. זי האָט געמעגט מיט די דאָזיגע נאָטען דיסקאָנ־טירן וועקסלען, אויסלייהען געלד אויף פערקויפטע סחורות און איינקויפען די עדלע מעטאַלען. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, ווי דאָס דאָזיגע קרעדיט־געלד, וואָס זי האָט אַליין פאַבּריצירט, איז געוואָרן די מינץ, אין וועלכע די באַנק אָוו ענגלאַנד האָט גע־מאַכט אַנלייהען צו דעם שטאַאַט גופא און האָט געצאָהלט פאַר׳ן שטאַאַט די צינזען פון די עפענטליכע שולדען. ניט גענוג, וואָס זי האָט מיט איין האַנד געגעבען, כדי מיט דער אַנדער האַנד מעהר צוריקצונעהמען, איז זי נאָך געבליבען, אפילו בעת זי האָט גענו־מען, די אייביגע קרעדיטאָרין פון דער נאַציאָן ביז צום לעצטען שילינג, וואָס זי האָט אויסגעלעגט. ביסלעכווייז איז זי געוואָרן די אונפערמיידליכע קאַסע פון די מעטאַל־אוצרות פון לאַנד און דער מיטעלפּונקט, אַרום וועלכען דער גאַנצער האַנדעלס־קרעדיט דרעהט זיך. אַרום דערזעלביגער צייט, וואָס מען האָט אויפגע־הערט אין ענגלאַנד צו פערברענען מכשפות, האָט מען דאָרטען אָנ־געהויבען צו הענגען די, וואָס מאַכען פאַלשע באַנקנאָטען. וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס אויפקומען מיט איין מאָל פון דער דאָזיגער כאַלאַסטרע פון באַנקאָ־קראַטען, פינאַנציערען, רענטיערס, מעקלער, ספּעקולאַנטען און בערזען־וועלף, האָט געמאַכט אויף זייערע מיט־מענשען פון יענער צייט, בעווייזען די שריפטען פון יענער פּעריאָ־דע, צום ביישפּיעל באָלינגבראָוקס.**[243]

**[243] „ווען די טאַרטאַרען וואָלטען היינט פערפלייצט אייראָפּאַ, וואָלט עס געווען צימליך שווער זיי צו מאַכען בעגרייפען, וואָס דאָס איז ביי אונז אַ

ווערט די קרעדאָ [די אמונה] פון דעם קאַפּיטאַל. און מיט דעם ענטשטעהען פון דער שטאַאַט־פערשולדונג האָט די עבירה פון ניט זיין געטריי דעם שטאַאַט־שולד פערנומען דעם פּלאַץ פון דער לעס־טערונג פון דעם הייליגען גייסט, פאַר וועלכער עס איז ניטאָ קיין כפּרה.

די עפענטליכע שולד ווערט איינער פון די העכסטע ענערגי־שע הויבשטאַנגען פון דער אורשפּרינגליכער אקומולאַציע. אַזוי ווי מיט אַ קלאַפּ פון דעם צויבער־שטעקעלע בעשענקט זי דאָס אונפּראָדוקטיווע געלד מיט אַ שאַפונגס־קראַפט און פערוואַנדעלט עס אויף דעם אופן אין קאַפּיטאַל, ניט האָבענדיג אפילו נויטיג אויס־צוזעצען זיך צו דער טרחה און ריזיקע, וואָס איז אַלעמאָל פער־בונדען מיט אריינלעגען געלד אין דער אינדוסטריע אָדער אפילו אין פּריוואַטען וואוכער. די שטאַאַט־קרעדיטאָרען גיבען אין דער ווירקליכקייט גאָרנישט, וואָרים די געליהענע סומע ווערט פער־וואַנדעלט אין עפענטליכע שולד־פּאַפּיערען, וועלכע זיינען עובר לסוחר [לייכט נעגאָציאַבעל], און פונקציאָנירן אין זייערע הענד פּונקט ווי זיי וואָלטען געווען מזומן געלד. אָבער שוין אויסלאָ־זענדיג פון בעטראַכט דעם קלאַס לעדיג־געהענדע רענטיערס, וואָס ווערן דורכדעם געשאַפען, ווי אויך דעם איבערנאַכט־אויסגעוואַק־סענעם רייכטום פון די פינאַנציערען, וואָס שפּיעלען די ראָליע פון מעקלער צווישען דער רעגירונג און דעם פאָלק — אָבגעזעהן אויך פון די שטייערן־ארענדאַטאָרס, סוחרים, פּריוואַט־פאַבריקאַנטען, פאַר וועמען אַ גוט שטיק פון יעדער נאַציאָנאַלער הלואה דיענט ווי אַ פון הימעל ארונטערגעפאַלענער קאַפּיטאַל — האָט די שטאַאַט־שולד ארויסגעבראַכט די אַקציען־געזעלשאַפטען, דעם האַנדעל מיט נעגאָציאַבלע ווערטה־פּאַפּיערען פון אַלערליי סאָרטען, געוואַגטע ספּעקולאַציעס, אַגיאָטאַזש [דאָס הויבען און וואַרפען דעם פּרייז פון די אַקציעס אויף דער בערזע], מיט איין וואָרט: דעם בער־זען־שפּיעל און די מאָדערנע באַנקאָ־קראַטיע.

פון זייער געבורט אָן זיינען די גרויסע באַנקען, וואָס זיינען דעקאָרירט מיט נאַציאָנאַלע טיטולען, געווען בלויז געזעלשאַפטען פון פּריוואַטע ספּעקולאַנטען, וועלכע האָבען זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די רעגירונגען, און אַ דאַנק די פּריווילעגיען, וואָס זיי האָבען בעקומען, זיינען זיי געווען אימשטאַנד אויסצולייהען

טראָגט דעריבער אין זיך אַליין דאָס זוימען־קערענדעל פון א אויטאָמאַטישען וואקסען. די צו־שווערע בעשטייערונג איז ניט א צופאַל, נאָר ריכטיגער א פּרינציפּ. אין האָלאַנד, וואו דער דאָזיגער סיסטעם איז צוערשט איינגעפיהרט געוואָרן, האָט דעריבער דער גרויסער פּאַטריאָט דע וויטט דאָס געלויבט, אין זיינע „מאַקסימען" [לעבענס־כּללים], אלס דעם בעסטען סיסטעם, כּדי צו האַלטען דעם לוין־אַרבייטער אונטערטעניג, שפּאָרזאַם, פלייסיג און . . . איבערלאָדען מיט ארבייט. דער צערשטערענדער איינפלוס, וואָס אָט דער סיסטעם איבט אויס אויף די לוין־ארבייטער גופא, אינטערעסירט אונז דאָ אין דעם מאָמענט ווענ׳גער, איידער די געוואַלטזאַמע עקספּראָפּריאַציע פון דעם פויער, דעם האַנדווערקער און אין קורצען, פון אַלע בעשטאַנדטיילען פון דעם נידעריגען מיטעלקלאַס, וואָס קומט אַלס רעזולטאַט דערפון. וועגען דעם זיינען גיטאָ קיין צוויי מיינונגען אפילו ביי די בורזשואזע עקאָנאָמיסטען. זיין עקספּראָפּריאירענדע ווירקזאַמקייט ווערט נאָך פערשטאַרקט דורך דעם שוץ־טאַריף סיסטעם, וועלכער איז איינער פון זיינע וויכטיגע טיילען.

די גרויסע ראָליע, וואָס די שטאַאַט־שולדען און דער מאָדערנער שטייערן־סיסטעם שפּילען ביי דער פערוואַנדלונג פון׳ם געזעלשאַפטליכען רייכטום אין קאַפּיטאַל, ביי דער עקספּראָפּריאַציע פון די זעלבסטשטענדיגע פּראָדוצירער און דער אונטערדריקונג פון די לוין־ארבייטער, האָט פערפיהרט פיעלע שרייבער, ווי קאָבעטט, דאָבלדעי און אַנדערע, צו זוכען אין דעריין די גרונד־אורזאַך פון דעם גאַנצען מאָדערנעם פאָלקס־עלענד.

דער סיסטעם פון „פּראָטעקציאָן" [שוץ־טאַריף] איז געוועזן א קינסטליכער מיטעל צו פאַבריצירן פאַבריקאַנטען, צו עקספּראָפּריאירן אונאָבהענגיגע ארבייטער, צו קאַפּיטאַליזירן די נאַציאָנאַלע פּראָדוקציאָנס־ און לעבענס־מיטלען, צו פערקירצען מיט געוואַלט דעם איבערגאַנג פון דעם אַלטערטימליכען אין דעם מאָדערנעם פּראָדוקציאָנס־אופן. די אייראָפּעאישע שטאַאַטען האָבען זיך ארומגעריסען וועגען דעם פּאַטענט פון דער דאָזיגער ערפינדונג, און וויבאַלד ער איז אריינגעטראָטען אין דיענסט פון די מעהרווערטה־מאַכער, האָבען זיי פאַר דעם צוועק געשונדען די הויט ניט בלויז פון דעם אייגענעם פאָלק, אינדירעקט דורך שוץ־

צוזאמען מיט די שטאאט־שולדען איז ענטשטאנען א אינ־טערנאציאנאלער קרעדיט־סיסטעם, וועלכער האט גאנץ אפט פער־דעקט איינעם פון די קוואלען פון דער אורשפרינגליכער אקומו־לאציע ביי איין פאלק אדער אנאנדערן. אט אזוי האבען די געמיינ־הייטען פון דעם ווענעציאנישען רויב־סיסטעם געשאפען אזא פער־בארגענע גרונדלאגע פון דעם קאפיטאל־רייכטום אין האלאנד, וועמען די אונטערגעהענדע ווענעדיג האט געליהען גרויסע סומען געלד. פונקט דיזעלביגע שייכות איז אויך געווען צווישען האלאנד און ענגלאנד. שוין אין אנהויב פון 18טען יאהרהונדערט זיינען די מאנופאקטורען פון האלאנד ווייט אריבערגעשטיגען גע־ווארן, און זי האט אויפגעהערט צו זיין די הערשענדע האנדעל־און אינדוסטריע־נאציאן. איינס פון איהרע הויפט־געשעפטען, פון 1701 ביז 1776, ווערט דעריבער דאס אויסלייהען פון אונגעהויערע קאפיטאלען, ספעציעל צו איהר איבערמעכטיגען קאנקורענט ענגלאנד. עהנליכעס קומט איצט פאר צווישען ענגלאנד און די פעראייניגטע שטאאטען. מאנכער קאפיטאל, וואס טרעט ארויס אין די פעראייניגטע שטאאטען אהן א געבורטשיין, איז ערשט נעכטען קאפיטאליזירט געווארן אין ענגלאנד פון קינדער־בלוט.

אזוי ווי די שטאאט־שולדען שטיצען זיך אויף די שטאאט־הכנסות, וועלכע מוזען דעקען די יעהרליכע צינזען און אנדערע צאהלונגען, איז דער מאדערנער סיסטעם פון שטייערן געווארן א נויטווענדיגע ערגענצונג פון דעם סיסטעם פון נאציאנאלע אנ־לייהען. די אנלייהען גיבען דער רעגירונג די מעגליכקייט צו מא־כען אויסערגעוועהנליכע אויסגאבען, וועלכע דער שטייערן־צאה־לער פיהלט ניט גלייך, אבער די אויסגאבען פאדערן דאך העכערע שטייערן שפעטער. פון דער אנדער זייט צווינגען די הויכע שטיי־ערן, וואס זיינען פעראורזאכט געווארן דורך די כסדר־געמאכטע שולדען, שטענדיג אויפצונעהמען נייע אנלייהען ביי יעדע נייע אויסערגעוועהנליכע אויסגאבען. דער מאדערנער פינאנץ־סיסטעם פון שטאאט, וואס זיין דרעה־אקס זיינען די שטייערן אויף די נויטיגסטע לעבענסמיטלען (פערהעכערענדיג דערמיט זייער פרייז),

---

פינאנץ־מאן." (מאנטעסקיו, „עספרי דע לוא," לאנדאן אויסגאבע, 1769, באנד A I. 33.)

ער זאָגט: „עס איז אפשר כדאי דאָס פובליקום זאָל זיך פערטראַכטען, צו וועלכע עס איז אינדוסטריע, וואָס פאָדערט פאַר איהר ערפאָלג ז׳ זאָל אוועק׳גנב׳נען אָרימע קינדער פון די קאָטעדזשעס און וואָרקהאוזעס; וואָס פאָדערט זי זאָל זיי האַלטען שיכטענווייז ביי דער אַרבייט כמעט גאַנצע נעכט און זיי בערויבען פון דעם אָברוה, וואָס איז אזוי נויטיג פאַר אַלעמען און נאָך מעהר פאַר קינדער; וואָס פאָדערט, אז מאַסען ארבייטער פון ביידע געשלעכטער, פון פערשיידענע עלטערס און נייגונגען, זאָלען אזוי צוזאַמענגעוואָרפען ווערן אינאיינעם, אַז די אָנשטעקונג פון שלעכטע ביישפּיעלען מוז פיהרען צו פערדאָרבענקייט און אויסגעלאַסענקייט — צי אָט אַזאַ אינדוסטריע קאָן פערמעהרן די סומע פון אינדיווידועלען אָדער נאַציאָנאַלען גליק?״[245]

„אין דערבישיר, נאָטינגהאמשיר און בעזונדערס אין לאַנקאַשיר,״ זאָגט פיעלדען, „איז די אונלענגסט ערפונדענע מאַשינעריע אָנגעווענדעט געוואָרן אין גרויסע פאַבריקען געבויט ביי די ברעגטייכען, וואו דער שטראָם האָט געקאָנט דרעהען די וואַסער־ראָד. טויזענדער הענד האָבען זיך מיט אַמאָל געפאָדערט אין די דאָזיגע פלעצער, וואָס זיינען געווען ווייט פון שטעדט; ספּעציעל לאַנקאַשיר, וועלכע איז ביז יענער צייט פערגלייכמעסיג געווען שיטער בעפעלקערט און ניט־פּרוכטבאַר, האָט איצט מעהר ווי אַלץ נויטיג געהאַט אַ בעפעלקערונג. דערהויפּט האָט מען געזוכט צו קריגען די קליינע און פלינקע פינגער. מיט איין מאָל איז אויסגעוואַקסען דער איינפיהר צו בעציהען לעהרלינגע (!) פון די פערשיידענע קהלה־וואָרקהאוזעס פון לאָנדאָן, בירמינגהאם און אַנדערשוואו. פיעלע, פיעלע טויזענדער פון די דאָזיגע קליינע הילפלאָזע בעשעפּינשען, פון 7 ביז 13 אָדער 14 יאָהר אַלט, זיינען אזוי אַריבערגעשיקט געוואָרן אין אָט די צפון־געגענדען. דער מנהג איז געווען, אַז דער מייסטער (ד. ה. דער קינדער־גנב) האָט בעדאַרפט זיינע לעהרלינגע קליידען, שפּייזען און לאָזשירן אין אַ לעהרלינג־הויז נאָהענט נעבען דער פאַבריק. אויפזעהער זיינען בעשטעלט געוואָרן, אויפצופּאַסען אויף זייער אַרבייט. עס איז געווען אין די אינטערעסען פון די דאָזיגע שקלאַווען־טרייבער צו

[245] ערעז, „דהי סטייט אוו דהי פּור,״ בוך 2, קאַפּיטעל 1, ז. 421.

אָבצאָהלונגען און דירעקט דורך עקספּאָרט־פּרעמיען א. אז. וו. זיי האָבען מיט געוואַלט אויסגעוואָרצעלט אַלע אינדוסטריען אין זייערע אָבהענגיקע לענדער, ווי ענגלאַנד האָט צום ביישפּיעל געטאָן מיט דער איירישער וואָל־מאַנופאַקטור. אויף דעם אייראָפּעאישען קאָנטינענט איז דער פּראָצעס, לויט קאָלבערט'ס ביישפּיעל, נאָך זעהר פערייינפאַכט געוואָרן. דער אורשפּרינגליכער קאַפּיטאַל פון די אינדוסטריעלע איז דאָ טיילוויז געקומען דירעקט פון דער שטאַאַט־קאַסע. „צו וואָס דאַרף מען געהן אזוי ווייט זוכען — שרייט אויס מיראַבאָ — די אורזאַך פון זאַקסען'ס מאַנופאַקטור גלאַנץ פאַר דעם זיעבען יאָהריגען קריעג? 180 מיליאָן שטאַאַט־שולדען!"[244]

קאָלאָניאַל־סיסטעם, שטאַאַט־שולדען, שווערע שטייערן, פּראָטעקציאָן, קאָמערציעלע מלחמות א. אז. וו. — אָט די יונגע שפּראָצונגען פון דער אייגענטליכער מאַנופאַקטור־פּעריאָדע, זיינען ריעזיג אויסגעוואַקסען אין פערלויף פון דער קינדער־פּעריאָדע פון דער גרויס־אינדוסטריע. די געבורט פון דער גרויס־אינדוסטריע ווערט געפייערט דורך א גרויסער אויסשלאַכטונג פון די אומשולדיגע. אזוי ווי די קיניגליכע פלאָטע, אזוי קריגען די פאַבריקען זייערע רעקרוטען דורך דער מעטאָדע פון כאַפּען. סער פ. מ. עדען, וועלכער איז אזוי האַרטהערציג אנטקעגען די שרעקליכקייטען פון דער עקספּראָפּריאַציע, וואָס האָט אוועקגערויבט דעם גרונד און באָדען פון דער לאַנד־בעפעלקערונג זינט דעם לעצטען דריטעל פון 15טען י. ה. ביז צו זיין צייט, דעם סוף פון 18טען י. ה.; וועלכער גראַטולירט מיט אזא זעלבסט־געפעליגקייט דעם דאָזיגען פּראָצעס, וואָס איז „נויטווענדיג," כדי איינצופיהרען די קאַפּיטאַליסטישע אגריקולטור און „די ריכטיגע פּראָפּאָרציע צווישען אקער־לאַנד און פוטער־פעלדער" — ווייזט דאָגעגען ניט ארויס ריזעלביגע עקאָנאָמישע איינזיכט אין דער נויטווענדיגקייט פון דעם קינדער־רויב און דער קינדער־שקלאַווערייי פאַר דער פערוואַנדלונג פון דעם מאַנופאַקטור־בעטרייב אין דעם פאַבריק־בעטרייב און פאַר דער איינפיהרונג פון דער ריכטיגער שייכות צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט־קראַפט.

[244] מיראַבאָ, „וועגען דער פּרייסישער מאָנאַרכיע" (פראַנצויזיש), לאָנדאָן 1788, באַנד 6, ז. 101.

פון קאפיטאל־אקומולאציע. לעזט צום ביישפיעל די נאאיווע האנדעלס־אנאלען פון דעם עהרווירדיגען א. אנדערסאן. עס ווערט דארט פאנאנדערגעפויקט אלס א נצחון פון דער ענגלישער שטאאטס־חכמה, וואס אין דעם פריעדען פון אוטרעכט (1713) האט ענגלאנד ארויסגעקריגען פון די שפאניער דורך דעם אזיענטא־פערטראג די פריווילעגיע צו מעגען אנפיהרן דעם נעגער־האנדעל, וואס זי האט פריהער בעטריבען נאר צווישען אפריקא און דער ענגלישער וועסט־אינדיע, אויך צווישען אפריקא און דער שפאנישער אמעריקא. ענגלאנד האט דורכדעם געקריגען דאס רעכט צו בעזארגען די שפאנישע אמעריקא ביז 1743 מיט 4800 נעגער א יאהר. דאס האט אין דערזעלביגער צייט געגעבען אן אפיציעלען דעקמאנטעל פאר דעם בריטישען האנדעל מיט קאנטרעבאנדע. לי־

ז. 5 און 6. וועגען די גאר ערשטע שאנדטהאטען פון דעם פאבריק סיסטעם זעה דר. אייקין אין זיין אויבען ציטירטען בוך, ז. 219, און גיסבארן'ס "Enquiry into the Duties of them" 1795, באנד 2. — אזוי ווי די דאמפמאשין האט אריבערגעזעצט די פאבריקען פון די וואסער־פאלען אויפ'ן לאנד אין מיטען פון די שטדעט, האט דער „ענטזאגונגסלוסטיגער" מעהרווערטה־מאכער געפונען דעם קינדער־מאטעריאל גלייך ביים האנד און האט ניט געדארפט זיך לאזען צושטעלען מיט געוואלט שקלאווען פון ווארקהאוז. — ווען סער ר. פיעל (דער פאטער פון דעם „מיניסטער פון פלאוזיביליטעט") האט אריינגעבראכט זיין „ביל" צו בעשיצען די קינדער (אין יאהר 1815), האט פראנסיס הארנער (דער מאור הגדול פון דעם ביליאן־קאמיטעט און א אינטימער פריינד פון ריקארדא) געזאגט אין „האוז אוו קאממאנס": „עס איז אלגעמיין בעקאנט, אז אויף אן עפענטליכען אויספערקויף פון די ווערטה זאכען פון א באנקראטירער איז אנאנסירט געווארן צום פערקויף א באנדע, אויב ער מעג געברויכען א״א אויסדרוק, פאבריק־קינדער אלס א טייל פון דעם אייגענטום. פאר צוויי יאהרען (1813) איז פארגעקומען א העכסט אבשייליכער פאל פאר דעם „קינג'ס בענטש" [אויבער־געריכט]. עס האט זיך געהאנדעלט וועגען א געוויסער צאהל קליינע אינגלעך. א קירכען־קהלה פון לאנדאן האט זיי פערשאכערט צו א פאבריקאנט; דער פאבריקאנט האט זיי ווידער פערשאכערט צו אנאנדערן. שליסליך זיינען די קינדער ענטדעקט געווארן פון אייניגע וואוילטהעטיגע מענשען אין א צושטאנד פון אבסאלוטער פערהונגערונג. וועגען אנאנדער פאל, נאך א מעהר שוידערליכען, האט ער זיך דערוואוסט אלס מיטגליעד פון א פארלאמענטארישען אונטערזוכונג־קאמיטעט. עטליכע יאהר צוריק האט א לאנדאנער קירכען־קהלה אבגעמאכט א קאנטראקט מיט א פאבריקאנט פון לאנקאשיר, לויט וועלכען דער פאבריקאנט מוז אויף יעדע 20 געזונדע קינדער אננעהמען אין דער קניה 1 אידיאט."

מאכען די קינדער ארבייטען ביז צום לעצטען גרעניץ, ווארים זייער ענטהאלט איז אבגעהאנגען פון דעם סכום פראדוקטען, וואס האט געקאנט ארויסגעפרעסט ווערן פון יעדען קינד. גרויזאמקייט איז געווען די נאטירליכע פאלגע. . . . אין א סך פאבריק־דיסטריקטען, ספעציעל אין לאנקאשיר, זיינען פראקטיצירט געווארן די הארצ־רייסענדסטע ענוים אויף אט די אומשולדיגע, פריינדליכע בעשע־פעניש׳ען, וועלכע זיינען איבערגעגעבען געווארן צו די פאבריק־מייסטערס. זיי זיינען געיאגט געווארן צום טויט דורך צופיעל ארבייט . . . מען האט זיי געשמיסען, געבונדען אין קעטען און געפייניגט מיט די העכסט ראפינירטע גרויזאמקייטען . . . אין א סך פעלען זיינען זיי פערמארעט געווארן פון הונגער ביז הויט און ביין, בעת די בייטש האט זיי געטריבען צו דער ארבייט. . . . און איניגע פעלען זיינען זיי געטריבען געווארן צו בעגעהן זעלבסט־מארד! . . . די שעהנע און ראמאנטישע טאלען פון דערבישיר, נאטינגהאמשיר און לאנקאשיר, ווייט פון די אויגען פון דער עפענטליכקייט, זיינען געווארן שוידערהאפטע איינזאמע תפיסות פון פייניגונג און אפט פון מארד! . . . די פראפיטען פון די פאב־ריקאנטען זיינען געוועזן אונגעהויער גרויס. דאס האט אבער נאר געדייצט זייערע וועלפעשיע אפעטיטען. זיי האבען איינגעפיהרט די נאכט־ארבייט; דאס הייסט, נאכדעם ווי זיי האבען איין גרו־פע הענד אויסגעמאטערט דורך דער בייטאגיגער ארבייט, האבען זיי געהאלטען גרייט אנאנדער גרופע פאר דער נאכט־ארבייט. די טאג־גרופע האט זיך געלעגט אין די בעטען, וואס די נאכט־גרופע האט אקארשט פערלאזען, און די נאכט־גרופע איז ארייגעקראכען אין די בעטען, וואס די טאג־גרופע האט ערשט בעפרייט. עס איז א געוועהנליכע טראדיציע אין לאנקאשיר, אז די בעטען קיהלען זיך קיינמאל ניט אב.״[246]

מיט דער ענטוויקלונג פון דער קאפיטאליסטישער פראדוק־ציאן אין משך פון דער מאנופאקטור־פעריאדע האט די עפענטלי־כע מיינונג פון אייראפא פערלארן דאס לעצט ביסעל שאנדע און איהר געוויסען. די נאציאנען האבען זיך ציניש בעריהמט מיט יעדער אינפאמיע, וועלכע האט זיי נאר געדיענט פאר א מיטעל

[246] דזשאהן פיעלדען: "The Curse of the Factory System." לאנדאן 1836,

„קומט אויף דער וועלט מיט א מיטגעבאָרענעם בלוט־פלעק אויף איין באק,"[249] דאן קומט דער קאפיטאל טריפענדיג פון קאָפּ ביז די פיס, פון יעדען הויט־גריבעל, מיט בלוט און שמוץ.[260]

7. די היסטאָרישע טענדענץ פון דער קאפיטאליסטישער אקומולאציע.

וואָס איז דער תמצית, אין וועלכען עס דריקט זיך אויס די אורשפרינגליכע אקומולאציע פון קאפיטאל, דאָס הייסט זיין היס־טאָרישער אורשפרונג? אויף אזויפיעל, וואָס זי איז ניט א די־

אז. וו., פון דער אנדער זייט צו יענע ארבייטער, וועלכע זיינען נאך ניט קיין אבגעפליקטע היהנער, נאר זיינען אייגענטימער פון זייערע ארבייט־מיטלען. פון די גענצביכער איז דער אויסדרוק „לייבארינג פור" אריבערגעגאנגען אין דער פאליטישער עקאנאמיע: פון קולפעפער, דזש. טשיילד א. אז. וו. ביז צו אדאם סמיטה און ערען. דערפון קאן מען אורטיילען דעם „גוטען גלויבען" פון דעם "execrable political cant - monger," [דעם העסליכען פאליטישען פראַ־זען־דרעשער] עדמונד בוירק, ווען ער רופט אן דעם אויסדרוק „לייבארינג פור" "execrable Political cant," [א העסליכע פאליטישע פראזע]. אט דער פרעס־לאקיי, וועלכער האט געשפיעלט דעם ראמאנטיקער אנטקעגען דער פראנ־צויזישער רעוואלוציע, בעת ער איז געווען א פערקויפטער צו דער ענגלישער אליגארכיע, פונקט ווי ער האט געשפיעלט די ראליע פון א ליבעראל אנטקע־גען דער ענגלישער אליגארכיע, בעת ער איז געווען א פערקויפטער צו די נארד־אמעריקאנישע קאלאניעס, אין אנהויב פון די אמעריקאנער אונרוהען — איז געווען דורך און דורך א וואולגארער בורזשוא. „די געזעצע פון האנדעל זיינען די געזעצע פון דער נאטור און פאלגליך די געזעצע פון גאט." E. Burke, "Thoughts and Details on Scarsity," London 1800, p. 31. קיין וואונדער ניט, וואס ער האט שטענדיג, געטריי צו די געזעצע פון גאט און דער נאטור, זיך אליין פערקויפט אויף דעם בעסטען מארק! איז רעוורענד טאקער'ס שריפטען — טאקער איז געווען א גלח און א טארי, זאנסט אבער אן אנשטענדיגער מענש און א טיכטיגער פאליטישער עקאנאם — קאן מען גע־פינען זעהר א גוטע כאראקטעריסטיק פון אט דעם עדמונד בוירק, בעת ער איז געווען א ליבעראל. ביי דער שענדליכער כאראקטערלאזיגקייט, וואס הערשט היינט צו טאג און גלויבט אונטערטעניגסט אין „די געזעצע פון האנדעל," איז עס א פליכט צו בראנדמארקען ווידער און ווידער די בוירקס, וועלכע אונטערשיידען זיך פון זייערע נאכפאלגער נאר מיט איין זאך — טאלאנט!

[249] Marie Augier, "Du Credit Public."

[260] „דער „קווארטערלי רעוויוער" זאגט, אז קאפיטאל פערשפרייט טומעל

ווערפּול איז פעט געוואָרן אויף דעם באַזיס פון שקלאַווען־האַנדעל. דאָס איז געווען איהר מעטאָדע פון דער אורשפּרינגליכער אַקומו־לאַציע. און ביז דעם היינטיגען טאָג זיינען די ליווערפּולער פּני דער פינדאַר פון דעם שקלאַווען־האַנדעל, וועלכער האָט, לויט דער ציטירטער שריפט פון דר. אייקין פון יאָהר 1795, „דערהויבען דעם קאָמערציעלען אונטערנעהמונגס־גייסט ביז צו אַ ליידענשאַפט, האָט געשאַפען בעריהמטע שיף־קאַפּיטאַנען און אריינגעבראַכט אונ־געהויערע סומען געלד.‟ ליווערפּול האָט אין יאָהר 1730 בעשעפ־טיגט 15 שיפען, אין 1751 — 53, אין 1760 — 74, אין 1770 — 96 און אין 1792 — 132 שיפען.

בעת די באַוועל־אינדוסטריע האָט אין ענגלאַנד איינגעפיהרט די קינדער־שקלאַווריי, האָט זי אין דערזעלביגער צייט געגעבען אין די פעראייניגטע שטאַאַטען אַן אָנרעגונג פאַר דער פערוואַנדלונג פון דער פריהערדיגער מעהר אָדער ווייניגער פּאַטריאַרכאַלישער שקלאַווען־ווירטשאַפט אין אַ קאָמערציעלען סיסטעם פון עקספּלו־אַטאַציע. איבערהויפּט האָט די פערדעקטע שקלאַווריי פון די לוין־אַרבייטער אין אייראָפּאַ געדאַרפט האָבען פאַר איהר גרונד־לאַגע די ניט־פערדעקטע שקלאַווריי אין דער נייער וועלט.[247]

טאַנטאַע מאָלים עראַט [אַזוי פיעל מיה קאָסט עס] צו ענטבינדען די „אייביגע נאַטור־געזעצען‟ פון דעם קאַפּיטאַליס־טישען פּראָדוקציאָנס־אופן, דורכצופיהרען דעם צושיידונג־פּראָצעס צווישען די אַרבייטער און די אַרבייט־בעדינגונגען, אויף איין פּאָ־ליוס צו פערוואַנדלען די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָן־ און לע־בענס־מיטלען אין קאַפּיטאַל, און אויף דעם אַנטקעגענדיגען פּאָ־ליוס — די פאָלקס מאַסע אין לוין־אַרבייטער, אין פרייע „אַר־בייטענדע קבצנים‟, אין אָט דעם קינסטליכען פּראָדוקט פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט.[248] אויב דאָס געלד, ווי אַוגיער זאָגט,

[247] אין יאָהר 1790 זיינען אין דער ענגלישער וועסט־אינדיע געווען 10 שקלאַווען אויף 1 פרייען, אין דער פראַנצויזישער — 14 אויף 1, אין דער האָ־לענדישער — 23 אויף 1 Heury Brougham, "An Inqiry into the Coloni:l Po-licy of the European Powers," Edinburgh 1803, Vol. II, p. 74.

[248] דער אויסדרוק „אַרבייטענדע קבצנים‟ (labouring pcor) געפינט זיך אין די ענגלישע געזעצען פון דער צייט אַן, ווען דער קלאַס לוין־אַרבייטער הויבט זיך אָן צו לאָזען מערקען. די „לייבאָרינג פּור‟ שטעהען אין געגענזאַץ פון איין זייט צו די idle poor [די לעדיג־געהענדע קבצנים], בעטלער אַ.

נאָר וואו דער ארבייטער איז דער פרייער פריוואט־אייגנטימער פון די ארבייט־בעדינגונגען, וואָס ער געברויכט מיט זיינע אייגענע הענד — דער פויער פון דער ערד, וואָס ער בעארבייט, דער האנד־ווערקער פון דעם געציינ, וועלכען ער געברויכט ווי א קינסטלער.

אָט דער אופן פון פראָדוקציאָן איז משער א צעשפליטערונג פון דעם באָדען און פון די איבעריגע פראָדוקציאָנס־מיטלען. אזוי ווי ער שליסט אויס די קאָנצענטראציע פון די פראָדוקציאָנס־מיט־לען, אזוי שליסט ער אויך אויך די קאָאָפעראציע, די צוטיילונג פון דער ארבייט אין דעמזעלביגען פראָדוקציאָנס־פראָצעס, די גע־זעלשאפטליכע בעהערשונג און רעגולירונג פון דער נאטור און די פרייע ענטוויקלונג פון די געזעלשאפטליכע פראָדוקטיוו־קרעפטען. ער פערטראָגט זיך נאָר מיט ענגע נאטור־געוואקסענע גרעניצען פון דער פראָדוקציאָן און דער געזעלשאפט. פעראייביגען איהם, וואָלט געהייסען, ווי פעקע'ר זאָגט גאנץ ריכטיג: „פעראייביגען על פי דעקרעט די אלגעמיינע מיטעלמעסיגקייט.” דערגרייכענ־דיג א געוויסען הויך־גראד, רופט ער ארויס אין לעבען, די מאטע־ריעלע מיטלען פון זיין אייגענער פערניכטונג. פון אָט דעם אוי־גענבליק אָן הויבען זיך אָן צו רודערן קרעפטען און ליידענשאפ־טען אין שויס פון דער געזעלשאפט, וועלכע פיהלען זיך ווי זיי זיינען געפענטעט פון איהר. זי מוז פערניכטעט ווערן; זי ווערט פערניכטעט. איהר פערניכטונג, די פערוואנדלונג פון די אינדיווי־דועלע און צעשפליטערטע פראָדוקציאָנס־מיטלען אין געזעלשאפט־ליך־קאָנצענטרירטע: פאָלגליך פון דעם קליינטשיקען אייגענטום פון די פיעלע אין דעם מאסענהאפטיגען אייגענטום פון די ווענ־גע, פאָלגליך די עקספראָפריאציע פון דער גרויסער פאָלקס־מאסע פון דעם גרונד און באָדען, פון די לעבענס־מיטלען און פון די ארבייט־אינסטרומענטען — אָט די שרעקליכע און שווערע עקספראָפ־ריאציע פון דער פאָלקס־מאסע שטעלט צוזאמען די פאָרגעשיכטע פון קאפיטאל. זי נעהמט ארום א רייה געוואלטזאמע מעטאָדען, פון וועלכע מיר האָבען דאָ געלאָזט דורכגעהן פאר אונזער בליק נאָר די עפּאָכע־מאכענדע אלס די מעטאָדען פון דער אורשפרינגלי־כער אקומולאציע פון קאפיטאל. די עקספּראָפּריאציע פון די די־רעקטע פראָדוצירער ווערט דורכגעפיהרט מיט דעם אונדערבארהמ־ליכסטען וואנדאליזם און אונטער דעם אָנרייץ פון די שענדליכ־

רעקטע פערוואַנדלונג פון שקלאַוועז און לייבאייגענע אין לוין־אַר־בייטער, און פאָלגליך בלויז אַ פאָרם־איבערבייט, בעטייט זי נאָר די עקספּראָפּריאַציע פון די דירעקטע פּראָדוצירער; דאָס הייסט די אויפלעזונג פון פּריוואַט־אייגענטום, וואָס איז געבויט אויף איי־גענער אַרבייט.

פּריוואַט־אייגענטום, להיפך צום געזעלשאַפטליכען, קאָלעק־טיווען אייגענטום, בעשטעהט נאָר דאָרט, וואו די אַרבייט־מיטלען און די אַנדערע אויסערליכע בעדינגונגען פון דער אַרבייט געהערן צו פּריוואַט־מענשען. לויט דעם אָבער, צי די דאָזיגע פּריוואַט־מענשען זיינען די אַרבייטער אָדער די ניט־אַרבייטער, האָט אויך דאָס פּריוואַט־אייגענטום אַנאַנדער כאַראַקטער. די אוּנענדליכע שאַטירונגען, וואָס אַט דער חלוק גיט אויפ׳ן ערשטען בליק, שפּיעג־לען נאָר אָב די צווישענדיגע שטופען, וואָס ליעגען צווישען אַט די ביידע עקסטרעמען.

דעם אַרבייטער׳ס פּריוואַט־אייגענטום פון זיינע פּראָדוק־ציאָנס־מיטלען איז דער יסוד פון דעם קליין־בעטריב; דער קליין־בעטריב איז אַ נויטווענדיגער בעדינג פאַר דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציאָן און פאַר דער פרייער אינדי־ווידואַליטעט פון דעם אַרבייטער גופא. גאַנץ געוויס עקזיסטירט אָט דער פּראָדוקציאָנס־אופן [דער קליין־בעטריב], אויך אין דער שקלאַווערייַ, לייבאייגענשאַפט און אין אַנדערע אָבהענגיגקייט־פער־העלטענישען. אָבער ער בליהט נאָר, גיט אַרויס זיין גאַנצע ענער־גיע, דערגרייכט זיין פולע, איהם צוגעפּאַסטע קלאַסישע פאָרם,

און מחלקות און איז זעהר שרעקעדיג. דאָס איז זעהר אמת, עס איז אָבער ניט דער גאַנצער אמת. דער קאַפּיטאַל קאַן ניט פערטראַגען די אַבוועזעהייט פון פּראָפיט אָדער אַ זעהר קליינעם פּראָפיט, פּונקט ווי מען פלעגט זאָגען, אַז די נאַטור קאַן ניט פערטראַגען קיין וואַקואום (לעערקייט). מיט אַ ריכטיגען פּראָ־פיט ווערט דער קאַפּיטאַל מוטיג. איז 10 פּראָצענט זיכער, קאַן מען איהם אַנווענדען אומעטום; מיט זיכערע 20 פּראָצענט, ווערט ער לעבעדיג; 50 פּראָצענט מאַכט איהם געפעהרליך העזה׳דיג; פאַר 100 פּראָצענט וועט ער טרעטען אַלע מענשליכע געזעצען אונטער די פיס; פאַר 300 פּראָצענט איז ניטאָ קיין פערברעכען, וואָס ער וועט ניט ריזיקירן, אַפילו די געפאַהר פון געהן אויף דער תליה. ווען טומעל און מחלקות וועלען ברענגען אַ פּראָפיט, וועט ער גאַנץ פריי דערמונטערן די ביידע זאַכען. די קאָנטערבאַנדע און דער שקלאַ־ווען־האַנדעל האָבען גענוג בעוויזען די ריכטיגקייט פון אַט די בעהויפּטונגען.״ פּ. דזש. דאַנינג, „טרייד יוניאָנס און סטרייקס,״ לאָנדאָן, 1860, ז. 36.

ווענדונג פון דער וויסענשאַפט, די פּלאַנמעסיגע אויסנוצונג פון דער ערד, די פערוואַנדלונג פון די ארבייט־מיטלען אין ארבייט־מיטלען, וואָס קאָנען נאָר אָנגעווענדעט ווערן געמיינשאַפטליך, די עקאָנאָמיזירונג פון אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען דורך זייער געברויך אַלס פּראָדוקציאָנס־מיטלען פון קאָמבינירטער, געזעלשאַפטליכער ארבייט, די פערשלינגונג פון אַלע פעלקער אין דעם נעץ פון'ם וועלט־מארק, און דערמיט דער אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דעם קאַפּיטאַליסטישען רעזשים. צוזאַמען מיט דער שטענדיג־אָבפאַלענדער צאָהל קאַפּיטאַל־מאַגנאַטען, וועלכע אוזורפּירן און מאָנאָפּאָליזירן אַלע נוצען פון אָט דעם אומוואַנדלונג־פּראָצעס, וואַקסט די סומע פון עלענד, אונטערדריקונג, קנעכטשאַפט, דעגראַדאַציע און עקספּלואַטאַציע; אָבער דערמיט וואַקסט אויך די עמפּערונג פון דעם אַרבייטער־קלאַס, וועלכער ווערט שטענדיג גרעסער אין צאָהל, געשוהלט, פעראייניגט און אָרגאַניזירט דורך דעם מעכאַניזם פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס גופא. דער קאַפּיטאַל־מאָנאָפּאָל ווערט אַ שטערונג פאַר דעם פּראָדוקציאָנס־אופן, וואָס האָט אויפגעבליהט מיט איהם און אונטער איהם. די צענטראַליזאַציע פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען און די פערגעזעלשאַפטונג פון דער ארבייט דערגרייכען אַ פּונקט, וואו זיי קאָנען זיך ניט פערטראָגען מיט זייער קאַפּיטאַליסטישער הויט. די הויט ווערט צעפּלאַצט. עס שלאָגט די לעצטע שטונדע פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּריוואַט־אייגענטום. די עקספּראָפּריאַטאָרס ווערן עקספּראָפּריאירט.

דער קאַפּיטאַליסטישער אופן פון אַפּראָפּריאַציע (אָנאייגנונג), וואָס שטאַמט פון זיין פּראָדוקציאָנס־אופן, ד. ה. דאָס קאַפּיטאַליסטישע פּריוואַט־אייגענטום, איז די ערשטע נעגאַציע [פערניינונג] פון דעם אינדיווידועלען פּריוואַט־אייגענטום, וואָס איז געגרינדעט אויף אייגענער אַרבייט. די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן אָבער רופט אַרויס מיט דער נויטווענדיגקייט פון אַ נאַטור־פּראָצעס איהר אייגענע נעגאַציע. עס איז אַ נעגאַציע פון אַ נעגאַציע. דאָס שטעלט ניט ווידער אויף דאָס פּריוואַט־אייגענטום פון דעם אַרבייטער, עס שטעלט אָבער יאָ אויף דאָס אינדיווידועלע אייגענטום אויפ'ן יסוד פון די ערראָבערונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער ערא: ד. ה. אויף דער קאָאָפּעראַציע און אויף דעם געמיינשאַפטליכען

סטע, שמוציגסטע, קליינליכסטע און געמיינסטע ליידענשאַפטען.
דאָס אליין פערהאָרעוועטע פּריוואַט־אייגענטום, וואָס רוהט, אזוי
צו זאָגען, אויף דער צונויפוואקסונג פון דעם איינצעלנעם אונאָב־
הענגיקען אַרבייטס־אינדיווידום מיט זיינע ארבייט־בעדינגונגען,
ווערט פערשטופּט דורך דעם קאַפּיטאַליסטישען פּריוואַט־אייגענ־
טום, וואָס רוהט אויף דער עקספּלואַטאַציע פון דער פרעמדער,
אָבער פאָרמעל פרייער ארבייט.[251]

אזוי באַלד ווי אָט דער אומוואַנדלונג־פּראָצעס האָט גענוג
פאַנאַנדערגעריסען די אַלטע געזעלשאַפט אין דער טיעף און אין
אומפאַנג; אזויבאַלד ווי די ארבייטער זיינען פערוואַנדעלט אין
פּראָלעטאַריער און זייערע ארבייט־בעדינגונגען אין קאַפּיטאַל;
אזויבאַלד ווי דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן שטעהט
שוין אויף זיינע אייגענע פיס — דאַן געווינט די ווייטערדיגע
פערגעזעלשאַפטונג פון דער ארבייט און די ווייטערדיגע פער־
וואַנדלונג פון דער ערד און אַנדערע פּראָדוקציאָנס־מיטלען אין
געזעלשאַפטליך אויסגענוצטע, ד. ה. אין געמיינשאַפטליכע פּראָ־
דוקציאָנס־מיטלען: דאַן געווינט פאָלגליך די ווייטערדיגע עקס־
פּראָפּריאַציע פון די פּריוואַט־אייגענטימער א נייע פאָרם. דאָס,
וואָס מוז איצטער עקספּראָפּריאירט ווערן, איז שוין ניט מעהר דער
ארבייטער, וואָס ארבייט פאַר זיך, נאָר דער קאַפּיטאַליסט, וואָס
עקספּלואַטירט פיעלע ארבייטער.

אָט די עקספּראָפּריאַציע ווערט דורכגעפיהרט דורך דעם
שפּיעל פון די אימאַנענטע געזעצען פון דער קאַפּיטאַליסטישער
פּראָדוקציאָן גופא, דורך דער צענטראַליזאַציע פון די קאַפּיטאַלען.
א וועלכער עס איז איין קאַפּיטאַליסט דער'הרג'ט פיעלע אַנדערע.
האַנד אין האַנד מיט אָט דער צענטראַליזאַציע אָדער דער עקס־
פּראָפּריאַציע פון פיעלע קאַפּיטאַליסטען דורך ווענינע, ענטוויקעלט
זיך די קאָאָפּעראַטיווע פאָרם פון דעם ארבייט־פּראָצעס אויף א
שטענדיג גרעסערן מאָסשטאַב, די בעוואוסטזיניגע טעכנישע אָנ־

[251] „מיר לעבען אין פאלשטענדיג נייע געזעלשאפטליכע פערהעלטעני־
שען . . . מיר שטרעבען פאנאנדערצורייסען יעדען סארט אייגענטום פון יעדען
סארט ארבייט.” (זיסמאנדי, „נייע פרינציפען פון פאליטישער עקאנאמיע”
(פראנצ.), באנד 2, ז. 434).

פינף־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

די מאָדערנע טעאָריע פון קאָלאָניזאַציע.

די פּאָליטישע עקאָנאָמיע פערבייט פּרינציפּיעל איינע מיט די אַנדערע צוויי זעהר פערשיידענע סאָרטען פּריוואַט־אייגענטום, פון וועלכע איין סאָרט איז געבויט אויף דעם פּראָדוצירער'ס אייגענער אַרבייט, און דער אַנדער סאָרט — אויף דער עקספּלואַטאַציע פון פרעמדער אַרבייט. זי פערגעסט, אַז דער לעצטער סאָרט איז ניט נאָר אַ דירעקטער היפּך פון דעם ערשטען, נאָר אַז ער קאָן בלויז וואַקסען אויף יענעמס קבר.

אין מערב־אייראָפּאַ, די היים פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, איז דער פּראָצעס פון דער אורשפּרינגליכער אַקומולאַציע מעהר אָדער ווייניגער דורכגעפיהרט. דער קאַפּיטאַליסטישער רעזשים האָט דאָ ענטוועדער דירעקט אונטערוואָרפען אונטער זיין ממשלה די גאַנצע נאַציאָנאַלע פּראָדוקציאָן, אָדער, וואו די אומשטענדען זיינען ווייניגער ענטוויקעלט, קאָנטראָלירט ער ווייניגסטענס אינדירעקט די אונטערגעהענדע געזעלשאַפט־שיכטען, וועלכע עקזיסטירן נאָך נעבען איהם, הגם זיי געהערן צו אַ פערעלטערטען פּראָדוקציאָנס־אופן. אויף אָט דער פאַרטיגער וועלט פון קאַפּיטאַל ווענדעט אָן דער פּאָליטישער עקאָנאָם די אידעען פון רעכט און אייגענטום פון דער פאָר־קאַפּיטאַליסטישער וועלט מיט אַלץ מעהר אַנגסטליכען אייפער און אַלץ גרעסערער בעגייסטערונג, וואָס העכער די פאַקטען שרייען אין פּנים פון זיין אידעאָלאָגיע.

אין די קאָלאָניעס איז די זאַך אַנדערש.[253] דער קאַפּיטאַליסטישער רעזשים שטויסט זיך דאָרט אומעטום אָן אויף דעם ווידער־

[253] דא רעדט זיך וועגען ווירקליכע קאלאניעס מיט א יונגפרוילינכען באדען, וועלכע ווערען קאלאניזירט דורך פרייע איינוואנדערער. די פעראייניגטע שטאאטען זיינען, עקאנאמיש גערעדט, נאך אלץ א קאלאניאל־לאנד פון אייראפא.

בעזיץ פון דער ערד און די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וואָס זיינען פּראָ־
דוצירט געוואָרן דורך דער ארבייט גופא.

די פערוואַנדלונג פון דעם צעשפּליטערטען פּריוואַט־אייגענ־
טום, וואָס איז געבויט אויף דער אייגענער ארבייט פון יחידים,
אין קאַפּיטאַליסטען פּריוואַט־אייגענטום, איז נאַטירליך אַ פּראָ־
צעס, וואָס איז גאָרניט צו פערגלייכען מעהר לאַנגוועהריג, געוואַל־
טיג און שווער, איידער די פערוואַנדלונג פון דעם קאַפּיטאַליסטי־
שען פּריוואַט־אייגענטום, וועלכער איז שוין פּאַקטיש געבויט אויף
אַ געזעלשאַפטליכען פּראָדוקציאָנס־בעטריב, אין געזעלשאַפטליכען
אייגענטום. דאָרט האַנדעלט זיך עס וועגען דער עקספּראָפּריאַציע
פון די פּאָלקסמאַסען דורך עטליכע אוזורפּאַטאָרען, דאָ האַנדעלט
זיך עס וועגען דער עקספּראָפּריאַציע פון עטליכע אוזורפּאַטאָרען
דורך די פּאָלקס־מאַסען.[252]

[252] „דער פּאָרטשריט פון דער אינדוסטריע, וואָס איהר ווילענלאָזער און
ווידערשטאַנדלאָזער טרעגער איז די בורזשואַזיע, פיהרט איין אַנשטאַט דער
איזאָלירונג פון די ארבייטער דורך דער קאָנקורענץ, זייער פעראייניגונג דורך
דער אַסאָציאַציע. מיט דער ענטוויקלונג פון דער גרויס־אינדוסטריע ווערט
אַלזאָ ארויסגעצויגען פון אונטער די פיס פון דער בורזשואַזיע דער יסוד גופא,
אויף וועלכען זי פּראָדוצירט און אייגענט זיך אָן די פּראָדוקטען. זי פּראָדו־
צירט, הייסט עס, קודם איהרע אייגענע קברנים. איהר אונטערגאַנג און דער
זיעג פון פּראָלעטאַריאַט זיינען ביידע גלייך אומפערמיידליך. . . . פון אַלע
קלאַסען, וועלכע שטעהען היינטיגען טאָג אַנטקעגען דער בורזשואַזיע, איז נאָר
דער פּראָלעטאַריאַט אַ ווירקליך רעוואָלוציאָנערער קלאַס. די איבעריגע קלאַ־
סען געהען אונטער און פערשווינדען מיט דער גרויס־אינדוסטריע; דער פּראָ־
לעטאַריאַט איז איהר אייגענסטער פּראָדוקט. . . . די מיטעל־שטאַנדען, דער
קליינער פאַבריקאַנט, דער קליינער סוחר, דער בעל מלאכה, דער פּויער, זיי אַלע
בעקעמפען די בורזשואַזיע, כדי צו זיכערן זייער עקזיסטענץ אלס מיטעלשטאַנ־
דען פון אונטערגאַנג . . . זיי זיינען רעאַקציאָנער, ווארים זיי זוכען צו דרעהען
צוריק די ראָד פון דער געשיכטע.” (קאַרל מארקס און פ. ענגעלס, „מאַניפעסט
פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי,” לאָנדאָן 1847, ז. 9, 11.)

פאַבריצירן קאַפּיטאַליסטען אין מוטער־לאַנד, אזוי האָט בעשטרעבט וויקפיעלד'ס קאָלאָניזאַציאָנס־טעאָריע, וועלכע ענגלאַנד האָט אַ גאַנצע צייט געזוכט איינצופיהרן דורכ'ן געזעץ, צו פאַבריצירן לוין־ארבייטער אין די קאָלאָניעס. דאָס רופט ער אָן „סיסטעמאַטיק קאָלאָניזיישאָן" (סיסטעמאַטישע קאָלאָניזאַציע).

די ערשטע זאַך האָט וויקפיעלד ענטדעקט אין די קאָלאָניעס, אַז דאָס אייגענטום פון געלד, לעבענס מיטלען, מאַשינען און אַנ־דערע פּראָדוקציאָנס־מיטלען שטעמפּעלט נאָך ניט אַ מענשען אַלס קאַפּיטאַליסט, ווען עס פעהלט דער קאָררעלאַטיוו (די ערגענצונג) — דער לוין־ארבייטער, דער אנדער מענש, וועלכער איז גע־צוואונגען זיך אַליין פרייוויליג צו פערקויפען. ער האָט ענטדעקט, אַז קאַפּיטאַל איז ניט אַ זאַך, נאָר אַ געזעלשאַפטליכע שייכות צווי־שען פּערזאָנען, וואָס שטעלט זיך איין דורך דער פערמיטלונג פון זאַכען.[256] הערר פּיעל — קלאָגט ער זיך פאַר אונז — האָט מיט־גענומען מיט זיך פון ענגלאַנד צו דעם סוואַן ריווער [וועסט אויס־טראַליע] לעבענסמיטלען און פּראָדוקציאָנס־מיטלען אין בעטרעף פון 50,000 פונט סט. הערר פּיעל איז געווען פאָרזיכטיג גענוג מיטצוברענגען אַ חוץ דעם אויך 3000 פּערזאָן פון דעם ארבייטער־קלאַס, מענער, פרויען און קינדער. אַזוי באַלד ווי ער איז אָנגע־קומען אין דעם בעשטימטען פּלאַץ, „איז הערר פּיעל געבליבען אָהן איין דיענער איהם צו מאַכען די בעט אָדער ברענגען איהם וואַסער פון טייך.[257] אומגליקליכער הערר פּיעל, וועלכער האָט אַלין בע־זאָרגט, נאָר ניט דעם עקספּאָרט פון די ענגלישע פּראָדוקציאָנס־פערהעלטענישען אין דעם סוואַן ריווער!

אינטערנאַציאָנאַלען קאָנקורענץ־קאַמף. וואָס אָבער זיין מאָטיוו זאָל ניט זיין, די פאָלגען בלייבען דיזעלביגע.

[256] „אַ נעגער איז אַ נעגער. אַ שקלאַוו ווערט ער ערשט אין בעשטימטע פערהעלטענישען. אַ באַוועל־מאַשין איז אַ מאַשין צו שפּינען באַוועל. נאָר אין בעשטימטע פערהעלטענישען ווערט זי קאַפּיטאַל. ווערט זי ארויסגעריסען פון די דאָזיגע פערהעלטענישען, איז זי פּונקט אַזוי ווייניג קאַפּיטאַל, ווי גאָלד איז אָן און פאַר זיך געלד, אָדער ווי צוקער איז דער פּרייז פון צוקער . . . קאַפּיטאַל איז אַ געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָן־שייכות. ער איז אַ אַ היסטאָ־רישע פּראָדוקציאָנס־שייכות." (קאַרל מאַרקס, „לאָהנאַרבייט אונד קאַפּיטאַל," „נייע רהיינישע צייטונג" פון 7טען אַפּריל 1849.)

[257] ע. ג. וויקפיעלד, „ענגלאַנד און אַמעריקאַ," לאָנדאָן, 1833, ז. 33.

שטאנד פון א פּראָדוצירער, וועלכער אלס בעזיצער פון זיינע איי־גענע ארבייט־בעדינגונגען, בערייכערט דורך זיין ארבייט זיך אליין, אָנשטאָט דעם קאַפּיטאַליסט. דער ווידערשפּרוך פון אָט די צוויי פונקט אנטקעגענגעזעצטע סיסטעמען ווייזט זיך דאָ פּראַקטיש ארויס אין זייער קאמף. וואו דער קאַפּיטאַליסט האָט הינטער זיך די מאכט פון דעם מוטער־לאנד, זוכט ער אָבצורוימען פון וועג מיט געוואַלט דעם פּראָדוקציאָנס־ און אָנאייגנונגס־אופן, וואָס איז געבויט אויף אייגענער ארבייט. דערזעלביגער אינטערעס, וואָס בעוועגט דעם חונף פון קאַפּיטאַל, דעם פּאָליטישען עקאָנאָם, צו דערקלערן אין דעם מוטער־לאנד, אז דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָ־דוקציאָנס־אופן איז טעאָרעטיש דער אייגענער וואָס זיין היפך, טרייבט איהם דאָ אראָבצורעדען זיך פריי פון הארצען און אָפען דערקלערן דעם געגענזאַץ פון די ביידע פּראָדוקציאָנס־אופנים. צוליעב אָט דעם צוועק בעווייזט ער, ווי די ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט, די קאָ־אָפּעראַציע, די ארבייט־צוטיילונג, די אָנווענדונג פון מאַשינעריע אויף א גרויסען מאָסשטאַב א. אז. וו. זיינען אונמעגליך אָהן דער עקספּראָפּריאַציע פון די ארביימער און אָהן דער פערוואַנדלונג פון זייער פּראָדוקציאָנס־מיטלען אין קאַפּיטאַל, וואָס געהט דער־מיט. אין די אינטערעסען פון דעם אַזוי־גערופענעם נאַציאָנאַל־רייכטום זוכט ער קינסטליכע מיטלען איינצופיהרן די פאָלקס־אָרימקייט. זיין אַפּאָלאָגעטישער פּאַנציר ווערט דאָ צעברעקעלט אין שטיקלעך ווי צעפּוילטעס ברען־האָלץ.

עס איז ע. ג. וויקפיעלד'ס א גרויסע פערדיענסט, ניט וואָס ער האָט ענטדעקט עפּעס נייעס וועגען די קאָלאָניעס,[254] נאָר וואָס ער האָט אין די קאָלאָניעס ענטדעקט דעם אמת וועגען די קאַפּיטאַ־ליסטישע פערהעלטענישען אין דעם מוטער־לאנד. אַזוי ווי דער פּראָטעקציאָן־סיסטעם אין זיינע אורשפּרונגען[255] האָט געזוכט צו

איבעריגענס געהערן צו דעם קלאַס אויך אַזוינע אַלטע פּלאַנטאַציעס, וואו די אָבשאַפונג פון שקלאַווערייי האָט אינגאַנצען רעוואָלוציאָנירט די פערהעלטע־נישען.

[254] וויקפיעלד'ס עטליכע ליכט־בליקען וועגען דעם עצם פון די קאָלאָ־ניעס גופא זיינען אינגאַנצען פאָראויסגעזעהן געוואָרן פון מיראַבאָ דעם על־טערן, פון די פיזיאָקראַטען, און נאָך א סך פריהער פון ענגלישע עקאָנאָמען.

[255] שפּעטער איז עס געוואָרן א צייטווייליגע נויטווענדיגקייט אין דעם

צושטאנד געקומען דאס עקספראפריאירן דעם ארבייטער פון זיינע ארבייט־בעדינגונגען, ד. ה. קאפיטאל און ארבייט? דורך א גע־זעלשאפטליכען אבמאך (Contrat Social) פון א גאנץ אריגינעלען סארט.

„די מענשהייט . . . האט אנגענומען אן איינפאכע מעטאדע צו העלפען די אקומולאציע פון קאפיטאל,“ וועלכע, פערשטעהט זיך, האט געשוועבט פאר איהר געדאנק פון אדם הראשון׳ס צייט אן אלס דער איינציגער און ענדליכער צוועק פון איהר עקזיסטענץ; „זי האט זיך איינגעטיילט אין אייגענטימער פון קאפיטאל און אייגענטימער פון ארבייט . . און אט די איינטיילונג איז געוועזן דער רעזולטאט פון א פרייוויליגער פערשטענדיגונג און קאמבינאציע.“[259]

מיט איין ווארט: די מאסע פון דער מענשהייט האט זיך אליין עקספראפריאירט לכבוד פון „דער אקומולאציע פון קאפי־טאל.“ אויב אזוי האט מען דאך געדארפט דענקען, אז דער אינ־סטינקט פון אט דעם זיך־פערלייקענדען פאנאטיזם וועט זיך פריי ארויסצייגען ספּעציעל אין די קאלאניעס, אין דעם איינציגען פלאץ וואו עס עקזיסטירן מענשען און אומשטענדען, וועלכע וואלטען גע־קאנט אזא „קאנטרא סאסיאל“ אריבערטראגען פון דעם טרוימען־רייך אין דער ווירקליכקייט אריין. אבער צו וואס וואלט מען דאן איבערהויפט געדארפט האבען וויקפיעלד׳ס פארגעשלאגענע „סיס־טעמאטישע קאלאניזאציע“, אין געגענזאץ צו דער נאטור־געוואק־סענער קאלאניזאציע? אבער, אבער: „אין די צפון־שטאאטען פון אמעריקא מעג מען צווייפלען, צי אפילו א צעהנטל פון דער בעפעלקערונג געהערט צו דער קאטעגאריע לוין־ארבייטער. . . . אין ענגלאנד . . . בעשטעהט די הויפט מאסע פון פאלק פון לוין־ארבייטער.“[260]

יא, דער טריעב צו זעלבסט־עקספראפריאציע מצד דער אר־בייטענדער מענשהייט לכבוד דעם קאפיטאל עקזיסטירט אזוי ווע־ניג, אז שקלאווערײ איז אפילו לויט וויקפיעלד׳ס מיינונג די איינ־ציגע נאטורגעוואקסענע גרונדלאגע פון דעם קאלאניאל־רייכטום.

---

[259] דארט גופא, ז. 18.

[260] דארט גופא, ז. 42, 43, 44.

כּדי צו קאָנען פערשטעהן די פאָלגענדע ענטדעקונגען, וואָס וויקפיעלד האָט געמאַכט, מוז מען געבען צוויי פּאָר־בעמערקונ־גען. מיר ווייסען, אַז פּראָדוקציאָנס־ און לעבענס־מיטלען, אַלס אייגענטום פון דעם דירעקטען פּראָדוצירער, פון דעם ארבייטער גופא, זיינען ניט קיין קאַפּיטאַל. זיי ווערן קאַפּיטאַל נאָר אונ־טער אזוינע בעדינגונגען, אין וועלכע זיי דיענען צוגלייך אַלס מיט־לען פון עקספּלואַטאַציע און בעהערשונג פון דעם ארבייטער. אָבער אָט די קאַפּיטאַליסטישע נשמה זייערע איז אזוי אינטים פער־איינִיגט ביי דעם פּאָליטישען עקאָנאָם אין קאָפּ מיט זייער מאַ־טעריעלער סוּבסטאַנץ, אַז ער האַלט זיי אונטער אַלע אומשטענדען פאַר קאַפּיטאַל, אַפילו ווען זיי זיינען פונקט דער היפּך פון דעם. אַזוי איז אויך ביי וויקפיעלד'ן. ווייטער: די צערשפּליטערונג פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען אַלס אינדיווידועל אייגענטום פון פיעלע אומאָבהענגיקע אַרבייטער, וואָס אַרבייטען אויף זייער אייגענער רעכענונג, רופט ער אָן די גלייכע צוטיילונג פון קאַפּיטאַל. מיט דעם פּאָליטישען עקאָנאָם איז דיזעלביגע זאַך, ווי מיט דעם פעאָ־דאַלען יוריסט. דער לעצטער האָט אויך אָנגעקלעבט זיינע פעאָ־דאַלע געזעץ־עטיקעטען אויף ריינע געלד־שייכות'ן.

„ווען קאַפּיטאַל", זאָגט וויקפיעלד, „וואָלט געווען צוטיילט צווישען אַלע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט אין גלייכע טייל־לען, דאַן וואָלט קיין מענש ניט געהאַט קיין אינטערעס צו אַקו־מולירן מעהר קאַפּיטאַל איידער ער קאָן אָנווענדען מיט זיינע איי־גענע הענד. דאָס איז ביז אַ געוויסען גראַד דער פאַל אין די נייע אַמעריקאַנער קאָלאָניעס, וואו די ליידענשאַפט צו זיין אַן אייגענ־טימער פון לאַנד שטערט די עקזיסטענץ פון אַ קלאַס לוין־אַר־בייטער."[258]

אַזוי לאַנג, הייסט עס, ווי דער ארבייטער קאָן פאַר זיך אליין אַקומולירן, און דאָס קאָן ער, אזוי לאַנג ווי ער בלייבט דער איי־גענטימער פון זיינע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, איז די קאַפּיטאַליס־טישע אַקומולאַציע און דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן אוממעגליך. עס פעהלט דער קלאַס לוין־ארבייטער, וואָס איז דער־צו אומבעדינגט נויטיג. ווי אַזוי דען איז אין דער אַלטער אייראָפּאַ

[258] דארט גופא, באַנד 1, ז. 17, 18.

אַזוי ווי אין די קאָלאָניעס עקזיסטירט נאָך ניט דעם ארבייטער׳ס צושיידונג פון די ארבייט־בעדינגונגען און זייער וואַרצעל, דעם גרונד און באָדען, אָדער ער עקזיסטירט נאָר אין איינצעלנע פאַלען, אָדער אויף צו אַ בעשרענקטען מאָסשטאַב, עקזיסטירט אויך נאָך ניט די צושיידונג צווישען דער אגריקולטור און דער אינדוסטריע, און אויך ניט די פערניכטונג פון דער דאָרפישער הויז־אינדוסטריע. איז פון וואַנען זאָל זיך דאָ נעהמען דער אינלענדישער מארק פאַר דעם קאַפּיטאַל?

„קיין טייל פון דער בעפעלקערונג פון אמעריקא איז אויסשליסליך אַגריקולטורעל, אַ חוץ די שקלאַווען און זייערע בעלי בתים, וועלכע קאָמבינירן קאַפּיטאַל און ארבייט פאַר גרויסע ווערק. פרייע אַמעריקאַנער, וועלכע בעארבייטען אליין דעם באָדען, פיהרן אָן אין דערזעלביגער צייט פיעלע אַנדערע בעשעפטיגונגען. אַ טייל מעבעל און ווערקצייג, וואָס זיי געברויכען, מאַכען זיי געוועהנליך אליין. זיי בויען אָפט אליין זייערע הייזער און פיהרען דעם פּראָדוקט פון זייער אייגענער אינדוסטריע אליין אויפ׳ן מארק, ווי ווייט דער מארק זאָל ניט זיין. זיי זיינען שפּינער און וועבער, זיי פאַבריצירן זייף און ליכט, שיך און קליידער פאַר זייער אייגענעם נעברויך. אין אַמעריקא איז די ערד־ארבייט אָפט אַ נעבען־געשעפט פון דעם שמיד, דעם מילער אָדער דעם קרעמער.״[264] וואו בלייבט צווישען אַזעלכע מאָדנע מענשען דאָס „ענטזאַגונגס־פעלד״ פאַר דעם קאַפּיטאַליסט?

די גרויסע שעהנקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן בעשטעהט אין דעריין, וואָס ניט נאָר זי רעפּראָדוצירט שטענדיג דעם לוין־ארבייטער אַלס לוין־ארבייטער, נאָר וואָס זי פּראָדוצירט, לפי ערך פון דער אקומולאַציע פון קאַפּיטאַל, שטענדיג אַ רעלאַטיווע איבערבעפעלקערונג פון לוין־ארבייטער. אויף דעם אופן ווערט דאָס געזעץ פון דער נאָכפראַגע און אָנבאָט פון אַרבייט געהאַלטען אין דעם ריכטיגען גאַנג, די לוין־שוואַנקונגען ווערן איינגעצוימט אין די גרעניצען, וואָס זיינען צופריעדענשטעלענד פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, און ענדליך איז דערמיט געזיכערט דעם ארבייטער׳ס אונבעדינגט־נויטיגע סאָציאַלע אָב־

[264] דארט נופא, ז. 21, 22.

זיין סיסטעמאַטישע קאָלאָניזאַציע איז נישט מעהר ווי אַן אויס־העלף אין אַ נויט, היות ווי ער האָט נעבעך צו טהאָן מיט פרייע מענשען און ניט מיט שקלאַווען. „די ערשטע שפּאַנישע קאָלאָניסטען אין סאַנטאָ־דאָמינגאָ האָבען ניט בעקומען קיין אַרבייטער פון שפּאַניען. אָבער אָהן אַרבייטער (ד. ה. אָהן שקלאַווערייי) וואָלט דאָס קאַפּיטאַל געגאַנגען קאַפּוט, אָדער וועניגסטענס וואָלט געמוזט צוזאַמענשרומפּען צו דער קליינער סומע, וואָס יעדער אינדיווידום קאָן אָנווענדען מיט זיינע אייגענע הענד. דאָס איז ווירקליך פאָרגעקומען אין דער לעצטער קאָלאָניע, וואָס די ענגלענדער האָבען געגרינדעט [די סוואַן ריווער קאָלאָניע], וואו אַ גרויסע מאַסע קאַפּיטאַל פון זריעה, פיה און אינסטרומענטען איז אונטערגעגאַנגען מחמת דעם דוחק אין לוין־אַרבייטער, און וואו קיין קאָלאָניסט בעזיצט איצט ניט מעהר קאַפּיטאַל וויפיעל ער קאָן אַליין אָנווענדען מיט זיינע אייגענע הענד.“[261]

מיר האָבען געזעהן, אַז די עקספּראָפּריאַציע פון דער פאָלקס־מאַסע פון גרונד און באָדען איז די גרונדלאַגע פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן. דער עצם פון אַ פרייע קאָלאָניע בעשטעהט פערקעהרט דעריין, וואָס דער הויפּט טייל פון'ם באָדען איז נאָך אַלץ פאָלקס־אייגענטום, און יעדער קאָלאָניסט קאָן דעריבער אַ טייל דערפון פערוואַנדלען אין זיין פּריוואַט־אייגענטום און אין אינדיווידועלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, ניט שטערענדיג די שפּעטערע קאָלאָניסטען צו טהאָן דאָסזעלביגע.[262] דאָס איז דער סוד אי פון דעם וואוילשטאַנד פון די קאָלאָניעס, אי פון זייער אונהיילבאַרן חסרון — זייער ווידערשטאַנד אַנטקעגען דער קאָלאָניזירונג פון קאַפּיטאַל. „וואו לאַנד איז זעהר ביליג, און אַלע מענשען זיינען פריי, וואו יעדערער, וואָס וויל, קאָן לייכט קריגען אַ שטיק לאַנד פאַר זיך אַליין, איז אַרבייט ניט נאָר זעהר טייער, רעכענענדיג לויט דעם אַרבייטער'ס חלק אין דעם פּראָדוקט, נאָר עס איז שווער צו קריגען קאָמבינירטע אַרבייט אום יעדען פּרייז.“[263]

---

[261] דארט גופא, באנד 2, ז. 5.

[262] „כדי צו ווערן אן עלעמענט פון קאלאניזאציע, מוז דאס לאנד ניט נאר זיין אונקולטיווירט, נאר עס מוז זיין קהל'שער אייגענטום, וואס קאן פערוואנדעלט ווערן אין פריוואט־אייגענטום.“ (דארט גופא, באנד 2, ז. 125.)

[263] דארט גופא, באנד 1, ז. 247.

דיג, ניט רעגעלמעסיג און ניט גענוגענד. „זי, די לוין־ארבייט, איז אלעמאל ניט נאר צו־קליין, גאר אויך אונזיכער."[265] „אבוואויל דער פראדוקט, וואס ווערט צוטיילט צווישען דעם קאפיטאליסט און דעם ארבייטער, איז גרויס, נעהמט דער ארבייטער אזא גרויסען טייל, אז ער ווערט באלד אליין א קאפיטאליסט. . . . פון דער אנדער זייט קאנען ווענינע אנקלייבען גרויסע מאסען רייכטום, אפילו ווען זיי זאלען לעבען אומגעוועהנליך לאנג."[266] די ארבייטער ערלויבען בשום אופן ניט דעם קאפיטאליסט ניט צו צאהלען פאר דעם גרעסטען טייל פון זייער ארבייט. עס העלפט איהם ניט, ווען ער איז אזוי כיטרע צו אימפארטירן צוזאמען מיט זיין אייגענעם קאפיטאל אויך זיינע אייגענע לוין־ארבייטער פון אייראפא. „זיי הערן באלד אויף צו זיין לוין־ארבייטער; זיי פערוואנדלען זיך באלד אין אונאבהענגיקע לאנד־אייגענטימער, אדער גאר אין קאנקורענטען פון זייער אלטען בעל הבית אויף דעם לוין־ארבייט מארק גופא."[267] בעגרייפט נאר די שרעקליכקייט! דער בראווער קאפיטאליסט האט אליין פאר זיין אייגען גוט געלד אימפארטירט פון אייראפא זיינע אייגענע לעבעדיגע קאנקורענטען! דא עקט זיך דאך די וועלט! קיין וואונדער ניט, וואס וויקפיעלד קלאגט, אז עס פעהלט די שייכות און דער געפיהל פון אבהענגיקייט ביי די לוין־ארבייטער אין די קאלאניעס. „צוליעב די הויכע לוינען, זאגט זיין תלמיד מעריוויל, „עקזיסטירט אין די קאלאניעס דער לײדענשאפטליכער בעדלאנג נאך וואלוועלער און אונטערטעניגער ארבייט, נאך א קלאס, וועלכען דער קאפיטאליסט קאן דיקטירן די בעדינגונגען, אנשטאט וואס די בעדינגונגען ווערן דיקטירט דעם קאפיטאליסט. . . . אין די אלט־ציוויליזירטע לענדער איז דער ארבייטער, הגם ער איז פריי, נאטורגעזעצליך אבהענגיק פון דעם קאפיטאליסט; אין די קאלאניעס מוז אט די אבהענגיקייט געשאפען ווערן דורך קינסטליכע מיטלען."[268]

---

[265] דארט גופא, באנד 2, ז. 116.

[266] דארט גופא, באנד 1, ז. 131.

[267] דארט גופא, באנד 2, ז. 5.

[268] Merivale, "Lectures on Colonization and Colonies," Lon. 1841, p 235-314 אפילו דער מילדער, פרייהענדלערישער וואולגאר עקאנאם מאלינארי זאגט: „אין די קאלאניעס, וואו די שקלאפעריי איז אבגעשאפט געווארן, און די צוואנג־

העננגיגקייט פון דעם קאפּיטאַליסט — און אבסאָלוטע אָבהעננגי־קייט־שייכות, וועלכע דער פּאָליטישער עקאָנאָם צו הויז, אין דעם מוטער־לאַנד, קאָן מיט אַ גלאַט צינגעל אויס'כזב'ן אַלס אַ פרייע קאָנטראַקט־שייכות פון קויפער און פערקויפער, פון גלייך־אונ־אָבהעננגיקע סחורה־בעזיצער: די בעזיצער פון דער סחורה קאַ־פּיטאַל און פון דער סחורה ארבייט. אין די קאָלאָניעס אָבער ווערט אָט די שעהנע פאַנטאַזיע צורונען. די אבסאָלוטע בע־פעלקערונג וואַקסט דאָ פיעל שנעלער ווי אין דעם מוטער־לאַנד, וואָרים אַ סך ארבייטער קומען דאָ אויף דער וועלט שוין אויס־געוואַקסענע, און פונדעסטוועגן איז דער ארבייט־מאַרק שטענדיג ווניגער ווי פול. דאָס געזעץ פון נאָכפראַגע און אָנבאָט פון ארבייט צעפאַלט אין שטיקער. פון איין זייט וואַרפט די אַלטע וועלט נאָכאַנאַנד דאָ אריין אַן עקספּלואַטאַציע־לוסטיגען און אַ ענטזאַגונג־בעדירפטיגען קאַפּיטאַל; פון דער אַנדער זייט שטויסט זיך אָן די רעגעלמעסיגע רעפּראָדוקציאָן פון די לוין־ארבייטער אַלס לוין־ארבייטער אויף די אונאַרטיגסטע און טיילווייז אונבעזיעג־באַרע שטערונגען. וואָס איז געוואָרן פון דער פּראָדוקציאָן פון איבעריגע לוין־ארבייטער לפי ערך צו דער אקומולאַציע פון קאַ־פּיטאַל? דער היינטיגער לוין־ארבייטער ווערט מאָרגען אַן אונ־אָבהעננגיקער פויער אָדער בעל מלאכה, וואָס ארבייט פאַר זיך אַליין. ער פערשווינדט פון ארבייט־מאַרק, אָבער — ניט אין וואָרק־האַוז. אָט די שטענדיגע פערוואַנדלונג פון לוין־ארביי־טער אין אונאָבהעננגיקע פּראָדוצירער, וועלכע ארבייטען פאַר זיך אַליין אָנשטאָט פאַר'ן קאַפּיטאַל, און אָנשטאָט צו מאַכען רייכער דעם העררן קאַפּיטאַליסט, מאַכען זיי זיך אַליין רייך, האָט פון איהר זייט אַ גאַנץ שעדליכע צוריקווירקונג אויף די צושטענדען פון דעם ארבייט־מאַרק. ניט נאָר בלייבט דער גראַד עקספּלואַ־טאַציע פון דעם לוין־ארבייטער ניט־אָנשטענדיג נידעריג, נאָר דער ארבייטער פערלירט נאָך אַ חוץ דעם אײַנאיינעם מיט דער שייכות פון אָבהעננגיקייט אויך דעם געפיהל פון אָבהעננגיקייט פון דעם „ענטזאַגענדען" קאַפּיטאַליסט. דערפון נעהמען זיך די אַלע צרות, וועלכע אונזער ע. ג. וויקפיעלד שילדערט אַזוי בראַוו, אַזוי בע־רעדט און אַזוי ריהרענד.

דער צושטעל פון לוין־ארבייט, קלאָגט ער, איז ניט בעשטענ־

רים דער ארבייטער־קלאַס געהערט צו איהם מיט די ביינער, איז שטענדיג פאַראַן אין איבערפלוס און שטענדיג גרייט צו דיענען. אין די קאָלאָניעס אָבער!

וויקפיעלד דערצעהלט אַ זעהר טרויעריגען אנעקדאָט. ער האָט זיך אונטערהאַלטען מיט איינינע קאפּיטאַליסטען פון קאַנאַדאַ און דעם שטאַאַט ניו יאָרק, וואו די כוואַליעס פון דער אימיגראַציע בלייבען אַ חוץ המעשה אָפּט שטעהן און לאָזען איבער אַן אָבזעץ פון „איבעריג־געוואָרענע" אַרבייטער. „אונזער קאַפּיטאַל," זיפצט איינער פון די פּערזאָנען פון דער מעלאָדראַמע, „אונזער קאַפּיטאַל איז געלעגען גרייט פאַר אַ סך אָפּעראַציעס, וועלכע האָבען געפאָדערט אַ היבשע צייט־פעריאָדע זיי דורכצופיהרען; האָבען מיר דען אָבער געקאָנט אָנפאַנגען אַזעלכע אָפּעראַציעס מיט ארבייטער, וועלכע, ווי מיר האָבען געוואוסט, וועלען אונז באַלד פערלאָזען? וואָלטען מיר זיכער געוועזען, אַז מיר וועלען קאָנען פעסטהאַלטען די ארבייט פון אַזעלכע אימיגראַנטען, וואָלטען מיר מיט פרייד זי גלייך אָנגעשטעלט און געצאָהלט אַ הויכען פרייז אויך. יאָ, וויסענדיג אפילו אַז מיר וועלען זי פערלירען, וואָלטען מיר זי דאָך אָנגעשטעלט, ווען מיר וואָלטען געווען זיכער מיט אַ פרישען צושטעל פון ארבייטס לויט אונזערע בעדערפעניששען."[270]

נאָכדעם ווי וויקפיעלד האָט די ענגלישע קאפּיטאַליסטישע אגריקולטור און איהר „קאָמבינירטע" ארבייט אוועקגעשטעלט מיט פאַראַד אין געגענזאַץ צו דער צעוואָרפענער אמעריקאַנער אגריקולטור־ווירטשאַפט, לאָזט ער אונז ניט־פּיהלענדיג כאַפּען אַ בליק אויך אויף דער אנדער זייט פון דעם מעדאַל. ער שילדערט די אמעריקאַנער פאָלקס־מאַסע אלס וואוילהאָבענד, אונאָבהענגיק, אונטערנעהמעריש און פערהעלטניסמעסיג געבילדעט, בעת „דער ענגלישער אגריקולטור־ארבייטער איז אַן עלענדער לומפּ, אַ פּאָופּער.... אין וועלכען לאַנד, אַ חוץ נאָרד־אמעריקאַ און איינינע נייע קאָלאָניעס, שטייגען וויפיעל עס איז אריבער די לוינען פון דער פרייער ארבייט, וואָס ווערט בעשעפטיגט אין דער אגריקולטור, דעם ארבייטער'ס אונבעדינגט נויטיגע לעבענסמיטלען? . . . בלי שום

[270] דאָרט גופא, ז. 191, 192.

און וואָס איז דער רעזולטאַט, נאָך וויקפיעלד'ן נאָך, פון אַט דעם שלעכטען מצב אין די קאָלאָניעס? „אַ טענדענץ פון פאַנאַנדערוואַרפען" די פּראָדוצירער און דעם נאַציאָנאַל־פערמעגען, „וואָס פיהרט צוריק צו דער באַרבאַריי."[269] די צעשפּליטערונג פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען צווישען זעהר פיעלע, אַליין־אַרבייטענדע אייגענטימער, פערניכטעט צוזאַמען מיט דער צענטראַליזאַציע פון קאַפּיטאַל, יעדע גרונדלאַגע פון קאָמבינירטער אַרבייט. יעדע לענגערע אונטערנעהמונג, וואָס ציהט זיך אויס אויף יאָהרען און פאָדערט אַן אויסלעג פון אַ סך פיקסירטען קאַפּיטאַל, שטויסט זיך אָן אויף שטערונגען זי דורכצופיהרען. אין אייראָפּאַ האַלט זיך דער קאַפּיטאַל ניט אָב אויף איין מינוט, וואָ־

אַרבייט איז ניט נתמלא געוואָרן דורך אַ געהעריגער מאַסע פון פרייער אַרבייט, זעהט מען אַרויסטרעטען דעם היפּך פון דער ווירקליכקייט, וועלכע שפּיעלט זיך אָב פאַר אונזערע אויגען טאָג־טעגליך. מען האָט געזעהן ווי די פּשוט'ע אַרבייטער עקספּלואַטירן פון זייער זייט די אינדוסטריעלע אונטערנעהמער, ווי זיי פערלאַנגען פון זיי אַזעלכע לוינען, וועלכע שטעהען אויסער יעדען פערהעלטניש צו דעם לעגיטימען טייל, וואָס עס קומט זיי פון דעם פּראָדוקט. אַזוי ווי די בעלי בתים פון די פּלאַנטאַציעס זיינען ניט געווען אימשטאַנד צו בעקומען אַ פּרייז פאַר זייער צוקער, וואָס זאָל זיך אויסגלייכען מיט דער העכערונג פון די לוינען, זיינען זיי געווען געצוואונגען צו דעקען דעם היזק ערשטענס פון זייערע פּראָפיטען און שפּעטער פון זייערע קאַפּיטאַלען גופא. אַ מאַסע פּלאַנטאַטאָרס זיינען אויף דעם אופן רואינירט געוואָרן, אַנדערע האָבען אָבגעשטעלט זייערע געשעפטען, כדי ניט רואינירט צו ווערן אינגאַנצען. אודאי איז בעסער, אַז אַנגעקליבענע קאַפּיטאַלען זאָלען געהן צו גרונד איידער דורות מענשען (ווי גרויכמוטיג פון דעם העררן מאָלינאַרי!); צי וואָלט אָבער ניט געווען בעסער, אַז קיינע פון דיביידע זאָל ניט געהן צו גרונד? (מאָלינאַרי, „עקאָנאָמישע עטיודען" (פראַנצויזיש), פּאַריז 1846, ז. 51, 52.) הערר מאָלינאַרי, הערר מאָלינאַרי! וואָס ווערט דען פון די עשרת הדברות, פון משה און די נביאים, פון דעם געזעץ פון נאָכפראַגע און אָנבאָט, אויב אין אייראָפּאַ קאָן דער אונטערנעהמער בעררייסען דעם אַרבייטער פון זיין „לעגיטימען חלק" און אין וועסט־אינדיען דער אַרבייטער דעם אונטערנעהמער? און וואָס, איך בעט אייך, איז דער דאָזיגער „לעגיטימער חלק," וואָס איהר זייט מורה, אַז דער קאַפּיטאַליסט אין אייראָפּאַ צאָהלט ניט? דעם העררן מאָלינאַרי ווילט זיך מורא'דיג, דאָרט אין די קאָלאָניעס, וואו די אַרבייטער זיינען אַזוי „סימפּעל," אַז זיי „עקספּלואַטירן" דעם קאַפּיטאַליסט, אָוועקצולאָזען אין ריכטיגען גאַנג דורך דער פּאָליציי דאָס געזעץ פון נאָכפראַגע און אָנבאָט, וואָס אַרבייט זאָנסט גאַנץ אויטאָמאַטיש.

[269] וויקפיעלד, דאָרט גופא, באַנד 2, ז. 52.

צו אימפּאָרטירן „האָב־ניכטסען” פון אייראָפּא אין די קאָלאָניעס, און אויף דעם אופן האַלטען פול פאר דעם הערין קאפּיטאליסט זיין לוינארבייט־מארק. אונטער אָט די אומשטענדען וועט אלץ צו־געהן אויפ'ן שעהנסטען אופן אין דער בעסטער פון אלע וועלטען.

דאָס איז דער גרויסער סוד פון דער „סיסטעמאַטישער קאָ־לאָניזאציע.” „לויט אָט דעם פּלאַן,” רופט וויקפיעלד אוים מיט טריאומף, „מוז דער צושטעל פון ארבייט זיין א שטענדיגער און רעגעלמעסיגער; ווארים ערשטענס, היות ווי קיין ארבייטער איז ניט ביכולת זיך צו פערשאפען לאנד, איידער ער האָט געארבייט פאר געלד, וועלען אלע איינגעוואנדערטע ארבייטער, דערמיט וואָס זיי ארבייטען קאָמבינירט פאר לוין, פּראָדוצירן פאר זייער ארבייט־געבער קאפּיטאל צו בעשעפטיגען מעהר ארבייט; צווייטענס, יע־דערער וואָס וועט אוועקווארפען די לוין־ארבייט און ווערן א גרונד־אייגענטימער, וועט טאקע דורכדעם אליין, וואָס ער קויפט ערד, פערזיכערן א פאָנד אויף אריבערצובריינגען פרישע ארבייט אין די קאָלאָניעס.”[273]

דער פּרייז פון באָדען, וואָס דער שטאאט וועט שטעלען, מוז נאַטירליך זיין א „גענוגענדער פּרייז”, דאָס הייסט, ער מוז זיין אזוי הויך, „אַז ער זאָל ניט דערלאָזען די ארבייטער ווערן אונאָב־הענגיקע פּויערים, ביז עס וועלען זיין אנדערע צו פערנעהמען זייער פּלאַץ אויף דעם לוינארבייט־מארק.”[274] אָט דער „גענוגענדער פּרייז פון באָדען” איז מעהר גאָרנישט ווי א שעהן־קלינגענדער אויסדרוק פאר דעם אויסלייז־געלד, וואָס דער ארבייטער צאָהלט דעם קאפּיטאליסט פאר דער ערלויבניש זיך צוריקצוציהען פון דעם לוין־ארבייט־מארק צו דעם באָדען. אַפריהער מוז ער פאר דעם הערין קאפּיטאליסט שאפען „קאפּיטאל”, כדי ער זאָל קאָנען עקס־פּלואטירן מעהר ארבייטער, און דערנאָך מוז ער שטעלען אויף דעם ארבייט־מארק אַן „אכוואָטניק” (ערזאץ־מאַן, א במקום), וועלכען די רעגירונג וועט אויף זיינע קאָסטען עקספּעדירן איבער'ן ים פאר זיין געוועזענעם הערין דעם קאפּיטאליסט.

---

[273] וויקפיעלד, דארט גופא, באנד 2, ז. 192.

[274] דארט גופא, ז. 45.

ספק ווערן די אַקער־פערד אין ענגלאַנד, אַזוי ווי זיי זיינען אַ ווערטהפול אייגענטום, אַ סך בעסער געשפּייזט איידער די ענגלישע ערד־אַרבייטער."[271] אָבער וואָס שאַדעט עס? נאַציאָנאַל־רייכטום האָט דאָך שוין איינמאָל פון נאַטור אויס דיזעלביגע בעדייטונג ווי פאָלקס־עלענד.

איז ווי זאָל מען פאַרט היילען די אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע חלאת פון די קאָלאָניעס? וואָלט מען מיט איין קלאַפּ פערוואַנדעלט דעם גאַנצען גרונד און באָדען פון פאָלקס־אייגענטום אין פּריוואַט־אייגענטום, וואָלט מען טאַקע צערשטערט די וואָרצלען פון דער צרה, אָבער צוזאַמען דערמיט אויך — די קאָלאָניע. דער קונץ איז, צו דער'הרג'נען צוויי פליגען מיט איין קלאַפּ. זאָל די רעגירונג שטעלען אויף דער יונגפרויליכער ערד אַ קינסטליך־געמאַכטען פּרייז, אונאָבהענגיק פון דעם געזעץ פון נאָכפראַגע און אָנבאָט, וועלכער וועט צווינגען דעם אימיגראַנט צו טהאָן אַ לענגערע צייט לוין־אַרבייט, ביז ער וועט קאָנען פערדיענען גענוג געלד צו קויפען גרונד און באָדען[272] און זיך פערוואַנדלען אין אַ אונאָבהענגיגען פּויער. די שטיקער גרונד זאָלען פערקויפט ווערן פאַר אַזאַ פּרייז, וואָס מאַכט גאַנץ שווער פאַר דעם לוין־אַרבייטער זיי צו בעקומען. די געלדער, וואָס וועלען אַריינקומען פון דעם פערקויף פון די דאָזיגע לענדערייען, דעם פאָנד, הייסט עס, וואָס מען וועט אָברייסען פון דעם אַרבייט־לוין, דורך אַ פערלעצונג פון דעם היילינגען געזעץ פון נאָכפראַגע און אָנבאָט, זאָל די רעגירונג פערווענדען פון דער אַנדער זייט, לפי ערך פון זיין וואוקס, אויף

[271] דאָרט גופא, באַנד 1, ז. 47, 246.

[272] „איהר בעהויפּטעט, אַז עס איז צו פערדאַנקען דער אַנאייגנונג פון'ם באָדען און פון קאַפּיטאַלען, וואָס אַ מענש, וועלכער בעזיצט גאָר נישט אַ חוץ זיינע הענד, געפינט אַ בעשעפטיגונג און פערשאַפט זיך אַ הכנסה. . . . מען מוז אין געגענטייל צושרייבען צו דער אינדיווידועלער אַנאייגנונג פון'ם באָדען, וואָס עס זיינען פאַראַן מענשען, וועלכע בעזיצען גאָר נישט אַ חוץ זייערע הענד. . . . ווען איהר זעצט אַריין אַ מענשען אין אַ רוים אָהן לופט, בערויבט איהר איהם פון דער לופט, וואָס ער מוז האָבען צו אָטהעמען. עס איז דיזעלביגע זאַך ווען איהר פערכאַפּט אין אייער מאַכט דעם באָדען. . . . דאָס מיינט איהם אַריינזעצען אין אַ רוים אָהן רייכטום, כדי צו מאַכען, אַז זיין לעבען זאָל אָבהענגען פון אייער קאַפּריז." (קאָלינס, „ל'עקאָנאָמיע פּאָליטיק עטצ.", פּאַריז 1857, באַנד 3, ז. 268—271.)

בראנדמארקט, האט ספעציעל אין אויסטראליע,[275] צוזאמען מיט דעם מענשען־שטראם, וואס די גאלד־מינען ציהען־צו, און מיט דער קאנקורענץ, וואס דער אימפארט פון ענגלישע סחורה מאכט אפילו דעם קלענסטען האנדווערקער, ארויסגעבראכט א גענוג גרויסע „רעלאטיווע ארבייטער־איבערבעפעלקערונג,” אזוי אז כמעט יעדע פאסט ברענגט די איוב־נאכריכטען פון אן איבערפילונג פון דעם אויסטראלישען ארבייט־מארק. די פראסטיטוציע האט זיך דארט אין איינינע ערטער אזוי ברייטליך צעוואקסען, ווי אויף דעם היימארקעט אין לאנדאן.

ווי די מעשה איז, אונז איז דא ניט נוגע דער צושטאנד פון די קאלאניעס. דאס איינציגע, וואס אונז אינטערעסירט, איז דער סוד, וואס איז ענטדעקט געווארן אין דער נייער וועלט פון דער פאליטישער עקאנאמיע פון דער אלטער וועלט, און איז פראקלאמירט געווארן ווייט און ברייט: אז דער קאפיטאליסטישער אופן פון פראדוקציאן און אקומולאציע, און ממילא אויך דאס קאפיטאליסטישע פריוואט־אייגענטום, זיינען געבויט אויף דער פערניכטונג פון דעם פריוואט־אייגענטום, וואס רוהט אויף אייגענער ארבייט, דאס הייסט עס רוהט אויף דער עקספראפריאציע פון דעם ארבייטער.

---

[275] אזויבאלד אויסטראליע איז געווארן איהר אייגענער געזעצגעבער, האט זי נאטירליך ארויסגעגעבען גינסטיגע געזעצען פאר די קאלאניסטען. אבער די ענגלישע פערשענקונג פון'ם בארען, וואס איז איינמאל דורכגעפיהרט געווארן, שטעהט אין וועג. „דער ערשטער און הויפטזעכליכסטער ציעל, וואס דאס נייע לאנד־געזעץ פון 1862 שטרעבט איינצופיהרן, איז צו געבען דעם פאלק לייכטערע מעגליכקייטען צו קאלאניזירן זיך.” ("The Land Laws of Victoria," by S. Duffy, London, 1762.)

סוף פון דעם ערשטען באנד.

עס איז העכסט כאַראַקטעריסטיש, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט יאָהרענלאַנג פּראַקטיצירט אָט די מעטאָדע פון „אורשפּרינג־ליכער אַקומולאַציע," וואָס הערר וויקפיעלד האָט צוגעשריבען ספּעציעל פאַר דעם געברויך פון די קאָלאָניעס. דער דורכפאַל איז נאַטירליך געווען פונקט אַזאַ מיאוס'ער, ווי דער דורכפאַל פון סער ראָבערט פּיעל'ס באַנק־אַקט. דער שטראָם פון דער עמיגראַציע איז דורכדעם נאָר אָבגעצויגען געוואָרן פון די ענגלישע קאָלאָניעס אין די פעראייניגטע שטאַאַטען. אונטער דער צייט האָט דער פאָרטשריט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן אין אייראָ־פּאַ, בעגלייט פון דעם אַלץ־גרעסערן דרוק פון די רעגירונגען, גע־מאַכט וויקפיעלד'ס רעצעפּט איבערפליסיג. פון איין זייט לאָזט איבער דער אומגעהויערער און שטענדיגער מענשען־שטראָם, וואָס ווערט געטריבען יאָהר איין יאָהר אויס אין אַמעריקאַ, אַ שטעהענ־דיגען אָבזעץ אין מזרח פון די פעראייניגטע שטאַאַטען, ווייל די כוואַליע פון דער עמיגראַציע פון אייראָפּאַ ווארפט דאָרטן שנעלער אַריין די מענשען אויפ'ן ארבייט־מאַרק, איידער די צווייטע כוואַ־ליע פון דער עמיגראַציע אין די מערב־שטאַאַטען קאָן זי אָבוואַ־שען. פון דער אַנדער זייט האָט דער אַמעריקאַנער בירגער־קריעג מיטגעבראַכט אַלס רעזולטאַט אַ קאָלאָסאַלען נאַציאָנאַל־חוב, און מיט איהם אַ דרוק פון שטייערן, אַן אויסוואוקס פון דער געמיינ־סטער פינאַנץ־אַריסטאָקראַטיע, אַ פערשענקען פון אַן אונגעהויערן טייל פון עפענטליכע לענדרייען צו ספּעקולאַנטען־געזעלשאַפטען פאַר דער עקספּלואַטאַציע פון אייזענבאַהנען, מינען א. אַז. וו. — קורץ, די שנעלסטע קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל. די גרויסע רע־פּובליק האָט דעריבער אויפגעהערט צו זיין דאָס געבענשטע לאַנד פאַר אויסוואַנדערענדע ארבייטער. די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוק־ציאָן געהט דאָרט פאָרווערטס מיט ריעזען־טריט, ווען אפילו די אַרונטערדריקונג פון'ם לוין און דעם לוין־ארבייטער'ס אָבהענגי־קייט איז נאָך ווייט ניט אַרונטערגעבראַכט געוואָרן ביז צו דעם אייראָפּעאישען נאָרמאַל־גראַד.

די שענדליכע פערטיילונג פון דעם ניט־בעאַרבייטען קאָלאָ־ניאַל־באָדען צו אַריסטאָקראַטען און קאַפּיטאַליסטען מצד דער ענג־לישער רעגירונג, וואָס וויקפיעלד אַליין האָט אַזוי שטאַרק גע־

נאָמען־רעגיסטער.

א

אבעל, ק., איבערזעצער פון די בע־ריכטען פון דער רוסישער געזאנדשאפט אין פעקינג, וועגען כינא, ז. 192 נ.

אגריפפא, מענענאס, דער שליח, וועמען די רוימישע פאטריציער האבען געשיקט צו די פלעבעער, כדי זיי איבערצורעדען, זיי זאלען זיך אומקעהרען אין רוים. זיין פאבעל האט זיך פערווירקליכט אין דער מאנופאקטורמעסיגער צוטיילונג פון דער ארבייט. ז. 562.

אדדינגטאן, סטעפען, 1729־1796. א נעננער פון די אבצוימונגען אין ענגלאנד, אין 18טען י. ה. ז. 1150.

אוגיער, מ., פראנצויזישער פובליציסט, וועגען געלד. ז. 1202.

אוען, ראבערט, דער בעריהמטער אוטאפיסט, 1771־1858. ז. 144 נ., ז. 456 נ., ז. 628 נ., ז. 758, ז. 788 נ., ז. 864 נ., ז. 943.

אווערסטאון, לארד (סאמועל דזשאנס לאיד), ענגלישער באנקיער, 1796־1883. ז. 188 נ., ז. 219 נ.

אורע, אנדרו, ענגלישער כעמיקער און שריפטשטעלער, 1778־1857. ז. 414, 457 נ., 499, 543 נ., 545 נ., 546 נ., 573, 574 נ., 590 נ., 601 נ., 630 נ., 654, 655 נ., 657 נ., 662 נ., 677 נ., 683 נ., 684 נ., 868 נ., 875 נ., 881.

אורקהארט, דייוויד, ענגלישער פובליציסט און דיפלאמאט, 1805־1877. ז. 152 נ., 567 נ., 791 נ., 1159 נ., 1183 נ., 1185 נ.

אטוויי, דזשיי. ה., ז. 423 נ.

אטענאעאוס, גריכישער גראמאטיקער (געלעבט אין ערשטער העלפט פון 2טען י. ה.). וועגען רעכען־געלד, ז. 153 נ.; וועגען גייצינקייט, ז. 201 נ.

איזאקראטעס, בוזירים, גריכישער רעדנער און לעהרער פון רהעטאריק, 486־338 פ. ק. ז. 572 נ.

אייקין, דזשאהן, 1747־1822. וועגען דער אינדוסטריע פון מאנטשעסטער, ז. 939, 940, 940, 1187 נ., 1202.

אלמסטעד, פרעדריק לאו, אמעריקאנער אגראנאם, ?־1822. ז. 300 נ.

אנדערסאן, א., ענגלישער עקאנאמיסט, היסטאריקער פון האנדעל, 1692־1765. ז. 1178, 1201.

אנדערסאן, דזשיימס, ענגלישער עקאנאמיסט 1739־1808. ז. 793 נ., 980 נ., 1155 נ.

אנטיפאטראס פון טהעסאלאניקע, גריכישער דיכטער. בעגריסט די ערפינדונג פון דער וואסער־מיהל, ז. 636.

אפדייק, דזשארדזש, אמעריקאנער פאליטיקער און עקאנאם, 1805־1880. ז. 249 נ.

אפפיאן, רוימישער געשיכטשרייבער (געלעבט אין 2טען י. ה.). וועגען די רוימישע פלעבעער, וואס זיינען רואינירט געווארן דורך דעם קריעג־דיענסט, ז. 1152 נ.

ארטעס, דזשיאמאריא, איטאליעני־

מיט אַ געפיהל פון דאַנקבאַרקייט פאַר דער זכיה צו האָבען גע־קאָנט אַריינברענגען דאָס וויכטיגסטע און טיעפסטע סאָציאַליסטישע ווערק אין דער אידישער ליטעראַטור, זאָל אָט די אַרבייט מיינע — אויפריכטיג אַן אַרבייט פון ליעבע — זיין געווידמעט אַלע גע־טריייע אידישע אַרבייטער, וועלכע זוכען אויף זייערע אייגענע און פערשיידענע וועגען צו פערווירקליכען דעם גרויסען סאָציאַליסטישען אידעאַל אין לעבען.

דערביי וויל איך אויסדריקען אַ דאַנק און אָנערקענונג מיין לעבענס חבר, דר. קאַטעריני עווזעראָוו מעריסאָן, פאַר איהר מיט־הילף, מיט ראַטה און טהאַט, אין פיעלע פעלען פון שפּראַכליכע שוועריגקייטען ביי דער איבערזעצונג פון אָט דעם ווערק, ווי אויך אין דער אַרבייט פון לייענען די קאָרעקטורען.

דער איבערזעצער.

אגוסט בלאנקי, פראנצויזישער עקאנאם, 1798-1854. ז. 421 נ., 524 נ.

בלאק, מאריס, פראנצויזישער עקאנאם און סטאטיסטיקער, 1816-1901. ז. 46.

בלייקעי, ראבערט, ענגלישער שרייבער, 1795-1878. ז. 1144 נ.

בעללערס, דזשאהן, ענגלישער פילאנטראפ און קאמוניסט, 1654-1725. ז. 199 נ., 210 נ., 221 נ., 506 נ., 541 נ., 668 נ., 752 נ., 766 נ., 975 נ.

בענטהאם, דזשערעמי, ענגלישער יוריסט און פילאזאף, 1748-1832. ז. 267, 966 נ.

בעקקאריא, טשעזארע, איטאליענישער פילאזאף און פובליציסט, פערפאסער פון דעם בעריהמטען ווערק ווענען „פערברעכען און שטראף", 1735-1794, ז. 569 נ.

בערקלעי, דזשארדזש, ענגלישער פילאזאף, 1685-1735. ז. 522 נ., 551 נ.

ברוגהאם, הענרי, ענגלישער שטאאטסמאן און שרייבער, 1778-1868. ז. 1202 נ.

ברוקנער, פארלויפער פון מאלטהוס. ז. 978 נ.

בריי, דזשאהן פראנציס, ענגלישער קאמוניסט, אווען'ס תלמיד. ז. 105 נ.

בריים, דזשאהן, ענגלישער פאליטיקער, אנפיהרער פון קאמף געגען די קארן־געזעצען, 1811-1889. ז. 387, 431, 1035 נ., 1079 נ., 1186 נ.

נ

גאליאני, פערנאנדא, איטאליענישער עקאנאם, 1728-1787. ז. 113 נ., 138 נ., 151 נ., 241 נ., 489 נ., 1025 נ.

גאנילה, שארל, פראנצויזישער עקאנאם, 1758-1836. ז. 124 נ., 264 נ., 701 נ.

גאסקעל, עליזאבעטה קלעגהארן, ענגלישע שרייבערין, 1810-1865. ז. 681, 695 נ.

גארניע, זשערמעין, פראנצויזישער עקאנאם, 1754-1821. ז. 566 נ., 867 נ.

גוליך, גוסטאוו פאן, דייטשער עקאנאמיסט. ז. 40, 1192.

גיסבארן, טהאמאס, ענגלישער עטהיקער, 1758-1846. ז. 1201 נ.

גלאדסטאן, וויליאם עוואַרט, ענגלישער שטאאטסמאן, 1809-1898. ז. 453 נ., 708, 1037, 1173.

געטהע, וואלפגאנג, דייטשער דיכטער, 1750-1832. ז. 105 נ., ציטאטע, „וואו בעגריפען פעהלען, א. אז. וו."; ז. 132, ציטאטע פון פאוסט: אים אנפאנג וואר די טהאט"; ז. 410, ציטאטע, „זאל דער קומער אונז קימערן, א. אז. וו."; ז. 938, 1131 נ.

גענאעסי, אנטאניא, איטאליענישער פילאזאף און עקאנאמיסט, 1712-1769. ז. 233 נ.

גערהארדט, קארל פריעדריך, כעמיקער, 1816-1856. ז.473 נ.

גראוו, וויליאם ראבערט, ענגלישער נאטור־פארשער, 1811-1896. ז. 825 נ.

גריי, דזשאהן, א שילער פון אווען, 1798-1850. ז. 105 נ.

גרעג, ראבערט הייד, ענגלישער פאבריקאנט און עקאנאמיסט, 1795-1875. ז. 443 נ.

גרענואר, ה., ווענען שטיק־לוין. ז. 872 נ.

גרעי, סער דזשארדזש, ענגלישער שטאאטסמאן, 1799-1882. ז. 439, 1057.

ד

דאבלדיי, טהאמאס, ענגלישער פובליציסט און קאמוניסט, 1790-1870. ז. 1197.

דאומער, געארג, פריעדריך, דיכטער און רעליגיאנס־פילאסאפישער שרייבער, 1800-1875, ז. 438 נ.

דאנטע, אליגערי, איטאליענישער

שער עקאנאם, 1715־1790. ז. 978 נ., ז. 1029.

אריסטאטעל, גריכישער פילאזאף, נאטורפארשער און פאליטיקער, (געלעבט 384־322 פאר קריסט.) ז. 91, 125 נ., 131 נ., 250 נ., 507 נ., 636.

ארכימעדעס, גריכישער מאטעמאטיקער (געלעבט 287־212 פאר קריסט.) ז. 466 נ.

ארלעדוש, דזש. ט., ארצט, װעגען די טעפער, ז. 372.

ארקרייט, ריטשארד, ערפינדער פון דער שפין־מאשין, 1732־1792. ז. 574, 662 נ., 585, 593, 670, 766.

אשווארטה, הענרי, באוועל־מאגנאט פילאנטראפ 1794־1880. ז. 439, 632.

אשלעי, לארד, (גראף שאפטסבורי), ענגלישער פילאנטראפ און שטאאטסמאן. 1801־1855. ז. 627 נ., 645 נ., 1075.

ב

באבעדזש, טשארלז, ענגלישער מאטעמאטיקער און עקאנאמיסט, 1792־1871, ז. 539 נ., 544 נ., 583 נ., 608 נ., 630 ביז 631 נ.

באטלער, סאמיועל, ענגלישער סאטיריקער, 1612־1680. ז. 57 נ.

באלזאק, האנארע דע, פראנצויזישער ראמאניסט־דיכטער, 1799־1850. שאטירונגען פון דעם געלט־גייציגען, ז. 930 נ.

באלינגבראק, הענרי סט. דזשאהן, ענגלישער שטאאטסמאן און שרייבער, 1678־1751. ז. 1195.

באללארד, דר., װעגען דעם מיני־מאל־רוים פאר יעדער פערזאן אין שלאף־צימער און אין ארבייט־צימערן, ז. 735.

באסטיא, פראנצויזישער עקאנאם און פרייהענדלער 1801־1850. ז. 44, 94, 125 נ., 294 נ., 637, 886.

באקסהארן, מארקוס, פראפעסאר פון געשיכטע אין לעידען אוניווערזיטעט, 1602־1653, ז. 669 נ.

בארבאן, ניקאלאס, ענגלישער עקאנאמיסט, 1640־1698. ז. 55 נ., 56 נ., 58, 187 נ.; ז. 196 נ.; 218 נ., 979 נ.

בארטאן, דזשאהן, ענגלישער עקאנאם. ז. 1005 נ.; 1073 נ.

בואלע, עטיען, אויבערריכטער אין פאריז, 1200־1269. ז. 762.

בואלא־דעפרעא, פראנצויזישער סאטיריקער, 1636־1711. זעה מאלליער.

בואגילבער, פיער לע פעזאן, פראנצויזישער עקאנאם, 1646־1714. ז. 197, 214 נ.

בוירק, עדמונד, ענגלישער שטאאטסמאן און שרייבער, 1729־1797. ז. 315 נ., 356נ., 502 נ., 1147נ., 1203 נ.

בוקאנאן, דייוויד, ענגלישער עקאנאמיסט, 1779־1848. ז. 191 נ., 878 נ., 1156 נ.

בושע, פיליפ, פראנצויזישער געשיכטס־שרייבער, סען־סימאן׳ס תלמיד, 1796־1865. ז. 1175 נ.

ביטשער סטאו, הארריעט, אמעריקאנער שרייבערין, פערפאסערין פון „אנקעל טאם׳ס קאבין”, 1812־1886. ז. 1157 נ.

ביילעי, סאמועל, ענגלישער פילאזאף און עקאנאמיסט, 1791־1870. ז. 77 „ 127 נ., 87, 97 נ., 128 נ., 150 נ., 839 נ., 967 נ.

ביינס, עדווארד, ענגלישער פובליציסט און פאליטיקער, 1800־1890. װעגען מאשינען, ז. 604, 608.

בייקאן, פראנצים, ענגלישער שטאאטסמאן און פילאזאף, 1561־1626. ז. 607 נ., 1140, 1141 נ.

בייקער, ראבערט, פאבריק אינספעקטאר. זיינע בעריכטען, ז. 458 נ., 622, 665, 666, 702.

בלאנקי, אדאלף ושעראם, דער ברודער פון׳ם בעריהמטען רעוואלוציאנער.

האם, ווילהעלם פאז, שרייבער ווע־
נעז אגריקולטור, 1820־1880. ז. 789 נ.

האמער, גריכישער דיכטער, דער אנ־
גענעבענער פערפאסער פוז דער איליאדע
און אדיסעי. ז. 96 נ., 570 נ.

האנטער, דר. הענרי דזשוליאן, ז.
620, 1049, 1054, 1060.

האפקינס, טהאמאס, ז. 349 נ.

האקסלעי, טהאמאס הענרי, ענג־
לישער נאטור־פארשער, 1825־1895. ז.
756 נ.

האראץ, רוימישער דיכטער פוז 65
ביז 8 פאר קריסט. ז. 1129.

הארנער, פראנסיס, ענגלישער פא־
ליטיקער, 1778־1817. ז. 1201 נ.

הארנער, לעאנארד, ענגלישער פאב־
ריק־אינספעקטאר, 1785־1864. ז. 341 נ.,
365 נ., 366, 422 נ., 434, 439 נ., 623, 625,
645, 647, 667 נ., 865 נ.

הארריס, דזשיימס, ענגלישער דיפ־
לאמאט און שרייבער, 1746־1820. ז.
569 נ.

הארריסאן, וויליאם, ענגלישער היס־
טאריקער, 1534־1593. ז. 1176 נ.

היינע, הענריך, דיכטער, 1799־1856.
ז. 460 ציטירט דעם אויסדרוק „שלאנג
פון אלע זייערע צרות”, ז. 966 נ.

היעראנימוס, דער הייליגער, 340־
420. ז. 156 נ.

הענעל, געארג וו. פריעדריך, פי־
לאזאף, 1770־1831. ז. 50, 69 נ., 139 נ.,
156, 256 נ., 273 נ., 398 נ., 473, 567 נ.,
943 נ.

העלוועטיוס, קלאד, אדריען, פראנ־
צויזישער פילאזאף, 1715־1771. ז. 966 נ.

הענרי דער דריטער, קיניג פון
פראנקרייך, 1551־1589. ז. 200.

העראקליט, גריכישער פילאזאף,
ארום 500 יאהר פאר קריסט. לאסאל ווע־
גען העראקליט, ז. 160 נ.

העררענשוואנד, א פיזיאקראט, געשרי־
בען פראנצויזיש, 1730־1807. ז. 184 נ.

וו

וואבאן, סעבאסטיאן, בעריהמטער
פראנצויזישער אינזשעניער און עקאנאם,
1633־1707. ז. 213.

וואטט, דזשיימס, ערפינדער פון
דאמף־מאשין, 1736־1819. ז. 585, 586.

וואטטס, דזשאהן, ענגלישער סא־
ציאל־רעפארמער, 1818־1887. ז. 864 נ.

וואטסאן, סער טהאמאס, ענגלי־
שער היגיעניקער, 1792־1882. ז. 609 נ.

וואיקאנסאן, זשאק, פראנצויזישער
מעכאניקער, 1709־1782. ז. 593.

וואליים, ראבערט, ענגלישער פובלי־
ציסט, 1697־1771. ז. 549 נ.

וואלף, כריסטיאן, דייטשער פילא־
זאף, 1679־1754. ז. 966 נ.

וואלף ווילהעלם, קאמוניסט, מארקס'
פריינד, 1809־1864. ז. 52.

וואנדערלינט, דזשייקאב, ענגלישער
עקאנאם, געשט. 1740. ז. 187 נ., 198 נ.,
220 נ., 416 נ., 420 נ., 487 נ., 515 נ.,
542 נ., 979 נ.

וויטני, איליי, ערפינדער פון מאשין
„קאטאן־דזשין,” 1765־1825. ז. 596.

ווייאטט, דזשאהן, ענגלישער ער־
פינדער, 1700־1766. ז. 578.

ווייד, דזשאהן, ענגלישער שריפט־
שטעלער, 1788־1875. ז. 369 נ., 413 נ.,
985 נ.

ווייד, וויצע פרעז. פעראייניגטע
שטאאטען פ. אמער. ז. 38.

וויילאנד, פראנסיס, אמעריקאנער
פובליציסט און עקאנאם, 1796־1865. ז.
249 נ., 317 נ.

ווייקפיעלד, עדווארד גיבבאן,
ענגלישער קאלאניאל־פאליטיקער, 1796־

דיכטער, פערפאסער פון דער „געטליכער קאמעדיע”, 1265־1321. ז. 374, 157.

דאנינג, ט. דזש. ענגלישער טרייד־יוניאן פיהרער, 1799־1873. ז. 865, 870.

דאפערין, מארקיז, ענגלישער שטאאטסמאן, 1826־1902. ז. 1126.

דאפפי, סער טשארלז, איירישער רעוואלוציאנער, שפעטער קאלאניאל־פאליטיקער, 1816־1903. ז. 1223.

דארווין, טשארלז, ענגלישער נאטור־פארשער, 1809־1882. ז. 531 נ., 578 נ.

דופאן, פיער, פראנצ. דיכטער, 1821־1870. ז. 1102 נ.

דוקפעטיא, עדוארד, בעלגישער פובליציסט, גענעראל אינספעקטאר פון די טורמעס, 1804־1868, ז. 1068 און 1070 נ.

דזשאנס, ריטשארד, ענגלישער עקא־נאמיסט, 1790־1855. ז. 473 נ., 498 נ., 511 נ., 520, 897, 928 נ., 946 נ., 1006 נ.

דזשיימס דער ערשטער, קיניג פון שאטלאנד און שפעטער פון ענגלאנד, 1566, 1625. ז. 1141, 1166, 1171.

דיאדארוס, סיקולוס, גריכישער גע־שיכט־שרייבער. ז. 217 נ., 357 נ., 529 נ., 57‌ נ., 803 נ.

דידערא, דעני, פראנצויזישער שריי־בער, פערפאסער פון דער גרויסער ענצי־קלאפעדיע, 1713־1784. ז. 203.

דיעצגען, יאזעף, פילאסאף און פוב־ליציסט, 1827־1888. דערמאהנט אין „נאכ־ווארט,” ז. 45.

דיקענס, טשארלז, ענגלישער ראמא־ניסט, 1812־1870, זיין שילדערונג פון ביל סייקס, ז. 692.

דע וויטט, דזשאן, האלענדישער שטאאטסמאן, 1625־1672, ז. 979 נ., 1197.

דעמולין, קאמיל, פובליציסט און מיטגליעד פון קאנווענט אין דער פראנצ־ויזישער רעוואלוציע, 1760־1794. ז. 1175.

דעסטוט דע טראסי, אנטואן, פראנצויזישער פילאזאף און עקאנאם, 1754־1836. ז. 123 נ., 239 נ., 248 נ., 506 נ., 509 נ., 1033.

דעפאו, דאניעל, ענגלישער שריי־בער, פערפאסער פון „ראבינסאן קרוזא,” 1661־1731. ז. 978 נ.

דעקארט, רענע, פראנצ. פילאזאף. 1596־1650. ז. 607 נ.

דע קווינסי, טהאמאס, ענגלישער פובליציסט און עקאנאמיסט. 1785־1859. ז. 615 נ.

דריידען, ענגלישער דיכטער, 1631־1700. ז. 367 נ.

ה

האבבס, טהאמאס, ענגלישער פילא־זאף, 1588־1679. ז. 259 נ., 607 נ., 979 נ.

האבהאוז, סער דזשאהן, ענגלי־שער שטאאטסמאן, 1786־1869. זיין פאב־ריק געזעץ, ז. 440 נ.

האדזשסקין, טהאמאס, ענגלישער סאציאל־רעפארמער און עקאנאמיסט, 1787־1869. ז. 528 נ., 549 נ., 543 נ., 841 נ., 905 נ., 1187 נ.

האונטאן, דזשאהן, ענגלישער עקא־נאמיסט, געשטארבען 1705 ז. 668 נ.

האועל, פאבריק־אינספעקטאר, ז. 346 נ., 411, 443 נ.

האוויט, וויליאם, ענגלישער שריי־בער, 1792־1879. ז. 1189.

האטטאן, טשארלס, ענגלישער מא־טעמאטיקער, 1737־1823. ז. 577 נ.

האלינסהעד, ראפאעל, ענגלישער כראניקער, געשט. 1580. ז. 1166 נ.

האללער, קארל, לודוויג פאן, פוב־ליציסט. 1788־1854. ז. 607 נ.

טרעמענהיר, יוה סעימאָר, ענגלישער פובליציסט און פּאָליטיקער, 1804-1893. ז. 378, 400 נ.

טשאַלמערס, טהאָמאַס, ענגלישער טעאָלאָג און עקאָנאָמיסט. 1780-1847. ז. 238 נ., 247 נ., 979 נ.

טשאַמבערליין, דזשאָזעף, ענגלישער שטאַאַטסמאַן, געב. 1836. ז. 1023 נ.

טשאַרלס דער ערשטער, קיניג פון ענגלאַנד, 1600-1649. ז. 1141.

טשיילד, דזשאָסיאַ, ענגלישער סוחר און עקאָנאָמיסט, 1630-1699. ז. 1203 נ.

טשערנישעווסקי, ניקאָלאַי, רוסישער סאָציאַליסטישער שריפטשטעלער, 1828-1889. ז. 44.

י

יאָנג, אַרטהור, ענגלישער אַגראָנאָם און סטאַטיסטיקער, 1741-1820. ז. 186 נ., 349 נ., 1071, 1082 נ.

יאַקאָב, וויליאַם, ענגלישער סטאַטיסטיקער, 1762-1851, ז. 63, 334.

יאַרראַנטאָן, אַנדרו, ענגלישער מעכאַניקער און אַגראָנאָם, 1616-1664. ז. 542.

יוהם, דייוויד, ענגלישער פילאָזאָף און היסטאָריקער, 1711-1776. ז. 186 נ., 187 נ., 806 נ., 979 נ.

ל

לאַבאָרדע, אַלעקסאַנדער דע, פראַנצויזישער עקאָנאָם, 1774-1842. ז. 835 נ.

לאָדערדייל, לאָרד דזשיימס, ענגלישער פּאָליטיקער און עקאָנאָמיסט, 1759-1839. ז. 542 נ.

לאָ, זשאָן, פינאַנציער און עקאָנאָם, 1671-1729. ז. 138 נ.,

לאַווערן, לעאָנס דע, פראַנצ. אַגראָנאָם און עקאָנאָמיסט, 1809-1880. ז. 789 נ., 834 נ.

לאָרענט, אַגוסט, פראַנצויזישער כעמיקער, 1807-1858. ז. 473 נ.

לאַנצעלאָטי, איטאַליענישער היסטאָריקער, 1575-1643. ז. 668.

לאַסאַל, פערדינאַנד, 1825-1864. ז. 33 נ., 160 נ.

לאָק, דזשאָהן, ענגלישער פילאָזאָף, 1632-1704. ז. 65 נ., 138 נ., 154 נ., 189 נ., 229 נ., 607 נ., 979 נ.

לואי, באָנאַפּאַרט, (נאַפּאָלעאָן דער דריטער), ז. 421.

לואי, פיליפּ, קיניג פון פראַנקרייך, דער „בירגער קעניג”, ז. 423 נ.

לוטהער, מאַרטין, 1483-1546. ז. 205 נ., 293 נ., 473 נ., 937 נ.

לוקרעציוס, טיטוס, רוימישער דיכטער, 55-98 פ. ק. ז. 327 נ.

ליכנאָווסקי, פירשט פעליקס, שריפטשטעלער, מיטגליעד פון דער דייטשער נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג אין 1848. ז. 936.

לינגע, ניקאָלאַס, פראַנצויזישער פובליציסט, 1736-1794. ז. 353 נ., 438 נ., 977 נ., 1169 נ.

ליעביג, יוסטוס, פאָן, (אין טעקסט שטעהט על פי טעות „יאָהאַן פ.”) כעמיקער, 1803-1873. ז. 363 נ., 510 נ., 601 נ., 792, 904 נ.

ליקורג, לעגענדאַרישער געזעצגעבער פון די ספּאַרטאַנער אין 2טער העלפט פון 9טען י. ה. פ. ק. ז. 663.

לעווי, לעאָן, ענגלישער סטאַטיסטיקער, 1821-1888. ז. 1161 נ.

לעטראָן, גילאָם פראַנסואַ, פראַנצויזישער פיזיאָקראַט, 1728-1780. ז. 57 נ., 62 נ., 139 נ., 154 נ., 176 נ., 181 נ., 220 נ., 240 נ., 241, 242, 248, 320 נ.

לעינג, סאַמועל, ענגלישער שרייבער און רייזענדער, 1780-1868. ז. 302 נ., 1025 נ., 1048 נ., 1075 נ.

לעמאָנטעי, פיער עדואַרד. פראַנ־

1862. ז. 408 ג., 506 ג., 920, 1075, 1210 ביז 1221.

ווילסאן, דזשיימס, ענגלישער עקאָנאָם, 1805־1860. ז. 348.

וויליערס, ענגלישער פארלאמענטאריער. ז. 407 ג.

וויסערינג, האלענדישער עקאנאם. ז. 788 ג.

וויקא, דזשיאוואני באטיסטא, איטאליענישער פילאזאף, 1668־1744. ז. 578 ג.

ווירטה, מאקס, דייטשער עקאנאם, 1822־1900. ז. 117, 348 ג.

ווערדזשוואוד, דזשאסיא, ערפינדער פון מאדערנער טעפעריי, 1730־1795. ז. 405.

וועללינגטאן, הערצאג פון, בעריהמטער ענגלישער גענעראל, 1769־1852. ז. 183 ג.

וועסט, עדווארד, ענגלישער עקאנאם, 1782־1828. ז. 793 ג., 852־3 ג.

ווערי, פיעטרא, איטאליענישער עקאנאם, 1728־1797. ז. 67 ג., 137 ג., 202 ג.

ז

זיבער, ניקאלאי, רוסישער עקאנאם, 1844־1888. ז. 46.

זיסמאנדי, זיסמאנד דע, זשאן שארל, פראנצויזישער עקאנאם און היסטאריקער, 1773־1842. ז. 236 ג., 263 ג., 489 ג., 840 ג., 893 ג., 911 ג., 919 ג., 924 ג., 941 ג., 968, 1011 ג., 1032 ג., 1206 ג.

זשוארעץ, בעניטא, פרעזידענט פון דער מעקסיקאנער רעפובליק, 1806־1861. האט אבגעשאפט דעם פעאנאזש אין מעקסיקא, ז. 255 ג.

ט

טאונסענד, דזשאזעף, ענגלישער נאטורפארשער און מעדיצינער, 1739־1816. ז. 978 ג., 979 ג., 1030 ג.

טאקעטט, דזשיי ד., ז. 564 ג., 1143 ג., 1185 ג.

טאקער, דזשאסיא, ענגלישער עקאנאם, 1712־1799. ז. 416 ג. 979 ג., 1203 ג.

טאררענס, ראבערט, ענגלישער עקאנאם, 1780־1864. ז. 245 ג., 260 ג., 281 ג., 631 ג., 684.

טהאמפסאן, וויליאם, ענגלישער עקאנאם, 1785־1833. ז. 564 ג.

טהאמפסאן, סער בענדזשאמין (גראף רומפארד), ענגלישער פילאנטראפ און שריפטשטעלער, 1753־1814. ז. 951.

טהארנטאן, וויליאם טהאמאס, ענגלישער עקאנאם, 1813־1880. ז. 260 ג., 409 ג. 1139.

טהונען, פאן הענריך, דייטשער עקאנאם, 1783־1850. ז. 986 ג.

טהוצידידעס, גריכישער געשיכטסשרייבער, 400־460 פ. ק. ז. 570 ג.

טהיער, אדאלף, פראנצויזישער שטאטסמאן און היסטאריקער, 1797־1877. ז. 692 ג., 1131.

טופנעל, טהאמאס דזשיי., ענגלישער צאהנארצט און היניעניקער. 1810־1889. ז. 400 ג.

טופפער, מארטין פארקוואר, ענגלישער דיכטער, 1810־1889. ז. 966.

טוק, טהאמאס, ענגלישער עקאנאם, 1774־1858. ז. 450 ג.

טורגא, אנן ראבערט זשאק, פראנצויזישער עקאנאם און פיזיאקראט, 1727־1781. ז. 274 ג., 487 ג., 836 ג.

טעמפל, סער וויליאם, ענגלישער שטאטסמאן און שריפטשטעלער, 1628־1699. ז. 979 ג.

מיראבא, גאבריעל ריקעטטי, מיטגליעד פון דער נאציאנאל־פערזאמלונג, פראנצויזישער פובליציסט און פאליטיקער. 1749־1791. ז. 748, 1137, 1161 נ., 1182, 1198.

מיראבא, דער עלטערער, פראנצויזישער פיזיאקראט, 1715־1789. ז. 979 נ., 1210 נ.

מענדעלסזאהן, מאזעס, פילאזאף, 1729־1786. ז. 50.

מעריוועיל, הערמאן, ענגלישער שטאאטסמאן און עקאנאמיסט, 1806־1874. ז. 1010, 1217.

מערסיער, דע לא ריוויער, פראנצויזישער פיזיאקראט, 1720־1794. ז. 165 נ., 167 נ., 197 נ., 224 נ., 228 נ., 239 נ., 245 נ., 291 נ.

נ

נאסמיטה, דזשיימס, ערפינדער פון ראמף־האמער, 1808־1890 ז. 681.

נארטה, סער דאדלע, ענגלישער פינאנסיר און עקאנאם, 1641־1691. ז. 154 נ., 184 נ., 190 נ., 607 נ.

ניומאן, פרענסיס וויליאם, ענגלישער שריפטשטעלער און עקאנאם, 1805־1897. ז. 1155.

ניומאן, סאמועל פיליפס, אמעריקאנער פילאזאף און עקאנאם, 1796־1842. ז. 243, 316.

ניומארטש, וויליאם, ענגלישער סטאטיסטיקער, 1820־1882. ז. 450 נ.

ניונהאם, ג. ל., ז. 952 נ.

ניעבוהר, בערטהאלד געארג, געשיכטשרייבער און פילאלאג, 1776־1831. ז. 356 נ.

פ

פארלער, מייקעל טחאמאס, ענגלישער פאציאל־רעפארמער און עקאנאם, 1780־1835. ז. 513 נ., 1075, 1117 נ.

סאמערס, ראבערט, ענגלישער שריפטשטעלער, 1822־1891. ז. 1160.

סאנדערס, ר. דזשיי., פאבריק־אינספעקטאר, ז. 459, 628 נ.

סאפאקלעס, גריכישער טראגעדיען־פערפאסער, 400־496 פ. ק. ז. 201 נ.

סוללי, מאקסימיליאן דע בעטהיון, פראנצויזישער שטאאטסמאן און עקאנאם, 1560־1641. ז. 579 נ.

סטאלבערי, גראף כריסטיאן, דיכטער, 1748־1821. ז. 636.

סטאפארד, וויליאם, ענגלישער שריפטשטעלער, 1554־1612. ז. 1177 נ.

סטאפלטאן, מיטגליעד פון ענגלישען פארלאמענט. ז. 950.

סטוארט, דזשיי., פאבריק־אינספעקטאר אין שאטלאנד. ז. 439, 476 נ.

סטוארט, דזשיימס (דענהאם), ענגלישער עקאנאם, 1712־1780. ז. 220, 226 נ., 272 נ., 517 נ., 672 נ., 872 נ., 978 נ., 1031 נ., 1180.

סטוארט, דאגלאס, ענגלישער פילאזאף, 1753־1828. ז. 498 נ., 537 נ., 562 נ., 761 נ.

סטראהאן, וויליאם, ענגלישער מאהלער און פערלעגער, 1715־1785. ז. 979 נ.

סטריינדזש, דזשאהן, ענגלישער היגיעניקער. ז. 930 נ.

סטרייפ, דזשאהן, קירכליכער היסטאריקער און ביאגראף, 1643־1737. ז. 1166 נ.

סיימאן, סער דזשאהן, ענגלישער היגיעניקער און דעמאגראף, 1816־1904. ז. 621, 729, 1043, 1045, 1048, 1057, 1082, 1083.

סייקס, ביל (זעה דיקענס).

סיניאר, וויליאם נאסאו, ענגלישער עקאנאם, 1790־1864. ז. 340־347, 499, 682

צוויזישער עקאָנאָמישער שרייבער, 1826־
1762. ז. 565 ג.
לעסינג, גאָטהאָלד אפרים, דייטשער דיכטער און קריטיקער, 1729־1781. ז. 50.

מ

מאָודסלעי, הענרי, ענגלישער ערפינדער, 1771־1831. ז. 598.
מאָורער, געאָרג לודוויג פאָן, דייטשער שטאַאַטסמאַן און רעכט־היסטאָריקער, 1790־1872. ז. 110 ג., 359 ג.
מאַלטהוס, טהאָמאַס, ראָבערט, ענגלישער עקאָנאָמיסט, 1766־1834. ז. 247 ג., 323 ג., 487 ג., 549 ג., 793 ג., 828 ג., 874, 905 ג., 914 ג., 928 ג., 930 ג., 942, 946, 960 ג., 978 ג., 1011 ג., 1031 ג.
מאָלינאַרי, גוסטאַוו דע, בעלגיש־פראַנצויזישער עקאָנאָם, 1819־1911. ז. 660 ג., 945 ג., 1218 ג.
מאָליער, זשאַן באַטיסט, פראַנצויזישער קאָמעדיען־דיכטער, 1622־1673. ז. 1039 ג. — מאַרקס האָט דאָ צוגעשריבען מאָליער'ן אַ ציטאַטע, וואָס בעלאַנגט גאָר צו באָילאָ.
מאָמסען, טהעאָדאָר, אַלטערטהומס־פאָרשער און היסטאָריקער, 1817־1903. ז. 260 ג., 255 ג.
מאָן, טהאָמאַס, ענגלישער סוחר און עקאָנאָם, 1571־1641. ז. 804 ג.
מאַנדעוויל, בערנאַרד דע, ענגלישער שרייבער, 1670־1733. ז. 553 ג., 976.
מאָנטאַלעמבערט, שאַרל, פראַנצויזישער פובליציסט און שטאַאַטסמאַן, 1810־1870. ז. 736.
מאָנטעל, אמאַן אַלעקסיס. פראַנצויזישער היסטאָריקער, 1769־1850. ז. 1179 ג.
מאָנטעסקיו, שאַרל, פראַנצויזישער פובליציסט און שטאַאַטסרעכטלער, 1689־
1755. ז. 139 ג., 188 ג., 977 ג., 1196 ג.
מאַססעי, דזשאָזעף, ענגלישער סטאַטיסטיקער און עקאָנאָמיסט, געשטאָרבען 1784. ז. 806 ג.
מאַקגרעגאָר, דזשאָהן, ענגלישער סטאַטיסטיקער און היסטאָריקער, 1797־1857. ז. 416.
מאַקלאַרען, דזשיימס, ז. 148 ג.
מאַקליוד, הענרי, ראַנינג, ענגלישער עקאָנאָמיסט, 1821־1902. ז. 94, 234 ג.
מאַקקאַליי, טהאָמאַס ב., ענגלישער היסטאָריקער און שטאַאַטסמאַן, 1800־1859. ז. 415 ג., 422.
מאַקקולאָך, דזשאָהן, ראַמסיי, ענגלישער עקאָנאָמיסט, 1789־1864. ז. 219 ג., 229 ג., 233 ג., 416, 499, 637, 684, 691 ג., 816 ג., 963, 967.
מאָר, טהאָמאַס, ענגלישער שטאַאַטסמאַן און קאָמוניסט, 1478־1535. ז. 979 ג., 1165 ג.
מאַרטאָן, דזשאָהן טשאַלמערס, ענגלישער אַגראָנאָם, 1821־1888. ז. 584 ג., 870 ג.
מאַרטינאָ, האַריעט, ענגלישע שרייבערין, 1802־1876. ז. 1011 ג.
מאַריטאָרנע, (זעה סערוואַנטעס.)
מאַררעי, יוהו, ענגלישער געאָגראַף, 1779־1846. ז. 529 ג.
מוירפי, רעניס, ענגלישער היסטאָריקער, 1833־1896. ז. 1118 ג.
מילל, דזשאָהן סטואַרט, ענגלישער פילאָזאָף און עקאָנאָמיסט, 1806־1873. ז. 44, 188 ג., 203 ג., 576, 684, 793 ג., 808, 809, 932 ג., 943 ג., 948, 968 ג.
מילל, דזשיימס, ענגלישער שטאַאַטסמאַן און עקאָנאָמיסט, 1773־1836. ז. 173 ג., 188 ג., 234 ג., 288 ג., 302 ג., 549 ג., 684, 792 ג., 895 ג., 900 ג., 904 ג., 967.
מיללער, אַדאַם הענריך, רעאַקציאָנערער פובליציסט, 1779־1829. ז. 189 ג.

פיערסאָן, טשאַרלז, אַרצט, ז. 372.
פלאַטאָ, גריכישער פילאָזאָף, 427־342 פ. ק. ז. 570 נ., 571 נ.
פעטאָ, סער סאַמועל מאַרטאָן, ענגלישער אונטערנעהמער, ז. 355 נ.
פעטטי, סער וויליאַם, ענגלישער סטאַטיסטיקער און עקאָנאָם, 1623־1687. ז. 67, 79 נ., 124 נ., 140 נ., 186 נ., 215 נ., 221 נ., 260 נ., 414 נ., 487 נ., 532, 541 נ., 569 נ., 672 נ., 872 נ., 992 נ.
פעקעיר, קאָנסטאַנטין, פראַנצויזישער סאָציאַליסט, 1801־1887. ז. 974 נ., 1205.
פעריקלעס, גריכישער שטאַאַטסמאַן, 493־429 פ. ק. ז. 570 נ.
פראָטאַגאָראַס, גריכישער פילאָזאָף, 480־411 פ. ק., ז. 377.
פרודאָן, פיער, זשאָזעף, פראַנצויזישער עקאָנאָם, 1809־1865. ז. 105 נ., 129 נ., 659 נ., 806 נ., 841 נ., 927.
פרייס, ריטשאַרד, ענגלישער מאָראַליסט און עקאָנאָם, 1723־1791. ז. 416 נ., 1072 נ., 1151, 1152.

פ

פאָולהאַבער, יאָהאַן, מאַטעמאַטיקער, ז. 585.
פאָסעט, חענרי, ענגלישער עקאָנאָמיסט, 1833־1884. ז. 876 נ., 969 נ., 1040. 1186 נ.
פאָרבאָנע, פראַנסואַ דע, פראַנצויזישער פינאַנסיסט און עקאָנאָם, 1722־1800. ז. 138 נ.
פאָרטונאַטוס, אַ לעגענדאַרע געשטאַלט פון דייטשע פאָלקסביכער, וועלכע פערמאָגט אַ געלד־זעקיל, וואָס שעפּט זיך קיינמאָל ניט אויס. ז. 717, 1033.
פאָרטעסקיו, סער דזשאָהן, ענגלישער יוריסט, 1394־1476(?) ז. 1137.
פאָרסטער, וויליאַם עדוואַרד, ענגלישער שטאַאַטסמאַן, 1818־1886. ז. 1054 און 1055.
פאָרסטער, נאַטהאַניעל, ענגלישער עקאָנאָמיסט, 1726־1790. ז. 416 נ., 668 נ., 804 נ., 1149 נ., 1150.
פולטאָן, ראָבערט, ערפינדער פון דער דאַמפ־מאַשין, 1765־1815. ז. 766.
פולערטאָן, דזשאָהן, ענגלישער עקאָנאָמיסט, 1780־1849. ז. 195 נ., 215 נ., 220 נ.
פוריע, שאַרל, פראַנצויזישער סאָציאַליסט, 1772־1837. ז. 442, 596, 667, 701, 943, 1104, 1105.
פיכטע, יאָהאַן, גאָטליעב, דייטשער פילאָזאָף, 1762־1814. ז. 32 נ.
פיליפּ פאָן וואַלאַי, קעניג פון פראַנקרייך, 1239־1328־1350. ז. 139 נ.
פיעלדען, דזשאָהן, ענגלישער פּאָליטיקער, 1784־1849. ז. 628 נ., 644 נ., 1199.
פליטוואָוד, וויליאַם, ענגלישער בישאָפּ און שרייבער, 1656־1723. ז. 413 נ.
פערגוסאָן, אַדאַם, ענגלישער פילאָזאָף און עקאָנאָמיסט, 1723־1816. ז. 187 נ., 551, 563, 564 נ.
פערבעירן, וויליאַם, ענגלישער אינזשעניר, 1789־1874. ז. 681.
פראַנקלין, בענדזשאַמין, אַמעריקאַנער שטאַאַטסמאַן און פּובליציסט, 1706־1790. ז. 79 נ., 122 נ., 249 נ., 274, 507, 978 נ.
פרייטאַג, גוסטאַוו, דיכטער און היסטאָריקער, 1816־1895. ז. 1171 נ.
פריעדריך דער צווייטער, קעניג פון פרייסען, 1712־1740־1786. ז. 1160 נ.

צ

ציצעראָ, מאַרקוס, רוימישער רעדנער און פילאָזאָף, 106־144 פ. ק. ז. 156 נ., 636.

ג., 684, 758 ג., 772 ג., 854 ג., 860 ג., 943־944 ג., 963 ג., 1128 ג., 1158.

סמיטה, אדאַם, ענגלישער עקאָנאָם, 1723־1790. ז. 73 ג., 123 ג., 186 ג., 189 ג., 253 ג., 542 ג., 415 ג., 552 ג., 565 ג., 569 ג., 603 ג., 639 ג., 720, 793 ג., 816 ג., 836, 848 ג., 872 ג., 997 ג., 931, 932, 933 ג., 941 ג., 962, 969 ג., 974, 980 ג., 982, 986, 993 ג., 1025 ג., 1042 ג., 1169 ג.

סמיטה, גאָלדווין, ענגלישער געשיכטס־שרייבער, 1823־1911. ז. 1186 ג.

סמיטה, עדוואַרד, ענגלישער היגיעניקער, 1818־1874. ז. 614 ג.

סענט־הילעיר, זשאָפרוא עטיען, פראַנצויזישער נאַטורפאָרשער, 1772־1844. ז. 1179.

סען־סימאָן, קלאָד, הענרי, פראַנצויזישער אוטאָפּיסט, 1760־1825. ז. 943.

סעי, זשאַן באַטיסט, פראַנצויזישער עקאָנאָם, 1767־1832. ז. 123, 173 ג., 234 ג., 248 ג., 314 ג., 565 ג., 603 ג., 842 ג., 941 ג., 960 ג.

סערוואַנטעס, סוואַוועדראַ מיגועל, שפּאַנישער סאַטיריקער און ראָמאַניסט, 1547־1616. דאָן קיכאָט, ז. 126; מאַריטאָרנע, אַ נאָמען פאַר אַ שמוציגע ווייבספּערזאָן, ז. 130; סאַנטשאָ פּאַנזאַ, ז. 1021.

סקאַרבערק, פרעדעריק, פוילישער עקאָנאָם, 1792־1866. ז. 508 ג., 547 ג.

סקראָפּ, דזשאָרדזש דזשוליוס, ענגלישער נאַטורפאָרשער און עקאָנאָם, 1797־1876. ז. 944 ג.

ע

עדען, סער פרעדריק מאָרטאָן, ענגלישער עקאָנאָמיסט 1766־1809. ז. 369 ג., 951 ג., 977, 1073 ג., 1074, 1148, 1152, 1153, 1198.

עווערעט, אַז ענגלענדער, האָט ערפונדען אין 1758 די ערשטע וואָל־מאַשין, געטריבען דורך וואַסער־קראַפט, ז. 670.

עלעאַטען, גריכישע פילאָזאָפען פון 6טען און 5טען י. ה. פ. ק. ז. 377.

ענגעלס, פריעדריך, 1820־1895. ז. 115 ג., 189 ג., 231 ג., 249 ג., 364 ג., 370 ג., 385 ג., 407 ג., 444 ג., 622, 660, 696 ג., 959 ג., 1011 ג., 1041.

ענסאָר, דזשאָרדזש, ענגלישער פובליציסט, 1769־1843. ז. 1156 ג.

עפּיקור, גריכישער פילאָזאָף, 270־341 פ. ק. ז. 121.

עשוועגע, ווילהעלם, לודוויג, דייטשער אינזשעניר, 1777־1857. ז. 63.

פ

פּאַגניני, ז. 139 ג.

פּאַול, דער אַפּאָסטאָל, ז. 979 ג.

פּאַטער, עדמונד, ז. 906, 909.

פּאַלמערסטאָן, לאָרד (הענרי דזשאָהן טעמפּל), ענגלישער שטאַאַטסמאַן, 1784־1865. ז. 714.

פּאָסטלטהוויט, מאַלאַק, ענגלישער סטאַטיסטיקער און עקאָנאָם, 1707־1767. ז. 416, 418 ג.

פּאַררי, טשאַרלז, הענרי, ענגלישער שריפטשטעלער, 1779־1860. ז. 951 ג., 953 ג., 1074 ג.

פּוסעי, פיליפּ, ענגלישער אַגראַנאָם, 1799־1855. ז. 1076.

פּיטט, וויליאַם, ענגלישער שטאַאַטסמאַן, 1759־1806. ז. 1172.

פּיל, סער ראָבערט, פאָטער, ענגלישער פאַבריקאַנט, 1750־1830. ז. 1201 ג.

פּיל, סער ראָבערט, זוהן, ענגלישער שטאַאַטסמאַן, 1788־1850. ז. 217 ג., 352 ג.

פּינדאַר, גריכישער ליריקער, 522־441 פ. ק. ז. 654.

פּינטאָ, אייזאַק, האָלענדיש־פּראַנצויזישער עקאָנאָם, געש. 1787. ז. 229 ג.

קינקייד, סער דזשאהן, פאבריק אינ־
ספעקטאר, 1787־1862. ז. 624.
קיסעלעף, פ. ד., רוסישער שטאאטס־
מאן, 1788־1872, ז. 360.
קלאססען, ערפינדער פון'ם „סירקו־
לאר לום" (רונדוועבשטוהל). ז. 577.
קעטלע, לאמבערט אדאלף, בעלגי־
שער אסטראנאם און סטאטיסטיקער, 1781־
1826. ז. 502 נ.
קענט, נאטהאניעל, ענגלישער סטא־
טיסטיקער און אגראנאם, 1737־1810. ז.
1151 נ.
קעניי, דר. פראנסוא, הויפט פון
דער פיזיאקראטישער שוהלע, 1694־1774.
ז. 164 נ., 498, 872 נ., 979 נ.
קראמוועל, אליווער, ענגלישער
שטאאטסמאן, פראטעקטאר פון דער ענג־
לישער רעפובליק, 1599־1658. ז. 1142,
1184 נ.

ר

ראבינזאן, קרוזא (זעה דע פאו.)
ראבערטס, דזשארדזש, ענגלישער
היסטאריקער, געשט. 1860. ז. 1142 נ.
ראדבערטוס־יאגעצאוו, קארל, עקא־
נאם, 1805־1875. ז. 832 נ.
ראדזשערס, דזשיימס עדווין
